STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00460

# DI VELT FUN YAAKOV GORDIN

## Zalmen Zylbercweig

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Jordan & Sandra Laby*
*in memory of*
*Frances Goldstein Fenichel*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

*

# די וועלט פון יעקב גארדין



יצקב גארדין

געצייכנט פון י. פאשקא

זלמן זילבערצווייג

# די וועלט פון יעקב גאָרדין

פארלאג „אלישבע" תל־אביב, 1964

ZALMEN ZYLBERCWEIG

**THE WORLD OF JACOB GORDIN**

©

Copyright 1964 by Zalmen Zylbercweig

Printed in Israel

דפוס „אורלי", תל־אביב

Hadfus „Orli", Tel-Aviv, 27 Yesud Hama'ale St.

גע‌ווידמעט מיין לעבנס־באַגלייטערין צ י ל ע

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון קאָמיטעט פאַרן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" ווי אַ מתנה פאַרן רעדאַקטאָר זלמן זילבערצווייג אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין לאַנג־יאָריקער, אונער־מידלעכער, פרייוויליקער אַרבעט.

ש ל ו ם  ס ע ק ו נ ד א, פרעזידענט

## קאַפּיטל איינס

# פּיליפּ קראַנץ האָט געבראַכט יעקב גאָרדינען צום יידישן טעאַטער

**גאָרדין איז געווען אין רוסלאַנד אַ רוסישער שרייבער — אין אַמעריקע האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין „דיא אַרבייטער צייטונג״ — ער האָט קיינמאָל פריער ניט געזען קיין יידיש טעאַטער — פּיליפּ קראַנץ ברענגט אים צוזאַמען מיט יידישע אַקטיאָרן — גאָרדין האָט אַ באַגריף, אַז יידישע אַקטיאָרן זיינען ווילדע מענטשן — זיין באַקאַנטשאַפט מיט אַדלערן און קעסלערן — אב. קאַהאַן דערקלערט גאָרדינען פאַר אַ געווינס פאַרן יידישן טעאַטער.**

**דאָס יידישע טעאַטער האָט געהאַט גרויס מזל צו זיינע שדכנים.** ביידע וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן ביים יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען[1] און יעקב גאָרדין, זיינען ניט אַליין געקומען צום געדאַנק וועגן יידישן טעאַטער, נאָר זיינען דערצו געבראַכט געוואָרן דורך אַנדערע. דער שידוך צווישן זיי און דעם יידישן טעאַטער איז געשלאָסן געוואָרן דורך שדכנים, און ביידע האָבן געהאַט דעם מזל צו האָבן גוטע שדכנים.

אברהם גאָלדפאַדען, וואָס איז גאָר אין יענער צייט, אין 1876, ווען ער האָט געשאַפן דאָס יידישע טעאַטער, געווען אַ רעדאַקטאָר און אַן אַרויסגעבער פון אַ יידישן זשורנאַל, איז צוליב דעם צוועק געקומען אין יאַסי, רומעניע, דאָרט צו קריגן אַבאָנענטן פאַר זיין זשורנאַל, אָבער איינער פון זיינע אָנהענגער־חסידים, יצחק ליבערסקאָ,[2] האָט אים געגעבן דעם געדאַנק וועגן שאַפן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער.

יאָרן שפּעטער, ווען יעקב גאָרדין איז געקומען אין אַמעריקע, דעם 31סטן יולי 1891, האָט ער, ווי אַ רוסישער שרייבער, כמעט קיין יידיש ניט געקענט, און עס איז אים אַפילו אויפן געדאַנק ניט אַרויפגעקומען

צו האָבן וועלכע עס איז פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער. יעקב גאָרדין האָט ביי זיך אין זיין אוקראַיניש שטעטל מירגראָד און אויך אין די אַנדערע שטעט אין אַמאָליקן רוסלאַנד איבער וועלכע ער האָט אַרומגע־וואַנדערט, קיינמאָל ניט באַזוכט קיין יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג. גאָרדין האָט אין רוסלאַנד זיך גאָר אָפּגעגעבן מיט אַנדערע געזעלשאַפט־לעכע פּראָבלעמען, איבער וועלכע עס וועט אונדז שפּעטער אויסקומען צו ריידן אויספירלעך. געקומען איז ער אין אַמעריקע, וואוהין ער איז אייגנטלעך אַנטלאָפן פון רוסלאַנד אויס מורא פאַר פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער מאַכט, מיטן געדאַנק דאָ צו גרינדן אַ קאָלאָניע אויף קאָמו־ניסטישע יסודות. אַ קאָלאָניע אויף די זעלבע פּרינציפּן ווי די איצטיקע קבוצים אין מדינת ישראל, געשטיצט אויף אייגענער אַרבעט אָן עקספּלאָאַ־טאַציע, און באַזירט אויף די העכסטע עטישע און דעמאָקראַטישע פּרינציפּן.

אין יענער צייט, אין 1891, האָט די יידישע אינטעליגענץ אין ניו יאָרק, וואו גאָרדין האָט זיך באַלד באַזעצט, זיך ניט אויסגעלעבט אין יידיש. די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור איז נאָך דאַמאָלט געווען אין אירע וויקעלעך. אויך די יידישע פּרעסע האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. די גרויסע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די שפּעטערדיקע ריזיקע אַרבעטער־יוניאָנס, האָבן דאַמאָלט זיך ערשט אָנגעהויבן אויספּיקן. די דעה איבערן יידישן לעבן האָבן געהאַט פון איין זייט די יאַהודים, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט אין זייער מיטגעבראַכטער דייטשער שפּראַך און קולטור פון יענער זייט ים, און אָנגעהויבן זייער אידעאָלאָגיע איבערצופלאַנצן אויפן אַמעריקאַנער באָדן, אין ענגליש. און פון דער אַנדערער זייט האָט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, מערסטנטייל ווי פּאָליטישע אימיגראַנטן, זיך ווייטער אויסגעלעבט אין זייער היימישער מוטער־שפּראַך, אין רוסיש. צו יענער צייט האָט מען עס גערופן איסט בראָדוויי „איסט בראָדווייסקאַיאַ אוליצאַ״. דאַמאָלט נאָך האָט זיך אַפילו אַזאַ יידישער אַקטיאָר ווי אַדלער גערופן יעקב פּ. אַדלער,[3] וואָס האָט געמיינט יאַקאָב פּאַוולאָוויטש אַדלער, און אַ פּעס (פּרייען בילעט), וואָס ער פלעגט געבן אין טעאַטער, פלעגט זיך געשריבן אין רוסיש.

## די וועלט פון יעקב גאָרדין

יעקב גאָרדין, דער רוסישער שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט זיך, נאַטירלעך, באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער ניו יאָרקער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ, וואָס איז אין איר גרעסטער טייל באַשטאַנען פון סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. דאָס וואָס ער האָט ניט געקענט ריידן קיין יידיש, איז ניט געווען קיין שטערונג פאַר אים. מיט אָט דעם קרייז מענטשן האָט ער זיך געקענט צונויפריידן אין זייער געמיינזאַמער שפּראַך, אין רוסיש, וואָס ער האָט אָבער ניט געקאָנט דערגרייכן ביי זיי און דורך זיי — איז געווען פּרנסה. אמת, אַז באַלד אין די ערשטע טעג ווי ער איז אַהער געקומען, ווי עס גיט איבער ב. גאָרין, האָט מען אים געגעבן אַ שטיקל פּאַסיקע באַשעפטיקונג. מען האָט אים געמאַכט רעדאַקטאָר פון רוסישן וואָכנבלאַט „פּראָגרעס”, אָבער, ערשטנס, האָט מען דערפון קיין חיונה ניט געקאָנט ציען, אַזוי ווייניק איז געווען דאָס געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען. צווייטנס, האָט דאָס רוסישע וואָכנ־בלאַט באַלד זיך אָפּגעשטעלט און גאָרדין איז ווידער געבליבן אָן פּרנסה, און דערצו איז ער געווען אַ מטופּל מיט אַ גרויסע פאַמיליע.

אַזוי ווי גאָרדין איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און אין זיין פריער יוגנט האָט ער געלערנט אַ ביסל יידישקייט, איז אים געווען ניט שווער זיך אויסצולערנען אַ ביסל יידיש, און ער האָט אָנגעהויבן מיטצו־אַרבעטן אין דער דאַמאָלטיקער יידישער וואָכנצייטונג „אַרבייטער צייטונג”. פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם האָנאָראַר, וואָס ער האָט דאָרט באַקומען, האָט ער ניט געקאָנט זיך איבערעסן, אָבער ווען עס איז אַ פראַגע פון ברויט, רעכנט מען זיך דאָך מיט יעדן סענט, און גאָרדין האָט גענומען אָפּט שרייבן אין דעם וואָכנבלאַט. זיין ערשטע זאַך, וואָס ער האָט דאָרט געדרוקט, איז פאַקטיש געווען מער קאָרעספּאָנדענץ ווי אַן אַרטיקל, און ער האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן נאָמען „יעקב בן מיכל”, ווייל זיין פאָטער האָט געהייסן יחיאל מיכל. ערשט זיין צווייטן אַרטיקל האָט ער אונטערגעשריבן מיט זיין אייגענעם נאָמען. די ערשטע זאַכן, וואָס גאָרדין האָט דאָ געדרוקט אין יידיש, זיינען געווען איינדרוקן פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד.

דאָס פּראָבלעם איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן: פון וואָס מאַכט מען אַ לעבן?

איינער פון די וויכטיקסטע פיגורן אין דער רוסיש־יידישער קאָלאָניע פון יענער צייט איז געווען דער יידיש־סאָציאַליסטישער שרייבער פיליפּ קראַנץ.[4] ער איז באַלד געוואָרן איינער פון גאָרדינס נאָענטסטע פריינט, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן פאַר גאָרדינען אַ שטיקל פּרנסה. כאָטש קראַנץ אַליין איז אויך ניט געווען לאַנג אין אַמעריקע, האָט ער אָבער שוין באַוויזן זיך נאָענט צו באַקענען מיט דער יידישער טעאַטער־משפּחה. ער האָט גוט געקענט אַדלערן און קעסלערן, און אַזוי איז ער געפאַלן אויפן פּלאַן, אַז אַ דאַנק זיין פּראָטעקציע וואָלט גאָרדין זיך אפשר געקאָנט באַשעפטיקן ביים יידישן טעאַטער.

ביי קראַנצן איז ניט געווען קיין פראַגע צי גאָרדין קען שרייבן פאַר טעאַטער, צי ער באַזיצט די פעאיקייטן פון אַ דראַמאַטורג, ווייל צו יענער צייט שרייבן פאַרן יידישן טעאַטער האָט ניט געמיינט, אַז מען דאַרף האָבן עפּעס אַן אידעע, אַ סוזשעט, און מען דאַרף קענען די בינע און אַלע אירע געזעצן. די יידישע דראַמאַטורגיע פון יענער צייט איז אַממערסטן באַשטאַ־נען דערפון, וואָס מען האָט גענומען פאַרטיקע פּיעסן פון דייטש, רוסיש אָדער אַנדערע שפּראַכן און זיי פריי איבערזעצט, געענדערט אַ ביסל דעם סוזשעט, לאָקאַליזירט די האַנדלונג און געגעבן יידישע נעמען די העלדן, און — פאַרטיק אַ פּיעסע!

פיליפּ קראַנץ, וועלכער האָט געוואוסט, אַז גאָרדין איז אַ געבילדעטער אין רוסיש און קען די רוסישע דראַמאַטורגיע, איז דעריבער געווען זיכער, אַז גאָרדין וועט זיך לייכט אַריינפּאַסן אין יידישן טעאַטער.

פּונקט אַזוי פרעמד ווי עס איז דאַמאָלט געווען ביי די אַקטיאָרן דער באַגריף וואָס עס דאַרף אייגנטלעך זיין אַ דראַמאַטורג, פּונקט אַזוי פרעמד איז געווען ביי יידישע שרייבער און דער יידישער אינטעליגענץ ווער און וואָס עס זיינען די יידישע אַקטיאָרן.

גאָרדין אַליין דערציילט אין זיינע דעראינערונגען: „איך בין געווען זייער נייגיריק צו זען אַ יידישן אַקטיאָר. אַנקוקן וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה. איך האָב געמיינט, אַז ווי איך וועל נאָר זאָגן, אַז איך וויל שרייבן אַ דראַמע, וועט דער יידישער אַקטיאָר באַלד זיך אַוועקשטעלן און שפּילן פאַר מיר

אַ סצענע. ער וועט אָפּווישן די נאָז מיטן אַרבל. ער וועט אַרויפשפּרינגען אויף אַ בענקל און זיך שטעלן דעקלאַמירן".

די באַקאַנטשאַפט, וואָס גאָרדין האָט געשלאָסן מיט די דאַמאָלטיקע ייִדישע אַקטיאָרן, איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די דאַמאָלטיקע ווייַן־קעלערס אויף דער איסט סייד. פיליפּ קראַנץ האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די אַקטיאָרן. ער האָט פאַר די אַקטיאָרן געשילדערט ווער גאָרדין איז, און אַז ער וואָלט געוואָלט עפּעס שרייבן פאַרן ייִדישן טעאַטער.

אַדלער האָט באַלד אַרויסגענומען פון טאַש עפּעס אַ דייטש ביכל, פון יענע ביכלעך, פון וועלכע יאָזעף לאַטיינער [5] און פּראָפעסאָר הורוויץ [6] פלעגן מאַכן זייערע פּיעסן, און עס געגעבן גאָרדינען:

— אָט האָט איר אַ פאַרטיקע זאַך — האָט אַדלער געזאָגט צו גאָרדי־נען — מאַכט מיר דערפון אַ ייִדישע פּיעסע.

דערויף האָט אים גאָרדין באַלד שאַרף געענטפערט:

— ניין, אויב שרייבן אַ פּיעסע, וועל איך שרייבן אַ ייִדישע פּיעסע, ניט קיין דייטשע פּיעסע מיט ייִדישע נעמען.

און גאָרדין האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ רוסישע צייטונג און געוויזן אַדלערן:

— אָט האָט איר, גראַד, אַ געשיכטע פון איינעם וועלכן מ'האָט פאַר־שיקט קיין סיביר. ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און מען האָט אים צוריק־געקערט. דאָ איז פאַראַן אַ סוזשעט פאַר אַ פּיעסע, און אויב איר ווילט, וועל איך דערפון אָנשרייבן פאַר אייך אַ פּיעסע.

פאַר די אַקטיאָרן איז דאָס געווען אַ נייער צוגאַנג, און זיי האָבן דעריבער צוגעשטימט. מען איז דורכגעקומען, אַז די פּיעסע וועט הייסן „סיביריאַ" און גאָרדין קריגט פאַר איר 100 דאָלאַר, אַ סומע, וועלכע איז דאַמאָלט געווען זייער גרויס און איז גוט צונוץ געקומען גאָרדינען מיט זיין גרויסער משפּחה.

דער איינדרוק, וואָס די אַקטיאָרן האָבן איבערגעלאָזט אויף גאָרדינען, איז געווען געגנוג, אַז ער זאָל ענדערן זיינע באַגריפן וועגן זיי, און אַזוי באַשרייבט ער אין זיינע דעראינערונגען: „איך האָב מיך באַגעגנט מיט איניקע דזשענטללייט, וואָס האָבן ניט נאָר געטראָגן זיידענע היט און געהאַט

נאַטיכלעך, נאָר וועלכע האָבן אויך גערעדט צו דער זאַך... ביי איינעקע פון זיי האָב איך געזען אויגן דורך וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעזען דער פונק פון טאַלאַנט. אויף די פּנימער האָב איך געזען דעם אויסדרוק פון אינטעליגענץ".

און גאָרדין האָט גענומען טראַכטן: „אַזוי גאָר, אויב דער יידישער שוישפּילער איז אַזאַ מענטש ווי די שוישפּילער פון דער גרויסער וועלט־לעכער בינע, טאָ פאַרוואָס זאָל אויך דאָס יידישע טעאַטער ניט זיין ווי אַלע טעאַטערס".

מיט אָט דער געענדערטער מיינונג וועגן די יידישע אַקטיאָרן און דעם יידישן טעאַטער, וועלכן ער האָט נאָך אייגנטלעך ניט געזען, איז גאָרדין צוגעטראָטן שרייבן זיין ערשטע פּיעסע פאַרן יידישן טעאַטער.

וואָס האָט גאָרדין באַשריבן אין זיין ערשטער פּיעסע „סיביריאַ" ?

אַ יונגערמאַן, רובין קאָהן, איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר עפּעס אַ פאַרברעכן און ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון מיטן וועג. ער ענדערט זיין נאָמען אויף „ראָזענקראַנץ" און ער באַזעצט זיך מיט זיין פרוי און קינדער אין אַן אַנדערער שטאָט. דאָ גייט אים זייער גוט, אָבער זיין קאָנקורענט בערל טאַראַטוטיע, אַ פרומער ייד, וואָס זיצט און לערנט אַ בלאַט גמרא, געפינט אויס, אַז ראָזענקראַנץ איז אַן אַנטלאָפענער פון סיביר און ער מסרט אים. וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט. טאַראַטוטיע איז טאַקע אַ פרומער, אָבער ווען עס קומט צו אַ שטיקעלע ברויט, איז ער גרייט אומצוברענגען זיין קאָנקורענט, אַ ייד, אויף אַזאַ מיאוסן וועג ווי מסרן. טאַראַטוטיע האָט אויך אַ טאָכטער, וועלכע ליבט זיך אין אַ לערער, אָבער ווי אין יענער צייט זיינען די עלטערן ניט מסכים, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך פאַרבינדן מיט אָרעמע לייט. דער פאָטער דערלאָזט ניט צום שידוך און ער דערפירט זיין טאָכטער צו זעלבסמאָרד.

דאָס נייע אין גאָרדינס ערשטע פּיעסע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די האַנדלונג איז געווען אויפגעבויט אויף אַ נאַטירלעכן אופן. דער מסור איז ניט געווען קיין פּראָסטאַק, אַן אונטערוועלט־מענטש, נאָר דווקא אַ פרומער ייד. דאָס האָט געמיינט, אַז ווען עס קומט זיך צונויף דער עקאָנאָמישער קאָנ־פליקט, איז ער שטאַרקער ווי דער רעליגיעזער צובונד פון די צוויי קאָנקור־

רענטן. פולשטענדיק אויסגעהאַלטן לויט די באַגריפן פון קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליזם. נאָך איז אין גאָרדינס פּיעסע געווען ניי דאָס וואָס ער האָט דעם רוסישן אויספאָרשונגס־ריכטער (סלעדאָוואַטעל), וואָס שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין זיין פּיעסע, אַ גוי, געשילדערט מיט ריין מענטשלעכע שטריכן, נישט ווי די גויים, וועלכע מען פלעגט ווייזן אין די ביז דאַמאָלטיקע יידישע פּיעסן. און — מערקווירדיק — דוקא גאָרדין, דער שוואַכער יידישקענער, האָט זיין ערשטע פּיעסע אָנגעשריבן אין אַ ריינעם יידיש, און זיינע העלדן האָבן גערעדט יידיש, ניט דייטשמעריש ווי די העלדן אין די יידישע פּיעסן ביז צו גאָרדינען.

גאָרדינס ערשטע פּיעסע איז דעריבער געווען אַ באמת נייע דערשיינונג, און אַזוי איז זי אויפגענומען געוואָרן. אויפן געוויינלעכן טעאַטער־באַזוכער האָט זי טאָקע ניט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק, אָבער זי האָט אָנגעהויבן ברענגען אין טעאַטער אַריין אַזעלכע מענטשן, וואָס מען האָט פריער דאָרט ניט געזען. די יידישע אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן קומען אין טעאַטער און דער קרייז פון די טעאַטער־באַזוכער איז געוואַקסן. זיי האָבן אָנגעהויבן — ווי עס דריקט זיך אויס ב. גאָרין,[7] דער געשיכטע־שרייבער פון יידישן טעאַטער — צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי דער נעכטיקער באַלאַגאַן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער און ווי די נעכטיקע קאָמעדיאַנטשיקעס ווייזן אַלע סימנים פון אמתע קינסטלער.

די קליינע צאָל יידישע טעאַטער־קריטיקער פון יענער צייט האָבן זיך זייער וואַרעם אויסגעדריקט וועגן גאָרדינס ערשטער פּיעסע. דער באַדייטנדסטער פון זיי, אַב. קאַהאַן,[8] האָט געשריבן: „ווי גרויס און ברייט די פעלערן פון דער פּיעסע זאָלן ניט זיין, איז עס אָבער דאָך אַן אמתדיק טאַלאַנטפול ליטעראַריש ווערק. אויף דער יידישער בינע שטייט זי אָפּגעזונדערט פון אַלע איבעריקע דראַמאַטישע ווערק, וואָס זיינען ספּעציעל געשריבן פון יידישע דראַמאַטורגן".

און שפּעטער, אין זיין בוך „בלעטער פון מיין לעבן", קערט זיך אַב. קאַהאַן ווידער צוריק צו גאָרדינס ערשטער פּיעסע „סיביריאַ", און ער שרייבט: „מיט אָט דער פּיעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע. ווען מען וואָלט זיין „סיביר" היינט

געשטעלט, וואָלט די פּיעסע איינשטימיק דערקלערט געוואָרן פאַר אַ מעלאָ־דראַמע און פאַר אַ גאַנץ שוואַכע זאַך, הגם זי איז זייער דראַמאַטיש. דאָן אָבער איז אַזאַ פּיעסע אויף דער יידישער בינע געווען אַ נייעס".

אָבער גאָרדינען איז פאָרט ניט געווען באַשערט צו האָבן הנאה פון זיין פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער. ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט די אַקטיאָרן, און צו דער פּרעמיערע פון זיין ערשטער פּיעסע איז ער אין טעאַטער ניט געקומען.

### קאַפּיטל צוויי

## דער מחבר קומט ניט אין טעאַטער צו זיין ערשטער פּיעסע

**ווייסע חברהניקעס באַפאַלן גאָרדינען ווען ער גייט אין יידישן טעאַטער — קעסלער און מאָגולעסקאָ שטעלן אַריין לידער און גאָרדין קריגט זיך מיט זיי — מאָגולעסקאָ זאָגט, אַז גאָרדין איז אַן אַנטי־סעמיט — מען וואַרפט אַרויס גאָרדינען פון טעאַטער — אַדלער האַלט אַ „ספּיטש" און זידלט דאָס פּובליקום — גאָרדין האַלט אָפּ אַ טריומף ווען אַקטיאָרן בעטן אים איבער.**

גאָרדינס ערשטע פּיעסע „סיביריאַ" איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער 1891 אין יוניאָן טעאַטער. קיינער פון אַלע אָנטיילנעמער אין דער אויפפירונג פון דער פּיעסע לעבט שוין היינט ניט. אַזוי סעראַ אַדלער,[8א] יעקב פּ. אַדלער, פּאַולינאַ עדעלשטיין,[9] זיגמונט פיינמאַן,[10] דיינע פיינמאַן, לעאָן בלאַנק,[11] דוד קעסלער,[12] צעזאַר גרינבערג[13] און זיגמונט מאָגולעסקאָ.[14] אָט די אַלע ריזן פון דער יידישער בינע האָבן דאַמאָלט געשפּילט צוזאַמען אין איין קליין טעאַטער, יוניאָן טעאַטער, וואָס איז אויך שוין מער אויף דער וועלט ניטאָ.

איידער גאָרדין האָט זיך געזעצט שרייבן זיין ערשטע פּיעסע, האָט ער באַשלאָסן כאָטש אַ קוק צו טאָן וואָס עס הערט זיך אַזוינס אין יידישן טעאַטער, און קיין גרויס חשק צום שרייבן האָט אים זיין באַזוך ניט צוגע־געבן.

גאָרדין האָט דאַמאָלט געוואוינט אויף לודלאָו סטריט נעבן האָוסטאָן, וואָס איז געווען באַוואוינט פון איירישע. ער האָט אָנגעטאָן זיין רוסישן פּאַלטאָ מיטן אייראָפּעאישן הוט צוזוגייען צום טעאַטער, אָבער אויפן וועג האָט ער פלוצלינג באַקומען אַ טראַסק איבערן קאָפּ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען ווי עטלעכע ווייסע חברהניקעס שטייען און ריידן צווישן זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק. היינט פון וואַנען קומט דער קלאַפּ?

גאַרדין האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענטפערן די פראַגע, ווי ער האָט געקראָגן נאָך אַ גרעסערן קלאַפּ פון אויבן. דאָ ערשט האָט ער באַמערקט ווי איינער פון די ווייסע חברהניקעס ציט אַרויף אַ גרויסן שטיין אויף אַ שטריק איבערן טעלעגראַף־דראָט...

פון אַזאַ קבלת־פּנים, מיט וועלכן די אײַרישע ווייסע חברהניקעס פלעגן דאַמאָלט באַגריסן יעדן גרינעם, וועלכן זיי האָבן דערקענט לויט דער קליידונג, איז גאַרדין געוואָרן זייער בייז אויפן יידישן טעאַטער און ער האָט שוין געקלערט גאָר אין גאַנצן צוריק צו גיין אַ היים, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָפּזאָגן די איינלאַדונג פון אַדלער און מאָגולעסקאָ, פון וועמען ער איז דאָך שוין געווען אין אַ געוויסער מאָס עקאָנאָמיש אָפּהענגיק, און ער איז פאַרט געגאַנגען אין טעאַטער, אָבער געקומען איז שוין גאַרדין צום דריטן אַקט.

דאָס וואָס ער האָט געזען אין טעאַטער האָט אים נאָך מער איבעראַשט ווי דער שטיין פון די ווייסע חברהניקעס.

אויף דער בינע איז געשטאַנען אַן אַלטער יידישער מילנער, אַ בלינ־דער, וואָס האָט געשטעלט אויף דער בינע קלאַסישע טריט. גערעדט האָט ער דייטשמעריש, דעם באַרימטן „קוגל דייטש”, און האָט געזונגען אַן אַריע פון אַן איטאַליענישער אָפּערע. עס האָט פאַרגעשטעלט פאַרנאַכט ווען יידן דאַוונען מנחה, און אַט האָט מען זיך ביים מילנער אין דאָרף אַוועקגעשטעלט דאַוונען מנחה, און אַ כאָר האָט געזונגען אַזוי ווי אין די גרויסע אַריסטאָ־קראַטישע טעמפּלען. צוויי יידן, ר׳ יוקל און ר׳ שמואליקל, האָבן זיך גע־שלאָגן אויף אַ דועל מיט שווערדן. דאָס פּובליקום האָט געפּיפן... אין טעאַ־טער האָט געשמעקט ניט־פריש... קינדער האָבן געקוויטשעט און יינגלעך זיינען אַרומגעגאַנגען און האָבן געשריגן: „סאָדע־וואַסער, אָפּעלסינען, אָפּעלסינען!”.

און גאַרדין באַמערקט דערויף אין זיינע דעראינערונגען: „אַלץ וואָס איך האָב געזען און געהערט, איז געווען ווייט פון יידישן לעבן! גראָב, אומעסטעטיש, פאַלש און פאַרדאָרבן!”

דאָך האָט דאָס ניט אָפּגעהאַלטן גאַרדינען, אַז ער זאָל זיך אַוועק־זעצן שרייבן זיין פּיעסע, און, ווי ער דריקט זיך אויס, האָט ער געשריבן

זיין ערשטע פּיעסע ווי אַ גאָטספאָרכטיקער סופר שרייבט אַ ספר תורה. אמת, אַז ער איז אין מקווה ניט געגאַנגען, אָבער ער האָט געהיט זיין פעדער, אַז יעדעס וואָרט זאָל זיין ריין און יעדער געדאַנק זאָל זיין הייליק. נאָר דאָ האָט אים געקומען עגבערן דער געדאַנק:

— און וואָס וועט זיין מיט לידער, קופּלעטן? ווי קאָן עס זיין אַ יידישע פּיעסע אָן קופּלעטן?

פּאַרפּאַלן!, און גאָרדין האָט אָנגעשריבן אַ קופּלעט „וואָט טעביע, האנדזשא, קניש".

ווען גאָרדין איז אַוועק אין טעאַטער פאָרלייענען זיין ערשטע פּיעסע פאַר די אַקטיאָרן, האָט ער מיט זיך מיטגענומען דריי לאַנדסלייט אויס מורא טאָמער וועלן די אַקטיאָרן צוכאַפּן די פּיעסע און דערנאָך זאָגן, אַז זיי ווייסן פון גאָרניט און ממילא אים גאָרניט באַצאָלן. אָבער די אַקטיאָרן איז גאָרניט איינגעפאַלן ביי אים עפּעס צו כאַפּן. די פּיעסע איז זיי געפעלן, מ'האָט צעשריבן ראָלן און מ'איז צוגעטראָטן צו פּראָבן. ביז דאַמאָלט איז אַלץ געווען פיין און גוט, נאָר ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פּראָבן, האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות.

קודם כל האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרדייטשן זיין יידיש... די אַקטיאָרן האָבן זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מען קאָן און מען מעג ריידן פון דער בינע אַזאַ נאַטירלעכן יידיש ווי מען רעדט אין שטוב און אין גאַס, און אָנשטאָט מען זאָל זאָגן אַזעלכע איינפאַכע ווערטער, ווי: „ר' בערל טאַראַטוטיע, פאַרוואָס ווילט איר מיך אומגליקלעך מאַכן?", האָבן די אַקטיאָרן עס איבערגעדרייט אויף „האָכווירדיגער הער בארל טאַרעטוטיאַ, ווען דער לעווע פאַנגט אַן צו ברומען אין זיין קעפיג, ווען דער טיגער קנאַקט און שפּרינגט, ווען די לעמפּערטן רייסן אונד בייסן, דאַן זאָל די גערעכטיקייט אין הימעל טריומפירן, אונד די ריינע אידישע פּאַט־ריאָטישע געפילע זאָלן הילכען שמע ישראל".

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו דער פראַגע פון לידער, און ווען די אַקטיאָרן האָבן געהערט, אַז בסך הכל האָט דער פּאַרפאַסער אַריינגע־געבן נאָר איין קופּלעט, האָבן זיי קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דאָס איז צו ווייניק. מען מוז האָבן מער לידער.

גאַרדין האָט זיך אָבער אָקעגנגעשטעלט, און דאָס האָט באַלד דערפירט, אַז די אַקטיאָרן זאָלן פאַרלירן זייער באַגייסטערונג פאַר אים.

לעאָן בלאַנק, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע, דערציילט, אַז אייגנטלעך אויסער אַדלערן, וועלכער האָט געשפּילט די הויפּטראָל פון דעם סיביריאַק, און האָט געהאַט וואונדערבאַרע שטעלן, איז קיינער פון די אַנדערע מיטגלידער פון דער טרופּע ניט געווען באַגייסטערט פאַר דער פּיעסע. הינטער די אויגן האָבן כמעט אַלע אַקטיאָרן געמאַכט חוזק פון דער פּיעסע, און מאָגולעסקאָ, דער באַרימטער קאָמיקער, איז געגאַנגען אַזוי ווייט ווי דערקלערן: „אָט דער ייד, דער פּאַניע (רוס, אַן אַנדייט, אַז גאָרדין איז אַ רוסישער ייד) מיט דער שוואַרצער באָרד, איז, דאַכט זיך מיר, גאָר אַן אַנטיסעמיט".

פאַרוואָס מאָגולעסקאָ האָט זיך אַזוי שאַרף אויסגעדריקט קעגן גאָר־דינען איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל דער קאָמישער העלד, דער משרת „שפּענדיק", וועלכן ער האָט געדאַרפט שפּילן אין גאָרדינס פּיעסע „סי־ביריאַ", איז גאַרניט געווען ענלעך צו די קאָמישע ראָלן, וועלכע ער איז געוואוינט געווען צו שפּילן אין די פריערדיקע פּיעסן פון פּראָפעסאָר הורוויץ און לאַטיינער. אמת, אַז שפּעטער איז מאָגולעסקאָ דוקא גרויס געוואָרן אין די ראָלן פון גאָרדינס פּיעסן, אָבער אַזאַ ווייטן קוק האָט מאָגולעסקאָ ניט געהאַט. ער האָט נאָר געזען, אַז אין אָט דער ראָל פון גאָרדינס פּיעסע קאָן ער ניט אויסנעמען ביי די טעאַטער־באַזוכער אַזוי ווי אין די לויזע ראָלן פון די פריערדיקע פּיעסן, אין וועלכע ער האָט זיך געקענט דערלויבן צוצוגעבן וואָס ער האָט געוואָלט און אַריינשטעלן סצע־נעס און לידער ווי עס איז אים געפעלן. איז ער, מאָגולעסקאָ, געווען בייז, און אויסגעדריקט זיין כעס מיטן שאַרפסטן וואָרט „אַנטיסעמיט", ווי ער האָט טיטולירט גאָרדינען.

אַ גאַנצע וואָך איז גאָרדין ניט געקומען צו די פּראָבן. אָבער פּרייז־טיק, צו דער גענעראַל־פּראָבע, איז ער געקומען. און געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זיין פּיעסע! אין פאַרלויף פון דער וואָך האָט מען געדאַקטערעוועט און „לייטיש אויסגעפּיקסט" (אויסגעבעסערט) זיין פּיעסע.

אין דעם ערשטן אַקט האָט קעסלער מיטן כאָר פאַרוואַנדלט אַ גאַנצע סצענע אין אַן אָפּערע.

ווען גאָרדין האָט געפרעגט וואָס דאָס איז אַזוינס און ווי קומט עס דאָ אַריין, האָט מען אים געענטפערט, אַז אַזוי ווי קעסלער, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון דעם סלעדאָוואַטעל (אויספאָרשונגס־ריכטער) דאַרף זיך גרייטן צו אַ קאָנצערט פאַרן „רויטן קרייץ", פּאַסט זיך פאַר אים צו זינגען עפּעס לייטישע מוזיק, האָט דעריבער מאָגולעסקאָ, וועלכער איז געווען אין דער טרופּע ניט נאָר דער קאָמיקער, נאָר אויך דער מוזיקער־דירעקטאָר, איינשטודירט מיט אים עפּעס פון דער אָפּערע „ערנאַני".

דאָס דערהערט האָט גאָרדין, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין ווען ער איז געוואָרן אויפגערעגט, זיך אַ גלעט געטאָן זיין באָרד און געזאָגט „לאַדנאָ" (גוט) און שוין געבליבן זיצן אויף פּראָבע צו זען וואָס עס וועט ווייטער זיין.

און ער האָט טאַקע ניט געוואָרט אומזיסט; אין דריטן אַקט איז מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון „משרת שפּענדיק", אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ טענצל און געזונגען אַ קופּלעטל, וואָס ער האָט טאַקע אַליין פאַרפאַסט.

גאָרדין האָט אויף אים אויסגעשטעלט זיינע ביסטרע אויגן און אויס־געשריגן, און דווקא אין רוסיש:

— „טשטאָ עטאָ זאַ סווינסטוואָ?! (וואָס איז דאָס פאַר אַ שווייניריי?!)

האָט מען געפּרובט איינעמען גאָרדינען:

— איר ווייסט דאָך, מר. גאָרדין, אַ קאָמיקער, ער מוז דאָך עפּעס זינגען און טאַנצן!

— ניע פּאָזוואָליו, מערזאַווצי! (איך וועל ניט דערלויבן, אויסוואורפן!)

— האָט זיך גאָרדין צעשריגן.

איז מאָגולעסקאָ אַרויס פון די כלים, און באַנוצנדיק טאַקע דעם נאָמען פון גאָרדינס קופּלעט, האָט ער אויסגערופן צו גאָרדינען, וויזנדיק אים אַ פייג:

— וואָט טעביע, האַנדזשאָ, קניש!

האָט אים גאָרדין ניט געשוויגן, נאָר געענטפערט מיט אַ האַרב

ווארט, האָט אים מאַגולעסקאַ ווידער צוריקגעענטפערט, האָבן זיך אויך שוין אַריינגעמישט קעסלער און פיינמאַן, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט מאַגולעסקאַן, און איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, איז געוואָרן דער אמתער סקאַנדאַל, און מאַגולעסקאַ האָט זיך צעשריגן אויף גאָרדינען:

— אַרויס, דו שוואַרצע באָרד, דו אַנטיסעמיט, דיין דוך (אָטעם) זאָל אין טעאַטער ניט זיין!

און מען האָט גאָרדינען טאַקע אַרויסגעבעטן פון טעאַטער.

איצט איז געוואָרן אמתער קריגסצושטאַנד צווישן מחבר און די אַקטיאָרן.

גאָרדין האָט זיך פאַרשוואוירן ניט צו קומען אין טעאַטער אַריין, און מאַגולעסקאַ, ווידער, האָט געסטראַשעט, אַז אויב גאָרדין וועט יאָ קומען אין טעאַטער, וועט ער ניט שפּילן.

די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען פון זיין ערשטער פּיעסע, פרייטיק נאַכט און שבת נאָך מיטאָג, האָט גאָרדין ניט בייגעוואוינט. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען אַ בריוו מיט אַנטשולדיקונגען פון אַדלער, מאַגו־לעסקאַ, קעסלער און פיינמאַן, איז גאָרדין אַוועק שבת נאַכט אין יוניאָן טעאַטער זען זיין ערשטע פּיעסע.

איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט דעם, ווי אַזוי דער דאַמאָלטיקער יידישער טעאַטער־עולם האָט אויפגענומען גאָרדינס ערשטע פּיעסע.

לעאָן בלאַנק, וועלכער האָט, ווי שוין דערמאָנט, זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אויפפירונג, דערציילט, אַז די ערשטע צוויי אַקטן פון דער פּיעסע זיינען שרעקלעך דורכגעפאַלן. דער עולם האָט געהוקעט און געשיקעט און געלאַכט פון דער פּיעסע און פון די אַקטיאָרן. אַדלער, וועל־כער האָט יאָ געהאַלטן פון דער פּיעסע, און האָט זיך ניט באַטייליקט אין דעם סקאַנדאַל אויף דער גענעראַל־פּראָבע, האָט זיך געפילט באמת אומ־גליקלעך. נאָכן צווייטן אַקט איז ער אַרויס צום עולם און מיט אמתע טרערן אין די אויגן, האָט ער געהאַלטן אומגעפער אַזאַ מין רעדע:

— פאַרשעמט און ערנידריקט שטיי איך, דעם קאָפּ איינגעבויגן פאַר בושה, וואָס איר, גאָספּאָדאַ (מיינע הערן), קאָנט ניט פאַרשטיין אַזאַ מייסטערווערק פון באַרימטן רוסישן פּיסאַטעל (שרייבער) יאַקאָוו מיכיי־

לאָוויטש גאָרדין. גאָספּאָדאַ, גאָספּאָדאַ, ווען איר וואָלט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גרויס ווערק מיר שפּילן היינט פאַר אייך, וואָלט איר ניט געלאַכט און ניט געהיקעט.

און דאָ האָט זיך אַדלער שטאַרק צעוויינט, און ווען אַדלער האָט געוויינט, האָט ער געקענט מיט זיין געוויין רירן די צוהערער. האָט טאַקע זיין „רעדע" מיט געוויין גערירט דעם עולם, דער איינדרוק איז געווען אַ שטאַרקער און מען האָט אַדלערן הויך אַפּלאָדירט.

ווען מען האָט דערנאָך גענומען שפּילן דעם דריטן אַקט, האָט מען שוין באַמערקט דעם איינדרוק און איינפלוס פון אַדלערס רעדע. אין דער סצענע, ווען אַדלער, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון „ראָזענצווייג", וועלכן טאַראַטוטיע מסרט, קומט צו זיין מסור אים בעטן ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און ניט מסרן, איז אין טעאַטער געוואָרן אַזאַ געוויין ווי אום יום כפור אין די שולן אין דער אַלטער היים...

נאָכן דריטן אַקט, ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, האָט דער עולם ווידער שטאַרק אַפּלאָדירט, אָבער מער פון אַלץ האָט ביים פּובליקום אויסגענומען די סצענע אין עפּילאָג פון דער פּיעסע, ווען מען פאַרשיקט ווידער ראָזענצווייגן קיין סיביר, און זיין משרת שפּענדיק געזעגנט זיך מיט אים. ווען מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון משרת, האָט זיך מיט אים געזעגנט מיט די ווערטער „כאָזאַאין (באַלעבאָס), מיר צעשיידן זיך!", האָט זיך מאָגולעסקאָ אַליין אַזוי צעוויינט, אַז ער האָט מער ניט געקאָנט ריידן.

צווישן פּובליקום איז אויך געוואָרן אַ גרויס געיאָמער, און דאָ האָט דערוואַכט ביים קינסטלער מאָגולעסקאָ זיין קינסטלעריש געוויסן. אויב גאָרדין קאָן אָנשרייבן אַזאַ ראָל, האָט ער מאָגולעסקאָ, געהאַנדלט שלעכט צו אים, און ער דאַרף אים איבערבעטן.

האָט טאַקע מאָגולעסקאָ אונטערגעשריבן דעם אַנטשולדיקונגס־בריוו, וואָס האָט געבראַכט גאָרדינען אין טעאַטער זען זיין ערשטע פּיעסע, דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, צו דער דריטער פאָרשטעלונג, שבת אָוונט, און דער עולם און די אַקטיאָרן האָבן גאָרדינען געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס.

דער נאָמען גאָרדין איז שנעל געוואָרן פּאָפּולער — און די צווייטע טרופּע, מיט טאָמאַשעווסקין, באַשליסט זיך צו באַקענען מיט גאָרדינען.

קאַפּיטל דריי

# יעקב גאָרדין שפּילט מיט אין זיין צווייטער פּיעסע

גאָרדינס מאַנאָלאָג „פאַנטאַלע פאַלגע״ מאַכט געשיכטע אין די אַרבע־טער־יוניאָנס — מען סודלט זיך וועגן גאָרדינס פאַרגאַנגענהייט אין רוסלאַנד — טעאַטער־דירעקטאָרן און דראַמאַטורגן, וואָס זיינען געווען משומדים און מיסיאָנערן — גאָרדין קומט אַליין פאַרלייענען אַ פּיעסע אין אַ צווייט יידיש טעאַטער — פאַר 5 דאָלאַר אַמאָל שפּילט ער מיט — גאָרדין האָט אויך דאָ עגמת נפש.

פאַר זיין ערשטער פּיעסע „סיביריאַ״ האָט יעקב גאָרדין טאַקע באַקומען פון „יוניאָן טעאַטער״ 100 דאָלאַר, און כאָטש 100 דאָלאַר איז דאַמאָלט, אין 1891, געווען אַ לייטישע סומע, האָט אָבער גאָרדין, האָבנ־דיק אַ גרויסע משפחה, ניט פאַרלאָזט זיך בלויז אויפן יידישן טעאַטער, נאָר ווייטער מיטגעאַרבעט אין יידישן וואָכנבלאַט „די אַרבייטער צייטונג״, און דעם 11טן סעפּטעמבער 1891 האָט ער דאָרט אָפּגעדרוקט אַ בילדל „פאַנטאַלע פאַלגע פאַרן בית דין של מעלה״. „פאַלגע״ איז געווען אין רוסלאַנד דער צונאָמען פאַר אַ שניידער אַ לאַטוטניק, און אין דאָזיקן בילדל האָט גאָרדין געשילדערט ווי אַזוי אָט דער שניידער, אַן אָרעמער פּראָלעטאַריער, וועלכער האָט זיך געענוג אָנגעליטן אויף דער וועלט, קומט אַריבער אויף יענער וועלט, שטייט פאַרן בית דין של מעלה און מאָנט גערעכטיקייט. דאָס איז געווען פּונקט דער היפך פון י. ל. פּרצעס באַ־רימטן ״באָנטשע שווייג״,[15] וואָס האָט ניט קיין גרעסערע פאַרלאַנגען ווי אַ בולקע מיט פּוטער. „פאַנטאַלע פאַלגע״ האָט יאָ געהאַט פאַרלאַנגען, און טאַקע שטאַרקע, און דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז דער אינהאַלט האָט זייער אַפּעלירט צו דידאַמאָלטיקע יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט דעם באַרימטן „שוויץ־סיסטעם״ און האָבן ניט געוואוסט פון די אַלע באַקוועמלעכקייטן און ניט גענאָסן פון

די אַלע סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס עס גע׳נייסט אַ היינטיקער אַרבעטער.

דער שוישפּילער רודאָלף מאַרקס,[16] אַליין אַן אינטעליגענט, וואָס האָט באַארבעט פאַרשיידענע פּיעסן פון ענגליש, האָט דאָס דאָזיקע בילדל באַ־אַרבעט אין אַ סצענישן מאָנאָלאָג,[17] און אים אויפגעפירט דעם 26סטן נאָוועמבער 1891 אין אַ צווייט יידיש טעאַטער, אין „רומעניע אָפּערע האָוז״ אויף אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר דער „אַרבייטער צייטונג״. אַ צייט לאַנג איז דער דאָזיקער מאָנאָלאָג געווען אַן אָפטער גאַסט אויף די פאַר־שיידענע אָוונטן פון די ראַדיקאַלע קרייזן אָדער די ניי־געגרינדעטע אַר־בייטער יוניאָנס, און אַקטיאָרן, וועלכע פלעגן זיך אויסצייכענען אין דעם מאָנאָלאָג, האָבן באַקומען אַ נאָמען. „פאַנטאַלע פאַלגע״ פון יעקב גאָרדין, פונקט ווי מאָריס ראָזענפעלדס „דאָקטאָר גראַנד״ זיינען געווען פון די באַרימטסטע מאָנאָלאָגן אין פאַריקן יאָרהונדערט און נאָך אין אָנהייב פון היינטיקן.

דערווייל האָט זיך אין די טעאַטער־קרייזן פאַנאַנדערגעטראָגן, אַז אין „יוניאָן טעאַטער״ האָט מען אויפגעפירט אַ פּיעסע, איז עס עפּעס אַ מאָדנע פּיעסע. מען רעדט דאָרט ווי פּראָסטע מענטשן ריידן ביי זיך אין דער היים, גאָרניט ווי אַקטיאָרן „דאַרפן״ ריידן. ס׳האָט זיך געטומלט וועגן אָט דער מאָדנער פּיעסע און נאָך מער וועגן דעם נייעם פאַרפאַסער. ווען די פריערדיקע באַרימטע פאַרפאַסערס, ווי לאַטיינער, האָרוויץ, שאָמער־שייקעוויטש,[18] שוין אָפּגערעדט פון אברהם גאָלדפאַדען, וואָס זיינען צוגע־קומען צום יידישן טעאַטער באַלד ביי זיין גרינדונג, זיינען געקומען אין אַמעריקע, האָבן די אַקטיאָרן זיי געקענט, ווייל אַ סך פון די היגע גדולים זיינען דאָך געקומען פון יענער זייט און האָבן נאָך דאָרט געשפּילט מיט זיי, אָבער גאָרדין איז געווען אַ פנים חדשות. ניט מען האָט וועגן אים געהערט, אַז ער זאָל אין רוסלאַנד האָבן געהאַט וועלכע עס איז פאַרבינ־דונג מיט יידיש טעאַטער, און אין אַמעריקע איז ער נאָר וואָס געהאַט געקומען און שוין האָט ער געהאַט אָנגעשריבן עפּעס אַ מאָדנע פּיעסע, וואָס איז באַלד געשפּילט געוואָרן. זיינען וועגן דעם נייעם פאַרפאַסער אַרומגעגאַנגען מאָדנע מעשיות, ווייל דאָס וואָס מען האָט געהאַט דערציילט וועגן אים אין פאַרבינדונג מיט עפּעס אַ געזעלשאַפט „ביבלעיסקאָיע

בראַטסטוואָ״ (ביבלישע ברודערשאַפט), וואָס ער האָט דאָרט געגרינדעט, האָט געהאַט אין זיך גענוג שטאָף פאַר פאַרשיידענע רכילות און מעשהלעך.

אונדז וועט שפּעטער אויסקומען צו שרייבן אויספירלעך וועגן אָט דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געשטרעבט צו שליסן אַ געוויסע פאַרבינ־דונג צווישן יידן און קריסטן. דאָ האָבן מיר זי נאָר דערמאָנט, כדי דער לייענער זאָל זיך אָנשטויסן וואָס פאַרוואָס קלאַנגען מען האָט דאָ געקאָנט פאַרשפּרייטן וועגן גאָרדינען. עס איז טאַקע מאָדנע, וואָס גראָד עטלעכע פון די ערשטע אָנגעזעענע יידישע טעאַטער־לייט זיינען געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַזעלכע מעשות: אויף פּראָפעסאָר הורוויץ פלעגט מען זאָגן, אַז ווען ער איז נאָך געווען אין אייראָפּע, און די באַלעבאַטים פון אַ יידי־שער שול אין בוקאַרעשט, רומעניע, האָבן אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעל, האָט הורוויץ זיך געשמדט און געוואָרן אַ מיסיאָנער; אויף יעקב ספּיוואַ־קאָווסקין,[19] איינער פון די ערשטע יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן און אַק־טיאָרן אין רוסלאַנד, האָט מען גערעדט, אַז ער האָט זיך געשמדט; ד״ר בענעדיקט בן־ציון,[20] וועלכער האָט אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געשריבן פּיעסן אויף יידיש, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, איז געווען אַ געשמדטער און אַ מיסיאָנער. י. י. לערנער,[21] וואָס האָט איבערזעצט ״אוריאל אַקאָסטאַ״ אויף יידיש און אָנגעפירט מיט יידיש טעאַטער, האָט זיך שפּעטער געשמדט. עס איז זיך דעריבער לייכט פאָרצושטעלן וואָס מען האָט זיך געסודלט וועגן גאָרדינען.

די אַקטיאָרן פון די אַנדערע יידישע טעאַטערס האָבן דעריבער געהאַט אַ גוואַלדיקן נייגיר אי צו זען די מאָדנע פּיעסע, אי דעם מאָדנעם מחבר.

בעסי טאָמאַשעווסקי,[22] וועלכע האָט צוזאַמען מיט איר מאַן, באָריס,[23] געשפּילט אין ״רומעניע אָפּערע האָוז״, האָט באַשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן אין יוניאָן טעאַטער און זען וואָס דאָרט טוט זיך.

״אַזוי ווי מיינע דערוואַרטונגען זיינען געווען איבערנאַטירלעך גרוי־סע — שרייבט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע דעראינערונגען — בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען עטוואָס דיסאַפּאָינטעט (אַנטוישט). די פּיעסע איז געווען אַ ״טרוקענע״. דאָס הייסט אַ דראַמע אָדער אַ לעבנסבילד, אָן די

אַלע „טרימינגס״ (באַפּוצונגען), וואָס איך בין געווען געוואוינט צו זען אין לאַטיינערס פּיעסן... דערפאַר האָב איך אָנגעקוואָלן פון דער פּראָזע.״

און עס האָט ניט לאַנג גענומען ווי בעסי טאָמאַשעווסקי און די אַנדערע מיטגלידער פון איר טרופּע האָבן באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט גאָרדינען. זיי זיינען ניט געקומען צו גאָרדינען, נאָר גאָרדין איז געקומען צו זיי.

די טרופּע אין „רומעניע אָפּערע האָוז״ האָט זיך גאָר געגרייט אויפצופירן לאַטיינערס אַ נייע פּיעסע, ווי אַ געוויסער משהלע, איינער פון די, וואָס הענגען שטענדיק אַרום יידישן טעאַטער, וועלכער איז דאָרט געווען אָנגעשטעלט אַלס שיק־יונג, אָבער איז געווען די רעכטע האַנט פון פּאָקטישן פירער פון דער טרופּע, דעם שוישפּילער מאָריס פינקעל,[24] איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע זאָגן, אַז עפּעס אַ ייד מיט אַ באָרד וויל זען פינקעלן.

מאָריס פינקעל, וואָס איז געווען אַ גוואַלדיקער מיוחס, ווייל ער איז געווען איינער פון די סאַמע ערשטע יידישע אַקטיאָרן, פּאַקטיש אַ בראָדער־זינגער,[25] וועלכן גאָלדפאַדען האָט געמאַכט פאַר אַן אַקטיאָר, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאָר וויכטיקן אַקטיאָר און דער עיקר פאַר אַ חכם, אַ דיפּלאָמאַט. ער איז געווען זיכער, אַז עס האַנדלט זיך עפּעס וועגן איינעם פון די „קרענקס״ (אָנשיקענישן) וועלכע שלאָגן שטענדיק אָפּ די טירן פון יידישן טעאַטער, האָט ער געהייסן משהלען זאָגן דעם ייד מיט דער באָרד, אַז ער זאָל קומען פּורים צו דער סעודה, ווען ער דאַמאָלט האָבן צייט פאַר אים. משהלע האָט געפאָלגט זיין באָס און איז אַרויס געבן דעם ייד פינקעלס ענטפער, אָבער באַלד איז ער צוריקגעקומען און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער ייד מיט דער באָרד איז ניט קיין קרענק און ניט קיין לץ, נאָר ס׳איז גאָר „מיסטער גאָרדין״.

און וועגן דעם דאָזיקן ערשטן באַגעגעניש צווישן גאָרדין מיט דער צווייטער יידישער טרופּע דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע דערמאָנערונגען: „פינקעל האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן גאָרדינען, וועלכער איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע, וואו מיר האָבן געמאַכט פּראָבע. גאָרדין האָט גערעדט רוסיש און געבעטן פינקלען, אַז מ׳זאָל אויס־

הערן זיינע אַ פּיעסע. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט עטלעכע פּיעסן, נאָר לעזן וויל ער איינע. ער האָט געוואַרט ביז מיר האָבן געענדיקט די פּראָבע, וועלכע איז שוין געמאַכט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, „אויף איין פוס", אַבי גאָרדין זאָל ניט זען ווי מיר מאַכן פּראָבע און ווי אַזוי מיר שפּילן. פּינקעל האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט גאָרדינען און אויסגעפרעגט וועגן דער פּיעסע. גאָרדין האָט געקוקט אויף פּינקלען, געשוויגן און גע־הערט. ווען ניט ווען, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אָדער געזאָגט אַ פּאָר געציילטע ווערטער. מען האָט באַוויליקט אַ פּאַרלעזונג, און אויף צומאָרגנס זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען. גאָרדין איז אַריינגעקומען מיט אַ קליין ביכעלע הינטערן האַנט. ווען פּינקעל האָט געזען דאָס ביכל, האָט ער גע־פרעגט גאָרדינען: „דאָס איז אַלץ?". גאָרדין האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ קוק פון קאָפּ ביז די פיס און שטיל געענטפערט „דאָס איז גענוג".

און אָט ווי בעסי טאָמאַשעווסקי שילדערט דעם איינדרוק וואָס גאָרדין האָט געמאַכט און ווי אַזוי מען האָט ביי אים געקויפט די פּיעסע:

„גאָרדינס דערשיינען האָט אונדז אַלע אימפּאָנירט. ער איז געווען הויך און מאָגער מיט אַ מערקווירדיק שיין, איידל פּנים, טיפע, קלוגע אויגן, אַ שיינע שוואַרצע באָרד, ריין צעקאָמט, אַ גרויסן שוואַרצן קאָפּ האָר פּאַר־קעמט אויף צום נאַקן און אַ קוטשעראַווע געזיכט, אַ גרויסן שוואַרצן ווייכן הוט מיט אַ ברייטן ראַנד, אַן אָרעמען, אָבער ריינעם און גוטן אנצוג, און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. מיר זיינען אַלע געזעסן אַרום און געהערט אויפמערקזאַם ביז ער האָט געענדיקט דאָס לייענען פון דער פּיעסע. מיר האָבן זיך אַ ביסל „אָפּגעסודלט" און באַשלאָסן צו נעמען די פּיעסע. פּינקעל האָט גערעדט מיט אים ביזנעס און אים פאַרגעלייגט 60 דאָלאַר פאַר דער פּיעסע. גאָרדין האָט גערעדט זייער אַ האַרבן יידיש, ווי אַ גוי, להבדיל, מיט דער „ח", אָבער מערסטנס האָט ער דאַמאָלט גערעדט רוסיש, זיין באַ־ליבטע שפּראַך. ער האָט זיך אַביסל געקווענקעלט צו נעמען דעם פּרייז (געדענקט, אַז פאַר זיין ערשטער פּיעסע ביי דער טרופּע פון „יוניאָן טעאַ־טער" האָט גאָרדין באַקומען 100 דאָלאַר), אָבער נאָך אַ קורצע פּויזע האָט ער געענטפערט: „אויב איר וועט שפּילן פּונקט אַזוי ווי איך האָב עס אָנ־געשריבן, טאַק כאָראַשאָ" (איז גוט)."

אָט די דאָזיקע באַמערקונג קלערט אונדז אויף פאַרוואָס גאָרדין איז געקומען צו דער טרופּע פון „רומעניע אָפּערע האָוז" מיט זיין פּיעסע און מער ניט געפּרוווט זי אויפפירן ביי אַדלערן און קעסלערן, וואו עס איז געגאַנגען זיין ערשטע פּיעסע. כאָטש מען האָט אים דאָרט איבערגעבעטן נאָך דער באַליידיקונג, איז גאָרדין נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַן אומצופרי־דענער, ווייל מען האָט דאָרט ניט געשפּילט זיין פּיעסע ווי אַזוי ער האָט זי אָנגעשריבן, נאָר „צוגעפּיקסט". גאָרדין האָט איצט געפּרובט זיין מזל אין אַן אַנדער יידיש טעאַטער, און ער האָט אַפילו מסכים געווען צו נעמען וויניקער ווי אין פריערדיקן טעאַטער, אַבי מען זאָל שפּילן זיין פּיעסע אַזוי ווי ער האָט זי אָנגעשריבן. און דעריבער ווען פינקעל האָט גענומען קריטיקירן אייניקע שטעלן פון דער פּיעסע און אויך אַרויסגעשטעלט די באַרימטע פאָדערונג פון אַריינפירן מוזיק אין דער פּיעסע, האָט גאָרדין באַצייטנס קעגן דעם פּראָטעסטירט: „ניט טשעפּען קיין וואָרט, גאָספּאָדאַ, עטאָ יאַ ניע דאָזוואָליו, מוזיקאָ, כאַראָשאָ (דאָס, מיינע הערן, וועל איך ניט דערלויבן, אויב איר ווילט מוזיק, גוט!), איך וועל אייך געבן מאַלאָראָסיס־קאַיאָ מוזיקאָ (אוקראַיִנישע מוזיק), וואָס פּאַסט זיך זייער גוט." די אַקטיאָרן האָבן דערצו מסכים געווען. גאָרדין האָט באַקומען 10 דאָלאַר אין אַדוועַנס (האַנטגעלט) און מ'האָט באַשטימט פּראָבע."

אַזוי אָבער ווי עס איז געקומען צו דער ערשטער פּראָבע, האָט זיך באַלד איבערחזורט דאָס זעלבע פּעקל צרות וואָס אין „יוניאָן טעאַטער". אָט ווי בעסי טאָמאַשעווסקי שילדערט עס: „אין ערשטן אַקט איז דאָ אַ סצענע וואָס מען שפּילט אין פּאַנדן, האָט פינקעל געוואָלט אַריינשטעלן אַ האָפּקע מיט אַ לידעלע, אָבער גאָרדין האָט ניט געלאָזט. עס איז געוואָרן אַ היציקע דעבאַטע צווישן פינקעלן און גאָרדינען. גאָרדין האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, גענומען די פּיעסע הינטערן אָרעם, געזאָגט „גוד ביי" און גענומען אַוועקגיין. איינער פון דער טרופּע איז אים שנעל נאָכגעלאָפן און צוריקגעבראַכט. דאָס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. מען האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז מען וועט טאָן אַלץ ווי ער וועט הייסן, די פּראָבן זיינען געווען אונטער גאָרדינס אויפזיכט, און ער האָט קיין איין פּראָבע ניט פאַרפעלט. אַפילו קליידער האָט ער אַליין באַשטעלט."

איבריקנס, האָט גאָרדין געמוזט זיין אויף אַלע פּראָבן, ווייל טאָקע ער אַליין האָט מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע. באַלד ווי מען האָט אָנגענומען דעם באַשלוס צו שפּילן די פּיעסע און מען האָט אָנגעהויבן איינטיילן די ראָלן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איין ראָל, פון אַ רוסישן פּריסטאַוו, איז ניטאָ ווער עס זאָל שפּילן. פינקעל האָט זיך ניט געפּוילט און פאַרגעלייגט גאָרדינען אַליין צו שפּילן די ראָל און אים אָנגעבאָטן 15 דאָלאַר פאַר די 3 פאָרשטעלונגען פון פרייטיק, שבת און זונטיק אָוונט, און אויב די פּיעסע וועט גיין מער ווי די 3 מאָל, וועט ער ווייטער קריגן צו 5 דאָלאַר פאַר יעדער פאָרשטעלונג. גאָרדין האָט דערצו מסכים געווען מיט דער באַמער־קונג: „כאָראָשאָ, איך האָב אַצינד נויטיק געלט פאַר מיין פאַמיליע”. און אַזוי איז גאָרדין סיי ווי סיי געווען געצוואונגען צו קומען צו אַלע פּראָבן. דרך אגב, זיין ראָל האָט גאָרדין געשפּילט אין רוסיש.

ענדלעך איז געקומען דער אָוונט פון דער אויפפירונג פון גאָרדינס צווייטער פּיעסע, וועלכע ער האָט גערופן „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד”, און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער בינע זייער אַ טשיקאַווע סצענע, וואָס וואַרפט אַ מאָדנע ליכט אויפן שרייבער יעקב גאָרדין.

## קאַפּיטל פיר

# גאָרדין מאַכט פון דער בינע אַ סקאַנדאַל בינע אַבראַמאָוויטש פאַר זאָגן אייגענע „פּראָזע"

גאָרדין האָט פאַר זיינע פּיעסן אויסגענוצט די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים — וואָס קומט פאַר אין זיין פּיעסע „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד"? — בינע אַבראַמאָוויטש זאָגט זיך אָ ווערטל אויף דער בינע און גאָרדין מאַכט איר אַ סקאַנדאַל — וואָס האָט געמיינט „מאַרקען"־סיסטעם? — גאָרדין נעמט זיך קריגן מיטן עולם און מיט דער קריטיק.

אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָבן יעקב גאָרדינס פּיעסן באַהאַנדלט דאָס יידי־שע לעבן אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. אויב נאָך ביז צום היינטיקן טאָג קאָן מען אָפּט הערן, ווען עטלעכע יידן זיצן צוזאַ־מען, ווי זיי ריידן מיט בענקשאַפט וועגן דער „אַלטער היים" פון וועלכער עס איז איצט, נאָכן היטלער־גיהנום, מער ניטאָ קיין זכר, קאָן מען זיך פאָרשטעלן וויפל בענקשאַפט עס האָט דאַמאָלט, אין סוף פון פאָריקן אָדער אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, געהערשט ביי אַלע נאָר־וואָס געקומענע אימיגראַנטן צו זייער אַלטער היים, צו דעם לעבנס־שטייגער פון זייער געבוירן־שטעטל, צו די דאָרטיקע פּראָבלעמען און צו די אָרטיקע טיפּן און געשטאַלטן. און אַוודאי זיינען פון די דאָזיקע געפילן געווען באַהערשט די יידישע שרייבער.

אַ גאָר גרויסע צאָל יידישע שרייבער און דיכטער האָבן ביז גאָר לעצטנס נאָך אַלץ באַזונגען די „אַלטע היים", און מער ווי איינער פאַרגייט זיך נאָך מיט אַ „נאָסטאַלגע" (בענקשאַפט) צו זיין געבוירן־שטעטל, צום טייכעלע פון זיין שטעטל אָדער ישוב, צום רבין, צום מילנער, צו דעם בעל עגלה און להבדיל דעם רב פון שטעטל. אַן ענלעכן פּראָצעס איז דורכ־געגאַנגען די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור אין ארץ ישראל. ביז גאָר

לעצטנס איז אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל, אָפּגעגעבן געוואָרן זייער ווייניק פּלאַץ דעם נייעם שפּראַצנדיקן ישוב. די שרייבער, וועלכע זיינען מערסטנס געקומען פון די אַזוי־גערופענע גלות־לענדער, זיינען נאָך געווען איבערפולט מיט זייערע איינדרוקן און איבערלעבונגען פון דער אַלטער היים, און די העברעאישע ליטעראַטור אין ארץ ישראל איז געווען פול מיט שילדערונגען, דערציילונגען און ראָמאַנען ווי אויך פּאָעזיע פון דער אַלטער היים. ערשט די אַרטיק־געבוירענע העברעאישע שרייבער און אַ ביסל געקומענע פון די מזרח־לענדער האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוברענגען דעם נייעם און אַלטן יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

גאָרדין ווי אַ שרייבער און אַן אימיגראַנט איז אויך געווען דורכגעדרונ־גען און איבערגעוועלטיקט מיט די איינדרוקן פון דער אַלטער היים, און אַ גאָר גרויסע צאָל פון זיינע פּיעסן שפּילן זיך דעריבער אָפּ אין רוסלאַנד פון וואַנען ער איז געקומען, פון יענעם לאַנד, וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער אימיגראַנטישער קאָלאָניע אין אַמע־ריקע.

אויך זיין צווייטע פּיעסע האָט ניט נאָר זיך געהאַנדלט אין רוסלאַנד, נאָר איר נאָמען האָט דייטלעך אונטערגעשטראָכן וואו די האַנדלונג קומט פאָר: דער נאָמען פון דער צווייטער פּיעסע איז געווען „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד". זי איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 18טן יאַנואַר 1892 אין „רומע־ניע אָפּערע האַוז". אַלע דאַמאָלטיקע באַטייליקטע אין דער פּיעסע, ווי מאַקס [26] און סאָפיע קאַרפּ,[27] איזידאָר ווינבלאַט,[28] מאָריס פינקעל, באָריס טאָמאַשעווסקי, בעסי טאָמאַשעווסקי, בינאַ אַבראַמאָוויטש,[29] משהלע גאָלד־בערג [30] און אַננאַ [31] און סאָלאָמאָן מאַנע,[32] ווי אויך דער מחבר, יעקב גאָרדין, זיינען דורך דער צייט שוין געשטאָרבן.

וואָס איז דער אינהאַלט פון אָט דער פּיעסע, וועלכע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן?

אַ ייד, אַ באַלעבאָס אין רוסלאַנד, האָט אַ ווייב מיט צוויי טעכטער. איינע, מאַניטשקע, איז אין קראָם מיט דער מאַמען, איז אויסגעקאָכט מיט אַלע גויים, איז געזונט, יונג, פריש און אַ ביסל לייכטזיניק. זי האָט ליב

## די וועלט פון יעקב גאָרדין

אַ שטיף צו טאָן מיט די גויים ביז זי פֿאַרליבט זיך אין אַ יונגן שייגעץ, פּאַוולושאַ. זי ליבט אים ניט אויף קאַטאָוועס, ניט גלאַט אויף אַ שפּיל, נאָר מיטן גאַנצן פֿלאַם פֿון איר יונגער נשמה.

די צווייטע טאָכטער, עדאַ, מישט זיך ניט אין שטוב־זאַכן. זי לייענט די רוסישע ליטעראַטור. גאָגאָל איז איר ליבלינג. זי גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין גימנאַזיע. זײַן דער פֿאַמיליע איז דאָ אַ פּלימיעניק, אַ חובב ציון, וואָס איז שטערבלעך פֿאַרליבט דווקא אין דער פֿאַרליבטער מאַניטשקע, וועמענס האַרץ עס איז אָבער אָפּגעגעבן צום קריסט פּאַוולושאַ.

דאָס קומט פֿאָר אין דער צייט פֿון די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. עס ברעכט אויס אַ פּאָגראָם. מען צעראַבעוועט דאָס האָב און גוטס פֿון דער דאָזיקער פֿאַמיליע און פֿון די אַנדערע שכנותדיקע יידישע פֿאַמיליעס. דער קריסטלעכער בחור פּאַוולושאַ, וועלכער ליבט אויך מיט זיין גאַנצער נשמה מאַניעטשקען, ראַטעוועט זי און אירע עלטערן, אָבער די שוועסטער, עדאַ, די סטודענטקע, איז געשענדעט געוואָרן פֿון כוליגאַנעס און איז צוליב דעם אומגליק געוואָרן ווי משוגע.

פּאַוולושאַ, וועלכער האָט געראַטעוועט זיין געליבטע מאַניטשקע, פֿאָדערט פֿון איר, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, אָבער מאַניטשקע וויל ניט נאָכגעבן זיין פֿאַרלאַנג. איר מאָטיוו איז, אַז זי וועט ניט קאָנען לעבן מיט איינעם וועמענס ברידער עס האָבן געשענדעט און פֿאַראומגליקלעכט איר שוועסטער און צעראַבירט איר פֿאָלק, די יידן.

פּאַוולושאַ איז דערשטוינט פֿון מאַניטשקעס ענטפֿער. עס ווירקט אויף אים ממש ווי אַ דונער, ער קאָן גאָרניט קומען צו זיך פֿון דעם אומדערוואַרטן ענטפֿער, אָנשטאָט זיך צו באַרואיקן ווערט ער וואָס אַמאָל אומרואיקער, ווילדער, ביז, אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, דערהרגעט ער זיין הייס־געליבטער מאַניטשקע.

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פֿון דער פּיעסע, און היינט, נאָך אַזויפֿיל יאָרן ווי זי איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן, איז אַ טייל פֿון אָט דעם פּראָבלעם נאָך אַזוי אַקטועל ווי דאַמאָלט. מער ווי איינמאָל קאָן מען געפֿינען אין דער יידישער פּרעסע בריוו פֿון עלטערן אָדער קרובים, וואָס דערציילן מיט ווייטיק

וועגן דעם פאַקט, אַז זייערע זין אָדער קרובים, וועלכע זיינען מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי געקומען אויף יענער זייט ים קעמפן קעגן היטלערן, האָבן זיך פאַרליבט אין דייטשקעס און מאַנכע פון זיי אַזוי ערנסט, אַז זיי האָבן געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך ווי זיך פאַרבינדן מיט די קרובים פון די, וועלכע האָבן אַזוי אַכזריותדיק אויסגעמאָרדעט אונדזער בלוט און פלייש. אָט אין דעם פאַל פון גאָרדינס פּיעסע האָט אַ יידישע טאָכטער דוקא פאַרבויגן איר ליבע אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלן געפיל, אָבער זי האָט דערפאַר טייער באַצאָלט. איר געליבטער האָט זי דערמאָרדעט.

אַ באַשטעטיקונג אויף דעם, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט וועגן דער בענקשאַפט צו דער אַלטער היים און צו די טיפן פון שטעטל, געפינען מיר אין פאָלגנדיקער שטעל פון בעסי טאָמאַשעווסקיס דעראינערונגען, וואו זי שרייבט:

„סצענען זיינען אין דער פּיעסע געווען שיינע, וואָס איך וועל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן, וואונדערשיינע סצענעס. די סצענע ווען מאַניטשקע מיט איר געליבטן פּאַוולושאַ פאָרן אַרויס אין אַ שיפל אויף דער אָזערע, אין אַ ביינאַכט, די קלאָרע ווייסע לבנה באַזילבערט די אָזערע און מאַכט דאָס וואַסער ווי אַ שפּיגל, אין וועלכן עס טונקען זיך צוויי פאַרליבטע, ערלעכע, ריינע נשמות פון מאַניטשקען מיט פּאַוולושאַן. ווי הערלעך ס'איז אָט די סצענע! מיר זיינען אַלע באַגייסטערט געוואָרן פון דער פּיעסע, אָבער איך האָב אָנגעקוואָלן פון פרייד. איך בין געווען העכסט גליקלעך צו שפּילן די ראָל פון מאַניטשקע. גאָרדין איז ביי מיר געוואָרן אַ גאָט, וועלכער שאַפט פאַר מיר נייע וועלטן, אַ ניי לעבן. אַך, ווי ליבלעך איז מיר געווען צו שפּילן מאַניטשקע! עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך קען אָט די מאַניטשקע פון מיין געבורטס שטעטל טאַראַשטשע. איך האָב געזען פאַר מיר מאַניטשקען אַ לעבעדיקע, און איך האָב געוואָלט זיין אָט די לעבעדיקע מאַניטשקע".

ווי געזאָגט, האָט גאָרדין אַליין מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע. ער האָט געשפּילט אַ פּריסטאַוו, און ער האָט געטראָגן אַ ווייסן ראָק מיט גאָלדענע קנעפּ, אַ ווייסן קאַשקעט, שיינע רוסישע שטיוול, און אַ גרויסן לעדערנעם טייסטער אויף אַ רימען, אויפגעהאָנגען איבערן אַקסל און אויפגעלאָזט ביים זייטל צו דער רעכטער האַנט.

און טאַקע וועגן זיין ראָל איז עס געקומען צו אַ סקאַנדאַל, וואָס איז אָבער באַלד איינגעשטילט געוואָרן.

די אויפפירונג פון דער פּיעסע איז גוט אַנאָנסירט געוואָרן. מ׳האָט אויך אַנאָנסירט, אַז גאָרדין, דער פּאַרפאָסער אַליין, וועט מיטשפּילן, און צוויי וואָכן צייט האָט דאָס יידישע ניו יאָרק זיך ממש געקאָכט. אין דער „רוסישער קאָלאָניע״ פון איסט בראָדוויי און אין „ליטעראַרישן קאַפע״ אויף קאַנאַל סטריט איז געווען נאָר איין טעמע — יעקב גאָרדין.

ענדלעך איז געקומען די אויפפירונג.

„אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען נערוועז ביז צו משוגעת — דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע דעראינערונגען — אין טעאַטער איז געקו־מען אַן עולם, וואָס מען האָט פריער קיינמאָל נישט געזען אין קיין יידיש טעאַטער, און אוודאי ניט אין „רומעניע אָפּערע האוז״. די סאַמע סמעטענע פון איסט בראָדוויי איז געקומען. גאָרדין האָט זיך אָנגעטאָן גלייך מיט אַלע אַקטיאָרן. טאָמאַשעווסקי האָט אים געוואָלט גרימירן, אָבער גאָרדין האָט זיך ניט געלאָזט: ניע נאַדאַ, גאָלובטשיק, ניע נאַדאַ (מען דאַרף ניט, טייע־רער, מען דאַרף ניט), האָט ער געזאָגט נערוועז.

דער פאָרהאַנג איז אַרויף. די ערשטע סצענע איז אָפּגעשפּילט געוואָרן און דער פּריסטאַוו (יעקב גאָרדין) איז אַריינגעקומען. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ ליאַרם און אַ געפּילדער. דאָס גאַנצע פּובליקום האָט זיך אויפ־געשטעלט פון די פּלעצער און געשריגן „הוראַ, גאָרדין, הוראַ״. העטס (היט) זיינען געפלויגן אין דער לופטן, מען האָט געפּאַטשט מיט טאַשנטיכלעך. מ׳האָט זיך קוים איינגעשטילט, אַז מען זאָל קאָנען ווייטער אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג.

גאָרדין האָט שוין געדאַרפט ריידן. עס איז שוין געווען נאָך זיין רעפּ־ליק (שטיך־וואָרט), אָבער ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָן באַוועגונג, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן צו דער ערד. אַלע אויף דער בינע האָבן גע־וואַרט, אָבער ער האָט געשוויגן. ער איז געווען שרעקלעך נערוועז, ביז טאָמאַשעווסקי האָט, שטייענדיק הינטער די קוליסן, אַ זאָג געטאָן צו אים „נו, גאָספּאָדין גאָרדין״. גאָרדין האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן שלאָף, אויפגעהויבן די באָרד, וואָס איז געלעגן פאַרזונקען אויף זיין ברוסט

און אַ זאָג געטאָן „דאַ, דאַ, טשטאָ זדיעס, גאָספּאָדאַ״ (יאָ, יאָ, וואָס טוט זיך דאָ, מיינע הערן?), און די פאָרשטעלונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

דאָ איז געקומען אַ געוויסע סצענע וואו מען האָט דעם פּריסטאַוו, דאָס הייסט גאָרדינען, געגעבן כּאַבאַר, מען האָט אים אונטערגעטראָגן אַ שנאַפּס מיט פיש מיט כל הגוטס, אַבי ער זאָל ניט טשעפּן די יידן.

דאָס שטיקל פיש האָט אים אונטערגעטראָגן דעם באַלעבאָס פרוי, אַ ראָל, וואָס עס האָט געשפּילט בינע אַבראַמאָוויטש, און דערביי האָט זי אים חניפהדיק געוואונטשן, אַז ער זאָל עסן געזונטערהייט. גלייכצייטיק האָט זי אָבער צוגעלייגט אַ טעאַטער־חכמהלע, קלאָמפּערשט אָפּאַרט (אָן אַ זייט) „דערוואָרגן זאָל ער ווערן״. כּדי דאָס פּובליקום זאָל האָבן הנאה וואָס מען שעלט דעם שלעכטן פּריסטאַוו. מיט אַמאָל האָט גאָרדין געגעבן אַ זעץ מיטן קולאַק אין טיש און אַ געשריי געטאָן: „פּערעסטאַנטיע! עטאָ ניע נאַפּיסאַנאָ״ (הערט אויף, אַט דאָס שטייט ניט געשריבן).

מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן פאַר זיין געשריי. דאָס פּובליקום האָט טאַקע געמיינט, אַז דאָס איז אין זיין ראָל אַזוי, אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז ער וויל ניט ליידן וואָס מען לייגט צו ווערטער.

נאָך יעדן אַקט האָט מען זייער אַפּלאָדירט. אומצאָליקע צאָל האָט מען אַרויסגערופן די שוישפּילער זיך בייגן און ספּעציעל האָט מען אַרויסגערופן גאָרדינען. מיר האָבן פריער אַזאַ באַגייסטערונג קיינמאָל ניט געזען אין טעאַטער״.

אָבער קיין געשעפטן האָט מען פאָרט ניט געמאַכט מיט דער פּיעסע. די פּיעסע איז טאַקע געשפּילט געוואָרן אייניקע וואָכן, אָבער נאָר מיט אַ מאָראַלישן דערפאָלג. די טרופּע האָט דאַמאָלט ניט געהאַט קיין באָס, קיין אונטערנעמער, וואָס זאָל צאָלן שכירות, נאָר זי איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ „מאַרקען־טרופּע״ האָט עס געהייסן. מאַרקען זיינען געווען אַ מין פּראָצענט. איינער, לאָמיר זאָגן, האָט געקראָגן 100 מאַרקען, און דער צווייטער, אַ גרעסערער אַקטיאָר, האָט געקראָגן 130 מאַרקען, און אַזוי כּסדר מער אָדער ווייניקער מאַרקן די אַנדערע מיטגלידער פון דער טרופּע. שפּעטער האָט מען צונויפגערעכנט די צאָל פון אַלע מאַרקן צוזאַמען, און דאָס געלט, וואָס פלעגט בלייבן פון די פאָרשטעלונגען נאָך אַלע אויסגאַבן פאַר וועלכע

מען האָט געמוזט צאָלן, פלעגט צעטיילט ווערן לויט דער דאָזיקער צאָל מאַרקן. איז אויסגעקומען אַ שטייגער, אַז עס איז געבליבן 3000 דאָלאַר, און אַלע מאַרקן צוזאַמען האָבן אויך באַטראָפן 3000 אין דער צאָל, האָט דאָס געמיינט, אַז אַ מאַרקע באַטרעפט 1 דאָלאַר. האָט דער, וואָס האָט גע־דאַרפט באַקומען 100 מאַרקן, געדאַרפט קריגן 100 דאָלאַר, און דער וואָס האָט געהאַט 130 מאַרקן, האָט באַקומען 130 דאָלאַר, און אַזוי כסדר. דורך דעם דאָזיקן מאַרקן־סיסטעם, ניט האָבנדיק קיין באַלעבאָס, האָבן זיך די אַקטיאָרן געזיכערט, אַז אויב זיי האָבן אַ דערפאָלגרייכע פּיעסע, זאָלן זיי גוט פאַרדינען.

אָבער אַזוי ווי גאָרדינס פּיעסע „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד" האָט געהאַט נאָר אַ מאָראַלישן דערפאָלג, אָבער די קאַסע האָט וויניק געבראַכט, זיינען די „מאַרקן" געפאַלן זייער טיף. „קיין געלט האָט מען ניט געמאַכט — דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי — דאָס ביסעלע אינטעליגענץ איז טאַקע געקומען אין טעאַטער. מיר האָבן הנאה געהאַט צו ריידן אַזאַ זיסע פּראָזע ווי גאָרדינס, אָבער די „טאָלער־ברעננגערס", די אמתע באַלעבאַטים פון טעאַטער, דאָס הייסט, דאָס גרויסע ווערטע פּובליקום, איז ניט געקומען. פאַר זיי איז גאָרדין געווען צו האַרב צו פאַרדייען אין אָנהייב פון זיין גלענ־צנדיקער קאַריערע אַלס שעפער און באַשאַפער פון אַ מאָדערן, כמעט איי־ראָפּעאיש טעאַטער אין יידיש".

מער איז די פּיעסע קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן, כאָטש די טעמע און פּראָבלעם פון פּאָגראָמען איז שפּעטער ווייטער באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער יידישער בינע נאָך אַ סך מאָל, אָבער דורך אַנדערע דראַמאַטורגן, ווי דוד פּינסקי אין זיין „פאַמיליע צבי", אָסיפּ דימאָוו אין זיין „שמע ישראל" און י. ד. בערקאָוויטש (שלום עליכם׳ס איידעם) אין „מאָשקע חזיר".

גאָרדין האָט דערפילט די קאַלטע באַציאונג צו זיינע פּיעסן מצד דעם ברייטן טעאַטער־עולם. ער איז אויך ניט געווען צו באַגייסטערט פון דער יידישער קריטיק, וועלכע איז ניט געוואָרן איבערראַשט פון זיינע פּיעסן און אים ניט פאַרלויבט אונטערן הימל, כאָטש זי האָט כסדר אונטערגע־שטראָכן ווי אַנדערש ער איז אין פאַרגלייך צו די דאַמאָלטיקע יידישע פּיעסן־שרייבער. גאָרדין איז געווען אַזוי אומצופרידן מיט דער דאָזיקער לויט זיין

מיינונג — צו קילער באַציאונג, אַז ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער „אַרביי־טער צייטונג״ אַן אַרטיקל וועגן זיין פּיעסע און דערנאָך אַ סאַטירישע הומאָ־רעסקע קעגן עולם און די קריטיקער.

אָבער גאָרדינס נייע ריכטונג אין דער יידישער דראַמאַטורגיע האָט אים פּאָרט באַלד געבראַכט אָנערקענונג אין דער טעאַטער־וועלט: אַ גרופּע פון די אָנגעזעענסטע אַקטיאָרן ווי יעקב פּ. און סערראַ אַדלער, קעני ליפּצין,[35] משה [34] און אסתר זילבערמאַן [35] האָבן זיך פאַראייניקט אין איין טרופּע אין „יוניאָן טעאַטער״, און, ווי דער מנהג איז דאַמאָלט געווען אין אַ טעאַטער, האָבן זיי זיך באַלד באַזאָרגט מיט אַן אייגענעם אויטאָר, און דאַסמאָל איז דער אויטאָר געווען — יעקב גאָרדין.

גאָרדין האָט אָבער גראָד דאַמאָלט ניט געהאַט אָדער בכוונה ניט גע־שטעלט זיינע אַן אייגענע פּיעסע, נאָר ער האָט באַאַרבעט גאָלדפאַדענס אַ פּיעסע, און דערמיט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל אין יידישן קוואַרטאַל.

קאַפּיטל פינף

## גאָרדין פירט אויף אַ גאָלדפאַדען־פּיעסע אין זיין באַאַרבעטונג און רופט אַרויס אַ שטורעם קעגן זיך

גאָרדין באַאַרבעט שטאַרק גאָלדפאַדענס „מליץ יושר" — „אַ שטימע פון פאָלק" הייבט אָן אַן אַטאַקע קעגן גאָרדינען — גאָרדין רעכנט זיך אָפּ מיט אַלע יידישע דראַמאַטורגן און מאַכט פון זיי חוזק — ער באַאַרבעט נאָך אַ גאָלדפאַדען־פּיעסע, און דערקלערט, אַז גאָלד־פאַדען קען גאָרניט שרייבן — ער לאָזט בלויז דעם נאָמען פון דער פּיעסע און עטלעכע קופּלעטן.

מיר קומען איצט צו אַ קורצן עפּיזאָד אין גאָרדינס לעבן, וואָס איז זייער ווייניק באַקאַנט. די גאַנצע געשיכטע איז פאַרגראָבן אין אַלטע צייטונגען, אין בריוו אין רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער צייטונג" און אין ענטפערס.

דאָס איז געווען אין 1892 ווען יעקב פּ. און סעראַ אַדלער און קעני ליפּצין האָבן צוזאַמען גענומען דאָס „יוניאָן טעאַטער" און אַנגאַזשירט יעקב גאָרדין אַלס זייער „אויטאָר".

אין יענער צייט האָט יעדעס יידישע טעאַטער געהאַט זיין אייגענעם „אויטאָר", אַ מענטש, וואָס האָט צוגעשטעלט דעם טעאַטער פּיעסן, און דאָס טעאַטער האָט געשפּילט כמעט נאָר זיינע פּיעסן, אַזוי ווי יאָרן־שפּעטער האָט יעדעס יידישע טעאַטער געהאַט זיין אייגענעם קאָמפּאָזיטאָר־דיריגענט, און יעדע מוזיקאַלישע פּיעסע, וואָס מען האָט געשפּילט אין טעאַטער, האָט געמוזט זיין מיט דער מוזיק פון אָט דעם קאָמפּאָזיטאָר־דיריגענט. דורך דעם איז דאַמאָלט דאָס טעאַטער געווען פאַרזיכערט, אַז קיין אַנדער טעאַטער וועט ניט שפּילן די אייגענע פּיעסע.

דעם אמת געזאָגט, האָט מען זיך סיי ווי סיי דערמיט ניט פאַרהיט, און גאַנץ אָפט האָט דאָס צווייטע טעאַטער געשפּילט אַ פּיעסע מיט אַן ענלעכן

סוזשעט פון „זיין דראַמאַטורג". אַט אַ שטייגער האָט מען אין דער זעלבער צייט וואָס מען האָט אין איין טעאַטער געשפּילט גאָרדינס „פּאָגראָם אין רוסלאַנד", געשפּילט אין אַ צווייט טעאַטער יאָזעף לאַטיינערס „גלות רוס־לאַנד", און באַלד ווי לאַטיינער האָט אויפגעפירט אין איין טעאַטער זיין היסטאָרישע אָפּערעטע „דניאל אין לייבענגרוב", האָט פּראָפעסאָר הורוויץ אויפגעפירט אין אַ צווייט טעאַטער זיין היסטאָרישע אָפּערע „נבוכדנצר מלך בבל אָדער דניאל אין לייבענגרוב", אָבער דאָך אַ געוויסע פּראָטעקציע איז עס פאָרט געווען.

דער מחבר האָט, אַלזאָ, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין טעאַטער און זיין נאָמען איז געווען אָנגעגעבן אין דער הויך אין דער אַנאָנס, פּונקט ווי דער דירעקטאָר אָדער רעזשיסער פון דער טרופּע.

ווען יעקב גאָרדין איז אָנגאַזשירט געוואָרן אַלס „אויטאָר" אין דעם „יוניאָן טעאַטער", איז ער, אַלזאָ, געוואָרן דער „צושטעלער" פון די פּיעסן. און גראָד האָט ער זיין אַרבעט אין דעם טעאַטער ניט אָנגעהויבן מיט זיינען אַן אייגענער פּיעסע, נאָר מיט זיינע אַ באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס באַקאַנטע פּיעסע „מליץ יושר".

מען דאַרף געדענקן, אַז די יידישע בינע איז דאַמאָלט געווען באַהערשט פון די היסטאָרישע פּיעסן. אָט האָבן מיר פאַר זיך אַ קורצן צעטל פון דאַ־מאָלטיקן רעפּערטואַר: „אליהו הנביא אָדער דער מיליאָנער און בעטלער" (אָן אַן „אָדער" האָט מען זיך דאַמאָלט ניט גערירט), „שמשון הגבור", „דוד בן ישי, אָדער דער נאָכפאָלגער פון שאול", דער אויבנדערמאָנטער „נבוכד־נצר מלך בבל אָדער דניאל אין לייבענגרוב", „אָדם און חוה, אָדער דער פאַרלאָרענער גן עדן", „בת כהן אָדער אַלעקסאַנדריאַ המלכה", „יהודה הגלילי, אָדער דער פּרינץ פון בית לחם", „רבנו גרשום, אָדער קייזער באַזיליוס דער צווייטער". דאָס זיינען אַלץ פּיעסן פון פּראָפעסאָר הורוויץ. דאַן קומען „מרים החשמונאית", „טיטוס אָדער חורבן בית שני", „שומר ישראל", „שיבת ציון" פון משה זייפערט;[36] „אמנון און תמר", „בוסתנאי אָדער דער לעצטער פּרינץ פון מלכות בית דוד" פון יעקב טער [37] אָדער גאָר „דוד בן ישי", „יהודית און אליפורנס", „חורבן ירושלים", „דניאל אין לייבענגרוב", „אשת חיל אָדער די פּרינצעסין פון יהודה" און „אַלעקסאַנדער

אָדער דער קרוינפּרינץ פון ירושלים" פון יאָזעף לאַטיינער. גאָרדין האָט דעריבער אַליין באַשלאָסן, אָדער אונטערן דרוק פון זיינע באַלעבאַטים, אַז ער קאָן ניט אָפּווייכן פון דער מאָדע, און ער דאַרף אויך געבן זיינע טעאַטער־באַזוכער אַ היסטאָרישע פּיעסע, אָבער אָנשטאָט זיך אָוועקזעצן אַליין און אָנשרייבן אַזאַ פּיעסע (ער האָט עס שפּעטער יאָ געטאָן), האָט ער גענומען אַ פאַרטיקע היסטאָרישע פּיעסע, און ניט פון דייטש, נאָר דוקא פון יידיש, און ניט פון אַבי וועמען, נאָר פונם גרינדער פון יידישן טעאַטער, — פון גאָלדפאַדענען, און האָט זי אויפגעפירט אין זיין באַאַרבעטונג.

גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ היסטאָרישע פּיעסע „רבי יאָזעלמאַן אָדער די גזרות פון עלזאַס", האָט גאָרדין גענומען אָט די פּיעסע, זי באַאַרבעט און זי געלאָזט אויפפירן אונטערן נאָמען „מליץ יושר". מליץ יושר מיינט אַ שתדלן, איינער, וועלכער אינטערווענירט, באַמיט זיך פאַר עפּעס. אָט דער רבי יאָזעלמאַן, דער העלד פון דער פּיעסע, איז געווען אַזאַ שתדלן פאַר די יידן אין עלזאַס, וועלכע האָבן דאַמאָלט געליטן פון זייער פיל גזרות. גאָרדין האָט ניט געמאַכט קיין סוד, אַז די פּיעסע ווערט געשטעלט אין זיין באַאַרבעטונג. אַזוי איז געווען דייטלעך אַנאָנסירט, און באַלד האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ניו יאָרקער מליץ יושר פאַר גאָלדפאַדענען, אַ לעזער פון דער „אַרבייטער צייטונג", אַ געוויסער הימעלפאַרב, וואָס האָט אַריינגעשיקט אין דער צייטונג אַ פּראָטעסט קעגן דעם וואָס גאָרדין האָט זיך דערלויבט צו באַאַרבעטן גאָלדפאַדענען, און פון דעם בריוו האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ דיסקוסיע, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די געשיכטע האָט אָנגענומען אַ סענסאַציאָנעלן כאַראַקטער.[38] גאָרדין האָט געענטפערט און אין זיין ענטפער האָט ער דערוויילן אויסגענוצט אַראָפּצורייסן אַלע דאַמאָלטיקע יידישע דראַמאַטורגן און אויך צו זאָגן אַ ביסל אַפּיקורסות וועגן גאָלדפאַדענען. גאָרדינס ענטפער האָט אַרויסגערופן אַרטיקלען פון יעקב מילך [39] און פון לואי מילער און ווידער ענטפערס פון יעקב גאָרדין און באַמערקונגען פון דער רעדאַקציע. מיט איין וואָרט, עס איז געוואָרן אַ טומל. גאָרדין האָט געהאַט אַנאָנסירט און אין זיינע ענטפערס רעדט ער וועגן נאָך אַ גאָלדפאַדען־פּיעסע „משיחס צייטן", וועלכע ער האָט אויך באַאַרבעט צום שפּילן, אָבער זי איז, אַ פּנים, אונטער דעם דרוק פון דעם סקאַנדאַל אַרום דער ערשטער פּיעסע, ניט געשפּילט געוואָרן.

עס וועט זיכער זיין זייער אינטערעסאַנט איבערצוגעבן די דיסקוסיע, וואָס איז דאַמאָלט אַנטשטאַנען אַרום דער געשיכטע פון דער דאָזיקער באַאַרבעטער פּיעסע, ווייל מאַנכע פון די טענות און באַמערקונגען האָבן נאָך היינט ניט פאַרלאָרן זייער אַקטועלן ווערט.

די אַטאַקע האָט, ווי געזאָגט, אָנגעהויבן איינער אַ לעזער הימעלפאַרב, וועלכער ווענדעט זיך מיט זיין בריוו צום דירעקטאָר פון טעאַטער יעקב פּ. אַדלער. ער שרייבט אַזוי:

„אַז איך האָב דערפאַרן פון די אידישע פּעיפּערס [צייטונגען], אַז ה׳ יאַקאָב גאָרדין און ה׳ אַדלער האָבן זיך פאַרייניקט צו פאַרבעסערן דאָס יידישע טעאַטער, האָב איך זיך זייער געפרייט, ווייל איך בין פון די צו־זעער, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם יידישן טעאַטער און ווינטשן אים זען איין אַ בעסערע לאַגע. דאָס ערשטע שטיק, וואָס איז ביי אייך געשפּילט געוואָרן, איז געווען „מליץ יושר״, און ווייל עס איז געווען אַנאָנסירט, אַז דאָס שטיק איז באַאַרבעט פון י. גאָרדין, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס ווערק איז אינטערעסאַנט, און איך בין עס געגאַנגען זען. דאָך האָב איך ניט געקענט געפינען אין דער פּיעסע דעם שפּור פון גאָרדינס פעדער, וועלכע איז מיר גוט באַקאַנט...

איצט גרייט איר זיך אויפפירן אַ ניי שטיק „משיחס צייטן״, ווידער באַאַרבעט פון יעקב גאָרדין. איז עס אויך אַזוי באַאַרבעט ווי „מליץ יושר״? אַלס ה׳ גאָרדינס אַ פאַרערער און אַ גוטער פריינד, בעט איך אים אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון נאָך אייניקע רוסישע אינטעליגענטן צו זיין פאַר־זיכטיק און היטן דעם נאָמען פון אַן אמתן ליטעראַטאָר און שרייבער. גאָלדפאַדען איז ניט גאָרדין און גאָרדין איז ניט גאָלדפאַדען״.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַראַ גערודער אָט דאָס בריוול האָט דאַמאָלט אַרויסגערופן אין ניו יאָרקער יידישן קוואַרטאַל, וואָס האָט געאָ־טעמט מיט די געשעענישן פון יידישן טעאַטער. אַלע זיינען געווען געשפּאַנט צו הערן וואָס גאָרדין האָט דערויף צו ענטפערן, און גאָרדין האָט טאַקע באַלד געענטפערט:

„יאָ מיינע הערן, איך האָב זיך פאַראייניקט מיט דעם ה׳ אַדלער „אום צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דעם יידישן טעאַטער״, אָבער איך בין ניט אַזאַ

העלד ווי אַלעקסאַנדער מוקדון, אַז איך זאָל קאָנען מיט איין האַק פון מיין שלאַפער פעדער איבערשניידן די קנופּ, וועלכע האָט זיך פאַרקניפּלט אין דער צייט פון צענדליקער יאָרן... איצט, ווען איך שטיי אַזוי נאָענט צום יידישן טעאַטער, שטודיר די יידישע פּיעסן, מאַך זיך באַקאַנט מיט דעם געשמאַק און פאַרשטאַנד פון די טעאַטער־באַזוכער. איצט איבערצייג איך מיך, אַז עס פאָדערט זיך פיל קרעפטע, ענערגיע און טאַקט צו פאַרבעסערן דאָס וואָס איז אַזוי טיף און אַזוי שטאַרק פאַרדאָרבן... אויב עס איז אמת, אַז איר זענט אַזוי איבערגעגעבן מיט אייער לייב און זעעלע צום יידישן טעאַטער, גיט אונדז צייט עפּעס צו טאָן. זייט אונדזערע מיטווירקער און העלפט אונדז מיט אייער מאָראַלישער אונטערשטיצונג צו דערפילן די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע. נעמט אויך אין אַכט ניט נאָר דאָס וואָס מיר קאָנען געבן, נאָר אויך דאָס וואָס מיר מוזן געבן".

און איצט גייט גאָרדין איבער צו זאָגן זיינע מיינונגען וועגן גאָלדפאַדען און די אַנדערע יידישע פּיעסן־שרייבער:

„ה' גאָלדפאַדען האָט זיך פאַרדינט אַ שיינעם נאָמען אין דער דייטש־יידישער ליטעראַטור (אַזוי האָט האָט מען דאַמאָלט גערופן יידיש. באַמער־קונג פון ז. ז.). דאָך באַהיט מיך גאָט צו רויבן עפּעס פאַר זיך פון זיין רום און גייסטיקן רייכטום. די קליינע ווערק, וועלכע איך גיב דעם יידישן טעאַטער, געהערן מיר, און קיינמאָל וועל איך ניט פאַלן אַזוי נידעריק, אַז איך זאָל וועלן עפּעס גענומען ביי די יידישע דראַמאַטורגן. יאָ, איך שעם זיך ניט צו ווידערהאָלן אייער אויסרוף, ה' הימעלפאַרב, „גאָלדפאַדען איז ניט גאָרדין און גאָרדין איז ניט גאָלדפאַדען".

אַ קינד, אַ מענטש, וואָס איז גייסטיק ניט אַנטוויקלט, דער וואָס האָט ניט קיין עסטעטישן געשמאַק, זיי קענען ניט פאַרשטיין דעם אינהאַלט און די וויכטיקייט פון אַן אמת איינפאַך לעבנסבילד... זיי פאָדערן נאָר אותות ומופתים, באָבע מעשות, איבעראַשנדע סצענעס, איבערפליסיקע עפעקטן. זיי מוז מען געבן אַן אומגעוויינלעכע פאַרוויקלונג מיט געהיימניסע, מיט קלאָפּנדיקע, צופנדיקע צוזאַמענשטויסונגען און אַן אומנאַטירלעכע, אומ־גלויבלעכע אַנטוויקלונג... די צווער און אויך פיל פון די יידישע שוישפּילער פאַרשטייען נאָר די אויסערלעכע דערשיינונגען פון דעם מענטשנס לעבן.

די אינערלעכע באַוועגונגען פון זיין נשמה זיינען פאַר זיי אומבאַקאַנט. פאַר אַזעלכע מבינים איז זייער לייכט צו פאַבריצירן דראַמען: קיין אינהאַלט פאָדערט זיך ניט, קיין פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג דאַרף מען ניט, קיין שיל־דערונג פון אינערלעכע מענטשלעכע אימפּולסן מוז מען ניט האָבן. ניט פון דער האַנדלונג, ניט פון די באַוועגונגען און ניט פון דעם פאַרגע־שטעלטן לעבן, קאָנט איר ניט דערקענען ווער פון די העלדן איז שלעכט און ווער איז גוט, ווער האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און ווער אַ שוואַכן. ניין, דאָס אַלץ דערציילט אייך דער אַקטיאָר מיט „קנאַקענדיקע" מאָנאָלאָגן. דאָס אַלץ דערקלערט מען אייך נאָר מיט אויסעראָרדנטלעכע עפעקטן, געשרייען... קיין אינהאַלט האָט ניט די דראַמע. קיין אידעע האָט דער אויטאָר אייך ניט צו זאָגן, דעריבער פירט ער אייך אַרויס וויפל פערזאָנען ער וויל, און גיט אייך עפעקטנע סצענען, אַז עס זאָל כאַפּן ביז 12 אַ זייגער אין דער נאַכט... די העלדן האָבן קיין שייכות ניט איינס צו די אַנדערע. געבויט איז אַלץ אָן אַ פּלאַן. צונויפגעשטעלט אַקוראַט ווי דער קאָסטיום פון אַ קלאָון פון פאַרשיידענע רויטע, בלויע, גרינע שטיקלעך. דעריבער איז לייכט מיט אַזאַ ווערק צו טאָן וואָס מען וויל: גרעסער מאַכן, קלענער מאַכן, פאַרלענגערן, פאַרקירצן. איז אייך ווייניק, קומט צו נאָך אַ פּערזאָן און זינגט אייך נאָך אַ קופּלעט. איז נאָך ווייניק, גיט מען נאָך עטלעכע טענץ און מען זינגט נאָך לידלעך... נאָך וואָס דאַרף מען די פּערזאָנען? וואָס דערקלערן זיי? וואָס פאַראַ סמיכת הפרשה קומט דאָ פאַר? נאָך וואָס פירט זיי אַרויס דער אויטאָר? וויפל איז נאַטירלעך זייער דערשיינען? דאָס פרעגט קיינער ניט, און עס האָט צו קיינעם ניט, אַבי די סצענעס זאָלן קלאַפּן...

פאַרשטייט זיך, אַז וויבאַלד קיין אינהאַלט איז ניטאָ, קיין פּלאַן, קיין אידעע, קיין פּסיכאָלאָגישן אמת דאַרף מען ניט, איז זייער גרינג צו שרייבן דראַמען פון דעם לעבן פון אַלע פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, קיסרים, גראַפן, היסטאָרישע העלדן, רוסישע סטודענטן, חסידים, ציגיינער, פּויערים. אַלע קאָנען שרייען טאַנצן און זינגען קופּלעטן... מען דאַרף נאָר, אַז דער קייזער זאָל גיין מיט אַ לאַנגן מאַנטל און זאָל ריידן אַ ביסל קוגל־דייטש, און דער חסיד זאָל טראָגן אַ בעקעשע און זאָל קראַצן די פאה... אַנדערע דראַמאַטורגן נעמען אַ פּאַרטיקע דראַמע, צום ביישפּיל פון דעם לעבן פון גראַפן און

הערצאָגן, און „זעצן" דאָס איבער אין יידישן לעבן... עס איז ניט שווער, דעם גראַף גיט מען אַ נאָמען אָנשטאָט „פרידריך" — געצל, אָנשטאָט באַקנבערד גיט מען אים באָרד און פאות, און עס איז שוין פאַרטיק... זייערע אָריגינעלע פּיעסן זיינען אויך נאָר אויסערלעכע קאַריקאַטוריסטישע שילדערונגען... זיי קענען ניט, ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט דעם אינער־לעכן אינהאַלט פון די דערשיינונגען, וועלכע זיי ווילן אויסדריקן..."

און דאָ דערציילט גאָרדין אַ זאַך, וועלכע איז זייער טשיקאַווע און ווייזט וואָס פאַראַ מיינונג ער האָט וועגן גאָלדפאַדענען אַלס דראַמאַטורג. צווישן גאָלדפאַדענס פּיעסן איז פאַראַן איינע, וואָס הייסט „משיחס צייטן". דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז פאַרבונדן מיט איבערוואַנדערונגען פון איין לאַנד אין אַ צווייטן. די ערשטע דריי אַקטן קומען פאָר אין רוסלאַנד, דער פערטער אַקט אין אַמעריקע און דער פינפטער אין ארץ ישראל. אין דעם לעצטן אַקט פּראָפּאַגאַנדירט גאָלדפאַדען פאַר דער „חיבת ציון־אידעע". פיל שטעלן פון דער האַנדלונג אין אַמעריקע טראָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַ־ראַקטער און ווייזן, אַז גאָלדפאַדען איז ניט געווען צו אָפּטימיסטיש וועגן אַמעריקע. אַלנפאַלס איז דאָס איינע פון די געציילטע אָריגינעלע גאָלדפאַדען־פּיעסן, ווייל מערסטנטייל האָט דאָך גאָלדפאַדען גענומען זיינע פּיעסן אָדער פון אַנדערע פּיעסן אָדער פון פאַרטיקע ביבלישע אָדער היסטאָרישע סוזשעטן. אויך די פּיעסע „משיחס צייטן" האָט גאָרדין באַאַרבעט, און אָט וואָס ער זאָגט וועגן אָריגינאַל פון דער פּיעסע און זיין באַאַרבעטונג:

„דעריבער מיינע הערן, ווען איך האָב גענומען באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס ווערק „משיחס צייטן", האָב איך געמוזט אויפשרייבן אַ גאַנץ נייע דראַמע, פון אָנהייב ביזן אויסלאָז, פון ערשטן וואָרט ביזן לעצטן. נייע טיפּן, נייע כאַראַקטערן, נייע געדאַנקען, נייע ווערטער. (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ז. ז.). שרייבט מען שוין אַ לעבנסבילד, וויל מען שוין יאָ אויסדריקן אַ געדאַנק מיט די ווערטער „משיחס צייטן", דאַרף מען עפּעס קענען און עפּעס פאַרשטיין, אַז די אידעע פון „משיחס צייטן" קאָן ניט אויסגעדריקט ווערן מיט קופּלעטן, פאַלשע פאַרטייאישע מיינונגען, פאַטריאָטישע לידער פון „אתה בחרתנותדיקע געדאַנקען".

און גאָרדין פאַרענדיקט זיין באַשולדיקונגס־אַקט קעגן גאָלדפאַדענען מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אין דער פיעסע „משיחס צייטן" געהערט דעם ה' גאָלדפאַדען נאָר דער נאָמען און אייניקע קופּלעטן, אַלץ איבריקע איז פאַרפאַסט פון יעקב גאָרדין".

די „אַרבייטער צייטונג", וואָס האָט געדרוקט גאָרדינס דערקלערונג, גיט צום סוף צו, אַז מען זאָל ניט מיינען, אַז זי האָט געדרוקט גאָרדינס אַרטיקל דערפאַר, ווייל זי איז מסכים מיט אים אָדער פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע. די צייטונג איז אָפן פאַר אַן אָנשטענדיקן ענטפער צו גאָרדינען און אויך אויף אַ ליטעראַרישער קריטיק איבער גאָלדפאַדענס דראַמען און זייער ווירקונג אויף די „זשאַרגאָן־שפּרעכנדע" יידן, און אַלץ דערפאַר, ווייל די דיסקוסיע באַשעפטיקט אַ געוויסן טייל פון די יידישע טעאַטער־באַזוכער.

איך האָב אין גאָרדינס ענטפער אונטערגעשטראָכן אַ געוויסע שטעל, ווייל פון איר איז עפּעס ניט פאַרשטענדלעך. גאָרדין דערציילט איינפאַך, אַז די גאַנצע פּיעסע איז זיינע, און אַז געבליבן פון גאָלדפאַדען איז נאָר דער נאָמען און אייניקע קופּלעטלעך. ווייטער אַלץ איבעריקע, הייסט עס, האָט געטויגט אויף כּפּרות. פרעגט זיך אַ פראַגע פאַרוואָס האָט גאָרדין זיך באַגנוגנט מיט צוגעבן צו זיין פּיעסע זיין נאָמען בלויז אַלס באַאַרבעטער און צונעמען גאָלדפאַדענען פאַר אַ שותּף בלויז דערפאַר, ווייל די פּיעסע טראָגט דעם זעלבן נאָמען, וואָס גאָלדפאַדען האָט איר געגעבן, און עס זיינען געבליבן בלויז אייניקע קופּלעטן, וועלכע גאָרדין האָט לייכט געקאָנט אַרויסוואַרפן און אָנשרייבן אייגענע, ווייל די מלאכה האָט ער דאָך אויך געקענט.

אינטערעסאַנט זיינען אין גאָרדינס ענטפער נאָך צוויי זינד, וועלכע ער וואַרפט פאַר די דראַמאַטורגן פון יענער צייט:

1) דאָס וואָס זייערע פּיעסן זיינען ניט פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט.

2) דאָס, וואָס די העלדן פון זייערע פּיעסן זיינען גרים, איבערגעפּירט פון ניט־יידישן לעבן, און בלויז די נעמען פון די העלדן זיינען פאַריידישט.

גראַד די זעלבע צוויי זינד האָבן פיל קריטיקער שפּעטער פאַרגעוואָרפן גאָרדינען בנוגע זיינע פּיעסן, און דאָך האָט ביי זיין לעבן קיינער אים ניט באַאַרבעט, ביז סאַמע אין די לעצטע יאָרן. אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט, האָט מאָריס שוואַרץ [40] זיך דערלויבט איבערצואַרבעטן גאָרדינס פּיעסן, אַזוי

אויך דאָס יידישע טעאַטער אין סאָוועטישן קיעוו,[41] און נאָך שפּעטער דער פּיעסן־שרייבער ישראל ראָזענבערג.[42]

אָבער גאָרדינס בריוו־אַרטיקל איז ניט פאַרשוויגן געוואָרן. ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן וועגן דעם גאַנצן ענין אַ גרויסע דיסקוסיע, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די דאַמאָלטיקע יידישע גאַס אין ניו יאָרק.

## קאַפּיטל זעקס

# גאָרדינס צווייטע באַארבעטע גאָלדפּאַדען־פּיעסע ווערט מער ניט אויפגעפירט

די אַקטיאָרן האָבן ניט געשפּילט גאָרדינס באַאַרבעטונג, נאָר גאָלד־פּאַדענס אָריגינאַל — אַ דיסקוסיע אין וועלכער עס זיינען פאַרמישט געוואָרן יעקב מילך און לואי מילער — גאָרדין נעמט אָן אַ פּויל מויל מיט וואַסער — דאָס טעאַטער שטעלט ניט „משיחס צייטן" פון גאָלדפאַדען אין גאָרדינס באַאַרבעטונג.

גאָרדין האָט געמיינט, אַז דערמיט וואָס ער האָט אַזוי אונטערגעשטראָכן זיין וויסן ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן אַ פּיעסע און געמאַכט אַש און בלאָטע פון אַלע דאַמאָלטיקע שרייבער פאַר דער יידישער בינע, און אויך דערמיט וואָס ער האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ווען ער האָט גענומען באַאַרבעטן אברהם גאָלדפאַדענס פּיעסע „מליץ יושר", האָט ער זי אינגאַנצן איבערגע־שריבן וואָרט פאַר וואָרט, האָט ער איינגעשטילט דעם שרייבער פון דעם בריוו אין רעדאַקציע.

גאָרדין, וועלכער איז שטענדיק געווען אַ שטאַרק איינגעגלויבטער אין זיך, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען אין זיינע קאַמפן מיט אב. קאַהאַן און אַנדערע, איז געווען זיכער, אַז איצט וועט שוין קיינער ניט וואַגן אים אַ וואָרט צו ריידן וועגן דעם, וואָס ער האָט גענומען און אויפגעפירט אַ גאָלד־פאַדען־פּיעסע און זי אינגאַנצן איבערגעענדערט, אָבער דער סענטימענט פאַר גאָלדפאַדענען איז דאַמאָלט געווען צו גרויס אין יידישן קוואַרטאַל, אַז מען זאָל אַזוי פאַרשווייגן דאָס געשעעניש.

אויף גאָרדינס אַרטיקל האָט געענטפערט איינער, וואָס האָט דאַמאָלט געשפּילט אַ גאַנץ לייטישע ראָל ביי דער יידישער אינטעליגענץ אין ניו יאָרק, דער שרייבער יעקב מילך, וועלכער איז נאָך געווען אַ סאָציאַליסט אין

דער אַלטער היים, אין פּוילן, און האָט אין אַמעריקע זיך אויך געקהלט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן.

מילך האָט באַלד דערויף אָפּגעדרוקט אין „אַרבייטער צייטונג" אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט געזאָגט:

„איך קען ניט גאָלדפאַדענס „מליץ יושר". איך ווייס אויך ניט אויב גאָרדין האָט אים באַאַרבעט. איך וויל אַלזאָ ניט זאָגן מיין מיינונג איבער דער פּיעסע גופא, צי האָט זי גאָרדין ווירקלעך באַאַרבעט צי ניט. איך וויל נאָר איצט פרעגן ביי ה' גאָרדין עטלעכע פראַגן:

1) איך קען גאָרניט פאַרשטיין צו וואָס דאַרף דאָס גאָרדין איבערהויפּט באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס דראַמען? אויב ער געפינט, אַז גאָלדפאַדענס פּיעסן האָבן ניט די אַלע מעלות וואָס אַ פּיעסע דאַרף האָבן, זאָל ער זיי פאַרוואַרפן און אויפשרייבן נייע. צי קאָן דען ניט ה' גאָרדין אויפשרייבן אַ נייע פּיעסע, וועלכע זאָל זיין „אַן אמת לעבנסבילד מיט ריכטיקע טיפּן גענומען פון דער נאַטור" און טאָקע אויך מיט נייע נעמען? צו וואָס זיך באַנוצן מיט פרעמדע נעמען?

2) פאַרוואָס פאַרלאַנגט עפּעס ה' גאָרדין, אַז מען זאָל אים גלויבן אויפן וואָרט? עס איז שוין אַ צייט מיט יאָרן ווי גאָלדפאַדענס פּיעסן ווערן געשפּילט אויף דער יידישער בינע און זיי האָבן שטענדיק געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און איך ווינטש נאָך היינט, אַז אַלע יידישע „טו אָרדער" [אויף באַשטעלונג] שרייבער זאָלן, ווען ניט קיין בעסערע, על כל פנים קיין ערגערע, ניט שרייבן, און דאָ קומט פּלוצלינג ה' גאָרדין און דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט גענומען פון לעבן, אַז עס זיינען ניט קיין ריכטיקע טיפּן און אַזוי ווייטער. וואו זיינען די פאַקטן?

הימעלפאַרב [וועלכער האָט אָנגעהויבן דעם טומל מיט זיין בריוו אין רעדאַקציע צו גאָרדינען], האָט געפרעגט, מיט וועלכע רעכט שרייבט זיך צו גאָרדין די באַאַרבעטונג פון „מליץ יושר", בעת ער, גאָרדין, האָט גאָר־ניט באַאַרבעט, און אין איין וועגס פרעגט ער אים אויך שוין צי וועט (גאָלדפאַדענס צווייטע פּיעסע) „משיחס צייטן" אויך ווערן אַזוי באַאַרבעט. יעדער איינער קאָן דאָ זען, אַז די הויפּט־פראַגע באַציט זיך אויף „מליץ יושר", און ווען גאָרדין האָט שוין יאָ געפונען פאַר נייטיק צו דערקלערן,

האָט ער דאָך על כל פּנים געדאַרפט זיך באַציען אויף דער הויפּט־פראַגע. וואָס זשע האָט גאַרדין געטאָן? ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן אַרטיקל, וואָס אַ פּיעסע דאַרף זיין, און פּירט אויס, אַז די „משיחס צייטן" וואָס מיר וועלן קירצלעך דערלעבן (צו זען אויף דער בינע), זיינען דאָס טאַקע מיט אַלע פּיטשעווקעס באַאַרבעט פון אים. מילא, צי דאָס אַלץ איז אמת, וועלן מיר זען, אַז מיר וועלן דערלעבן משיחס צייטן (דאָס הייסט, ווען די פּיעסע וועט אויפגעפירט ווערן. באַמערקונג פון ז. ז.). אָבער וואָס איז מיט דעם „מליץ יושר", ה' גאָרדין? צי בלייבט עס אַ „מליץ יושר" פאַר גאָלדפאַדענען אָדער ניט?".

ווען מען צעקייעט גוט יעקב מילכס בריוו איז עס אַ פּשוטע אָנקלאַגע קעגן גאָרדינען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פּלאַגיאַט, ווייל מילך ווייזט אָן, אַז גאָרדין האָט גאָרניט געזאָגט וועגן דעם וואָס ער האָט געטאָן מיט דער פּיעסע, אויף וויפל ער האָט זי באַאַרבעט, אָבער גאָרדין האָט אָנגעגעבן אויף איר זיין נאָמען אַלס באַאַרבעטער. געדאַרפט וואָלט מען רעכענען, אַז גאָרדין וועט זיך פילן אַזוי אָנגעגריפן פון מילכס בריוו, אַז ער וועט אים באַלד ענטפערן. אָבער עס זיינען אַוועק אייניקע וואָכן און גאָרדין האָט אים ניט געענטפערט. אַריינגעמישט אין דער דיסקוסיע האָט זיך גאָר דער דאַמאָלט־באַרימטער לואי מילער,[43] וועלכער האָט אָפּגעדרוקט וועגן דעם ענין אַ גאַנצן אַרטיקל אין וועלכן ער זאָגט:

„מיט דעם טאָן פון אַ וואָזשנעם רב הייבט גענאָסע מילך אָן זאָגן גאָרדינען מוסר פאַר דער חוצפּה אויסצובעסערן גאָלדפאַדענס שטיק. איבריקנס איז פון מילכס „באַמערקונג" ניט אינגאַנצן קלאָר צי ער בייזערט זיך אויף גאָרדינען, ווייל ער האָט איבערגעמאַכט גאָלדפאַדענס שטיק, צי דערפאַר, ווייל ער האָט זיי ניט איבערגעמאַכט. יעדנפאַלס פּריקאַזעוועט [באַפעלט] ער גאָרדינען מיט אַ שטרענגן טאָן צו ענטפערן אים צי גאָלדפאַדען צי אַן אַנדערער איז דער פאַרפאַסער פון „מליץ יושר".

איך וויל דאָ ניט פאַרטיידיקן גאָרדינען. ווען עס איז אמת, וואָס הימעל־פאַרב זאָגט, אַז „מליץ יושר" ווערט געשפּילט אַזוי ווי זיין טאַטע גאָלדפאַדען האָט עס געשריבן, פריייט דאָס מיך אין די אינטערעסן פון גאָרדינען. יעדער, וואָס האָט געזען דאָס שטיק און פאַרשטייט וואָס אַ שטיק דאַרף זיין, ווייסט

גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט פיל ערע צו רופן זיך איר פּראָפעסער און נאָך ווייניקער ערע זיך צו שרייבן אַלס איר רעדאַקטאָר. און ווען געגאַסע מילך, וואָלט אָנשטאָט צו דערקלערן שטאָלץ, אַז ער האָט ניט געזען „מליץ יושר", וואָלט ער טאַקע אַוועק עס זען, און וואָלט זיך גוט צוגעקוקט, ווי, צום ביישפּיל. אַ מאַן, נאָכדעם ווי מען האָט אים דאָרט (לויט דער האַנדלונג פון דער פּיעסע) פאַראורטיילט צום טויט, הייבט אָן פון האַרץ־קלעמעניש און יסורים צו טאַנצן אַ קאַזאַצקע און זינגען פריילעכע קופּלעטן, דאַן וואָלט ער זיך זיכער פאַרשפּאָרט די מי לעכערלעך צו מאַכן און פּאָדערן, אַז גאָרדין זאָל אים „באַווייזן מיט פאַקטן", אַז דאָס שטיק איז ניט קיין „לעבנסבילד" מיט ריכטיקע טיפּן גענומען פון דער נאַטור.

און דאָ קומט אַרויס מילער מיט אַ נייע מעשה, וואָס וואַרפט אַ מאָדנע ליכט אויף דער גאַנצער געשיכטע.

מילער זאָגט, אַז וואָס אַמבאַלאַנגט פּאַרוואָס גאָרדין האָט אָנגעגעבן, אַז ער האָט איבערגעמאַכט גאָלדפאַדענס פּיעסע „מליץ יושר", האַלט ער, מילער, אַז אויב ניט מילך, האָט אַלנפאַלס די „אַרבייטער צייטונג" געקאָנט זיך דערוויסן די אורזאַך וואָס נאָכדעם ווי גאָרדין האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס באַאַרבעטער, האָט מען פאָרט פון דער בינע געזען די פּיעסע ניט אין גאָרדינס באַאַרבעטונג, נאָר אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט זי געשריבן. די אורזאַך איז אַ גאַנץ איינפאַכע; די אַקטיאָרן האָבן אַרויסגעוואָרפן אַלץ וואָס גאָרדין האָט דאָרט איינגעשטעלט, און האָבן צוריק אַריינגעשטעלט אַלץ וואָס גאָרדין האָט אַרויסגעוואָרפן.

פון דעם איז צו זען, אַז די אַקטיאָרן, וועלכע עס איז אַ פּנים בעסער געפעלן גאָלדפאַדענס טעקסט, האָבן ניט געלייגט קיין שום אַכט אויף גאָרדינס באַאַרבעטונג, אויף וועלכן זיי האָבן געמאַכט פּראָבן, און אַז עס איז געקומען צום שפּילן, האָבן זיי געזאָגט די אַלטע, גאָלדפאַדען־פּראָזע, מאַכנדיק אָבער פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר גאָרדינען, וועמענס נאָמען עס איז געשטאַנען אין די אַנאָנסן און אויף די אַפישן אַלס באַאַרבעטער פון דער פּיעסע.

אָפּגעוואָשן דעם גאַנצן פלעק פון גאָרדינס פאַראַנטוואָרטלעכקייט,

נעמט זיך ערשט מילערריידן וועגן גאָלדפאַדענען און גאָרדינען און זייער באַדייט.

„עס איז לעכערלעך צו פאַרגלייכן גאָרדינען מיט גאָלדפאַדענען — שרייבט מילער — ווער פון זיי עס האָט אַ ריכטיקערן באַגריף וועגן די אויפגאַבן פון דער אמתער קונסט. אויב גאָלדפאַדענען געהערט די ערע, אַז ער האָט באַשאַפן די יידישע בינע, ליגט אויך אויף אים די שאַנד, אַז די בינע, ווי ער האָט איר באַשאַפן און ווי זי עקזיסטירט נאָך היינט צו טאָג, איז ניט מער ווי אַ קאַריקאַטור אויף דעם, וואָס אַ בינע דאַרף זיין. ...זיין [מילכס] אַרגומענט, אַז גאָלדפאַדענס פיעסן „האָבן שטענדיק געהאַט אויף דער יידישער בינע אַ גרויסן דערפאָלג״, איז די טרויעריקסטע פון אַלע זיינע „באַמערקונגען״. ווען מען דערמאָנט זיך וועלכער מין קונסט באַגייסטערט און האָט אַ דערפאָלג ביי אונדזער יידיש פובליקום.״

און ווייטער טענהט מילער, אַז ער פאַרשטייט ניט מילכס טענה מיט וועלכן רעכט גאָרדין האָט באַאַרבעט גאָלדפאַדענס פיעסע, אין דער צייט, וואָס דער זעלבער מילער באַאַרבעט פריי פאַר דער „אַרבייטער צייטונג״ דעם באַרימטן ראָמאַן פון פרץ סמאָלענסקין „קבורת חמור״, וואָס האָט זיך גראָד דאַמאָלט געדרוקט אין מילכס פרייער יידישער באַאַרבעטונג, דאָס הייסט, אַז עס בלייבט לדור דורות, אין דער צייט וואָס גאָרדינס באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס פיעסע ווערט ניט געדרוקט, נאָר בלויז געשפילט, און זי לעבט נאָר, הייסט עס, אַזוי לאַנג ווי זי ווערט געשפילט, ניט לענגער!

אויך איצט האָט גאָרדין ווידער זיך ניט אַריינגעמישט אין דער דיסקוסיע ווי עס וואָלט זיך גאָרניט געהאַנדלט וועגן אים, אָבער דערפאַר האָט מילך ווידער געענטפערט, און אין זיין ענטפער דריקט ער אויס זיין פאַרוואונדערונג וואָס גאָרדין האָט ניט געפונען פאַר נייטיק אים צו ענטפערן, נאָר געענטפערט האָט אים גאָר אַ זייטיקער מענטש, מילער, און ער פרעגט ווידער נאָך אַמאָל די זעלבע פראַגן: 1) צו וואָס האָט גאָרדין געדאַרפט באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס פיעסן, ווען ער האַלט, אַז זיי טויגן ניט. זאָל ער טאַקע אַליין אויפשרייבן, נייע, בעסערע פיעסן און מיט נייע נעמען; 2) פאַרוואָס וויל גאָרדין, אַז מען זאָל אים גלייבן אויפן

וואָרט, אַז גאָלדפאַדענס פּיעסן טויגן ניט. דאָס פאַלק, וואָס האָט שטענדיק געהאַט הנאה פון גאָלדפאַדענס פּיעסן און וואָס ווייסט, אַז זיי האָבן שטענדיק געהאַט דערפאָלג, האַלט, אַז גאָלדפאַדענס פּיעסן טויגן יאָ און זאָל גאָרדין אויפווייזן פּאַרוואָס זיי טויגן ניט; 3) פאַרוואָס שרייבט גאָרדין זיין נאָמען אַלס באַאַרבעטער פון גאָלדפאַדענס „מליץ יושר" אין דער צייט וואָס אין דער ווירקלעכקייט האָט מען געשפּילט דעם טעקסט פון גאָלדפאַדענען.

מילך האַלט דעריבער, אַז ער האָט ניט געקראָגן קיין ענטפער אויף די אַלע פראַגן, וועלכע ער האָט געשטעלט גאָרדינען, און אויף דעם פאָרוואורף פון מילערן פאַרוואָס ער האָט טענות צו גאָרדינען פאַרוואָס יענער האָט באַאַרבעט גאָלדפאַדענען אין דער צייט וואָס ער, מילך, באַאַרבעט פריי סמאָלענסקינס ראָמאַן, ענטפערט מילך, אַז ער האָט ניט קיין טענה, אַז גאָרדין האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו באַאַרבעטן גאָלד־פאַדענען. ער האָט נאָר די טענה פאַרוואָס גאָרדין האָט אים באַאַרבעט אין דער צייט, וואָס ער האַלט ניט פון זיין שרייבן, און וואָט כאָטש גאָרדין האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס באַאַרבעטער, האָט מען פאַקטיש געשפּילט גאָלדפאַדענס „מליץ יושר" אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט עס אָנגעשריבן, און בנוגע זיין, מילכס באַאַרבעטונג פון סמאָלענסקינס ווערק, האָט ער עס באַאַרבעט דערפאַר, ווייל עס געפעלט אים יאָ. ער האַלט, אַז ער, מילך, וואָלט אַזוי ניט געקאָנט שרייבן, און פריי באַאַרבעט האָט ער עס דערפאַר, ווייל אויף יידיש זיינען ניטאָ אַלע נייטיקע אויסדריקן. אויסער דעם, איז דאָך סמאָלענסקינס ווערק געשריבן אין העברעאיש, און ער, מילך, האָט עס איבערגעזעצט אָדער פריי באַאַרבעט אין יידיש, אין דער צייט, וואָס גאָלדפאַדענס „מליץ יושר" איז דאָך באַלד געשריבן אין יידיש.

קורץ, גאָרדין האָט ווידער דערויף ניט געענטפערט.

אָבער די צווייטע פּיעסע פון גאָלדפאַדען, „משיחס צייטן", וועלכע גאָרדין זאָל אויך האָבן איבערגעאַרבעט, איז קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן.

דאָס איז פאַקטיש דער בעסטער ענטפער. אין זיין קאַמף קעגן גאָלד־פאַדענען האָט גאָרדין פאַרלוירן.

## די וועלט פון יעקב גאָרדין

גאָרדינען איז שפּעטער אויסגעקומען צו פירן אַן ענלעכן קאַמף מיט אַ צווייטן יידישן דראַמאַטורג, מיט קאָברינען, אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער.

איצט קומען מיר צו אַ פּעריאָד אין גאָרדינס לעבן, ווען זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן צו שיינען. מיר קומען צו דער ערשטער גאָרדין־פּיעסע, וואָס האָט אים געמאַכט באַרימט אויף אַלע יידישע בינעס און ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט, צו דער אויפפירונג פון יעקב גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר".

## קאַפּיטל זיבן

# „יידישער קעניג ליר" עפּנט פאַר גאָרדינען די יידישע וועלט־בינע

די אַקטיאָרן האַלטן ניט פון דער פּיעסע ווען גאָרדין לייענט זי פאָר — די פּיעסע איז באַאַרבעט פון שעקספּירס „קעניג ליר" און אַ דייטשע פּיעסע — די ערשטע פּיעסע אין וועלכער גאָרדין לאָזט אַריינעמען דעם מוזיקאַלישן עלעמענט — די ראָל „דוד משהלעס", וואָס האָט יעקב פּ. אַדלערן באַרימט געמאַכט.

עס איז ריכטיק, אַז כראָנאָלאָגיש איז דער „יידישער קעניג ליר" יעקב גאָרדינס דריטע אויפגעפירטע פּיעסע, אָבער גייסטיק, מאָראַליש, וואָלט זי געדאַרפט פאַרעכנט ווערן אַלס גאָרדינס ערשטע געשפּילטע פּיעסע, ווייל ערשט מיטן „יידישן קעניג ליר" האָט זיך גאָרדין איינגעביסן אין יידישן טעאַטער און אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם אויבנאָן, ביז ער איז געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע" און זיין נאָמען איז געוואָרן פּאָפּולער אין איין ריי מיט אברהם גאָלדפאַדען, דער גרינדער פון יידישן טעאַטער.

עס איז שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געשילדערט געווען, ווי אַנטציקט די אַקטיאָרן זיינען געווען פון גאָרדינס בייע פּראָזע צו וועלכער זיינען, ביז צו אים, ניט געווען צוגעוואוינט. און כאָטש זיינע פּיעסן האָבן ניט געבראַכט קיין מאַטעריעלן דערפאָלג, זיינען אָבער ביידע ערשטע פּיעסן „סיביריאַ" און „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד" געווען אַ גרויסער מאָראַלישער דערפאָלג צוליב דעם נייעם טאָן, וואָס גאָרדין האָט אין זיי אָנגעשלאָגן. אָבער פאָרט וואָלט גאָרדין דורך אָט די צוויי פּיעסן געבליבן ניט מער ווי אַן עפּיזאָדישער דראַמאַטורג, ווי עס זיינען געבליבן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אַנדערע שרייבער, וועלכע האָבן אויך

געשריבן לעבנס־פּיעסן, אַ שטייגער ווי באַזעלינסקי[44] מיט זיין „משוגענע אויס ליבע", ישראל באַרסקי[45] מיט די דריי פּיעסן, ד"ר בן ציון מיט 8 פּיעסן, רודאָלף מאַרקס מיט 12 פּיעסן, אַדאַם מעסקאַ[46] און אַנדערע, שוין אָפּגערעדט פון מענדעלע מוכר ספרימס פּרווו אויפן דראַמאַטורגישן געביט מיט צוויי פּיעסן. דאָס זיינען אַלץ געווען פּיעסן נאָך פּאַר גאָרדינען אָדער אין דער זעלבער צייט ווי זיינע ערשטע פּיעסן.

זיין אָנגעזעענע פּאָזיציע אַלס דראַמאַטורג, דאָס אַרויפשטייגן אויפן דראַמאַטורגישן טראָן הייבט זיך אָן ביי גאָרדינען מיטן „יידישן קעניג ליר", און, אינטערעסאַנט ווי גאָרדין האָט באַלד געכאַפּט דעם שניט, אַז זיין דערפאָלג אַלס דראַמאַטורג איז געזיכערטער, ווען ער וועט אָנשטאָט אייגענע טעמעס, אייגענע דורכגעטראַכטע און דורכגעפילטע סוזשעטן, בעסער באַנוצן סוזשעטן, וועלכע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פון אַנדערע דראַמאַטורגן, און האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אויף דער בינע דעם גרעסטן דערפאָלג.

און אויב שוין יאָ נעמען ביי אַנדערע דראַמאַטורגן, איז גאָרדין ניט געגאַנגען ווי זיינע פאָרגענגער, לאַטיינער און הורוויץ, צו נעמען ביי אַבי וועמען, ביי אַ ליאַדע פּיעסן־שרייבער, וועמענס פּיעסע עס איז צופעליק געדרוקט, נאָר ער, גאָרדין, איז באַלד געגאַנגען צום „קעניג פון דער דראַמאַטורגיע", צום גרעסטן טעאַטער־גאון, צו דעם וועלט־ריז וויליאַם שעקספּיר.[47]

גאָרדין איז אַזוי באַהערשט געוואָרן פון שעקספּירס דראַמע, וועלכע ער האָט באַנוצט פאַר דער קאַנווע פון זיין פּיעסע, אַז ער האָט אַפילו דעם נאָמען פון דער אָריגינעלער דראַמע ניט געענדערט, נאָר בלויז צוגעגעבן צום נאָמען „דער יידישער".

עס איז שווער צו גלייבן, אַז אין יענער צייט, ווען דער גרעסטער טייל פון יידישן טעאַטער איז באַשטאַנען פון אַ וועלטלעך־קולטורלאָזן עלעמענט, וואָס האָט העכסטנס געהאַט אַ שטרענג יידישע דערציאונג און טייל אויך יידישע בילדונג, זאָל ער האָבן געוואוסט פון דעם מחבר שעקספּיר און געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ דראַמע ווי „קעניג ליר".

אַט ווי גאָרדין אַליין כאַראַקטעריזירט זיין דאַמאָלטיקן טעאַטער־עולם:

„נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „קעניג ליר", האָב איך געהערט

ווי אַן אַלטער ייד האָט געזאָגט: „אַ גוט שטיק, ס'איז אַ מוסר פון לעבן".

— איך דאַנק אייך — האָב איך אים געזאָגט מיט פרייד.

— וואָס איז מיט אייך די שמחה? — האָט דער ייד מיך געפרעגט.

— איך בין דער אויטאָר — האָב איך געענטפערט דעם ייד.

— וואָס הייסט אויטאָר? — האָט דער ייד ווידער געפרעגט.

— איך האָב עס געשריבן — האָב איך אים שוין קלאָר געענטפערט.

— נאָך וואָס האָט איר עס גדאַרפט איבערשרייבן, אַז די אַקטיאָרן זאָגן עס פון אויסנווייניק? — האָט דער ייד נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם שייכות צווישן דער פיעסע און מיר".

טאָ צו וואָס האָט עס גאָרדין געדאַרפט בלייבן ביים נאָמען, צוגעבנדיק אים בלויז דעם כשר־סטעמפּל מיטן צוגאָב „יידישער"? בלייבט איינס פון ביידע: אָדער גאָרדין האָט געבויט דערויף, וואָס דורך זאָגן אָפן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פרייע איבערפּראַזירונג פון שעקספּירס „קעניג ליר", וועט ער אַריינציען אין טעאַטער די יידיש־רוסישע אינטעליגענץ, וועלכע איז יאָ געווען באַקאַנט סיי מיט שעקספּירן, סיי מיט זיינע ווערק, און זיי וועלן זיין פאַראינטערעסירט צו זען וואָס פאַראַ פּאַטראַווע גאָרדין האָט געמאַכט פון דעם אָריגינאַל, אָדער — און דאָס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן — אַז אַזוי ווי אין יענער צייט האָט מען אויף דער יידישער בינע געשפּילט אַלץ די הורוויץ—לאַטיינער היסטאָרישע אָפּערעטן און „אָפּערעס" אין וועלכע עס האָט געשוויבלט אויף טריט און שריט מיט פּרינצן, גראַפן און מלאכים, האָט זיך אויך געניייטיקט אַקעגנצושטעלן אַ קעניג, און אויב שוין יאָ אַ קעניג, טאָ פאַרוואָס ניט בלייבן טאַקע ביים אָריגינעלן נאָמען פון וואַנען דער „יידישער קעניג ליר" איז גענומען געוואָרן?

אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז באַלד ווי גאָרדין האָט פאַרגעלייענט זיין פיעסע פאַר די אַקטיאָרן, האָבן זיי איינגעזען וואָס פאַר אַ אוצר (און דאָס מאָל — אַ מאַטעריעלן) ער האָט זיי געבראַכט. ניין! גאָרדין דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער האָט פאַרגעלייענט די פיעסע פאַר די אַקטיאָרן, האָט איין שוישפּילער געזאָגט, אַז די פיעסע וועט שטיין אויפן אַפיש פון פרייטיק ביז שבת, דאָס הייסט, אַז זי וועט גיין בלויז די עטלעכע מאָל, וואָס איז אַנאָנסירט אויפן סוף־וואָך־אַפיש,

ווי מען פלעגט, דאַמאָלט דרוקן אַפישן. אַן אַנדערער אַקטיאָר האָט געזאָגט, אַז ער האָט די פּיעסע געזען וואָרט אין וואָרט אין דייטש פון אַ שרייבער הער שעקספּיר.

און ב. גאָרין, דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, דערציילט נאָך ערגערס:

„די אַקטיאָרן — שרייבט ער — האָבן זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָפּגעוואוינען פון געדאַנק, אַז אַ נייער פּאָרפאָסער איז אַ „יאָלד״, און בשעת גאָרדין (כאָטש ער האָט שוין געהאַט אויפגעפירט צוויי פּיעסן אין יידישן טעאַטער — ז. ז.) האָט פאָרגעלעזן זיין נייע פּיעסע, האָט איינער פון די אַקטיאָרן, און דוקא פון די וויכטיקסטע, געמאַכט דערביי אַזעלכע פוילע שטיק, אַז די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. אַזוי לאַנג ווי דאָס געלעכטער האָט זיך געהערט בעת די קאָמישע שטעלן פון דער פּיעסע, האָט גאָרדין אָנגענומען, אַז דאָס קומט צוליב דעם קאָמישן אינהאַלט, אָבער ווען בעתן פאָרלייענען אַ דראַמאַטישע סצענע, האָט זיך געהערט אַ שטאַרק געלעכטער, האָט שוין גאָרדין אויס־געשפּיצט זיינע אויגן און באַלד אויסגעפונען די אורזאַך. דער שפּאַס פון דעם דערמאָנטן אַקטיאָר איז געווען אַזאַ גראָבער, אַז מען קאָן אים פּשוט ניט איבערגעבן אויפן פּאַפּיר.״

און אַפילו ווען מען איז שוין צוגעטראָטן שפּילן די פּיעסע, האָט גאָרדין אַלץ נאָך ניט געהאַט קיין נחת. יעקב פּ. אַדלער, וועלכער האָט געשפּילט די הויפּטראָל פון „דוד משהלעס״ („דער יידישער קעניג ליר״), אַ ראָל, וועלכע האָט אים אַזוי באַרימט געמאַכט, האָט זיין אומצופרידנקייט מיט דער פּיעסע אויסגעדריקט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אייגענע „פּראָזע״. ווען גאָרדין האָט דאָס דערהערט, האָט ער געמאַכט אַדלערן פאָרוואורפן, און עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס, פּונקט ווי גאָרדין האָט געהאַט בעת דער אויפפירונג פון זיינע פריערדיקע צוויי פּיעסן. דער צוזאַמענשטויס, ווי לעאָן קאָברין דערציילט, האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס אַדלער האָט איבערגעבעטן גאָרדינען. אַדלער האָט געוואוסט, אַז אויב ער בלייבט צעקריגט מיט גאָרדינען, וועט גאָרדין אים ניט דער־לויבן צו שפּילן די פּיעסע, און אַדלער האָט שוין דערפילט, וואָס די פּיעסע

מיינט פֿאַר אים און ער האָט בעסער געזען דורכצוקומען מיט גאָרדינען.

ווען ס'איז אין אַ פֿריערדיק קאַפּיטל איבערגעגעבן געוואָרן די איינ־דרוקן וואָס בעסי טאָמאַשעווסקי האָט באַקומען ווען זי האָט געזען גאָרדינס פּיעסע „סיביריאַ", איז אויך געבראַכט געוואָרן איר אויסדרוק, אַז „די פּיעסע איז געווען אַ טרוקענע". אָט דאָס איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג ביי די יידישע אַקטיאָרן אין דער ערשטער צייט וועגן גאָרדינען. אונדז וועט אויסקומען אַ ביסל שפּעטער צו הערן גאָר אַנדערע רייד פֿון די יידישע אַקטיאָרן וועגן גאָרדינען, ווען זיי האָבן שפּעטער ממש פֿאַר־געטערט, אָבער אין דער ערשטער צייט האָבן זיי אַלע געהאַלטן, אַז ער שרייבט „טרוקענע" פּיעסן. די טרוקנקייט איז באַשטאַנען אין דעם — שרייבט ב. גאָרין — „וואָס גאָרדין האָט ניט דערלויבט אַריינצוהאַקן דועטן, טערצעטן, קוואַרטעטן און די געוויינלעכע האָפּקעס פֿון דער סוברעטין און דעם קאָמיקער. דאָס הייסט ניט, אַז אין גאָרדינס שטיקער איז מען זיך באַגאַנגען אָן זינגען אָדער טאַנצן, אַזוי ווי מען איז זיך ניט באַגאַנגען אינגאַנצן אָן אַ קאָמישן עלעמענט. נאָר אָנשטאָט דעם וואָס מען זאָל אַריינ־האַקן פּזמונים סתם אין דער וועלט אַריין, און דער קאָמיקער מיט דער סוברעטין זאָלן פֿון דער העלער הויט אַרויספּלאַצן אין אַ דועט און אָנהייבן וואַרפֿן מיט די פֿיסלעך, האָט גאָרדין אַריינגעפֿירט לידער און טענץ, און דערביי געזען, אַז זיי זאָלן מער אָדער ווייניקער אַריינפּאַסן זיך אין דער האַנדלונג".

דעם ערשטן ערנסטן פּרוּוו אין דער הינזיכט האָט גאָרדין טאַקע געמאַכט אין זיין „יידישער קעניג ליר". דאָ איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט פֿאַר קאָלעקטיוון געזאַנג, דאָס וואָס מען רופֿט אָן „געזאַנג בצבור". דער ערשטער אַקט האַנדלט זיך אין פּורים. די גאַנצע משפּחה זיצט ביי דער פּורים־סעודה, פּאַסט זיך אַ ביסל געזאַנג. איין איידעם איז אַ חסיד און ער קומט אַ ביסל בגלופֿין מיט נאָך עטלעכע חסידים, פּאַסט זיך אַ חסידישער זמר, דער יונגערמאַן, דער לערער, איז אַן אידעאַליסט, אַ פֿאַנטאַזיאָר וועגן אַ בעסערער וועלט, פּאַסט זיך פֿאַר אים אַ פֿאַרחלומט לידל וועגן פֿייגל און שטערן, שמאי, דער דינער, איז אַ פֿריילעכער לונג און לעבער, מעג ער זיך פֿאַרגינען אַ קופּלעטל. מיט איין וואָרט — כאָטש גאָרדין

האָט דאָ, צום ערשטן מאָל אַריינגעפּירט אין אַ היבשער מאָס, געזאַנג און טאַנץ, האָט ער עס אָבער ניט געטאָן פון דרויסן, סתם צוגעקלעבט, נאָר אין געוויסער מאָס אָרגאַניש. דאָס געזאַנג אין „יידישער קעניג ליר״ וואַקסט אַרויס אויטאָמאַטיש פון גאַנג פון דער האַנדלונג פון דער פּיעסע.

וואָס קומט פאָר אין „יידישער קעניג ליר״ ?

דוד משהלעס, אַ רייכער ייד, האָט דריי טעכטער, פון וועלכע צוויי זיינען פאַרהייראַט, איינע מיט אַ פאַרשמאַלצענעם חסיד, אַ לא יוצלח, און די אַנדערע מיט אַ דורכגעטריבענעם מתנגד, אַ חריף, אַ „גוטן קאָפּ״, און די דריטע, די יונגסטע, ליבט זיך מיט אַן אויפגעקלערטן יונגנמאַן, אַ לערער. דער פאָטער האָט שטאַרק הנאה פון זיינע צוויי עלטערע טעכטער, אָבער צו דער דריטער, דער יונגסטער, באַציט ער זיך ניט אַזוי גוט, ווייל זי פירט אַ ליבע מיט דעם יונגנמאַן, וואָס איז ניט פאַרמעגלעך און שטייט ניט אָן דעם רייכן דוד משהלעס.

דוד משהלעס באַשליסט צו פאָרן מיט זיין פרוי זיך באַזעצן אין הייליקן לאַנד, אין ארץ ישראל, און אַזוי ווי דאָרט וועט ער דאָך מער ניט פירן קיין געשעפטן, גיט ער איבער זיינע געשעפטן און זיין גאַנץ פאַרמעגן צו זיינע צוויי פאַרהייראַטע טעכטער מיט זייערע מענער, וועלכע וועלן זיי צושיקן וויפל זיי וועלן דאַרפן אויף אויסקומעניש אין ארץ־ישראל. די אַלטע לייט האַלטן זיך אָבער ניט אין ארץ ישראל. זיי קומען צוריק, און דאָ ווייזן אַרויס די נייע באַלעבאַטים צו זיי די גרעסטע אכזריות. מען לאָזט זיי מער ניט צוריק צו זייערע געשעפטן, מען גיט זיי ניט אָפּ ניט נאָר זייער פאַרמעגן, נאָר אַפילו ניט קיין מיטלען צום לעבן. ערשט איצט, אין זייער גרעסטער נויט, דערזען די אַלטע טאַטע־מאַמע, אַז זייער אמתער פריינט, זייער איבערגעגעבן קינד, איז זייער יונגסטע טאָכטער, גראָד די, וועלכע זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט און איר ניט אַרויסגעוויזן קיין ליבשאַפט.

דער גאַנצער מאָטיוו פון דער פּיעסע איז געווען ניי. דער צער גדול בנים, וואָס ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט, דער טיף פון דעם גרויסן גביר, וואָס עס האָט געהאַט יעדע יידישע שטאָט און שטעטל אויף יענער זייט ים, און וואָס איז געווען אַזוי גוט באַקאַנט דעם ניי־געקומענעם אימיגראַנט,

די אַנדערע טיפּן פון דער פּיעסע, דאָס גאַנצע הויז־געזינט, די מאַמע, די טעכטער און זייערע מענער, די פאַרליבטע יונגע טעכטער, דער פאַר־ליבטער לערער און דער געטרייער משרת, זיינען געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן פון דעם יידישן טעאַטער־עולם, וואָס האָט זיי נאָר וואָס געזען לעבעדיקע אין זייער אַלטע וואוין־ערטער, אַז די פּיעסע איז אויפגענומען געוואָרן פון עולם מיט אַ גוואַלדיקער ליבשאַפט. אויך די אַקטיאָרן האָבן אַנגעקוואָלן פון די ראָלן, פון די גרויסע מאָנאָלאָגן און די דיאַלאָגן, ווי אויך די פיל סצענעס, וואָס האָבן זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שפּילן.

די פּיעסע איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין האַרבסט 1892. איך האָב אין די אַלטע יידישע צייטונגען ניט געפונען קיין אַנאָנסן אָדער רעצענזיעס, פון וועלכע איך זאָל קאָנען פעסטשטעלן ווער עס זיינען געווען די ערשטע אין דעם פּערסאָנאַש. אָבער הערי גאָטי, וועלכער איז געווען דאַמאָלט פאַרבונדן מיטן טעאַטער, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די ערשטע צו שפּילן די ראָלן זיינען געווען: סערע און דזשייקאָב פּ. אַדלער, מערי ווילענסקי,[48] סאָלאָמאָן און אַננאַ מאַנע, אַ געוויסע מרס. סיימאָן, לייזער גאָלדשטיין,[49] שמואל טאַבאַטשניקאָוו[50] און בערל בערנשטיין[51]. קיינער פון די אַלע אויסגערעכנטע לעבט שוין מער ניט היינט.

די פּיעסע איז פאַרבליבן אין יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר ביז צום היינטיקן טאָג, כאָטש איצט ווערט זי שוין וויניק געשפּילט. אין דער פּיעסע זיינען באַרימט געוואָרן צוויי שוישפּילער אין קעגנזעצלעכע ראָלן, אַדלער אין דער ערנסטער ראָל פון „דוד משהלעס" און בערל בערנשטיין אין דער קאָמישער ראָל פון „שמאי". די פּיעסע איז אויך איבערזעצט און געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן און אַרום דער פּיעסע זיינען פאַראַן זייער פיל קאָמישע און ערנסטע עפּיזאָדן, פאַר־בונדן מיט פאַרשיידענע אַקטיאָרן.

## קאַפּיטל אַכט

# קאָמישע און ערנסטע עפּיזאָדן אַרום „דער יידישער קעניג ליר"

סעראַ אַדלער שילדערט דעם מאַן יעקב גאָרדין — די גאַנצע אויפֿפירונג פֿון „קעניג ליר" איז געהאַנגען אויף אַ האָר — ווי דער עולם איז געוואָרן געריסן פֿון דער פּיעסע — די ליטעראַרישע קריטיק האַלט ניט פֿון דער פּיעסע — אַדלער שפּילט דוד משהלעס אויף אַ באַן־סטאַציע, ניט אין טעאַטער — מען לאָזט ניט אַדלערן שפּילן די פּיעסע אין גאַליציע — טאָמאַשעווסקי ראַטעוועט מיט דער פּיעסע אַ סך יידישע אַקטיאָרן אין די באַרימטע קריזיס־יאָרן.

אַרום גאָרדינס „יידישער קעניג ליר" זיינען פֿאַראַן זייער פֿיל קאָמישע און טראַגי־קאָמישע פּאַסירונגען און עפּיזאָדן.

נאָך איידער מען האָט די פּיעסע אויפֿגעפֿירט, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סכסוך צווישן די צוויי הויפּט־ראָליסטן, צווישן יעקב פּ. אַדלער און זיין פֿרוי סעראַ. ביידע זיינען זיי דאַמאָלט געווען פֿאַרוויקלט אין ראָמאַנען, און עס איז געקומען דערצו, אַז באַלד נאָך די ערשטע פּראָבן פֿון דער פּיעסע, האָט סעראַ אדלער באַשלאָסן ניט צו שפּילן די ראָל פֿון דער יינגסטער טאָכטער „טייבעלע", נאָר גאָר אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אַדלער האָט זיך דאָס זייער גענומען צום האַרצן און ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל קריגן אַ נערוון־צוזאַמענברוך, און דאָס וואָלט זיכער דערפֿירט דערצו, אַז די פּיעסע זאָל ניט אויפֿגעפֿירט ווערן. דער מחבר האָט אָבער ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל זיין פּיעסע ניט שפּילן או ער איז אַוועק צו סעראַ אַדלער און די באַוואויגן, אַז זי זאָל גיין מיט אים צו איר מאַן און דערקלערן, אַז זי וועט שפּילן אין דער פּיעסע.

און דאָ איז זייער אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ שילדערונג פון סעראַ אַדלער, וואָס וואַרפט אַ געוויסן שטריך אויף גאָרדינען דעם מענטש, דעם מאַן.

עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז עס פעלן ניט קיין רכילות וועגן די באַציאונגען און פאַרהעלטענישן צווישן שרייבער און אַקטריסעס, בפרט צווישן די, וועלכע שפּילן די הויפּטראָלן אין זייערע פּיעסן. גאָרדין האָט געהערט צו די, וועלכע האָבן געשריבן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, ספּעציעלע פּיעסן פאַר פּרויען־אַקטריסעס, און מסתמא האָט מען דאַמאָלט אויך גענוג געמורמלט וועגן זיין אומגאַנג און באַציאונג צו די דאָזיקע אַקטריסעס. איז דעריבער זייער כדאי צו ברענגען די שילדע־רונג פון סעראַ אַדלער. די דאָזיקע שוישפּילערין האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין סוד פון איר ראָמאַנטישקייט, איר ווייבלעכקייט, און האָט ניט געהאַלטן פאַר קיין זינד עפנטלעך אויסצודריקן די געפילן פון פאַר־ערונג אָדער פאַרליבטקייט אין אַ מאַן, וועלכער איז איר געפעלן. גאָרדין איז דאַמאָלט אַלט געווען 39 יאָר. סעראַ אַדלער — נאָך אַ שיין ביסל יינגער, און אָט ווי זי שילדערט דעם מאַן יעקב גאָרדין:

— „גאָרדין האָט מיך, צום ערשטן מאָל, זינט איך האָב אים געקענט, אָנגענומען הינטער דער האַנט. אַפילו אין דעם אויפגערעגטן צושטאַנד אין וועלכן איך האָב זיך יענעם אָוונט געפונען, איז מיר, גייענדיק זייט ביי זייט מיט גאָרדינען, איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער מענטש איז פאַרשידן [אַנדערש] פון אַלע מענער מיט וועלכע איך האָב זיך ביז אים געטראָפן. ווען נאָר מיר איז אין יענע יאָרן אויסגעקומען צו גיין אונטער דער האַנט מיט אַ מענערישן באַגלייטער, האָב איך כמעט אימער געפילט אַ לייכטן ציטער אין דער האַנט, וואָס האָט געהאַלטן מיינע. און ווען איך פלעג אין אַזעלכע מאָמענטן אַריינקוקן אין דעם קאַוואַלערס אויגן, האָב איך זעלטן ווען אין זיי פאַרפעלט צו באַמערקן אַ פונק פון ליידנשאַפט. ...אָבער אין זיין [גאָרדינס] באַריר האָט זיך ניט געפילט דער מינדסטער ציטער. איך האָב אים אַ פּאָר מאָל אַריינגעקוקט אין די אויגן, אָבער אין זיי האָט זיך ניט געמערקט קיין סימן פון ליידנשאַפט און אַפילו ניט פון געפיל. זאָגאַר אין אַ מאָמענט ווען גאָרדינס בליק

האָט זיך באַגעגנט מיט מײנעם, האָב איך אין זײנע אויגן געזען עטוואָס, וואָס האָט מיך געמאַכט דענקען אין די טעג ווען איך בין נאָך געווען אַ צען־יאָריק מיידל. און מיר האָט יענע נאַכט, און ביי פיל אַנדערע געלעגנהייטן, געדוכט, אַז דער מענטש איז נאָר מוח, און אין זיין מעכ־טיקע ברוסט טליעט ניט קיין פונק פון ראָמאַנטיזם און ליבע״.

און דאָך האָט גאָרדין אין זיינע פּיעסן דורך זיינע העלדן אַרויסגעוויזן אַזויפיל צאַרטקייט, אַזויפיל געפיל און אַזויפיל ליבשאַפט.

דערציילט דער דין פון די יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרן יוסף רומ־שינסקי,[52] אַז ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע, שוין אַ סך יאָרן נאָך דער אויפפירונג פון „דער יידישער קעניג ליר״, האָט זיך נאָך אַלץ שטאַרק געפילט דער איינדרוק פון דער פּיעסע אויפן עולם. באַזונדערס האָט זיך דאָס געלאָזט מערקן אין די מאָנטיקס אין אַ געוויסער יידישער באַנק. דער דירעקטאָר פון דער באַנק האָט אַמאָל, אָנווייזנדיק אויף אַ ריי מענטשן ביי דעם פענצטערל, וואו מען פלעגט אָננעמען אַוועקצושיקן געלט קיין איראָפּע, געזאָגט צום קאָמפּאָזיטאָר:

— אַט דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען גאָרדינס „יידישער קעניג ליר״ און דאָס וואונדערבאַרע שפּילן פון יעקב פּ. אַדלער. יעדעס מאָל ווען אַדלער שפּילט אַ שבת אָדער אַ זונטיק דעם „יידישן קעניג ליר״, עפנט ער די הערצער פון די באַזוכער. זיי דערמאָנען זיך אָן זייערע עלטערן אָדער ווייבער מיט קינדער, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אויף יענער זייט ים, און זיי קומען מאָנטיק, ווען די באַנק עפנט זיך, באַלד אַהער צו לויפן שיקן געלט צו זיי אין איראָפּע. דאָס ווירקט אַזוי אויף זיי דער טעקסט פון גאָרדינס פּיעסע און אַדלערס שפּילן.

גאָרדין אַליין האָט געפילט וואָס פאַראַ פּיעסע ער האָט אָנגעשריבן. סערע אַדלער דערציילט, אַז נאָך אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן די פּיעסע, איז ער געווען זיכער, אַז זי וועט זיין אַ גרויסער דערפאָלג. די רייסערייען צווישן די אַדלערס, צווישן סערע און איר מאַן, וואָס זיינען גראָד דאַמאָלט פאָרגעקומען אויף אַן ערנסטן גראַד, האָבן ביי אים אַ ביסל אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן אין דעם. אָבער ווען ס׳איז גאָרדינען

געלונגען, אַז סערא זאָל שפּילן די ראָל „טייבעלע״, איז גאָרדין שוין געווען זיכער, אַז די פּיעסע וועט „אָנרייסן״.

— איר וועט זען — האָט זיך גאָרדין אויסגעדריקט — דאָס איז ניט קיין פּיעסע אויף איין סעזאָן. איר וועט מיין „קעניג ליר״ שפּילן און שפּילן. איך פיל, אַז זי וועט ווערן אַ טייל פון אייער רעפּערטואַר. אַדלער איז ווי געבוירן פאַר דער ראָל.

און אַדלער איז ווירקלעך געווען אויסערגעוויינלעך אין דער ראָל „דוד משהלעס״. אַ סך האָט אים דערצו געהאָלפן זיין פיגור און ניט ווייניקער אויך זיין שטימע מיט דעם עכט־יידישן קרעכץ.

„באַלד ביים אַרויפקומען אויף דער בינע — דערציילט סערא אדלער — האָט אַדלער מיט זיין גרים און פיגור געמאַכט אויפן עולם אַן אומגעהויער טיפן איינדרוק. דער גאַנצער טעאַטער, פון אָרקעסטער ביז דער גאַליאָרקע, האָט געקראַכט מיט אַ דונערנדיקן אַפּלאָז און בראַוואָ געשרייען״.

ווייטער דערציילט סערא אדלער, אַז צו דער פּרעמיערע איז דאָס טעאַטער ניט געווען „געפּעיפּערט״ [צעטיילטע פרייע בילעטן צו ברענגען עולם], נאָר עס איז טאַקע געקומען אַ גרויסער עולם און פון די סאַמע בעסטע עלעמענטן פון דער דאַמאָלטיקער יידישער אימיגראַציע. פון אָנהייב ביזן סוף האָט דער עולם געהאַלטן אין איין אַפּלאָדירן און שרייען בראַוואָ. מען האָט הילכיק אַפּלאָדירט ניט נאָר דעם שלוס־אַקט, נאָר יעדעס מאָל ווען דעם פּובליקום איז געפעלן אַ וואָרט אָדער אַן אויסדרוק פון אַן אַקטיאָר. אָבער דער אמתער טריאומף איז געקומען ווען גאָרדין איז נאָכן דריטן אַקט אַרויס אויף דער בינע. דאַמאָלט — דערציילט סערא אדלער, וועלכע האָט מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע און דאַרף דעריבער זיין אַ באַגלויבטער עדות — האָט זיך געדוכט, אַז די ווענט וויגן זיך און שרייען בראַוואָ.

אָבער פּונקט אַזוי ווי ס׳איז געווען גרויס די באַגייסטערונג פון עולם, אַזוי קיל איז געווען די יידישע ליטעראַרישע קריטיק צו דער פּיעסע:

ב. גאָרין, וועלכער האַלט טאַקע, אַז „די פּיעסע וועט נאָך לאַנג, לאַנג

רירן די הערצער פון די יידישע טעאַטער־באַזוכער״, פאַרגעסט אָבער ניט צוצוגעבן, אַז „עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז פון אַ ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז דאָס דאָזיקע שטיק אַ ביליקע זאַך״.

אומפאַרגלייכלעך שטרענגער זאָגט זיך אַרויס דוד פּינסקי.[53]

גאָרדין, ווי מיר האָבן געזען אין איינע פון די פריערדיקע קאַפּיטלעך, שאָקלט זיך אָפּ פון גאָלדפאַדענען און האַלט, אַז ער איז טויזנט קעפּ העכער פון אים. קומט פּינסקי און זאָגט ניט מער ווי: „אין דער פּיעסע קאָנען מיר אמדייטלעכסטן דערקענען די עלעמענטן פון דער גאָלדפאַדע־נישער שולע. זיי וואַרפן זיך אין די אויגן: צו ערשט דער פּאַיאַץ פון דעם שטיק, דער משרת „שמאי״. ניט שעקספּירס נאַר, וועלכער דרעשט קעניג ליר מיט עקדישן פאַר זיין נאַרישקייט, וועלכע ער האָט אָפּגעטאָן, ווערט דאָ פאַריידישט. נאָר גאָלדפאַדענס אַ לץ ווערט דאָ קאָפּירט. אַ מין האַצמאַך איז עס, וועלכער איז מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם שטיק. ...דאַן די נגינה, די כאָרן און די סאָלאָס. און דאַן די פּראַזן וועגן בילדונג און פאַנאַטיזמוס. דער לעכערלעכער אויפגעבלאָ־זענער סטיל פון די דאָזיקע פּראַזן. ...װעל כולם, דער גייסט נאָך וועלכן עס קומט אויס, אַז די גוטע און טרייע מענטשן מוזן זיין די אויפגע־קלערטע און געבילדעטע — דאָס אַלץ איז ווי אַרויסגענומען פון גאָלדפאַ־דענס און שמ״רס ווערק״.

דער שרייבער ז. קאָרנבליט,[54] אַליין אַ פּיעסן־שרייבער, מאַכט גאָר אין גאַנצן חוזק פון דער פּיעסע. אין „יידישער קעניג ליר״ איז פאַראַן אַ סצענע ווי דער געפאַלענער דוד משהלעס גייט אויס פון הונגער און בעט זיך כאָטש אַ שטיקל רעטעך, רעדוצירט קאָרנבליט דעם גאַנצן סוזשעט און געבוי פון דער פּיעסע צו דער איינער סצענע, און ער שרייבט:

„דוד משהלעס איז הונגעריק. ער וויל אַ שטיק רעטעך, שרייט ער און גוואַלדעוועט, און מען גיט אים ניט קיין רעטעך. איז אַ רחמנות אויף אים און מען וויינט מיט ביטערע טרערן. וואָלט מען אַרויפגע־טראָגן אַ טעלער רעטעך מיט שמאַלץ אויף דער בינע, וואָלט געווען אויס טראַגעדיע״.

דורך אגב, ווען אַדלער פלעגט שפּילן די סצענע פון דעם יורד דוד משהלעס און פּאַרענדיקן זיין באַרימטן מאָנאָלאָג מיט די ווערטער „שענקט אַ נדבה פאַר דעם יידישן קעניג ליר״, פלעגט די בינע באַוואָרפן ווערן מיט אַ רעגן פון מטבעות. אַזוי פלעגט דער עולם ווערן גערירט.

אַדלערן איז די סצענע אַזוי געפעלן, אַז איין מאָל האָט ער אַפילו די אָפּגעשפּילט אין לעבן, ניט אויף דער בינע. דער פריער־דער־מאָנטער יוסף רומשינסקי דערציילט, אַז דאָס האָט פּאַסירט אויף אַ גע־ווויסער באַן־סטאַציע. אַדלער איז דאַמאָלט אַרומגעפאָרן מיט אַ טרופּע אַקטיאָרן. פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן דער ווילן צו שפּילן „טעאַטער״ ניט אויף דער בינע, נאָר אין לעבן. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ וועגעלע אין וועלכן מען פירט געוויינלעך באַגאַזש, און אַראָפּנעמענדיק זיין הוט, האָט ער זיך, אָן גרים און אָן קאָסטיום, צעלאָזט מיט דעם אויסרוף „שענקט אַ נדבה דעם יידישן קעניג ליר״, און באַלד האָבן פון אַלע זייטן אָנגעהויבן פאַלן מטבעות אין הוט אַריין.

עס איז ניט קיין ספק, אַז כאָטש שפּעטער, נאָך אַדלערס טויט, האָבן פיל אַנדערע באַרימטע יידישע אַקטיאָרן, אויך געשפּילט די ראָל „קעניג ליר״, האָט אָבער קיינער ניט דערגרייכט זיין קינסטלערישע מדרגה אין דער ראָל, דאָך איז דאָ אַ העכסט קאָמישער עפּיזאָד אין צוזאַמענהאַנג מיט אַדלערס שפּילן אָט די ראָל.

גאָרדינס „יידישער קעניג ליר״, ווי אַלע זיינע פּיעסן, זיינען געווען דאָס אייגנטום פון די הויפּט אַקטיאָרן, וועלכע האָבן די פּיעסע די ערשטע אויפגעפירט און דערפאַר באַצאָלט דעם מחבר. מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז די פּיעסן האָבן ניט געטאָרט געשפּילט ווערן דורך קיין אַנדערן שוישפּילער. דאָס האָבן די דירעקטאָרן פון די טעאַ־טערס אָדער די סטאַר־שוישפּילער זיך פאַרזאָרגט קעגן קאָנקורענץ. דאָס האָט אויך אוממעגלעך געמאַכט, אַז די זעלבע ראָלן זאָלן קאָנען ווען געשפּילט ווערן דורך אַנדערע שוישפּילער, סיידן אין אויסערגעוויינ־לעכע אויסנאַמען (ווי מיר וועלן זען אין שפּעטערדיקע קאַפּיטלען). אָבער דער דאָזיקער לעגאַלער פאַרבאָט איז דאָך נאָר געווען גילטיק אין אַמעריקע. אין אַנדערע לענדער האָט מען דאָס געזעצלעך ניט געקאָנט

פּאַרהיטן, און דאָרט פלעגט מען טאַקע שפּילן גאָרדינס פּיעסן דורך אומגעזעצלעך־איבערגעשריבענע עקזעמפּליאַרן.

האָט פּאַסירט, אַז דער אַקטיאָר לואיס היימאַן [55] איז זיך אַמאָל אַרויס־געפאָרן קיין גאַליציע גאַסטראָלירן און ער האָט מיטגענומען מיט זיך עטלעכע גאָרדין־פּיעסעס, צווישן זיי דעם „יידישן קעניג ליר". פאַרשטייט זיך, אַז די פּיעסע איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, און היות ווי דער אַקטאָר היימאַן האָט קאָפּירט אַדלערן, איז ער אויך געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

פּאַסירט, אַז עטלעכע יאָר נאָך דעם קומט קיין גאַליציע יעקב פּ. אַדלער שפּילן און אַלס זיין ערשטע פּיעסע קלויבט ער נאַטירלעך אויס „דער יידישער קעניג ליר"; אָבער דאָ גייט צו אים צו דער דירעקטאָר פון דער טרופּע און זאָגט צו אים:

— ניין, ה' אַדלער, איך ראָט אייך ניט אויפצוטרעטן אין דער פּיעסע. נעמט בעסער אַן אַנדערע פּיעסע.

— פאַרוואָס? — האָט אַדלער דערשטוינט געפרעגט.

— ווייל ביי אונדז איז געווען אַן אַקטיאָר היימאַן פון אַמעריקע — ענטפערט אים דער דירעקטאָר — און ער האָט שוין די פּיעסע געשפּילט און מיט אים קאָן קיינער ניט קאָנקורירן אין דער ראָל „דוד משהלעס". טאָ צו וואָס דאַרפט איר, אַז מען זאָל אייך אַראָפּרייסן? טרעט בעסער אויף אין אַן אַנדערע ראָל!

אָט די הפקרות, וואָס האָט געהערשט אין אייראָפּע אין באַצוג צו גאָרדינען, האָט אויך דערפירט דערצו, אַז זיין פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר" איז דאָרט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1908, אָן וויסן און אָן קאָנטראָל פון מחבר. מען האָט פשוט גענומען אַן איבערגעשריבענע פּיעסע פון עפּעס אַ סופליאָר און זי געדרוקט און טאַקע אַריינגענומען אין דעם טעקסט אַ ליד „בורא פרי הגפן", וואָס איז, לויט שלום פּערל־מוטער, גאָר פון פּראָפעסאָר הורוויצס אָפּערעטע „יהודית און הול־פרנוס". אָבער אינטערעסאַנט, אַז גאָרדין האָט ביי זיין לעבן ניט גע־זאָרגט, אַז די פּיעסע זאָל, ווי אַנדערע זיינע פּיעסן, געדרוקט ווערן אין אַמעריקע וואו ער זאָל זי קאָנען גענוי קאָנטראָלירן, און אויך נאָך

גאָרדינס טויט ווען מען האָט אַרויסגעגעבן זיינע נייע און איבערגע־דרוקטע פּיעסן אין 2 בענד, האָט מען „דער יידישער קעניג ליר״, ניט אַריינגענומען.

די פּיעסע איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש און העב־רעאיש. אין דער לעצטער איבערזעצונג איז זי געשפּילט געוואָרן אין 1921 אין ירושלים.

אַ סך יאָרן שפּעטער נאָך גאָרדינס טויט איז באַשערט געווען, אַז די פּיעסע זאָל דערלעבן אַ תחית המתים. דאָס איז געווען אין דעם שרעקלעך עקאָנאָמישן קריזיס־פּעריאָד, ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט געשאַפן דעם טעאַטער־פּראָיעקט (דאָבל יו פּי עי). דאַמאָלט האָט ניו יאָרק באַשטימט דעם דין פון יידישן טעאַטער, באָריס טאָמאַשעווסקי, אַז ער זאָל צונויפשטעלן אַ טרופּע, וואָס זאָל שפּילן פריי יידיש טעאַטער און די אַקטיאָרן זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער רעגירונג. טאָ־מאַשעווסקי האָט דאַמאָלט מיט דער טרופּע אויפגעפירט גאָרדינס „יידי־שער קעניג ליר״ אין יידיש און אין ענגליש אין צענדליקער שולן און עפנטלעכע זאַלן, און אויך געלאָזט מאַכן אַ זייער שוואַכן פילם פון דער פּיעסע.

מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט אַליין אין זיינע יונגע יאָרן אָפּט מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע, און האָט שטענדיק אָנגעהאַלטן פאַר איר אַ געוויסע שוואַכקייט, האָט אַליין אָנגעשריבן אַ פּאַראָדיע־פּיעסע אויף דער זעלבער טעמע און זי דעם 30 נאָוועמבער 1932 אויפגעפירט אין זיין קונסט־טעאַטער.

„דער יידישער קעניג ליר״ איז געווען ווייט ניט דער העכסטער אויסדרוק פון גאָרדינסביישטייער צום יידישן טעאַטער, אָבער זיכער דער שטאַרקסטער פּרוביר שטיין, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, און זייער טשיקאַווע ווי אַ יידישער טעאַטער־דירעקטאָר האָט אַמאָל אַנאָנסירט דעם „יידישן קעניג ליר״, אַז דאָס איז אַ פּיעסע, וואָס איז נאָך שטאַרקער און בעסער פון שעקספּירס אָריגינאַל, ווייל אויסער דעם, וואָס עס האָט דעם זעלבן שטאָף, האָט עס נאָך די מעלה, וואָס עס איז געשריבן מיט אַ יידיש האַרץ!

## קאַפּיטל ניין

# גאָרדין ווערט אָנגעשטעלט ביי אַדלערן אַלס זיין דראַמאַטורג, אָבער אין אַ שטרייק אַטאַקירט ער זיין באָס

אַמאַליקע טעאַטערס האָבן געלייגט דעם הויפּט־פּונקט אויף דער פּיעסע — יעדעס טעאַטער האָט אַנגאַזשירט אַ פּיעסן־שרייבער אויסשליסלעך פאַר זיך — גאָרדין שרייבט אָן די ערשטע פּסיכאָ־לאָגישע פּיעסע אין יידיש — פּראָפעסאָר הורוויץ לאַכט אָפּ פון אים — בעת אַ שטרייק אין אַדלערס טעאַטער, וואו גאָרדין איז אַנגאַזשירט, אַטאַקירט גאָרדין אַדלערן.

גאָרדינס פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר" האָט גאָרדינען אַוועק־געשטעלט אין דער ריי פון די אָנגעזעענע יידישע דראַמאַטורגן אין אַמעריקע. אין יענער צייט האָט שוין יעדעס יידישע טעאַטער געהאַט זיין אייגענעם דראַמאַטורג. אַ טעאַטער האָט זיך ניט געוואָלט פאַר־לאָזן בלויז אויף זיינע אַקטיאָרן, אויף די אַרטיסטישע פעאיקייטן פון דער טרופּע, אַז זי זאָל צוציען אָדער אָנהאַלטן דעם עולם צו קומען אין טעאַטער. יעדעס טעאַטער האָט זיך געוואָלט זיכערן, אַז עס האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויף אַ געוויסן דראַמאַטורג, וואָס באַזאָרגט דעם טעאַטער מיט פּיעסן, וועלכער נאָר דאָס טעאַטער מעג אויפפירן.

גראָד אין יענער צייט ווען דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע איז געווען נאָך זייער יונג און האָט געהאַט די פולע פרישקייט פאַרן טעאַטער־עולם, און גראָד אין יענער צייט ווען דער יידישער טעאַטער־עולם האָט מאַסנווייז געשטראָמט אין די יידישע טעאַטערס צוליב זיין פרעמדקייט צו דער ענגלישער שפּראַך און צוליב דער נייקייט פון יידיש טעאַטער פאַרן גרעסטן טייל פון זיי, און גראָד אין יענער צייט ווען דער דרך־ארץ און באַגייסטערונג פון יידישן טעאַטער־עולם פאַרן אַקטיאָר

איז דערגאַנגען צו פאַרהערלעכונג און ממש געצנדינעריי, גראָד דאַמאָלט האָבן די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן, וועלכע זיינען דווקא אַליין געווען די סטאַרס, באַגריפן, אַז דער כוח פון טעאַטער טאָר זיך ניט שטיצן, ווי מען האָט געטאָן אין די שפּעטערע יאָרן, אויסשליסלעך אויפן אַקטיאָר, ווי גרויס און באַליבט ער זאָל זיין, נאָר מען דאַרף קודם כל האָבן אַ פּיעסע.

און אויב שוין אַ פּיעסע, האָט מען געוואָלט האָבן אַ פּיעסע מיט וועלכער מ׳זאָל זיין גאַראַנטירט קעגן צווייטן קאָנקורענץ־טעאַטער, און צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן דער אויסשליסלעכער דראַמאַטורג, וואָס איז געווען קאָנטראַקטירט צו שרייבן נאָר פאַר אַ באַשטימטן טעאַ־טער. נאַטירלעך האָט אַזאַ דראַמאַטורג אויך געדאַרפט זאָרגן, אַז זיין פּיעסע זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער טרופּע אין וועלכער ער איז אַנגאַ־זשירט, און גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער הויפּט אַקטיאָר אָדער אַקטיאָרן פון דער טרופּע זאָלן האָבן ראָלן אין וועלכע זיי זאָלן זיך קאָנען אויסצייכענען.

אַזוי האָבן די טעאַטערס דאַמאָלט געהאַט אַלס זייערע אויסשליס־לעכע דראַמאַטורגן די פּיעסן־שרייבער, לאַטיינער, הורוויץ און טאָמאַ־שעווסקי אין זיין אייגענעם טעאַטער (ווי שפּעטער מאַקס גאַבריעל[56] אין זיין טעאַטער). מיטן אָנקומען פון יעקב גאָרדין, וועלכער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן זשאַנער אין זיין שרייבן. דעם דראַמאַטישן מילעי (סבי־בה)־כאַראַקטער, האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר יעקב פּ. אַדלער, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף דראַמען אָדער לעבנס־בילדער, צו האָבן זיין אייגענעם דראַמאַטורג, ווי עס איז טאַקע באַלד געשען.

די אַלטע איינגעזעסענע דראַמאַטורגן האָט גאָרניט געשמעקט דער נייער זשאַנער שרייבן פון גאָרדינען. אָט ווי איינער פון זיי, „פּראָפעסאָר" הורוויץ האָט זיך (לויט לעאָן קאָברין[57]) אויסגעדריקט וועגן גאָרדינען „זיי שרייען גאָרדין! וואָס איז גאָרדין? אַ דראַמאַטורג איז ער? מען רעדט ביי אים פּראָזע. אויף דער בינע אַזאַ פּראָזע ווי אויף דער גאַס... געהערט? אַרויפגעבראַכט העסטער סטריט [די יידישע מאַרק־גאַס פון ניו יאָרק] אויף דער בינע! אַ פּרינץ אַפילו רעדט דאָך ביי אים אַזאַ פּראָזע! געהערט? זיי טומלען: „גאָרדינס פּראָזע". שטעלט זיך פאַר

ווען גאָרדין זאָל אויפפירן „האַמלעט, פּרינץ פון דענמאַרק" פון שעקס־פּירן, וועט מען אים אויך לאָזן ריידן העסטער־סטריט פּראָזע..."

ווייטער דערציילט קאָברין אין זיינע זכרונות, אַז פאַר זיינע אַקטיאָרן פלעגט „פּראָפעסאָר" הורוויץ רופן גאָרדינען „דער שוואַרצער ייד", ווייל גאָרדין האָט געהאַט אַ פּיעסע מיט אַזאַ נאָמען און האָט אַליין געהאַט אַ שוואַרצע באָרד. אָבער געמיינט האָט הורוויץ מיטן נאָמען „שוואַרצער ייד" געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז גאָרדין האָט אַ שוואַרץ יידיש האַרץ און איז ממש אַן אַנטיסעמיט. הורוויץ פלעגט רופן גאָרדינען „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש לאַמטאַמדריילעם", ווייל גאָרדין פלעגט מיט די אַקטיאָרן ריידן רוסיש. ווען אַדלער פלעגט ריידן צו גאָרדינען, פלעגט ער אים ניט רופן „גאָרדין", נאָר „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש". ווען דוד קעסלער, וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט אין גאָרדינס פּיעסן, פלעגט אַמאָל האָבן אַ בייז האַרץ אויף גאָרדינען, פלעגט ער אים, הינטער די אויגן, רופן „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש לאַמטאַמדריילמקע".

אפילו אַזאַ דראַמאַטורג ווי גאָלדפאַדען פאַר וועלכן גאָרדין איז גאָרניט געווען קיין קאָנקורענט, וואָרום גאָלדפאַדען איז שוין לאַנג ניט געשפּילט געוואָרן ווען גאָרדין איז צוגעקומען צום יידישן טעאַטער, האָט אויך געהאַט אַ בייז האַרץ אויף גאָרדינען אַלס דראַמאַטורג, און איין מאָל האָט זיך גאָלדפאַדען אויסגעדריקט פאַר קאָברינען: „וואָס ער, גאָרדין האָט געטאָן מיט מיין קינד (דאָס יידישע טעאַטער): גענומען מיין געליבט קינד, מיין יידיש קינד, מיין בנימינען, און אים אָפּגעשמדט. מיין קדשי קדשים האָט ער מטמא געמאַכט. ער איז דאָך גאָר אַ מיסיאָנער, ווי קומט ער צום יידישן טעאַטער".

מיט דער באַשולדיקונג „אַ מיסיאָנער" האָט גאָלדפאַדען אָנגעדייט אויף אַ פריערדיקער עפּאָכע אין גאָרדינס לעבן, די געשיכטע מיט דער געזעלשאַפט „ביבליעסקאָיע בראַטסטוואָ", וועגן וועלכער עס וועט אונדז אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך אויסקומען צו ריידן.

אויב הורוויץ האָט געהאַט טענות צו גאָרדינען, וואָס ביי אים האָט מען גערעדט פּשוטע פּראָזע, דאָס הייסט, יידיש, ניט קיין דייטשמעריש, און ניט קיין מליצה, האָט גאָלדפאַדען געהאַט עטיש־אידעאַישע טענות

צו גאָרדינען. אָט ווי גאָלדפאַדען האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט פאַרן אַקטיאָר יוליוס אַדלער [58] וועגן גאָרדינען: „ווייסט איר דעם אונטערשייד צווישן מיר און גאָרדינען? איך האָב אויסגעזוכט אַלע גוטע מידות ביי יידן, איבערהויפּט די טהרת המשפּחה און עס אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע. ער, גאָרדין, האָט אויסגעזוכט ביי יידן אַלע שלעכטע מידות ווי גנבה, גזלה, מאָרד און גלאַט חזרישע שטיק און אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע, באַזונדערס האָט ער מחלל געווען די יידישע משפחה״.

מיר האָבן געזען ביז איצט, אַז גאָרדין האָט געשריבן נאָר פּיעסן פון לעבן פון דער אַזוי־גערופענער אַלטער היים ((רוסלאַנד), און אַ לאַנגע צייט איז ער טאַקע געבליבן ביי אָט דעם קוואַל פאַר זיינע סוזשעטן. זיין ערשטער פּרוּוו, אין 1893, באַלד נאָכן „יידישער קעניג ליר״, צו פאַרפאַסן אַן אַמעריקאַנער פּיעסע, איז געווען אַ דורכפאַל. זיין פּיעסע „דער מאָרד אין מעדיסאָן עוועניו״, איז באַלד אַרויס פון רעפּערטואַר און זי איז אויך שפּעטער קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. גאָרדין נעמט זיך ווידער צוריק צו זיין באַליבטער סביבה, צו דער אַלטער היים. דאָס מאָל שרייבט ער אָן אַ פּיעסע פון אַ פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. דער הויפּט העלד איז אַ פּסיכאָפּאַט, אָבער די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע (באַצייכנונג) וואָלט דאַמאָלט געווען זער ניט פּאָפּולער, און גאָרדין באַנוצט דעם וואולגאַרן פאָלקס־אויסדרוק „אַ ווילדער מענטש״.

זיין פּיעסע „דער ווילדער מענטש״ באַהאַנדלט פאָלגנדע געשיכטע: שמואל לייבליך, אַן אַלטער רייכער ווייצנהענדלער, וועלכער האָט 4 דער־וואַקסענע קינדער, אַ טאָכטער, אַ האַלב אַנטוויקלט מיידל, אַ זון אַ סטודענט און אַ זון אַ גאַרניט, און נאָך אַ זון, אַן אידיאָט, האָט קעגן ווילן פון זיינע קינדער חתונה מיט אַ צווייטער פרוי, אַ סך יינגער פון אים, וועלכע מיינט נאָר זיין געלט. זי ברענגט אַפילו מיט אין שטוב אַריין אירן אַ געליבטן, אַ הפקר־יונג, אַ שווינדלער. דער אַלטער איז אַזוי פאַרליבט אין זיין יונג וייבל, אַז כדי איר צו געפעלן פאַרטרייבט ער פון זיך זיינע קינדער, און דער רעזולטאַט איז, אַז זיין טאָכטער, וועלכע האָט ניט קיין פּראָפעסיע, ווערט אַ גאַסן־מיידל. דאָס יונגע ווייבל, וועלכע פּראָבירט אין שטוב ליבע־אָרגיעס מיט איר געליבטן,

נאַרט אויס ביים אַלטן זיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן. דער זון, דער אידיאָט („דער ווילדער מענטש") זעט דאָס אַלץ צו. ער ווערט גערייצט געשלעפּט־לעך צו זיין שטיף־מאַמע און אין אַ געוויסן מאָמענט דערשטעכט ער זי. דער סוף איז, אַז דער פאָטער בעט זיך איבער מיט זיינע קינדער און מיט זיין אַלטער דינסט, וועלכע האַלט אים נאָך אויס פון אירע אָפּשפּאָ־רונגען.

די פּיעסע, וועלכע גאָרדין האָט גערופן אַ לעבנסבילד, איז דעם 4 נאָוועמבער 1893 אויפגעפירט געוואָרן אין „ווינדזאָר טעאַטער" אונטער אַדלערס רעזשי און טאָקע מיט אים אין דער טיטל־ראָל, און די פּיעסע איז טאָקע באַלד געוואָרן נאָך אַ דימענט אין דער קרוין פון דעם נייעם דראַמאַטורג יעקב גאָרדין, כאָטש קיין באַגייסטערונג פאַר דער פּיעסע האָט די קריטיק ניט אַרויסגעוויזן.

אב. קאַהאַן, וועלכער איז דאַמאָלט געווען אַ זייער וויכטיקער און דעצידירנדער טעאַטער־קריטיקער, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז וויינ־יק־סטנס דריי־פערטל פון דער גאַנצער פּיעסע שמעקט מיט דער „ליטע־ראַטור" פון לאַטיינער. אָבער גאָרדינס מערקווירדיקער חוש פאַר דער בינע זעט זיך אָן זייער שטאַרק אין דער פּיעסע, ווייל די סצענעס זיינען צוזאַמענגעשטעלט מיט אַ מערקווירדיקער געניטקייט, און ווען די שוי־שפּילער, וואָס שפּילן זי, האָבן נאָך פעאיקייט און טאַלאַנט, איז אינטע־רעסאַנט צו זען די פּיעסע און מינוטנוויז זיצט מען אין טעאַטער ווי געשפּאַנט.

און עס איז ווירקלעך ווערט געווען צו זען דאָס שפּילן פון דער פּיעסע, ווייל אין איר האָבן זיך באמת באַטייליקט די בעסטע דאַמאָלט־יקע יידישע אַקטיאָרן: אַדלער, זיין פרוי סערא, סאָניאַ נאַדאָלסקאַ,[59] פּאַולינאַ עדעלשטיין, מאָריס פינקעל (פּאָול מוניס שווער, דער אַקטיאָר וועמענס לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער טראַגעדיע), עליאַס ראָטשטיין,[60] טאָבאַטשניקאָוו (וועמענס זון טאָביאַס, איז דערנאָך געוואָרן אַ באַרימטער ענגלישער פילם אַקטיאָר) און דער גרויסער ליבלינג קאָמי־קער זיגמונט מאָגולעסקאָ.

אַ צווייטער קריטיקער, דער באַקאַנטער דראַמאַטורג דוד פּינסקי,

וועלכער האָט בכלל ווייניק געהאַלטן פון גאָרדינען אַלס דראַמאַטיקער, האָט זיך נאָך שאַרפער אויסגעדריקט וועגן דער פּיעסע: „עס איז ניטאָ קיין איין לעבעדיקער מענטש אין דעם שטיק און אין דער גאַנצער האַנד־לונג. אָבער אין דער צייט ווען „דער ווילדער מענטש" איז אויפגעפירט געוואָרן, איז שוין דאָס וועלן אַרויפברענגען אויף דער בינע אַ באַדייטנד מענטשן־שיקזאַל, געווען אַ פאָרשריט".

דער טעאַטער־עולם האָט אָבער ניט געקוקט אויף דער קריטיק. הן דער סוזשעט פון דער פּיעסע, הן דאָס שפּילן האָבן דעם עולם גענומען ווי געפּאַנגען, און „דער ווילדער מענטש" איז געוואָרן איינע פון די באַליבסטע פּיעסן פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר — און כאָטש אַדלער האָט געהאַט די אויסשליסלעכע רעכט אויף דער פּיעסע, איז זי אײַך געשפּילט געוואָרן פון אַנדערע אַקטיאָרן, באַזונדערס אין אייראָפּע, פון בגנבה־איבערגעשריבענע טעקסטן. און דער סוף איז געווען, אַז איינער פון אָט די ניט קאָנטראָלירטע טעקסטן איז אָן דער ידיעה פון מחבר טאַקע אָפּגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע, פּוילן.

מיט דער אויפפירונג פון „דער ווילדער מענטש" איז גאָרדינס אָנזען ביים טעאַטער נאָך מער געוואַקסן. גאָרדין, וועלכער האָט קיינמאָל זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע ווען ס׳איז געקומען צו זיינער אַ פּיעסע, ווערט נאָך שטרענגער. ווען מאָגולעסקאָ האָט אַמאָל אויף אַ פאָרשטעלונג צוגעלייגט אַן אייגענעם וויץ, האָט אים גאָרדין עפנטלעך גוט אויסגעזידלט און מיטן אַקטיאָר און פּיעסן שרייבער זיגמונט פיינמאַן האָט זיך גאָרדין גאָר שטאַרק פאַרהערט, ווייל פיינמאַן האָט גערעדט „אייגענע פּראָזע".

נאָך די גרויסע דערפאָלגן וואָס אַדלער האָט געהאַט אין גאָרדינס פּיעסן „קעניג ליר" און „ווילדער מענטש", האָט ער באַלד ווי ער האָט איבערגענומען דאָס טעאַטער „רומעניע אָפּערע האָוז" אַנגאַזשירט גאָר־דינען אַלס זיין אויטאָר. ווי אַן אָנגעשטעלטער אויטאָר האָט גאָרדין גע־מוזט „דערלאַנגען סחורה", געבן וואָס אָפטער פּיעסן, און ווי דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין באַמערקט ריכטיק „האָט גאָרדין ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון ווען אים האָט אויסגעוויזן, אַז

ער קאָן געווינען די גרויסע מאַסן און ער האָט אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט די אַנדערע פאַרפאַסערס, אַרונטערלאָזנדיק זיך צו זייערע מעטאָדן... אַלס אָנגעשטעלטער אויטאָר האָט ער גערדאַרפט שיטן פּיעסן פון אַרבל און ער האָט דעריבער ניט געקאָנט זיין זייער איבערקלייבעריש". געהערן דעריבער צו יענער עפּאָכע זיינע פּיעסן „דער פּרנס חודש" און „רב הכולל", פּיעסן, וואָס זיינען שנעל געבוירן געוואָרן און שנעל געשטאָרבן, ניט איבערלאָזנדיק הינטער זיך קיין שום שפּורן.

לאָמיר הערן וואָס עס האָט צו דערציילן וועגן אָט די פּיעסן אַן עד ראיה, אַ שוישפּילער מיט אַ זייער גוטן זכרון, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן. דער עלטערער אַקטיאָר, דער וועטעראַן בועז יאַנג [61] דער־ציילט אין זיין בוך דעראינערונגען, אַז די פּיעסע „רב הכולל" האָט גאָר־דין באַאַרבעט פון היינריך היינעס „דער רבי פון באַכראַך" און „דער פּרנס חודש" איז געווען אַ באַאַרבעטונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר". דער פּרנס חודש איז גאָגאָלס באַקאַנטער טיפּ „גאָראָדניטשי" און פון דעם פּאָרל „באָבטשינסקי" און „דאָבטשינסקי" האָט גאָרדין געמאַכט צוויי שמשים. אַן ענלעכע באַאַרבעטונג האָט אויך שמ״ר געמאַכט אונטערן נאָמען „דער יידישער פּרינץ", אָבער גראָד שמ״רס פּיעסע האָט זייער אויסגענומען און זיך זייער לאַנג געהאַלטן אויף דער יידישער בינע.

„ווען מיר האָבן געמאַכט פּראָבע פון דער קאָמעדיע — דערציילט דער שוישפּילער בועז יאַנג, וועלכער איז אויך שוין געווען אין דער טרופּע — האָבן מיר אַלע, די אַקטיאָרן מיט אַדלערן, זיך געקאַטשעט פון געלעכטער פון די קאָמישע טיפּן פון דער פּיעסע, און מיר האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז דער „פּרנס חודש" וועט האָבן אַן אומגעהויערן בייפאַל. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג האָבן די אַקטיאָרן זיך געגרייט ווי צו אַ גאָר גרויסער געשעעניש. אָבער אָנשטאָט צו זיין ערנסט אין זייערע ראָלן, האָבן זיי געשפּילט „קאָמיש", פאַרס־מעסיק, און זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן שמייכלען. וואָס מער מיר האָבן געשפּילט „קאָמיטשנע", אַלץ וויניקער האָט עס געווירקט אויפן פּובליקום. וואָס מער מיר האָבן געלאַכט, אַלץ וויניקער האָט דער עולם געלאַכט, אַפילו קיין שמייכל ניט געטאָן. פון קאָמעדיע ביז פאַרס איז נאָר איין שריט, פון פאַרס צו

לעכערלעכקייט איז שוין נאָר אַ האַלבער. איז טאַקע די גאַנצע קאָמעדיע געוואָרן אַזוי לעכערלעך, אַז אַדלער איז געצוואונגען געווען אין מיטן צווייטן אַקט הייסן אַרונטערלאָזן דעם פאָרהאַנג און איז אַרויס פאַרן פּובליקום בזה הלשון: „מיין ליבעס האָכגעשעצטעס פּובליקום! מיר זען, אַז די קאָמעדיע געפעלט אייך ניט. אונדז געפעלט עס איצט אויך ניט. מיר קאָנען ווייטער מיט דער פאָרשטעלונג ניט אָנגיין. גייט איצט אַ היים און קומט מאָרגן מיט די האַלבע „טיקעטס" (בילעטן), וואָס איר האָט ביי זיך. מאָרגן וועלן מיר פאַר אייך שפּילן דעם „יידישן קעניג ליר". דאָס פּובליקום איז זיך שטיל און רואיק אַהיימגעגאַנגען..."

אָבער גאָרדין האָט דורך דעם דורכפאַל פון „פּרנס חודש" ניט פאַר־לאָרן זיין חשיבות ביים פּובליקום און אַפילו ניט ביי די אַקטיאָרן. באַלד דערנאָך שרייבט גאָרדין ווידער אָן אַ פּיעסע, וועלכע ברענגט אים ווידער רום, אָבער דאָ ברעכט אויס אַ שטרייק אין טעאַטער, און דער סאָציאַליסט גאָרדין פאַרלאָזט דאָס טעאַטער און אַטאַקירט נאָך זיין באָס יעקב פּ. אַדלער. פאַרוואָס גאָרדין האָט אַזוי געהאַנדלט וועט ווערן קלאָרער, ווען מיר וועלן זיך נענטער באַקענען מיט דער ביאָגראַפיע פון יעקב גאָרדין, זיין אָפּשטאַם, זיין יוגנט, זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, זיין מיטווירקן אין דער געזעלשאַפט „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ" און זיינע חלומות אין זיין נייער היים.

## קאַפּיטל צען

# די היים. די סביבה און די אידעען פון יעקב גאָרדין איידער ער איז געוואָרן דער דראַמאַטורג

זיין דערציאונג, — די ביכער וועלכע ער האָט געלייענט — זיין באַשעפטיקונג — דער רוסישער שרייבער און אידעאַליסט.

די מאָדערנע וויסנשאַפט שטעלט זיך קודם כל אָפּ ביי יעדער פּערזענלעכקייט אויף דער דערציאונג וואָס ער האָט באַקומען, זיינע פריע קינדער־יאָרן און יוגנט־יאָרן און די סביבה אין וועלכער ער איז אויפגעצויגן געוואָרן. אָט די אַלע דערשיינונגען מוזן לאָזן גוואַלדיקע שפּורן און באַאיינפלוסן דאָס וויטערדיקע לעבן און טעטיקייט פון דעם באַטרעפנדן. און יעקב גאָרדין, דער שפּעטערדיקער וועלט־באַרימטער יידישער דראַמאַטורג, איז זיכער נִיט קיין אויסנאַם פון דאָזיקן כלל.

דעריבער נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין אַ ביסל באַקענט מיט דער דראַמאַטורגישער טעטיקייט פון יעקב גאָרדין, ווי ער האָט אָנגעהויבן איינציקווייז צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער יידישער טעאַטערוועלט, וועלן מיר מאַכן אַ שטיקל צוריקגאַנג; מיר וועלן זיך צוריקקערן אין דער אַלטער היים, וואו גאָרדין איז געבוירן געוואָרן. מיר וועלן זיך בקיצור באַקענען מיטן אייראָפּעאישן יעקב גאָרדין, איידער ער האָט נאָך געחלומט צו האָבן וועלכן ס׳איז שייכות מיטן יידישן טעאַטער.

גאָרדין איז געווען אַ געבוירענער סאָציאַליסט. ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם טאָג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער סימבאָל פון דער אַרבעטער פרייהייט־באַוועגונג, דעם ערשטן מאַי. דעם 1־טן מאַי 1853 איז ביי יחיאל מיכל הלוי גאָרדין, אַ קליינהענדלער אין שטעטל מירגאָראָד, פּאָלטאָווער גובערניע, אוקראַינע, געבוירן געוואָרן זיין זון

יעקב. דער פאָטער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער משכיל און האָט אויך געהאַלטן פון חסידות, לויטן ליטווישן נוסח. די מוטער איז געווען, ווי דאָס רוב מאָמעס אין יענער צייט, אַ שטילע, פרומע הויז־פרוי. היות ווי דער פאָטער איז געווען ווייט פון גבירישקייט; ער איז בסך הכל געווען אַ קליינהענדלער, האָט ער ניט געקאָנט געבן זיין זון קיין ספּעציעלע דערציאונג. דער בחור האָט באַקומען אַ היימישע דערציאונג דורך מלמדים און לערער. קלאָר, אַז ער האָט ניט באַקומען קיין סיסטעמאַטישע בילדונג. דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין האָט געהאַלטן, אַז גאָרדין האָט געהאַט אַ גוטע ידיעה אין העברעאיש, אָבער איינער פון די אַמאָליקע פּיעסן־שרייבער און איבערזעצער, מיכל גאָלדבערג, וועלכער איז געווען אַ בן־בית ביי גאָרדינען ווען ער האָט שוין געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער, האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. אין די טעאַטער־קרייזן איז אַפילו אַרומגעגאַנגען אַ מעשה, אַז די אַלע עכט־יידישע ווערטלעך און באַזונדערס די גמרא־ווערטלעך, וואָס ווערן באַנוצט אין זיין פּיעסע „די שחיטה” און די לפ״קס אין זיין פּיעסע „אַן אַ היים”, האָט גאָרדין נאָכגעפרעגט ביי תלמידי חכמים און האָט זיי פאַרשריבן אין אַ ספּעציעל ביכעלע פון וועלכן ער האָט אַרויסגענומען דאָס נייטיקע ווען ער האָט געדאַרפט.

יעקב גאָרדין אַליין האָט אין אַ סאָווערניר־זשורנאַל, וואָס איז אַרויס אין ניו יאָרק אין 1901, צו זיין 10־יאָריקן יובל ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע, דערציילט, אַז אין זיין פאָטערס הויז האָבן זיך געפונען אַ סך רוסישע ביכער, צווישן זיי די דאַמאָלט ליבעראַלע רוסישע זשורנאַלן „סאָווערעמעננִיק” און „סין אָטיעטשעסטוואַ”, און אַז ער האָט פון דער פריעסטער יוגנט געלייענט אין רוסיש אָריגינעלע און איבערגעזעצטע בעלעטריסטיק. אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט פעלאַנס בוך „טעלעמאַק” און ליטטאָנס ראָמאַן „וואָס ער וועט טאָן דערמיט?”. דער דאָזיקער ראָמאַן האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט אים ממש אויסגעלערנט פון אויסנווייניק. גלייכצייטיק, האָבנדיק אַ טאַטן אַ משכיל, האָט גאָרדין אויך געלייענט השכלה־ספרים און עס האָט ניט לאַנג גענומען, האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן אין העברעאיש, פאַרשטייט זיך

מליצה, ווי דער מנהג איז דאַמאָלט געווען. אָבער ניט נאָר רוסיש און העברעאיש האָט גאָרדין געקענט, נאָר אויך דייטש און אוקראַיניש זיינען אים ניט געווען פרעמד. אַ פאַקט, אַז ער האָט זיך געקאָנט גוט אויסדריקן אין אוקראַיניש, די שפראַך, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, האָט גערעדט אין זיין געבוירן־פלאַץ. גאָרדין האָט זיך אַזוי אויסגעלערנט אוקראַיניש, אַז ער האָט זיך שפעטער אָנגעשלאָסן אין אַ געהיימען אוקראַינישן קרייזל, וואָס האָט געשטרעבט צו באַפרייען דאָס אוקראַינישע פאָלק פון צאַרישן יאָך. דאָס קרייזל האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן „זאָריאַ" און גאָרדין האָט דאָרט אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען. ער האָט אויך פאַר דעם קרייזל איבער־געזעצט דעם ערשטן קאַפיטל פון קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל" פון דייטשן אָריגינאַל.

זיין ענערגיע און ווילנס־קראַפט האָט גאָרדין אַרויסגעוויזן פון דער פריעסטער יוגנט, און הגם ער אַליין האָט ניט באַזוכט קיין לערן־אַנשטאַלטן, האָט ער דורך דער בילדונג, וואָס ער האָט גענאָסן דורך לייענען און דורך זעלבסטשטענדיקן שטודירן, זיך אויף אַזויפיל גייסטיק אַנטוויקלט, אַז ער האָט געלערנט אַנדערע און גענומען צוגרייטן שילער צו גימנאַזיע און אַנדערע שולן.

אַרום 1870, ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט גאָרדין אָנגע־הויבן צו שרייבן אין דער רוסישער פרעסע. ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין אַ גאַנצע ריי רוסישע צייטונגען אין דער דרום פּראָ־ווינץ, ווי „אָדעסקי וויעסטניק", „גאָלאָס", „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף", „פּראַוודאַ" א.א. אָט די אַרטיקלען האָט ער, מסתמא צוליב פּאָליטישע טעמים, ניט אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען, נאָר אונטערן נאָמען „יאַקאָב מיכיילאָוויטש" און מיטן פסעוודאָנים „איוואַן קאָלוטשי" (דער „שטעכעדיקער"), און דער פסעוודאָנים איז געווען זייער אַ פּאַסיקער, ווייל די אַרטיקלען, מערסטנטייל פעליעטאָנען, זיינען געווען (ווי זיינע שפעטערדיקע סאַטירעס אין יידיש), געשריבן מיט אַ געוואַלדיק בייסיקן סאַרקאַזם. אין די אַרטיקלען האָט ער אויסגעלאַכט רעגרעס (צוריקגע־שטאַנענקייט) און די קנעכטשאַפט, צו וועלכער אַ גרויסער טייל פון

דער באַפּעלקערונג איז געווען צוגעוואוינט. אָבער אַזוי ווי די צאַרישע צענזור אין יענער צייט איז געווען זייער שטרענג, האָט ער ניט געקאָנט שרייבן אָפן און קלאָר, נאָר געמוזט זיינע געדאַנקען איינוויקלען אין משלים, אַלעגאָריעס, רמזים און סימבאָלן. דער דאָזיקער אומשטאַנד אין רוס־לאַנד, די שווערע האַנט פון דער צענזור, איז געווען גוט באַקאַנט נאָך אַ סך יאָרן שפּעטער. נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם, ווען ביאַליק האָט אָנגע־שריבן זיין באַרימטע פּאָעמע „אין דער שחיטה שטאָט", האָט ער אויך אָנשטאָט קעשענעוו געמוזט אָנגעבן די שטאָט אַלס „נעמעראָוו".

אַלס מוסטער פון זיינע אַלעגאָריעס, ברענגט קלמן מרמר אין זיין בוך וועגן גאָרדינען,[62] אַ טייל פון גאָרדינס עטיוד „אין שטאַל", וואָס גאָרדין האָט פריער געהאַט געשריבן אין רוסיש און האָט עס אין 1900 אָפּגעדרוקט אין זיין יידישער איבערזעצונג אין זשורנאַל „פרייע גע־זעלשאַפט".

די העלדן פון דעם עטיוד זיינען אַ קו און אַ קאַלב. דאָס יונגע קעלבל ווערט ניט צוגעלאָזט צו דער מוטערס ברוסט. די צעוויינטאַגטע מאַמע־קו טרייסט איר קינד, אַז אַזוי איז די אָרדענונג אויף דער וועלט; די אָרעמע האָרעפּאַשנע באַשעפענישן לעבן ניט אויף דער וועלט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר זייערע האַרן. די מילך איז נייטיק פאַרן האַרס הויז־געזינד, דעריבער דאַרף אַ גוט קעלבל זיך אונטערוואַרפן דעם גורל מיט הכנעה און געדולד. ס׳דאַרף ליידן און שווייגן, דולדן און האָפן. שפּעטער באַשליסט דער האַר צוצוגרייטן דאָס קעלבל אויף פלייש פאַר זיין משפחה, לאָזט מען עס יאָ צו זויגן ביי דער מאַמע־קו, כדי עס זאָל ווערן געזונט און פעט. די קו טריאומפירט מיטן זיג פון איר מאָראַל און זי לויבט דעם האַרס גוט־האַרציקייט. אָבער דאָס גליק פון דער מאַמע־קו דויערט ניט לאַנג. אַזוי ווי דאָס קעלבל וואַקסט נאָר אונטער, נעמט מען עס אַוועק צו קאָנען פראַווען דערפון אַ סעודה אין האַרס הויז. די מאַמע־קו איז פאַרצווייפלט פון דעם אומגליק, און ווען דער ריח פון דעם געבראָ־טענעם קאַלבס־פלייש דערגרייכט צום שטאַל, דערהערן זיך די שרעק־לעכע געשרייען און יאָמערן פון דער מאַמע־קו. דאָס שטומע באַשעפע־ניש באַוויינט אויף איר לשון איר אומגליקלעך קינד און דעם ניט־יושר פון דער וועלט.

מען דאַרף ניט שטאַרק אַריינטראַכטן כדי זיך אָנצושטויסן, אַז דער גאַנצער גאָרדין־עטיוד איז נאָר אַן אַלעגאָריע און באמת מיינט מען דאָ די מענטשלעכע געזעלשאַפט, דעם אַרבעטער־קלאַס און די בורזשואַזיע, וואָס עקספּלאָאַטירט און דערפירט צו אומברענג פון דעם שאַפנדן, אַרע־מען, אומבאַשיצטן אַרבעטער.

אַרום 1872, אין עלטער פון 19 יאָר, האָט יעקב גאָרדין חתונה געהאַט. ער האָט באַקומען אַ פיינעם נדן און ער נעמט זיך צו געשעפט, און די פאַמיליע האָפט, אַז ער וועט האָבן פּרנסה און זיך עטאַבלירן אַלס גע־שעפטסמאַן, אָבער דער יונגער טרוימער און מאָראַליסט איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו זיין אַ סוחר. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער פאַרלאָרן דעם נדן, איז געבליבן אָן פּרנסה, און אָנגעהויבן זוכן מיט וואָס זיך אַליין און זיין פרוי צו שפּייזן. באַלד האָבן אָנגעהויבן קומען קינ־דער איינער נאָכן אַנדערן און די זאָרג פאַר פּרנסה איז געוואָרן נאָך גרעסער. גאָרדין האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון קיין שום אַרבעט: גייסטי־קע אָדער פיזישע. ער איז געוואָרן אַ לערער, אַ זשורנאַליסט, און ווען דאָס איז ניט געווען גענוגנד, האָט ער איבערגעלאָזט זיין פרוי און קינד, שפּעטער קינדער, און אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן איבער רוסלאַנד. ער איז אַרומגעפאָרן מיט אַ רוסישער וואַנדער־טרופּע, וואו ער האָט געשפּילט (גאָרין האַלט, אַז ערשט אין אַמעריקע איז גאָרדין געקומען דירעקט אין פאַרבינדונג מיטן טעאַטער), געאַרבעט אַלס ערד־אַרבעטער, אָנגעלאָדנט און אויסגעלאָדנט משאות אויף שיפן ביי פּאָרטן, און דאָ, וואַנדערנדיק איבער פאַרשיידענע ערטער, איז גאָרדין געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די ברייטע מאַסן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און רעליגיעס, און מרמר האַלט, אַז דאָס האָט אים געגעבן די געלעגנ־הייט אויסצוברייטערן און פאַרטיפן זיין אידעען־וועלט. ער האָט זיך באַקענט מיט מענטשן, אויסגעהערט זייערע מעשיות וועגן זייער לעבן, באַקענט זיך מיט מענטשלעכער פרייד און לייד, און זיין וועלט איז געוואָרן ברייטער. ער האָט געעפנט זיינע אויגן און דערזען אויך די דאַמלטיקע יידישע וועלט.

אָט די געפילן האָט ער גענומען אויסדריקן אין 1880, ווען ער איז

געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער רוסישער וואָכנשריפט „ניעדעלאַ“ אין דער הויפּטשטאָט פּעטערסבורג. דאָ האָט ער שוין ניט בלויז פאַרנאָטירט וואָס ער האָט געזען, נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו ווירקן צו פּרוּוון אָנווענדן זיינע אידעען. דער מאָראַליסט איז געוואָרן אַ רעפאָרמאַטאָר.

אין זיינע בילדער פון יידישן לעבן, וואָס ער דרוקט אין דעם וואָכנ־בלאַט, באַגנוגנט זיך שוין ניט גאָרדין מיט שילדערן סצענעס און בילדער פון יידישן לעבן, ווי זיי זיינען, נאָר ער מישט זיך אַריין אין דעם שרייבן מיט זיינע באַמערקונגען, מיט זיינע אָנדייטונגען ווי אַזוי דאָס יידישע לעבן דאַרף אויסזען, דאַרף זיין.

ער באַזעצט זיך אין יעליסאַוועטגראַד, וואו ער הייבט אָן אויסאַרבעטן פּלענער איבערצוענדערן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויף נייע, געזונטע, פּראַקטישע יסודות. אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען פאַרשטאַרקט ער זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן. ער ווערט דער ניט־אָפיציעלער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער צייטונג „יעליסאַוועטגראַדסקי וויעסטניק“, און אַחוץ זיינע סאַטירישע פעליעטאָנען, בילדער און דערציילונגען, הייבט ער אויך אָן אונטערן פּסעוודאָנים „יאַן“ צו שרייבן טעאַטער־קריטיק.

באַלד אָבער, אין 1881, הייבן זיך אָן די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. ביז דאַמאָלט האָבן די אַלע פרייהייטלעכע מענטשן, די לי־בעראַלן, די אַזוי־גערופענע הומאַניסטן, און די יידן צווישן זיי, געגלויבט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן. זיי האָבן געאַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער אין רוסלאַנד. אָבער די פּאָ־גראָמען אויף יידן האָבן זיי שטאַרק געוירט, אויפגעטרייסלט זיי פון זייער חלום, אַז עס איז ניטאָ קיין ספּעציעל יידיש פּראָבלעם און אַנטי־סעמיטיזם.

אין אָנהייב האָט גאָרדין נאָך אַלץ זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דעם ליבעראַלן געדאַנקען־גאַנג, אַז די ישועה פון יידן איז פאַרבונדן מיט דער באַפרייאונג פון גאַנצן רוסישן פאָלק, פון אַלע אירע איינוואוינער, און אַ מיטאַרבעטער פון „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי“ שילדערט ווי גאָרדין איז אַמאָל געזעסן מיט אים ביים ברעג פון ים פאַרטיפט אין מחשבות. פּלוצ־לינג האָבן זיך באַוויזן טרערן אין גאָרדינס אויגן, און ווען דער צייטונגס־מאַן האָט אים מיט וואונדער געפרעגט:

— דער לוסטיקער פעליעטאָניסט וויינט גאָר?

האָט גאָרדין אים געענטפערט:

— אָ, ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס זאָל מעגלעך זיין צו מאַכן אַלע מענטשן פאַר גוטע און באַפעלן אָט דעם געהיימניספולן ים איינשלינגען אַלדאָס שלעכטס פון דער וועלט.

און דאָס האָט געשטימט פולשטענדיק מיטן געדאַנקנגאַנג פון די דאַמאָלטיקע ליבעראַלן, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע צו דער מענטשהייט. זיי האָבן געגלויבט אין פאָלק, אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן, האָבן געשטרעבט עס אויפצוקלערן און פאַרבעסערן זיין לאַגע, און געווען זיכער, אַז ווען דאָס וועט געשען, וועט ווערן אַ גוטע, וואונ־דערבאַרע וועלט.

פאַקטיש האָט גאָרדין ניט געפילט קיין שנאה צו רייכע און פאַר־מעגלעכע. ער האָט, ווי די „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" האָט געשריבן, שטענדיק גע־זאָגט: „די הייזער וועלן איינפאַלן, דאָס געלט וועט צערונען ווערן, די קערפּערס וועלן פאַרפוילט ווערן. בלייבן וועט נאָר דער מענטשלעכער גייסט. ער וועט זיין דער הערשער איבער דער מאַטעריע".

מרמר דערמאַנט זייער ריכטיק, אַז אפילו נאָך שפּעטער, אין פּראָלאָג פון זיין „גאָט מענטש און טייוול", זאָגט גאָרדין דורכן מויל פון זיין העלד: „שטערבלעך איז נאָר דאָס, וואָס וויל און וואָס שטרעבט, אָבער דאָס שטרעבן און וועלן איז אומשטערבלעך".

גאָרדין האָט גענומען ערנסטער זיך פאַרטראַכטן ווי אַזוי ער קאָן דערפירן דערצו, אַז די ברייטע מאַסן זאָלן ווערן גייסטיק רייכער. „דער זשורנאַליסט — ווערט דערציילט אין „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" — האָט שוין דאַמאָלט גאָרדינען ניט באַפרידיקט. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער, טאַלאַנט־פולער פעליעטאָניסט מיט אַ גוטפילנדיק האַרץ און האָט געזען אָרעמ־קייט און אומוויסנהייט, און ער האָט דעריבער געשטרעבט מיט אַלע כוחות אַריינצוברענגען אויפקלערונג, ליכט און האָפענונג. ער האָט גע־וואָלט באַשאַפן עפּעס, ווירקן אויף די מאַסן, און דעריבער האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט „ביבליעסקאָיע בראַטס־טוואָ" (ביבלישע ברודערשאַפט).

## קאַפּיטל עלף

# ווי אַזוי יעקב גאָרדין האָט געוואָלט רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן

די השכלה־פאָרשטייער און זייערע שטרעבונגען — די שטונדיסטן — גראַף טאָלסטאָיס ראָל — די אויסטייטשער פון דער ביבל־גאָרדין הייבט אָן אַטאַקירן די יידישע רעליגיע — די אַנטשטייאונג פון „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״. — מאַסליאַנסקי אַטאַקירט די „בראַטסטוואָ״ אויף אַ פאַרזאַמלונג.

די געזעלשאַפט „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ (ביבלישע ברודערשאַפט) האָט געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין יעקב גאָרדינס לעבן, און עס לוינט אויף איר און אויף גאָרדינס ראָל אין איר, זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל לענגער. אַז גאָרדין האָט געשפילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל אין יידישן טעאַטער, ווייסן אַלע, און אַלס אַזעלכער וועט ער אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון יידישן פאָלק. עס האָט אָבער געקאָנט געשען, אַז גאָרדין זאָל אַריינגיין אין דער יידישער געשיכטע גאָר פון אַן אַנדער ווינקל, ווי אַ „פאַלשער משיח״, אָדער לכל הפחות, ווי דער שאַפער פון אַ רעליגיעז־גייסטיקער אָדער סאָציאַלער גרופּע אין יידישן פאָלק. ווען ניט די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער מאַכט קעגן דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״, ווען ניט דאָס וואָס גאָרדין איז אַנטלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד, כדי אויסצומיידן אַן אַרעסט, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אָט די געזעלשאַפט וואָלט זיך אַנטוויקלט, פאַרצווייגט, אַריינגענומען נאָך אַנדערע געגנטן אין רוסלאַנד וואו יידן האָבן געלעבט, און וואָלט געוואָרן אַ באַזונדערע סעקטע אין יידישן פאָלק.

איז דעריבער זיכער אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דער גע־

שיכטע, מיטן פּראָגראַם און מיט די פּערזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

לאָמיר קודם פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז עס זיינען דאָ צוויי ידיעות, וואָס זיינען זיך סותר איינע די אַנדערע. לויט איינער זאָל יעקב גאָרדין זיין געווען דער גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע, לויט אַ צווייטער איז דער גרינדער געווען גאָר אַן אַנדערער, און דוקא ניט קיין ייד, אָבער גאָרדין איז שפּעטער צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט און ער איז געוואָרן דער רוח החיים פון דער אָרגאַניזאַציע.

כדי עס זאָל בכלל קלאָר ווערן ווי אַזוי עס האָט געקאָנט אַנטשטיין אַזאַ אָרגאַניזאַציע, מוזן מיר זיך צוריקקערן צו יענער צייט, צו יענע יאָרן, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין צאַרישן רוסלאַנד, וואו עס איז געווען קאָנצענטרירט דער רוב מנין און בנין פון יידישן פאָלק, האָט געלעבט אין אַ פּאַקטישער געטאָ, אין גרענעצן פון אַ יידישן תחום, אַ „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי“, אין אַ שטח, וואו זיי האָבן געמעגט וואוינען, וואָס האָט אויסגעשלאָסן גרויסע און וויכטיקע טיילן פון רוסלאַנד, וואו עס האָט ניט געטאָרט אַריינשטעקן אַ יידישער פוס. אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי“, אין די שטעט און שטעטלעך, וואו יידן האָבן יאָ געמעגט וואוינען, האָבן זיי געהאַט נישטיקע מעגלעכקייטן פאַר פּרנסה און בילדונג און האָבן געשאַפן אַ גרויסן טייל פון דעם טיפּ, וואָס דער בייסיקער מאַקס נאָרדוי האָט אַ נאָמען געגעבן „לופט מענטשן“, אָבער נאָך פּאָפּולערער געווען אונטערן נאָמען „די שטעקל דרייער“, די יידן וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען און געדרייט מיט די שטעקעלעך און האָבן אויף אַ קונציקן אופן „אויסגעדרייט“ דאָס שטיקל חיונה. אויף דער יידישער גאַס איז אָבער אויך געווען אַ דינער שיכט, וואָס האָט איבערגעבראָכן מיטן אַלטן גאַנג, אַז אַ ייד דאַרף נאָר שטודירן די הייליקע ספרים און „שווימען אין ים פון תלמוד“, נאָר אַז מען דאַרף אויך קענען די לאַנד־שפּראַכן, אַז מען דאַרף שטודירן די ליטעראַטור און קולטור פון די אַנדערע פעלקער, ווייל דאָס וועט העלפן די יידן זיך אויסצוגלייכן מיט די אַנדערע איינוואוינער.

אָט דעם שיכט האָט מען גערופן „משכילים“ (די אויפגעקלערטע).

אָט די משכּילים האָבן געפּרעדיקט, אַז יידן דאַרפן אויך זיך נעמען צו ערד־אַרבעט, וואָס איז דאַמאָלט געווען איינע פון די שווערסטע אַרבעטן, און דורך דער שווערער אַרבעט וועלן זיי איבערצייגן די ניט־יידן, אַז זיי זיינען ניט קיין לייזיקגייער, קיין בלוט־צאַפּערס, נאָר ערלעכע, האָרעפּאַשנע מענטשן, און דאָס וועט זיין זייער אַ גוט מיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם.

עס איז אויך געווען אַ גאָר דינער שיכט אין יידישן לעבן, וואָס האָט געהערט צו דער פּאַרמעגלעכער קלאַס; סוחרים אָדער פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זיינען געווען אין אַ געוויסער מאָס פּריוויליגירט אין צאַרישן רוסלאַנד. פאַר זיי איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען אָפן. זיי האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן גיין נאָך ווייטער, וועלן קריגן גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע בירגער און זיינען גרייט געווען דערפאַר זיך אָפּצוזאָגן פון זייער יידישער אייגנטימלעכקייט און זיך אַסימילירן גייסטיק מיט דער רוסישער באַפעלקערונג.

עס איז אָבער דאַמאָלט אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, געווען אַ דריטע גרופּע משכּילים, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער שפּעטער באַרימטער „פּאַלעסטינעץ" משה לייב ליליענבלום,[63] וואָס האָט דערזען דאָס גאַנצע אומגליקלעכע לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דעם, וואָס זיי זיינען געבונדן אין די דינים און מנהגים פון מיטלאַלטער, וואָס זיי האַלטן זיך אַזוי שטרענג אָן דער גמרא, אָן שולחן ערוך און די אַלע מפרשים און פּלפּוליסטן, און דאָס שטערט זיי שטאַרק אין זייער בילדונג, און אַלס רעזולטאַט דערפון ליידן די פאָלקס־מאַסן עקאָנאָמיש. די שטרעבונג פון די דאָזיקע משכּילים איז געגאַנגען אין דער ריכטונג, אַז די יידישע רעליגיע, באַזונדערס די דינים און מנהגים, מוזן ראַדיקאַל געענדערט ווערן. שפּעטער האָט דער זעלבער פירער, משה לייב ליליענבלום, אַרויסגעגעבן אַ בוך „חטאות נעורים" (יוגנט זינד), אין וועלכע ער האָט אַליין צעבראָכן די געטער פון זיין אידעאַל, וועלכע ער האָט פריער אויפגעשטעלט מיט אַזאַ שטורעם, אָבער אין דער צייט וועגן וועלכער מיר ריידן, איז ליליענבלום געשטאַנען אייזן און שטאָל פאַר רעפאָרמען אין דער יידישער רעליגיע.

אויך יעקב גאָרדין איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דאָזיקער אידעע, אַז מען דאַרף רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע. אַלס יונגער משכיל, דערצויגן אויפן תנ״ך און אויף אַזעלכע השכלה־ספרים ווי אברהם מאפּוס ראָמאַן „אהבת ציון״, איז גאָרדין — ווי מרמר האַלט — געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו דער ביבליש־ראָמאַנטישער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע, און אים איז באַזונדערס געווען ליב די צייט ווען יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און האָבן געפירט אַ געזונט, נאָרמאַל פּויערים־לעבן. זיין באַרירונג מיט דער מסחר־וועלט ווען ער איז געווען אַ סוחר, זיינע שפּעטערדיקע וואַנדערונגען און זיינע באַגעגענישן מיט מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער ביי פיזישע אַרבעט האָבן ביי אים פאַרשטאַרקט די פאַנטאַזיע און די אידעע ווידער אויפצולעבן ביי יידן אַ פּויערים־שיכט, באַזונדערס נאָך זיין נאָנטער באַקאַנטשאַפט מיטן לעבן פון די ניט־יידישע פּויערישע רעליגיעזע סעקטעס.

גאָרדין איז קודם כל אַליין שטאַרק אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון גראַף לעוו טאָלסטאָי, וואָס איז געווען דער גייסטיקער פאָטער פון די פּויערישע סעקטאַנטן אין צאַרישן רוסלאַנד. גאָרדין האָט זיך ממש באַגייסטערט פאַר טאָלסטאָיס אידעען וועגן עטיק און מאָראַל. גאָר באַזונדערס האָבן אויף גאָרדינען געווירקט די „שטונדיסטן״, וואָס האָבן אין גרויסע צאָלן געלעבט אין דער געגנט פון יעליסאַוועטגראַד, גאָרדינס וואוין־אָרט. די „שטונדיסטן״ זיינען געווען שאַרפע קעגנער פון דער אָפיציעלער פּראַוואָסלאַווונער קירכע. זיי האָבן ניט אָנערקענט די רעליגיעזע צערעמאָניעס פון דער קירכע, אירע הייליקע בילדער (די איקאָנעס). זיי זיינען געווען קעגנער פון דעם רעליגיעזן אַסקעטיזם, קעגנער פון רויכערן און שיכורן, און עס זיינען צווישן זיי געווען אפילו אַזעלכע עקסטרעמיסטן (מחמירים), וואָס פלעגן ניט פאַרזוכן קיין שום אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, אפילו ניט דעם ווייַן צום „הייליקן סאַקראַמענט״. זיי האָבן ניט געגלויבט, אַז דורך רמזים, דורך אַריינטייטשן, אַז מען טרינקט דעם הייליקן וויין און מען עסט דאָס געהייליקטע ברויט, טרינקט מען דאָס בלוט און מ׳עסט דאָס הייליקע פלייש פון קריסטוסן, און דורך דעם קריגט מען אַ מחילה אויף אַלע באַגאַנגענע עבירות און זינד. זיי

האָבן געפאָדערט, אַז די תשובה וואָס מען טוט, זאָל טאַקע זיין מיט מעשים, דורך גוטע מעשים, ניט דורך סימבאָלישע צערעמאָניעס. אַ ריין ערלעך קריסטלעך לעבן האָט פאַר זיי געהייסן, לעבן פון אייגענער אַרבעט אין ברודערשאַפט און אין שוועסטערשאַפט. זיי זיינען געווען פאַר קאָלעקטיוון און קעגן פּריוואַטן אייגנטום, וואָס קומט פון עקס־פּלאָאַטאַציע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַלץ געהערט צו אַלעמען, ניט צו קיין יחיד, אַז אַלע מענטשן זיינען איין פאַמיליע, און דעריבער טאָר קיינער ניט האָבן צופיל און דער אַנדערער ווייניק. מיט איין וואָרט, דער אַרט „קאָמוניזם״, וואָס ווערט אין דער פּראַקטיק דורכגעפירט אין די קיבוצים אין מדינת ישראל. די מאָטאָ, די לאָזונג פון די שטונדיסטן איז געווען: „איין פאָטער אין הימל, איין מוטער — די ערד, וואָס פּראָ־דוצירט אַלץ״.

די „שטונדיסטן״ האָבן זיך גענומען אויך די פרייהייט אויסצוטייטשן די ביבל, און די ביבל האָט ביי זיי, ווי קריסטן, אויך געהייסן דער „ברית חדשה״ (די עוואַנגעליע). אַזוי דערציילט איינער יעקב פּרילוקער (גאָרדינס אַ יוגנטלעכער נאָכפאָלגער), אַז אַ פאַנאַטישע פּראַוואָסלאַוונע פרוי האָט אַמאָל באַזוכט אַ שטונדיסטישע גרופּע אין דער געגנט פון יעליסאַוועטגראַד און איז דאָרט געוואָרן אַזוי אויפגערעגט פון אַ באַ־מערקונג פון אַ יונגן פויער, וואָס האָט געמאַכט אַן אַפּיקורסישע באַמער־קונג, אַז זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. אָבער דער פויער, אַ גלויבי־קער שטונדיסט, האָט איר אויף דעם פּאַטש ניט צוריקגעענטפערט. האָט עס איר נאָך מער אויפגערעגט און זי האָט אים דערלאַנגט נאָך אַ פּאַטש. דער שטונדיסט האָט איר אויך דאָס מאָל ניט צוריקגעענטפערט. דאָס האָט דער פרוי צוגעגעבן מוט און זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש צום דריטן מאָל. דאָ אָבער האָט דער פויער, דרך אגב, אַ קרעפּטיקער, איר צוריק־געענטפערט און טאַקע זי גאָר גוט צעשלאָגן. אַז מ׳האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט איר ניט צוריקגעשלאָגן פאַר די ערשטע צוויי פּעטש, נאָר ערשט פאַרן דריטן, האָט דער שטונדיסט נאַאיוו געענטפערט: „יעזוס האָט געזאָגט אַז מען גיט דיר אַ פּאַטש אויף דער רעכטער באַק, שטעל אויס די לינקע. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז יעזוס האָט געזאָגט,

אַז צוויי פּעטש מעג מען זיך לאָזן געבן, אָבער ניט קיין דריטן״. אָט אַזוי וועדטלעך האָבן די שטונדיסטן געטייטשט דעם תנ״ך און דעם „ברית חדשה״ און דאָס, נאַטירלעך האָט געמאַכט אַ גרויסן קאָנטראַסט צווישן זיי און די אָנהענגער פון דער אָפּיציעלער קירכע, די פּראַוואָסלאַוונע.

עס איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז די „שטונדיסטן״ זאָלן זיין ליבע־ראַלער צו די יידן ווי די פּראַוואָסלאַוונע און דאָס האָט זיך אויך אַזוי אויסגעדריקט ביי יידן. דער זעלבער פּרילוקער דערציילט, אַז די יידן פלעגן געבן דעם פאָרצוג די „שטונדיסטן״ ביי יעדער אַרבעט און זיינען בכלל געווען גרייט זיך מיט זיי צו חברן.

און איינער פון זייערע בעסטע חברים איז געווען יעקב גאָרדין און דאָס האָט אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז אַרויסרופן אַ באַנייאונגס באַוועגונג צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן קאָן מען ניט דורך דער סאַטירע מיט וועלכער די משכילים האָבן אָפּגעלאַכט פון אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, נאָך דורך אַ פּאָזיטיווער סאָציאַל־רעליגיעזער אַגיטאַ־ציע. נאָכדעם ווי גאָרדין נעמט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירן מיט די יעליסאַוועטגראַדער „שטונדיסטן״, האָט ער דאַמאָלט, אין דעם סאַמען ערנסטן זשורנאַל אין פּעטערבורג, „ניעדיעליאַ״, באַשריבן דעם לעבנס־שטייגער, דעם מאָראַלישן פּרצוף און דעם שטרענגן ראַציאָנאַליזם פון די „שטונדיסטן״.

די השפּעה פון די „שטונדיסטן״ אויף גאָרדינען איז געגאַנגען אַזוי וויט, אַז ער איז געקומען אויפן געדאַנק אַריבערצוטראָגן אין יידנטום די פּרינציפּן פון שטונדיזם. מרמר האַלט, אַז גאָרדין האָט ניט געהאַט בדעה צו מאַכן די יידן פאַר „שטונדיסטן״, נאָר רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן לויט די גרונט־פּרינציפּן פון די „שטונדיסטן״. גאָרדין האָט אָנגע־הויבן אַרויסצוטרעטן פאַר די יעליסאַוועטגראַדער יידן מיט דרשות אין וועלכע ער האָט קריטיקירט דעם יידישן לעבנס־שטייגער. ער האָט גע־פּרעדיקט אַ ראַציאָנאַליסטישן (שכלדיקן) בליק אויף אמונה און לעבן. ער האָט גערופן „צוריקצוקערן זיך צו דער ביבל און איבערבויען דאָס יידישע לעבן אויף די יסודות, וועלכע זיינען אויסגעדריקט אין תנ״ך״.

גאָרדין האָט שפּעטער, שוין זייענדיק אין ניו יאָרק, גאַנץ אַנדערש

כאַראַקטעריזירט אָט די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״, אירע צילן און אויפגאַבן און האָט אויך אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט זי אָרגאַניזירט, נאָר אַז איר אָרגאַניזאַטאָר איז גאָר געווען אַ קריסט, אַן אוקראַאינער מיכיי־לאָוויטש. מיין מיינונג איז, אַז דער טעות אָנצונעמען גאָרדינען אַלס גרינדער פון דער סעקטע שטאַמט דערפון, וואָס זיין מיטלנאָמען איז אויך געווען מיכיילאָוויטש, ווייל זיין פאָטער האָט געהייסן מיכל.

גאָרדין האָט באַלד געפינען אָנהענגער פון זיין אידעע. זיינע אָנהענ־גער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „דוכאָוונאָיע ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ (גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט). אָט דער נאָמען, ווי גאָרדינס אָנהענגער פרילוקער האַלט, האָט געענוי אויסגעדריקט אַלץ וואָס גאָרדין און זיינע אָנהענגער האָבן באַצוועקט: „אָפּזאָגן זיך פון תלמוד און אָננעמען בלויז דעם תנ״ך. דער נאָמען „ביבלעיסקאָיע״ ווייל אויך אונטערשטרייכן, אַז זיי גלויבן אין דער ביבל, אָבער ניט אין די שפּעטערדיקע פאַרהייליקטע יידישע ספרים״.

דער באַרימטער מטיף (פאָלקס־רעדנער) צבי מאַסליאַנסקי דער־ציילט אין זיינע זכרונות:

„גאָר אַ שפּאָגל נייע באַוועגונג האָב איך געפונען אין יעליסאַוועט־גראַד. אַ באַוועגונג, וועלכע איך האָב פון איר קיין שפּור געפונען אין קיין אַנדער שטאָט, און דאָס איז: די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״: אַ נייע קריסטלעכע סעקטע אין יידנטום. דער גרינדער איז געווען דער באַרימטער יעקב גאָרדין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ יידישער דראַמאַטורג. די נייע סעקטע האָט געפונען אין אָנפאַנג פיל אָנהענגער אין זיד רוסלאַנד. נאָכער, אַז גאָרדין איז אַוועקגעפאָרן נאָך אַמעריקע, האָט זיין שטעלע אין דער נייער באַוועגונג פאַרטראָטן דער יעליסאַ־וועטגראַדער אַדוואָקאַט בערנשטיין, און פון דער שטאָט איז דאָס אַרויס די נייע תורה, וואָס איז אַ מין צוזאַמענזעצונג פון דעם אַלטן און דעם נייעם טעסטאַמענט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב געפונען אַלס מיין פליכט אַרויסצוגיין מיט מיין פולער קראַפט קעגן דער נייער סעקטע, און

ווען איך האָב גערעדט איבער די פאַרשידענע סעקטן, וואָס זיינען אַנט־שטאַנען אין יידנטום, האָב איך אָנגערופן די ניי־געבוירענע סעקטע מיט דעם נאָמען „די נייע פלאַגע אויף דעם אַלטן ישראל". ווי איך האָב נאָר אַרויסגערעדט דאָס וואָרט, איז געוואָרן אַ טומל אין דעם פובלי־קום, און אַ יונגע דאַמע מיט דעם נאָמען פ. האָט מיך אויפגעפאָדערט אויף אַן עפנטלעכער דעבאַטע. איך האָב איר ניט אַנטזאָגט, און עס איז באַשטימט געוואָרן די דעבאַטע זאָל שטאַטפינדן [פאָרקומען] דינסטיק כ"ו טבת תרנ"ב (1892), טאַקע ביי מאַדאַם פ. אין זאַל.

די דאָזיקע נאַכט איז אין מיין זכרון טיף איינגעקריצט געוואָרן אַלס „ליל שימורים" און איך וועל איר ניט פאַרגעסן ביז מיין לעצטן אָטעמצוג. דער שיינער גרויסער זאַל איז געווען פול מיט דער גאַנצער יעליסאַוועטגראַדער אינטעליגענץ, יוריסטן און אינזשיניערן. אין מיטן איז באַשטימט געוואָרן די דעבאַטע זאָל שטאַטפינדן [פאָרקומען] דינסטיק „ברית חדשה".

הער בערנשטיין, דער פאָרשטייער פון דער באַוועגונג, האָט געעפנט דעם ויכוח. מיט ערפורכט האָט ער אויפגעהויבן די צוויי ספרים, און מיט אַ קלאָרע שטימע האָט ער פראָקלאַמירט פאַרן פובליקום: „די צוויי הייליקע ביכער זיינען אונדזער הייליקער אידעאַל, און אויף זיי האָבן מיר געגרינדעט אונדזער הייליקע רעליגיאָן". נאַכער האָט ער געגאָסן שוועבל און פעך אויף דעם תלמוד, פון די תנאים ביז די לעצטע רבנים. נאָך אים האָט די שוועסטער, מאַדאַם פ., גענומען דאָס וואָרט, און האָט זיך געמאַכט לוסטיק מיט כלומרשטן הומאָר פול מיט גיפט צו די יידן און דאָס יידנטום, האָט געוואָרפן שמוץ, האָט אָנגעפאַנגען פון שמעיה ואבטליון און געענדיקט מיט רבי יצחק אלחנן.

מיין האַרץ האָט געקאָכט ווי אַ קעסל הערנדיק ווי בורים מופקרים, עמי הארץ, וועלכע האָבן גאָרניט געלערנט און קיינמאָל ניט געזען די ליכט פון תלמוד, וואַרפן שמוץ אויף אַלעס וואָס ביי אונדז איז פאַר־הייליקט פון טויזנטער יאָרן. מיט אַלע מיינע קרעפטן האָב איך זיך צוריקגעהאַלטן, און רואיק, לאָגיש, האָב איך אין קורצן, ווי ווייט מעגלעך, זיי דערקלערט דעם צוזאַמענהאַנג פון תורה שבכתב, אין וועלכער זיי

גלויבן אויך, מיט דער תורה שבפה, וועלכע זיי הייבן ניט אָן צו פאַר־שטיין. איך האָב זיי איבערצייגט, אַז די מאָראַל, די עטישע לערן אין אַלע הויכע אידעאַלן, וועלכע זיי האָבן אויפגעכאַפּט פון זייער פאַר־הייליקטן עוואַנגעליוס, און אַלעס, וואָס גוט איז, זיינען אַרויסגענומען פון דעם גרויסן אוצר פון תלמוד און מדרשים. עס איז אמת — האָב איך אויסגעשריען מיט ענטוזיאַזם — אַז דער קריסטנטום האָט זייער פיל געווירקט אויף דער היידנישער וועלט און אויף די גריכישע מיטאָ־לאָגיע, ווי אונדזער רמב״ם זאָגט אין די ענדע פון „הלכות מלכים״, אַז דער נוצרי און מחמד האָבן פאַרשפּרייט ליכט ביי די געצנדינע־רישע פעלקער, אָבער ניט פאַר די אייניקלעך פון אברהם, וועלכער איז געווען דער ערשטער גרינדער פון מאָנאָטעאיזם מיט צוויי טויזנט יאָר בעפאָר דער יונגער איסי פון גליל איז געבוירן געוואָרן. די קינדער פון די נביאים ברויכן ניט צו לערנען תורה און אמונה פון דעם סטאָ־לערס זון מיט זיינע אַפּאָסטאָלן. האָט איר ווען געזען, אַז בראָדסקי, דער גרויסער פאַבריקאַנט פון צוקער, זאָל קויפן צוקער אין אַ קליין שפּייז־קרעמל, וואו עס ליגט אַ האַלבע היטל צוקער צווישן הערינג, דזשעגעכץ און טאַבאַק? עפנט די אויגן און לייענט מיט אַ קריטישן אויג, וועט איר זען, אַז דער גאַנצער עוואַנגעליום האָט נאָר דעם כאַראַקטער פון אַ קליינעם שפּייז־קרעמל קעגן דעם גרויסן הייליקן מאַגאַזין מיט דעם נאָמען תלמוד. מער ווי נייך־צענטל אין „ברית־חדשה״ איז פאַרנומען מיט נאַרישע בבא מעשיות, מיט רוחות, שדים און נאַרישע זאָגן, פול מיט קליינע נסים ונפלאות פאַר אַלטע נאַרישע פרויען און אַבערגלויבישע קליינקעפּליכע מענטשן.

אַזוי האָב איך גערעדט און געמאָלן פאַרשידענע בילדער פון דעם יידישן שבת און יידישן ריינעם פאַמיליע־לעבן נאָך דעם תלמוד נאָך. איך האָב צעשטערט זייערע אַרגומענטן, זייערע פאַלשע חלומות, אויך זייערע נאַרישע האָפענונגען אויף שפּעטער. איך האָב זיי פאַר־געשטעלט דעם חורבן וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט זייערע נאַרישע פאַנ־טאַסטישע לערן און אַפּעלירט צו זיי אין דעם נאָמען פון דעם גאַנצן אומגליקלעכן יידישן פאָלק זיי זאָלן אויפהערן צו פּראָפּאַגאַנדירן די

נייע באַוועגונג, וועלכע פירט צום אומגליק. אַזוי האָב איך גערעדט שטונדן לאַנג ביז 4 אַזייגער פאַרטאָג. זיי זיינען פשוט באַנקראָט געבליבן און זיי האָבן מיר ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

זאגאר, דער אַדוואָקאַט בערנשטיין און די מאַדאַם פ., וועלכע זיינען שוין ניט געווען אין קיין שול 12 יאָר, זיינען געגאַנגען הערן מיינע ציוניסטישע רעדעס די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין יעליסאַ־וועטגראַד".

## קאַפּיטל צוועלף

# האָט „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" געהאַט אַ סאָציאַלע אָדער רעליגיעזע אידעע?

דער „רבי" יעקב גאָרדין — דער בעל תשובה משה לייב לילענבלום — דער ליבעראַלער גובערנאַטאָר — די 8 דברות פון „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" — איז גאָרדין געווען אַ מיסיאָנער?

פאַר דער געשיכטע וועט בלייבן צו באַשליסן צי יעקב גאָרדינס „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" (ביבלישע ברודערשאַפט) איז געווען געבויט ווי אַ רעליגיעזע סעקטע אָדער ווי אַ סאָציאַלע גרופּע, אָרגאַניזאַציע אָדער באַוועגונג. פאַר דער צאַרישער רעגירונג איז דאָס פּראָבלעם ניט געווען וויכטיק. איר איז ניט געווען קיין אונטערשיד וואָס „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" פּרעדיקט און וואָס זי באַצוועקט מיט איר פּראָגראַם. פאַר איר איז זי געווען טרייף ווי פאַר אַ פרומען יידן חזיר, און אויב אין אָנהייב האָט מען נאָך געהאַנדלט מיט חסד, און די סעקטע אָדער גרופּע האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט פריי און אָפן צו פּראָפּאַגאַנדירן און זיך אַנטוויקלען, האָט אָבער דער לייכטער ווינט לאַנג ניט געבלאָזן. די אַפּוטרופּסים פון דער צאַרישער מאַכט האָבן באַלד אַרויסגעגעבן אַן אסור, און ווען יעקב גאָרדין טראָגט זיך ניט אָפּ באַצייטנס קיין אַמעריקע, וואָלט ער אויסגעגאַנגען אין די צאַרישע קאַזעמאַטן פון סיביר, און אַלנפאַלס וואָלט ניט געקומען צו דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן טעאַטער־וועזן.

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָט דער לייענער זיך באַקענט מיטן סאָציאַל־גייסטיקן גאַנג פון גאָרדינען וועגן יידישן פּראָבלעם, ווי ער איז געווען פאַרכאַפּט פון טאָלסטאָיזם און די „שטונדיסטן", פון

זייערע באַגריפן וועגן עטיק און ווי אַזוי זיי האָבן געזען די לייזונג פון שלום ושלוה צווישן דער מענטשהייט.

איצט וועלן מיר פרוּוון באַקענען די לייענער מיט די אידעען און די אַרבעטן פון דער „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ״, וואָס מאַנכע האַלטן, אַז יעקב גאָרדין האָט זי געגרינדעט, אָבער ווי גאָרדין אַליין האָט שפּעטער דערקלערט אין ניו יאָרק, איז זי גאָר געגרינדעט געוואָרן דורך אַ רוסישן דאָקטאָר מיכײַלאָוויטש.

לויט קלמן מרמר דאַרף די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט אײַנ־געטיילט ווערן אין צוויי פּעריאָדן. אין דעם ערשטן פּעריאָד איז זי באַשטאַנען פון אַ קליינע גרופּע אין יעליסאַוועטגראַד און די גרינדונג איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1880. עס האָט גענומען אַ יאָר צייט ביז די גרופּע איז געוואָרן פּאָפּולער, אָבער ווען דאָס איז שוין געשען, איז אין יעליסאַוועגראַד אויסגעבראָכן דעם 15טן אַפּריל 1881 אַ פּאָגראָם קעגן יידן, וואָס האָט געדויערט דריי טעג, און אַט דער פּאָגראָם האָט געבראַכט דערצו, אַז די גרופּע זאָל זיך צעפאַלן. אַ טייל מיטגלידער זײַנען אײַנגאַנצן רואינירט געוואָרן, אַ טייל האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אַנדערע זײַנען מיט חרטה צוריקגעגאַנגען צום אַלטן בית המדרש און תשובה געטאָן פאַר דער צייט וואָס זיי זײַנען געווען פאַר־בונדן מיט דער „בראַטסטוואָ״.

מיר וועלן ברענגען אייניקע עדות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אָדער בייגעוואוינט די טעטיקייט פון דער „בראַטסטוואָ״ און דורך זיי פּרובן אַרויסברענגען וואָס עס איז אַזוינס געווען.

לאָמיר אָנהייבן מיט אַ קעגנער. דאָס איז דער דאַמאָלט באַרימטער העברעאיש־יידישער שרײַבער משה לייב ליליענבלום, וואָס האָט אָנגע־הויבן ווי אַ מאָדערנער רעפאָרמער און געענדיקט ווי אַ בעל תשובה. ליליענבלום איז פריער געווען אַ ניהיליסט, אַ קאָסמאָפּאָליט און אַ שטאַרקער אַפּיקורס. ער האָט שאַרף אַטאַקירט דאָס ווי ער האָט גערופן „רבנישע יידנטום״ און געפאָדערט גוואַלדיקע רעפאָרמען, אָבער די פּאָגראָמען אין 1881 האָבן אים ממש איבערגעקערט. אַלץ וואָס איז געווען כשר פאַר די פּאָגראָמען איז געוואָרן שטרענג טריף דערנאָך,

און ער האָט אָנגעהויבן מיטן זעלבן פייער, וואָס ער האָט פריער אַטאַקירט דאָס פרומע אָרטאָדאָקסישע יידנטום און יידישן נאַציאָנאַליזם, פּרע־דיקן דערפאַר. ער דערקלערט אַלץ, פאַרוואָס ער האָט פריער אַגיטירט, אַלס „חטאות נעורים", יוגנט־זינד, ווי ער רופט טאַקע זיין בוך וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. ער הייבט אָן אַרבעטן שטאַרק פאַר יידישן נאַציאָנאַליזם, ווערט איינער פון די איבערגעגעבנסטע אַרבעטער פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע פון דאַמאָלטיקן פּאַלעסטינע, אַ זייל פון די „חובבי ציון". און טאַקע ווייל ער האָט פריער אַזוי געקעמפט קעגן די רבנים און שלחן ערוך, האַלט ער זיך ווי מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעקב גאָרדינס רעפאָרמיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער „בראַטסטוואָ". דאָס זעלבע ווי די היינטיקע געוועזענע קאָמוניסטן זיינען שאַרפערע קעגנער זייער פריערדיקער אידעע און אידעע־פאַרבינדעטע ווי די, וועל־כע זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין קאָמוניסטן. ליליענבלום האָט ממש מיט פייער מינדלעך און שריפטלעך גענומען באַקעמפן גאָרדינען, וועלכער האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דער „בראַטסטוואָ" אין יעליסאָוועט־גראַד, און די סעקטע „נייער ישראל" אין אָדעס, וואָס איז געגרינדעט און אָנגעפירט געוואָרן פון יעקב פּרילוקער, וועלכער האָט זיך שפּעטער אינגאַנצן געשמדט.

ליליענבלום שילדערט אַזוי די גרינדונג פון דער „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ": „ווען יעקב גאָרדין האָט זיך באַקענט מיטן אָנפירער פון די שטונדיסטן" ראַבאָשאַפּקאַ, האָט יעקב גאָרדין, דאַמאָלט אַ לערער אין יעליסאָוועטגראַדער תלמוד־תורה, געוואָלט נאָכטאָן דעם „שטונ־דיסטן"־פירער און מאַכן אַ נייע סעקטע אויך ביי יידן, וואָס זאָל זיך אָפּשיידן פון אַלע יידן מיט אַ באַזונדערן פירער, שול און בית עולם. די סעקטע האָט זיך געדאַרפט פולשטענדיק אָפּזאָגן פון תלמוד (די גמרא), כדי זי זאָל קאָנען באַקומען אַלע בירגערלעכע רעכט.* און אַפילו פון דער תורה, וועלכע מען דאַרף נאָר דערקלערן גייסטיק, בדרך רמז".

* די קאַראַאימער, וועלכע אָנערקענען אויך ניט דעם תלמוד, האָבן געהאַט אין צאַרישן רוסלאַנד גלייכע רעכט, אָבער יידן האָבן אויף זיי תמיד געקוקט ווי ניט־יידן און האָבן זיך מיט זיי קיינמאָל ניט מתחתן געווען. בלויז היטלער, ימח שמו, האָט די קאַראַאימער אויך אָנערקענט ווי יידן.

ליליענבלומס אַטאַקעס קעגן גאָרדינען האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו דאַמאָלט, ווען גאָרדין האָט שוין גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער „בראַטסטוואָ". ליליענבלום איז באַפאַלן גאָרדינען באַלד נאָך זיין טויט, אָבער מיר וועלן ניט „פאַרכאַפּן די פיש פאַר די נעץ". מיר וועלן קומען צו דעם אין צייט.

בקצור, קאָן מען זאָגן, אויב מען זאָל זיך שטיצן אויף ליליענבלומען, אַז „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" איז געווען דורכאויס אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס האָט געוואָלט איינפירן געוואַלדיקע רעפאָרמען אין יידישן רעליגיעזן לעבן, וואָס אויב זיי וואָלטן געווען דערפאָלגרייך, האָבן זיי געקאָנט דערפירן צו אַ נייע סעקטע יידן, וואָס זאָלן זיין אַזוי ווייט פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט ווי עס איז דאָס קריסטנטום אָדער לכל הפחות די קאַראַאימער.

דער גרינדער און אָנפירער פון דער סעקטע „נייער ישראל" אין אָדעס, דער שפּעטערדיקער משומד יעקב פּרילוקער, גיט איבער אין זיינע זכרונות 8 עיקרים (גרונט־פּרינציפּן) פון זיין סעקטע, און זאָגט, אַז די זעלבע פּרינציפּן זיינען אויך געווען גילטיק אין דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" אין עליסאַוועטגראַד:

1) דער תלמוד (גמרא) האָט ניט קיין הייליקע אויטאָריטעט. אין אַ סך פאַלן האָט ער אפילו געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער יידישער נאַציע. ער האָט געשאַפן אַן אומגעהויערן סיסטעם פון צערעמאָניעס. אַלס ערזאַץ (ממלא מקום) פאַרן אמתן גייסט פון רעליגיע און האָט אָנגענומען אַן אַנטאַגאָניסטישע (פיינטלעכע) שטעלונג צו דער ניט־יידישער וועלט.

2) נאָר די ביבל, אויסגעטייטש פון שכל הישר און מאָדערנעם וויסן, דאַרף זיין דער קוואַל פון אמונה און הייליקער אויטאָריטעט.

3) דאָס געבאָט פון מילה מוז ניט מער אָנגענומען ווערן בוכשטאַבלעך, לויטן גוף, נאָר בלויז גייסטיק. [דאָ איז אפשר דער פּלאַץ צו דערמאָנען, אַז שלום אש האָט אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט אויך צעפלאַקערט אַ קאַמף קעגן מילה ווי „אַ באַרבאַרישער אַקט"].

4) די גרויסע צאָל דינים וועגן כשר בנוגע שפּייז און געטראַנקען

וואָס האָבן פאַר זייער הויפּט־ציל דאָס אָפּטיילן די יידן פון דער דרויסנ־דיקער וועלט, זיינען זינלאָז פאַר זיך אַליין און אומדערטרעגלעך אין טאָג־טעגלעכן לעבן און שעדלעך פאַר די באַציאונגען צווישן ייד און ניט־ייד.

5) די גאַנצע מענטשלעכע פאַמיליע באַשטייט פון קינדער פון איין הימלישן פאָטער, און די שטרענגע רבנישע גזרות קעגן געמישטע חתונות מיט קריסטן האָבן ניט קיין שום באַרעכטיקונג.

6) אַ קריסטלעך געבעט־הויז איז אָנגענומען ביי גאָט פונקט אַזוי גוט ווי אַ יידיש בית־המדרש.

7) דאָס היטן דעם קריסטלעכן שבת (זונטיק) אַנשטאָט דעם יידישן, איז ניט קעגן דעם גייסט און דעם צוועק, מיט וועלכן די דאָזיקע אינס־טיטוציע (דער שבת־רו) איז עטאַבלירט געוואָרן לויטן באַפעל פון בורא עולם.

אָט די אַלע זיבן פונקטן, קאָן מען אָננעמען, זיינען געפּרעדיקט געוואָרן סיי דורך גאָרדינס „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" און דורך פּרילו־קערס „נייער ישראל", אָבער פּרילוקער האָט געהאַט נאָך אַן אַכטן פונקט, און ער וויל, אַז מען זאָל אָננעמען, אַז דאָס איז אויך געווען גילטיק אין דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ". דער כאַראַקטער אָבער פון אַכטן פונקט איז אַזאַ, אַז עס איז אוממעגלעך, אַז גאָרדין זאָל האָבן צו אים צוגעשטימט. אָט וואָס דער אַכטער פונקט זאָגט:

„די תלמודישע לערע, אַז משיח איז נאָך ניט געקומען, שטימט ניט מיט די היסטאָרישע פאַקטן. ס'זיינען אויך ניט ריכטיק די שטעלן וועגן ווידער אויפבויען דעם בית המקדש און די באַנייאונג פון קרבנות, אין זייער בוכשטאַבלעכן זין, וואָס פאַרנעמט נאָך אַן אָנגעזען אָרט אין יידישן סידור".

כאָטש דער פונקט זאָגט ניט דייטלעך, אַז מען דאַרף אָננעמען, אַז ישו איז דער משיח, זיינען זיי אָבער אַ פולשטענדיקע הכחשה פון טראַ־דיציאָנעלן יידנטום, און גיבן אַ רמז, אַז משיח איז שוין יאָ געקומען. וואָלט גאָרדין אָנגענומען אויך דעם פונקט, וואָלט עס געמיינט, אַז ער איז פאַקטיש געוואָרן אַ מיסיאָנער, אָבער גאָרדין האָט נאָר געוואָלט רעפאָרמירן, לייכטער מאַכן דעם באַגאַזש פון יידישע דינים און ניט

אָנטשעפּען דאָס קריסטנטום צו יידן. דעריבער קאָן מען ניט אָננעמען פאַר גוט געלט פּרילוקערס באַהויפּטונג, אַז „גאָרדין האָט געהאַט די אידעע פון אַ פאַראייניקונג צווישן דער יידישער רעפאָרם־סינאַגאָגע מיטן געלייטערטן פּראָטעסטאַנטישן קריסטנטום, ווי דאָס האָבן ביז אַ גע־וויסער מאָס פּראַקטיצירט די „שטונדיסטן״ און אַנדערע רוסישע סעקטעס״. פּרילוקער, וועלכער האָט אַלץ געוואָלט איינרעדן, אַז גאָרדין און זיינע ביבלעיצעס האָבן געשטרעבט צום זעלבן וואָס זיין מיסיאָנערישע סעקטע „נייער ישראל״, האָט געפּרוווט אַריינטייטשן, אַז גאָרדינס „ביבלעיס־קאָיע בראַטסטוואָ״ האָט געמוזט פאַרשווייגן דעם ציל, ווייל אונטער דעם עקזיסטירנדיקן פּאָליטישן רעזשים אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָלט די מינדסטע אָנדייטונג פון אַזאַ ציל געווען שרעקלעך פאַר דער אַרבעט צווישן יידן״.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ האָט געהאַט צוויי פּעריאָדן. איינעם פאַרן פּאָגראָם און איינעם נאָכן.

די צאַרישע רעגירונג האָט געקוקט מיט גרויס חשד אויף יעדער סעקטע, וואָס האָט געפּרוווט אַרויסשטעלן אַפילו אַ פינגער פון אַ פוס פון דער אָפיציעלער קירכע. אָבער נאָך מער שאַרפער איז זי געווען קעגן רעליגיעזע סעקטעס ביי יידן, ווייל זי האָט חושד געווען די גרינ־דער פון די יידישע סעקטעס, אַז זיי זיינען באמת געהיימע מיסיאָנערן פאַר דייטשע אָדער ענגלישע פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, און פּראָטעס־טאַנטישע קירכעס זיינען ביי דער פּראַוואָסלאַווער קירכע געווען נאָך מער טרייפע ווי יידישע שולן. אַזוי האָט דער גרינדער פון „נייער ישראל״ פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט לעגאַליזירן זיין סעקטע. אויך גאָרדין האָט ניט געקאָנט טראַכטן וועגן לעגאַליזירן זיין „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״, אָבער ער האָט געהאַט דאָס מזל, וואָס דער גובערנאַטאָר פון יעליסאַ־וועטגראַד איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש, האָט געלייענט און שטאַרק הנאה געהאַט פון גאָרדינס שרייבן, און ער האָט אים באַשיצט און ניט געלאָזט, אַז מען זאָל אים פאַרפאָלגן. אַ דאַנק אָט דער פּראָטעקציע — דערציילט מרמר — איז די גרופּע אָדער סעקטע געווען ווי לעגאַל, אָדער געקאָנט אַרבעטן לעגאַל אין יעליסאַוועטגראַד אַזוי לאַנג ווי דער

דאָזיקער ליבעראַלער גובערנאַטאָר איז דאָרט געווען. די מיטגלידער און אויך זייטיקע צוהערער פלעגן זיך צונויפקומען אין זייער געבעט־הויז יעדן שבת־נאָכמיטאָג, וואו זייער „רבי" יעקב גאָרדין פלעגט פאַר זיי האַלטן אַ דרשה אויף רוסיש. יעדע רעדע איז געווען דורכגעדרונגען מיט מענטשן־ליבע און ליבע צום אמת און גערעכטיקייט. גלייכצייטיק פלעגט גאָרדין אַרויסטרעטן קעגן האַנדל און עקספּלאָאַטאַציע און פלעגט שטאַרק אָפּלויבן דאָס לעבן פון אייגענע פּראַצע, באַזונדערס פון ערד־אַרבעט. און גאָרדין האָט ניט בלויז גערעדט, נאָר טאַקע געטאָן דאָס וואָס ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט.

קאַפּיטל דרייצן

# גאָרדין מוז אַנטלויפן קיין אַמעריקע זיך צו ראַטעווען פון צאַרישער מאַכט

די געזעלשאַפט „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואַ" שטעלט זיין לעבן אין סכנה — די יידישע און ניט־יידישע באַזוכער — גאָרדין ווערט באַשולדיקט אין אַנטיסעמיטיזם צוליב זיינעם אַן אויפרוף — דער עקשן גאָרדין מוז ברעכן זיין עקשנות.

די פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין 1881 אין רוסלאַנד, באַלד נאָכדעם ווי דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערשאָסן געוואָרן, האָבן אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקן אויפרודער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. אַפילו די יידישע אינטעליגענטע יוגנט, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט פון אַסימילאַציע און זיך מיט אַלע כוחות דערווייטערט פון יידישן לעבן, האָט פלוצלינג ווי דערוואַכט פון אַ חלום, און האָט אָנגעהויבן גיין צוריק, צוריקקומען צום יידישן לעבן, און ווי אין אַזעלכע פאַלן, געגאַנגען פון איין עקסטרעם צום אַנדערן, געוואָרן פרום און אָנגעהויבן גיין אין שול. עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד קאָן זיך ווען עס איז אַמאָל נאָרמאַליזירן און האָבן אָנגעהויבן אַגיטירן אַריבערצוגיין צו אַ ניי לעבן, אָבער ניט מער אין דער אַלטער היים, נאָר — און דאָ האָבן זיך די אָנהענגער פאַר דער אידעע געשפּאָלטן אין צוויי ריכטונגען. איינע האָט געצויגן צום גאָלדענעם לאַנד, צו קאָלאָמבוסעס מדינה, וואָס איז געווען אַ פריי לאַנד און האָט געהאַלטן פרייע, אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו אימיגראַנטן, און די אַנדערע ריכטונג האָט אַריינגעבלאָזן אַ רוח חיים אין דעם אַלטן יידישן חלום — נאָך ציון. די ערשטע גרופּע האָט זיך גערופן „עם עולם" (דאָס אייביקע פאָלק) אַ נאָמען, וואָס האָט געאָטעמט מיט

האָפענונג, אַז יידן וועלן ניט אונטערגיין, נאָר זיי דאַרפן בלויז ענדערן זייער וואוין־אָרט און איבערגיין צו אַן אַנדער עקאָנאָמיש לעבן, און דאָס קאָן נאָר געשען אין פרייען אַמעריקע, וועלכע אַפילו דער אין יענער צייט באַרימטער העברעאישער דיכטער יל״ג (יהודה לייב גאָרדאָן), האָט באַזונגען ווי דאָס לאַנד „וואו די פרייהייטס־זון שיינט פאַר אַלעמען גלייך״. די אַנדערע גרופּע האָט זיך אויך גערופן מיט אַ העברעאישן נאָמען, אָבער מיט ראשי תבות (איניציאַלן) „בילו״, וואָס האָט געמיינט „בית יעקב לכו ונלכה״ (קינדער פון יעקב, דאָס הייסט יידן, קומט, לאָמיר גיין). זיי ווידער האָבן געהאַלטן, אַז אויב שוין יאָ אויסוואַנדערן און וועלן בלייבן יידן, דאַרף מען עס אין לאַנד פון די אבות, אין פּאַלעסטינע. דאָרט וועט מען ניט נאָר אויסגלייכן דעם רוקן, נאָר אויך דאָס פּרצוף־פּנים צו דער גאַנצער וועלט. דאָרט וועט מען נעמען פּאַשן די ערד, ווערן פּויערים און ווערן נאָרמאַל ווי אַלע פעלקער.

ניט דאָ איז דאָס אָרט, נאַטירלעך, אַריינצוגיין אין מער איינצלהייטן, וואָס די צוויי גרופּירונגען אין יידישן לעבן האָבן אויפגעטאָן פאַרן יידישן לעבן, ניט נאָר פאַר זייער צייט, נאָר פאַר שפּעטער, און וועלכע פרוכטן מיר געניסן פון דעם וואָס זיי האָבן פאַרזייט.

צווישן דער יידישער יוגנטלעכער אינטעליגענץ איז אָבער אויך געווען אַ ריכטונג, וואָס ווי אַן ענטפער קעגן די פּאָגראָמען, האָט זי אַגיטירט צו בלייבן אויפן אָרט און קעמפן קעגן דער צאַרישער אַנטיסעמיטישער מאַכט דורך „גיין אין רוסישן פאָלק״ און צוזאַמען צוגרייטן די רעוואָלוציע.

די פּאָגראָמען האָבן גאָר שטאַרק געטראָפן יעקב גאָרדינען, ווייל זיי האָבן צעשטערט זיין אידעע — די פאַרברידערונג און דערנענטערונג צווישן ייד און ניט־ייד, ווי ער האָט געפּרעדיקט דורך זיין געזעלשאַפט „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט״, און, פערזענלעך, ווי אַ רוסישער שרייבער, האָט ער גאָר שטאַרק געליטן פון די אַנטיסעמיטישע טענער, וואָס עס האָט דאַמאָלט אָנגעשלאָגן די רוסישע פּרעסע. מרמר ווייזט אָן ווי 10 יאָר שפּעטער, אין 1891, שוין זייענדיק אין אַמעריקע, האָט גאָרדין אָט די געפילן זיינע אויסגעדריקט, אין יידיש, אין אַ דערציילונג, אין וועלכער ער האָט געשיל־דערט די טראַגעדיע פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַלע

זיינע כוחות פאַרן גליק פון רוסלאַנד, און פּלוצלינג פילט ער זיך געטראָפן פונעם אַנטיסעמיטיזם. אים, דעם אמת־רוסישן פּאַטריאָט, דערקלערט מען פאַר אַ פרעמדן... אים, דעם מוטיקן קעמפער פאַר גערעכטיקייט, שטעמפּלט מען אָפּ פאַר אַן עקספּלאָאַטאַטאָר.

אָבער ניט געקוקט אויף די גייסטיקע קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען, האָט זיך גאָרדין ניט צוריקגעצויגן פון זיין אידעע. ער איז ניט צוגעשטאַנען ניט צו די „פּאַלעסטינצעס" און ניט צו די „אַמעריקאַנצעס", און ניט געקוקט וואָסביידע גרופּן האָבן פּאַקטיש אַגיטירט פאַר דעם וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט — פאַרוואַנדלען די יידישע הענדלער אין ערד־אַרבעטער און גרינדן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אויף אוטאָפּיסטיש־קאָמוניסטישע יסודות, און ניט געקוקט אויף דער שוידערליכער אַטמאָספערע נאָכן דריי־טאָגעדיקן פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד, האָט גאָרדין באַשלאָסן צו בלייבן אויפן אָרט און זיך ווייטער ברידערן מיט דער ניט־יידישער געזעלשאַפט.

זיין שפּעטערדיקער אָפּאָנענט, משה לייב ליליענבלום, איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט גאָרדינען פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז „אפילו באַלד נאָכן פּאָגראָם געווען אַ גוטער־ברודער מיט די וועלכע האָבן געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו העלפן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע פּאָגראָמטשיקעס". ליליענבלום זאָגט ניט, אַז גאָרדין איז געווען אַן אומדירעקטער מיטווירקער ביי די קאָמיטעטשיקעס, אָבער אַז „גאָרדין האָט זיך ניט צוריקגעצויגן פון מענטשן, וואָס זיינען געווען פריער זיינע גוטע פריינט, ווען ער האָט געזען, אַז זיי האָבן אונטערשטיצט קינדער פון אַרעסטירטע הונדערטער מענטשן פון וועלכע אַ טייל איז געווען באַטייליקט אין פּאָגראָם, און איידער מען האָט פעסטגעשטעלט ווער פון די אַרעסטירטע איז געווען שולדיק אָדער אומשולדיק אין באַטייליקן זיך אין פּאָגראָם".

אָבער מער צאָרן האָט אַרויסגערופן גאָרדין מיט זיין אויפרוף אין דער רוסישער צייטונג „יוזשני קראַי", וואו ער דערקלערט זיינע „ברידער־יידן", אַז אין דער שנאה צו זיי, וואָס האָט דערפירט צום פּאָגראָם, איז שולדיק ליבע צו געלט פון די יידישע פּראָצענטניקעס און הענדלער.

גאָרדין פאַרגלייכט זיך אין דעם אויפרוף צו אַ דענטיסט, וואָס כדי צו באַפרייען זיין פּאַציענט פון אַ שטאַרקן צאָן־ווייטאָג, רייסט ער ביי אים

אַרויס דעם צאָן, און כדי צו פאַרקלענערן די ווייטאָקן, טויט ער אָפּ דעם נערוו. און אַזוי וויל ער, גאָרדין, אויך אַרויסרייסן ביי יידן מיטן וואָרצל די טיף־איינגעוואָרצלטע שלעכטע געוואוינהייטן.

„ברידער־יידן — זאָגט גאָרדין אין זיין אויפרוף — פאַרוואָס האָבן אַלע עלעמענטן אין דער רוסישער געזעלשאַפט אייך פיינט? איז עס נאָר אַ שנאה צוליב רעליגיע? אונדזער ליבע צו געלט, די ניט־געזעטיקטקייט, די קאַרג־שאַפט, דאָס יאָגן זיך נאָך פאַרדינסטן. אנדזער חוצפה, קריכעריי, אונדזער שקלאַפיש און נאַריש נאָכמאַכן די אויפגעבלאָזענע און צעלאָזענע רוסישע פּריצים, אונדזער וואָכעריי, שענקעריי, מעקלעריי און אַלע אַנדערע עולות, רופן אַרויס קעגן אונדז די רוסישע מענטשן. אודאי זיינען דאָ ביי אונדז אויך ערלעכע מענטשן, אָבער זיי פאַרלירן זיך אין דער מאַסע פון די הענד־לער, וואָס טראַכטן נאָר טאָג און נאַכט וועגן אַ רובל און האָבן ניט אין זייער לעבן קיין אַנדערע אינטערעסן און באַדערפעניש ן".

און ריידנדיק וועגן די טרויעריקע געשעענישן בעת דעם פּאָגראָם אין אַפּריל, זאָגט ווייטער גאָרדין אין זיין אויפרוף, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע חדשים נאָכן פּאָגראָם:

„אָט די געשעענישן, ברידער, גיבן מיר אַ רעכט אייך צו דערמאָנען, אַז דוקא איצט איז די צייט אַרויסצורייסן די פאַרפוילטע ציינער מיט וועל־כע איר האָט געביסן אַנדערע און פון וועלכע איר האָט פון צייט צו צייט געליטן אומדערטרעגלעכע שמערצן און ליידן".

און גאָרדין פאַרענדיקט אָט דעם אויפרוף מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„ברידער, דערוואַכט, הויבט אָן אַ ניי לעבן".

און דאָ רעכנט ער אויס דאָס פּראָגראַם פון זיין געזעלשאַפט „ביבלעיס־קאָיע בראַטסטוואָ" צו וועלכן יידן זאָלן איבערגיין, און דורך דעם, הייסט עס, וועלן זיי פטור ווערן אין דער צוקונפט פון אַלע צרות.

גאָרדין איז ניט געווען דער ערשטער און איינציקער, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט דאָס דאַמאָלטיקע יידישע לופט־לעבן. אַלע השכלה־שרייבער און אפילו דער גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, האָבן אָפּגעשפּאָט, אָפּגעלאַכט און געמוסרט יידן ווי אַזוי זיי לעבן, אָבער זעלטן ווער פון זיי איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז ער זאָל איב־

גאַנצן פאַרשוויגן דאָס פאַרברעכן פון די פּאָגראָמשטשיקעס, און אַלע עבירות, די גאַנצע שולד אַרויפלייגן אויף די געליטענע, אויף די ברידער און שוועסטער פון זיין אייגן פאָלק, כאָטש ווי מרמר ווייזט אָן ריכטיק, אַז דער גרינדער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אהרן ליבערמאַן, האָט נאָך מיט 5 יאָר פריער פאַר גאָרדינס אויפרוף, אָפּן באַשולדיקט די רייכע יידן, אַז צוליב זייערע זינד ליידן די יידישע פאָלקס־מאַסן, און דריי יאָר פאַר גאָרדינס אויפרוף האָט דער שפּעטער־באַרימטער יידישער שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי כסדר אַטאַקירט די יידישע הענדלער, אַז זיי באַרויבן דעם ניט־יידישן פויער, אָבער די אַלע קריטיקס קעגן יידן, ווי שאַרף זיי זיינען, זיינען ניט געמאַכט געוואָרן אין אַזאַ שווערן מאָמענט ווי גאָרדינס. גאָרדין האָט זיין אויפרוף אַרויסגעגעבן, ווי געמערקט פריער, באַלד נאָכן פּאָגראָם, ווען די וואונדן זיינען ביי יעדן נאָך געווען פריש און אָפּן, און דעריבער איז ניט קיין וואונדער וואָס די יידיש־רוסישע צייטשריפט „ראַזסוויעט" האָט איבערגעדרוקט גאָרדינס אויפרוף כדי צו באַקענען די יידישע אינטעליגענץ מיט איר שעדלעכן אינהאַלט און האָט דערביי גאַנץ שאַרף אַריינגעזאָגט דעם שרייבער פון אויפרוף. אויך די אַנדערע רוסיש־יידישע צייטשריפטן האָבן שטאַרק אַטאַקירט גאָרדינען פאַר זיין אויפרוף.

דאָס אַלץ האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן גאָרדינען, אַז ער זאָל אַ ביסל שפּעטער ווידער צוטרעטן צו רעאָרגאַניזירן זיין „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" און באַנייען איר טעטיקייט.

מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאַנואַר 1880, האָט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו ליידן און איז זיך כמעט צעפאַלן נאָכן פּאָגראָם, אַ יאָר מיט אַ פערטל שפּעטער. אין 1883, האָט גאָרדין, צוזאַמען מיט אַננאַ פּאָקראָסאָוואַ און אַדוואָקאַט גר. בערנשטיין ווידער באַנייט די אָרגאַניזאַציע און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך קעגנער, וועלכע האָבן פאַרשוויגן די (לויט גאָרדינס מיינונג) נאַציאָנאַל־יידישע און אָן שום ספק פאַר אַלעמען הומאַניסטישע מאָטיוון פון דער אָרגאַניזאַציע; דאָס שטרעבן איבערצובויען דאָס יידישע לעבן אויף געזונטע, פּראָדוקטיווע יסודות, און דאָס פאַרוואַנדלען

ייִדישע לופט־מענטשן אין האָרעפּאַשנע פּויערים. די קעגנער פון „ביבלעיס־קאָיע בראַטסטוואָ" האָבן כסדר נאָר אונטערגעשטראָכן איר רעליגיעז־רע־פאָרמיסטישן און סעקטאַנטישן כאַראַקטער און געוואָלט אַרויסרופן דעם איינדרוק, אַז עס איז אַ מין מיסיאָנערישע מעשה, נאָר אין אַ נייער, אַנדע־רער פאָרם.

דער פריער דערמאָנטער יצחק פּרילוקער, וועלכער האָט יאָ געהאַט מיסיאָנערישע כוונות און האָט זיך שפּעטער אַפילו געשמדט, האָט ווידער, פאַרקערט, אַלץ געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיין מיסיאָנעריש באַשע־פעניש „נייער ישראל" איז אייגנטלעך דאָס זעלבע וואָס „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ". ער האָט אין רוסיש אונטערן פּסעוודאָנים „עמנואל בן־ציון" אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „ייִדישע רעפאָרמער", „ניי ישראל" און „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט" אין וועלכער ער האָט געגעבן אַן איבערזיכט איבער די ביבלעיצעס און זיי געמוטיקט ווייטער אָנצוגיין מיט זייער טעטיקייט, און ער דערציילט, אַז גאָרדין איז געקומען קיין אָדעס זיך צו באַראַטן מיט אים, און „מיר האָבן באַשלאָסן פאָרטצוזעצן די אַרבעט מיט באַנייטן אייפער, אַזוי ווי אונדזערע אידעען און פּרינציפּן זיינען אין תוך די זעלביקע".

גאָרדין האָט, ווייזט אויס, זיך ניט אָפּגעשראָקן, וואָס זיין נאָנטקייט מיט דער אַנדערער סעקטע קאָן אים ברענגען שאָדן און ער האָט אפילו פאַרבעטן פּרילוקערן צו באַזוכן די „בילעיסקאָיע בראַטסטוואָ" אין יעליסאַ־וועטגראַד און צוויי מאָל האָט פּרילוקער טאַקע געפּרעדיקט פאַר די ביבלעי־צעס. פּרילוקער דערציילט, אַז דאָס „גאָטס הויז", וואו ער האָט גערעדט ביי די „ביבלעיצעס", איז געווען אָפן פאַר אַלע און צווישן די באַזוכער זיינען אויך געווען קריסטלעכע סעקטאַנטן, „שטונדיסטן".

לויט פּרילוקערס זכרונות, איז גאָרדין דאַמאָלט אויך געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דער געהיימער שטונדיסטישער באַוועגונג אין יעליסאַוועטגראַד, און אַזוי באַשרייבט פּרילוקער אַ באַזוך זיינעם, אַ זונטיק נאָכמיטאָג, אין געהיימען שטונדיסטן קרייזל וואו גאָרדין האָט אים אַריינגעפירט און וואו דער אָנפירער, אַן אַלטער פּויער, באַלאַבאַן, וועלכער איז אַ סך מאָל באַשטראָפט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, האָט פאַר אַ קליינעם עולם, געלייענט אין רוסיש אַ קאַפּיטל פון תנ"ך, קענטיק,

מיטן ניגון פון קריאת התורה, און זיי דערנאָך דערקלערט די געלייענטע שטעל אויף אַן אופן ווי מ'דערקלערט אַזעלכע זאַכן פאַר קליינע קינדער. די ערלעכע אַנאַלפאַבעטישע קריסטלעכע צוהערער האָבן צוגעהערט זיך מיט עקסטאַז צו די רייד פון די יידישע נביאים, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ „פרעמדן ניגון", און ביי אַ טייל פסוקים האָבן די צוהערער געזיפצט און אַפילו געוויינט.

פרילוקער גיט אויך איבער, אַז דערנאָך האָט גאָרדין זיך אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע מיט באַלאַבאַנען, אָבער, צום באַדויערן, גיט ער ניט איבער דעם אינהאַלט פון דער דיסקוסיע.

אָבער ניט נאָר גוֹיים, נאָר אויך יידן פון די יעליסאַוועטגראַדער יוגנט, און ניט בלויז די זין פון אָרעמע באַלמעלאָכעס, נאָר אויך זין פון רייכע סוחרים, פלעגן קומען יעדן שבת הערן גאָרדינען האַלטן די „דרשה". זיי זיינען געווען אין דער העכסטער התפעלות פון זיינע רייד. זיי האָבן אים באַטראַכט פאַר זייער נביא, רבי און וועגווייזער, און האָבן זיך, אַלס רעזולטאַט פון זיינע רייד, באַצויגן איינער צום אַנדערן זייער ברידערלעך.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז גאָרדין האָט ניט בלויז גערעדט, נאָר אויך געטאָן, און טאָקע דערפאַר האָבן אים זיינע יונגע צוהערער אַזוי ליב געהאַט, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז ביי זייער „עלטערן ברודער" איז „ניט דער מדרש (דאָס ריידן) דער עיקר, נאָר די מעשה (דאָס טאָן), און גאָרדין האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אַרויסגעבן זיין אויפרוף, אַז יידן זאָלן בלייבן אויף די ערטער און איבערגיין צו ערד־אַרבעט, נאָר ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ענערגיש צו גרינדן אַ יידישן מוסטער־דאָרף. אַזוי ווי די צאַרישע רעגירונג האָט ניט דערלויבט צו קויפן ערד פאַר דעם צוועק און די יידישע גבירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן יידישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פון זייער פאָליאַקאָוו־פאָנד פאַר די פּאָגראָם־געליטענע, איז יעקב גאָרדין אַליין אַוועק צו ערד־אַרבעט און אַזוי האָט ער עטלעכע יאָר אָפּגעלעבט אין אַ דאָרף אונטער די שווערסטע באַדינגונגען כדי צו באַווייזן אַלעמען, אַז יידן קאָנען לעבן ביי ערד־אַרבעט. מ'דאַרף זיי נאָר צולאָזן דערצו.

פאַר דער צאַרישער מאַכט איז, פאַרשטייט זיך, אַזאַ טעטיקייט געווען גאָר פאַרדעכטיקט. די „אָכראַנאַ" (געהיים פּאָליציי) האָט געהאַלטן אַ שטאַרק

אויג אויף גאָרדינען, באַזונדערס זינט 1889 ווען ער האָט געהאָלפן גרינדן אַ קאָלאָניע פון רוסישע טאָלסטאָיאַנער, וואָס איז פאַרבאָטן געוואָרן. גאָרדין, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשריבן אין דער רוסישער פרעסע זיינע סאַטירישע און אַלעגאָרישע פעליעטאָנען, האָט עס מער ניט געהאָט אַזוי לייכט. מען האָט אין די „הויכע פענצטער" אָנגעהויבן אַריינצוטייטשן אין זיינע ווערטער, אין זייער אמתן מיין, הינטער און צווישן די שורות. מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק מדקדק צו זיין אויף זיין שרייבן, און כדי זיך אויסצוהיטן פון דער מאַכט, האָט ער כסדר געמוזט בייטן זיינע פסעוו־דאָנימען, אָבער דער צענזאָר האָט אים פאָרט דערקענט אין זיין סטיל.

אַמשווערסטן איז אָבער געוואָרן פאַר גאָרדינען, ווען זיין פריינט, דער גובערנאַטאָר פון יעליסאַוועטגראַד איז אויסגעביטן געוואָרן אויף אַן אַנדערן, וואָס איז שוין ניט נאָר ניט געווען זיין פריינט ווי דער פריער־דיקער, נאָר פשוט אַ שונא, וואָס האָט באַשלאָסן אים פאַרניכטן. עס איז געקומען דערצו, אַז אייגענע מענטשן האָבן אונטערגעזאָגט גאָרדינען, אַז מ׳גרייט זיך אים צו אַרעסטירן און אויב מען וועט אים אַרעסטירן, וועט מען אים פאַרשיקן קיין סיביר און פון דאָרט וועט ער שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויסקומען. ניט געקוקט אויף זיין שטאַרקן פאַרלאַנג צו בלייבן אויפן אָרט און מקיים צו זיין די לאָזונג וואָס ער האָט אַליין געפּרעדיקט, האָט גאָרדין באַשלאָסן אַז עס איז געזינטער זיך אָפּצוטראָגן מיט זיין פאַמיליע, און ווען די פּאָליציי איז טאַקע געקומען צו אים אין שטוב מאַכן אַ רעוויזיע, איז גאָרדין געווען אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ אויפן וועג קיין אַמעריקע.

## קאַפּיטל פערצן

# וואָס איז ווירקלעך געווען יעקב גאָרדינס „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״?

גאָרדין לייקנט, אַז ער איז דער גרינדער, דערקלערט, אַז די געזעלשאַפט איז געווען אַ רעליגיעזע — די אַנטציקונג פון די צוהערער פאַר גאָרדינען — ווי אַזוי מען האָט חתונה געהאַט ביי דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ — די צאַרישע רעגירונג פאַרווערט די אָרגאַניזאַציע, פאַרשליסט דאָס „געבעט הויז״ — גאָרדין קומט אין אַמעריקע.

מיט דעם קאַפּיטל וויל איך אָפּשליסן אַ וויכטיק בלאַט אין יעקב גאָרדינס לעבן — די גרופּע, אָרגאַניזאַציע אָדער סעקטע „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״, וואָס האָט אומבאַדינגט געלייגט אַ סטעמפּל אויף גאָרדינס לעבן. נאָר ווען מען קען אָט דאָס בלאַט געשיכטע פון דעם יונגן גאָרדין אויף יענער זייט ים, קאָן מען פאַרשטיין, באַגרייפן און אָפּשאַצן דעם באַדייט פון יעקב גאָרדין, דעם מיטליאָריקן רעפאָרמאַטאָר אָדער רעוואָלוציאָנער פון יידישן טעאַטער, אין זיין נייער היים, אין אַמעריקע.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך האָב איך געבראַכט, על פּי רוב לויט מרמרס פאָרשונגען, די מיינונגען פון ליליענבלום, פּרילוקער און אַ ביסל גאָרדינס גופא, וועגן די צילן, די כוונות און די אַקטיוויטעטן פון דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ און דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער יידישער גאַס און אַרויסגעבראַכט קעגן זיך די יידישע עפנטלעכע מיינונג, באַזונדערס נאָך דעם ווי גאָרדין האָט אין אַן אַנגעוויטעאַקדיקער צייט, באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין זיין היים־שטאָט יעליסאַוועטגראַד, ניט פאַרדאַמט די פּאָגראָמשיקעס, נאָר גאָר אַרויסגעקומען מיט אַן אויפרוף אין וועלכן ער האָט געשטראָפט די געליטענע, אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער

זיינע און האָט נאָך געהאָלפן שאַפן הילף פאַר די קינדער פון ניט־יידן, צווישן וועלכע עס זיינען אָן ספק געווען אויך דירעקט באַטייליקטע אין די פּאָגראָמען. אויף אַזוי ווייט איז געגאַנגען דער משכּיל און אינטערנאַציאָנאַליסט אין גאָרדינען, און מיר האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז ער האָט געמוזט שפּעטער אַליין בוגד זיין אין זיין הויפּט־באַשלוס זיך ניט צו רירן פון אָרט, נאָר האָט גאָר געמוזט מיט זיין פאַמיליע אַנטלויפן קיין אַמעריקע כדי זיך צו ראַטעווען ניט אַריינצופאַלן אין דער האַנט פון דער צאַרישער מאַכט.

אין 1887, בעת גאָרדין האָט זיך געפונען אין אָדעס, וואו ער האָט געאַרבעט אין דער אָרטיקער צייטונג „אָדעסקיא נאָוואָסטי", האָט ער, קענטיק, באַקומען אַ פּאַרצוויפלטן בריוו פון אַ מיטגליד („שוועסטער") פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט" ראָזאַ קליעמענטיעוונאַ־פּיינזילבער וועגן אויפלעזן דעם קרייז אין יעליסאַוועטגראַד. ער האָט באַלד דערויף שאַרף רעאַגירט מיט אַ בריוו.(1)

צו ראָזאַ קליעמענטיעוונאַ־פּיינזילבער
אָדעס, דעם 17־טן יוני 1887.(2)

ראָזאַליע קלימענטיעוונאַ

דעם דאָזיקן בריוו שרייב איך אייך אין דער רעדאַקציע,(3) און איך קאָן ניט דערפאַר מאריך זיין אַזוי ווי איך וואָלט וועלן. און שרייבן שרייב איך אייך אין דער רעדאַקציע, און ניט אין דער היים צוליב די ווייטערדיקע סיבות: די תשובה אויף אייער בריוו האָב איך אָנגעשריבן דעם זעלביקן טאָג ווען איך האָב אייער בריוו באַקומען, נאָר איך האָב איבערגעטראַכט און באַשלאָסן שרייבן נאָר דאַמאָלט ווען מיין כעס וועט איבערגיין, —

(1) מיר ברענגען דאָ דעם בריוו, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „יעווריעיסקיא סטאַרינאַ", 1924, באַנד 11, ז"ז 55—254, אין דער יידישער איבערזעצונג און באַמערקונגען פון ד"ר יעקב שאַצקי,[4] לויט זיין כתב־יד אין ביילאַגע פון קאַלעגע משה שטאַרקמאַן.

(2) רוסישער סטיל איז דרייצן טעג פריער פון דער אָנגענומענער רעכענונג, ווייל אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען גענוצט דעם גרעגאָריאַנישן קאַלענדאַר.

(3) טאָגבלאַט „אָדעסקיא נאָוואָסטי".

און איך בין זייער צופרידן, ווייל ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך אייך ווייזן דעם בריוו. דעם איצטיקן בריוו מיינעם שרייב איך אין רעדאַקציע כדי אים נאָך היינט אַרויסשיקן און ער זאָל צו אייך אָנקומען מיטוואָך.

א) אייער פאָרשלאָג מכח פאַרמאַכן די סינאַגאָגע (4) אין יעליסאַוועט־גראַד און מכח שיקן געלט קיין אָדעס, געפין איך פאַר ניט באַקוועם און ניט אויסגעהאַלטן. מען קאָן ניט פאַרמאַכן דאָס, וואָס מיר האָבן יאָרן לאַנג געשטרעבט צו האָבן. די „געזעצלעכע" שטעלונג,(5) וואָס מיר האָבן גענומען אין יעליסאַוועטגראַד, מוז אונטער אַלע אומשטענדן אָפּגעהיט ווערן. אַ ראַבינער, אַ בית־תפילה, מעטרישע ביכער — דאָס זיינען אַזעלכע זאַכן אָן וועלכע אַן עקזיסטענץ אויף להבא איז אוממעגלעך. אויב מיר וועלן דאָס פאַרלירן, וועלן מיר קיינמאָל אין לעבן דאָס צוריק ניט באַקומען. מיט דעם שפּילט מען זיך ניט! אַרויסשיקן געלט קיין אָדעס איז סתם אַ חלום. וואו און ביי וועמען וועט איר קאָנען זאַמלען געלט? און וואָס פאַר אַ לאָקאַל וועט איר שוין קאָנען דינגען פאַר אַזעלכע אומגליקלעכע גראָשנס? ווי לאַנג און אויף וויפל פּינקטלעך וועלן דאָס זיין אייערע צאָלערס, וואָס דאַרפן, נעבעך, אַריינטראָגן פאַר דעם צוועק דאָס ביסעלע מינץ? ניין, אום גאָטס ווילן, וואַרט!

ב) דער טרויעריקער מעמד פון אונדזער טייערער זאַך איז אַזוי ערנסט, אַז איך בעט די ברידער ניט אָננעמען קיין באַשלוסן און מיטלען ביז איך וועל ניט קומען צו פאָרן. אַזוי שנעל ווי זוסמאַן (6) וועט קומען צו פאָרן, וועל איך זיך באַמיען צו קומען קיין יעליסאַוועטגראַד אויף צוויי־דריי וואָכן. דאָס איז באַשלאָסן און געחתמעט. איך בעט די ברידער זיך דערווייל ניט פאַנאַנדערפאָרן און קיין זאַך ניט אונטערנעמען. ספּעציעל בין איך איבעראַשט און דערשטוינט פון מיינע יונגע ברידער. אין זייערע יאָרן וואָלטן אַ סך מענטשן געקאָנט זיין מער גלייכגילטיק צו זייערע אייגע־

(4) אין יעליסאַוועטגראַד האָט די „ביבלישע ברודערשאַפט" פונקציאָנירט אונטער דער מאַסקע פון אַ לעגאַליזירטער סינאַגאָגע.

(5) צו עקזיסטירן אין דער פאָרם פון אַ סינאַגאָגע.

(6) משמעות אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט".

נע ענינים און מער איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פון אַזאַ הייליקער און טייערער אידעע ווי אונדזער „ברודערשאַפט".

ג) איך וואָרט מיט אומגעדולד, אַז מיין דערציילונג זאָל אָפּגעדרוקט ווערן. איך האָב באַשלאָסן צו דינגען אין האַרבסט אַזאַ דירה, אין וועלכער ס'זאָל זיין אַן אָנשטענדיק און רחבותדיק צימער פאַר אסיפות. איך שעם זיך פשוט פאַר זיך אַליין!

ד) אויב איר וועט זיין מיט דער צייט געצוואונגען אין יעליסאַוועט־גראַד זיך צו פאַרמאַכן, קאָן דאָס דערלאָזט ווערן נאָר אונטער איין באַדינג: אַלע מוזן פאַרלאָזן יעליסאַוועטגראַד, אָבער ניט זיך פאַרנאַנדערגיין איינ־ציקווייז, נאָר אויף אַזאַ אופן: ווער עס קאָן, ווער ס'איז פעאיק צו אַרבעטן, זאָלן זיי אין איינעם גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונע, אַלץ איינס וואו, אין קריוואָי ראָג [7] אָדער אַן אַנדער שטעטל. די אַנדערע דאַרפן אומבאַ־דינגט זיך באַזעצן אין אָדעס. דאָ לאָזט זיך באַלד גרינדן אַ חברה, ווייל איך וועל האָבן ברידער, אַרויסהעלפערס און חברים. אַלע וועלן מיר דאַרפן העלפן צו באַקענען אַנדערע מיט דער תורה פון דער „ברודערשאַפט", פאַרבעטן, פאַראינטערעסירן. קיין אָדעס קאָנען קומען צו פאָרן די צוויי ברידער קינצער. סאָליאַט זאָל באַשטימט ווערן צו פאָרן אין אַ קאָלאָניע, דאָס זעלבע אויך די מייטוסעס, קאָזאַקאָווא און אַנדערע,[8] און מיט דער צייט איר אויך. אַלע אַנדערע, אָן שום אויסנאַם, אין שטעטל אַריין. אָבער זאָגט אברהמען אַז ער זאָל זיך ניט אַליין פאַרנעמען צופיל מיט זיין קריוואָי ראָג. מיר דוכט זיך, אַז ער טראַכט אַ ביסל צופיל וועגן זיך.

(7) אַ דאָרף אין אַמאָל־געווענער כערסאָנער גובערניע. דאָרט זיינען געווען יידישע ערד־אַרבעטער.

(8) וועגן די פירנדיקע מיטגלידער פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט" זען: „פערעזשיטאָיע", פעטערבורג, באַנד איינס, ז"ז 38—41 (צווייטער טייל), „יעווּ־רעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", באַנד 11, לעגינגראַד, 1924, די אַרבעט פון נ. בוכבינדער, ז"ז 238—265.

מכח גאָרדינס בריוו וועגן דער „ברודערשאַפט" זע די ביבליאָגראַפיע פון רוסישער יודאַיקאַ, — „סיסטעמאַטיטשעסקי אוקאַזאַטעל", פעטערבורג, 1893 (אינדעקס). נאָך גאָרדינס טויט האָט משה לייב ליליענבלום פאַרעפנטלעכט דריי אַרטיקלען וועגן גאָרדינען אין דער „ברודערשאַפט", — „פריינד", 1909, נומערן 127, 175—176.

איך האָב איצט אין קאָפּ אַזויפיל פּלענער, געדאַנקען, פאַרלאַנגען, — אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ניט קלאָר און ניט באַשטימט. ברידער, טייערע ברידער, מיר לעבן איבער איצט אַ קריזיס, וואָס אויב מען וועט אים ניט לייזן אויף אַ גינסטיקן אופן, דראָט אונדז טויט און בושה.

מיר ווילן, אָבער, קעמפן, אונדזער קראַנקהייט האָט איצט אָנגענומען אַ שאַרפע פאָרם. איצט קאָנען מיר, אָדער אינגאַנצן געזונט ווערן אָדער שטאַרבן. ווילן מיר דען מסכים זיין צו שטאַרבן? ברידערלעך, איך אַפּעליר צו אייך, קלייבט זיך צונויף, פינקטלעך, לייענט די דרשות און פאַלט ניט אַריין אין קיין יאוש. מיט אייער יאוש און שמאָלן גייסט קאָנט איר נאָך אָפּטרייסלען מענטשן פון זיך. ווי קאָנען מיר פאָדערן, אַז אַנדערע זאָלן גלויבן אין אונדזער זאַך בעת מיר אַליין האָבן ניט קיין אמונה און ניט קיין געטריישאַפט.

ביז דער ערשטער מעגלעכקייט מיינער צו זיין אין יעליסאַוועטגראַד, ברידער און שוועסטער, צום ווידערזען! זאָל מיין קליין און טרוקן בריוול כאָטש אַריינאָטעמען אין אייך אַ פונק פון לעבן! אָ!, ווען איך וואָלט תמיד זיך אַזוי געפילט ווי איך פיל זיך איצט, וואָלט איך קיינמאָל אין לעבן ניט געוואָרן קיין צייטונגס־שמירער! צום ווידערזען.

דעם 3־טן נאָוועמבער 1887.

עס שטימט, ראָטמייסטער דרעמינג. (9)

אייער יעקב גאָרדין

אין דעם גאָרדין־אַרכיוו אין „ייווא״ האָב איך געפונען אַ שיין־געשריבענע גרעסערע אַרבעט, אין יידיש, פון אַ געוויסער אַננאַ דאָבראָוואָלסקאַ־שער־מאַן, וואָס איז אַ שטיק יידישע געשיכטע פון אַמאָליקן רוסלאַנד, און פאַר־דינט אָפּגעדרוקט צו ווערן אַזוי ווי עס שטייט און גייט, ווייל עס איז געשריבן זייער אינטעליגענט, לאָגיש און אַנטהאַלט אַ מאַסע פאַקטן און שילדערונגען פון דעם „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״־פּעריאָד.

(9) אַ זשאַנדאַרמסקע אָפיציר, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע נאָכצופאָרשן די טעטיקייט פון דער „ברודערשאַפט״. פון דעם איז געדרונגען, אַז דער בריוו איז צו דער פּרוי פיינזילבער ניט דערגאַנגען.

בקצור קאָן מען פון אַט די זכרונות פון אַן עד־ראיה, וואָס איז געקומען צו מיטינגען פון דער „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ״, אַרויסנעמען פאָלגנדיקע פאַקטן: גאָרדין איז דאַמאָלט געווען אַ פעסט־געבויטער מאַן מיט גרויסע בלויע פאַרחלומטע אויגן, מיט אַ גרויסן שטעקן (דער באַרימטער שטעקן, וואָס איז שפּעטער, ווי די דאַמאָקלעס־שווערד, געהאָנגען איבער די חוצפּהדיקע יידישע אַקטיאָרן...) און אַ שיינע שוואַרצע באָרד. זיין הויפּט אַרגומענט איז געווען, אַז מענטשן לעבן ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. יעליסאַוועטגראַד האָט דאַמאָלט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 80 טויזנט, דער גרעסטער טייל ניט־יידן. אַ סך פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען אַרבעטער, אַ סך שוסטערלעך. ביי אַלע האָט געהערשט אַ שנאה צו יידן. געווען צוויי מעכאַנישע זאַוואָדן, וואו ס׳האָבן געאַרבעט נאָר קריסטן. די עטלעכע יידישע שוסטערס זיינען געווען גרויסע קבצנים. די שנאה צו די יידן איז הויפּטזעכלעך געווען דערפאַר וואָס מען האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף ניט־פּראָדוקטיווע מענטשן, לופט־מענטשן. אין דער „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ״ פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען און לייענען שטעלן פון דער ביבל. ווען גאָרדין פלעגט ריידן, פלעגט ער זיך גלעטן די באָרד ווי ער וואָלט פון דאָרט געצויגן די גאַנצע חכמה. אין זיינע רעדעס האָט גאָרדין זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלע דינים און אַלע מנהגים און האָט מילה דערקלערט ווי אַ באַרבאַריזם. די „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ״ האָט אויך געהאַט אַן אָפּטיילונג אין אומאַן און דאָרט האָט מען אויך אָפּגעשאַפן דעם טראַדיציאָנעלן אופן פון חופה וקדושין, נאָר דורכגעפירט אַ צערעמאָניע, וואָס מען האָט גערופן „אָביאַווען״ (רעגיסטרירן זיך). די צערעמאָניע איז געווען אַזאַ: די כלה איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד מיט בלומען אויף דער ברוסט, דער חתן האָט געטראָגן אַ רויז אין לאַץ און זיי זיינען אַריין אין זאַל געאָרעמט און דאָס האָט זיי געמאַכט פאַר מאַן און ווייב. קיין געמישטע חתונות זיינען ניט פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן, אָבער פאָרט זיינען פאָרגעקומען עטלעכע געמישטע חתונות, און די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעטער ווען די קינדער פון אַזעלכע חתונות זיינען אַ ביסל אונטערגעוואַקסן.

דער שרייבער יואל ענטין,[65] וועלכער איז געווען אַ גוואַלדיקער פאַר־

ערער פון יעקב גאָרדין, גיט איבער, אַז גאָרדין האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט נאָך גאָר יונג געשריבן אַן אַרטיקל אין „המליץ״, אַז יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט. ער האָט מודה געווען, אַז ער איז ניט געווען קיין חסיד פון תלמודישן אָדער רבנישן יידנטום און דער געדאַנק פון אַ געמישטע חתונה צווישן ייד און קריסט האָט אים מיט שרעק ניט אָנגעפולט.

די קלאַנגען, אַז די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ האָט אויך געהאַט קריסטלעכע פּרינציפּן אָדער דאָקטרינס, זיינען ניט אמת. אין 1907 איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַ יזכור־אָוונט (מעמאָריאַל) נאָך אַ שטאַרק באַליבטן מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. גאָרדין איז געווען דער פאָר־זיצער און דער איינציקער רעדנער אויף דעם מעמאָריאַל און ער אַליין האָט דערקלערט פאָלגנדיקעס:

1) דער גרינדער פון דער „ביבלעיסקאָיע־בראַטסטוואָ״ איז ניט געווען ער, נאָר אַ געוויסער דאָקטאָר מיכיילאָוויטש, אַ מאַלאָרוס (אוקראַאינער). ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער שטונדיסטישער גרופּע. דערפאַר פלעגט מען אַ געוויסע צייט נאָכלויפן די מיטגלידער פון דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ און נאָכשרייען „שטונדיסטן״. שפּעטער האָט מיכיילאָוויטש איבערגעלאָזט די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ״ אין גאָרדינס הענט.

2) די „בראַטסטוואָ״ איז ניט געווען קיין רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע. מער ווי אַלץ איז עס געווען אַ סאָציאַליסטישער קאָלעקטיוו אין גייסט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. לערנענדיק די מיטגלידער די קאָמונאַלע אידעען פון חברשאַפט און ברודערשאַפט, פּרעדיקנדיק ליב צו האָבן און העלפן איינער דעם אַנדערן, האָט מען גלייכצייטיק אויפגעפאָדערט ניט נאָר טראָגן די אידעאַלן אין האַרצן, נאָר טאַקע קעמפן פאַר זיי.

ענטין האַלט, אַז די דאָזיקע עטלעכע פילאָזאָפישע פּרינציפּן זיינען געווען אַ היפּש ביסל אונטערגעשלאָגן מיט די פּרינציפּן און פּרעדיקערייען פון טאָלסטאָיען.

ווייטער האָט גאָרדין דערקלערט, אַז דער נאָמען „ביבלעיסקאָיע בראַטס־טוואָ״ איז געווען בלויז אַ צודעק צו פאַרשטעלן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט פאַר די אויגן פון דער צאַרישער רעגירונג, אַז די

רעגירונג האָט אַזוי לאַנג געדולדעט, ווייל דער גובערנאַטאָר אָדער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון יענעם ראַיאָן איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און דער־צו, געלייענט וואָס גאָרדין פלעגט דאַמאָלט דרוקן אין דער רוסישער פּרעסע. און ער האָט ביי אים שטאַרק נושא חן געווען, באַזונדערס מיט זיינע פעליע־טאָנען, אָבער נאָכדעם ווי דער גובערנאַטאָר איז באַזייטיקט געוואָרן און אויף זיין פּלאַץ איז אָנגעקומען אַ גובערנאַטאָר אַ רעאַקציאָנער, וועלכער האָט שוין געהאַט לאַנג אַן אויג אויף גאָרדינען, האָט גאָרדין ניט געהאַט קיין ברירה, נאָכדעם ווי אַ גוטער פריינט, וועלכער האָט גוט געוואוסט וואָס עס גייט אָן אין די „הויכע פענצטער" האָט אים באַצייטנס געוואָרנט אַז מען גייט זיך נעמען צו אים, גאָרדינען, אויף אַ ריכטיקן אופן, ווי זיך צו ראַטעווען פון דער רוסישער מאַכט און געמוזט עוקר זיין קיין אַמעריקע, און דורך דעם איז זיך די „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" צעפאַלן.

פאַקטיש האָט דאָ ענטין ניט מחדש געווען קיין זאַכן וואָס מיר האָבן ניט געוואוסט פריער, אָבער די וויכטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ס'איז גע־קומען דירעקט פון גאָרדינס מויל, און ניט ווייניקער וויכטיק איז גאָרדינס קלאָרע דעקלאַראַציע, אַז די געזעלשאַפט איז ניט געווען קיין רעליגיעזע, נאָר אַ סאָציאַלע.

דר. יעקב שאַצקי אין זיינעם אַן אַרטיקל וועגן יענעם פעריאָד אין גאָר־דינס לעבן, גיט נאָך צו, אַז גאָרדין האָט גערופן די קאָנסטיטוציע פון דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" די „אָסנאָוו" (די תורה) און אַז דעם צווייטן יאַנואַר פלעגט מען פייערן דעם טאָג ווען די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן. שאַצקי פאַרצייכנט אויך אַן אויסדרוק פון גאָרדינען וועגן ארץ ישראל: „וואָס וועט זיין אַז מ'וועט שוין קריגן ארץ ישראל. אויב אַהין וועלן פאָרן די מענטשן, וואָס טראָגן אַריין שמוץ און איבלקייט, וועט דאָרט זיין דאָס זעלבע".

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו די אַנדערע עדי ראיה, וואָס האָבן בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונגען פון דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ".

איינער פון זיי אַ געוויסער ל. ב. האָט אין אַן אַרטיקל „טעאָסאָפישע איבערזיכט" געשריבן: „עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן תקנות, וועלכע האָבן אָנגעוויזן ביי וואָס אַ מענטש דאַרף זיך אָנהאַלטן אין לעבן. די געזעל־

שאַפט האָט געפּרעדיקט אחדות און ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן לויט נאַציאָנאַליטעט אָדער רעליגיע. דערפאַר איז באַשלאָסן גע־וואָרן דער פאַראייניקונג אַ נאָמען צו געבן „בראַטסטוואָ" (ברודערשאַפט), און ווייל די ברודערשאַפט איז געקומען צום געדאַנק, אַז מ'דאַרף גייסטיק זיך אַנטוויקלען, האָט זי זיך גערופן „דוכאָוונאיע" (גייסטיקע), אַן אָנצוהע־רעניש, אַז די חברה זוכט ניט קיין שום מאַטעריעלע צוועקן, דערנאָך האָט מען צו דעם נאָמען צוגעגעבן „ביבלעיסקאָיע", ווייל די גאַנצע לערע וועגן אַ ניי גייסטיק לעבן איז געווען באַגרינדעט אויף ביבלישע געדאַנקען, וואָס האָבן אַן אַלוועלטלעכע און אייביקע ווערט פאַר אַלעמען". דער פּאַ־גראָם אין 1881 האָט אָבער געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק אויף די מיטגלידער פון דער יונגער חברה, און דער זעלבער ל. ב. דערציילט, אַז „זיי האָבן אויפגעהערט צו גלייבן, אַז צווישן מענטשן קאָן זיין אמת און ליבע. פאַרוואָס שלאָגט מען אונדז" — דאָס איז געווען די פראַגע, וואָס האָט אָן רחמנות זיי געפּיקט אין מוח.

און ריידנדיק וועגן יעקב גאָרדין, שרייבט דער זעלבער ל. ב.: „אַלס אויסטייטשער פון דער ביבל האָט ער ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן. זיינע דרשות און דערקלערונגען וועגן פאַרשידענע רעליגיעזע פראַגן פלעגט מען אויסהערן מיט אַנטציקונג".

אַן אַנדערער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, ד"ר ב. פּאָרטוגאַלאָוו דערציילט אַזוי וועגן גאָרדינען:

„אין יעדן וואָרט זיינעם האָט געפונען אַן אויסדרוק זיין אינערלעכע איבערצייגונג, די קראַפט פון זיין געדאַנק און זיין געפיל. ס'איז קלאָר געווען, אַז דער מענטש איז אַ סך אויסגעשטאַנען אין לעבן, האָט אַ סך געליטן, אַ סך נאָכגעטראַכט און ענדלעך באַשלאָסן, אַז מ'טאָר זיך ניט באַציען גלייכ־גילטיק צו דער אָרעמער, ניט־אויפגעקלערטער מאַסע, אַז מ'מוז ווירקן אויף איר מיט וואָרט און טאַט".

אין דער אמתן איז די גאַנצע תורה פון גאָרדינען ניט ווייט אַוועק פון פאַנטאַזיע, וואָרום זיין הויפּט־געשריי איז דאָך געווען, אַז יידן זאָלן אַוועק־וואַרפן זייערע לופט־פּרנסות און ווערן ערד־אַרבעטער, אָבער וואו נעמט מען ערד?

אין 1889 איז אין דער געזעלשאַפט „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" אַריינ־געטראָטן איינער פון טאָלסטאָיס אָנגעזעענסטע תלמידים, פיינערמאַן (טענע־רעמאָ) און עס איז אים געלונגען צו קריגן אַ שטיקל ערד און אַ ביסל געלט און ער האָט געגרינדעט אַ קליינע קאָלאָניע פון 4—3 אינטעליגענטע משפחות. און גאָרדין איז אויך געווען צווישן זיי. אָבער די ערד איז געווען ניט קיין גוטע. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט די קליינע קאָלאָניע געליטן פון ניט־געראָטענישן. פון יעליסאַוועטגראַד פלעגן אויך אָנקומען ניט קיין פריילעכע גרוסן, אַז די צאַרישע מאַכט האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" מיט די זעלבע אומגינסטיקע אויגן, ווי זי האָט געקוקט אויף די „שטונדיסטן" און די טאָלסטאָי־אָנהענגער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג. די מיטגלידער זיינען געוואָרן אומרואיק, מ'האָט זיך אָנגע־הויבן שרעקן פאַר אַרעסטן. גאָרדין האָט זיך אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע. באַלד נאָך דעם איז אַרויס אַ באַפעל צו פאַרווערן, אַז די חברה זאָל אָפּ־האַלטן פאַרזאַמלונגען. דאָס „געבעט הויז" איז פאַרמאַכט געוואָרן, און פון די מיטגלידער האָט די פּאָליציי גענומען אַן אונטערשריפט, אַז זיי וועלן זיך מער ניט צונויפקומען אויף קיין דרשות.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער גאָרדין־חלום אויף דער רוסישער ערד. גאָרדין אַליין מיט זיין פאַמיליע זיינען שוין געווען אין אַמעריקע. דאָס איז געווען זומער 1891. ער איז באַגעגנט געוואָרן מיט ליבשאַפט און רעספּעקט פון די פריער־איינגעוואַנדערטע מיטגלידער פון דער „ביבלעיס־קאָיע בראַטסטוואָ" ווי אויך פון זיינע יעליסאַוועטגראַדער לאַנדסלייט. זיי זיינען אָבער געווען צו אָרעם צו העלפן אים שאַפן די מיטלען אויסצוהאַלטן זיין גרויסע פאַמיליע. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אים שווערע טעג פון נויט. ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז אַלע זיינע פּלענער וועגן לאַנדווירט־שאַפטלעכע קאָלאָניעס אין אַמעריקע זיינען שוין אויסגעפּרוווט געוואָרן און זיינען דורכגעפאַלן.

וואו נעמט מען פאָרט פּרנסה ? — און דאָ קומט די פּרעסע און שפּעטער דאָס יידישע טעאַטער.

# קאַפּיטל פופצן

## דער ערשטער סקאַנדאַל צווישן יעקב גאָרדין און אב. קאַהאַן

גאָרדין שרייבט אָן זיין ערשטע פּיעסע פון יידישן לעבן אין אַמע־ריקע — ער ווערט שאַרף קריטיקירט פון אַלע זייטן — אַב. קאַהאַן שרייט אויס פון דער לאָזשע „עס איז אַ ליגן" — גאָרדין ענטפערט אים שאַרף — דער ברוגז צווישןביידן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט יעקב גאָרדינס לעבן אין דער אַלטער היים, נאָכדעם ווי מיר האָבן באַקומען אַ שטיקל באַגריף וועגן די אידעען און די אידעאַלן מיט וועלכע ער איז דאָרט אויפגעצויגן געוואָרן און פאַר וועלכע ער האָט אָוועקגעגעבן זיין יוגנט, ווערט אונדז פאַרשטענד־לעכער דער גרויסער אונטערשייד פון זיין צוגאַנג צום יידישן טעאַטער לגבי די אַנדערע וויכטיקע יידישע דראַמאַטורגן פון יענער צייט. יענע האָבן געהאַט נאָר איין אויפגאַבע, צו שרייבן וואָס מער פּיעסן און צו פאַרדינען וואָס מער געלט, בעת גאָרדין האָט אויף זיין שרייבערישער אַרבעט פאַרן טעאַטער געקוקט ווי אויף אַ וויכטיקע דערציאונגס־טריבונע, און אויב ער האָט ניט געקאָנט אויסבעסערן דאָס יידישע לעבן דורך זיינע רעפאָרמעס, וואָס ער האָט געוואָלט דורכפירן דורך זיין „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ", האָט ער כאָטש געוואָלט דורך דער בינע באַקענען די יידישע טעאַטער־באַזוכער מיט פּראָבלעמען, געזעלשאַפטלעכע פראַגן און ווי וויט מעגלעך זיי דער־נענטערן צום פּראָגרעס און צו סאָציאַלע אידעאַלן.

דעריבער איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ווי וויכטיק עס איז געווען פאַר אים צו שטיין אין דער שפּיץ פון אַ טעאַטער, אַדלערס טעאַטער, אַלס דראַ־מאַטורג, און קריגן אַ געזיכערטע הכנסה, וואָס זאָל דעקן זיינע טאָג־טעגלע־

כע אויסגאַבן ווי אַ פאַמיליע־מענטש, האָט ער ניט געקאָנט בלייבן גלייכ־גילטיק ווען אין דעם טעאַטער איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק, און ער, גאָר־דין, איז תיכף צוגעשטאַנען צו די שטרייקער. דער סאָציאַליסט אין אים, דער מאָראַליסט האָבן עס געפאָדערט. און ניט נאָר איז גאָרדין אַרויס אין שטרייק ווי זיינע אַנדערע קאָלעגן, די אַקטיאָרן, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס האָט געקענט האַלטן אַ פען אין דער האַנט, איז ער אַרויסגעקומען אין „דיא אַרבייטער צייטונג" מיט אַ בריוו אין רעדאַקציע, אין וועלכן ער האָט דער־קלערט, אַז צוליב דער עקספּלאָאַטאַציע פון אַדלערן, איז פּראָקלאַמירט גע־וואָרן דער שטרייק אין טעאַטער, און דערפאַר גייט ער אַוועק פון דאָרט און גייט אַריבער אין קאָנקורענץ טעאַטער, אין „טאַליאַ טעאַטער", וואו עס ווערט איינגעאָרדנט אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר די שטרייקנדיקע אַקטיאָרן און ער פאָדערט אויף דאָס פּובליקום צו אונטערשטיצן דעם דאָזיקן בענעפיס.

גאָרדין איז שוין פאַרבליבן אין „טאַליאַ טעאַטער", וואו ער האָט דעם 15־טן סעפּטעמבער 1894 אויפגעפירט זיין פּיעסע „די ליטווישע ברידער לוריא". פּונקט ווי זיין פריערדיקער גרויסער דערפאָלג „דער יידישער קעניג ליר" איז געווען געבויט אויף שעקספּירס „קעניג ליר", אַזוי איז אויך זיין איצטיקע פּיעסע געבויט אויף איינע פון שעקספּירס פּאָפּולערסטע ווערק, „ראָמעאָ און דזשולעט". אָבער בעת שעקספּיר ענדיקט זיין פּיעסע ווי אַ טראַגעדיע, מיטן טויט פון די פאַרליבטע, פאַרענדיקט גאָרדין זיין פּיעסע מיט אַ מזל טוב, אַ תנאים צווישן די פאַרליבטע.

די געשיכטע פון „די ליטווישע ברידער לוריא" קאָן איבערגעגעבן ווערן ממש אין עטלעכע שורות. עס איז די געשיכטע פון אַ מיידל און אַ יינגל, וואָס זיינען שטערבלעך פאַרליבט איינער אין אַנדערן, בעת זייערע עלטערן זיינען זיך דם־שונאים. די עלטערן באַקעמפן די ליבע פון זייערע קינדער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, אָבער ליבע באַזיגט דאָך אַלץ. די ליבע זיגט איבערן זינלאָזן האַס, און אַ גרויסע, פּאָזיטיווע ראָל, צו דערפירן זייער ליבע צו אַ נצחון שפּילט אַ רב, אַן אַלטמאָדישער רב ר' שרגא. ער איז שטאַרקער פון די מחותנים, די ברידער גדליה און טוביה לוריא. מיט זיין גוטסקייט ברעכט ער דעם ווידערשטאַנד פון די פאַרעקשנטע עלטערן.

מיט רעכט באַמערקט דער געשיכטע־שרייבער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין, אַז ניט נאָר האָט דער אַלטמאָדישער רב געבראַכן דעם ווידער־שטאַנד פון די עלטערן, נאָר ער האָט באַזיגט די פאַראורטיילן פון מחבר אַליין. מיר געדענקען נאָך גאַנץ גוט דעם בליק וואָס גאָרדין האָט געהאַט אויף אָט די טיפּן, די כלי קודש. מיר ווייסן, אַז בכלל האָבן אָט די כלי קודש ניט געהאַט קיין דאָברי מזל ביי די משכילים, וואָס האָבן אויף זיי געקוקט ווי די פאַראורזאַכער פון דער צוריקגעשטאַנענקייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, ווי אויף די שטערערס פון פּראָגרעס, און דאָ אין זיין פּיעסע שטעלט גאָרדין אַרויס אָט דעם „פינצטערלינג" אין אַזאַ הערלעך ליכט. דאָס איז געווען דער ערשטער איבערברוך אין גאָרדינס שטעלונג צו כלי קודש, צו יידישער רעליגיעזע פאָרשטייער, און, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אויך צו אַנדערע פּראָבלעמען פון יידישן גייסטיקן לעבן.

די „געברידער לוריא" איז אַלס פּיעסע אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון יידישן אַלוועלטלעכן טעאַטער. אין אַמעריקע גופא האָט באָריס טאָמאַשעווסקי געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו ווייזן זיין טאַלאַנט פון שאַפן אינטערעסאַנטע טיפּן און כאַראַקטערן. אין איראָפּע האָט באַזונ־דערס געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט די ראָל פון דעם רב שרגא אין וועלכער דער כאַראַקטער־שוישפּילער לייזער זשעלאַזאָ [66] האָט זיך ממש קונה שם געווען.

די טעמע איז שפּעטער אויך באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ סך אַנדערע פּיעסן, אָבער דעם סאַמע קינסטלערישן תיקון האָט זי באַקומען אין פּרץ הירשביינס [67] קאָמעדיע „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל".

צוגרייטנדיק זיך צו אַ גרעסערער פּיעסע, האָט גאָרדין דערווייל „געמאַכט" אַ פּיעסע, וואָס איר נאָמען און כאַראַקטער זאָגן דייטלעך, אַז עס איז ניט געווען זיין זשאַנר: „מחמד און די יידן אין אַראַביע, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן", וואָס איז טאַקע אַזוי שנעל געשטאָרבן ווי געבוירן געוואָרן.

אין 1895 מאַכט גאָרדין דעם ערשטן פּרוב אָנצושרייבן אַ פּיעסע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. געשריבן וועגן אַמעריקאַנער יידישן לעבן האָט גאָרדין שוין פריער. באַלד נאָכן זיין אין אַמעריקע עטלעכע וואָכן,

האָט גאָרדין אָנגעהויבן שרייבן יידיש, בעת אין דער אַלטער היים האָט ער, לכתחילה געשריבן העברעאיש און דערנאָך נאָר רוסיש. אָבער די ערשטע זאַכן, וואָס ער האָט געדרוקט אין ניו יאָרק אין יידיש, זיינען געווען וועגן דער אַלטער היים. פריער אַ שילדערונג פון דעם פאָגראָם אין יעליסאַוועט־גראַד, אַ בילד ווי אַזוי די רוסישע פּאָליציי האָט דורכגעפירט אַן „אבלאָווא״ (איבערפאַל) איבער אַ יידיש הויז, וואָס האָט ניט געהאָט קיין וואוינרעכט, דערנאָך אַ הומאָריסטישע דערציילונג „פּאַנטאָלע פּאַלגע פאַרן בית דין של מעלה״, וואָס האָט מעגלעך באַוויקט פרצן צו שרייבן זיין באַרימט „באָנ־טשע שווייג״, דערנאָך ווידער אַ גרעסערע דערציילונג אין זעקס פּאָרטזע־צונגען, אָבער אַלץ פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד. ערשט נאָכן זיין 4 חדשים אין אַמעריקע, האָט גאָרדין אָנגעהויבן שרייבן בילדער פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. און אַזוי האָט ער כסדר געשריבן שוין פון ביידע היימען, פון דער אַלטער און דער נייער, אָבער פאַר דער בינע האָט גאָרדין געוואָגט צו שרייבן אַ פּיעסע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן ערשט 4 יאָר נאָכ־דעם ווי ער איז געווען אין לאַנד; (1895) „דער רוסישער ייד אין אַמע־ריקע״.

אין דער פּיעסע האָט גאָרדין קריטיקירט די שלעכטע זייטן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. אין דער זעלבער צייט וואָס ער שטעלט דאָ אַרויס אַן אידעאַליסטישן טיפּ פון אַ רוסישן יידישן אימיגראַנט (סאָלאָמאָן גרינשטיין), ברענגט ער אויך אַרויס אייניקע נעגאַטיווע טיפּן, ווי אַ קרעמער, וואָס ברענט אַלע וואָך, אַן איסט סיידער „פּאָליטישן״ (כאַלדעק), וועלכער קען די אַמעריקאַנער געזעצן ווי אַ וואַסער און וויסט, אַז ווען דער פּאָליסמען וויל זיך האַלטן ביים געזעץ, דאַרף מען אים ווייזן „אַ גרין בלעטל״, אויף וועלכן עס שטייט אַ 5, און ניט נאָר ווייזן, נאָר טאַקע עס אים דערלאַנגען פון הינטן אַרום ווייל „די אויגן טאָרן ניט זען וואָס די האַנט נעמט״. אָבער „איינ־געקויפט זיך מפטיר״ ביי אב. קאַהאַנען האָט גאָרדין דערמיט, וואָס ער האָט אין דער פּיעסע אַ טיפּ פון „אַ לעיבאָר פּיקער״ (דעם פאַלשן אַרבעטער פירער) הוזדאק. אָט דער ביליקער קאַריקאַריסט לאַכט זיך אויס פון אידעאַלן און זיין כלל איז „צו וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטוציע״. געמיינט דערמיט האָט גאָרדין צו זאָגן, אַז זיין אַרבעטער־פירער באַנוצט

ניט קיין שכל אין זיין פירערשאַפט, נאָר האַלט זיך בלויז ביי דער קאָנס־טיטוציע, ביי די טרוקענע געזעצן פון דער יוניאָן און ער טייטשט עס אויס ווי ער וויל.

ווען אב. קאַהאַן, וועלכער איז דאַמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „אַרבעטער צייטונג" איז געזעסן אין טעאַטער, ווי דער קריטיקער פון דער צייטונג, האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגע־שפרונגען אין זיין באָקס (לאָזשע) און אויסגעשריגן הויך אויפן קול, ווי דער מנהג איז דאַמאָלט געווען אין רוסיש, „עטא לאָזש" (דאָס איז אַ ליגן).

אָט די כאַראַקטעריסטיק מיט וועלכער גאָרדין האָט געשילדערט הוזדאַקן האָט בכלל אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין די אַרבע־טער יוניאָנס, און מען דאַרף געדענקען, אַז דער גרעסטער טייל פון דער דאַמאָלטיקער יידישער אימיגראַציע איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, יו־ניאָן־מיטגלידער. דאָס ווערטל וואָס הוזדאַק זאָגט, איז באַלד געוואָרן זייער פּאָפּולער, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען מען האָט געוואָלט שילדערן עפּעס שלעכטס אין דער יידישער יוניאָן־באַוועגונג אָדער אָנווייזן אויף נעגאַטיווע דערשיינונגען, האָט מען געזאָגט, „דאָס איז הוזדאַקיזם". די יוניאָן־פאָרשטייער איז אָבער ניט שטאַרק געפעלן אָט די בייסיקע קריטיק און זעענדיק ווי קאַהאַן האָט זיך אויפגערעגט, האָבן זיי אים גענומען נאָך מער העצן קעגן גאָרדינען. קאַהאַן האָט אָנ־געשריבן אַ שאַרפע קריטיק קעגן דער פּיעסע, איז אָבער גאָרדין געווען ניט פון די מענטשן, וואָס קאָנען אַריבערטראָגן אַזוי לייכט קריטיק, האָט ער געענטפערט קאַהאַנען און טאַקע זייער שאַרף, און דערקלערט, אַז ער האַלט זיין פּיעסע פאַר אַ מוסטערהאַפטע, איבער יעדער קריטיק. דאָס האָט שוין גאָר אויפגעבראַכט קאַהאַנען, און אָט ווי ער פאַרצייכנט זיין ערשטן ברוגז מיט גאָרדינען:

„איך האָב דאַן דערקלערט, אַז אויב דאָס איז גאָרדינס גאַנג, וועל איך מער וועגן זיינע פּיעסן ניט שרייבן. מען האָט דערנאָך געמאַכט שלום צווישן אונדז, אָבער מער האָב איך קיין קריטיק אויף זיינע דראַ־מעס, אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט, שויןווירקלעך ניט געשריבן. פּערזענלעך זיינען מיר אָבער צו ערשט געבליבן אין גוטע באַציאונגען".

דער פאַקט, וואָס גאָרדין האָט געוואָגט צו קריטיקירן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון פאַרפירן אַ שאַרפע דיסקוסיע מיט אב. קאַהאַנען, וועלכער האָט שוין דאַמאָלט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער ציַיטונגס־וועלט, באַווייזט פון איין זייט אויפן פעסטן פאַרעקשנטן כאַראַקטער פון גאָרדינען, אָבער פון דער אַנדערער זייט אויך אויף זיין מאָראַלישער פערזענלעכקייט, אַלס אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר זיינע פּרינציפּן.

אַן אַנדערער וויכטיקער יידישער שרייבער, אַ גרויסער סאָציאַ־ליסט, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן טריי, ממש ווי אַ פאַרליבטער אין גאָרדינען, מאָריס ווינטשעווסקי,[68] האָט יאָ פאַרנומען גאָרדינס קרי־טיק און ניט געהאַט קיין טענות צו אים. ווינטשעווסקי האָט דווקא געלויבט די פּיעסע: „גאָרדין האָט אונדז געגעבן אַ ריי בילדער פון אונדזער אייגענעם לעבן, וואָס זיינען אַזוי נאַטור־געטריי, אַזוי קונסט־געטריי. גאָרדין האָט געליפערט אַ פּיעסע, וואָס האָט פאַר אַ העלד אַ מענטש, מיט וועלכן דער אויסגעפּרעסטער, אויסגעסוועטעטער [אויסגע־שוויצטער], אונטערדריקטער אַרבעטער קאָן האָבן קנאַפּ־וואָס סימפּאַטיע ... און דאָ זעט מען עס איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, און וואָס מער מען זעט עס, עפּנט מען אַלץ מער די אויגן און מען פילט אַלץ דייטלע־כער, אַז עס [דאָס סיסטעם] מאַכט ניט נאָר אומגליקלעך דעם אַר־בעטער, זאָנדערן נאָר אויך דעם קאַפּיטאַליסט, ווען ער, דער קאַפּיטאַ־ליסט איז נאָר אַ מענטש מיט אַ מענטשלעך האַרץ".

אָבער „איין שוואַלב מאַכט קיין זומער ניט". די מערהייט איז געווען קעגן גאָרדינען מיט זיין פּיעסע, יידישע „פּאָליטישענס" האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין גאָרדינען די קאַריקאַטור, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיי דורך דעם טיפּ פון דעם אויבנדערמאָנטן „כאַלדאַק". די קאָנ־סערוואַטיווע פּרעסע האָט אָנגענומען „דאָס לייכסטע מיטל". מען האָט פּשוט אָפּגעשטעמפּלט גאָרדינען פאַר אַן אַנטיסעמיט דערפאַר וואָס ער האָט צווישן זיינע טיפּן אין דער פּיעסע אַריינגעבראַכט דעם קרעמער „וואָס ברענט אַלע וואָך". אין דער גאַס איז לאַנג אָנגעגאַנגען אַ דיס־

קוסיע צי גאָרדין איז געווען גערעכט צו די יוניאָנס ווען ער האָט הוזדאַקן אַרויסגעשטעלט ווי זייער פאָרשטייער. גאָרין האָלט טאַקע, אַז „עס איז געווען מער ווי געוואַגט צו געבן אַזאַ שנעל אין נאָז די יוניאָנס, ווייל זיינע הייסטע אָנהענגער האָט גאָרדין געהאַט צווישן די פאָרטגעשריטענע אַרבעטער. נאָר ער האָט זיך דערפאַר ניט אָפּגעשראָקן און האָט זיין בייסיקע סאַטירע אָנגעווענדט קעגן דעם וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַן איבל״.

אָבער ווי יעדער סקאַנדאַל, האָט זיך אויך דער סקאַנדאַל אין פאַרלויף פון דער צייט איינגעשטילט. גאָרדין האָט זיך ווידער גענומען שרייבן אַנדערע פיעסן, ביז ער האָט אָנגעשריבן זיין „שלמהקע שאַרלאַטאַן״, אַ פיעסע וואָס האָט אַרויסגערוקט דוד קעסלערן אין פראָנט. אַזוי האָט ער, גאָרדין, מיט זיין פיעסע „דער יידישער קעניג ליר״, אַרויסגערוקט אַדלערן, מיט „די ליטווישע ברידער לוריע״ — באָריס טאָמאַשעווסקין און מיט זיין „שלמהקע שאַרלאַטאַן״ — קעסלערן.

קאַפּיטל זעכצן

# קעסלערס קינסטלערישע קאַריערע איז געקומען דורך גאָרדינס „שלמהקע שאַרלאַטאַן“

גאָרדין שרייבט אָן אַ צענדליק ניט־וויכטיקע פּיעסן — דער דער־פאָלג פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן“ — פון וואַנען שטאַמט די פּיעסע — דוד קעסלער בויט אויף די ראָל — די ראָל בויט אויף קעסלערן — אַלע סטאַרס ווילן שפּילן גאָרדין־פּיעסן — טאָמאַשעווסקי פּירט אויף „דבורהלע מיוחסת“ און ווערט אָנערקענט אַלס אַ קינסטלער.

מיר האָבן שוין ביז איצט געזען ווי גאָרדין האָט אַרויסגעהויבן און געבראַכט צו דער אויבערפלאַך פון יידישן טעאַטער די צוויי גרעסטע שוישפּילער פון יענער עפּאָכע, יעקב פּ. אַדלער און באָריס טאָמאַשעווסקי. שפּעטער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער צייט ווען גאָרדין האָט אַרויסגעבראַכט די טאַלאַנטן פון קעני ליפּצין און בערטאַ קאַליש[69] און מעגלעך געמאַכט דעם גרויסן אויפשטייג פון דער גרויסער אייראָפּעאישער קינסטלערין אסתר רחל קאַמינסקאַ אין אייראָפּע. דאָ אָבער ווילן מיר ריידן וועגן אַ דריטן גרויסן קינסטלער, דוד קעסלער, וועלכן גאָרדין האָט דורך אַ פּיעסע אַזוי צוגעטראָפן, אַז אויך ער איז באַלד געשטעלט געוואָרן אין דער ערשטער ריי פון די גרויסע יידישע קינסטלער, און באַקומען אַ גרויסן נאָמען אַלס שוישפּילער דורך עטלעכע גאָרדינס פּיעסן. מיר וועלן באַלד ריידן וועגן גאָרדינס „שלמהקע שאַרלאַטאַן“, אָבער פריער ווילן מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז ביז „שלמהקע שאַרלאַטאַן“, וואָס איז געוואָרן איינע פון די גאַנגבאַרסטע פּיעסן, און האָט זיך אייניקע צענדליק יאָר געהאַלטן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט, האָט גאָרדין אָנגעשריבן אַ צענדליק פּיעסן, וואָס זיינען אַזוי שנעל געשטאָרבן

ווי זיי זיינען געבוירן געוואָרן. די מערסטע פון זיי זיינען געווען פשוטע איבערזעצונגען אָדער לייכטע באַארבעטונגען, ווי עליזאַ אָזשעשקאָוואַס „מאיר עזאָפאָוויטש״, גרילפּאַרצערס „מעדעאַ״, איבסענס „דער פּאָלקס־פיינט״, אַ באַאַרבעטונג פון אַן איטאַליענישער אָפּערע „ערנאַני״ אונטערן נאָמען „קול שופר״ (מאַקס געביל האָט שפּעטער אונטערן זעלבן נאָמען אָנגעשריבן אַ מעלאָדראַמע, וועלכע האָט דוקא געהאַט אַ גרויסן דער־פאָלג), סטעפּניאַקס „פאַרוועטס״, איבסענס „נאָראַ״ און די פּיעסן „עגל הזהב, אָדער דער גאָלדענער גאָט״, „די נקמה״, „צוויי וועלטן, אָדער דער גרויסער סאָציאַליסט״, „קאַפּיטאַל, ליבע און מאָרד״ און „דער ווילדער קעניג״.

אָט די אַלע פּיעסן זיינען שנעל אויפגעפירט געוואָרן, געשפּילט גע־וואָרן עטלעכע מאָל און זיינען אַוועק אין די אַרכיוון פון די טעאַטערס. זיי זיינען קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. בלויז איין איבערזעצונג פון איבסענס „נאָראַ״, וואָס איז געווען לכתחילה אַלס איבערזעצונג פון גאָרדין און זיין לעבנס־פריינט מאָריס ווינטשעווסקי, איז יאָ געדרוקט, אָבער מערקווירדיק נאָר אונטער ווינטשעווסקיס נאָמען אַליין. ס'וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אַן אויפקלערונג פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען.

אין 1896 איז אויפגעפירט געוואָרן גאָרדינס פּיעסע „שלמהקע שאַרלאַטאַן״, און מיט דער פּיעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד אין לעבן פון דוד קעסלער, וועלכער האָט ביז דאַמאָלט זיך אויס־געצייכנט אין די היסטאָרישע אָפּערעטן אָדער אין מעלאָדראַמעס פון ביליקן סאָרט. אַזוי ווי אין דער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט די פּיעסע, האָבן זיך באַטייליקטביידע גרעסטע אַקטיאָרן פון יענער צייט, אַדלער און קעסלער, איז די טיטל־ראָל „שלמהקע שאַרלאַטאַן״ לכתחילה דור־בלירט געוואָרן פון ביידע, און ווען איינער האָט געשפּילט די ראָל פון „שלמהקע״, האָט דער אַנדערער געשפּילט די ראָל פון דעם ליב־האָבער „מישע״. באַלד אָבער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אַז קעסלער איז געווען מער פּאַסיק פאַר דער ראָל פון „שלמהקע״, און ער איז שוין פאַרבליבן ביי דער ראָל, און דאָס האָט געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע

ראָל אין דער ווייטערדיקער אַרטיסטישער קאַריערע פון קעסלערן. אין אָט דער ראָל פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן" האָט קעסלער באַקומען די בעסטע געלעגנהייט אַרויסצווייזן זיין גרויסן אַרטיסטישן טאַלאַנט. אין דער ווירקלעכקייט איז שלמהקע ניט קיין שאַרלאַטאַן, וואָס אין פשוטן יידיש מיינט עס אַן אויסוווּרף, נאָר שלמהקע איז אַ געפּאַלענער, אַ ליַין וואָס דאָס לעבן האָט געטריבן דורך נויט און פּיין אַלץ צו נעמען לייכט, מיט אַ וויץ, מיט אַ שפּאַס, מיט אַ קונץ, און ווייל קעסלער איז געווען אַ גרויסער מאַדים אויף מאָדולירן מיט דער שטים, אויף מאַכן גרימאַסן, ווייל ער איז געווען אַ וווּנדערבאַרער מימיקער, און האָט אפילו ניט געדאַרפט קיין ריכטיקע פּראָזע, טעקסט, וואָס אַ שרייבער זאָל פאַר אים שרייבן, נאָר האָט געקאָנט מיט זיינע העוויות, מיט זיינע באַוועגונגען, מיטן אויסדרוק פון זיין פּנים און זיינע רמ"ח אברים אַרויסברענגען פאַרשיידענע שטריכן, דעריבער האָט ער אין אָט דער ראָל באַקומען אַ תּיקון.

אין דער פּיעסע זיינען דאָ אַ סך סצענעס אין וועלכע שלמהקע דרייט איבער ווערטער אָן אַ זין, אָבער זיי ווערן אַזוי שפּילבאַר, אַז הגם זיי באַדייטן גאָרניט און מיינען גאָרניט, פאַרגעסט מען זיך און מען ווערט אַריינגעצויגן אין דעם ווערטער־שפּיל. וועגן דער ראָל און וועגן אָט דעם ווערטער־קאַמף שרייבט דער ביאָגראַפער פון דוד קע־סלער, דער באַקאַנטער שרייבער מ. אַשעראָוויטש [70]:

„אין דער ראָל פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן" האָט קעסלער באַוויזן דעם ווונדער צו נעמען אַ ניט־געראָטן שטיק און עס אַוועקשטעלן אויף אַן אויבנאָרט אינעם רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע. ער האָט די ראָל אויפגעפּאַסט אַזוי, אַז דער מענטש שלמהקע שאַרלאַטן איז געוואָרן אַ קונסט־ווערק פאַר זיך אַליין.

אין די יידישע טעאַטער־וועלט האָט מען דערציילט אַ געשיכטע, אַז קעסלערס אויפאַסונג פון דער ראָל „שלמהקע שאַרלאַטאַן" איז גע־קומען דורך אַ צופאַל. ער האָט פשוט ניט געקענט די ראָל און דער־פאַר האָט ער זיך גענומען פלאָנטערן אין די ווערטער, און האָט זיי איבערגעדרייט אויף זיין אייגענעם קונציקן שטייגער. דער סופלער

האָט אים אונטערגעזאָגט אַ וואָרט „יונגערמאַן”, האָט ער דאָס ניט דערהערט, האָט ער אַנשטאָט „יונגערמאַן”, אַ זאָג געטאָן „יונגערמאָן, דערנאָך „יונגערמין”, און באַלד נאָכדעם „יונגערמאַן”, און ווייל דאָס איז ביי אים אַרויסגעקומען זייער חנוודיק, און די צושויער האָבן דאָס זייער גוט אויפגענומען, איז ער שוין ווייטער אויך געגאַנגען אויף דעם זעלבן וועג, און אַלע מאָל אָנגעהויבןריידן אַזוי ווי ער וואָלט זיך אין די אייגענע ווערטער געפּלאָנטערט — „אַדיו, אַדיע, אַדיאַ, אַדיעי, אַ רעוואואַר”. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. ביי קעסלערן איז די אויפפאַסונג פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן” אַרויסגעקומען ניט צופעל־ליק, און אויב עס איז אפילו אמת, אַז ער האָט ביי די ערשטע פאָר־שטעלונגען ניט געקענט די ווערטער פון דער ראָל, האָט ער אָבער זיכער געקענט דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשן, וואָס ער האָט גע־דאַרפט פאָרשטעלן, און ווייל דער כאַראַקטער פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן” איז פאַר אים קינסטלעריש געווען קלאָר, האָט ער אים אויסגעטייטשט אָט אַזוי, אַז ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מענטש, וואָס אַפילו אין זיין גע־פאַלנקייט קוקט ער מיט איראָניע אויף אַנדערע, אַ מענטש, וואָס לאַכט בעת דאָס האַרץ איז אים פאַרביטערט, אַ מענטש, וואָס וויינט אפשר בלויז דאַן ווען קיינער זעט ניט, ווייל ער איז זיכער, אַז מענטשן זיינען אַזוי געמיין און פאַרדאָרבן, אַז קיינער פון זיי פאַרדינט ניט מען זאָל אים צולאָזן נאָענט צו זיך און אים געבן די געלעגנהייט אַריינצוקוקן טיף אין דער נשמה.

אין קעסלערס אויפפאַסונג איז „שלמהקע שאַרלאַטאַן” אַרויסגעקו־מען דער וואַנדערער, וועלכער ווייסט, אַז ער פאַרמאָגט אוצרות אין זיין נשמה, כאָטש עס קומט אים אַמאָל אויס אויסצושטרעקן די האַנט און בעטלען אַ גראָשן. אונטער דער מאַסקע פון פרייד און שפּילעוו־דיקייט האָט מען געקאָנט זען אַ טיפן אומעט און פאַרביסענעם ערנסט. און דער עיקרשט — מען האָט אויף דער בינע די גאַנצע צייט געזען ווי עס וואַקסט אויס די קינסטלערישע געשטאַלט פון אַ מענטשן, וועל־כער האָט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן צו זיין גוט און נוצלעך און וועלכער איז געוואָרן שלעכט און איבעריק דערפאַר וואָס דאָס לעבן האָט אים

געקריוודעט, דערפאַר וואָס מענטשן זיינען געמיין און פאַרדאָרבן״.

אַשעראָוויטש פאַרענדיקט דערמיט, אַז „דאָס איז געווען שלמהקע שאַרלאַטאַן אין דער אויפפאַסונג פון דוד קעסלער און די אויפפאַסונג איז זיכער ניט געווען קיין צופעליקע, נאָר אַ קינסטלעריש פאַרטראַכטע, אַ קינסטלעריש אויסגעטאָקטע״.

די פּיעסע „שלמהקע שאַרלאַטאַן״ איז געדרוקט געוואָרן, אָן וויסן פון גאָרדינען, אין לעמבערג, אין אַ שוידערלעכן אויסלייג, און איז ניט אַריינגענומען געוואָרן אין די צוויי בענדער פון גאָרדינס פּיעסן, וואָס זיינען דערשינען אין גאָרדינס יובליי־אויסגאַבע, אַ יאָר נאָך גאָרדינס טויט. לויט אָט דעם טעקסט, איז דער אינהאַלט פון דער פּיעסע אַזאַ: אַ רייכער ייד, איינער וואַסערשטיין, האָט איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן פאַר זיינע צוויי זין, איינער ביינוש, אַ ייד אַ חסיד, אַ גרויסער סוחר און פאַר זיין צווייטן זון שלמהקע, וואָס איז צוליב סיבות, וואָס ווערן אין דער פּיעסע אינגאַנצן ניט דערמאָנט, געוואָרן אַ וואַנדערער, געטאָן פאַרשידענע מלאכות, פון אַ שטיוול־פוצער ביז אַ דירעקטאָר און אָן אַקטיאָר פון יידישן טעאַטער, און אויסגעוואַנדערט די וועלט. דערפאַר רופט מען אים „שאַרלאַטאַן״, און אָט דער שלמהקע קומט נאָך דער ירושה, אָבער דער רייכער חסידישער ברודער (אַלץ ווי מען האָט דאַמאָלט אין משכילישע קרייזן געהאַלטן) נאַרט אים אָפּ שוידערלעך. שלמהקע פאַרשווייגט און קומט צוריק אין 20 יאָר אַרום, אין דער צייט ווען זיין ברודער, נאָך אַ רייזע קיין ריגע, הייבט זיך אָן „אויסמענטשלען״ און וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם חסיד. ער קומט מאָנען דאָס געלט פאַר צוויי פאַלשע וועקסלען. ער ווערט אָבער אַרויסגעטריבן פון זיין ברודערס הויז. ביי ביינוש וואַסערשטיין אַרבעט איינער מישע, וואָס איז שטערבלעך פאַרליבט אין זיין טאָכ־טער אלישבע, אָבער איר פאָטער ברענגט גאָר אַראָפּ אַלס חתן פאַר איר אַן עלטערן מאַן, אַ גביר פון ריגע, איינעם סימאָן מוזלין. נאָר ביי דער פּורים־סעודה אין וועלכער עס באַטייליקט זיך אויך שלמהקע, שטעלט זיך גאָר אַרויס, אַז מישע איז זיין, שלמהקעס, זון, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט ביי זיין פרוי פון וועלכער ער איז אַוועק, און שלמהקע

זעט שוין, אַז עס זאָל גאָרניט ווערן פון דעם שידוך צווישן אלישבען און דעם אַלטן מאַן, נאַר, פאַרקערט, צווישן זיין פאַרוואָרלאָזטן זון מישע און אלישבען, די טאָכטער פון זיין ברודער.

אָט די פּרימיטיווע געשיכטע, וואָס שטייט אַבסאָלוט ניט העכער פון די מעלאָדראַמעס, וואָס זיינען אין יענער עפּאָכע געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, איז נאָך דערצו, ווי דוד פּינסקי האָט אויפ־געוויזן, גענומען פון דער רוסישער פּיעסע „ביעדנאָסט ניע פּאָראָק" (אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד) פון אַמאָל־באַרימטן רוסישן דראַמאַטורג אָסטראָווסקי, און אויב זי איז פונדעסטוועגן געווען אַזאַ דערפאָלג, איז עס באמת נאָר צו פאַרדאַנקען דאָס שפּילן פון דוד קעסלערן. קעסלער האָט זיך אין דער פּיעסע געפּילט ווי געבוירן. זיין שטיפערישקייט, וואָס איז געווען באַרימט אויף דער בינע, זיינע הלצות, וואָס ער פלעגט אַזוי אָפט אָנווענדן בעת זיין שפּילן די „היסטאָרישע" פּיעסן אָדער די דאַמאָלטיקע מעלאָדראַמעס, האָבן דאָ געפונען אַן אָרט וואו זיך אויסצולאָדענען. ער האָט באמת אויסגעטראָגן די פּיעסע אויף זיינע פּלייצעס, און ער האָט די פּיעסע געשפּילט ביי יעדער געלעגנהייט סיי אין אַמעריקע, סיי ווען ער האָט גאַסטראָלירט איבער דער וועלט. און כאָטש ער האָט אין אייראָפּע, אין לאָדזש און אין וואַרשע, ניט געמאַכט אַזאַ שטורעם מיט דער פּיעסע ווי אין אַמעריקע, אוןביידע אייראָפּעאישע טעאַטער־קריטיקער פון יענער צייט, נח פּרילוצקי [71] און ד"ר א. מוקדוני [72], זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התפּעלות פאַר קעסלערס שפּילן די טיטל־ראָל, ווי דער טעאַטער־עולם אין אַמעריקע, דאָך איז אָן שום גוזמא צו זאָגן, אַז „שלמהקע שאַרלאַטאַן" איז געקומען צום לעבן אַ דאַנק דאָס אינטערעסאַנטע שפּילן פון דוד קע־סלערן, און דוד קעסלער איז אַרויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך פון יידישן דראַמאַטישן טעאַטער אַ דאַנק דער ראָל פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן".

אָט די שטייגערונג פון קעסלערן האָט באַלד אַרויסגערופן די אייפער־זוכט פון באָריס טאָמאַשעווסקין, אַז אויך ער זאָל אַרויסקומען מיט אַ גאָרדין־פּיעסע. אין אירע דעראינערונגען דערציילט טאָקע בעסי טאָ־מאַשעווסקי: „דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מין „רעיס", אַ יאָגעניש, צווישן אונדזערע סטאַרס איבער גאָרדינס פּיעסן. עס איז געווען די

גאָרדין־עפּאָכע, און יעדן סטאַר האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען אין גאָרדינס אַ פּיעסע". האָט טאַקע אַ יאָר נאָך קעסלערס דערפאָלג אין „שלמהקע שאַרלאַטאַן" באָריס טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט גאָרדינס פּיעסע „דבורהלע מיוחסת", און ווי בעסי דערציילט, האָט באָריס געמאַכט אין דער פּיעסע, וואָס איז אויך געוועזן אַ פּאַראַפראַזירונג פון אָסטראָווסקיס פּיעסע „גריעך דאַ ביעדאַ נאַ קאָוואָ ניע זשיוויאָט" („קיינער ווערט ניט געבוירן אָן זינד אָדער אָן אָרעמקייט") אַ גוואַלדיקן דערפאָלג. ער האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אַלס „שמשון איינשטאָל, דער קאָוואַל". די גאַנצע יידישע פּרעסע צוזאַמען מיט דער אינטעליגענץ האָט אָנערקענט טאָמאַשעווסקין אַלס אַן ערשטקלאַסיקן שוישפּילער. און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז טאָמאַשעווסקי איז געוועזן דער פּראָטאָטיפּ פון די שונד־אַקטיאָרן. ערשט אין דער דאָזיקער ראָל האָט טאָמאַשעווסקי זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פאַרשטענדיקער טאַלאַנטירטער שוישפּילער און פון דאַמאָלט אָן הייבט מען אָן האַלטן, אַז עס זיינען דאָ צוויי באָריס טאָמאַשעווסקיס, איינער וואָס איז איינגעטונקען אין מ"ט שערי טומאה, פון קאָפּ ביז פּיס, אין שונד־רעפּערטואַר, וואָס ער שפּילט אויפן באמבאסטישן וואולגאַרסטן אופן, און אַ צווייטער באָריס טאָמאַשעווסקי, וואָס קאָן זיך פאַרטיפן אין אַ ראָל און זי אַרויסברענגען אויף אַן אמת קינסטלערישן אופן. און אָט דעם פאַרדינסט פון געבן סיי קעסלערן, סיי טאָמאַשעווסקין די געלעגנהייטן זיך קינסטלעריש אַרויסצוווייזן, האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען יעקב גאָרדינען.

## קאַפּיטל זיבעצן

# דער מענטש און פאַמיליען־פאָטער יעקב גאָרדין

אַ מטופל מיט 14 קינדער — זיין קאַלטע באַציאונג צו פרוי און קינדער — זיין זון אַלעקסאַנדער — די באַציאונג צו דער פרעמד — זיין וואוינונג און זיין אַרבעטס־צימער — ווערט פאַרליבט אין אַמעריקע — זיין באַזוך אין גאַליציע.

הונדערטער אַרטיקלען און צוויי ביכער זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן גאָרדינען, וועגן זיין ראָלע אין דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ", וועגן זיין אַמאָליקער רוסישער שריפטשטעלערישער קאַריערע, וועגן זיינע שפּעטערדיקע אַקטיוויטעטן אין אַמעריקע ווי אַ יידישער שרייבער, דראַמאַטורג און לעקטאָר, אָבער זעלטן וועט מען אין ערגעץ געפינען אַ גרעסערע שילדערונג אָדער אַ בינטל פאַקטן וועגן דעם מענטש יעקב גאָרדין, און פריער פון אַלעמען איז דאָך גאָרדין געווען אַ מענטש, אַ הויך־קולטורעלער מענטש, אַן אידעאַליסט. ער האָט דאָך פאַרבראַכט ניט נאָר אויף דער בינע אָדער אין זיין אַרבעטס־צימער, וואו ער האָט געשאַפן זיינע בינע־ווערק. ער איז דאָך געווען אַ פאַר־הייראַטער מאַן, און אַ פאָטער פון קינדער, און טאַקע ווי זעלטן ווער, געווען אַ פאָטער פון 14 קינדער. וואָס איז אָט וועגן דעם גאָרדין? ווי אַזוי האָט ער זיך געפילט ווי דער מאַן פון אַ פרוי, וואָס האָט ניט געשפּילט קיין שום ראָל אין זיין אַזוי־פאַרבנרייכן לעבן, ווי אַזוי איז געווען זיין באַציאונג צו איר, צו זיין ווייב, און פון איר צו אים. ווי אַזוי איז געווען די באַציאונג פון יעקב גאָרדין, אַלס פאָטער, אַלס טאַ־טע, צו זיינע קינדער?

אָט דאָס קאַפּיטל, און עס איז דאָך זייער אַ וויכטיק קאַפּיטל אין לעבן פון יעדן מענטשן, בפרט אין לעבן פון אַזאַ אָנגעזעענעם און

פּאָפּולערן מענטשן ווי גאָרדין, איז געווען, און איז, אַ פאַרמאַכט קאַפּיטל, אַרומגעוויקלט מיט הוילן שווייגן, און איך וועל פּרוּוון אַ ביסל אָראָפּ־נעמען דעם פאָרהאַנג אויף דעם קאַפּיטל אין דעם אַלגעמיינעם בילד „יעקב גאָרדין".

נאָכן גענויען דורכשטודירן אַלץ וואָס איז ביז איצט געשריבן געוואָרן וועגן גאָרדינען, האָב איך ערשט דערזען דעם גרויסן בלויז אויפן דאָזיקן געביט. איך האָב זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די וועלכע זיינען נאָך ביים לעבן און געדענקען גאָרדינען פון אַט דער זייט, צו די, וועלכע פלעגן אַרויפקומען צו אים אין שטוב, האָבן אים געזען אין דער מסיבה פון זיין פרוי און קינדער, וואָס ווייסן זיי וועגן דעם, וואָס קאָנען זיי דערציילן פאַקטן און איינדרוקן, וואָס זאָלן פאַר אונדז קלאָרער און פאַרשטענדלעכער מאַכן די פיגור פון יעקב גאָרדין. ליידער האָבן זיך אָפּגערופן זייער ווייניק מענטשן מיט אינפאָרמאַציע.

דער שריפטשטעלער משה שטאַרקמאַן, וועלכער האָט געגרייט אַן אַרבעט וועגן גאָרדינען, האָט באַוויזן צו פאַרצייכענען גענוי פאָלגנ־דיקע „משפחה־כראָניק" פון גאָרדינען, וואָס גאָרדין אַליין האָט אָנגע־שריבן אין 1907. דער דאָזיקער דאָקומענט, געשריבן אויף ענגליש, אויף איין זייטל, אַנטהאַלט די דאַטע פון זיין געבוירן, די דאַטע פון זיין אָנקומען מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע, און די געבוירן־דאַטעס פון זיינע עלף קינדער. ביי די געבוירן דאַטעס פון די קינדער ווערט אויך אָנגעגעבן אין קלאַמערן די עלטער פון יעדן קינד, אין דער צייט ווען די רשימה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן.

די „משפחה־כראָניק" לייענט זיך אַזוי:

יעקב מ. גאָרדין, געבוירן דעם 1טן מאַי, 1853. אָנגעקומען דעם 1טן אויגוסט אָדער דעם 31טן יולי, 1891. דאַמפּער „דעוואָניאַ", אַנקאָר־ליניע. זיין פרוי — אַננאַ. זיינע קינדער: 1) סאָפיאַ, דעם 20טן יולי, 1873 (34). 2) ליזי, דעם 8טן נאָוועמבער 1874 (33)). 3) סאַמועל, דעם 10טן דעצעמבער, 1877 (30). 4) אַלעקסאַנדער, דעם 11טן סעפּטעמ־בער, 1880 (27). 5) וועראַ, דעם 2טן יאַנואַר, 1883 (24). 6) דזשעימס, דעם 4טן נאָוועמבער, 1885 (22). 7) מאַיקעל, דעם 3טן דעצעמבער,

1887 (20). 8) דזשאַנעט, דעם 21טן אויגוסט, 1889 (18). 9) דזשאָרדזש, דעם 31סטן אויגוסט, 1891 (16). 10) לעאָ בענדזשאַמין, דעם 31סטן מערץ, 1895 (12). 11) העלען, דעם 13טן אויגוסט, 1897 (10).

ווען גאָרדין איז אָנגעקומען דעם 31־טן יולי 1891 אין ניו יאָרק מיט זיין פרוי אַננאַ, האָבן זיי שוין געהאַט 8 קינדער און אין אַ חודש אַרום איז אין ניו יאָרק ביי זיי געבוירן געוואָרן נאָך אַ ייִנגל און שפּעטער זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן נאָך 5 קינדער.* צוזאַמען זיינען אין שטוב געווען 14 קינדער. (?).

אַ לייענער מר. יחיאל קופּערמאַן האָט מיר צוגעשיקט אַ לענגערן גאָר אינטערעסאַנטן בריוו אין וועלכן ער דערציילט, אַז אַלס אַן אַמאָליקער מיטגליד אין „גאָרדין ליטעראַרישן צירקל“ אין אָנהויב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, געדענקט ער „עפּעס“ פון גאָרדינס לעבן און אַט דאָס „עפּעס“ באַשטייט אין דעם, וואָס דער „אַלטער“, ווי מען האָט אים גע־רופן אין דער גרופּע, איז בכלל ניט געווען קיין צוגעלאָזענער צו מענטשן. ס׳איז אַלע מאָל געווען אַ דיסטאַנץ צווישן אים און אַנדערע, כאָטש די מיטגלידער פון „סוירקל“ האָט ער גערופן „מיינע באַיעס“.

מר. קופּערמאַן איז געווען ביי אים אין שטוב אַ דריי מאָל. גאָרדין האָט געוואוינט אין אַן אייגן הויז אויף מעדיסאָן עוועניו אין ברוקלין. עטלעכע טרעפּלעך אַרונטער פון גאַס איז געווען דאָס עס־צימער און קיך. אויפן ערשטן שטאָק איז געווען די אמתע וואוינונג; די שלאָפצימערן אד״ג, און אויפן העכערן שטאָק איז געווען גאָרדינס ביבליאָטעק און אַרבעטס־צימער. דאָס איז געווען אַ היפּש גרויס צימער און אויף אַלע ווענט זיינען געווען פּאָליצעס מיט ביכער. אַ גוואַלדיקע זאַמלונג פון בעסטן אין דער וועלט־ליטעראַטור אין עטלעכע שפּראַכן. אין מיטן צי־מער איז געשטאַנען גאָרדינס גרויסער שרייבטיש. אין דעם צימער האָט געמוזט זיין שאַ־שטיל. ס׳זיינען דאָ גוטע גרונדן צו גלויבן, אַז גאָרדין האָט זיך ניט געשפּיגלט אָדער זיך איבערגענומען מיט זיין פאַמיליע. נאָך ריכטי־

* לויט גאָרדינס „פאַמיליע־רשימה“ האָט גאָרדין אין אמעריקע געבראַכט אויף דער וועלט נאָר נאָך 3 קינדער.

קער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז עס איז זיכער אַזוי געווען. זיין פרוי איז יעדעס מאָל דערשינען ווי אַ דורכשניטלעכע הויז־פרוי. זי איז געווען יעדע צייט גרייט אויפצונעמען געסט. קיין אינטערעס פאַר אינטעלעקטועלע ענינים האָט זי קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן. אַזוי איז אויך איר אויסזען געווען פון אַ פשוטע פרוי. זי איז געווען אַ קורצע, פולע פרוי, אַ טיפּישע הוהס טאָכטער. די שטוב איז געווען פול מיט דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער באַיעס, וואָס זיינען געווען מער אָדער ווייניקער צעדרומזשעט, פאַרלאָרענע, וואָס האָבן ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן. איינער פון זיי, דער דריטער, האָט אויף וויפל דער זכרון פון מיין אינפאָרמאַטאָר פאַרפירט אים ניט, זיך אָפּן אַזוי אויסגעדריקט פאַר אים.

צו איין קינד אָבער האָט גאָרדין אַרויסגעוויזן אַן אויסנאַם באַציאונג, דאָס איז געווען צו זיין בכור,* צו זיין עלטסטן זון אַלעקסאַנדער, וואָס האָט שוין דאַמאָלט געהאַט אַ דיפּלאָם פון קאָלאָמביאַ אַלס דאָקטאָר פילאָזאָפיע. אַלעקסאַנדער האָט זיך אַלע מאָל אַרומגעטראָגן מיט מאַנוסקריפּטן וועגן וועלכע זיין פאָטער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז עס וועט פון זיי גאָרניט ווערן.

גאָרדין האָט געגלייבט, אַז אַלעקסאַנדער וועט גאָרניט אויפטאָן, ווייל ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיי באַשטייען פון „פילאָזאָפישע טראַקטאַטן און ווייס איך וואָס". ער פלעגט זיין בכור רופן מיט אַ צונאָמען: „דער גויישער ענטין", און ענטינען פלעגט גאָרדין פריוואַט רופן „דער יידישער האַמלעט". דאָס לעצטע פלעגט גאָרדין זאָגן מיט ליבע, ווייל ער האָט שטאַרק ליב געהאַט ענטינען און פלעגט אים האַלטן פאַרן איינציקן אויסגעצייכנטן יידישן טעאַטער־קריטיקער.

איין מאָל האָט זיך גאָרדין אויסגעדריקט וועגן זיין זון אַלעקסאַנדער, אַז ווען ער וואָלט ניט געווען אַזאַ וויסטער האַמלעט, וואָלט ער כאָטש געדאַרפט אַריינגיין אין אַ גויישער רעדאַקציע און פרווון דערשיסן דעם רעדאַקטאָר אָדער זיך. נאָך אַזאַ סענסאַציע וואָלט מען זיך געוואָרפן דרוקן אַלעקסאַנדערס שרייבן.

* לויט גאָרדינ'ס פאַמיליע רשימה איז אַלעקסאַנדער ניט געווען זיין בכור, נאָר זיין צווייטער זון.

ס׳זיינען געווען קלאַנגען, אַז אַלעקסאַנדער איז אַוועק פון ניו יאָרק און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין קאַליפאָרניע.

גאָרדין האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס איר מאַן האָט געהאַט אַן אַפּ־טייק אין בראָנזוויל אָדער אין איסט ניו יאָרק און צו איר און איר פאַמיליע האָט גאָרדין געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג.

ס׳איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דער אַמעריקאַנער דראַמאַטורג שיפּמאַן האָט אַ סך געלערנט טעכניש פון גאָרדינען.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דווקא דער זון אלעקסאַנדער, וועגן וועלכן זיין פאָטער האָט געהאַט אַזאַ סקעפּטישע באַציאונג, זאָל, נאָך גאָר־דינס טויט, אָנשרייבן אַ גאָר פיינע הקדמה צו דעם באַנד איינאַקטערס פון יעקב גאָרדין, וואָס דער „טאָג" האָט אַרויסגעגעבן אין 1917. אין דער פאָרעדע, וואָס באַהאַנדלט גאָרדינס דראַמאַטורגישן באַדייט און כאַראַק־טעריזירט יעדן פון די איינאַקטערס, ווייזט אַלעקסאַנדער אַרויס אַ שטאַרק פאַרשטענדעניש פאַר טעאַטער און באַזונדערס פאַר זיין פאָטערס ראָל אין יידישן טעאַטער. דער אַרטיקל איז זיכער געשריבן געוואָרן אין ענגליש און איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש.

איך שרייב דאָס דערפאַר, ווייל איך אַליין האָב געהאַט אַן עפּיזאָד מיט אַלעקסאַנדערן. לײדער געדענק איך ניט גענוי ווען דאָס האָט פּאַסירט און איך האָב ניט די נויטיקע מאַטעריאַלן. דאָס איז געווען וואַרשיינלעך אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן אָדער אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. איך האָב דאַמאָלט אָפּגעדרוקט אין אַ פילאַדעלפיער יידישער צייטונג אַן אַרטיקל וועגן גאָרדינס „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ". קענטיק, אַז אַלעק־סאַנדער האָט געלייענט דעם אַרטיקל און ער איז אים ניט געפעלן. ער האָט געהאַט אַ סך אויסצוזעצן און האָט מיר אָנגעשריבן אין ענגליש אַ לענגערן בריוו אין דער פאָרם פון אַן אַרטיקל, וועלכן איך האָב איבער־זעצט אין יידיש און אויך אָפּגעדרוקט אין דער פילאַדעלפיער יידישער צייטונג. צוליב מיינע וואַנדערונגען אין יענער צייט, האָט זיך, לײדער, ביי מיר ניט פאַרהיט מיין אַרטיקל, ניט אַלעקסאַנדערס ענגלישער בריוו און ניט די געדרוקטע איבערזעצונג מיינע פון זיין בריוו.

דער שוישפּילער אליהו טענענהאָלץ,[76] וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דעם „יעקב גאָרדין ליטעראַרישן צירקל", זאָגט, אַז ער איז עטלעכע מאָל געווען ביי גאָרדינען אין שטוב. יעדעס מאָל האָט מען קודם כל פאַרבראַכט אין אויפנאַם־צימער, וואו פרוי גאָרדין האָט מכבד געווען מיט טיי. דאָרט האָט מען געטרונקען, כמעט גאָרניט גערעדט, נאָרריידן פלעגט מען אין גאָרדינס ביבליאָטעק־צימער. עס איז געווען אַ קאַלטע באַציאונג אין שטוב. גאָרדין האָט זיך אויסגעלעבט נאָר דאַמאָלט ווען ער פלעגט זיצן אין זיין אַרבעטס־צימער ביי זיין שרייבטיש און שרייבן אָדער שמועסן מיט מענטשן.

דער באַקאַנטער יידישער אַרבעטער־פירער לואיס האָלענדער גיט איבער, אַז אין די יאָרן 1907—08 האָט אַ טייל פון דער בעסערער יידישער אימיגראַנטישער יוגנט אין ניו יאָרק, אַנשטאָט צו פאַרברענגען אין טאַנץ־האָלס און שפּיל־קלובן, באַשלאָסן זיך בעסער אָפּצוגעבן מיט יידישער קולטור, און איינע פון די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציעס אין יענער צייט איז געווען דער „יעקב גאָרדין ליטעראַרי סוירקל", צו וועלכן ער האָט אויך געהערט.

דער קלוב פלעגט זיך צונויפקומען אויף גרענד סטריט. מען פלעגט שאַפן צווישן זיך געלט צו דעקן די אויסגאַבן פון קלוב, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען מיט גאָרדינס הסכמה. גאָרדין פלעגט כמעט יעדע וואָך קומען צום קלוב און האַלטן דאָרט לעקציעס אויף די טעמעס „שעקספּירס דראַמעס", „איבסענס דראַמעס" אד"ג, די יוגנטלעכע און דער עולם, וואָס פלעגט קומען צו די לעקציעס, האָבן דערויף געקוקט ווי אויף אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט.

דער קלוב, וואָס איז געוואָרן באַרימט צוליב דעם נאָמען, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט אויך אַראַנזשירט אַ שלום עליכם־אָוונט[73] אין קלינטאָן־האָל, ווען ש"ע איז געקומען אין אַמעריקע, אַזוי אויך פאַר שלום אש.[74] ענלעכס איז געשען מיט ד"ר נתן בירנבוים[75] און ראובן ברייני. אויך מאָריס ווינטשעווסקי און יהואש פלעגן דאָרט קומען אויפטרעטן.

די מיטגלידער פון קלוב האָבן געהאַט דאָס פאַרשטענדעניש אַליין

ניט צו שפּילן, נאָר צו שטיצן בעסערע פאַרשטעלונגען וואו זיי זיינען געגעבן געוואָרן.

גאָרדין פלעגט קומען אַנגעטאָן אין אַ פּעלצל. ער אַליין, האַלענדער, האָט ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן, און עס איז אים געווען גאַנץ היפּשלעך קאַלט, אָבער ער האָט זיך „געוואָרעמט אין גאָרדינס פּעלצל". דער געדאַנק, אַז ער שטייט נעבן גאָרדינען האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין קאַלטן וועטער.

דער געוועזענער „טעאַטער־פּאַטריאָט" חיים קאַטלער דערציילט, אַז אַלס מיטגליד פון דעם „שילער יאַנג מענס קלאַב", וואָס זיינען געווען גרויסע פאַרערער פון גאָרדינען, איז אים עטלעכע מאָל אויסגעקומען אַריינצוקומען צו גאָרדינען אים איינצולאַדן אויף לעקציעס אין דעם קלוב. די געשפּרעכן פלעגט גאָרדין שטענדיק אָפּהאַלטן נאָר ביי זיך אין ביבליאָטעק־צימער. דאָרט פלעגט ער ליב האָבן צו ריידן צו די דעלעגאַטן פון קלוב וועגן טעאַטער בכלל, און שטענדיק האָט ער אַרויסגעוויזן אַ וואָרעמקייט צו די דעלעגאַטן, אין אַ גרונטזעצלעכער פאָרם ווי די קאַלטקייט וואָס האָט זיך געפילט אין זיין אומגאַנג מיט זיין פאַמיליע.

אַ לייענער פון דער סעריע וועגן גאָרדינען, ווען זי האָט זיך געדרוקט אין „טאָג", האָט מיר צוגעשיקט אַן אינפאָרמאַציע, אַז ער האָט געקענט יעקב גאָרדינס אַ זון, אַ שאַך־שפּילער, וואָס האָט געהאַט אַ שאַך־פּלאַץ.

דער לייענער דזשייקאָב מ. גראָס אין ברוקלין, שרייבט:

„זייענדיק אַ באַוווסטער שאַך־שפּילער אין ניו יאָרק, פלעג איך פאַר אַ סך יאָרן אַרויפקומען אין אַ שאַך־פּלאַץ אויף דער צווייטער און פערציקסטער גאַס און טיימס סקווער. דער אייגנטימער פון אָט דעם פּלאַץ האָט געהייסן גאָרדין. אָט דער דאָזיקער גאָרדין איז געווען אַ שטילער, איינגעהאַלטענער מענטש. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם שאַך־פּלאַץ פאַר אַ פּאָר צענדליק יאָרן. מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק, האָט ער דעם פּלאַץ פאַרקויפט און ריטייערט [צוריקגעצויגן זיך פון אַרבעט].

איך האָב זיך איצט באַגעגנט מיט אַ שאַך־שפּילער, וואָס איז געווען זיין שותף פאַר די לעצטע יאָרן ווען ער איז דאָרט געווען. האָט ער מיר דערציילט, דאָס גאָרדין, זיין געוועזענער שותף, איז געווען אַ זון

פון יעקב גאָרדין, און ער האַלט זיך נאָך אַלץ מיט אַ גאַנצער שאַפּע מיט ביכער און שריפטן פון זיין פאָטער. ער וויל זיך מיט דעם ניט שיידן פאַר קיין געלט. ער וואוינט ביי אַ פרוי ערגעץ אין סיגעיט. עס דאַרף ניט זיין שווער אים אויסצוגעפינען".

דערויף איז געקומען די ווייטערדיקע זייער אינטערעסאַנטע אינפאָר־מאַציע פון שריפטשטעלער און דיכטער לעאָן קוסמאַן.[77]

„די אַנטפּלעקונג פון אַ לייענער, אַ שאַך־שפּילער, אַז דער גאָרדין, וואָס האָט אין משך פון פיל יאָרן געהאַלטן לעבן טיימס סקווער אַ שאַך־פּלאַץ, איז אַ זון פון יעקב גאָרדין, איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבעראַשונג. איך האָב דעם גאָרדין געקענט פון דער שאַך־וועלט עטלעכע צענדליק יאָר און קיינמאָל ניט חושד געווען, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות צו יעקב גאָרדין.

אָט דער גאָרדין איז אַלע מאָל געווען פאַר מיר אַ רעטעניש. אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס, פעסט געבויט, פאָרנעם, מיט אַן אינטעלי־גענט־קינסטלערישן אויסזען, שטענדיק נעט, אַפילו עלעגאַנט געקליידט, האָט מען אים געקאָנט אָנעמען פאַר אַ דערפאָלגרייכן ביזנעסמאַן, אַ באַנקיר, אַ טעאַטער־דירעקטאָר, אָדער אַפילו אַליין אַ קינסטלער. דער־צו אַ שווייגער, העפלעך, קאָרעקט. ווי אַזוי אַ מענטש מיט אַזאַ אויסזען איז געקומען דערצו צו ציען חיונה פון אַזאַ בידנער פרנסה, ווי קלייבן פעניס פון זיינע קונדן, שאַך־שפּילער, אין אַ פּלאַץ, וואָס איבער אַן „אַמיוזמענט אַרקעיד" אויף דער 42סטער גאַס, האָב איך זיך שטענדיק אַליין געפרעגט און קיינמאָל ניט באַגריפן. און דאָס איז שוין געווען „גרויס" אין פאַרגלייך מיט זיין ביזנעס אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער האָט זומער אין קוני איילאַנד געהאַלטן אַ קאָנצעסיע פאַר שאַך־שפּיל, מיט אַ פּאָר טישלעך אין דרויסן, און געשפּילט מיט קאַסטימער, וועלכע האָבן אים געצאָלט אַ קוואָדער פאַר יעדער פּאַרטי, וואָס זיי האָבן צו אים פאַרלאָרן, אָדער געמאַכט רעמי.

נאָר צו זיין קוני־איילענדער פּעריאָד וועל איך זיך נאָך אומקערן מיט אַן עפּיזאָד, וואָס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון.

איך האָב מיט דעם גאָרדין אָפט גערעדט, אָבער אַלע מאָל נאָר

וועגן שאַך. ער האָט גערעדט בלויז ענגליש. איך האָב אָבער געפילט, אַז ער פאַרשטייט אויך יידיש. ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ יידישער שרייבער, אָבער ער האָט קיינמאָל מיט קיין וואָרט ניט אָנגעדייט, אַז ער האָט אויך עפּעס אַ שייכות צו יידישע שרייבער. דאָס איז מעגלעך געווען צוליב זיין שווייגנדער נאַטור, אָבער אפשר טאַקע האָט ער ניט געוואָלט פאַרשעמען דעם אָנדענק פון זיין פאָטער, וואָס זיינער אַ זון גיט זיך אָפּ מיט אַזאַ אָרעמער פרנסה. דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט זיך מיט עפּעס באַרימט, איז געווען ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען אַ „טשאַרטער-מעמבער״ פון רייס פּראָגרעסיוו שאַך־קלוב (אויף דעם נאָמען פון פּראָפעסאָר רייס פון קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, דעם פאָטער פון רייס גאמביט), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אָדער אַרום 1914. דאָס מיינט, אַז צו יענער צייט, האָט דער יונגער גאָרדין געדאַרפט זיין פאַרמעגלעך. איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל אין 1954, ווען ער האָט פאַרקויפט זיין שאַך־פּלאַץ.

און איצט דער עפּיזאָד אין קוני איילאַנד:

דאָס איז געווען אין אַ פאַרמיטאָג פון אַ וואָכנטאָג. שפּאַצירנדיק דורך דעם אַמיוזימענט-צענטער אין קוני איילאַנד, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי גאָרדינס שאַך־טישל און זיך געזעצט מיט אים שפּילן שאַך. מיר האָבן געשפּילט דריי פּאַרטיען. איך האָב פאַרלאָרן די ערשטע, געוואונען די צווייטע, און פאַרלאָרן די דריטע. כמעט די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן געשפּילט, איז לעבן גאָרדינס רעכטער האַנט געזעסן אַן עלטערע פרוי, מיט אַ שיין, מ׳קאָן זאָגן, אַריסטאָקראַטיש געזיכט, האַלטנדיק אין די הענט אַ „שאַפּינג בעג״, קענטיק אויפן וועג עפּעס איינצוקויפן. אין זייער ביידנס אָנבליק האָב איך געגלויבט צו זען אַ שטאַרקע ענלעכקייט. איך האָב אָנגענומען, אַז די פרוי דאַרף זיין גאָרדינס מוטער. מיר האָבן ביידע געשפּילט שנעל, דאָך האָט אונדזער שפּיל געדויערט אַ רעכט שטיקל צייט. באַזונדערס האָט זיך געצויגן דער קאַמף אין דער לעצטער פּאַרטי. די פרוי איז געזעסן, געדולדיק געוואַרט. ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט און באַצאָלט גאָרדינען צו פופציק סענט פאַר די צוויי פאַרלאָרענע פּאַרטיען, האָב איך געזען ווי גאָרדין גיט דער פרוי דאָס

געלט און רעדט צו איר עפּעס. זי האָט זיך באַלד אויפגעהויבן אַוועק־צוגיין. דאַמאָלט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די פרוי האָט געוואָרט אויף דעם געווינס פון גאָרדינען, איר זון מעגלעך, צו האָבן מיט וואָס איינ־צוקויפן.

אָט דאָס בילד איז מיר פאַרבליבן שאַרף אין זכרון.

האָט יעקב גאָרדינס אלמנה געלעבט אין די צוואַנציקער יאָרן? אויב יאָ, האָט דאָס זיכער געמוזט זיין די פרוי פון דעם דערציילטן עפּיזאָד".

מאָריס ווינטשעווסקי, איינער פון גאָרדינס אינטימע פריינט און פאַרערער, וועלכער האָט אים געווידמעט אַ גאַנץ בוך „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין", אין וועלכן ער פילאָזאָפירט וועגן גאָרדינען אַלס מענטש און דראַמאַטורג, האַלט, אַז פריער פאַר אַלץ איז גאָרדין געווען אַ שטיקל אַריסטאָקראַט און ווען ער וואָלט געהאַט אין זיין פאַרמעגן נאָר איין ניקל, וואָלט ער ניט אַריינגעגאַנגען טרינקען טיי אין אַ ביליקן סאַלאָן, נאָר גיכער אַוועקגעגעבן דעם ניקל צום קעלנער.

ווינטשעווסקי דריקט זיך אויס, אַז „גאָרדין האָט זיך אין אַמעריקע איבערהויפּט ניט אַקלימאַטיזירט... ער האָט זיך געמאַכט שונאים דורך דעם וואָס, למשל, ביי אַ לעקטשור, וועלכע ער האָט ערגעץ־וואו געהאַלטן, האָט ער, ווי מיר זאָגן דאָ „אָנגעריבן אַ מאָרדע" ערגעץ אַ יונגנמאַן, וואָס זיין דעמאָקראַטישער גלייכהייטס־פּרינציפּ האָט אים אַרויסגעבראַכט אין דער דיסקוסיע מיט אַ געוויסער חוצפּה קעגן אים, דעם לעקטשור. מען האָט אים (גאָרדינען) פאָרגעוואָרפן, אַז ער פאַרטראָגט ניט קיין ווידערשפּרוך. דאָס איז אָבער קיינמאָל ניט געווען ריכטיק. ער האָט ניט פאַרטראָגן קיין „דעמאָקראַטישע" חוצפּה, און בושה פאַר אַן עלטערן איז אַ פּרינציפּ, אַ היימישער, אַלטמאָדישער, פון וועלכן ער וויל זיך ניט אָפּזאָגן. און אַזוי וויל ער זיך אויך ניט שיידן מיט זיין שטעקן, וועלכן דאָ טראָגן מענטשן אַזוי זעלטן, פון טיי „ס׳פּריקוסקו" (צוגעביס מיט צוקער), וועלכע מיר אַנדערע האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו פּראַק־טיצירן, פון זיין לאַנגער באָרד, וועלכע איז אַזוי אומאַמעריקאַניש און פון פיל אַנדערע געוווינהייטן, וועלכע זיינען קעגן די היגע ציוויליזאַציע. דערביי איז ער אַ וואָרער דעמאָקראַט און אויך אַ מאמין אין דער צוקונפט

פון אַמעריקע. ווען ער איז... צוריקגעקומען פון קאַרלסבאַד, האָט ער גערעדט מיט גרויס באַוואונדערונג פון היגע אינסטיטוציעס: פּאָסט, פּאָליציי, געריכט, באַנקען, עפנטלעכע אַנשטאַלטן, פאַרגלייכנדיק דעם איינפאַכן דעמאָקראַטישן, אומביוראָקראַטישן גייסט, וואָס הערשט היער [דאָ] מיט די קאָזיאָנשטשינע, מיט די פּאָליציייסקע ווירטשאַפט, מיט די ביוראָקראַטישע אָפּיעקונסטווא ...פון וועלכע מיר זיינען דאָ צו אַזאַ הויכן גראַד פריי. מיר דאַכט, אַז דאָס איז געווען זיין רייזע אין אייראָפּע, וועלכע האָט אים דאַן באַוואויגן צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער. „יאָ, עס איז אַ גוטע זאַך — ווערט צו זיין אַן אַמעריקאַנער סיטיזן — האָט ער דאַמאָלט געזאָגט".

און ס'איז טאַקע אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיטן איינדרוק, וואָס אייראָפּע האָט געהאַט וועגן יעקב גאָרדינען בעת ער האָט זי באַזוכט, נאָכן וואוינען שוין 16 יאָר אין אַמעריקע.

יעקב מעסטעל [78] באַשרייבט ווי אין 1907 האָט לעמבערג, די הויפּטשטאָט פון מזרח־גאַליציע, געהאַט יעקב גאָרדינען צו גאַסט. אין דער פּרעסע זיינען דערשינען אַ גאַנצע ריי אָפּהאַנדלונגען וועגן גאַסט, וועלכער האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק סיי מיט זיין פּערזענלעכקייט, סיי מיט דער קאָלעגיאַלער פריינטלעכקייט און אַפילו מיט זיין הערשער־נאַטור אַרום דעם רוסישן סאַמאָוואַר־טיי אין האָטעל. אַ ביסל שאָקירט האָט בלויז זיין סענסיוויטיווקייט ווען מ'האָט געוואַגט קריטיקירן זיינע פּיעסן.

און מעסטעל דערציילט אַן עפּיזאָד, ווי לכבוד דעם גאַסט האָט מען אין גימפּעלס טעאַטער אויפגעפירט גאָרדינס „מטורף" מיטן אַמעריקאַנער גאַסט־שוישפּילער יונה גינצבורג. די אַקטיאָרן זיינען געווען אַ רעכט ביסל נערוועז און דאָס שפּילן איז ניט געווען אַזוי איי־איי. נאָכן ערשטן אַקט האָט געזאָלט פאַרקומען אַ צערעמאָניע מיט באַגריסונגען. „אָבער גאָרדין וואָרט ניט אויף אונדזערע צערעמאָניעס, הייסט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג און גייט אַרויס פאַרן עולם. אַן אָוואַציע אין לשער! גאָרדין נעמט ריידן, און מיר זען באַלד, אַז קיין גוטס וועט פון דעם ניט אַרויסקומען". ער קריטיקירט אומברחמנותדיק די אויפפירונג און דאָס שפּילן.

דער עולם אין גאָרטן ווערט נערוועז און דער דירעקטאָר עמיל גימפּעל לויפט אַרויף אויף דער בינע און וויל אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג פאַר גאָרדינס נאָז. שטיי איך מיטן פאַרשעמטן בוקעט בלומען פון איין זייט הינטער די קוליסן און אויף דער צווייטער זייט שטייט מיין פריינט צבי שפּיצער און האַלט־צו די שטריק פונעם פאָרהאַנג, כדי צו פאַרהיטן אַ סקאַנדאַל. גאָרדין האָט אָפּגערעדט און די פאָרשטעלונג איז ווייטער אָנ־געגאַנגען אין אַ פּראַסטיקער שטימונג. קיין באַגריסונגען האָבן מיר שוין ניט געהאַלטן. שווייגנדיק זיינען מיר אַרויף מיט גאָרדינען אין זיין האָטעל, וואו ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט גינצבורגן, שטילערהייט האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט צו דער טיי. גינצבורג האָט אָפּנים געוואָלט איבערייסן דאָס שווייגן און זיך געווענדעט צו גאָרדינען:

— אמת, מיסטער גאָרדין, אַ שוואַכע פאָרשטעלונג, אָבער ווי בין איך אייך געפעלן אין בן ציון?

— ס׳מזל אויף אייך! — האָט גאָרדין אַ בורטשע געטאָן, און מיט דעם נאָך מער פאַרשטערט דעם אָוונט.

גרשם באַדער,[79] וועלכער האָט אויך בייגעוואוינט גאָרדינס באַזוך אין לעמבערג, באַשרייבט אים אַזוי: „מיר האָט שטאַרק אימפּאָנירט גאָר־דינס הויכע געשטאַלט און זיין פעסטער, זיכערער גאַנג. זיין שטאָלצער שמועס און גלייכצייטיק — זיין אויפמערקזאַם צוהערן זיך צו יעדנס מיינונג. ווי ער האָט געגלויבט, אַז מען קאָן פון יעדן איינעם עפּעס לערנען. גערן איז ער מיט איטלעכן געזעסן און פאַרברענגט ביי אַ גלעזל משקה און אַ פאַרבייס. וועגן דעם לעבן אין אַמעריקע האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווער עס גרייט זיך ניט צו אַ גוטן פריינט איידער ער קומט קיין אַמעריקע, וועט גיין פאַרלוירן ווי אַ בלעטל פון אַ בוים אין אַ גרויסן וואַלד. געפינט מען אָבער יאָ אַ פריינט, לאָזט דיך שוין יענער ניט פאַלן. מענטשן, וואָס קאָנען זיך אָפּט מאָל אַליין ניט העלפן, זיינען דאָרט דער־פאָלגרייכע העלפער פאַר אַנדערע".

און מיר וועלן פאַרענדיקן אָט דעם קאַפּיטל אין יעקב גאָרדינס לעבן מיט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע מיינונגען וואָס גאָרדין האָט דאַמאָלט

אַרויסגעזאָגט צו גרשם באַדער וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

אין דער יידישער פּרעסע פלעגן דאַמאָלט זיין אַרטיקלען, אַז עס איז אַ קריזיס אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער און דאָס יידישע טעאַטער האַלט ביים אונטערגיין. אַמאָל האָט זיך דאָס געשריי אָנגעהויבן ביים אָנהויב פון סעזאָן און אַמאָל ביים סוף פון סעזאָן, ווען באַדער האָט געפרעגט גאָרדינען וואָס איז זיין מיינונג וועגן אָט דעם געשריי, האָט גאָרדין געענטפערט:

„די דאָזיקע געשרייען זענען בלויז כדי איבערצושרעקן די „טעאַ־טער יוניאָנס" זיי זאָלן ניט שטעלן קיין נייע פאָדערונגען פאַר זייערע מיטגלידער. די „מענעדזשערס" און די „סטאַרס" פאַרלאַנגען פאַר זיך גרעסערע באַצאָלן ווי באַנק־פּרעזידענטן, סטראַשען זיי דערפאַר יעדעס מאָל צו פאַרמאַכן דעם טעאַטער. פונדעסטוועגן — האָט גאָרדין צוגעגעבן — קאָן פונעם איצטיקן אומזיסטן געשריי זיך אַנטוויקלען אַן ערנסטע געפאַר, ווען מען וועט זיך צוגעוואוינען צו אים און ווען עס וועט אַמאָל טאַקע קומען אַן אמתדיקער קריזיס, וועט מען זיך שוין ניט צוהערן".

אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג האָט אָבער דערזעלבער גאָרדין אַרויסגעזאָגט גרינטלעך אין אַן אַרטיקל וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע — אָבער וועגן דעם שפּעטער.

דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:

„עס זיינען געווען צוויי פאַרשיידענע יעקב גאָרדינס: דער יעקב גאָרדין פון ביי זיך אין דער היים, דער גוטמוטיקער, דער מילדער, צאַרטער, וואָס האָט ליב געהאַט צו זאָגן און צו הערן אַ גוטן וויץ, און דער יעקב גאָרדין אין דער אַקטיאָרן־געזעלשאַפט — אַ בייזער, אַ שטרענגער, וואָס פלעגט אין זיין שוואַרצער, ווייכער באָרד אַריינגראָבן 5 האַרטע פינגער און פלעגט זיין דינע שטימע דריקן אויפן באַס. ער פלעגט אַליין לאַכן פון דעם אַנשטעל און זאָגן צו זיינע נאָענטע פריינט: „ברודער, איך מוז מיט די חברה אַקטיאָרן שפּילן טעאַטער. איך מוז פון זיי פאַרלאַנגען און פאָדערן רעספּעקט, אויב ניט, וועל איך עס ניט

קריגן. עס וואָלט מיך ניט געאַרט וואָס אַנבאַלאַנגט מיך פּערזענלעך, אָבער דאָס וועט זיך אָפּשפּיגלען אויפן שפּילן פון מיינע פּיעסן".

די גרעסטע צייט פון זיין לעבן פלעגט יעקב גאָרדין פאַרברענגען מיט די יידישע אַקטיאָרן אין קאַפע־הויז ביי אַ גלעזל טיי. ער איז שפּעטער געוואָרן זייער לערער און וועגווייזער. זיין אָפּטער צוזאַמענבונד מיט די שוישפּילער האָט אים אַרויסגעהאָלפן אַ סך אין דעם דערפאָלג פון זיינע פּיעסעס. ער פלעגט שטודירן יעדן אַקטיאָר אין זיין לעבן — זיין האַלטונג, זיין אַרטריידן, זיין באַציאונג צו מענטשן, און זייענדיק אַ גרויסער באַאָבאַכטער, האָט ער איינפאַך יעדן אַקטיאָר אַנגעמאָסטן זיין ראָלע. שוין ביי דער ערשטער פּראָבע פון אַ נייער פּיעסע, פלעגט גאָרדין זאָגן צו די אַקטיאָרן: „שטרענגט אייך ניט אָן, שפּילט ניט קיין טעאַטער, רעדט אַזוי ווי איר זענט מיט מיר אין קאַפע־הויז". ווען אַן אַקטיאָר פלעגט אים זאָגן: „איר וועט זען ווי אַזוי איך וועל מיך האַלטן אין דער ראָלע", פלעגט ער אים ענטפערן: „איר באַדאַרפט ניט האַלטן די ראָלע; זי וועט שוין אייך האַלטן..." און ווען, קיבעצנדיק אין קאַפע־הויז, פלעגט אַן אַקטיאָר ווערן אין כעס אָדער לאַכן געשמאַק, פלעגט ער זאָגן צו אים: „נו, פאַרוואָס מאַכט איר עס ניט אַזוי אויף דער בינע?"

יעקב אדלער האָט זייער ליב געהאַט צו פּיקסן (קאָרעגירן) פּיעסן. ער פלעגט האַלטן אַ גרויסע טינט־פען און מאַכן זיינע באַמערקונגען, און אַמאָל אויך צוזעצן גאַנצע מאָנאָלאָגן. יעקב גאָרדין האָט דאָס דערזען, און דערהערנדיק די פרעמדע פראַזע, האָט ער אויסגעשריגן מיט כעס:

— ווען איך וועל שטאַרבן וועט יעדער גראָבער יונג קאָנען טאָן מיט מיינע פּיעסן, וואָס ער וויל, אָבער כל־זמן איך לעב נאָך, וועל איך עס ניט דערלאָזן!"

## קאַפּיטל אַכצן

# גאָרדינס גייסטיקע השפעה אויף דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ

וויאַזוי אַב. קאַהאַן האָט זיך מיט אים באַקענט — דער אונטערשייד צווישן גאָרדין און די אַנדערע דראַמאַטורגן — גאָרדין באַגייסטערט יידן און גויים מיט זיינע לעקציעס — יאַנאָווסקי האָט ביי אים געבעטן אָנצושרייבן זיינע דעראינערונגען — דעם טעות וואָס גאָרדין האָט געמאַכט.

זאָל דאָ נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז מאַטעריאַלן וועגן דער באַציאונג פון גאָרדין צו זיין היים, צו זיין פרוי און קינדער, זיינען כמעט ווי ניטאָ און וואַרטן נאָך אַלץ אויף אינפאָרמאַציעס פון די עלטערע לייע־נער, וועלכע האָבן געקענט פּערזענלעך גאָרדינען און זיין שטוב, אַז זיי זאָלן אונדז אַרויסהעלפן אין דער הינזיכט, וועלן מיר דערוויל אָנגיין מיט עטלעכע וויכטיקע פאַרצייכענונגען בנוגע דעם מענטש יעקב גאָרדין.

לאָמיר קודם כל פאַרצייכענען וואָס עס האָט וועגן אים צו זאָגן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט שפּעטער מיט אים געפירט אַזאַ פאַרביסענעם קאַמף, אַז מאַנכע מענטשן זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו האַלטן קאַהאַנען פאַר שולדיק אין גאָרדינס קראַנקהייט.

ווען גאָרדין איז געקומען אין אַמעריקע, איז קאַהאַן געווען גראָד אין אייראָפּע אויף אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל, בעלגיע. זייערע אַרטיקלען האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין דעם נומער פון 4־טן סעפּטעמבער 1891 אין דער „אַרבייטער צייטונג”. קאַהאַן האָט דאָרט גע־דרוקט זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ פון דער בריסעלער קאָנפערענץ, און גאָרדין האָט דאָרט געדרוקט זיין פעליעטאָן „די אַבלאָווע”. קאַהאַן האָט געקראָגן די צייטונג אין לאָנדאָן, אויף זיין וועג אַהיים. אין אָנהייב

האָט ער ניט געוואוסט ווער ס'איז יעקב גאָרדין, אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז דער זעלבער אַרום וועלכן עס האָט זיך געטומלט אין דער יידיש־רוסישער פּרעסע צוליב דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" נאָך איידער קאַהאַן האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד. זייענדיק אויף יענער זייט גרענעץ, אין בראָד, האָט קאַהאַן אין „רוסקי יעוורעי" געלייענט וועגן אים אַן אַרטיקל אין וועלכן מען האָט גאָרדינען קריטיקירט פאַר זיין אָרגאַניזאַציע און אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז יידן מוזן זיך האַלטן אין איינעם, באַזונדערס ווען מען פאַרפאָלגט זיי און מען פאַרגיסט זייער בלוט, טאָר מען זיך ניט אָפּזונדערן פון יידישן פאָלק, ווי די קאַראַאימער האָבן געטאָן. אין 1892 האָט קאַהאַן בייגעוואוינט אין ניו יאָרק אַ דיסקוסיע וועגן דעם ענין צווישן אַ גאָרדיניסט און אַן אַנדערן אימיגראַנט. דער גאָרדיניסט האָט געטענהט, אַז דער תלמוד (גמרא) האַלט די יידן אין דער פינצטערניש פון מיטלאַלטער און אַז דער ציל פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט" איז געווען צו ברענגען די יידן נענטער צו דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. קאַהאַן האָט זיך אין ניו יאָרק באַקענט מיט גאָרדינען. ער איז אַ היפּש ביסל עלטער געווען פון קאַהאַנען, אַן אָסאָבע, אַ הויכער, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, מיט אַ שטאָלצן גאַנג. קאַהאַן האָט זיך זייער גוט אָפּגערופן אויף גאָרדינס ערשטע פּיעסע „סיביר". אָבער דער דערפאָלג פון דער פּיעסע איז געווען נאָר אַ קינסטלערישער, אָבער ניט קיין פינאַנסיעלער. גאָרדין האָט פאַר דער פּיעסע זייער ווייניק באַקומען. קאַהאַן באַמערקט, אַז דאָס יידישע טעאַטער איז דאַמאָלט געווען ווייט ניט אַזוי „גוט אָפּ", ווי עס איז געוואָרן אין שפּעטערע צייטן. די יידישע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק איז נאָך געווען פאַרהעלטניש־מעסיק קליין, און ביי אַ גרויסן טייל פון עולם איז טעאַטער געווען אַ לוקסוס. די אַרבעטער האָבן געלעבט אַ סך אָרעמער ווי שפּעטער. און אין דער צייט ווען גאָרדין איז צוגעקומען צו דער בינע, זיינען מאַסן מענטשן אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. די וועלכע האָבן יאָ געאַרבעט, האָבן, אין פאַרגלייך מיט זייער לעבן אין דער אַלטער היים, דאָ געלעבט באַלעבאַטיש, אָבער אויסגעבן אַ סך אויף טעאַטער איז דער אַרבעטער נאָך אַלץ ניט געווען אומשטאַנד.

ווי געזאָגט, האָט קאַהאַן זייער גוט אויפגענומען גאָרדינס ערשטע פּיעסע און ער באַמערקט אין זיינע זכרונות: „זיין פּערזענלעכקייט האָט זיך גענומען שטאַרק פילן. די אַנדערע דראַמען־שרייבער זיינען געווען אַ טייל פון דער שוישפּילער־וועלט. ער איז געשטאַנען גאַנץ באַזונדער, און מיט זיין שטאָלצער, רעספּעקט־פאָדערנדיקער נאַטור, האָט ער די אַקטיאָרן געהאַלטן פון וויטן, און זאָגאַר אין פּורכט".

איז טאַקע אינטערעסאַנט דאָ צו דערציילן אַ הומאָריסטישן עפּיזאָד וועגן דעם קוק, וואָס מען האָט געהאַט אויף די אַנדערע פּיעסן־שרייבער, וואָס האָבן דאַמאָלט געהאַט באַהערשט די יידישע בינע.

אַן עלטערער שוישפּילער האָט מיר דערציילט אַזאַ מעשה: אין יענער צייט איז אויף דער איסט סייד געווען אַ ייד, וואָס פלעגט באָרגן געלט אויף פּראָצענט, און געפּעפּערטע פּראָצענט. האָט מען אים טאַקע גערופן „שיילאָק", אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט אַנצוגיין מיט זיין „ביזנעס". אַממערסטן האָט דער ייד פאַרקערט אין די אַקטיאָרישע קרייזן און מער ווי איין אַקטיאָר פלעגט ביי אים באָרגן געלט. טרעפט דער ייד איין מאָל דעם דאַמאָלט־באַרימטן פּאַרפאַסער „פּראָפעסאָר" הורוויץ און פאַרקלאָגט זיך פאַר אים, אַז אַ געוויסער אַקטיאָר האָט ביי אים געבאָרגט 50 דאָלאַר און ער קאָן ביי אים שוין אַ צייט נישט אַרויסקריגן קיין סענט. הערט דאָס אויס דער „פּראָפעסאָר", און ענטפערט אים:

— וואָס זענט איר דאָ איבעררא‍שט, וואָס האָט איר געקענט אַנדערש דערוואַרטן, ווער זיינען עס די אַקטיאָרן? גאַסניונגען, הפקרלייט, זשוליקעס, גנבים...

אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, טרעפן זיך ווידער ביידע צוזאַמען, און דער „פּראָפעסאָר" בעט ביי דעם יידן אַ הלוואה פון הונדערט דאָלאַר, וואָס איז דאַמאָלט געווען אַ סך געלט. זאָגט דער „שיילאָק":

— פּראָפעסאָר, ווי קאָן איך אייך באָרגן אַזויפיל געלט? איך האָב דאָך אייך דערציילט וואָס פאַראַ שלעכטע צאָלער די אַקטיאָרן זיינען, און איר געדענקט דאָך וואָס איר האָט געזאָגט וועגן זיי.

מאַכט דער „פּראָפעסאָר" אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך באַליידיקט, און ער זאָגט:

— נו, גייט איר מיך פאַרגלייכן צו זיי? מיך, פּראָפעסאָר הורוויץ, און זיי די עקטאָרס?... ווער בין איך און ווער זיינען זיי?

נאַטירלעך האָט דער ייד געבאָרגט דעם פּראָפעסאָר די 100 דאָלאַר, אָבער אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ סך איבער דער צייט און דער פּראָ־פעסאָר האָט אים דאָס געלט ניט צוריקגעגעבן, האָט ער אים גענומען מאָנען און וואָס אַמאָל שאַרפער, ביז ער האָט אים געזאָגט:

— פּראָפעסאָר, איר געדענקט דאָך, וואָס איר האָט געזאָגט ווען איך האָב אייך געבאָרגט דאָס געלט, היינט, פאַרוואָס באַצאָלט איר מיר ניט?

גיט אים „פּראָפעסאָר" הורוויץ א מעסט אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ און ענטפערט:

— וואָס ווילט איר, איך האָב דאָך אייך געזאָגט ווער זיי זיינען און ווער בין איך? איך בין דאָך אויך איינער פון זיי...

אָבער דאָס האָט מען ניט געקאָנט פאַר קיין פאַל זאָגן אויף גאָרדי־נען. ער האָט געמאַכט די שטרענגסטע מחיצה צווישן זיך און די אַקטיאָרן, און וועגן דעם וועלן מיר ריידן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

דערציילט לעאָן קאָברין, דער באַרימטער יידישער דראַמאַטורג, אַז די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ אין ניו יאָרק, אַלנפאַלס דער גרעסטער טייל פון איר, צווישן זיי אַפילו אַזעלכע, וואָס זיינען געווען געבילדעטער פון גאָרדינען, זיינען געווען באַהערשט פון אים. ווען גאָרדין האָט גע־לייענט אַ לעקציע, איז אים געקומען הערן די גאַנצע סמעטענע פון דער יידישער אינטעליגענץ. אויף דער יידישער גאַס זיינען דאַמאָלט געווען בעסערע רעדנער, ווייל גאָרדין איז ווייט ניט געווען קיין גרויסער רעדנער, און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, האָבן געוויסע צוהערער שוין פריער גע־הערט פון אַנדערע אָדער געלייענט, אָדער גאָר אַליין וועגן דעם גערעדט, אָבער דאָך האָבן זיי אים שטענדיק אויסגעהערט מיטן גרעסטן אינ־טערעס, ווייל די מיינונגען וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָבן ניט גע־מעגט פאַר זיי ברענגען קיין שום נייעס, האָבן זיי אָבער באַקומען אַ נייע וויכטיקע באַדייטונג. די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ איז דאַמאָלט ווייט געווען פון דער יידישער בינע. דאָס איז נאָך געווען דער פעריאָד ווען אַ מענטש מיט אינטעליגענץ, מיט געשמאַק האָט ניט געקאָנט האָבן קיין אינ־

טערעס צו גיין אין יידישן טעאַטער. דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער, די פּיעסן, אַפילו די גאַנצע יידישע ליטעראַטור און פּרעסע האָבן ווייניק אינטערעסירט דער יידישער אינטעליגענץ, אָבער קוים האָט זיך אין ניו יאָרק געגרינדעט די „פרייע יידישע פאָלקסבינע״,[80] און גאָרדין איז דאָרט אַריינגעטראָטן, איז די יידיש־רוסישע אינטעליגענץ, ד״ר אינגער־מאַן, דער מוזיקער פּאַנאַראָוו, ד״ר יוליוס האַלפּערן, ד״ר קאַספּע, יואל ענטין, ד״ר מאַקס גירדזשאַנסקי, דער דאַמאָלטיקער ביבליאָטעקאַר פון עדיור־קיישאַנאַל עלייענס, וועלכער, ווי מען האָט שפּעטער דערציילט, איז צו־ריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, האָט זיך דאָרט געשמדט און געוואָרן אַ ריכ־טער, און אַפילו צוויי עכטע רוסן סטאָלעשניקאָוו און קאָנסטאַנטינאָ־וויטש, באַלד נאָכגעגאַנגען אַהין מיט גאָרדינען, און איז גאָרדין שפּעטער אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציע, איז כמעט די גאַנצע אינטעליגענץ אויך אַוועק פון דאָרט. די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך פּשוט געבויגן פאַר גאָרדינען.

אָט ווי לעאָן קאָברין שילדערט אים אין אַ קאַפע:

„ער זיצט דאָרט ביי אַ טישל מיט זיינע פריינט, וואָס זיי אַלע כמעט זיינען גוט־באַקאַנטע רוסיש־יידישע אינטעליגענטן — שרייבער, רעדנער, מוזיקער און דאָקטוירים, באַוואוסטע ראַדיקאַלן און כלל־טוער. ער פאַר־שטעלט זיי, דאַכט זיך, אַלעמען מיט זיין מעכטיקער, אימפּאָזאַנטער געשטאַלט, מיט זיין אויסערגעוויינלעך אימפּאָנירנדיקן אויסזען. אַזוי ווי ער זיצט דאָרט מיט זיי, מיט זיין לאַנגער פעך־שוואַרצער באָרד און זיינע ביסטרע, באַפעלנדע שוואַרצע אויגן און מיט זיין זיכערער שטאָלצער האַלטונג דערמאָנט ער אַ סך אָן אַן אַפּאָסטאָל פון די ביבלישע צייטן אין דעם קרייז פון זיינע תלמידים און חסידים. מיט וואָס פאַראַ אָפּשיי זיי קוקן אַלע אים אין די אויגן אַריין. ווי זיי קוועלן אָן פון זיין יעדעס וואָרט. אַפילו דער בעל־הבית פונעם קאַפע־הויז, וועלכער זיצט געוויינלעך דערביי אויף אַ שטול און קוקט מיט קאָווירנדיקע אויגן און אַ מינע פון טיפן דרך־ארץ אויף גאָרדינען, ניט מחמת, חלילה, ער איז אויך באַאיינפלוסט פון גאָרדינס גייסטיקן כוח, אַזוי ווי די אַנדערע, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל גאָרדין איז אַ גוטער „קאַסטאָמער״, מחמת וואו ער גייט, גייען נאָך

אַנדערע — ער, דער בעל־הבית, הויבט זיך אויך אויף מיט אַן אימפּעט און רייבט אָן אַ שוועבעלע און טראָגט צו צו גאָרדינען, אַפילו ווען זיין סיגאַר איז שוין פאַרויכערט.

און נאָכאַנאַנד אַדרעסירט גאָרדינען דאָ איינער און דאָ אַן אַנדערער „יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש... יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש“... מיט אַזאַ דרך־ארץ. אַזאַ כבוד ווי גאָרדינען, האָט די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ דאַן אָפּ־געגעבן סיידן אַ יחסנישן גוי, וואָס האָט אין יענער צייט אַמאָל זיך פאַר־בלאָנדזשעט אין זייער קרייז“.

עס וועט אונדז נאָך זיכער אויסקומען צו ברענגען מיינונגען און איינדרוקן וועגן גאָרדינען פון באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן, אָבער דערווייל וויל איך אָט דעם קאַפּיטל פאַרענדיקן מיט אַן אינטערעסאַנטער דעראינערונג פון דעם בייסיקן ש. יאַנאָווסקי,[81] איינער פון די אַמאָליקע שאַרפסטע יידישע טעאַטער־קריטיקער, אַ פיגור וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל אין דער אַמאָליקער יידיש־אַנאַרכיסטישער וועלט און ניט ווייניקער אין אונדזער יידיש קולטור־לעבן.

ש. יאַנאָווסקי דערציילט: „מיט אַ יאָר און אַ האַלב פאַר דעם טויט פון מיין זייער חשובן פריינט יעקב גאָרדין, דעם איינציקן גרויסן דראַ־מאַטורג, וואָס דאָס יידישע בינע האָט, לויט מיין מיינונג, פאַרמאָגט, זיינען מיר ביידע געזעסן ביי אַ גלעזל טיי, און יעקב גאָרדין האָט דערציילט, מיט זייער אינטערעסאַנטע איינצלהייטן, פּאַסירונגען פון זיין לעבן אין רוסלאַנד און אַמעריקע. איך האָב אים דאַן געפרעגט: „פאַרוואָס זאָל ער אָט־דאָס אַלץ און אַ סך מער ניט אָנשרייבן? דאָס וואָלט דאָך געווען אַזוי העכסט אינטערעסאַנט און וויכטיק. יעקב גאָרדין איז נאָך דאַן געווען אין בעסטן געזונט, און מיר איז גאָרניט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק, אַז יעקב גאָרדין קאָן אין גיכן שטאַרבן, און אַז אַלע זיינע איבערלעבונגען זאָלן באַגראָבן ווערן צוזאַמען מיט אים און ניט אָנזען די ליכטיקע שיין. אָבער אַזוי שנעל ווי גאָרדין האָט דערהערט מיין פאָרשלאַג, האָט ער געענטפערט מיט כעס: „יאַנאָווסקי, איך וועל גיין נאָך אייער לויה און ניט איר נאָך מיינער“. אַ וואָך פאַר זיין טויט, ווען איך בין געקומען אים מבקר חולה זיין, האָט ער מיר דערמאָנט אין מיין פאָרשלאַג,

און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געזאָגט: „יאַנאָווסקי, אין דעם פּרט האָב איך געמאַכט אַ גרויסן טעות; איר וועט גיין נאָך מיין לויה, ניט איך נאָך אייערער. מיר טוט באַנג וואָס איך האָב ניט געפאָלגט אייער עצה". איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז נאָך אַלץ ניט צו־שפּעט, אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן, און אָנשטאָט מעמוארן, וועט ער אונדז נאָך מזכה זיין מיט פיל גרויסע דראַמען. „מאַכט זיך ניט נאַריש און זייט ניט קיין היפּאָקריט — האָט מיר יעקב גאָרדין געענטפערט — איר ווייסט און איך ווייס, אַז איך שטאַרב און ניט נאָר דאָס פאַרדריסט מיר, וואָס מיינע זכרונות זיינען געבליבן ניט־געשריבן, נאָר דאָס וואָס איך האָב געבויט אַ טעמפּל, און חזרים האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל". איך האָב זיך אָפט דערמאָנט אין די ווערטער פון יעקב גאָרדין ווען איך פלעג קומען אינעם יידישן טעאַטער, צוזעענדיק דעם שרעקלעכן מיסט אויף דער יידישער בינע, וואָס האָלט זיך אין איין פאַרמערן. אָבער אַ סך מער האָט מיך שטענדיק פאַרדראָסן וואָס יעקב גאָרדין האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין גרויסן קאַמף פאַר דער בעסערער דראַמע, פאַר אַ בעסערער ליטעראַטור אין אונדזער אַמעריקע. אפשר וואָלטן זיינע זכרונות געהאַט די גרויסע ווירקונג פון אָפּהאַלטן דעם זיך מער און מער אָנזאַמלענדיקן מיסט... און איך טראַכט זיך: אפשר וועלן אַמאָל אויך מיינע זכרונות העלפן אַ ביסל אין דער אַרבעט, וואָס איך, יעקב גאָרדין און פיל פיל אַנדערע, יעדער אויף זיין אויסגעקליבענעם פעלד, האָבן געטאָן זייער גאַנץ לעבן, און דאָס איז — ברענגען מער ליכט, מער אויפקלערונג, מער קולטור, מער פיינקייט אין יידישן לעבן".

יאַנאָווסקיס באַמערקונגען זיינען היינט, ביים טרויעריקן מצב פון דער שקיעה פון יידישן טעאַטער, זיכער היסטאָרישע. אַזעלכע גייסטיקע מענטשן, אַזעלכע אַקטיווע, ענערגישע בויער ווי יעקב גאָרדין, וואָלטן אפשר נאָך געקאָנט העלפן צו אַ תחית המתים פון יידישן טעאַטער. אַלנפאַלס וואָלטן די זכרונות פון יעקב גאָרדין זיכער מיטגעהאָלפן געטרייער און מערער צו קענען דעם גרויסן מערקווירדיקן גייסט, וואָס עס איז געווען יעקב גאָרדין.

## קאַפּיטל נײַנצן

# ווען קעני ליפּצין איז באַרימט געוואָרן אין „מירעלע אפרת"

גאָרדין האָט געשריבן די פּיעסע לויט אַנווייזונגען פון דער באַרימטער ייִדישער אַקטריסע — „קעניג ליר" איז געווען די הויפּט־אידעע פון דער פּיעסע — קעני ליפּצין האָט אויפגעשטורעמט די ייִדישע טעאַטער־וועלט מיט דער פּיעסע.

דער באַקאַנטער העברעאיש־ייִדישער שריפטשטעלער דוד פרישמאַן דערציילט אין איינעם פון זיינע גלענצנדע פעליעטאָנען אַזאַ מעשה: ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויף העברעאיש אַ וואָכנבלאַט, האָט ער נאָך עטלעכע נומערן אָנגעהויבן באַקומען בריוולעך פון דעם „קורא נכבד" (אָנגעזעענער לייענער, דעם טיפּ „אינטעליגענט"). יעדעס בריוול האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גוואַלדיק לויב־געזאַנג ווי פיין און גוט און וואויל דאָס וואָכנבלאַט איז, נאָר פאַרן סוף פון בריוול איז געווען אַ באַמערקונג. אין איין באַמערקונג האָט איינער פון די לעזער געשריבן בערך אַזוי: „טייערער רעדאַקטאָר, דאָס וואָכנבלאַט איז וואונדערבאַר, אָבער פאַר וועמען גיט איר עס אַרויס? פאַר עלטערע מענטשן! טאָ צו וואָס פאַרנעמט איר דאָרט פּלאַץ פאַר לידער וועגן ליבע? וועמען פון אונדז ליגט נאָך אין זינען ליבע? עס וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען איר גיט אָפּ אָט דעם פּלאַץ פאַר וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אַז דער לעזער זאָל זיך עפּעס לערנען". אַ צווייט בריוול האָט געהאַט אַזאַ באַמערקונג: „אייער וואָכנבלאַט איז אויסגעצייכנט, נאָר וואָס זשאַלעוועט איר צו דרוקן אַ פּאָר מער לידער? זיי פאַרנעמען ניט צו פיל פּלאַץ, און זיי דערפרישן דאָס געמיט. וואָס זיינען מיר זקנים, וואָס איר שטאָפּט אונדז מיט עולם הבאדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. געדענקט, היט אייערע

לעזער, גיט זיי אַ ביסל מער פּאָעזיע״. אַ דריט בריוול האָט זיך געענדיקט מיט דער באַמערקונג: „דאָס וואָכנבלאַט איז באמת אויסגעצייכנט, נאָר עס פעלט אַ ביסל הומאָר, סוף כל סוף איז דאָס יידישע לעבן ניט אַזוי לייכט און עס איז ניט אַזוי פריילעך אויפן געמיט. דעריבער איז עס אין די אינטע־רעסן פון דער עקזיסטענץ פון וואָכנבלאַט, אַז עס זאָל דרוקן אַ ביסל מער הומאָר און וויניקער לידער אָדער די ערנסטע אַרטיקלען״. און אַ פערט בריוול שליסט זיך בערך מיט אַזעלכע ווערטער: „וועגן וואָכנבלאַט קאָן מען נאָר זיין באַגייסטערט, ווארעם אַזעלכעס איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, נאָר דער שרייבער פון דעם בריוו, וועלכער איז אַ געטרייער לייענער, וואָלט געוואָלט באַמערקן, אַז מען האָט ניט צו טאָן מיט הפקר מענטשן, לייזדיקגייערס, וואָס פאַר זיי עקזיסטירט נאָר עולם הזה. צו וואָס אַזוי פיל לייכטע אַרטיקלען, פעליעטאָנען און וויצן. וואָס איז עס אַ טעאַטער, וואו מען גייט זיך אַמוזירן? פון אַ וואָכנבלאַט וויל מען זיך בילדן, גייסטיק געניסן״.

מילא, וואָס דער גייסטרייכער דוד פרישמאַן האָט געענטפערט זיינע לייענער איז דאָ ניט וויכטיק, אָבער איר שטויסט זיך דאָך שוין אָן, אַז איך האָב פאַר מיר דאָס זעלבע פּראָבלעם. פאַראַן צוויי טיפּן לייענער אַזעלכע ביי וועלכע יידיש טעאַטער איז אַלץ אין דער וועלט. דאָס זיינען די הייסע „פּאַטריאָטן״ פון יידישן טעאַטער. זיי האָבן דאָס אַלץ איבער־געלעבט וואָס עס ווערט דערציילט וועגן יעקב גאָרדין דעם טעאַטראַל, דעם דראַמאַטורג. זיי האָבן ניט געקענט גאָרדינען דעם אידעאַ־ליסט, דעם סאָציאַליסט, דעם מאָראַליסט, דעם קעמפער פאַר אידעען, און זיי וואָלטן זיכער געוואָלט, אַז איך זאָל נאָר דערציילן די טעאַטער־זייט פון גאָרדינען. פאַראַן אָבער אויך אַן אַנדערער סאָרט לייענער, וואָס קוקט אַ ביסל מיסטרויאיש אויפן יידישן טעאַטער, און וואָלט באַשטאַנען, אַז איך זאָל, פאַרקערט, זיך נאָר אָפּגעבן מיט דעם גאָרדין מחוץ די ראַמען פון יידישן טעאַטער, אָדער, ריכטיקער, דרך אגב ריידן וועגן זיין דראַ־מאַטורגיע און די טעאַטער־עפּיזאָדן.

דער שרייבער מוז דעריבער זשאָנגלירן צווישן ביידע געשמאַקן און פאַרלאַנגען און נאָכן ריידן וועגן גאָרדינען דעם מענטש, דעם פאַמיליע־

פאַטער און די גייסטיקע פערזענלעכקייט, וועלן מיר זיך ווידער צוריק־קערן צו גאָרדינס ראָל און אַקטיוויטעט אין יידישן טעאַטער.

מיר זיינען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געבליבן שטיין ביי דער צייט ווען גאָרדין האָט אָנגעשריבן זיין פּיעסע „שלמהקע שאַרלאַטאַן״, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגערוקט דוד קעסלערן אין פראָנט פון דער יידישער בינע. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן ווי גאָרדין האָט דורך זיינע פּיעסן אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די דריי גרעסטע יידישע שוישפּילער פון יענער עפּאָכע: יעקב פּ. אַדלער, באָריס טאָמאַשעווסקי און דוד קעסלער. די יידישע בינע האָט אָבער שוין געהאַט דאַמאָלט אַ גאַנצע שיינע צאָל פעאיקע יידישע שוישפּילערינס. מאַנכע פון זיי האָבן זיך, צוליב דעם דאַמאָלטיקן כאַראַקטער פון יידישן טעאַטער, באַזונדערס אויסגעצייכנט אַלס פּרימאַדאָנעס, געזאַנג־העלדינס אין דעם רייכן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. אַנדערע האָבן אָבער שוין אויך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצווייזן ווי פעאיקע שוישפּילערינס אין די ערנסטע, דראַמאַטישע ראָלן אין די דאָזיקע אָפּערעטן און נאָך מער אין די פאַרשיידענע לעבנס־בילדער אָדער מיליע־פּיעסן, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן, און טאַקע אין די גאָרדין־פּיעסן, וואָס זיינען ביז דאַמאָלט שוין געשפּילט געוואָרן. איינע פון די דאָזיקע שוישפּילערינס, וועלכע האָט ניט געקאָנט פאַרנע־מען קיין באַדייטנד אָרט אין יידישן טעאַטער, ווייל זי איז ניט געווען געזאַנגלעך שטאַרק צו קאָנקורירן קעגן די אַנדערע זינגערינס, קעני ליפּציק, האָט געמוזט זוכן איר אָרט אין דער דראַמע. גאָרדין האָט פאַר איר איבערזעצט גרילפּאַרצערס „מעדעאַ״, אין וועלכער זי האָט געהאַט אַ דערפאָלג און טאַקע באַלד דערויף האָט גאָרדין פאַר איר אָנגעשריבן, ווי אַ מין פאָרטזע־צונג אָדער ווי אַ פּראָלאָג, אַ נייע פּיעסע „די ווילדע פּרינצעסין, אָדער, מע־דעאַס יוגנט״. אָבער זי האָט זיך אין דעם דערפאָלג ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די מענער אַקטיאָרן, און מיין מיינונג איז, אַז איר דערפאָלג איז געווען קלענער נאָך דערפאַר, ווייל ווי גוט זי איז געווען אין די צוויי פּיעסן, איז אָבער דער סוזשעט פון די פּיעסן געווען פרעמד דעם יידישן טעאַטער־גייער. די טראַגעדיע פון מעדעאַן איז טאַקע אַ שרעקלעכע, אַ שטאַרק רירנדע, אָבער עס איז פאָרט ניט געווען קיין אייגן בלוט, בעת אַלע דריי מענער:

אַדלער, טאָמאַשעווסקי און קעסלער האָבן געשפּילט יידישע פּיעסן מיט יידישע טיפּן. עס איז דעריבער געווען אַ פּראָבלעם מיט איין איינ־ציקער לעזונג: — שאַפן פאַר קעני ליפצין אַ פּיעסע מיט אַן עכט יידישן אינהאַלט. אַ גרויסע, שטאַרקע פּיעסע, וואָס זאָל נעמען דעם יידישן עולם, סיי מיטן יידישן אינהאַלט, און סיי געבן דער שוישפּילערין אַזאַ ראָל אין וועלכער זי זאָל האָבן אין וואָס זיך אַרויסצווייזן — און דאָס איז טאַקע געשען ווען גאָרדין האָט אָנגעשריבן פאַר קעני ליפצין זיין פּיעסע „מירעלע אפרת".

וועגן דאָזיקן געשעעניש שרייבט דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַ־טער ב. גאָרין: „אַ נייע עפּאָכע אין זיין (גאָרדינס) שאַפן הויבט זיך אָן פון „מירעלע אפרת". דער יסוד פון „מירעלע אפרת" איז דער זעל־ביקער ווי פון „יידישן קעניג ליר". ביידע זיינען באַזירט אויף שעקס־פּירס באַרימטע טראַגעדיע, נאָר ווי גרויס איז דער שפּרונג פון „ליר" צו „מירעלע אפרת! אין „יידישן קעניג ליר" זעט מען ווי דער פאַר־פאַסער האָט מורא אַליין צו מאַכן אַ טריט און ער כאַפּט זיך אַלע וויל פאַר שעקספּירס פּאָלע. אָבער אין „מירעלע אפרת" שטייט שוין גאָרדין פעסט אויף זיינע אייגענע פיס. די האַנדלונג, די פּערזאָנען, האָבן קיין שום שייכות ניט מיט שעקספּירס טראַגעדיע און די פּיעסע איז איינ־גאַנצן זיינע אַן אייגענע. אין „מירעלע אפרת" האָט גאָרדין געפונען זיין וועג. אָנשטאָט דעם, וואָס ביז דאַמאָלט האָט ער אין זיינע דראַמען באַנוגנט זיך מיט שילדערן דראַמאַטישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן בלויז געהאַט אַ שייכות איינע מיט דער אַנדערער, האָט ער זיך איצט מער אָפּגעשטעלט אויף דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער האַנדלונג. מיט אַנדערע ווערטער, אָנשטאָט אַ גרופּירונג פון דראַמאַטישע באַגעבנהייטן [פּאַסירונגען], האָט זיך באַקומען די אַנטוויקלונג פון אַ גאַנצער האַנדלונג און דערמיט הויבט ער זיך אויף צו אַ העכערער מדרגה פון קונסט און זיינע ווייטערדיקע דראַמען האָבן אָנגענומען די נייע העכערע פאָרם".

ווי מיר זען, האַלט גאָרין, אַז „מירעלע אפרת" איז פאַקטיש די ערשטע גאַנצע פּיעסע וואָס גאָרדין האָט אָנגעשריבן, און אַז דאָס מיינט, אַז די דראַמאַטורגישע געשיכטע פון יעקב גאָרדין וואָלט מען באמת געדאַרפט

אָנהויבן רעכענען ערשט פון זיין פּיעסע „מירעלע אפרת״.

וועגן דער פּיעסע „מירעלע אפרת״ זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען, סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע, און מיר וועלן זיי ברענגען אַן אַנדערש מאָל. דאָ וואָלט געווען אָבער ניט איבעריק צו זאָגן, אַז די פּיעסע האָט ווירקלעך איבערגעלעבט ניט נאָר בכלל אַנדערע פּיעסן פון אַנדערע שרייבער, נאָר זי האָט אויך דעם גרעסטן לעבנס־דויער פון די אַנדערע גאָרדין־פּיעסן. זי איז ניט נאָר אין איר צייט געשפּילט געוואָרן פון די גרעסטע יידישע שוישפּילערינס, וועלכע האָבן מיט איר זיך דער־וואָרבן אַ נאָמען, זי איז ניט נאָר געשפּילט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן דורך די גרעסטע ניט־יידישע שוישפּילערינס, נאָר זי איז ביז צום היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער און ציט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג גרויסע צאָלן באַזוכער.

אָבער דאָ ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער ראָל וואָס גאָרדין האָט אָנגעהויבן שפּילן אין דערציען גרויסע יידישע פּרויען־אַקטריסעס פאַר דער יידישער בינע, און אין דער ערשטער ריי קעני ליפּצין, דורך שאַפן פאַר איר די מעגלעכקייט צו שפּילן די טיטל־ראָל פון „מירעלע אפרת״.

אין אָנהויב ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 19־טן אויגוסט 1898 אין טאַליאַ טעאַטער, האָט „מירעלע אפרת״, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן געהאַט צוויי נעמען „די יידישע קעניגין ליר, אָדער מירעלע אפרת״. דער ערשטער נאָמען איז ניט געווען סתם אַזוי, נאָר עס איז געווען אַ „טריק״, אַ מיטל צו דערפאָלג, היות ווי גאָרדינס פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר״ מיט אַדלערן, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, איז געווען קלאָר, אַז ווען מען וועט הערן, אַז עס איז דאָ אַ פּיעסע מיט אַן ענלעכן נאָמען, וועט מען לויפן זי זען. בכלל איז דאָס געווען אַ צייט ווען דער טעאַטער־עולם האָט ליב געהאַט צו מאַכן פאַרגלייכונגען צווישן איין שוישפּילער און דעם אַנדערן, און צוליב קאָסע־דערפאָלג פלעגט מען מאַכן אַזעלכע „פאַרמעסטונגען״ צווישן די הויפּט־אַקטיאָרן אין הויפּט־ראָלן. עס זענען דאָ בערג מיט מעשיות וועגן דעם טיפּ „טעאַטער־פּאַטריאָטן״, וואָס האָט דאַמאָלט און אויך שפּעטער באַהערשט די יידישע גאַס. פאַר זיי איז ניט געווען קיין גרעסערער אינטערעס ווי

צו גיין מאַכן אָט די פֿאַרגלייכונגען, וואָס האָבן זיך אָפּט געענדיקט מיט סקאַנדאַלן און אַפילו מיט בלוט־פֿאַרגיסונגען. מען פֿלעגט דאַמאָלט גיין „על קידוש הסטאַר״.

אָבער באַלד נאָכדעם ווי די פּיעסע איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן און האָט אויסגענומען, האָט מען שוין ניט געדאַרפֿט די צוטשעפּעניש; דעם נאָמען „די יידישע קעניגין ליר״, און מיט דער צייט איז געבליבן בלויז דער צווייטער נאָמען „מירעלע אפרת״. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פּונקט אַזוי ווי אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט פֿלעגט מען אָפּט רופֿן אַ גרויסן צדיק אויפֿן נאָמען פֿון זיין ספר, אַזוי האָט מען אָפּט אידענטיפֿי־צירט פֿרוי ליפּצין מיט מירעלע אפרת.

יואל ענטין, אַ פֿאַרליבטער אין יידישן טעאַטער, באַזונדערס אין גאָרדינען און אין די אַמאָליקע סטאַרס, שרייבט, אַז די פּיעסע „מירעלע אפרת״ איז אַנטשטאַנען אויפֿן אויסדריקלעכן פֿאַרלאַנג פֿון מאַדאַם ליפּ־צין, וועלכע האָט געוואָלט אַרויסטרעטן פֿאַרן עולם אַלס די ווייבלעכע דוד משהלעס, אַלס די ווייבלעכע אָדלער. עס איז געווען די יידישע ראָ־מאַנטישע קראַפֿט און די יידישע שיינקייט, וועלכע האָבן די אַרטיסטין גערייצט און געלאָקט. פֿרוי ליפּצין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז זי האָט שוין געשפּילט מירעלע אפרת איבער 150 מאָל, פֿונדעסטוועגן איז איר קיינמאָל ניט געווען איבערדריסיק צו שפּילן די ראָל. זי האָט די ראָל שטענדיק געשפּילט, האָט זי געזאָגט, מיט מורא, פּונקט ווי צום ערשטן מאָל ווען דער מחבר גאָרדין איז געזעסן אין דער לאָזשע.

„מירעלע אפרת״ האָט געהאַט דאָס מזל, אַז עס האָט געהאַט אַ וואונ־דערבאַרן „קעסט״ (אַנסאַמבל). אויסער דער ליפּצין, האָבן די אַנדערע פֿרויען־ראָלן געשפּילט אַזעלכע שוישפּילערינס ווי מערי עפּשטיין, מערי ווילענסקי און דיינע פֿיינמאַן. די מענער־ראָלן זיינען געלעגן אין די הענט פֿון דוד קעסלער, מאָריס מאָשקאָוויטש, דער גלענצנדער כאַראַקטער־שוישפּילער טאָרנבערג און טאַבאַטשניקאָוו. אַלע זיינען זיי דאַמאָלט געווען יונג, פֿול מיט קראַפֿט, פֿייער און דער עיקר — טאַלאַנט. די יינגסטע ראָל, דאָס בר־מצווה־יינגל שלמהלע, האָט געשפּילט אַ יונגע אַקטריסע, וואָס

איר נאָמען איז שפּעטער אַראָפּ פון דער בינע, ציליע פיינמאַן, אָבער דאָס איז ניט קיין אַנדערע ווי די שפּעטער באַרימטע ציליע אַדלער.

באַלד נאָך דער ערשטער אויפפירונג, איז דער „טעגלעכער העראַלד", אַ ציַיטונג, וואָס האָט געהערט צום מאַן פון קעני ליפּצין, מייקל מינץ, וועלכער איז געווען שטערבלעך פאַרליבט אין זיין פרוי און זי ממש פאַרגעטערט, אַרויס אויף דער ערשטער זייט, ווי אַ וויכטיק שטיקל נייעס, מיט אַן אַנאָנימער רעצענזיע אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן „מיר באַמערקן אַז מאַדאַם ליפּצין האָט צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוציַיגן איר פולשטענדיקן טאַלאַנט און זשעני. מיר האָבן אין איר געזען מירעלע אפרת, די שטאָלצע, איידעלע, גוטע, ליבנדע און סימפּאַטישע ליידנדע פרוי, וועלכע האָט אונדז באַלערנט, אונטערהאַלטן און אַרויסגעריסן טרערן פון אונדזערע אויגן. מיט איין וואָרט, מאַדאַם ליפּצין, איז אָן צווייפל, די גרעסטע דראַמאַטישע שוישפּילערין פון אונדזער בינע".

אָבער ניט נאָר אין דער אייגענער ציַיטונג האָט מען גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג וועגן דעם, ווי אַזוי קעני ליפּצין שפּילט די ראָל „מירעלע אפרת", נאָר אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", וועלכער האָט שוין דאַמאָלט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ווי אַ טעאַטער-קריטיקער, איז אַוועק אַזוי וויַיט צו שטעלן דאָס שפּילן העכער ווי די פּיעסע. דאָס קאָן מען זען פון פאָלגנדיקער באַמערקונג: „אויפן סטיידזש [בינע] ווערן געוויסע אומאַנגענעמע איינדרוקן צוגעדעקט דורך מיסעס ליפּצינס פּערזענלעכע האַלטונג... מען דאַרף לייענען דאָס ביכל, ניט זען ווי אַזוי מיסעס ליפּצין פאַרגלעט אים אויפן סטיידזש אום זיך צו ערקונדיקן וואָס פאַר אַ מין מיש-מאַש די מירעלע איז".

און ריידנדיק וועגן דער ליפּצינס שפּילן, שרייבט אב. קאַהאַן: „מיסעס ליפּצינס מירעלע איז ניט קיין יידישע יידענע. איר שטאָלץ, איר גוטמוטיקער הומאָר, איר הערשנדער גייסט, איר פּראַקטישער שכל — דאָס אַלץ שמעקט ניט מיט ליטע, נאָר מיט שעקספּיר. זי איז ניט שטאָלץ ווי אונדזערע אַ יידענע, נאָר מיט אַ קעניג לירישער שטאָלצקייט. זי גייט אויף דער בינע ניט ווי אַ הערשנדע רייכע גראָדנער אָדער בערדיטשעווער

אשת חיל, נאַר ווי אַ קעניגין. (אַ קעניגן גייט אייגנטלעך אויך ווי אַ מענטש, נאָר אין קלאַסישע פאָרשטעלונגען איז שוין אָנגענומען, אַז אַ קעניג דאַרף גיין מיט „קלאַסישע טריט"). אויך רעדט זי איר יידיש מיט „קלאַסישע" טענער. אָבער ווען איר זאָלט דאָס אַלץ אויף אַ ווײַלע מוחל זיין, מוזט איר צוגעבן, אַז מאַדאַם ליפּצין שאַפט אַ העלען געשטאַלט, זאָל זיין אַ קלאַסישע מירעלע, אַבי אַ מירעלע. זי מאַכט אייך וויינען, זי דערוועקט אין אייך אַלע געפילן, וואָס דער פאַרפאַסער האָט געהאַט אין זינען צו דער־וועקן".

אב. קאַהאַן האָט זיך שפּעטער ווידער אומגעקערט שרייבן וועגן קעני ליפּצינס שפּילן „מירעלע אפרת". דאַסמאָל האָט ער שוין געטאָןביים פאַר־גלייכן איר אופן פון שפּילן די ראָל און די צווייטע אַממערסטן באַרימטע „מירעלע אפרת"־שפּילערין — אסתר רחל קאַמינסקאַ. געטאָן האָט עס קאַהאַן אין זיינע זכרונות, ווו ער שרייבט:

„מאַדאַם קאַמינסקאַס נאַטירלעכע טענער זיינען אין איר ניט געווען אַזוי דערפאַלגרייך ווי מאַדאַם ליפּצינס „אויפגעהויבענע", אָבער איינדרוקספולע דעקלאַמאַציע. ריידן איינפאַך, מיט דעם נאַטירלעכן גע־שפּרעך־ניגון פון לעבעדיקע מענטשן, האָט מאַדאַם ליפּצין ניט געקאָנט, אָבער אויף אַ ניט־רעאַליסטישן שטייגער, איז זי געווען אַ גלענצנדע אַרטיסטין, מיט אַ פלאַמענדן טעמפּעראַמענט, מיט איינבילדונגס־קראַפט, מיט אַ קלינגענדער עפעקטנער שטימע און מיט אַ מערקווירדיק קלאָרער און דורכדרינגענדער אויסשפּראַך. אין דער טעכניק פון דער בינע, אויף די מעכאַנישע מיטלען, וועלכע העלפן אין אַ מעלאָדראַמאַטישן שפּילן — אויף דעם איז זי געווויס געווען מער בריה ווי די גאַסטראַלירנדיקע שוי־שפּילערין [אסתר רחל קאַמינסקאַ]... מעלאָדראַמאַטיש איז אויך געווען דער עיקר פון איר „מירעלע אפרת". אָבער וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן די פעלערן פון איר שפּילן אין דיזער פּיעסע, איר „מירעלע" איז געווען איינע פון די בולטסטע געשטאַלטן, וואָס זיינען ווען עס איז געשאַפן געוואָרן אויף אַ יידישער בינע".

אַן ענלעכע מיינונג זאָגט אויך אַרויס לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות:

„אפילו אין „מירעלע אפרת", איר בעסטע ראָלע אין די לעצטע יאָרן,

איז זי אויך געווען מער קלאַסישע טראַפּעריסטין אײדער רעאַליסטישע שוישפּילערין, און ווייל די דאָזיקע ראָל אַליין, נאָך מיין מיינונג, האָט ניט ווייניק פון דעם טאָן פון דער קלאַסישער טראַגעדיע, האָט ליפּצין דערפאַר זיך אַזוי באַזונדערס אויסגעצייכנט אין איר".

ס׳איז אַלזאָ קלאָר, אַז קעני ליפּצין האָט די ראָל „מירעלע" מיזז וועלכער זי האָט זיך אַזוי קונה שם געווען, אַ שיין ביסל מעלאָדראַמאַטי־זירט, אָבער דאָס איז געווען דער שטייגער פון איר שפּילן. דאָס איז בכלל געווען דער אופן ווי אַזוי מ׳האָט דאַמאָלט על פּי רוב געשפּילט אויף דער יידישער בינע און זיך דערוואָרבן, לויטן דאַמאָלטיקן געשמאַק און לויט די דאַמאָלטיקע באַגריפן וועגן קונסט, דעם גרויסן נאָמען ביים עולם און ביי דער קריטיק אַלס אָנגעזעענער בינע־קינסטלער.

## קאַפּיטל צוואַנציק

# גאָרדינס „מירעלע אפרת" איז געשפּילט געוואָרן אין 9 שפּראַכן

„מירעלע אפרת" האָט ניט נאָר גרויס געמאַכט קעני ליפּצין, נאָר אויך גאָרדינען — דער קאָנקורס צווישן קעני ליפּצין און אסתר רחל קאַמינסקאַ אין „מירעלע אפרת" — די נקמה פון אַ סופלער אין קעני ליפּצין — די גרויסע, גויאישע טעאַטער־וועלט האָט אָנערקענט גאָרדינען פאַר אַן אָריגינעלן דראַמאַטורג — אויך אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען געשפּילט „מירעלע אפרת" מיט אַ ריזיקן דערפאָלג.

מיט דער פּיעסע „מירעלע אפרת" האָט יעקב גאָרדין ניט נאָר אַרויס־גערוקט די אַקטריסע קעני ליפּצין אין סאַמע פּראָנט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. מיט דער פּיעסע האָט זיך גאָרדין אַליין אַרויסגערוקט אין סאַמע פּראָנט פון טעאַטער אין יענער צייט און אויך אַ סך יאָרן שפּעטער. די פּיעסע האָט גוואַלדיק אויסגענומען סיי מיט איר אינהאַלט, סיי דורך דעם פּערסאָנאַל, וואָס האָט זיך אין איר באַטייליקט. אַפילו די קריטיקער, וועלכע האָבן פריער געריסן פּאַסן פון גאָרדינען און געקוקט אויף אים ווי אויף איינעם, וואָס „פּוצט זיך אין פרעמדע פעדערן", ווייל פּאַקטיש נעמט ער, לויט זייער מיינונג, פרעמדע טעמעס און באַאַרבעט זיי אויף אַ יידישן אופן, האָבן גאָר אַנדערש גערעדט וועגן „מירעלע אפרת". לאָמיר, אדרבא, בקיצור איבערגעבן מיינונגען פון עטלעכע קריטיקער, כדי מען זאָל באַקומען דעם באַגריף וואָס פאַרע פּאָזיציע גאָרדין האָט זיך געשאַפן דורך „מירעלע אפרת".

אב. קאַהאַן, איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע טעאַטער־קריטיקער צו יענער צייט, האָט געשריבן: „אין „מירעלע אפרת" האָט זיך גאָרדין באַ־נוצט מיט זיינע בעסטע קרעפטן, און דאָס איז מעגלעך געווען, ווייל ער האָט

פֿאַר זיך געהאַט אַ קלאָרן, באַשטימטן דראַמאַטישן פּלאַן. די אַלע נאַטיר־לעכע, איינפאַכע רירנדיקע געשפּרעכן, וועלכע פאַרדינען דעם נאָמען ליטעראַטור, זיינען נאַטירלעך אַרויסגעוואַקסן פון די סצענעס, און די סצענעס זיינען נאַטירלעך אַרויסגעוואַקסן פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן. דער רעזולטאַט איז, אַז מיט אַלע אירע פעלערן איז „מירעלע אפרת" אַ פּיעסע, וועלכע פאַרדינט פולשטענדיק דעם גלענצענדן דערפאָלג, וואָס זי האָט שוין אַזויפיל יאָרן. ...אין אַלגעמיינעם, אַ שטיק, וועלכע איז זייער שפּאַנענד אויפן סטיידזש (שפּאַנענד אין בעסערן זין פון וואָרט)".

דער שרייבער און דראַמאַטורג ז. קאָרנבליט האָט אין זיין בוך „די דראַמאַטישע קונסט" צעגלידערט די גאַנצע פּיעסע און קומט צום באַשלוס, אַז „מירעלע אפרת", יעקב גאָרדינס "קעניגין ליר", האָט נאָר איין צענט־ראַלע פיגור. די גאַנצע האַנדלונג באַוועגט זיך אַרום מירעלען. ...די פונדאַמענטאַלע אידעע פון „מירעלע אפרת" איז די זעלבע ווי אין „קעניג ליר", אויסגעדריקט מיט געשיקטער טעכניק און מיט קרעפּטיקן און זיכערן דראַמאַטישן טאַלאַנט אין אַ קינסטלעריש בילד פונעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד, אין דער צייט ווען די השכלה האָט שוין געהאַט איינגעבראָכן די פעסטונגען פון דעם שיינעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן און האָט זיך אַריינגעריסן אין אָט דעם לעבן ווי אַ קאַריקאַטור פון דער השכלה. יעקב גאָרדן האָט גאָרניט גענומען ביי שעקספּירן ... ביי גאָרדינען איז דער געדאַנק אַריינגעדרונגען אין אַ גאַנץ אַנדער לעבן און האָט זיך אויסגע־דריקט אין גאַנץ אַנדער פאָרם ווי ביי שעקספּירן".

אַפילו דער דראַמאַטורג דוד פּינסקי, וועלכער איז געווען אַ גאַר קנאַפּער חסיד פון גאָרדינען, האָט ניט אין גאַנצן מבטל געמאַכט „מירעלע אפרת": „ערשט אין „מירעלע אפרת" געלינגט גאָרדינען דורכצופירן די הויפּט־פיגור. ער פירט זי ניט ריכטיק אַרויף. ער שטעלט זי אונדז פאַר אונטער אוממעגלעכע אומשטענדן. ער טוט, ווי געזאָגט, אום צו האָבן אַ פּאַיאַץ, אַ פריילעך־מאַכער אין דעם שטיק, נאָך גאָלדפאַדענס מעטאָדע. אָבער באַלד פאַרגעסן מיר עס. עס קומט אַ שטייגן אין דער פּיעסע. די האַנדלונג שטייגט פון אַקט צו אַקט. די באַגעבנהייטן ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מירעלע וואַקסט פאַר אונדז".

און ניט נאָר קעני ליפּצין האָט באַקומען אין „מירעלע אפרת" אַ קרוין־ראָל, נאָר אויך די אַנדערע שוישפּילער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע, האָבן גוואַלדיק אויסגענומען. איינער אָבער האָט זיך קונה שם געווען און געצויגן אויף זיך פון דאַמאָלט אָן די אויפמערקזאַמקייט סיי פון דער קריטיק, סיי פון פּובליקום. דאָס איז געווען דער כאַראַקטער־שוישפּילער סעמיועל טאָרנבערג, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון „נחומצע חנה דבורהס". לײדער איז טאָרנבערג, וועלכער האָט אַ זון אַן ענגלישן שוישפּילער, יונג געשטאָרבן און ניט געקאָנט גענוג אויסנוצן דעם דערפאָלג, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן דורך „מירעלע אפרת".

אין אַמעריקע האָט יאָרן־לאַנג קיין אַנדערע אַקטעריסע ניט געטאָרט שפּילן די ראָל און ממילא האָט מען די פּיעסע ניט געקאָנט שפּילן. קעני ליפּצין האָט געקויפט די אויסשליסלעכע רעכט אויף דער פּיעסע, און נאָר זי האָט געמעגט שפּילן די פּיעסע, וועלכע פלעגט איר אָפּט אַרויסהעלפן אין שווערע מאָמענטן פאַר דער צייט וואָס זי האָט געהאַט מיט איר מאַן אַן אייגן טעאַטער אין ניו יאָרק און אויך שפּעטער ווען זי האָט דאָס טעאַטער פאַרלאָרן.

בלויז איין מאָל האָט פּאַסירט אין יענער צייט, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידישע פּובליקום זאָל קאָנען זען אַן אַנדערע אַקטעריסע שפּילן „מירעלע". דאָס איז געווען אין 1911, ווען דאָס ליפּצין־טעאַטער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג, און קעניס מאַן, מייקל מינץ, כדי צו ראַטעווען זיין טעאַטער, האָט זיך געלאָזט אויף אַ סענסאַציאָנעלן וועג און געבראַכט קיין אַמעריקע, צו זיך אין טעאַטער, די דאַמאָלט גרעסטע יידישע אַקטריסע פון אייראָפּע אסתּר רחל קאַמינסקאַ [82] און איר דערלויבט צו שפּילן „מירעלע אפרת" מיט דער זיכערקייט, אַז זי וועט ניט געפעלן דעם אַמעריקאַנער־יידישן עולם און דערמיט וועט ער דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון זיין פרוי, וואָס וועט פון איצט באַטראַכט ווערן ניט נאָר ווי די גרעסטע יידישע אַקטעריסע אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער דערווייל וועט דער עולם לויפן אויף חדושים און אָנפילן דאָס טעאַטער און אַרויס־

ראַטעווען אים פון דער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע פאַר וועלכער ער איז געשטאַנען.

די אויסרעכענונג איז ניט געווען אויסגעהאַלטן און מינץ האָט לסוף טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבן, און זיך דערשאָסן אויף די טרעפּ פון זיין טעאַטער, דאָס איז אָבער אַן אַנדערער ענין אין וועלכן מיר ווילן דאָ ניט אַריינגיין. מען דאַרף דאָ אָבער דערמאָנען, אַז די ראָל „מירעלע אפרת" איז פאַר אסתר רחל קאַמינסקאַ ניט געווען ניי. אויב אין אַמעריקע האָט זיך קיין טרופּע ניט געוואַגט צו שפּילן „מירעלע אפרת", ווייל זי וואָלט באַלד פאַרפאָלגט געוואָרן פון געריכט, איז אָבער דער ענין געווען הפקר פריי אין אייראָפּע. דאָרט האָט מען, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר, געשפּילט זיינע פּיעסן און אפילו זיי אַרויסגעגעבן אין דרוק. דאָס זיינען ניט געווען קיין פּיעסן געשיקט אָדער צוגעשטעלט פון מחבר„ נאָר פון סופלערן, וואָס האָבן בגנבה איבערגעשריבן די פּיעסן אָדער צונויפגע־שטעלט זיי פון אויסנווייניק פון זכרון.

עלטערע אַקטיאָרן האָבן מיר דערציילט עפּיזאָדן ווי סופלערן פלעגן זיצן אין די סופלער־ביידלעך און סופלירן און הינטער זיי פלעגן זיצן זייערע פריינט, וואָס האָבן איבערגעשריבן די ווערטער, וואָס זיי האָבן געהערט. זיי האָבן דאָס געמוזט טאָן בגנבה און אין געהיים, ווייל באַלד נאָכדעם ווי דער סופלער פלעגט פאַרענדיקן סופלירן אַן אַקט, האָט ער די פּיעסע געמוזט אַריינברענגען אין דער גאַרדעראָבע פון דעם סטאַר, וואָס האָט געהאַט די רעכט אויף דער פּיעסע, און אַז מען האָט געענדיקט די פאָרשטעלונג, האָט דער סטאַר אַהיימגענומען די פּיעסע.

שפּעטער אַריין איז מען שוין געווען אַזוי איינגעשפּילט אין דער פּיעסע, אַז מען האָט זי בכלל ניט געדאַרפט סופלירן, אָבער דער סופלער פלעגט פאָרט זיצן אין ביידל, כדי „אונטערצוכאַפּן" מיט אַ וואָרט טאָמער אַן אַקטיאָר וועט עפּעס פאַרגעסן פון זיין ראָל. אַנדערש איז אָבער געווען ווען קעני ליפּצין אָדער אַן אַנדערער סטאַר פלעגט זיך אַרויסלאָזן אויף עטלעכע פאָרשטעלונגען איבער דער פּראָווינץ. דאַמאָלט פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז עס פלעגן „אַריינשפּרינגען" נייע אַנדערע אַקטיאָרן אין געוויסע ראָלן. דאַמאָלט פלעגט מען שוין מוזן סופלירן, אָבער דער דרך

ארץ פון אַט די אַקטיאָרן, אַז זיי שפּילן מיט די און די סטאַרס איז געווען אַזוי גרויס, אַז באַלד נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג, האָבן זיי געקענט גרינטלעך זייערע ראָלן פון אויסנווייניק און זיי האָבן שוין מער ניט געדאַרפט קיין סופלער. אָבער דווקא די סטאַרס זיינען בעת זייערע גאַסט־שפּילן אויף דער פּראָווינץ געווען מער אויפגערעגט ווי די קלענערע אַקטיאָרן. די סטאַרס זיינען געווען צוגעוואוינט צו די אויפפירונגען אין ניו יאָרק, און די מינדסטע ענדערונג, ווייל ניט אַלץ האָט דאָך אויף דער פּראָווינץ געקאָנט זיין גענוי ווי אין ניו יאָרק, פלעגט זיי צעטומלען און שטערן זייער שפּילן.

דערציילט מען אַזאַ עפּיזאָד: קעני ליפּצין, וועלכע איז געווען, אָן ספק, אַ גרויסער דראַמאַטישער אָדער מעלאָדראַמאַטישער טאַלאַנט, איז אָבער געווען „צעקריגט מיט די קליינע אותיותלעך". אויף פּראָסט מאַמע־לשון: זי האָט ניט געקאָנט לייענען און שרייבן, אַפילו ניט קיין יידיש. די ראָלן פלעגט זי זיך אויסלערנען פון אויסנווייניק. איין מאָל אויף דער פּראָווינץ, האָט מען עפּעס די דעקאָראַציעס און דאָס מעבל אויף דער בינע ניט געשטעלט אַזוי גענוי ווי אין ניו יאָרק. קיין פּראָבע האָט מען ניט געמאַכט, אַזוי, אַז זי האָט ניט געוואוסט די ענדערונג אויף דער בינע, און ערשט ווען זי האָט אָנגעהויבן שפּילן, איז זי געוואָרן אַזוי צעטומלט ניט האָבנדיק דאָס מעבל און די גרויסגאַנג־טיר אויף דער זייט צו וועלכער זי איז צוגעוואוינט געווען, אַז זי האָט אָנגעהויבן „בולבען", און דאָס האָט איר אַראָפּגעפירט פון טאָן, אַז די גאַנצע פאָרשטעלונג איז שוין ניט געווען קיין געלונגענע, און זי האָט ניט געמאַכט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט דערוואַרט. האָט זי גענומען זוכן אַ שעיר לעזאזל, אויף וועמען אויסצולאָזן איר כעס און פאַרדרוס, און אַלס אַזאַ איינעם האָט זי געפונען דעם סופלער, וועלכער איז דאָס מאָל בכלל ניט געזעסן אין זיין ביידל, ווייל אַ נאַכט פריער האָט מען די זעלבע פּיעסע געשפּילט אין אַן אַנדער שטאָט, און ער האָט איינגעזען, אַז מען דאַרף אים ניט האָבן, ווייל אַלע קענען די ראָלן פון אויסנווייניק. קעני ליפּצין האָט זיך געוואָרפן אויפן סופלער מיט גוואַלדן און געשרייען, אַז נאָר צוליב אים איז די פּיעסע געפאַלן. „אַז איר זענט ניט געזעסן אין קעסטל און איר האָט ניט אונטערגעכאַפּט. איר נעמט

דאָך ווידזשעס, טאָ טוט אייער דזשאָב". דער סופלער האָט צוגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער שוין זיצן אין קעסטל. צומאָרגנס האָט מען געשפּילט קעני ליפּצינס גרויסן סוקסעס: „מירעלע אפרת". דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. דער סופלער האָט קיין וואָרט ניט געדאַרפט אונטערזאָגן, ווייל אַלע האָבן געקענט די ראָלן. קעני ליפּצין איז געווען גליקלעך פון סוקסעס, און ווען, נאָך דער פאָרשטעלונג, איז די יידישע אינטעליגענץ פון שטעטל אַרונטערגעקומען דאַנקן און אויסדריקן איר באַגייסטערונג צו קעני ליפּ־ציק, איז זי געווען אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אַז זי האָט באַשלאָסן אין דער קעגנוואַרט פון אַלעמען, צו דאַנקן דעם סופלער, און הויך אויפן קול געזאָגט: „נו, געוויס, אַז מיר האָבן געוואוסט, אַז איר זיצט און וועט העלפן אין אַ נויטיקער מינוט, איז גאָר אַנדערש". דער סופלער, וועלכער האָט אָבער געטראָגן אַ שנאה אויף איר פאַר די נעכטיקע באַליידיקונגען, האָט באַשלאָסן אין איר זיך נוקם צו זיין, און זיין נקמה האָט זיך אויסגע־דריקט אויף פאָלגנדיקן אופן: ער איז פּאַקטיש געזעסן איןביידל גאָר מיט אַן אַנדערע פּיעסע, מיט „כינקע פינקע", און ווען זי האָט אים אַזוי געלויבט פאַר זיין זיצן און סופלירן, האָט ער אַרויסגערוקט פאַר אַלעמען די פּיעסע, אַז מען זאָל זען, אַז קעני ליפּצין קען ניט לייענען און אַז אירע רייד מיינען גאָרניט, ווייל ער האָט גאָרניט געהאַט אין האַנט די פּיעסע „מירעלע אפרת", נאָר „כינקע פינקע".

אָבער טראָץ איר אומגעבילדעטקייט, האָט אָבער קעני ליפּצין מיט איר נאַטירלעכן טאַלאַנט געשאַפן אַ מערקווירדיקן טיפּ אַלס „מירעלע אפרת", און ניט נאָר וואָס מען האָט ניט געהאַט אין אַמעריקע דאָס רעכט צו שפּילן די פּיעסע, נאָר קיין אַקטריסע וואָלט זיך אַפילו ניט געוואָגט, אין יענער צייט, צו שפּילן די ראָלע, ווייל די פיגור וואָס קעני ליפּצין האָט געצייכנט אַלס „מירעלע" האָט אַזוי זיך אָנגענומען ביים טעאַטער־עולם און האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זייערע מוחות, אַז זיי וואָלטן ניט געקאָנט פאַרנעמען קיין אַנדערע מירעלע. און עס איז טאַקע אַ פאַקט, אַז אפילו אסתר רחל קאַמינסקאַ, וועלכע האָט אין אייראָפּע מיטן שפּילן „מירעלע אפרת" געמאַכט אפשר נאָך אַ גרעסערן איינדרוק ווי קעני ליפּצין אין אַמעריקע, און איז דערפאַר געקרוינט געוואָרן אַלס די

גרעסטע יידישע אַקטעריסע אין אייראָפּע און באַקומען דעם טיטל „מאַמע פון יידישן טעאַטער", האָט ניט אויסגענומען אין אַמעריקע ווען זי איז דאָרט, אין דעם ליפּצין־טעאַטער, אויפגעטראָטן אַלס „מירעלע". דער עולם איז שוין געווען צוגעוואוינט צו די מעלאָדראַמאַטישע, שאַרפע טענער פון קעני ליפּצין און האָט ניט געקאָנט באַנעמען די ווייכע, דראַמאַטישע, אָבער נאַטירלעכע טענער פון דער קאַמינסקאַ. דעם טעאַטער־עולם אין אַמעריקע האָט זיך שוין איינגעשניצט די מאַיעסטעטישע פיגור פון קעני ליפּצין, וואָס האָט געשפּאַנט אויף דער בינע מיט „קלאַסישע" טריט, ווי די קעניגינס פון די שעקספּיר־פּיעסן, און די קאַמינסקאַ האָט געשטעלט נאָרמאַלע שריט, איז געגאַנגען ווי אַ יידישע באַלעבאָסטע, אַ קלוגע, פיינע, אָבער יידישע פרוי.

ערשט נאָך דער ליפּצינס טויט האָבן אַנדערע יידישע אַקטעריסעס אין אַמעריקע זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער פּיעסע. ניטאָ קיין איין אָנגעזעענע יידישע שוישפּילערין אין אַמעריקע און אייראָפּע, וואָס זאָל שפּעטער ניט האָבן געשפּילט „מירעלע אפרת". אַן גוזמא איבער הונדערט יידישע שוישפּילערינס האָבן געשפּילט „מירעלע אפרת", אָבער ניט נאָר אויף דער יידישער בינע איז „מירעלע אפרת" געשפּילט געוואָרן, נאָר עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן צוויי פילמען אויף יידיש, איינער נאָך אַזוי פרי ווי אין 1912, אַ שטומער פילם מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ אַלס „מירעלע", און אין 1938 אַ קלאַנג־פילם מיט בערטאַ גערסטין אַלס „מירעלע". „מירעלע אפרת" איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער ראַדיאָ איבער דער גאַנצער וועלט מיט פאַרשיידענע טרופּעס.

אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד דערציילט קלמן מרמר, אַז אין 1936 איז „מירעלע אפרת" געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג אינעם מלוכה־טעאַטער פון סאָוויעטישן אוקראַאינע. די פיינשמעקער און עסטעטן פאַר וועלכע יעקב גאָרדין איז, פּונקט ווי מאָריס ראָזענפעלד, ניט געווען גענוג שיין דערפאַר, וואָס זיי זיינען פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטע מאַסן, האָבן גענומען טענהן, אַז מירעלע איז אַ בורזשויקע און דאַרף ניט אידעאַליזירט ווערן אין אַ פּראָלעטאַרישער מדינה. אָבער דער ענטפער איז געווען, אַז גאָרדין צייכנט אָן אין „מירעלע אפרת" דעם פאַנאַנדערפאַל פון דעם

אַמאָליקן יידישן מיטלקלאַס. פון גאָרדינס פּיעסע שטעלט זיך אַרויס, אַז אַפילו אַזאַ טיכטיקע, פיינע פערזענלעכקייט ווי מירעלע קאָן ניט צוגרייטן אירע קינדער צו פירן ווייטער אירע מסחרים.

דעם בעסטן ענטפער — דערציילט אָבער מרמר פון אייגענער דער־פאַרונג (ער איז דאַמאָלט דאָרט געווען) — האָבן געגעבן די סאָוויעטישע יידישע מאַסן. זיי האָבן טאָג־איין טאָג אויס, וואָכן און חדשים נאָכאַנאַנד אָנגעפילט דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער. עטלעכע שוישפּילער האָבן געזאָגט מרמרן, אַז זיי האָבן זיך געפילט אין גאָרדינס פּיעסע ווי פיש אין וואַסער, און דערפאַר האָבן זיי אַלע געהאַט אַזאַ באַדייטנדן דערפאָלג.

אָבער „מירעלע אפרת" איז ווייט אַרויס די ראַמען און גרענעצן פון יידישן טעאַטער. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אויף 9 שפּראַכן. דעם אָנהייב האָט אין 1908 געמאַכט אַן אוקראַאינישע טרופּע, וואָס האָט די פּיעסע געשפּילט אין אוקראַאיניש, אין 1921 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ירושלים אין העברעאיש און אַ צווייטע, גרויסע קינסטלערישע אויפפירונג איז פאָרגעקומען אַ סך שפּעטער, אין 1944 דורך דער „הבימה" מיט חנה ראָווינאַ אין דער טיטל־ראָל, און די פּיעסע איז געווען אַ שלאָגער אין העברעאישן טעאַטער. אין 1927 איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין אונגאַריש, אין 1929 — אין פּויליש, אין 1930 — אין איטאַליעניש, אין 1947 — אין שפּאַניש מיט דער מוטער פון מעקסיקאַנער טעאַטער, די גרעסטע מעקסיקאַנער שוישפּילערין ווירזשיניאַ פאַברעגאַט און דערנאָך אַ באַנייטע אויפפירונג מיט דער מאָדערנער גרעסטער מעקסיקאַנער שוישפּילערין מאַריאַ טערעסאַ מאָנטאָיאַ. די פּיעסע איז אויך געדרוקט אין דייטשע און רוסישע איבערזעצונגען און איז אויך געשפּילט געוואָרן אין די דאָזיקע שפּראַכן. דער פאַקט, אַז די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן ניט נאָר פאַר יידן, נאָר אויך פאַר ניט־יידן און אין אַנדערע שפּראַכן, וואו מען האָט אויפגעפירט שעקספּירס פּיעסן, און דאָך האָט „מירעלע אפרת" געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז דער בעסטער באַוויז אויף וויפל עס זיינען געווען איבערגעטריבן די טענות, אַז גאָרדין איז ניט אָריגינעל אין זיינע פּיעסן, און אַז „מירעלע אפרת" איז געווען בסך הכל בלויז אַ באַאַרבעטונג פון שעקספּירס „קעניג ליר" אין אַ ווייבעריש קליידל.

# זלמן זילבערצווייג

דאָס ווערטל „קיין נביא ווערט ניט אָנערקענט אין זיין אייגענער שטאָט" איז מקוים געוואָרן ביי גאָרדינען. אויב אין דער היים, אין דער יידישער וועלט, האָט מען אים ניט געהאַלטן פאַר קיין אָריגינעלן דראַמאַ־טורג, האָט אָבער די ניט־יידישע וועלט אָנערקענט דעם מחבר פון „מירעלע אפרת" ווי אַ גרויסן טאַלאַנטירטן אָריגינעלן דראַמאַטורג.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# יעקב גאָרדין האָט אַרויסגעבראַכט לעאָן קאָברין אַלס דראַמאַטורג

די געזעלשאַפט „פרייע יידישע פאָלקסבינע" זוכט אַ פּיעסע — קאָברין שרייבט אָן זיין ערשטע פּיעסע „מינאַ" — יעקב גאָרדין האַלט, אַז מען דאַרף זי איבעראַרבעטן — דאָס פאָלק שטימט, אַז מען זאָל שפּילן די פּיעסע — גאָרדין און קאָברין שרייבן די פּיעסע צוזאַמען — דער סקאַנדאַל אין טעאַטער — קאָברין גיט צו יאָרן שפּעטער, אַז גאָרדין איז געווען גערעכט.

מיר האָבן שוין פריער געזען ווי יעקב גאָרדין האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך אַ גאַנצע ריי יידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס. מיר האָבן געזען ווי ער האָט דעם יידישן שוישפּילער בכלל געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן קינסטלעריש, ווי ער האָט אַריינגעגאָסן ניי פרישע בלוט אין דעם אָפּגעשטאַנענעם יידישן טעאַטער, אָבער איצט קומען מיר צו אַ קאַפּיטל אין גאָרדינס לעבן, וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש. עס איז די געשיכטע ווי אַזוי גאָרדין האָט געבראַכט דערצו, אַז לעאָן קאָברינס ערשטע פּיעסע „מינאַ" זאָל געשפּילט ווערן.

אין דער געשיכטע פון יידישן דראַמאַטישן טעאַטער פאַרנעמט קאָברין דאָס נאָענטסטע פּלאַץ נעבן גאָרדינען, וועט דעריבער זיכער זיין אינטע־רעסאַנט צו באַקענען די לעזער מיט אַ בלעטל געשיכטע, וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין דער דראַמאַטורגישער אַנטוויקלונג פון לעאָן קאָברין. אין דאָזיקן בלעטל האָט געשפּילט די הויפּטראָל יעקב גאָרדין, און געשפּילט האָט ער די ראָל פון אַ מדריך, אַ רבי פון לעאָן קאָברין.

קאַברין איז דאַמאָלט נאָך געווען אַן אָנפאַנגער, אומבאַקאַנט, פרעמד דעם יידישן טעאַטער. גאָרדין אָבער איז שוין געווען שטאַרק פּאָפּולער. ווי גאָרין, דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, דערציילט, איז גאָרדינס האָנאָראַר פאַר פּיעסן זייער געשטיגן און דאָס באַווייזט אַמבעסטן ווי פּאָפּולער גאָרדין איז שוין דאַמאָלט געווען ווען ער האָט זיך „פאַרטשעפּעט" מיטן אומבאַקאַנטן דראַמאַטורג לעאָן קאָברין. מיט עטלעכע יאָר פריער האָט גאָרדין באַקומען אין גאַנצן הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פּיעסע, אָבער נאָך זיין פּיעסע „מירעלע אפרת", איז זיין האָנאָראַר גאָר שטאַרק געשטיגן. ווען קעסלער האָט דערנאָך באַשטעלט דריי פּיעסן פאַר אַ סעזאָן ביי גאָרדינען, האָט ער אים שוין באַצאָלט 800 דאָלאַר.

גאָרדין האָט, ווייזט אויס, זיך געגרייט עפּעס צו אַ גרויסער פּיעסע, אָבער אין צווישן האָט ער געדאַרפט עפּעס צושטעלן, און ער האָט אָנגעשריבן די פּיעסע „שלמה חכם". דער סוזשעט איז אויך גענומען געוואָרן ערגעץ וואו און וועגן דעם גייט אַן אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט. יעקב פּ. אַדלער, וועלכער האָט געשפּילט די פּיעסע, האַלט, אַז זי איז אַ באַאַרבעטונג פון „זשעני און שיקזאַל" פון בראַכפאָגעל. אַ געוויסער ראובן פּערלמוטער,[83] וועלכער האָט אין 1908 אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירטן חודש־זשורנאַל „דיא טהעאַטער וועלט", אין וועלכער גאָרדין האָט מיטגעאַרבעט, און וועלכער איז בכלל געווען זייער נאָנט מיט גאָרדינען, האָט מיר געזאָגט, אַז גאָרדין האָט די פּיעסע באַאַרבעט פון אַ דייטשער פּיעסע „סאָלאָמאָן קאָהוט".

אין דער זעלבער צייט האָט גאָרדין אויך אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל „די פרייע געזעלשאַפט" אַ סעריע אַרטיקלען אונטער נאָמען „די גרויסע וועלט־דראַמע". אין דער דאָזיקער סעריע האָט גאָרדין איבערגעגעבן די געשיכטע פון די גרעסטע וועלט־פּיעסן. אָט די סעריע האָט שפּעטער אב. קאַהאַן אויסגענוצט אין זיין קאַמף קעגן גאָרדינען און אָנגעוויזן, אַז פּאַקטיש האָט גאָרדין די סעריע איבערזעצט, אָבער געשטרעבט האָט ער מיט דער סעריע צו באַווייזן וואָס פאַרע גרויסער קענער און בקי ער איז איבערצושרעקן מיט זיין וויסן די נאַאיווע לעזער, וועלכע זאָלן באַקומען פאַר אים דעם גרויסן דרך ארץ, אַז ער איז אַ יודע הכל. מיר וועלן דעם

ענין באַרירן שפּעטער ווען מיר וועלן באַשרייבן דעם קאַמף צווישן יעקב גאָרדין און אב. קאַהאַן.

דאָ ווילן מיר שרייבן וועגן דעם סכסוך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן גאָרדין און לעאָן קאָברין צוליב זיין פּיעסע „מינאַ". מיר וועלן קודם כל ציטירן אַ נייטראַלע פּערזאָן, דעם פריער־שוין דערמאָנטן ב. גאָרין, וועלכער שרייבט וועגן דעם:

„אויב יעקב גאָרדין האָט צו „מינאַ" צוגעלייגט אַ האַנט, איז אָבער זיין אַרבעט ניט געווען אַזאַ, וואָס זאָל אים באַרעכטיקן צו אַ פּרעטענזיע פון כלו שלי (אַלץ איז מיינס). ער האָט קאָברינען אָנגעוויזן וואָס צו פאַר־בעסערן, וואָס צו פאַרפיינערן אין דעם שטיק און האָט אַליין צוגעשריבן דעם פערטן אַקט. און דער פאַקט, אַז גאָרדין האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט צו אַנטפּלעקן פאַר אַן אָנפאַנגער די סודות פון דראַמען־שרייבעריי און האָט געהאָלפן אים צו שטעלן זיין שטיק אויף דער בינע, ווייזט בשום אופן ניט, אַז ער זאָל וועלן פאַרנעמען אַ טייל פון אַ פרעמדן פאַרפאַסער. מען דאַרף דעריבער פאַרשטיין, אַז דאָס האָט דער טעאַטער ניט געוואָלט האָבן אויף דעם אַפיש און פּראָגראַם דעם נאָמען פון אַן אָנפאַנגער. דער אַקטיאָר האָט קיין צוטרוי ניט געהאַט צו אַ נייעם שרייבער, הגם דער נאָמען קאָברין איז שוין געווען באַקאַנט די לעזער פון דער בעסערער ליטעראַטור אין אַמעריקע".

וואָס איז באמת פאָרגעקומען מיט דער פּיעסע „מינאַ" און אין וואָס איז באַשטאַנען דער סכסוך צווישן גאָרדין און קאָברין?

קאָברין האָט וועגן דער געשיכטע אָנגעשריבן עטלעכע גרעסערע קאַפּיטלעך אין זיינע מעמואַרן. מיר וועלן די געשיכטע פּרובירן איבערגעבן בקצור.

אין יענער צייט האָט אויף דער יידישער גאַס אין ניו יאָרק עקזיסטירט אַ גרופּע „פרייע יידישע פאָלקסבינע", וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע אָפּצוהיטן די ריינקייט פון דער יידישער בינע. צווישן די מיטגלידער זיינען אַפילו, ווי מערקווירדיק עס זאָל ניט קלינגען, געווען עטלעכע אמתע רוסן, גויים. האָט אָט די געזעלשאַפט אַמאָל אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג וועגן שפּילן אין איינעם פון די דאַמאָלטיקע יידישע טעאַטערס גאָרדינס

איבערזעצונג פון איבסענס „פאָלקס־פיינד״. אָבער איינער פון די מיט־גלידער האָט פאָרגעלייגט, אַז אַנשטאָט אַן איבערזעצונג, אַפילו פון דעם גאון פון די דראַמאַטורגן, איבסען, זאָל מען בעסער שפּילן אַן אָריגינעלע יידישע ליטעראַרישע פּיעסע. יעקב גאָרדין, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט, האָט אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג. מ׳האָט אַרויס־געלאָזט אין די יידישע צייטונגען אַ רוף, אַז יידישע שרייבער זאָלן צושיקן פּיעסן און מ׳האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל לייענען די פּיעסן, וועלכע האָבן געדאַרפט צוגעשיקט ווערן אַנאָנים, אַן די נעמען פון די שרייבער, ווי עס פירט זיך אין קאָנקורסן. אין דעם קאָמיטעט זיינען, צווישן אַנדערע, געווען גאָרדין, קאָברין, ענטין, ד״ר קאַספּע, האַרקאַווי, און אַ געוויסער בודין. קאָברין האָט דאַמאָלט געהאַט אָנגעשריבן זיין ערשטע פּיעסע „מינאַ״, און האָט זי פריער געהאַט פאָרגעלייענט פאַר ענטינען, ווען די פּיעסע איז געפעלן, און ער האָט זי דערנאָך געלייענט פאַר ד״ר קאַספּע, וועמען זי איז אויך געפעלן, און זיי האָבן געראַטן דעם מחבר, אַז ער זאָל זי אַריינשיקן צו אַ דריטן מיטגליד פון דעם קאָנקורס־קאָמיטעט, האַרקאַווי. קאָברין האָט אָבער געטענהט, אַז ער קאָן דאָס ניט טאָן, וואָרעם ווי קאָן ער, ווי אַ מיטגליד פון קאָנקורס־קאָמיטעט, זיך באַטייליקן אין אַן אָפּשטימונג וואו ער איז אַ נוגע בדבר, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיין פּיעסע. האָבן די צוויי באַגייסטערטע מבינים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט מאַכן וויסן, נאָר זיך ניט באַטייליקן אין דער אָפּשטימונג.

עס זיינען אָנגעקומען אַ סך פּיעסן, אָבער היות ווי דער קאָמיטעט האָט ניט געפונען קיין גוטע פּיעסע, האָט גאָרדין פאַרלאָרן דאָס געדולד און דערקלערט, אַז „עס איז אַ שאָד די צייט״ און אויפגעהערט צו קומען צו די מיטינגען פון קאָמיטעט, אָבער דער קאָמיטעט איז ניט מיד געוואָרן און ווייטער געלייענט. ביז מיט אַ מאָל האָט ענטין אַרויסגעשלעפּט קאָברינס פּיעסע, און זי האָט אויסגענומען אויך ביי די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט, וועלכע האָבן ניט געוואוסט, אַז קאָברין האָט זי אָנגעשריבן. ביי דער נאָענטסטער זיצונג, צו וועלכער גאָרדין איז אויך געקומען, האָט ענטין אין נאָמען פון קאָמיטעט דערקלערט, אַז זיי האָבן ענדלעך געפונען אַ פּאַסיקע פּיעסע צום שפּילן. גאָרדין איז דאַמאָלט געווען אין די בעסטע

באַציאונגען מיט קאָברינען און אַפילו געשריבן אַ פאָרוואָרט צו זיין בוך „יאַנקל בוילע״, האָט ער געפרעגט קאָברינען צי ער קען די פּיעסע, האָט קאָברין געענטפערט, אַז יאָ, אָבער ניט געזאָגט קיין מבינות וועגן איר. האָט גאָרדין פאָרגעלייגט, אַז ביי דער קומענדיקער זיצונג זאָל מען נאָך אַמאָל לייענען די פּיעסע, און ווען ער האָט זי געהערט, האָט ער דערקלערט, אַז זי געפעלט אים, נאָר זי האָט חסרונות פאַר דער בינע. זי איז ניט גענוג סצעניש און איז געשריבן אין אַ ליטווישן יידיש. בודין, ד״ר קאַספּע און ענטין האָבן גענומען פאַרטיידיקן די פּיעסע, און בודין האָט אין זיין ענטפער באַליידיקט גאָרדינען. האָט גאָרדין אים צוריקגעענטפערט אויף זיין שאַרפן אופן, האָט ווידער בודין צוריקגעענטפערט נאָך שאַרפער. אין פאַרלויף פון דער ווייטערדיקער דיסקוסיע איז אויפגעשוואומען די פראַגע צי דער טעאַטער־עולם וועט בכלל אויפנעמען אַ נייע פּיעסע, און די „פרייע פאָלקסבינע״ קאָן זיך ניט דערלויבן, אַז באַלד איר ערשטע פּיעסע זאָל דורכפאַלן. האָט איינער געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל מאַכן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, פאָרלייענען די פּיעסע און אָפּשטימען צי מען זאָל זי שפּילן אָדער ניט. איז ווידער געוואָרן אַ טומל, אַז אויב מען זאָל זיך רעכענען מיטן געשמאַק פון עולם, דאַרף מען שטעלן אַ פּיעסע פון לאַטיינער אָדער פּראָפעסאָר הורוויץ. קאָברין אַליין, וועלכער האָט אָנגע־הויבן צו באַקומען צוטרוי צו זיין פּיעסע, האָט גענומען שטיצן, אַז מען זאָל זי יאָ לייענען עפנטלעך, און דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

נאָכן מיטינג זיינען אַלע אַריין אין אַ קאַפע־הויז אויף קאַנעל סטריט און גאָרדין האָט זיך אויסגעדריקט פאַר קאָברינען, אַז עס איז אַ גוטע און אינטערעסאַנטע פּיעסע, אינטערעסאַנט געשילדערט און ניי, אין גאַנצן אַ נייער סוזשעט, און האָט געפרעגט ווער, לויט זיין מיינונג, האָט זי געשריבן. קאָברין איז געווען זייער פאַרלעגן, אָבער האָט געשוויגן, נאָר ערשט ווען גאָרדין האָט געפּרובט זאָגן, אַז זי איז געשריבן געוואָרן אונטערן איינפלוס פון איבסענען, בעת קאָברין האָט נאָך דאַמאָלט גאָרניט געהאַט געלייענט איבסענען, האָט קאָברין זיך איינגעשטעלט ניט מסכים צו זיין מיט אים.

פאַרן אַרויסגיין פון קאַפע־הויז האָט קאָברין געפרעגט גאָרדינען צי ער גלייבט, אַז די פּיעסע קאָן האָבן דערפאָלג, האָט גאָרדין געענטפערט,

אַז ניט אין דער פאָרם ווי זי איז איצט מיט דער ליטווישער שפּראַך און אַז מען מוז זי איבעראַרבעטן, אַז זי זאָל זיין מער סצעניש.

די ערשטע נאַכט ראש השנה האָט מען אין אַ האָל אויף גרענד סטריט, וואָס האָט געהערט צו דער דאַמאָלטיקער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „וואָס אָוו לעיבאָר", פאַרגעלייענט די פּיעסע. געלייענט האָט זי יואל ענטין. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט. גאָרדין איז אויך געווען און דער עולם האָט געקוקט אויף אים מיט דרך ארץ. ער אַליין האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, קיינעם פון עולם ניט באַגריסט. שטאָלץ און אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, איז ער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער פּלאַטפאָרם, מיט דער שיינער פעך־שוואַרצער באָרד אויסגעלייגט אויף זיין ברייטער ברוסט, ווי אַ צעשפּרייטער פעכער, און מיט זיינע גרויסע, ביסטרע אויגן געקוקט פאַר זיך כמעט בייז. מ׳האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ אין דער ערשטער ריי, וואו ער האָט זיך געזעצט.

ענטין האָט דערקלערט דעם עולם, אַז זיי וועלן דאַרפן שטימען. דער עולם האָט זיך צוגעהערט זייער פאַראינטערעסירט, אָבער נאָכן ערשטן אַקט האָט זיך גאָרדין אויפגעהויבן און ווי דעמאָנסטראַטיוו אַרויס פון זאַל. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געוואָלט באַאיינפלוסן די אָפּשטימונג. די פּיעסע האָט אָבער זייער אויסגענומען און עס איז באַשלאָסן געוואָרן זי צו שפּילן. ערשט דאַמאָלט האָט קאָברין דערלויבט אַז מען זאָל זאָגן, אַז ער איז דער מחבר. אויפן קומענדיקן מיטינג איז פאָרגעקומען אַ געשפּרעך צווישן קאָברין און גאָרדין, און גאָרדין האָט דערקלערט, אַז ער איז אַוועק פון דער פאָרלעזונג, ווייל עס איז אים ניט געפעלן ענטינס לייענען און אַז ער האָלט זיך ווייטער ביי זיינס, אַז מען מוז די פּיעסע אין גאַנצן איבעראַרבעטן און ערשט דאַמאָלט קאָן מען זי שפּילן. די פראַגע איז ווידער אויפגענומען געוואָרן ביי אַ מיטינג. עס האָט זיך געהערט קריטיק קעגן גאָרדינען, און ווען אַ פרוי, אַ מיטגליד, האָט אויסגערופן צו גאָרדינען, אַז ער האַנדלט ניט ריכטיק, האָט ער זי אָנגעקוקט אויפגערעגט און דערנאָך איר געזאָגט: „מאַדאַם, ווען איר וואָלט ניט געווען קיין יידענע, וואָלט איך אייך פאַר אָט די ווערטער געוויזן ווי איך האַנדל. אָבער יעקב גאָרדין האַנדלט ניט מיט יידענעס". און באַלד

דערנאָך האָט זיך גאָרדין אַ ווענד געטאָן צום פאָרזיצער און אויסגערופן: „איך טרעט אַרויס פון פאַראיין". עטלעכע מיטגלידער זיינען באַלד צוגעשטאַנען צו גאָרדינען און זיינען אויך אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציע.

ענטין האָט אַרומגעפּעדלט מיט דער פּיעסע אין די דאַמאָלטיקע יידישע טעאַטערס, אָבער אַלע האָבן זי צוריקגעוויזן, ווייל די הויפּטראָל איז געווען פאַר אַ פרוי, און די מענער־סטאַרס פון די טעאַטערס האָבן געזוכט אַ הויפּטראָל פאַר זיך. אַ האַלב יאָר נאָך גאָרדינס אַרויסטריט פון דער „פרייע פאָלקס בינע", איז די אָרגאַניזאַציע זיך צעפאַלן, ווייל אָן גאָרדינען האָט זי ניט געקאָנט עקזיסטירן.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, אויף אַ ניי יאָר באַל פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן צוויי רוסיש־יידישע אינטעליגענטן דערפירט ווידער צו אַ שלום צווישן גאָרדין און קאָברין, און עטלעכע טעג שפּעטער האָט קאָברין באַקומען אַ קאַרטל פון גאָרדינען, אַז ער וויל אים זען. גאָרדין איז דאַמאָלט געווען אַ גרויסער אביון און ער האָט פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן ביידע באַאַרבעטן די פּיעסע „מינאַ" פאַר דער בינע. דער קאָנטראַקט האָט געזאָגט, אַז די פּיעסע זאָל באַאַרבעט ווערן לויט די אָנווייזונגען פון גאָרדין, ביידע דאַרפן אָנגעגעבן ווערן אַלס די מחברים און דער האָנאָראַר זאָל צעטיילט ווערן גלייך אויף גלייך.

גאָרדין האָט אויסגעאַרבעט אַ סצענאַריאָ און דערנאָך האָט קאָברין געשילדערט די מענטשן און זייער האַנדלונג לויט אָט דער סצענאַריאָ. יעדער אַקט איז געשריבן געוואָרן אין אַ באַזונדער העפט. נאָכן דריטן אַקט, האָט גאָרדין געגעבן קאָברינען די סצענאַריאָ פון פערטן אַקט, וועלכער איז אָבער קאָברינען ניט געפעלן, האָט גאָרדין באַשלאָסן אַליין אָנצושרייבן דעם פערטן אַקט. די פּיעסע איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַדלערן און דער האָנאָראַר איז באַשטאַנען פון 150 דאָלאַר פון וועלכע אַ העלפט האָט מען באַלד געגעבן גאָרדינען, אָבער גאָרדין האָט די גאַנצע 75 דאָלאַר געגעבן צו קאָברינען מיטן מאָטיוו, אַז קאָברין דאַרף עס נאָך נייטיקער ווי גאָרדין.

ענדלעך איז געקומען צו דער אויפפירונג, אָבער אָנשטאָט די פּיעסע זאָל אַנאָנסירט ווערן „פון גאָרדין און קאָברין", איז זי אַנאָנסירט געוואָרן „פאַרפאַסט פון יעקב גאָרדין, איניציאַטיווע פון לעאָן קאָברין". פאַרשטייט

זיך, אַז עס האָבן ניט געפעלט קיין רכילות־טרייבער, וואָס האָבן שוין צע־פּויקט גאַנצע מעשות איבער דער שטאָט, איז ווען קאָברין האָט אָנגעפרעגט גאָרדינען „היתכן?”, האָט ער אים צוריקגעענטפערט, אַז „היות ווי קאָברין גייט אַרום איבער דער שטאָט און גוואַלדעוועט, אַז ער האָט אים איבער־געפירט זיין מוסטערהאַפט ווערק, נעמט ער, גאָרדין, די גאַנצע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון ווערק אויף זיך”. קאָברין איז דאַמאָלט נאָך געווען אַ יונג און היציק, האָט ער געענטפערט גאָרדינען מיט אַ שאַרפן בריוו, האָט עס נאָך מער אויפגערעגט גאָרדינען. ביי דער פּרעמיערע האָט זיך קאָברין געזעצט מיט זיינע פריינט אין אַ לאָזשע אויף איין זייט און גאָרדין מיט זיינע פריינט אויף אַן אַנדערע זייט. קאָברין האָט געזען פון דער בינע אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט באַקאַנטע רייד. ער איז אָבער געוואָרן פאַרכאַפּט, אַזוי ווי דער גאַנצער עולם, פון דער פּיעסע און האָט אַפּלאָדירט ווי עס וואָלט געווען אַ פרעמדע פּיעסע. נאָכן ערשטן אַקט איז גאָרדין אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און זיך פאַרנייגט, איז געוואָרן אַ געשריי „קאָברין”. קאָברין איז געוואָרן צעטומלט, האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, אָבער די געשרייען „קאָברין” האָבן ניט אויפגעהערט ביז אַדלער האָט אָנגעהויבן פאַרלאַנגען, אַז קאָברין זאָל אַרויפגיין אויף דער בינע. קאָברין באַהאַלט זיך נאָך אַלץ. אין טעאַטער ווערט אַ סקאַנדאַל און קאָברין ווערט ענדלעך אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע. אָט די געשרייען און אָט דאָס דערשיינען פון ביידע מחברים, יעדער אויף אַן אַנדערע זייט פון דער בינע, האָט זיך איבערחזרט נאָך יעדן אַקט.

דער אַפּיש איז געבליבן דער זעלבער, אָבער פאַרן עולם איז קאָברין געבליבן דער זעלבער מחבר וואָס גאָרדין.

קאָברין, וועלכער דערציילט די דאָזיקע געשיכטע זייער אויספירלעך, פאַרענדיקט, אַז ער גלויבט, אַז גאָרדין האָט לכתחילה גאָרניט געטראַכט אַרויסצוגעבן זיין מינאַ אַלס גאָרדין־פּיעסע, ווייל וואָלט ער דאָס געוואָלט, וואָלט ער זיך ניט אָפּגעשראָקן און וואָלט עס דערקלערט פאַרן עולם ווען מען האָט ביידע אַרויסגערופן. קאָברין גיט אויך צו, אַז שפּעטער האָט ער אַליין איינגעזען, אַז זיין טעקסט איז ניט געווען גענוג סצעניש.

הקיצור, לעאָן קאָברין, דער שפּעטער גענוג באַרימטער דראַמאַטורג, גיט צו, אַז ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין אָנהייב דראַמאַטורגיע יעקב גאָרדינען.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# גאָרדין הייבט אָן און באָריס טאָמאַשעווסקי ענדיקט „דודל משורר"

פּעטערבורגער יידישע אינטעליגענץ ווערט אויפגעשטורעמט פון „מירעלע אפרת" — י. ל. פּרצס מיינונג וועגן גאָרדינען — קאַברין האָט מער דערפאָלג ווי גאָרדין — די טראַגעדיע פון ניסי בעלזערס זון — ווי אַזוי די פּיעסע איז פאַרפאַסט געוואָרן.

ווען מען זאָל וועלן איבערגעבן געטריי דעם איינדרוק, וואָס יעקב גאָרדין האָט אַרויסגערופן מיט זיין פּיעסע „מירעלע אפרת", און די שוישפּילער מיט זייער שפּילן, וואָלט מען פּשוט געדאַרפט איבערדרוקן די צענדליקער אַרטיקלען, וואָס די פּרעסע האָט געווידמעט דער דאָזיקער פּיעסע. גענוג צו זאָגן אַז י. ל. פּרץ, וועלכער איז געווען אַ גוואַלדיקער מפונק און איז ניט געווען גאָרדינס קיין חסיד, האָט צוגעגעבן, אַז „מירעלע אפרת" שטייט אויפן מיטל־וועג פון שונד און ליטעראַטור. משה קאַטץ האָט געדרוקט אין „פאָרווערטס" 6 אַרטיקלען וועגן דער פּיעסע און אב. קאַהאַן צוויי אַרטיקלען. מאָריס ווינטשעווסקי האָט שפּעטער (אין 1901), ווען מ'האָט געדרוקט די פּיעסע, געשריבן צו איר אַ פּראָלאָג און געדרוקט אין „פאָרווערטס" עטלעכע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט די פּיעסע דערקלערט פאַר „יעקב גאָרדינס מייסטערווערק", כאָטש דער מחבר אַליין האָט ניט געהאַט אַזאַ מיינונג, אָבער ווינטשעווסקי איז זיכער, אַז ביי „אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג, וואָלט זיין מיינונג געקראָגן די מערהייט שטימען".

ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן, מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ, אין דער אַמאָליקער צאַרישער הויפּטשטאָט פּעטערבורג דורך דער „ליטעראַרישער טרופּע", ווי קאַמינסקיס טרופּע האָט זיך גערופן, מיט אסתר

רחל קאַמינסקאַ אין דער טיטל־ראָל, האָט די פּיעסע אַרויסגערופן ממש אַ שטורעם. די יידישע אינטעליגענץ, די יידישע געלט־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אויסגעמידן אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן יידישן פאָלקס־לעבן, איז געקומען אין טעאַטער און זיך געשמאָלצן פאַר נחת. איז דעריי־בער ניט קיין וואונדער, וואָס אַזאַ טעאַטראַל ווי נח פּרילוצקי דריקט זיך אויס: „מירעלע אפרת" — דאָס איז דער טיפער ליטעראַרישער טיפּ אין וועלכן דער קינסטלער, דער פּראַכטפולער קענער פון יידישן לעבנסשטיי־גער, האָט פאַרקערפּערט די „בריינדעלע קאָזאַק". אַ פּערל פון קונסט איז דאָס, ווייל פון זעלטן ריינע, איידעלע, גייסטיקע, אַריסטאָקראַטישע ליניעס איז זי אויסגעוועבט. נאָר זייער אַלטע פעלקער קאָנען אַרויסגעבן אַזעלכע שיינע, טיף־מענטשלעכע גייסטער. ...נאַציאָנאַל־יידיש נאָכן גייסט איז מירעלע אפרת נאָך די אויסערלעכע אַקסעסואַרן פון איר לעבן און טעטיקייט אַ כאַראַקטעריסטישע פאַרשטייערין פון איין באַשטימטער עפּאָכע אין אונדזער לעבנסשטייגער. זי פאַרקערפּערט די שענסטע שטריכן —פון דער אַלטער פאַרמאַציע פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד, פון דער פאַרמאַציע, וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן און גוססט נאָך ערגעץ אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אויף דער פּראָווינץ".

און זאָל עס פאַרצייכנט ווערן, אַז גאָרדין, וועלכער איז געווען אַ שנעלער שרייבער און האָט געקאָנט „אָנשרייבן" אַ פּיעסע אין משך פון עטלעכע טעג, האָט „מירעלע אפרת" אָנגעשריבן אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ יאָר צייט.

דער האָנאָראַר, וואָס גאָרדין האָט באַקומען פאַר „מירעלע אפרת" האָט אָבער אַלץ ניט דערגרייכט אַזאַ סומע, אַז ער זאָל קאָנען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און ניט אַרויסברענגען קיין אַנדערע פּיעסן, וואָס זאָלן אים געבן אַ מעגלעכקייט פון אַ נייער הכנסה, און אַזוי האָט גאָרדין דאַמאָלט איבערזעצט מירבאָס פּיעסע „די פאַלשע פאַסטוכער", וואָס איז באַלד געשפּילט געוואָרן און שפּעטער געדרוקט און געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע אין אַן אַנדערער איבערזעצונג, אונטערן נאָמען „זשאַן און מאַדעלענאַ", איינע פון די געציילטע רעוואָלוציאָנערע פּיעסן, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע און געצויגן די ברייטע מאַסן

און אין דער זעלבער צייט אָפט געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער רוסישער פּאָליציי, וואָס האָט דערפילט אין דער פּיעסע, כאָטש זי האָט געהאַנדלט אין פראַנקרייך, „רעוואָלוציע", און זי גאַנץ אָפט פאַרווערט צו שפּילן. אין דער זעלבער צייט האָט גאָרדין אויך פאַרפאַסט אַ פּיעסע „די יידישע געטאָ", וועלכע ער האָט באַאַרבעט לויט זאַנגווילס „קינדער פון דער געטאָ".

מיט אָט דער פּיעסע איז פאַרבונדן אַ גאַנצע געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט פון בעסי טאָמאַשעווסקי. דוד קעסלער האָט דאַמאָלט געשפּילט אין „טאַליא־טעאַטער אַ פּיעסע „די איסט סייד געטאָ", וואָס לעאָן קאָברין האָט פאַר אים געשריבן. דער נאָמען „געטאָ" איז דאַמאָלט געווען זייער פּאָפּולער, און אויב אַ טעאַטער האָט געוואָלט האָבן דערפאָלג, האָט מען זיך געדאַרפט אָנכאַפּן אָן פּאָפּולאַריטעט, האָט טאָמאַשעווסקי באַשלאָסן, אַז ער דאַרף אויך שטעלן אַ פּיעסע, וואָס זאָל האָבן צו טאָן מיט „געטאָ", ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער באַשטעלט ביי גאָרדינען אַ געטאָ־פּיעסע און עס האָט גענומען בלויז צוויי מעת־לעת ווי גאָרדין האָט צוגעשטעלט אַזאַ פּיעסע. די טרופּע האָט זיך געאיילט צו שטעלן די פּיעסע. אַזוי ווי גאָרדין האָט פאַרטיק געהאַט אָן אַקט, האָט מען געמאַכט פּראָבן אויף דעם אַקט ביז ער האָט פאַרענדיקט די פּיעסע און די טרופּע האָט זי „איינ־שטודירט". דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קאָברינס „איסט סייד געטאָ" איז געווען אַ גוואַלדיקער דערפאָלג און גאָרדינס געטאָ־פּיעסע איז דורכגעפאַלן „מיט פּויקן און טרומפּייטן". האָט טאָמאַשעווסקי באַלד געקויפט ביי קאָברינען נאָך אַ פּיעסע „דער פאַרלוירענער גן־עדן" און אויך די פּיעסע האָט געהאַט אַזאַ סוקסעס, אַז עס איז געוואָרן אַ סענסאַציע און אין דער יידישער טעאַטער־וועלט האָט מען אָנגעהויבן מורמלען, אַז קאָברין וואַקסט אַ קאָנקורענט צו גאָרדינען. קיין ברוגז אָבער מיט גאָרדינען האָט טאָמאַ־שעווסקי ניט געפירט און ער האָט באַלד געשטעלט גאָרדינס פּיעסע „דודל משורר, אָדער, דאָס איבערגעריסענע ליד".

ווי עס האָט פריער און אויך שפּעטער אָפט געטראָפן מיט גאָרדינען, האָט ער ניט פאַרפאַסט פּיעסן אויף טעמעס וואָס האָבן אים אינטריגירט, ווי עס טוען ריכטיקע דראַמאַטורגן, נאָר ער האָט אַקצעפּטירט טעמעס, וואָס

אַנדערע האָבן אים געגעבן און זיי בלויז באַקליידט אין אַ דראַמאַטישער פאָרם און צוגעווירצט דעם אינהאַלט לויט זיין געשמאַק.

אַזוינס האָט אויך פּאַסירט מיט דער מוזיקאַלישער פּיעסע „דודל משורר", וואָס איז געווען באַזירט אויף דער לעבנסגעשיכטע פון וועלט־באַרימטן חזן ניסי בעלזער.

בעסי טאָמאַשעווסקי, וועלכע האָט זיך ניט מיטבאַטייליקט אין דער פּיעסע, אָבער איז געווען די דירעקטאָרשע פון דער אויפפירונג, דערציילט אין אירע דעראינערונגען, אַז „גאָרדין האָט די געשיכטעלע באַאַרבעט אַזוי גוט, טאַקע ווי נאָר גאָרדין האָט געקענט, און די פּיעסע האָט געהאַט אַ גרויסן סוקסעס".

אויספירלעך ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער פּיעסע דערציילט באָריס טאָמאַשעווסקי. לויט אים קומט אויס, אַז אַ געוויסן נאָכמיטאָג איז גאָרדין געקומען צו אים אַהיים. טאָמאַשעווסקי האָט זיך זייער דערפרייט מיטן גאַסט און האָט אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד. פּריוואַט זיינען ביידע געווען גוט באַפריינדעט, כאָטש דער טעאַטער־עולם האָט געמיינט, אַז זיי זיינען ממש אויף מעסער־שטעך. די אורזאַך פאַרוואָס עס האָט געהערשט אַזאַ מיינונג, איז געווען דערפאַר, וואָס גאָרדין, וועלכער פלעגט האַלטן רעדעס אין קלובן און אין האָלס, פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אַטאַקירן טאָמאַשעווסקין. ער האָט געזאָגט, אַז „טאָמאַשעווסקי מיט זיינע „אַלעקסאַנדערלעך", „פידעלעך" מאַכט אַ תל פון דער ליטעראַטור. האָט דאָס נאַטירלעך פאַרדראָסן דעם אַטאַקירטן און ער האָט חלילה אויך ניט געשוויגן גאָרדינען. ער איז אים קיין בעל חוב ניט געבליבן, און פלעגט פון דער בינע קיבעצן און שטעכן גאָרדינען מיט זיינע „קעניג לירעלעך" און „די יידישע גלחימלעך". אָבער נאָך די אָנגריפן פון איינעם אויפן אַנדערן, פלעגן זיי זיך פּאָרט טרעפן אין צייטלינס רעסטאָראַן אויף קאַנאַל סטריט, נעבן דער באַוערי, וואו די יידישע שרייבער און אַקטיאָרן פלעגן זיך אין יענער צייט צונויפקומען (דאָס איז נאָך געווען העט־העט פאַר „קאַפע ראָיאַל" עליו השלום), אָדער אין מאַרקיזס קאַפע אויף גרענד סטריט, און פלעגן שעהן לאַנג פאַרברענגען אויפן פריינטלעכסטן אופן אין שמועסן. גאַנץ אָפט פלעגט טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט שוין דאַמאָלט

געהאַט אַן אייגענעם קערעדזש (קיין אויטאָמאָבילן זיינען נאָך דאַמאָלט ניט געווען) אָפּפירן גאָרדינען אַ היים. דעריבער איז פאַר טאָמאַשעווסקין ניט געווען עפּעס אויסטערלישעס, אַז גאָרדין זאָל אים קומען באַזוכן. אָבער דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז גאָרדין איז ניט געקומען צו אים גלאַט אויף אַ וויזיט, נאָר מסתמא האָט ער געבראַכט צו אים אַ באַשטימטן פאָרשלאַג און ער איז שוין געווען נייגעריק צו הערן וואָס אַזעלכעס האָט געבראַכט גאָרדינען צו אים.

גאָרדין האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן און ער איז אַרויס מיט לשון, אַז אַזוי ווי ער וויל שיקן זיין זון אין קאָלעדזש און דאַרף איינצאָלן דריי הונדערט דאָלאַר און ער האָט ניט דאָס געלט, איז ער געקומען צו אים נאָך דער סומע און געקומען צו אים איז ער נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין פריער געווענדעט צו אַדלערן, קעסלערן און מרס. ליפּצין און אַלע דריי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי האָבן ניט אַזאַ סומע.

טאָמאַשעווסקי, וועלכער איז אין די זאַכן אַ גרויסער ספּאָרט (נדיב) און נאָך מער ווי ער איז געווען בטבע, האָט ער זיך ליב געהאַט אין אַזעלכע פאַלן אַרויסצושטעלן ווי אַ גרויסער ספּאָרט, האָט ניט גערעדט דאָס צווייטע וואָרט און אויסגעשריבן גאָרדינען אַ טשעק אויף דריי הונדערט דאָלאַר.

— איך וועל זיך אָוועקזעצן שרייבן פאַר אייך אַ פּיעסע — האָט גאָרדין געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט צוגענומען דעם טשעק — און איר וועט שפּעטער די דריי הונדערט דאָלאַר אַראָפּרעכענען פון האָנאָראַר.

— זייער פיין — האָט טאָמאַשעווסקי געענטפערט — איך וועל וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אייער פּיעסע.

אָבער באַלד האָט זיך גאָרדין געווענדעט צו טאָמאַשעווסקין צי ער קאָן אים ניט געבן עפּעס אַ סוזשעט, און טאָמאַשעווסקי האָט אים דער־ציילט די פאַמיליע־טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין הויז פון באַרימטן חזן ניסי בעלזער מיט זיין זון אַלטערל.

אַלטערל איז געווען ניסי בעלזערס עלטסטער זון. צו 16 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיטן בעלזער רבינס טאָכטער, שפּרהלע, אַ יפת תואר. צו 15 יאָר איז שפּרהלע שוין געווען אַ מאַמע. אַלטערל פלעגט בייטאָג לערנען

אין בית המדרש צוזאַמען מיט אַנדערע יונגעלייט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געלערנט מוזיק. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן און אַ פיינער פּיאַניסט. אין אַ געוויסן טאָג איז אַלטערל אַנטלאָפן פון דער היים און אַוועק קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט דער באַרימטער יידיש־רוסישער פּיאַניסט אַנטאָן רובינשטיין אַריינגענומען אַלטערן צו זיך אין הויז און אַליין מיט אים געלערנט מוזיק. צוויי יאָר שפּעטער האָט אַלטערל שוין דיריגירט דעם אָרקעסטער פון דער פּעטערבורגער אָפּערע. ער האָט זיך גע׳גט מיט זיין פרוי און ביי דער צערעמאָניע פון גט איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן. אַן אַנדערער זון פון ניסי בעלזער, יידעלע, האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, און האָט דאָ געשריבן מוזיק פאַרן יידישן טעאַטער, איז געווען אַ חזן און האָט יאָרן־לאַנג אָנגעפירט מיט אַ זומער־פּלאַץ אין די בערג. אָט פון דער סענסאַציאָנעלער פּאַסירונג האָט גאָרדין אָנגעשריבן זיין פּיעסע „דודל משורר״. דער מחבר האָט געלייענט די פּיעסע פאַר טאָמאַשעווסקין, ווען דער לעצטער אַקט איז ניט געפעלן געוואָרן. גאָרדין האָט עטלעכע מאָל איבערגעשריבן דעם לעצטן אַקט, אָבער וויפל ער האָט אים איבערגעאַרבעט, איז עס אַלץ ניט אַרויסגעקומען ווי טאָמאַשעווסקי האָט געוואָלט. בין איין מאָל האָט זיך טאָמאַשעווסקי אָנגערופן צו גאָרדינען:

— אויב איר וועט זיך ניט פילן באַליידיקט, מר. גאָרדין, וועל איך אָנשרייבן דעם לעצטן אַקט. איך וועל אייך געבן און איר וועט אים איבערשרייבן אויף אייער ליטעראַרישער שפּראַך. און אויב איר וועט געפינען פאַר נויטיק, קאָנט איר אויך עטלעכע סצענעס איבעראַרבעטן, אָבער נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן מיר האָבן אַ גאַנצע פּיעסע.

גאָרדין האָט צוגעשטימט, און ווען טאָמאַשעווסקי האָט אים געבראַכט דעם לעצטן אַקט און ער האָט אים איבערגעלייענט, האָט גאָרדין געזאָגט:

— איר ווייסט, טאָמאַשעווסקי, איר האָט אָנגעשריבן אַ גוטן לעצטן אַקט. איך האָב גאָרניט וואָס איבערצומאַכן.

און אַזוי איז גאָרדינס „דודל משורר״ מיט טאָמאַשעווסקיס לעצטן אַקט געשפּילט געוואָרן פון טאָמאַשעווסקין אין אַמעריקע און איבער גאַנץ אייראָפּע. גאָרדין פלעגט אָפט קומען אין טעאַטער זען טאָמאַשעווסקין

שפּילן די ראָל. טאָמאַשעווסקי האָט, אין דער פּיעסע, אונטער פאַרשטעלטע נעמען, פּאַקטיש געגוי איבערגעגעבן די אמתע טראַגעדיע מיט אַלטערל, ניסי בעלזערס זון. טאָמאַשעווסקי זאָגט אַליין אויף זיך עדות, אַז ער האָט דעם כאַראַקטער פון דער הויפּט־ראָל גוט אַרויסגעבראַכט, ווייל ער האָט פּערזענלעך גוט געקענט דעם העלד. דאָס האָט ער דאָך, נאָך ווי אַ יונג יינגל, צוויי און אַ האַלב יאָר פאַרבראַכט ביי זיין פאָטער אין הויז, צוזאַמען מיט אים. די טראַגעדיע מיט דעם באַגאַבטן יונגנמאַן איז געלעגן טיף אין טאָמאַשעווסקיס האַרץ. זיינע דאַמאָלטיקע פּאַטריאָטן האָבן שטאַרק אָנגע־קוואָלן פון זיין נייער ראָלע. זיי האָבן געלאָזט מאַכן אַ בילד פון טאָמאַ־שעווסקין בלויז מיט יידישע אותיות, און אין דעם פּאָרטרעט זיינען געווען אויסגערעכנט אַלע פּיעסן וועלכע ער האָט ביז דאַמאָלט אויפגעפירט, און אַ געוויסן אָוונט, ווען ער האָט געשפּילט „דודל משורר״, האָבן זיי אים געשאָנקען דאָס בילד.

אָבער גאָרדין האָט נאָך אַלץ געזוכט פּרנסה און ער האָט דאַמאָלט געדרוקט אין דער „פרייע געזעלשאַפט״ אַ סעריע אַרטיקלען „די גרויסע וועלט־דראַמע״, אין וועלכער ער האָט געגעבן אַן איבערזיכט איבער די קלאַסיקער און די וועלט־באַרימטע פּיעסן. די סעריע איז געלייענט געוואָרן מיט אַ גוואַלדיקן אינטערעס, ווייל זי האָט געעפנט נייע וועלטן פאַר די יידישע לעזער, אָבער זי האָט אויך שפּעטער דערפירט צו דעם גרויסן סכסוך צווישן יעקב גאָרדין און אב. קאַהאַן.

### קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

# לעצטער אַקט פון גאָרדינס „שחיטה" רופט אַרויס אַ טומל

ערשטער פאַל פון אַ מאָרד דורכגעפירט דורך אַ יידישע טאָכטער — דער אַקט פון דער שחיטה רופט אַרויס טענות קעגן גאָרדין — דוד פּינסקי באַשולדיקט אים, אַז ער האָט די פּיעסע גענומען פון רוסיש — גאָלדפאַדען טענהט, אַז גאָרדין האָט מטמא געווען די יידישע בינע — גאָרדין שאַפט אַ פאָלקס־ווערטל — די יידישע אַקטעריסע, וואָס שעכט די פּיעסע.

דער זעלבער יעקב גאָרדין, וועלכער האָט געקאָנט פון דער האַנט אַוועק אָנשרייבן אַ פּיעסע, האָט אָבער אויך געקאָנט חדשים־לאַנג אַרבעטן אויף אַ פּיעסע. אַזוי האָט ביי אים גענומען 14 חדשים זינט ער האָט אָנגעשריבן זיין „מירעלע אפרת" ביז זיין צווייט באַרימט ווערק „די שחיטה".

און פּונקט אַזוי ווי „מירעלע אפרת" איז געווען דער שטויס־פּונקט פאַר קעני ליפּצין און שפּעטער פאַר אַ גאַנצע ריי אַנדערע יידישע שוי־שפּילערינס צו דערגרייכן רום און פּאָפּולאַריטעט, אַזוי איז אויך געווען מיט דער „שחיטה". אמת, אַז דאָרט זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי וויכטיקע מענער־ראָלן, אָבער די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט ציט פאַרט אויף זיך די ראָל פון „אסתרקע", דאָס יונגע יידישע ווייבל, וואָס באַגייט דעם שחיטה־אַקט.

די טעמע האָט אַרויסגערופן ניט נאָר אַ גרויסן אינטערעס ווען מען האָט זי געזען אויף דער בינע, נאָר עס איז בכלל געווען אַ פּראָבלעם, וועלכן די יידישע געזעלשאַפט האָט ניט געקאָנט אַזוי לייכט צעקייען, און מער ווי איין שטים האָט זיך געהערט, אַז גאָרדין איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן דעם „יידישן נאָמען", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַזאַ פּיעסע.

אויב מען האָט שפּעטער שלום אַשן געמאַכט שאַרפע פאָרוואורפן פאַרוואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט אַזאַ טיפּ ווי יאַנקל שאַפּשאָוויטש און אַרויפגעפירט אויף דער בינע אַ יידיש שאַנד־הויז, האָט מען אָבער ניט געקאָנט לייקענען, אַז אַש האָט אָנגעשריבן אַ בילד פון דער ווירקלעכקייט. קיינער האָט ניט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז מיר האָבן יידישע פּרויען־הענדלער, יידן־אייגנטימער פון שאַנד־הייזער. די פראַגע איז נאָר געווען, צי אַלץ וואָס מיר האָבן אין יידישן לעבן, אויך די שווערע מיאוסע זייטן, מוזן אויפגעדעקט ווערן פאַר דער דרויסיקער וועלט. אָבער אין פאַל פון דער „שחיטה״, וואו אַ פרומע יידישע טאָכטער שעכט איר מאַן ווי מען שעכט אַ בהמה, איז ניט געווען קיין פאַקט אין יידישן לעבן, און אויב עס האָט אפשר וואו געטראָפן, איז געווען אַ גרויסע פראַגע צי מען דאַרף גראָד אָט דעם איינצעלנעם פאַל אַרויסברענגען עפנטלעך.

גאָרדין האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן פאַר אָט די טענות, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האָט ער אין דער פּיעסע מער אַקצענטירט די טרויעריקע לאַגע פון דעם אָרעמען יידישן מיידל, די שוידערלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין קליינעם יידישן שטעטל, וואָס צווינגט ערלעכע יידישע טאַטע־מאַמע ממש צו „פאַרקויפן״ זייערע טעכטער צו עלטערע מענער, מיט וועלכע זיי מאַכן זיי חתונה און באַרויבן זייערע יונגע קינדער פון אמתער ליבע און פרייד אין לעבן. און ווי אַ געשיקטער דראַמאַטורג האָט גאָרדין צוגעפירט די דראַמע צו דעם עקסטרעמען עפעקט — צו מאָרד.

די געשיכטע פון דער „שחיטה״ איז פאָלגנדיקע: אסתרקע, אַ יונג מיידל פון אָרטיקן דיין זיסל קרוינעס, אַ ווייכער, דערשלאָגענער תלמיד חכם, וואָס איז עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון גביר אין שטעטל, בצלאל ראַפּאַפּאָרט, איז פאַרליבט אין דעם בחור שמואל יאָסל, וועלכער לערנט זיך צו זיין אַ שוחט. אָבער ווי ביי די פאַרליבטע יידישע קינדער אין יענער צייט, ווערט עס ניט אַרויסגעזאָגט דייטלעך, נאָר מיט רמזים. מען קאָן עס פילן אין דער לופט, אין זייערע באַוועגונגען, אין זייערע בליקן. די עקאָנאָמישע לאַגע פון אירע עלטערן איז אָבער אַזאַ, אַז זיי זוכן אַ מעגלעכקייט ווי אַזוי זיך צו פאַרבעסערן זייער מצב, און אַזוי ווי זיי זיינען אָפּהענגיק אין דעם שטאָט־בעל הבית בצלאל ראַפּאַפּאָרט, אַן

עלטערער ייד, וואָס איז נאָך, צו אַלע „מעלות״, אַ נואף, און האַלט זיך ניט אָפּ עפנטלעך צו הוליען מיט אַ דייטשקע, אַ גוווערנאַנטקע ביי זיך אין הויז, זיינען זיי מסכים, אַז זייער אסתרקע זאָל חתונה האָבן מיט דעם עלטערן יידן. אסתרקע ווי אַ געהאָרכזאַמע יידישע טאָכטער, גייט איין דערויף, אָבער זי האָט אַ ביטער לעבן ביי איר מאַן, אַפּילו נאָכדעם ווי זי האָט שוין אַ קינד. שמואל יאָסל הערט ניט אויף אַריינצוקומען אין שטוב, און אַמאָל לאָזט ער דאָרט איבער, על פּי צופאַל, זיין חלף אויף וועלכן ער לערנט זיך קוילען. אסתרקעס מאַן, וועלכער טיילט איר אויס געברענטע צרות, פּאַרשעמט איר אויף טריט און שריט און אַזוי אויך אירע עלטערן, דערפירט איר צו אַ שטאַרק נערוועזן צושטאַנד, ווען זי פאַרלירט איר קאָנטראָל, און אויפגעבראַכט נאָך דערצו דורך זיין שוידערלעכן שנאָרכן, רייסט זי זיך אַריין צו אים אין שלאָפצימער און שעכט אים מיטן חלף וואָס איר „געליבטער״ שמואל יאָסל האָט איבערגעלאָזט ביי זיי אין שטוב.

אָט דער סוף פון דער פּיעסע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דיסקוסיע סיי ביי די באַזוכער, סיי אין דער פּרעסע און נאָך מער אין יידישע היימען. יידן האָבן זיך (אין יענער צייט) ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז אין דער יידישער מחנה זאָל זיך געפינען אַ מערדער, און נאָך ווער, אַ פרומע, שטילע יידישע טאָכטער, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ פיינער יידישער היים, אין אַ שטוב וואו תורה און חכמה האָבן געהערשט.

גאָרדין אָבער האָט דעם סוף פון דער פּיעסע מאָטיווירט, ערשטנס, אַז דער מאָרד איז געשען אין אַ מאָמענט ווען דער העלד פאַרלירט זיין קאָנטראָל און אין אַזאַ מאָמענט קאָן אַלץ געשען, און, צווייטנס, אַז די ליידן, וועלכע אסתרקע האָט געליטן, האָבן געמוזט אַרויסרופן ביי איר אַזאַ רעוואָלט, וואָס האָט ניט געוואוסט קיין גרענעצן און האָט אַריבער־געשפּאַרט אַלע ברעגעס, און אויב זי האָט גראָד הינטער דער האַנט געהאַט אַזאַ זאַך ווי אַ חלף, האָט איר פּראָטעסט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרם, וואָס איז טאַקע ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ יידישער טאָכטער, אָבער איז פאַרשטענדלעך פאַר דער באַליידיקטער פרוי און מענטש, וואָס אסתרקע איז קודם כל אין דער ערשטער ריי.

איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ ראָל ווי אסתרקע איז אַ וואונדערבאַרער

מאַטעריאַל פאַר אַ שוישפּילערין אַרויסצווייזן פאַרשיידענע פאַזן פון איר לעבן, אירע געפילן פון ליבע און האַס, מאָמענטן פון רעוואָלט און פון הכנעה. קעני ליפּצין און אַזוי די אַנדערע יידישע שוישפּילערינס אין אַמעריקע און איבער דער וועלט האָבן באַקומען פאַר זיך אַ פּרעכטיקע גרויסע ראָל אַרויסצווייזן זייער דראַמאַטישן טאַלאַנט. און די ראָל „אסתרקע" אין דער „שחיטה" איז ביז צום היינטיקן טאָג פאַרבליבן איינע פון די פּרעכטיקסטע ראָלן פאַר אַ גרויסער שוישפּילערין.

אין דעם כאָר פון לויב און קריטיק פאַר דער פּיעסע איז באַזונדערס אינטערעסאַנט די באַמערקונג פון דוד פּינסקין. פּינסקי, אַליין אַן אָנגע־זעענער דראַמאַטורג, האָט זייער קנאַפּ געהאַלטן פון גאָרדינען, באַזונדערס האָט ער שטענדיק קוועסטיאָנירט זיין אָריגינאַליטעט, און אויך בנוגע דער „שחיטה" דריקט זיך אויס פּינסקי: „איך וואָלט געשוואוירן, אַז אויך „די שחיטה" מיט איר גאַנצן יידישן אַרום פון רבנים, שוחטים און לומדים, איז געבוירן געוואָרן מיטן כוח פון אַ גוי. איך געפין אין איר אַ סצענע פון אָסטראָווסקיס „ביע טאַק זשיווי קאַק כאָטשעטסיאַ" (לעב ניט אַזוי ווי דו ווילסט)‚ ...איך מוז זיך וואונדערן ווי גאָרדין איז צו אים [דעם טיפּ בצלאל ראַפּאַפּאָרט] געקומען. דאָס הערט מיר אָבער אויף קשה צו זיין, ווען איך באַדענק, אַז בצלאל ראפּאפּאָרט איז אַ זון פון דעם קופּיעץ (סוחר) פּיאָטר, אָסטראָווסקיס שכורן העלד".

אָבער טראָץ דעם, וואָס פּינסקי באַשולדיקט גאָרדינען, אַז ער האָט די פּיעסע אַדאַפּטירט פון אָסטראָווסקיס רוסישער פּיעסע, איז „די שחיטה" געשפּילט געוואָרן אין רוסלאַנד אויף רוסיש מיט אַ גרויסן דערפאָלג, און די פּיעסע איז אפילו אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסישער איבערזע־צונג, וואָס באַווייזט, אַז כאָטש גאָרדין איז אפשר אָנגערעגט געוואָרן פון אָסטראָווסקיס פּיעסע און האָט, מעגלעך, דאָ אָדער דאָרט גענומען ביי אים שטריכן פון זיינע העלדן פאַר די העלדן פון דער „שחיטה", איז אָבער גאָרדין אין זיין פּיעסע אַוועק אַזוי ווייט פון אָסטראָווסקין, אַז „די שחיטה" האָט געקאָנט אַפילו אין רוסלאַנד, אין רוסיש, געשפּילט ווערן ווי אַן אָריגינעלע פּיעסע.

„די שחיטה" איז אויך געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן: אין העברעאיש, אוקראַיניש און פּויליש, און איז אומעטום געווען אַ גרויסער דערפאָלג. פאַרשטייט זיך, אַז דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט די ערשטע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט די טיפּן פון דער „שחיטה". אָפּגערעדט פון קעני ליפּצין, וועלכע האָט באַקומען נאָך אַ פּערל אין איר קרוין, האָט דוד קעסלער צוגעקראָגן אַ גלענצענדע ראָל אין זיין רעפּערטואַר. קעסלער איז געווען וואונדערבאַר אין דער ראָל פון „בצלאל ראַפּאַפּאָרט". אַזוי איז אויך געווען מיט דעם געניאַלן מאָגולעסקאָ. זיין „זיסל קרוינעס" איז געווען אַ מייסטערווערק. מאָריס מאָשקאָוויטש האָט געגלאַנצט אין זיין ראָל פון „אלקנה". יאָרנלאַנג האָט מען אין אַמעריקע ניט געקאָנט זען קיין אַנדערע „אסתרקע" ווי קעני ליפּצין, ווייל זי האָט געהאַט די איינציקע רעכט אויף דער פּיעסע, אָבער נאָך איר טויט האָבן אַנדערע שוישפּילערינס באַקומען די מעגלעכקייט צו שפּילן די ראָל.

די פּיעסע שפּילט זיך אָפּ אין אַן עכט־יידישער סביבה. אויף טריט און שריט הערט מען תורה־ווערטלעך, וואָס ווערן געזאָגט סיי פון דעם הויפּט־מענער העלד בצלאל ראַפּאַפּאָרט, וועלכער קען די קליינע אותיות־לעך, און פון אסתרקעס פאָטער, דער מורה הוראה רב זיסל קרוינעס. האָט טאַקע זיסל קרוינעס אַ ווערטל „די חכמים זאָגן", און מיט אָט דעם ווערטל קריכט ער טיילמאָל אַרויס פון אַלע קריטישע מאָמענטן, באַזונדערס, ווען ער טרעפט זיך צונויף מיט זיין איידעם, דעם רייכן און שטאַרקן בצלאל ראַפּאַפּאָרט. רב זיסל האָט מורא, ער שרעקט זיך אים עפּעס צו זאָגן אין זיין אייגענעם נאָמען, פאַרשטעלט ער זיך שטענדיק הינטערן פאַרטוך פון די חכמים, און ווען ער וויל עפּעס זאָגן, זאָגט ער עס ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר ווי דורך אַ רמז: „די חכמים זאָגן". בצלאל ראַפּאַפּאָרט פאַרשטייט דאָס, און אין זיין חוצפּה, חוזקט ער אַמאָל אָפּ פון זיין אָרעמען שווער, און גיט צו אים אַ זאָג: „רב זיסל, די חכמים זאָגן טאַקע ווי חוכמים, אָבער וואָס זאָגט א י ר?". איז אָט דאָס ווערטל כמעט געוואָרן אין יענער צייט ווי אַ פאָלקס־ווערטל, און אַז מענטשן פלעגן פירן אַ דיסקוסיע אָדער אַ געשפּרעך, און ווען איינער פלעגט וועלן דעם אַנדערן זאָגן, אַז ער וואָלט געוואָלט הערן יענעמס אָרגינעלע מיינונג,

ניט ער זאָל נאָכזאָגן וואָס מען זאָגט, פלעגט ער פּראָזירן „די חכמים זאָגן ווי חכמים, וואָס זאָגט איר?״.

אין „די שחיטה״ איז אויך אָריגינעל די שפּראַך פון די העלדן. זיי ריידן אַ לשון, וואָס איז פּאַסיק פאַר זיי, דורכגעפלאָכטן מיט העברעישע און גמרא־אויסדרוקן. כסדר רעדט מען דאָרט וועגן שחיטה און דערביי ווערט אַפּט ציטירט דער זאַץ פון דער גמרא „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה״ (אַלע שעכטן און זייער שחיטה איז כשר), וואָס אויף דעם באַזירט שפּעטער אסתרקע איר טראַגישע טאַט, ווען זי שעכט בצלאל ראַפּאַפּאָרט.

מאַכט זיך, אַז אין אַן אַמעריקאַנער פּראָווינץ־טרופּע, וואו די הויפּט־ראָליסטין איז געווען אַ זינגערין, האָט מען באַשלאָסן אַ מאָל אויפצופירן „די שחיטה״, און נאַטירלעך איז אויסגעקומען דער געזאַנג־פּרימאַדאָנע, וועלכע איז געווען די ערשטע ראָליסטין אין דער טרופּע, צו שפּילן די הויפּטראָל פון „אסתרקע״. די אַקטעריסע איז אָבער געווען אַן אַמערי־קאַנער געבוירענע, און די אַלע העברעישע אויסדרוקן, וואָס זיינען פאַראַן אין דער „שחיטה״, האָט זי אַפילו ניט געקאָנט צעקייען, און אויף דער פּראָבע, ווען עס האָט זיך בשום אופן איר ניט איינגעגעבן אַרויסצורייד; ריכטיק די העברעאישע אויסדרוקן, האָט זי זיך זייער אויפגערעגט און אויסגעשריגן אויף ענגליש „הו נידס איט?״ (ווער דאַרף עס?). דער פּרימאַדאָנע האָט מען ניט געקאָנט באַליידיקן, האָט מען אויסגעשטראָכן די העברעאישע אויסדרוקן און זי האָט געשפּילט אסתרקע אָן דעם אַלעם. דער איינדרוק פון יענער פאָרשטעלונג איז געווען, אַז אסתרקע איז באַ־גאַנגען אַ דאָפּלטע שחיטה, פריער אויף דער פּיעסע, דערנאָך איבער איר מאַן.

אַזוי עכט יידיש איז די פּיעסע, אָבער דאָך האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן דעם גרינדער פון יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען, זיך אויסצודריקן: „וואָס האָט ער, גאָרדין, געטאָן מיט מיין קינד. גענומען מיין געליבט קינד, מיין יידיש קינד, מיין בנימינען און אים אָפּגעשמדט. מיין קדשי קדשים האָט ער מטמא געמאַכט. ער איז דאָך גאָר אַ מיסיאָנער, ווי קומט ער צום יידישן טעאַטער? ווייסט איר דעם אונטערשייד צווישן מיר און גאָרדינען? איך האָב אויסגעזוכט אַלע גוטע מדות ביי יידן, איבערהויפּט

די טהרת המשפחה און עס אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע. ער, גאָרדין, האָט אויסגעזוכט ביי יידן אַלע שלעכטע מדות ווי גנבה, גזלה, מאָרד און גלאַט חזירישע שטיק און אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע, באַזונדערס האָט ער מחלל געווען די יידישע משפחה".

ווי זיין שטייגער, איז גאָרדין ניט שולדיק געבליבן זיינע קריטיקער, און ער האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן גערעדט פון דער בינע און געענטפערט די קריטיקער. עס ווייזט אָבער אויס, אַז ער אַליין, ווי דער שאַפער פון דער פיעסע, איז פאַרט אָנגערעגט געוואָרן פון דער קריטיק, און ער האָט געזוכט פאַרט מיט וואָס צו פאַרענטפערן דעם טראַגישן עפעקט פון דעם שחיטה־אַקט, וואָס אסתרקע פירט דורך, און האָט דעריבער אָנגעשריבן אַן איינאַקטער „נאָך דער שחיטה", וואו ער שילדערט דעם טיפן איינדרוק, וואָס די טראַגעדיע האָט געמאַכט אויף אסתרקעס עלטערן און אויף אלקנהן, ראַפּאַפּאָרטס פאַרוואַלטער. אָט דער איינאַקטער איז געשפּילט געוואָרן דורך מאָגולעסקאָן אויף זיינעם אַ בענעפיס.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

# „גאָט, מענטש און טייוול" — די ערשטע סאָציאַלע פּיעסע אין יידישן טעאַטער

די טענות צו גאָרדין אַז ער האָט גענומען פון „איוב" און „פאַוסט" — דער ספּור המעשה פון „גאָט, מענטש און טייוול" — די אידעע פון דער פּיעסע — די אַקטיאָרן וואָס האָבן געשפּילט די פּיעסע — מאָריס שוואַרץ מאָדערניזירט די פּיעסע.

מען דאַרף ניט צעגלידערן די גאַנצע פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול", וואָס איז דעם 21סטן סעפּטעמבער 1900, אויפגעפירט געוואָרן אין „טאַליאַ"-טעאַטער, כדי צו קומען צום באַשלוס, אַז גאָרדין איזביים שרייבן די פּיעסע, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל רום, געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון ספר איוב און פון געטעס „פאַוסט". אָבער דאָך איז עס שטאַרק איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז גאָרדין האָט דאָ בלויז איבערגעניטשעוועט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן שוין פריער געשריבן אָדער באַהאַנדלט.

„גאָט, מענטש און טייוול" איז אומבאַדינגט אַ פולשטענדיק אָריגינעל ווערק פון יעקב גאָרדין, כאָטש ער באַהאַנדלט דאָרט די טעמע, וואָס איז אַזוי אַלט: די פראַגע וועגן דעם גערעכטן און דעם אומגערעכטן, דעם צדיק און רשע, און דאָס פאַרקויפן זיך פון דעם גוטן און גערעכטן צו שלעכטס.

די טיפן פון „גאָט, מענטש און טייוול", דער גאַנצער סוזשעט, די סביבה, די אומשטענדן, — אַלץ איז עכט יידיש, ניט נאָר דערפאַר, וואָס דער הויפּטהעלד איז דער אמתער טיפּישער ייד, וואָרעם וואָס קאָן נאָך זיין מער יידיש ווי אַ סופר סת"ם, אַ פרומער ייד, וואָס שרייבט ספרי תורות, נאָר דערפאַר, ווייל די טעמע ווי אַזוי גאָרדין האָט זי אויסגעפו

רעמט אין זיין פּיעסע, איז עכט יידיש. איר פילט ווי יידישקייט טריפט אויף יעדן טריט און טריט.

האָט טאַקע יעקב גאָרדין מיט „גאָט, מענטש און טייוול" אויף דורות זיך איינגעקריצט אין יידישן קונסט־וועזן. האָט דעריבער זיין דראַמע ניט פאַרלאָרן קיין האָר פון איר אַקטועלקייט און איר פרישקייט אַפילו נאָכדעם שוין ווי עס זיינען מער היינט ניטאָ אַזעלכע מענטשן, אַזעלכע טיפּן, נאָכדעם ווי דער רעוואָלט, דער ערשטער אויסגעשריי פון יידישן האָרעפּאַשניק, וואָס גאָרדין האָט געלאָזט הערן אין דער פּיעסע דורך זיין טיפּ „כאַצקעל דראַכמע", געהערט שוין אין אַרכיוו, איז שוין אַנאַכראָניש. די טעמע, דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז אַ דויערנדער, אַזוי דויערנד, אַז נאָך היינט ווערן מיר פאַרכאַפּט ווען מיר זען אַ גוטע אויפפירונג פון „גאָט, מענטש און טייוול".

ווי עס טרעפט אָבער ביי שרייבער, קינסטלער, וואָס ערשט שפּעטער־דיקע דורות דערכאַפּן און שאַצן אָפּ זייער באַדייט און זייער ווערט, אָבער בעת זיי לעבן האָבן זיי קיין דערפאָלג ניט געהאַט, אַזוי האָט אויך די פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול", לויט דעם היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, ב. גאָרין, אין אָנהייב ניט גוואַלדיק אויסגענומען. גאָרין פאַר־צייכנט, אַז זי איז פּשוט געווען אַ דורכפאַל, אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער איז די פּיעסע געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט און איז געבליבן אין אוצר פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר ביז צום היינטיקן טאָג.

ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן, האָט לואי מילער, דער דאַמאָלט באַרימטער יידישער זשורנאַליסט און טעאַטער־קריטיקער אָפּ־געדרוקט אין „פאָרווערטס" אַזש 6 אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט באַוויזן, אַז די פּיעסע איז גענומען פון „איוב" און „פאַוסט" און אַז „די צוזאַמענשטעלונג", וואָס גאָרדין האָט געמאַכט „טויג ניט". מילער האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז אויך געטעס „פאַוסט" איז ניט קיין אָריגינעלע שאַפונג, אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער אידעע, וואָס ווערט אין דעם גרויסן מייסטערווערק באַהאַנדלט, ווייל נאָך פאַר געטען זיינען געווען פאַוסט־געשיכטעס און פאַוסט־פּיעסן, אָבער געטע האָט זיי איבערגעגאָסן אין זיין פאָרם, און ווייל ער איז געווען פּאָעטיש און דראַמאַטיש שטאַרקער

פון זיינע פאָרגענגער, איז דווקא זיין, אַזוי צו זאָגן, „באַאַרבעטונג״ גע־וואָרן אָנערקענט און באַקאַנט, בעת די קוואַלן פון וואַנען געטע האָט גענומען, זיינע געבליבן כמעט בלויז אַרכיוו־מאַטעריאַלן. עס איז דעריבער ניט וויכטיק דאָס רויע מאַטעריאַל, נאָר וויכטיק איז וואָס דער קינסטלער שאַפט פון דעם רויען מאַטעריאַל, און נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט האָט מען געדאַרפט באַהאַנדלען וואָס גאָרדין האָט געשאַפן אָריגינעלעס אין זיין „גאָט, מענטש און טייוול״, ווען מילער איז אַרויס מיט זיין צעשמעטערנ־דער קריטיק קעגן גאָרדינען.

עס איז כדאי אָפּצופרישן דעם זכרון פון די לייענער וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין „גאָט, מענטש און טייוול״.

אין שטעטל דובראָוונע געפינט זיך אַן ערלעכער, פרומער ייד, אַ קבצן, ר׳ הערשעלע, וועלכער ווערט גערופן אויפן נאָמען פון שטעטל „הערשעלע דובראָוונער״. יונגערהייט האָט ער געאַרבעט אין אַ טליתים־פאַבריק, און איינער פון זיינע נאָענטע חברים דאָרט, איז געווען אַ פּשוטער יידישער אַרבעטער, אַ פּראָסטאַק, אָבער אַן ערלעכע נשמה, כאַצקל דראַכמע. ווען הערשעלע איז עלטער געוואָרן, איז ער געוואָרן אַ סופר, ער האָט געשריבן ספרי תורות, און פלעגט זיך טובל זיין פאַרן שרייבן דעם נאָמען פון גאָט, ווי דער מנהג איז געווען. הערשעלע איז געווען פאַרהייראַט מיט זיין פרוי פּעסעניו, אָבער קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, און כאָטש לויטן דין האָט ער געהאַט אַ רעכט אָפּצוגטן זיין ווייב, ווייל זי איז געווען קינדערלאָז, דאָך איז אים אַזאַ געדאַנק קיין מאָל ניט איינגעפאַלן. אין שטוב זיינען געווען נאָך עטלעכע מענטשן. פריידעניו, דער באַלעבאָסטעס אַ שוועסטערן־טאָכטער, אַ שיין יונג מיידל, און נאָך אַ יונגערע, ציפּעניו, וועלכע ווערן אויפגעהאָדעוועט ווי אייגענע קינדער, טאָקע דערפאַר, ווייל זייער פעטער־מומע האָבן ניט קיין אייגענע קינדער. אין שטוב איז אויך דאָ הערשעלעס פאָטער, אַן עלטערער ייד, אַ געוועז־זענער בדחן, לייזער, וועלכער פילאָזאָפירט, על פּי רוב, אונטערן גלעזל, וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען, און כאָטש גאַנץ אָפט איז ער שכורלעך, איז אים אָבער זיין זון נוהג כבוד, ווי אַ פרומער ערלעכער ייד דאַרף אָפּהיטן „כבוד אב״.

## טאַ וואו זשע איז דאָ די דראַמע?

די דראַמע באַשטייט אין דעם, וואָס גאָרדין האָט דאָ איבערפראַזירט ד׳עם אַלטן געדאַנק, אַז „אין איש שלא יחטא״. עס איז ניטאָ קיין מענטש וואָס זאָל ניט זינדיקן. מען דאַרף אים נאָר געבן די געלעגנהייט דערצו, און פונקט אַזוי ווי אין געטעס „פאוסט״ פאַרקויפט פאוסט זיין נשמה צום טייוול און מוז אים פאָלגן אין אַלץ וואָס ער הייסט אים, אַזוי אויך פּאַסירט אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״, וואָס עפנט זיך מיט אַ פּראָלאָג, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די הימלען. אין אָט דעם פּראָלאָג, הייסט עס, קומט פאָר דער געוועט צווישן גאָט און זיין באַשאַף — דעם טייוול. דער טייוול, דער שטן, וועט זיך מיטן רבונו של עולם, אַז אויב ער וועט אים נאָר לאָזן אויספּרוּוון מיט די מיטלען וועלכע ער, דער טייוול, האָט אויס־געקליבן זיין „געטרייען קנעכט״, דעם פרומען הערשעלע דובראָווּנער, וועט ער אים אַראָפּפירן פון גלייכן וועג. דער רבונו של עולם נעמט אָן דעם געוועט, און דער טייוול ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש מיטן פראָוואָצירנדיקן נאָמען „אוריאל מזיק״, וועלכער לאָזט זיך אַראָפּ אין דובראָוונע אין דער ראָל פון אַ לאָטעריע־פאַרקויפער, און ער רעדט איין הערשעלען צו קויפן אַ לאָטעריע־צעטל צו געווינען דאָס גרויסע געווינס.

און באַלד נאָכ׳דעם ווי הערשעלע „געווינט״ טאַקע דאָס גרויסע געווינס, הייבט זיך אָן דער שפּיל פון טייוול אים אַראָפּצופירן פון דרך הישר. ער גייט, דער טייוול, שטופנווייז, טריט ביי טריט, ביז ער צעברעכט אַלע גוטע מדות און מעשים טובים פון הערשעלען. קודם כל „רוימט ער אים איין דעם סוד״, אַז לויטן דין טאָר ער גאָרניט וואוינען מיט זיין עלטערער פרוי, און הערשעלע גט זיך טאַקע, דערנאָך פירט ער אַרויף הערשעלען אויפן געדאַנק חתונה צו האָבן מיט זיין יונגער פלימעניצע פריידעלע, וואָס צעברעכט שטאַרק דאָס האַרץ פון איר מומען, הערשעלעס ערשטע פרוי. שפּעטער הייבט ער אָן קאָמאַנדירן מיט הערשעלען וועגן זיין שכורן טאַטן, ביז הערשעלע איז פוגע בכבוד זיין אַלטן פאָטער און וואַרפט אים פשוט אַרויס פון שטוב. אָבער דער טייוול שטעלט זיך דערמיט נאָך ניט צופרידן, אים איז ווייניק דער גט, אים איז ווייניק דאָס, וואָס הערשעלע איז שוין ניט אַזוי מקפיד אויף אַלע תרי״ג מצוות, אים איז ניט גענוגנד

וואָס הערשעלע באַליידיקט זיין אַלטן טאַטן, ער שטעלט זיך ניט צופרידן דערמיט, וואָס הערשעלע טראָגט שוין מער ניט די טראַדיציאָנעלע הלבשה און באַציט זיך אַנדערש צו זיין פאַמיליע, נאָר ער וויל דערפירן זיין „העלד" צום סאַמע דנאָ פון אָפּגרונט: צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, דאָס סאַמע שאַרפסטע פון וואָס פרומע ערלעכע יידן דאַרפן זיין אָפּגע־היט: שפיכת דמים.

פאַר דעם צוועק רעדט דער טייוול צו הערשעלען צו עפענען צוזאַ־מען מיט אים בשותפות אַ טליתים־פאַבריק אין דובראָוונע אויפן גרויסן מאָדערנעם שטייגער. אין אָנהייב דערפירט ער דערצו, אַז אַלע זעלב־שטענדיקע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן פריער געאַרבעט פאַר זיך, קאָנען מער ניט עקזיסטירן און מוזן גיין אַרבעטן אין דער נייער מאָדערנער פאַבריק מיט מאַשינען קעגן וועלכע זיי קאָנען ניט קאָנקורירן, און דערביי ווערן די אַלע בעלי־מלאכות, צווישן זיי די נאָענטסטע חברים פון הער־שעלען, אַריינגערעכנט זיין אינטימען חבר כאַצקל דראַכמע, שטאַרק עקספּלאָאַטירט, אָבער דער קלימאַקס פון דער פאַבריק איז, אַז עס איז ניטאָ קיין געווּג פאַרהיטונגס־מיטלען ביי די מאַשינען און כאַצקל דראַכ־מעס איינציקער זון, וועלכער אַרבעט אויך אין דער פאַבריק, ווערט אַריינ־געכאַפּט אין דער מאַשין און קומט אום.

עס זעט אויס, אַז דער טייוול, וואָס פּערזאָניפיצירט דאָס רשעות, דאָס שלעכטס אין דעם מענטשן, האָט געזיגט קעגן דער ערלעכקייט און אָנשטענדיקייט, וואָס דער מענטש, אין גאָטס געשטאַלט, דאַרף פּערזאָני־פיצירן, אָבער דער טייוול גייט נאָך אַלץ ווייטער און ער וויל צוריידן הערשעלען צו באַנקראָטירן און עקאָנאָמיש רואינירן דאָס גאַנצע שטעטל, הגם פינאַנסיעל איז ער דערצו ניט געצוואונגען, ווייל אין דער קאַסע איז דאָ געווּג געלט.

דאָ אָבער, אין דער לעצטער מינוט, זיגט דער יצר טוב. הערשעלע זעט, אַז ער איז שוין צו ווייט אַוועק. ער האָט אָפּגעטאָן גאַנצע בערג מיט עברות אויף וועלכע ער קאָן שוין ניט תשובה טאָן, און אין מאָמענט ווען דער טייוול איז גרייט צו טריאומפירן מיט זיין זיג קעגן גאָט, באַגייט

הערשעלע תשובה אויף אַלע זיינע זינד דורכדעם וואָס ער הענגט זיך ביי דער קאַסע מיט געלט.

דער טייוול האָט, אַלזאָ, פאַרשפּילט. ער האָט ניט געקאָנט אינגאַנצן מנצח זיין די ערלעכקייט, דעם יושר, דאָס געוויסן וואָס האָט גענעסטיקט אין הערשעלע דובראָוונער.

דערמיט ענדיקט זיך די פּיעסע. געזיגט האָט דער רבונו של עולם דורך זיין יצר טוב, ניט פאַרלאָרן דורך זיין יצר הרע.

פון דער געבראַכטער טעמע איז, אַלזאָ, צו זען, אַז די פּיעסע האָט אייגנטלעך אַ טיפערן זין, און די העלדן זיינען ניט מער ווי סימבאָלן, אָבער די גרויסע מעלה פון טאַלאַנט, גאָרדינס געניאַלער דראַמאַטורגישער חוש, האָט אויסגעמיטן, אַז די העלדן זאָלן זיין בלויז פיגורן, וואָס דורך זיי זאָל ער דורכפירן די „אידעע" פון דער פּיעסע. אַלע העלדן פון דער פּיעסע לעבן אַ נאַטירלעך לעבן. אין דער צייט וואָס מען שפּילט די פּיעסע, פאַרגעסט מען אין דער כוונה פון מחבר, אין דער אידעע. מען לעבט איבער די ליידן פון דעם הויז פון הערשעלע דובראָוער, מען זעט ווידער די טיפן און כאַראַקטערן פון דער אַלטער היים, דעם גרויסן דלות אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, די „גליקן" ווען עס געשעט אַ נס דורך אַ געוואונענעם לאָטעריע־צעטל, דאָס פּראָבלעם פון כבוד אב ואם, דאָס פּראָבלעם פון קינדערלאָזיקייט, די שטילע, געצערטלטע ליבע פון נאָך אַ יונג פּאָרל, וואָס איז דאָ אין דער שטוב, די יונגעטשקע ציפּעניו און מאָטעלע, כאַצקל דראַכמעס זון. דערביי גייען דורך פאַר די אויגן פון צוזעער אַ גאַנצע ריי אַלטע יידישע מנהגים, אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז שוין מער ניטאָ, אָבער האָט איבערגעלאָזט געפילן פון בענקשאַפט.

ערשט נאָכדעם ווי די פּיעסע ענדיקט זיך און מען הייבט אָן אריינטראַכטן, דערזעט מען און מען פילט בחוש איר אידעע.

איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צו אַזאַ פּיעסע האָט מען געדאַרפט האָבן אַ גוטן אַנסאַמבל, און גאָרדין האָט געהאַט דאָס מזל, וואָס די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן פון די סאַמע בעסטע אַקטיאָרן פון יענער צייט. אמת, אַז לויט דער לאָגיק און געפיל האָט דוד קעסלער, אַ גרעבלעכער, אַ דיקער, פעסטער מאַן, מיט אַ שטאַרקע, ניט־צאַרטע שטים,

ניט גערדאַרפט זיין צוגעפּאַסט פאַר דער ראָל פון דעם איידעלן „הערשעלע דובראָוונער". זיינען טאַקע די קריטיקער ניט געווען צו באַגייסטערט פאַר אים אין ערשטן אַקט ווען ער איז רב הערשעלע, דאַקעגן ווען ער איז אין די שפּעטערדיקע אַקטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם סוחר הערש דובראָוונער, האָט קעסלער געוויזן זיין אמתן טאַלאַנט, און זיין שפּילן די ראָל האָט זייער פיל צוגעגעבן צו דער פּיעסע. די צווייטע וויכטיקע ראָל איז געלעגן אין דער האַנט פון דעם אַמאָל באַרימטן יידישן, שפּעטער ענגלישן, שוישפּילער, מאָריס מאָשקאָוויטש,[84] וועלכער איז געווען ווי געבוירן פאַר דער ראָל, ווייל ער איז געווען קאַלט, רואיק, אויסגעמאָסטן יעדעס וואָרט, אַריינדרינגלעך און איבערצייגנד. די דריטע וויכטיקע מענער־ראָל, „לייזער בדחן", האָט באַקומען אַ וואונדערבאַרן פּערזאָניפיצירער, דעם גאָר טאַלאַנטירטן כאַראַקטער־שוישפּילער, שמואל טאָרנבערג,[85] וועלכער איז יונג אַוועק פון דער וועלט, אָבער האָט זיך באַרימט געמאַכט אין דער ראָל מיט זיין עכטקייט און האַרציקער יידישקייט. אויך לעאָן בלאַנק, וועלכער איז נאָך דאַמאָלט ניט געווען קיין „סטאַר", האָט אָבער אין דער ראָל פון „כאַצקל דראכמע" אַרויסגערופן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, אַז דאָס איז געווען אַ שטופּ צו זיין ווייטערדיקער טעאַטראַלער גדולה.

דאָס זעלבע איז געווען מיט די פרויען־ראָלן: בערטאַ קאַליש אַלס „פריידעניו", מערי ווילענסקי אַלס „פּעסעניו", דינע פיינמאַן אַלס „ציפּעניו" און סאָניאַ נאַדאָלסקאַ אַלס „דאָבע", כאַצקעלס ווייב — צוזאַמען איז דאָס געווען ממש אַ קאָנצערט־פאָרשטעלונג, וואָס אויב זי האָט אין אָנהייב ניט פאַרכאַפּט די הערצער פון טעאַטער־עולם, האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט ווי די פּיעסע איז געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג און איז ניט נאָר געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט, און ווען אַ גרויסער שוישפּילער האָט געוואָלט ערגעץ וואו גאַסטראָלירן, האָט ער געפּרובט עס טאָן מיט „גאָט, מענטש און טייוול".

איבער 70 פּיעסן האָט גאָרדין אָנגעשריבן, אָבער נאָר איינע האָט מאָריס שוואַרץ שפּעטער ווידער באַנייט אין זיין קונסט־טעאַטער און דאָס איז געווען „גאָט, מענטש און טייוול", וועלכע ער האָט אַ ביסל מאָדערני־

זירט און אַריינגעפירט אַ נייע סצענע: די טליתים־פאַבריק. שוואַרץ אַליין האָט וואונדערבאַר געשפילט די ראָל פון „אוריאל מזיק״, אָבער די גרעסטע אַנטפּלעקונג איז געווען דער צאַרטער שוישפּילער לאַזאַר פריד [86] אַלס „הערשעלע״. ניט נאָר האָט ער געשפילט אויף זיין פידעלע די סצענע ווען ער זינגט „מזמור לדוד״, נאָר זיין לירישער אָרגאַן, זיין זיסע שטים האָט די גאַנצע צייט פון דער פאָרשטעלונג געקלונגען ווי אַ צאַרטער פידל. די גאַנצע איידלקייט, די קדושה פון הערשעלע דעם סופר סתם, איז גע־קומען צום אויסדרוק אין פרידס שפּילן די ראָל.

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך ניט געוואוסט די טערמינאָלאָגיע פון אַ סאָציאַלער פּיעסע, אָבער פאַקטיש, כאָטש עס שפּילט זיך אָפּ אַ פאַמי־ליע־טראַגעדיע אין „גאָט, מענטש און טייוול״, ווערט אויך דאָרט, אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגעבראַכט דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם; די באַציאונג פון רייכן צום אָרעמען, די עקספּלאָאַטאַציע, און, צום ערשטן מאָל, איז אויך פון דער פּיעסע געהערט געוואָרן דאָס שאַרפע פּראָטעסט־וואָרט פון דעם יידישן אַרבעטער. ער האָט נאָך ניט גערופן צו רעוואָלוציע, צו וועלט־איבערקערענישן, אָבער ער האָט געעפנט זיין מויל צום פּראָטעסט.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

# קעסלערס פּאַטריאָטן לאָזן אים ניט שפּילן „גאָט, מענטש און טייוול"

גאָלדפאַדען מאַכט חוזק פון דער פּיעסע — די אַקטריסע, פאַר וועלכער קעסלער האָט זיך געהיטן ניט צו טרעפן — קעסלער האָט געפּילט, אַז ער פּאַסט זיך ניט פאַר דער ראָל פון „הערשעלע" — זיינע פּאַטריאָטן זאָגן, אַז עס איז אַ שאַנדע פאַר אים צו שפּילן די פּיעסע — אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן קומען אין טעאַטער זען די פּיעסע — די אַמעריקאַנער קריטיק שטעלט אַרויס פאַר אַ מוסטער דאָס יידישע טעאַטער.

מיר האָבן פריער דערמאָנט די שאַרפע קריטיק, וואָס יעקב גאָרדין האָט באַנוצט קעגן אברהם גאָלדפאַדען, ווען מען האָט אים פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו באַאַרבעטן זיין פּיעסע „מליץ יושר". אַז צוויי שרייבער זאָלן ניט לעבן בשלום און זאָלן איינער וועגן דעם אַנדערן האָבן ניט קיין צו געהויבענע מיינונגען, אַמאָל אַלס שרייבער, און אַמאָל אַלס מענטשן, איז ניט קיין נייעס אין קיין שום ליטעראַטור. גראַף טאָלסטאָי האָט זייער קנאַפּ געהאַלטן פון שעקספּירן. דוד פרישמאַן האָט געהאַלטן זייער קנאַפּ פון פּרצן און אין אַנהייב פון זיין שרייבן האָט ש. פרוג זייער ווייניק געהאַלטן פון שלום-עליכמען.

איז קיין וואונדער ניט, וואָס אברהם גאָלדפאַדען, וועלכער האָט זיך באַטראַכט ווי דער, וואָס האָט געבראַכט דאָס יידישע טעאַטער אויף דער וועלט, און האָט דעריבער געקוקט אויף דער יידישער בינע, ווי אויף זיינס אַ קינד, האָט געהאַט ניט קיין צו געהויבענע מיינונגען וועגן לאַטיינער און פּראָפעסאָר הורוויץ, וואָס זיינען געגאַנגען אין זיינע פוסטריט און געשריבן מוזיקאַלישע פּיעסן, גאַנץ אָפט, מיט ביבלישע און היסטאָרישע

סוזשעטן, און אים פאַרטריבן פון טעאַטער. אָבער ניט ווייניקער איז ער געווען אין כעס אויף יעקב גאָרדין, וואָס האָט אים אין גאַנצן צוגענומען די קרוין פון קאָפּ זינט ער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע דראַמעס, און אַלע סטאַרס אין אַמעריקע האָבן זיך געוואָרפן צו שפּילן גאָרדינס פּיעסן און גאָלדפאַדען איז נאָר זעלטן געשפּילט געוואָרן ביי געוויסע געלעגנהייטן.

מיר האָבן שוין אין אַ פריערדיק קאַפּיטל געבראַכט די עטלעכע פיילן, וואָס גאָלדפאַדען האָט אַריינגעשאָסן אין דעם „מיסיאָנער" יעקב גאָרדין, אָבער ווען גאָלדפאַדען האָט באַקומען צוגעשיקט פון דעם ניו יאָרקער פאַרלעגער קאַצענעלבאָגען גאָרדינס געדרוקטע פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול", האָט ער זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גאָר צעשמעטערנדע קריטיק מבטל צו מאַכן די פּיעסע אין גאַנצן און דערמיט אַראָפּרייסן די דראַמאַטורגישע קרוין פון גאָרדינס קאָפּ.

גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן אַ בריוו אפשר פון 10 זייטן, פון וועלכן מיר ווילן אַרויסנעמען עטלעכע אינטערעסאַנטע שטעלן.

קודם כל טוט גאָלדפאַדען דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געטאָן. ער דערקלערט, אַז די פאָרם פון דער דראַמע איז אַן אַלטע. געטע האָט זי דער ערשטער גענוצט, און אפשר האָט ער עס אויך שוין גענאַשט פון אַנדערע. נאָך אים האָבן זיך אַ סך פּיעסן־שרייבער באַנוצט מיט דער טעמע. גאָלדפאַדען דערמאָנט לאַטיינערן, וואָס האָט די טעמע באַאַרבעט אין זיין פּיעסע „קורחס אוצרות", און טאַקע ער אַליין, גאָלדפאַדען, אין זיין פּיעסע „לא תחמוד". ער לייקנט, אַז עס איז זיך בכלל געווען וועגן וואָס צו ווען אין „גאָט, מענטש און טייוול", ווייל צום סוף האָט קיינער ניט אויסגעשפּילט דעם ווע און אים אויך ניט געוואונען. יעדעס קינד ווייסט, אַז געלט פאַרפירט אַ מענטשן, נאָר וואָס דען, גאָרדין האָט געוואָלט ווייזן ווי אַזוי געלט מאַכט קאַליע אַ ייד, און דאָס האָט ער ניט באַוויזן.

גאָלדפאַדען דערציילט, אַז ער איז געווען אין גאַליצישן שטעטל דראָהאָביטש, וואו כמעט אין יעדן הויז איז דאָ אַ טליתים־פאַבריק, אָבער אויף וויפל ער האָט פעסטגעשטעלט, האָט דאָרט נאָך קיין מאָל ניט פּאַסירט, אַז אַ פאַבריקאַנט פון טליתים זאָל זיך האָבן אויפגעהאָנגען מיט אַ בלוטיקן טלית אויף אַ קאַסע. אַ פּנים, אַז אין דער גויאישער פּיעסע פון וועלכער

גאָרדין האָט געמאַכט זיין יידישע פּאַראָדיע, האָט זיך דער העלד געשאָסן מיט אַ רעוואָלווער, פּאַסט עס דאָך ניט פאַר קיין ייד, האָט אים גאָרדין געלאָזט אויפהענגען אויף אַ טלית. קיין איבערראַשונג ביי דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט קאָן אַזאַ טויט ניט אַרויסרופן, ווייל, צום באַדויערן, שיסן שוין יידישע קינדער אין אַמעריקע מיט רעוואָלווערן אויף וואָס די וועלט שטייט. און גאָלדפאַדען מאַכט חוזק, אַז ווען אַ מאָדערנער ייד ווערט רייך, הענגט ער זיך אויפן האַלדז פון אַ מעטרעסע, אָבער ניט אויף אַ טלית אויף זיין קאַסע. און באַלד גייט גאָלדפאַדען איבער צו אַנאַליזירן דעם מאָטיוו, פאַרוואָס זאָל בכלל הערשעלע דובראָוונער זיך נעמען דאָס לעבן. וואָס האָט ער אַזוי געזינדיקט? און גאָלדפאַדען ווייזט אויף, אַז פּאַקטיש האָט הערשעלע ניט גע׳גט זיין ווייב קעגן איר ווילן. וואָלט זי ניט צוגעשטימט צו קיין גט, וואָלטן זיי געבליבן מאַן און ווייב. דאָס געלט וואָס הערשעלע האָט באַקומען, האָט אים גאָרניט קאַליע געמאַכט. ער האָט תמיד געהאַט גרויס עגמת נפש וואָס זיין טאַטע איז אַ שכור, און ווען ער איז רייך געוואָרן, האָט ער אָפּגעגעבן זיין פּאָטער אַ ספּעציעל צימער מיט אַלדאָס גוטס, אַבי ער זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן ווען ער ווערט בגלופנדיק. זיין חבר כאַצקל דראַכמע האָט ניט קיין פּרנסה, נעמט אים הערשעלע אַריין צו זיך אין פאַבריק, גיט אים אַן ערן־שטעלע מיט גוטע שכירות. כאַצקלס זון ווערט אויך אַריינגענומען אין דער פאַבריק זיך אויסצולערנען די מלאכה, אַז ער זאָל קאָנען האָבן פּרנסה. איי, אַז דער אידיאָט (אַזוי רופט אים אָן גאָלדפאַדען) רייסט זיך אָפּ אַ האַנט, טאָ וואָס איז הערשעלע שולדיק, און צי דאַרף ער דעריבער באַגיין זעלבסטמאָרד? האָט הערשעלע געהאַט אַ פּערזענלעכע שנאה צו מאָטעלען? — ניין. האָט הערשעלע געטאָן עפּעס עקסטראַ, אַז עס זאָל פּאַסירן דאָס אומגליק מיט מאָטעלען? — ניין! האָט הערשעלע געוואָלט פון אים פּטור ווערן, ווייל מאָטעלע איז פריער געווען דער, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט דער פרוי מיט וועלכער ער, הערשעלע, האָט חתונה געהאַט — פריידעלע? — ניין! מאָטעלע אַליין האָט זיך פון איר אָפּגעזאָגט, אַז זי געפעלט אים ניט. און ווען אַן אָנפאַנגער אין אַ פאַבריק, אַן אַרבעטער, רייסט זיך אָפּ אַ פינגער אָדער אַ האַנט ביי דער אַרבעט, איז גיכער שולדיק דער אויפזעער,

ניט דער פֿאַבריקאַנט, און דער אויפֿזעער איז דאָך גאָר געווען זיין אייגענער פֿאָטער כאַצקל דראַכמע. און גאָלדפֿאַדען איראָניזירט: „ווען די באַן קערט איבער און הרגעט אַ סך מענטשן, דאַרף יעדער אַקציאָנער, וואָס איז אין דער אייזנבאַן־קאָמפּאַניע, זיך אויפֿהענגען?!״.

אָבער דער עולם האָט ניט געהאַט אַזאַ באַציאונג צו „גאָט, מענטש און טייוול״, און די פּיעסע האָט געצויגן אַלץ מער באַזוכער, כאָטש אַלע זיינען מודה, אַז דער הויפּט־ראָליסט דוד קעסלער איז אויסערלעך דווקא ניט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר דער ראָל.

אַזוי דערציילט דער ביאָגראַף פֿון דוד קעסלער, דער שריפֿטשטעלער מ. אָשעראָוויטש, אַז אין אָנפֿאַנג איז קעסלערן געווען זייער שווער זיך צוצופּאַסן צו דער ראָל פֿון „הערשעלע דובראָוונער״. ער האָט אין זיין חומרדיקייט ניט געקאָנט אַריינזאַפּן אין זיך דעם גייסט פֿון דעם פֿרומען דובראָוונער סופֿר, וועלכער איז כולו רוחניות. ספּעציעל אין ערשטן אַקט, איידער אוריאל מזיק באַקומט די שליטה איבערן הויז, אָבער קעסלער איז פֿאַרט בייגעקומען דאָס חומרדיקע אין זיך, און ער האָט — אַפֿילו אין ערשטן אַקט — באַזעלט די ראָל מיט רוחניות. עס האָט געהייסן — שרייבט אָשעראָוויטש — אַז דער דובראָוונער סופֿר, וועלכער האָט, על פּי שכל, אפשר געדאַרפֿט זיין אַליין אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, איז ניט שולדיק אין דעם, וואָס דער רבונו של עולם האָט אים גראָד געבענטשט מיט אַ געזונטן גוף. ער קוקט זיך סיי ווי סיי ניט אום דערויף. אַ גייסט פֿון הייליקייט האָט זיך אַ טראָג געטאָן פֿון דער בינע, ווען קעסלער האָט געזונגען „מזמור לדוד״. און אין די אויערן פֿון טויזנטער און טויזנטער טעאַטער־גייער טראָגט זיך נאָך היינט דער אָפּקלאַנג פֿון דעם טאָן, ווען קעסלער האָט מיט ווייי אַרויסגעזונגען די ווערטער: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע״. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן פֿלעגט ער דאָס זינגען. די ברעמען זיינען ביי אים געווען אָנגעכמורעט, פֿאַר׳דבקה׳ט, און פֿול מיט גלויבן, פֿול מיט בטחון. אין די ווייטערדיקע אַקטן, ווען דער דובראָוונער סופֿר ווערט שוין אַ וועלט־מענטש, ווען ער פֿירט שוין געשעפֿטן אויף אַ גרויסן שטייגער, ווען ער געפֿינט זיך שוין אונטער דער שליטה פֿונעם טייוול און רייסט זיך דאָך צו גאָט, דאַן האָט קעסלער זיך געוויזן אין זיין פֿולער גרויס און מען האָט

געזען ווי דער מענטש אין אים ווערט צעריסן, צאַפּלענדיק זיך צווישן די צוויי — צווישן גאָט און טייוול.

אַז קעסלער האָט אַליין געפּילט, אַז אויסערלעך איז ער ניט צוגעפּאַסט פאַר דער איידעלער ראָלע פון „הערשעלע דובראָוונער״ און, אַז דורך דעם קאָן ליידן די גאַנצע פּיעסע, קאָן מען זען פון פאָלגנדן עפּיזאָד, וועלכע עלטערע אַקטיאָרן האָבן מיר דערציילט:

אין דער טרופּע וועלכע האָט געשפּילט מיט קעסלערן, האָט זיך געפונען אַ זייער גוטע אַקטריסע, וועלכע האָט אָבער געהאַט אַ טבע צו ריידן נבול פּה און באַנוצן די וואולגאַרסטע אויסדרוקן ביי יעדער געלעגנ־הייט. זי איז געווען זייער נאָנט מיט קעסלערן און ער פלעגט איר ניט פאַרוואַרפן איר אַרט ריידן, אָבער ווען עס איז געקומען דער אָוונט פון ד׳ער פּרעמיערע, האָט ער זיך געהיטן פאַר איר ווי פאַר פייער. ער האָט געבעטן זיין קאָסטיומער, אַז ער זאָל זען אויסצומיידן זיך צו באַגעגענען מיט איר איידער ער גייט אַרויף אויף דער בינע, ווייל זי וועט אים נאָך מטמא זיין מיט איר מויל, און ער וויל גראָד אַרויפגיין אויף דער בינע ווי ער וואָלט באמת געווען דער פרומער אָפּגעהיטענער ייד. דער קאָסטיומער האָט געפאָלגט וואָס קעסלער האָט אים אָנגעזאָגט און האָט אַכטונג געגעבן, אַז די אַקטריסע זאָל, ווי איר שטייגער, ניט אַריינכאַפּן זיך צו קעסלערן אין זיין גאַרדעראָב בעת ער פלעגט זיך גרימירן און אים דערציילן די שמוציקע מעשות. מען האָט שוין געגעבן דעם צייכן אָנצוהייבן די פּיעסע און קעסלער איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט אויסגעמיטן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „צו ווערן טמא״. קעסלער, וועלכער קומט אַרויף שפּעטער, עטלעכע מינוט נאָך דעם ווי די פּיעסע ווערט שוין געשפּילט, האָט זיך בכיוון אויסבאַהאַלטן ערגעץ וואו אין אַ ווינקעלע, אַז די אַקטע־ריסע זאָל אים ניט באַמערקן. אָבער גראָד אַ מינוט פריער, איידער ער האָט געדאַרפט אַרויפגיין אויף דער בינע, צו פאַרענדיקן (לויט דער פּיעסע) דאָס שרייבן די ספר תורה, איז די אַקטריסע, ווי פון הינטער דער ערד אויסגעוואַקסן נעבן אים, און אָנקוקנדיק אים ווי ער האָט געטראָגן דעם ברייטן קאַפּעלוש מיט דער פרומער באָרד און דעם גאַנצן גרים פון דעם פאַרדבקטען סופר סת״ם, האָט זי זיך צעלאַזט מיט איר „פּה הקדוש״.

קעסלער איז שיער ניט געפאַלן אין חלשות און באַוויזן נאָר אויסצוברומען „דזשי, ווי אַזוי וועל איך קאָנען שפּילן דעם הייליקן ייד, אַז זי האָט מיך מטמא געווען, גוואַלד, וואָס האָט זי געטאָן צו מיר?!".

אָבער אין אָנהייב האָט קעסלער ביי זיינע „פּאַטריאָטן" גאָרניט אויסגענומען אין דער ראָל. די באַרימטע יידישע שוישפּילערין בערטאַ קאַליש דערציילט אין אירע דעראינערונגען, אַז נאָכדעם ווי קעסלער איז אויפגעטראָטן אין „גאָט, מענטש און טייוול", האָבן קעסלערס „פּאַט־ריאָטן" אים אָפּגעוואָרט אויף דער גאַס און ער איז אַוועק מיט זיי אין אַ קאַפע. דאָרט האָט זייער „ספּאָוקסמען" (פאָרשטייער) געטענהט: „מיר ווילן ניט, אַז איר זאָלט נאָך אַמאָל אויפטרעטן אין „גאָט, מענטש און טייוול". דאָס איז ניט קיין פּיעסע פאַר אייך. איר דאַרפט זינגען „בר כוכבא" און „אבשלום", אָבער זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע „ליטעראַטאַ־ציעס" און זינגען „מזמור לדוד" איז אַ שאַנדע פאַר אַזאַ גרויסן קינסטלער ווי איר זענט".

קעסלער האָט מיט זיי איינגעטענהט און זיך געבעטן — דערציילט ווייטער בערטאַ קאַליש — ווי ביי גזלנים, אַז זיי זאָלן אים ניט פאַרווערן צושפּילן די פּיעסע. עס איז אַ נייע זאַך — האָט ער געזאָגט — אַ נייע פאָרם, אַ נייער סאָרט שפּילן, אַ נייער סאָרט פּראָזע, און פריער אָדער שפּעטער מוז מען דאָך אויסלייזן דאָס טעאַטער פון דעם שונד, וואָס באַהערשט די יידישע בינע.

די „פּאַטריאָטן" האָבן אָבער ניט געוואָלט הערן און געדענקען קעס־לערס טענות. זיי האָבן באַשלאָסן ניט צו לאָזן קעסלערן ווייטער שפּילן אין גאָרדינס פּיעסע, און קעסלער האָט שוין געהאַט בדעה זיי צו פאָלגן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל. די „פּאַטריאָטן" האָבן געקאָנט צעטראָגן אַ טעאַטער, און וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? קעסלער האָט אָבער אַזוי לייכט ניט אויפגעגעבן דעם קאַמף, און ווידער איינגעטענהט מיט זיינע „פּאַטריאָטן", ביז מען איז ענדלעך דורכגעקומען אויף אַ קאָמ־פּראָמיס. עס איז געבליבן, אַז די „פּאַטריאָטן" דערלויבן אים שפּילן נאָך דריי פאָרשטעלונגען, און אויב די פּיעסע וועט זיי ווידער ניט געפעלן, מוז ער אויפגעבן די פּיעסע.

אָבער ווען די „פּאַטריאָטן״ האָבן געזען ווי דער עולם נעמט אויף די פּיעסע און קעסלערן אַלס „הערשעלע דובראָוונער״, האָבן זיי זיך צוריק־געצויגן פון זייער באַשלוס. קעסלער איז געבליבן שפּילן די פּיעסע, וועלכע האָט אים צוגעגעבן נאָך אַ פּערל אין זיין קרוין אַלס גרויסער יידישער דראַמאַטישער שוישפּילער.

מיט „גאָט, מענטש און טייוול״ האָט גאָרדין איינגענומען ניט נאָר די יידישע, נאָר אויך די אַמעריקאַנער וועלט. אב. קאַהאַן דערציילט, אַז מען האָט אָנגעהויבן גאָרדינען פאַרגלייכן צו איבסענען. די אַמעריקאַנער דראַמע איז דאַמאָלט געשטאַנען אַ סך נידעריקער ווי היינט. וועגן פּיעסן מיט אַ ראַדיקאַלן אינהאַלט האָט מען אויף בראָדוויי אַפילו ניט געקאָנט חלומען. בנוגע פּראָבלעמען פון ליבע און חתונה האָט מען, אין דער צייט ווען „גאָט, מענטש און טייוול״ איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישע בינע, געמוזט זיך האַלטן ביי דער שטרענגער פּוריטאַנישער פרומקייט אויף דער אַמעריקאַנער בינע. אַלץ האָט געמוזט זיין ווי גאָט האָט גע־באָטן. און ווען יידישע קאָלעדזש־סטודענטן האָבן דערציילט זייערע פּראָ־פעסאָרן, וועלכע זיינען געווען פאַרטגעשריטענע מענטשן, אַז אויף דער בויערי, אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, שפּילט מען ווערק, וואָס האָבן אַ כאַראַקטער פון איבסען, מיט געוואַגטע האַנדלונגען, אָפענע רייד, און האָבן אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט, האָט דאָס אויף אייניקע פון די פּראָ־פעסאָרן געמאַכט אַן איינדרוק, און עטלעכע פון די יידישע סטודענטן האָבן געבראַכט זייערע קריסטלעכע פּראָפעסאָרן אין יידישן טעאַטער זען און הערן דאָס וואָס זיי האָבן אויף דער ענגלישער בינע ניט געקאָנט זען און הערן. דער שריפטשטעלער ד״ר הירש לייב גאָרדאָן,[87] שרייבט מיר:

„ניט לאַנג צוריק איז געשטאָרבן אין עלטער פון 92 יאָר פּראָפ. טשאַרלז קאַטלער טאָררעי. ער איז געווען מיין לערער אין יעיל אוני־ווערזיטעט פון 1917 ביז 1922, מיט אַ הפסקה פון צוויי יאָרן אין לעגיאָן. ער און דער מיטשעטער עילוי (איר געדענקט אים אוודאי פון דער לידער ישיבה) זיינען געווען די גרעסטע מוחות, וואָס איך האָב געקענט. טאָררעי וואָלט געקאָנט אָנשרייבן פון זכרון דעם גאַנצן העברעאישן תנ״ך מיט די נקודות און טראָפּ און תרגומים. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין גרי־

כיש, אַראַביש, סורית, כושית א.א.וו. ער האָט מיר געגעבן אַ מתנה זיין פאָטאָגראַפיש בילד, אָבער איך האַלט עס באַהאַלטן, ווייל ווען איך קוק אויף אים האָב איך אַזאַ בטול פון זיך, אַזאַ מינדערוויכטיקייט, אַז איך קען ניט שרייבן, און פיל, אַז איך דאַרף ווערן אַ בעל עגלה.

נו, איין מאָל, אין 1917, זאָגט מיר טאררעי, אַז מיט עטלעכע יאָר פריער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער צווייטער עוועניו צו זען ווי די קינדער פון די נביאים לעבן היינט. האָט ער מיט אַמאָל דערזען די עלעקטרישע שילדן פון די יידישע טעאַטערס. ער האָט געקענט דייטש און העברעאיש, אָבער ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מיינט „ברײנדעלע קאָזאַק", „יענטע טעלעבענדע" און ענלעכע פערל. מיט אַמאָל דערזעט ער אין פלאַמענדע אותיות די ווערטער „מירעלע אפרת", ‚עפראַט' (אפרת) האָט צו אים אפעלירט. די ביבל! איז ער אַריין אין טעאַטער, געזעסן ביזן סוף און אַנגעקוואָלן. ער האָט געזען אַ האַנדלונג וואָס איז געווען ווירדיק, געשפּאַנט און טיף מענטשלעך, אויף אַ סך גרעסערע הויך ווי די ענגלישע דראַמען אין בראָדוועי. גראָד איז דאַן געווען אין טעאַטער יעקב גאָרדין בכבודו ובעצמו. זיי האָבן זיך באַקענט. גאָרדינס שיינע באָרד, פינקלענדע אויגן און ווירדיקע האַנדלונג האָבן האַרמאָנירט מיט דעם געשטאַלט פון אַ דראַמאַטורג. ער האָט באַזוכט [די אויפפירונג פון] זיינע דראַמען און אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט אים ביז זיין טויט.

ווען איך האָב שטודירט מיט פּראָפ. טאררעי אַראַבישע דראַמען פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָר, האָט ער געזאָגט, אַז זיי קומען ניט צו דער ליטעראַרישער מדרגה פון גאָרדינס שאַפונגען".

דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין באַשטעטיקט אויך דאָס זעלבע, אַז כאָטש דאָס „טאַליאַ"־טעאַטער, וואו „גאָט, מענטש און טייוול" איז געשפּילט געוואָרן, האָט זיך געפונען אויף אַ פּאַרוואָרפענער גאַס און אויף יעדן טריט האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָדער אויף אַ שכור, אָדער אויף אַ גאַסן־מיידל פון סאַמע רינשטאָק, האָט עס אָבער אָנגעהויבן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער העכערער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. עטלעכע באַרימטע אַמעריקאַנער קריטיקער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן קומען אין יידישן טעאַטער, האָבן אַרויסגעשטעלט דאָס יידישע טעאַטער אַלס

אַ ביישפּיל פאַרן אַמעריקאַנער פּובליקום און האָבן באַדויערט וואָס אויף דער אַמעריקאַנער בינע קאָן מען ניט אויפפירן אַזעלכע ערנסטע פּיעסן ווי אין יידישן טעאַטער.

דער מחבר אַליין, יעקב גאָרדין, האָט זיך אָנגעהויבן פילן זיכערער, דרייסטער, צופרידענער און ער האָט זיך אָפן אויסגעדריקט צו לעאָן קאָברין: „דאָס טעאַטער איז מער ניט קיין טינגל־טאַנגל באַלאַגאַן, ניט קיין פּלאַץ צו אַמוזירן אויף אַ נאַרישן אופן אַ נאַריש פּובליקום, נאָר אַ שול, וואו דאָס אָנגענעמע און נוצלעכע זיינען די לערער און די דערציער. אַזוי וויניקסטנס איז דאָס טעאַטער וואו מיינע פּיעסן ווערן געשפּילט".

דער רום פון „גאָט, מענטש און טייוול" האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער וועלט, און ניט נאָר האָבן אַלע יידישע טעאַטערס איבער דער וועלט אָנגעהויבן צו שפּילן די פּיעסע, נאָר זי איז באַלד געשפּילט געוואָרן אויף העברעאיש אין ארץ ישראל און געוואָרן איבערזעצט אין רוסיש און פּויליש און מיט אַ ריזיקן דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אויף דער רוסישער און פּוילישער בינע.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# „סאפאָ" מיט וועלכער גאָרדין האָט באַרימט געמאַכט בערטאַ קאַליש

צוויי פּרויען־פּיעסן וואָס מאַכן גרויס יידישע אַקטריסעס — גאָרדינס באַאַרבעטונג פון הויפּטמאַנס „הענשעל פורמאַן" — דער באַדייט פון „די שבועה" פאַר קעני ליפּצין — פּרץ רעזשיסירט אַ גאָרדין־פּיעסע, וואָס ווערט געשפּילט פון אַ פּרימאַדאָנע — דער טומל וועגן פרייע ליבע, וואָס „סאַפאָ" האָט אַרויסגערופן.

ווי אידעאַליסטיש און ווי אידעאיש גאָרדין האָט ניט געזאָלט אָדער געוואָלט זיין, האָט ער אויך געמוזט זיין אַ ביסל פּראַקטיש, און אָט די פּראַקטישקייט האָט דערפירט דערצו, אַז אין זיינע ערשטע פּיעסן זאָל ער לייגן דאָס הויפּט־געוויכט אויף די ראָלן, אַז זיי זאָלן זיין פאַר די מענער־שוישפּילער, ווייל די באַלעבאַטים פון די טעאַטערס, די דירעקטאָרן, די מענעדזשערס און די דעה־זאָגערס זיינען געווען די מענער־שוישפּילער. איז אויסגעקומען, אַז אין די ערשטע גאָרדין־פּיעסן, הגם עס זיינען דאָרט געווען פרויען־ראָלן, זיינען זיי אָבער ניט געווען דער עיקר פון דער פּיעסע און ממילא דערפירט, אַז צו דער פּאָפּולאַריטעט און באַליבטקייט פון די מענער־שוישפּילער, האָט די נייקייט פון גאָרדינס פּיעסן, די גרויסע ראָלן, צוגעגעבן נאָך מער רום און זיי נאָך פּאָפּולערער געמאַכט. ערשט שפּעטער, מיט דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער, מיט דער גרויסער יידישער איינוואַנדערונג אין אַמעריקע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינצופירן די יידישע פרוי אין די שעפּער און אין פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, איז קלאָר געוואָרן, אַז די יידישע פרוי דאַרף אויך אָנהייבן צו פאַרנעמען איר פאַרדינט אָרט אויף דער בינע און גאָרדין הייבט אָן שאַפן זיינע פּיעסן

ווי „מירעלע אפרת", „די שחיטה", וואו די פּרויען־ראָליסטקע, די אַקטע־ריסע, שפּילט די וויכטיקערע ראָל פון דער פּיעסע.

מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך באַוויזן איבערצוגעבן די געשיכטעס וועגן „מירעלע אפרת" און „די שחיטה". איצט וועלן מיר פּרובן ריידן וועגן צוויי אַנדערע פּיעסן, וואָס האָבן געהאַט הויפּט־פּרויען־ראָלן, און האָבן ווידער אַרויסגערוקט אויף דער אויבערפלאַך אַ יידישע שוישפּילערין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן אַ גאָר גרויסער נאָמען: בערטאַ קאַליש.

די צוויי פּיעסן זיינען „די שבועה, אָדער ראַניאַ די פּאַטשטאַרקע" און „סאַפאָ". צו דער אידעע פוןביידע פּיעסן איז גאָרדין ווידער געקומען דורך אַנדערע, דורך פּיעסן, וועלכע זיינען שוין פריער דורך ניט־יידן געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע, אָבער, ווי אין זיינע פריערדיקע פּיעסן, האָט גאָרדין ווידער באַוויזן ביידע פּיעסן אַריינצוגיסן אין אַזעלכע יידישע פאָרמען מיט אַזעלכע יידישע טיפּן און כאַראַקטערן, אַז נאָר די, וועלכע זיינען געווען גוט באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָבן געקאָנט קומען אויף די שפּורן פון וואַנען גאָרדין האָט גענומען אָט די צוויי פּיעסן. זיי, די, וועלכע האָבן זיך געגריבלט אין די אַרכיוון פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע, האָבן עס געהאַלטן שטענדיק פאַר וויכטיק אונטער־צושטרייכן די קוואַלן פון וואַנען אָט די גאָרדין־פּיעסן שטאַמען.

לאָמיר דאָ איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכן, אַז עס זיינען געווען און עס זיינען דאָ צוויי טיפּן דראַמאַטורגן.

איינער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ געוויסער אידעע, שאַפט אַליין אַ סיטואַציע, וואָס קאָן אָדער האָט טיילווייז ערגעץ וואו פּאַסירט, באַקליידט אָט די האַנדלונג מיט טיפּן, וואָס ער האָט ערגעץ וואו באַגעגנט אָדער טראַכט זיי אַליין אויס. ביי אָט דעם דראַמאַטורג איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע זיין אידעע, זיין געדאַנק, וואָס ער וויל דורכפירן אין דער פּיעסע, און די דראַמאַטישקייט פון דער האַנדלונג, די גאַנצע בינע־סטרוקטור, די געזעצן לויט וועלכע אַ פּיעסע דאַרף לעבן אויף דער בינע זיינען ביי אים די נעבן־זאַך. אַזעלכע יידישע דראַמאַטורגן זיינען געווען פּרץ,[88] שלום־עליכם, אַש, הירשביין, קאָברין. האָט טאַקע אין מאַנכע פון זייערע פּיעסן דער סוזשעט,

די אַנטוויקלונג פון דער אַקציע ניט געלעבט אין גאַנצן בשלום מיט די בינע־געזעצן, און טייל פון זייערע פּיעסן זיינען דעריבער קאַלט אויפגע־נומען געוואָרן, בעת זיי זיינען פאַרבליבן דויערנדע ליטעראַטור, גוטער לייען־שטאָף.

פאַראַן אָבער דראַמאַטורגן, וואָס דער עיקר איז ביי זיי די חיי־שעה, דאָס לעבן פון דער פּיעסע. זיי ווייסן, אַז טעאַטער האָט זיינע געזעצן. אין משך פון אַ האַלבער שעה, וואָס אַן אַקט דויערט, מוזן פאָרקומען געשעענישן, מוזן זיך זאַכן אַנטוויקלען, שנעל און פאַרכאַפּנד, איז ביי זיי ניט דער עיקר דער סוזשעט, וועלכן זיי באַרגן זיך טיילמאָל אויס, ניט ער שטאַמט פון זייער אייגענעם מוח, נאָר זייער מוח־אַרבעט און זייער קונסט באַשטייט אין אויסבויען די בינע־ראַם פון דעם ווערק. זייערע פּיעסן זיינען דעריבער דויערנדער אויף דער בינע ווי אין בוך. זייערע העלדן לעבן גיכער, ווען איר זעט זיי אויף דער בינע, ווי ווען איר ווילט זיי באַנעמען ביים לעזן וואָס זיי טוען און וואָס זיי רעדן. אָט די דראַמאַ־טורגן זיינען די טעכניקער פון טעאַטער. זיי זיינען די באַהערשער פון דער בינע, און גאָרדין האָט געהערט צו אָט דעם טיפּ דראַמאַטיקער. פאַר אים איז ניט געווען דאָס וויכטיקסטע אַליין אויסצוטראַכטן אַ פּלאַן פון אַ פּיעסע, אַ געדאַנק, אַן אידעע, נאָר גיכער צו נעמען אַ „פּלאַט", אַ פאַקט, אַ געשעעניש, אַ פּאַרטיקע מעשה, אָבער זי איבערגיסן אין דער טעאַטער־פאָרם און דערביי זי אַרויסברענגען דורך טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס זאָלן מאַכן גלויבן די האַנדלונג און דאָס וואָס עס קומט פאָר כל זמן די פּיעסע שפּילט זיך אָפּ.

און אָט אויף דעם געביט איז גאָרדין באמת געווען אַ גאָר גרויסער מייסטער.

די בעסטע עדות טאַקע זיינען אָט די צוויי פּיעסן, וועגן וועלכע ס׳ווערט דאָ ווייטער איבערגעגעבן סיי זייער אינהאַלט, סיי דער איינדרוק, וואָס זייערע אויפפירונגען האָבן געמאַכט און די ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און אין גאָרדינס קאַריערע.

דער באַרימטער דייטשער דראַמאַטורג גערהאַרד הויפּטמאַן, וואָס זיין עלטער האָט פאַרשעמט זיין יוגנט, דורכדעם וואָס ער איז אַרונטערגעפאַלן

אונטער דער השפעה פון היטלערן י״ש, האָט געהאַט איינע פון זיינע שטאַרקסטע פּיעסן „פורמאַן הענשעל״, וואָס האָט געהאַט ריזיקע דערפאָלגן ניט נאָר אויף דער דייטשער, נאָר אויך אויף אַנדערע בינעס, און אויף דער יידישער, פאַר וועלכער דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער ה. ד. נאָמבערג [89] האָט זי געפונען פאַר נייטיק איבערצוזעצן. די פּיעסע איז לכתחילה געשפּילט געוואָרן אויף יידיש דורך ליבהאָבער־גרופּן סיי אין איראָפּע סיי אין אַמעריקע, אָבער נאָך איידער דער אָריגינאַל איז אויפגעפירט געוואָרן אין יידיש, האָט זיך אויף דער טעמע שוין געוואָרפן דער אַמאָל גוט־באַקאַנטער יידישער שרייבער, אַנאַרכיסטישער פירער און איינער פון די בויער פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע מ. קאַטץ,[90] וועלכער האָט די טעמע פאַריידישט און זי באַאַרבעט אין אַ פּיעסע „גדליה דער בעל עגלה״, וואָס בערטאַ קאַליש האָט געשפּילט. פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט אָפּגעהאַלטן גאָרדינען, אַז ער זאָל אויך די זעלבע טעמע באַאַרבעטן אין אַ פּיעסע, וועלכע ער האָט גערופן „די שבועה, אָדער ראָניע די פאָטשטאַרקע״. גאָרדין, ווי זיין שטייגער, האָט ניט געמאַכט קיין סוד, אַז ער האָט די טעמע „גענומען״. ער האָט עס בפירוש געזאָגט אין דעם אַנאָנס. אָט די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין 1900 אין „טאַליא טעאַטער״, און די הויפּט־ראָל „ראָניע״ איז געשפּילט געוואָרן דורך קעני ליפּצין. גאָרדין האָט מיט דער פּיעסע געגעבן דער ליפּצין די בעסטע געלעגנהייט זיך צו ווייזן אין אַ גאָר פאַרקערטן כאַראַקטער ווי „מירעלע אפרת״. „מירעלע״, איז אַ היימישע, אינטעליגענטע, איידעלע יידישע פרוי. ראָניע איז אַ פּראָסטער פאָלקס־מענטש, אַ האַרטע נשמה, פּשוט, מענעריש, ניט־איידל, ניט־צאַרט, און די וועלכע האָבן פריער געזען קעני ליפּצין אַלס מירעלע אפרת, האָבן דערזען פאַר זיך אַ נייעם מענטשן, און די ליפּצין איז דעריבער ביי זיי געשטיגן ווי אַ קינסטלערין.

„די שבועה״ שפּילט זיך אָפּ אין אַ ישוב, אין אַלטן רוסלאַנד, אין דער צייט ווען די קאָמוניקאַציע ווערט נאָך געפירט דורך פערד. דאָס איז די „פּאָסט״, וואָס פירט די פאַרבינדונג צווישן מענטשן, און אויף די וואָגנס געפירט פון די פערד, ווערן אויך צוגעשטעלט די פאַרשיידענע אַרטיקלען פאַר הויז און משפחה. אָט די „פּאָסט״ ווערט געוויינלעך גע־

געבן אין „ארענדע״, און דער ארענדאטאר איז א געוויסער פּיוויש, וואס קרענקט זיבן יאר, און זיין ווייב ראניע פירט דאס גאנצע געשעפט, וואס פארהארטעוועט איר און מאכט איר פאר א מין „מאנסביל״. ראניע איז אבער נאך אין די בעסטע יארן און עס איז גאנץ נאטירלעך, אז זי זאל וועלן נאך געניסן פון א פאמיליע־לעבן. פּיוויש פילט די גאנצע צייט וואס עס פעלט זיין ווייב, און עס פארגנבעט זיך אים אפט א פארדאכט, אז זי האט מחזקות מיט זיין אנגעשטעלטן אביש, א געזונטער יונג, וואס איז ניט מקפיד, טאנצט און פארברענגט מיט די שיקסעס אין דער שענק, וועלכע פּיוויש האלט. איידער פּיוויש שטארבט, נעמט ער ביי זיין ווייב תקיעת כף, א שבועה, אז זי וועט ניט חתונה האבן מיט אייבישן. דאס וואלט אים בארואיקט, אז זיין חשד די גאנצע צייט איז געווען א פאלשער. עס גייט אריבער א יאר. ראניע שטעלט א מצבה איר מאן, אבער ווען זי הערט פון אייבישן, אז ער וויל אוועקגיין, הייבט זי אן טראכטן ערנסט וועגן ברעכן איר שבועה מיט אים ניט־חתונה צו האבן. זי נעמט א היתר ביי א רב, קריגט די צושטימונג פון איר פאמיליע, אויסער פון איר זון, און האט חתונה מיט אייבישן. באלד נאך דער חתונה הייבט אייביש אן צו באלעבאטעווען, פארהולעט געלט, פארפירט דאס מיידל, וואס דינט ביי זיי און לסוף לאזט ער דערטרינקען אין טייך ראניעס זון פון פּיווישן. ראניע דערזעט אין דעם אלעם די שטראף פאר איר גע־בראכענער שבועה. זי קאן זיך מער ניט בארואיקן. אויף טריט און שריט פילט זי די לאסט פון דער שבועה און זי צינדט צום סוף אונטער איר הויז און שטארבט אין פייער.

אינטערעסאנט, אז כאטש די טעמע איז גענומען געווארן פון הויפּט־מאנס „פורמאן הענשעל״, וואס איז אויך געשפּילט געווארן אין רוסיש. דאך האט מען אויך גארדינס פּיעסע איבערזעצט אין רוסיש און זי האט געהאט א געהעריקן דערפאלג.

„די שבועה״, ווי אנדערע גארדין־פּיעסן, וואס זיינען באלד געווארן דאס אייגנטום פון דעם הויפּט־ראליסט, איז אין אמעריקע כמעט ניט געשפּילט געווארן דורך קיין אנדערע אקטעריסע ווי קעני ליפּצין. אין אייראפּע איז די פּיעסע געשפּילט געווארן, שוין נאך גארדינס טויט, און

אינטערעסאַנט, אַז די הויפּט־ראָל איז גראָד געשפּילט געוואָרן ניט דורך קיין דראַמאַטישע אַקטריסע, נאָר דורך אַ געזאַנג־שוישפּילערין מריה גורעוויטש,[91] וועלכע איז אָבער געווען זייער צוגעפּאַסט צו דער ראָל, ווייל זי איז פריער געווען אַן אוקראַינישע אַקטריסע (אונטערן נאָמען „גורענקאָ") און האָט גוט געקענט פאַרקערפּערן אָט דעם טיפּ פון אַ רוסיש־יידישער פרוי, און ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז, אַז דעם גרויסן י. ל. פּרץ וואָס איז געווען אַ קנאַפּער אָנהענגער פון גאָרדינען, איז די פּיעסע אַזוי געפעלן, אַז ער האָט זי רעזשיסירט. שפּעטער איז די ראָל איבערגענומען געוואָרן דורך דער באַרימטער אסתר רחל קאַמינסקי, און זי איז לאַנג פאַרבליבן אין איר רעפּערטואַר.

נח פּרילוצקי האָט זיך וועגן דער פּיעסע אויסגעדריקט: „דאָס פּראָבלעם, דער שניט, די סכעמע פון דער האַנדלונג און פון די הויפּט־פיגורן, זאָגאַר די וויכטיקסטע דראַמאַטישע מאָמענטן זיינען גענומען ביי גערהאַרד הויפּטמאַן, אָבער גאָרדין האָט די געליענע ליניעס, די בלויזע ביינער פון דער זאַך אָנגעטאָן אין זיין אייגן לייב און הויט. דאָס בלוט, דער גייסט פון דעם שטיק זיינען זיינע. די טיפּן זיינען נאָך אַלעמען, פון [דער] אייגענער פּאָרטרעטן־גאַלערעע, דער שטעל פון דער האַנדלונג — לויט זיין אייגענעם שטייגער".

ניט אָפּגערוט זיך נאָך פון דעם דערפאָלג פון אָט דער פרויען־פּיעסע, האָט גאָרדין באַלד אַרויסגעבראַכט אַ צווייטע גרויסע פרויען־פּיעסע, וואָס איז געווען אַ ניי וואָרט אויף דער יידישער גאַס.

ווידער האָט מען גענומען באַשולדיקן גאָרדינען, אַז ער האָט די אידעע גענומען ביי גרילפּאַרצערן, אָבער אַ פאַקט איז, אַז מיט „סאַפאָ" האָט גאָרדין אַרויסגעבראַכט אויף דער יידישער בינע די גרויסקייט פון בערטאַ קאַליש, וועלכע איז ביז דאַמאָלט מערסטנטייל געווען באַקאַנט אַלס אַ פּרימאַדאָנע און האָט געשפּילט אין די פאַרשיידענע היסטאָרישע און מעלאָדראַמאַטישע פּיעסן און אַפילו אין זיינע, גאָרדינס, פריערדיקע פּיעסן, אָבער ערשט אין „סאַפאָ" האָט זי געהאַט די ערשטע גרויסע געלעגנהייט צו דערשיינען אין איר גאַנצער עלעגאַנץ, אין איר וייב־

לעכקייט און מיט איר שפּילן צוציען אויף זיך די גרעסטע אויפמערק־זאַמקייט.

ב. גאָרין, דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, וועלכער זאָגט, אַז „סאַפאָ״ איז ביי דער אויפפירונג געווען אַ מאַטעריעלער דורכפאַל, גיט אָבער צו, אַז די פּיעסע האָט „גלייך צוגעצויגן צו דער יונגער קאָליש די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בעסערן פּובליקום און דאָ האָט זי צום ערשטן מאָל, געהאַט די מעגלעכקייט צו ווייזן זיך אין איר פולן גלאַנץ, און צו צייגן אַז זי באַזיצט אַן אויסערגעוויינלעכן גרויסן טאַלאַנט. ...דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין טעאַטער האָט זיך פאָרמירט אַ גרופּע „גאָרדיניסטן״. זיי האָבן פיל געהאָלפן, אַז די גאָרדינישע דראַמע זאָל זיך טיפער איינוואָרצלען אויף דער בינע״.

אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס נייע וואָס גאָרדין האָט אַרויסגעבראַכט אין „סאַפאָ״ ? — אַז אמתע ליבע איז ניט דווקא קאָנווענציאָנעל, אַז אמתע ליבע ברעכט אַמאָל מיט די געזעצן, און אַז דווקא די געזעצן בינדן אַמאָל צו פאַלשקייטן און אומערלעכקייט אין פאַמיליע־לעבן.

פריער האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז „סאַפאָ״ איז באַזירט אויף אַ פרעמדער פּיעסע, גאָרדין מאַכט ניט דערפון קיין סוד. אין אַ געוויסן מאָמענט פון זיין הויפּט־העלדס לעבן, דריקט זי זיך אויס, אַז אַפּאָלאָן זאָנענשיין, וואָס ראָמאַנסירט מיט איר, האָט איר געזאָגט, אַז אָנשטאָט סאָפיע, ווי זי הייסט, וועט ער זי רופן שטענדיק „סאַפאָ״, ווייל זי איז ענלעך צו דער קלאַסישער סאַפאָ. סאָפיע עפנט דעריבער אַ בוך פון וועלט־געשיכטע פון וועלכער זי זעט, אַז עס ווערט דערציילט, אַז סאַפאָ איז געווען אַ זעלטענע גריכישע שיינהייט, אַ באַגאַבטע דיכטערין, האָט געליבט מוזיק, געזאַנג, פאַרגעניגן, האָט געלאַכט פון אַלע הערשנדע מיינונגען, איז געווען זייער אומאָפּהענגיק און האָט געלערנט די פרויען צו זיין פריי, זעלבשטענדיק. ווען דאָס לעבן איז איר געוואָרן איבערדריסיק, האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן אין ים פון אַ הויכן פעלז און האָט דערביי געזאָגט, אַז זי ברענגט זיך אַלס קרבן פאַרן גריכישן גאָט פון שיינהייט און פּאָעזיע, „אַפּאָלאָן״.

גאָרדינס העלדין איז אַ קאָפּיע פון אָט דער גריכישער העלדין. זי

האַלט ביים חתונה האָבן מיט אַ פאָטאָגראַפיסט באָריס סטאַוראָפּאָלסקי, אָבער ווען זי באַמערקט ווי איר יונגערע שוועסטער ליזע ראָמאַנסירט מיט איר חתן, און ווען זי הערט ווי איר חתן דריקט זיך אויס, אַז ליב האָט ער גאָר ליזען ניט סאָפיען, האַלט זיך סאָפיע ניט אָפּ אָפּן פאַר אַלעמען זיך אָפּצוזאָגן אַ טאָג פאַר איר חתונה פון איר חתן, הייסט אים חתונה האָבן מיט איר שוועסטער, הגם, ווי זי זאָגט אָפן הויך פאַר אַלעמען, אַז זי שוואַנגערט פון איר חתן. זי דערציט טאַקע שפּעטער דאָס קינד ביי זיך. מאַכט זיך אָבער, אַז סאָפיעס אַ שוועסטערקינד מאַניטשקע, אַ רייכן פיש־הענדלערס טאָכטער, וועמענס פאָטער האָט כסדר אויסגע־האַלטן דעם שטודיום פון אַ פּיאַניסט אַפּאָלאָן זאַנענשיין, קומט אין שטאָט חתונה האָבן מיט מאַניטשקען, אָבער פון מאָמענט וואָס ער דערזעט סאָפיען, פאַרליבט ער זיך אין איר, מאַכט איר די גרעסטע קאָמפּלימענטן, פּראָקלאַמירט זי אַלס די גריכישע „סאַפּאָ", און סאָפיע פאַרגעסט זיך און פאַרליבט זיך אויך אין אים. אָבער אַפּאָלאָן האָט חתונה מיט מאַ־ניטשקען און דאָס צווינגט אים צו פאַרנאַכלעסיקן סאָפיען. עס קומט צווישן זיי צו אַ דיסקוסיע בעת וועלכע סאָפיע דערזעט דעם אמת, אַז אַפּאָלאָן איז געזעצלעך געבונדן צו מאַניטשקען, מיט וועלכער ער האָט אויך אַ קינד און זי זאָגט זיך אָפּ פון אים. דערווייל שטאַרבט איר שוועסטער ליזע, און איר מאַן, באָריס, נעמט זיך ווידער שדכנען צו סאָפיען. אָבער זי וויל דערפון ניט הערן. סאָפיעס פאָטער וויל זי אויך פאַרשדכנען צו אַ רייכן עלטערן מאַן, אָבער זי זאָגט זיך אָפּ דערפון.

די לעצטע שורה איז, אַז כדי צו ראַטעווען איר קינד פון די אומאָנ־גענעמלעכקייטן אויפצוואַקסן ווי אַן אומגעזעצלעך קינד, איז סאָפיע מסכים אָפיציעל חתונה צו האָבן מיט באָריסן. דאָס טוט זי אָבער נאָר פאַרן קינדס גליק. זי ווייסט שוין קיינמאָל ניט זיין גליקלעך, ווייל איר ליבע איז שטענדיק געווען, ווי עס ווערט גערופן, „אומגעזעצלעך".

איך האָב דאָ געבראַכט דעם אינהאַלט און דעם געדאַנקן־גאַנג פון דער פּיעסע, כדי עס זאָל קלאָר ווערן וואָס פאַראַ טומל די פּיעסע, וועלכע האָט, הייסט עס, געפּרעדיקט „פרייע ליבע", האָט אַרויסגערופן אין דער יידישער גאַס, און ניט נאָר ביי פרומע נאָר אויך ביי טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ.

### קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

## גאָרדין באַשולדיקט אין פּראָפּאַגאַנדירן און גלייכצייטיק אָפּלאַכן פון „פרייע ליבע"

די פאַרשיידענע מיינונגען וועגן זיין פּיעסע „סאַפאָ" — יעדער טייטשט ווי ער וויל — די „געשיכטע" ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז גאָרדין זאָל אָנשרייבן „קרייצער סאָנאַטאַ" — די פּיעסע האָט ניט קיין מזל ביי דער קריטיק, אָבער דער עולם פאַרפולט דאָס טעאַטער.

אין דעם פאַריקן קאַפּיטל האָב איך איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון יעקב גאָרדינס פּיעסע „סאַפאָ" און אָנגעוויזן, אַז דורך דעם, וואָס בערטאַ קאַליש האָט באַקומען צו שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין וועלכער זי האָט געקאָנט אַרויסווייזן איר פרויען־שיינהייט און גראַציע, און פון דער אַנדע־רער זייט פאַרשטעלן אַ פרויען־טיפּ, וואָס איז געווען ניי אויף דער יידישער גאַס, האָט זי זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען, וואָס האָט איר שפּעטער דערפירט צו ווייטערדיקע דערפאָלגן ניט נאָר אויף דער יידישער, נאָר אויך אויף דער אַמעריקאַנער־ענגלישער בינע. גלייכצייטיק אָבער האָט די גאַנצע געשיכטע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין „סאַפאָ"; דער פאַקט וואָס מען רעדט אָפן ווי אַזוי אַ ניט־פאַרהייראַטע פרוי נעמט איבער צו דערציען איר אומגעזעצלעך קינד, זאָגט זיך אָפּ חתונה צו האָבן מיט איר חתן, דער פאָטער פון קינד, און גיט אים בעסער איבער צו איר שוועסטער, און אין דער זעלבער צייט פאַרליבט זי זיך אין אַ פאַרהייראַטן מאַן. די האַנדלונג און די פאַרשיידענע פרייע געדאַנקען, וואָס די הויפּט־העלדין סאַפּיע, וואָס ווערט (צוליב אירע פרייע געדאַנקען גערופן) אויפן גריכישן נאָמען „סאַפאָ", זאָגט אַרויס אויף טריט און שריט אין דער 4־אַקטיקער פּיעסע, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל אין דער דאַמאָלטיקער יידישער גאַס.

געטומלט האָט זיך ניט נאָר די פרומע עדה. אַז פרומע אָרטאָדאָקסישע יידן, וואָס זיינען בכלל געווען ווייניק באַגייסטערט פאַר יידיש טעאַטער און עס באַטראַכט ווי מוקצה, זאָלן זיך אַרויפוואַרפן אויף גאָרדינען און אים פאַרשרייען צוליב דער פּיעסע אַלס „משיח", איינער, וואָס וויל אַראָפּ־פירן פון גלייכן ייִדישן וועג, וואָס שענדעט די פאַרהייליקטע טהרת המשפחה, ווי זיי האָבן שפּעטער געטומלט, ווען מען האָט אויפגעפירט גאָרדינס פּיעסע „כאַסיע די יתומה", וואָלט געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, אָבער די אידעען, וואָס גאָרדין האָט געפּרעדיקט דורך דער פּיעסע, ווי דער הויפּט־העלד סאַפאָ ברענגט זיי אַרויס, האָבן אויך ניט שטאַרק נושא חן געווען ביי גאַנץ אַנדערע עלעמענטן. גאָרדין האָט — ווי קלמן מרמר דערציילט — באַקומען אַ גאַנצן פּאַק בריוו פון אינטעליגענטע געבילדעטע און פּראָגרעסיווע מענער און פרויען מיט טענות צו אים. און גאָרדין האָט אַ טייל פון אָט די בריוו טאַקע אויך פאַרעפנטלעכט.

אַזוי האָט איינער אַ ראַדיקאַלער דאָקטאָר, וועלכער האָט שפּעטער פאַרטיידיקט „די יידישע סאַפאָ" — סאָפיע פינגערהוט — ווי אַן אָנזאָג אויף דער נייער פרוי, אַזוי געשריבן:

„מיינט איר ניט, אַז דאָס שטיק איז צו ראַדיקאַל און אַז עס איז נאָך צו פרי אַזעלכע שטיק אויף דער יידישער בינע אויפצופירן?... עס קאָן זיין, אַז די אידעע איז טאַקע אַ ריכטיקע, אָבער איז דען טעאַטער דער פּלאַץ, וואו מען זאָל פּראָפּאַגאַנדירן אַזעלכע נייע רעוואָלוציאָנערע אידעען?"

אַ יידישער אַדוואָקאַט האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט מיטגענומען מיט זיך אין טעאַטער דעם „אַסיסטענט לידער" [געהילף אָנפירער] פון זיין „טעמעני דיסטריקט", און הערנדיק די אַנטי־לאָ [קעגן געזעץ] אַנטי מאָראַל טענדענצן, האָט ער געפילט, אַז עס איז אַ „דיסגרעיס" [אַ שאַנד] פאַר יידן... אַלס אַדוואָקאַט, וואָלט ער געקאָנט, שרייבט ער, פאַרטיידיקן די יידישע סאַפאָ אין געריכט, אַפילו ווען זי וואָלט איר אומגעזעצלעך קינד „אין געהיים דערמאָרדן". ער וואָלט געטענהט, אַז זי איז געווען משוגע... אָבער ניט שעמען זיך, אָפן זאָגן די גאַנצע וואָרהייט, נעמען אויף זיך פאַראַנט־וואָרטלעכקייט און אַליין זאָרגן פאַר אַן אומגעזעצלעך קינד. דאָס טוט ניט קיין אָנשטענדיקע פרוי".

מיט אַ גאַנץ אַנדערע קריטיק אָבער איז קעגן גאָרדינען אַרויסגע־קומען אב. קאַהאַן, וועלכער האָט אין זיין סעריע קעגן גאָרדינען געהאַט פונקט אַ פאַרקערטע טענה:

„מיר באַשולדיקן גאָרדינען ניט, אַז ער האָט טאַקע געוואָלט אָפּלאַכן פון דער דערמאָנטער אידעע (פרייע ליבע), איר איבערקרימען, אַרויס־שטעלן אין אָפּשטויסנדיקע קאָלירן. זיין האַרץ איז געווען גוט. דיזע סאָרט אַרבעט — פאַרקערפּערן אַן אידעע אין בילדער — איז אָבער ניט נאָך זיינע קרעפטן נאָך. ער זעט ניט אין געדאַנקן קיין לעבעדיקע וועלט. ער הערט ניט די טענער פון ווירקלעכקייט, ער פאַבריצירט זיינע פּיעסן מע־כאַניש, ער קלערט אַלץ צו, ער קלעבט זיי צונויף, אַ פלאַנטער פון אומנאַ־טירלעכקייט, און פון דער אידעע, וועלכע ער נעמט אין האַנט, ווערט אַ באַרג אַש".

האָבן מיר דאָ צוויי מינים קריטיקס קעגן גאָרדינען. פון איין זייט וואַרפט מען אים פאָר, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ טענדענץ־פּיעסע, וואָס פּרעדיקט פרייע ליבע, און וואָס איז נאָך צו פרי פאַר יידישע באַזוכער און עס איז בכלל אַ פראַגע צי מען דאַרף אויסנוצן די ברעטער פון דער בינע צו פּרעדיקן אידעען, פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר געוויסע לאָזונגען, און פון דער אַנדערער זייט האָט מען געהאַט צו גאָרדינען טענות, אַז דורכדעם וואָס סוף כל סוף האָט סאַפּיע פינגערהוט (סאַפאָ) חתונה מיט איר קינדס פאָטער, כאָטש זי האָט ליב און ווערט געליבט פון אַ צווייטן — אַ פאַרהייראַטן מאַן, צילט גאָרדין באמת בלויז אַרויסשטעלן דעם אידעאַל פון פרייע ליבע אין אַ קרומען שפּיגל, חוזק צו מאַכן דערפון.

גאָרדין באַהאַנדלט די אַלע קריטיקער און ער ענטפערט מיט אַ לאַנגן אַרטיקל, אין וועלכן ער פאַרטיידיקט זיין העלדין סאַפאָ, אַז זי איז אַ רע־וואָלוציאָנער, און זי האַנדלט רעוואָלוציאָנעריש קעגן דער געזעלשאַפט, אָבער זי פאַרלירט דעם קאַמף קעגן די פאַראורטיילן פון דער געזעלשאַפט.

די צייט האָט אירס געטאָן: „סאַפאָ" האָט זיך ווי אַ פּיעסע איינגע־בירגערט אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, איז דורכן אַרטיסט יוליוס אַדלער געבראַכט געוואָרן אין 1907 אין אייראָפּע און אסתר רחל קאַמינסקאַ

האָט אין דער ראָל ווידער באַקומען אַ גוטן אויסדרוק פאַר איר גרויסן אַרטיסטישן טאַלאַנט.

„סאַפאָ" איז מיט אַ באַזונדערן גרויסן דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף רוסיש אין רוסלאַנד, און ווייל די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ אין אָדעס, האָט די פּיעסע אויף רוסיש געטראָגן דעם נאָמען „אָדעסער לעבן". די פּיעסע איז אויך דערשינען אין צוויי באַזונדערע איבערזעצונגען אין רוסיש.

אַ שטיקל צייט האָט גאָרדין זיך געגרייט אָנצושרייבן ווידער אַ גרויס שטאַרק בינע־ווערק, און ווי שטענדיק אין אַזאַ סיטואַציע, האָט ער דערווייל אָנגעשריבן עטלעכע לייכטע, ניט וויכטיקע פּיעסן, ווי אַ באַאַרבעטונג פון הוגאָס „לוקרעציאַ באָרדזשאַ" אונטערן נאָמען „דער ממזר" און אַפילו אַ גאָר לייכטע פּיעסע „אַמעריקע", אויף וועלכער ער האָט זיך ממש געשעמט אָנצוגעבן זיין נאָמען און זי גערופן „פאַרפאַסט פון פּראָפעסאָר יאַקאָבי אויס לאָנדאָן".

אין 1901 איז געוואָרן 10 יאָר ווי גאָרדין איז געקומען אין אַמעריקע. קיין נייע פּיעסע האָט ער נאָך ניט געהאַט פאַרטיק, אָבער מען האָט אין „טאַליאַ טעאַטער" געפייערט זיין 10־יאָריקן בינע־יובילײ, האָט ער אָנ־געשריבן אַן איינאַקטער „טיפּן גאַלעריע", אין וועלכן ער האָט דורכגעפירט די וויכטיקסטע טיפּן פון זיינע ביז דאַמאָלטיקע סוקסעס־פּיעסן, און ממילא האָט דאָס אויך געגעבן די געלעגנהייט די באַרימטסטע אַקטיאָרן אויפצו־טרעטן אין דעם איינאַקטער, וואָס איז שפּעטער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן ווידער געשפּילט געוואָרן.

אין יאַנואַר 1902 איז גאָרדין ווידער אַרויסגעקומען מיט אַ נייער גרויסער פּיעסע „קרייצער סאָנאַטאַ", וואָס איז אייגנטלעך אַ נאָמען פון גראַף טאָלסטאָיס אַ באַרימטן ראָמאַן, און אַ סך, וואָס האָבן געהערט דעם נאָמען, זיינען פאַרפירט געוואָרן, מיינענדיק אַז דאָס איז בלויז גאָרדינס אַ דראַמאַטיזאַציע פון טאָלסטאָיס ראָמאַן. פאַקטיש איז עס אָבער ניט אַזוי. אָפּגערעדט שוין דערפון וואָס אין אַזאַ פאַל וואָלט די פּיעסע ניט געקאָנט געשפּילט ווערן אין רוסיש, ווי זי איז דווקא יאָ געשפּילט געוואָרן און דערצו מיט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג, אָבער באמת איז דער נאָמען „קרייצער סאָנאַטאַ" נאָר אַן אָנדייטונג צו אַ געשיכטע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין

טאָלסטאָיס ראָמאַן, וואָס ווערט געליינט פון דער הויפּט־העלדין, עטי, פון גאַרדינס פּיעסע.

וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער פּיעסע איז דאָ אַזאַ שטיקל רכילות: בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות, אַז זי און בערטאַ קאַליש פלעגן זיך אָנטאָן און גרימירן אין איין גאַרדעראָבע. איין מאָל, ריידנדיק דאָרט מיט גאַרדינען, האָט ער „געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגן קאַלישס שיינע האָר, און די קאַליש האָט זיך צו אים אָפּגערופן: „מיסטער גאַרדין, שרייבט מיר אַן עפּעס אַ ראָלע צו מיינע האָר. איר האָט געהערט פון אַ שרייבער טאָלסטאָי? ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך, איז דאָרט דאָ אַ העלדין, וואָס האָט שיינע לאַנגע האָר ווי מיינע, שרייבט מיר אָן אַ ראָלע צו מיינע האָר". ווייטער דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי, אַז „גאַרדין האָט זיך אַ גלעט געטאָן איבער דער שוואַרצער באָרד זיינער און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געענטפערט: „יעס, מאַדאַם, איך האָב „געהערט" פון אַ שרייבער טאָלסטאָי", און גאַרדין האָט פאַר איר אָנגעשריבן „די קרייצער סאָנאַטאַ".

די מעשה איז שווער צו גלייבן, ווייל בערטאַ קאַליש, אַפילו אין יענע יאָרן, וואָלט ניט געשטעלט גאַרדינען אַזאַ נאַרישע קשיא צי ער האָט געהערט פון אַ שרייבער טאָלסטאָי, אָבער ווי אַ מעשהלע איז עס שיין, בפרט גאַרדינס סאַרקאַסטישער ענטפער.

בערטאַ קאַליש אַליין אין אירע דעראינערונגען דערציילט די זאַך אין גאַנצן אַנדערש, אַז ווען זי האָט אַמאָל פאַרגעלייגט גאַרדינען צו שרייבן ספּעציעל פאַר איר אַ פּיעסע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט מיט דער דערקלערונג, אַז ער שרייבט איבערהויפּט ניט ספּעציעל פאַר אַקטיאָרן, נאָר ער שרייבט פאַר דער בינע.

אויך דאָס שטימט ניט אין גאַנצן, ווייל פאַקטיש האָט ביז דאַמאָלט גאַרדין שוין געהאַט געשריבן אַ סך פון זיינע פּיעסן, צילנדיק מיט זיינע הויפּט־ראָלן פאַר געוויסע גרויסע אַקטיאָרן, און אַזוי איז געווען ערשט גאָרניט לאַנג צוריק מיט זיין פּיעסע „סאַפאָ", וואָס די זעלבע בערטאַ קאַליש האָט געשפּילט.

דער אינהאַלט פון „קרייצער סאָנאַטאַ" איז פאַקטיש אַ מין פאָרטזעצונג פון „סאַפאָ", אָדער „אויסגעקלאַפּט אויף די זעלבע קאָפּיטעס" וואָס „סאַפאָ".

אויך דאָ איז די הויפּט־העלדין עטי אַ פרייע פרוי. אָבער זי גייט שוין אַ שריט ווייטער ווי סאַפאָ. זי דערשיסט איר מאַן און איר שוועסטער, וועלכע פאַראַטן זי. דאָס איז שוין די צווייטע פרויען־העלדין אין גאָרדינס ווערק, וואָס גייט אַוועק פון טראַדיציאָנעלן גאַנג פון דער יידישער פרוי, וועלכע טראָגט אַריבער אַלע צרות פון איר מאַן און פאַמיליע־לעבן. אין אַ פריערדיקער פּיעסע האָט זיין הויפּט־העלדין „אסתרקע" אין „די שחיטה" געקוילעט איר מאַן, דאָ דערשיסט זי סיי אַ פאַלשן מאַן, סיי איר פאַלשע שוועסטער.

דאָס איז געווען אַבסאָלוט ניי אויף דער יידישער בינע און די ווירקונג איז געווען אַ שטאַרקע. די פּיעסע איז געוואָרן גאָרדינס גרעסטער דערפאָלג ביי די ברייטע מאַסן. מאָריס ווינטשעווסקי דערציילט אין זיין רעצענזיע, אַז „דאָס טעאַטער איז אַזוי פול, אַז מען פאַרקויפט שטיי־פּלעצער און מען שטעלט צו פון ביידע זייטן אָרקעסטער פּלעצער. דאָס פּובליקום איז ענטוזיאַסטיש און די שוישפּילער ווערן אַרויסגערופן דריי־פיר מאָל נאָך יעדן אַקט, דער פאַרפאַסער אויך". דער „גרויסער טריאומף", ווי דאָס טעאַטער האָט שפּעטער אַנאָנסירט די פּיעסע, האָט אָנגעהאַלטן אַרום 4 חדשים צייט, ביזן שלוס פון סעזאָן.

אַן אַנדערער שרייבער אין אַ טעאַטער־זשורנאַל דערציילט ווי שווער אים איז אָנגעקומען צו קריגן אַ בילעט אַריינצוקומען אין טעאַטער, און ווי אַזוי ער האָט נאָכן צווייטן אַקט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אויפן פּובליקום און האָט זיך געפרעגט אַ קשיא, וואָס האָט דעם עולם צוזאַמענגעבראַכט. וואָס איז דאָס דאָ אַזעלכעס אין דער פּיעסע, וואָס האָט אָנגעלאָקט אַזאַ גרויסע מאַסע צו קומען אין טעאַטער. זאָל דאָס זיין גאָרדינס פּאָפּולאַריטעט? איז דאָך עס אָבער אַ כלל, אַז גאָרדינס שטיקער באַצאָלן זיך געוויינלעך ניט אַזוי ווי די שונד־שטיקער?

אָבער דער אמת מעג געזאָגט ווערן, אַז כאָטש די פּיעסע האָט געהאַט אַזאַ גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג, האָט אָבער דער מחבר ניט געהאַט פאַר דער פּיעסע אַזאַ גוטע מערכה ביי דער קריטיק. דוד פּינסקי, וועלכער איז בכלל געווען אַ קנאַפּער אָנהענגער פון גאָרדינען, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז גאָרדין הייבט גלייך אָן די פּיעסע מיט די שטאַרקסטע טענער. „דער

ערשטער אַקט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אויף אַמאָל די כאַראַקטערן. ער ווירקט ווי דער אַפּשלוס פון דער דראַמע. ...אום צו באַווייזן נייע אייגנטימ־לעכקייטן אין עטלס כאַראַקטער, צו מאַכן אים וואַקסן, האָט גאָרדין געדאַרפט פֿאַרפירן פאַר אונדז נייע באַגעבנהייטן, נייע האַנדלונגען, וועלכע זאָלן שטאַרקער זיין פאַר דער האַנדלונג אין דעם ערשטן אַקט. אָבער וואָס מיר זען ווייטער, איז פיל שוואַכער. ... דער וועג פון דעם אָנהויב ביז דעם סוף איז ניט געפירט געוואָרן דורך מאָטיוון און האַנדלונגען, וועלכע זיינען שטאַרקער און שטאַרקער מיט יעדן מאָמענט. און ווידער איז דער עיקר ביי אים גלאַט זיך אַ מעשה און די עפּיזאָדן־פיגורן וואַקסן אַריבער אין באַדייטונג די הויפּט־פיגור״.

ב. גאָרינס „טעאַטער זשורנאַל״ האָט אָפּגעגעבן דער פּיעסע עטלעכע אַרטיקלען. ער אַליין האָט געזען אין דער פּיעסע „אַ שטיק, וואָס איז באַ־זירט אויף אַ קונץ, און דאָך האָט זי אַ נאָענטע שייכות מיט קונסט״. אָבער ער גיט צו, אַז „באַזונדערע סצענקעלעך ווייזן, ווי דער אויטאָר קאָן טיף אַריינבליקן אין לעבן און אונטערכאַפּן אַזוינע מאָמענטן, צו וועלכע מען דאַרף האָבן דאָס אויג פון אַ וואָרן קינסטלער״.

אַן אַנדערער שרייבער האָט אָנגעוויזן, אַז געוויסע שטריכן אין דער הויפּט־העלדינס, עטיס פּאָטער, דערמאָנען די פריערדיקע מענער, וואָס גאָרדין האָט שוין אַרויסגעבראַכט אין „די שחיטה״ און אין „יידישער קעניג ליר״.

אָבער אויך די הויפּט־ראָליסטקע בערטאַ קאַליש האָט ניט צו גוט אָפּגעשניטן. ב. גאָרין און מאָריס ווינטשעווסקי האָבן זי שאַרף קריטיקירט. ביידע האָבן אָבער צוגעגעבן, דער ערשטער אין גאַנצן, און דער צווייטער טיילווייז, אַז מיטשולדיק איז אויך דער מחבר פון דער פּיעסע. ביידע זיינען אָבער געווען איינשטימיק, אַז אין עטלעכע פּלעצער האָט די קאַליש אַליין אויך צוגעפּאַלשעוועט. ווינטשעווסקי האָט די זעלבע באַשולדיקונג געמאַכט אַ ביסל איידעלער. ער שרייבט: „די קאַליש איז פיין, סימפּאַטיש, אַנציענד, אָבער ערטערווייז שוואַך, איבערהויפּט אין דעם לעצטן אַקט״. ווען ער פאַרגלייכט ווי אַזוי די פּיעסע ענדיקט זיך און ווי אַזוי אסתרקע פאַרענדיקט „די שחיטה״, דריקט זיך אויס ווינטשעווסקי, אַז ווען ער האָט געזען ווי

אסתרקע אין „די שחיטה" שעכט איר מאַן, איז עס אים אויסגעקומען „ניט גענוג מאָטיווירט", אָבער ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער, און האָט אָנגעהויבן נאָכטראַכטן, איז אים אויסגעקומען, אַז עס איז ניט געווען קיין פראַגע, אַז קעני ליפּצין, וועלכע האָט געשפּילט אסתרקע אין „די שחיטה", האָט אַנדערש ניט געקאָנט האַנדלען. זי איז געווען גענוג אויפגעבראַכט צו קאָנען באַגיין מער ווי איין מאָרד. זי האָט עס שטאַרק באַוויזן, אָבער דאָס איז ניט געווען דער פאַל מיט מאַדאַם קאַליש.

דאָס הייסט, אַז ווינטשעווסקי איז ניט געוואָרן איבערצייגט פון מאַדאַם קאַלישס שפּילן „עטי", אַז זי האָט מיט איר שפּילן באַרעכטיקט צו דער־שיסן איר מאַן און שוועסטער.

און דאָך — נאָך דער דאָזיקער אומגינסטיקער קריטיק, איז דווקא „קרייצער סאָנאַטאַ" געווען די פּיעסע, וואָס האָט געבראַכט בערטאַ קאַליש צו דער ענגלישער בינע.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

# גאָרדינס גרויסע דערפאָלגן אויף דער ענגלישער און רוסישער בינע

בערטאַ קאַליש ווערט אַן ענגלישע אַקטריסע אַ דאַנק „קרייצער סאָנאַטע״ — דער קלאַפּ פאַרן יידישן טעאַטער מיט בערטאַ קאַלישס אַוועקגיין — סיימאָן סטראַנסקי און עדווין מאַרקהעם שטאָלצירן מיט גאָרדינען — רוסישע בינע ווערט געראַטעוועט דורך גאָרדינס פּיעסן — גאָרדין באַשליסט צו ווערן אַ טעאַטער־דירעקטאָר.

היינט צו טאָג, ווען דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע איז אין זיין אַגאָניע, און פון דער אַנדערער זייט איז די אַמעריקאַנער בינע געדיכט באַזעצט מיט אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זיינען יידן, ווען די ענגלישע ראַדיאָ, פילם און טעלעוויזיע זיינען שטאַרק באַזעצט מיט יידן, איז שווער צו פאַרשטיין און באַנעמען די סיטואַציע, וואָס האָט אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט געהערשט אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, און נאָך שווערער איז צו באַגרייפן וואָס עס האָט געמיינט, אַז אַ יידישער אַקטיאָר זאָל שפּילן ענגליש.

אָבער אַמאָל, ווען יעדער יונגער יידישער טאַלאַנט האָט געצויגן צום יידישן טעאַטער, ווען קריטיקער פון אַמעריקאַנער טעאַטער האָבן געהייסן זיך גיין לערנען ביים יידישן טעאַטער, וואָס עס מיינט אמתדיק און אויפריכטיק שפּילן, ווען אַפילו דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער, פריער דורך די גאָרדין־פּיעסן, און שפּעטער דורכן רעפּערטואַר פון „יידישן קונסט טעאַטער״, איז געווען ווי אַ מוסטער פאַר דער אַמעריקאַנער בינע, דאַמאָלט איז זיך געווען שווער פאַרצושטעלן אַוועקצוגיין פון דער יידישער צו דער ענגלישער בינע. אמת, אַז דער זייער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר סעמיועל

טאָרנבערג האָט געפּרובט שפּילן ענגליש, אַזוי אויך דער טראַגיש־אומגע־קומענער שוישפּילער סעם שניַיער [92] און אַזוי אויך דוד קעסלער, און אפילו יעקב פּ. אַדלער, וואָס האָט ניט געוואָגט צו שפּילן ענגליש, האָט כאָטש געשפּילט (אין יידיש) מיט אַן ענגלישער טרופּע, אָבער די גרויסע רעוואָ־לוציע — פון אַריבערגיין פון דער יידישער צו דער ענגלישער בינע, ווי אַ פולע ענגלישע אַקטעריסע — האָט געמאַכט בערטאַ קאַליש, און געקומען דערצו איז זי דורך איר שפּילן „סאפאָ" און „קרייצער סאָנאַטאָ" פון יעקב גאָרדין. אָט די גרויסע ראָלן, פאַר וועלכע זי איז, ווי ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אין פריערדיקן קאַפּיטל, גאַנץ שטאַרק קריטיקירט געוואָרן, האָבן אָבער געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, און דווקא אויף די פרעמדע באַזוכער, אויף די פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער טעאַטער, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זי אויסצוכאַפּן. אָבער ניט אַלע קריטיקער האָבן ניט געהאַט קיין הנאה פון קאַלישס שפּילן אָט די גרויסע ראָלן, באַזונדערס שפּעטער, ווען זי איז אַוועק אין דער אייביקייט און מען האָט געקאָנט רואיקער, פון אַ רעטראָ־ספּעקטיוו, אָפּשאַצן איר שפּילן.

אָט אַזוי שרייבט דער איידעלער, גוטער טעאַטער־קענער, וויליאַם עדלין: [93] „אַזאַ טיפן איינדרוק האָט זי אויף מיר געמאַכט (אין „סאַפאָ") אין דער ראָל פון סאַפיע פינגערהוט, אַז איך קאָן איר דאַמאָלטיקן שפּילן ניט פאַרגעסן. די פּיעסע איז טאַקע איינע פון גאָרדינס בעסטע און אינטערע־סאַנטסטע, אָבער ווער ווייסט צי וואָלט זי געהאַט דעם אָנזען און דעם קינסטלערישן דערפאָלג ווען אין דער הויפּט־ראָל וואָלט די קאַליש ניט געשפּילט. די ראָל איז אַ געוואַגטע, אַ העכסט־ראָמאַנטישע. גאָרדין האָט אין איר כאַראַקטער אַריינגעגעבן אַן איבסענשן שטריך. זי איז די פרייע פרוי פון דער נייער צייט. ...פלעגט בערטאַ קאַליש שפּילן די דאָזיקע ראָל מיט אַזאַ קינסטלערישער פאַרשטענדניש און מיט אַזוי פיל עלאַסטישער עלעגאַנץ, אַז זי פלעגט האַלטן דעם עולם באַצויבערט. די ריין־ראָמאַנטישע מאָמענטן מיט איר צווייטן געליבטן אין דער האַנדלונג, דער פּיאַניסט מיטן קלינגנדן נאָמען אַפּאָלאָ זאַנענשיין, פלעגן ביי דער קאַליש אַרויסקומען ווי די פיינסטע טענער אין אַ מוזיקאַלישער סימפאָניע. דאָס איז געווען טעאַטער ווי מען פאַרשטייט ווען מען רעדט וועגן אַ סאַראַ בערנאַרד אָדער

אַן עלעאָנאָראַ דוזע. אַזאַ הויכן סטאַנדאַרט פון שוישפּילעריי האָט בערטאַ קאַליש אָנגעשלאָגן".

דער דערפאָלג פון גאָרדינען, זיין שטאַרקן איינדרוק אויף דער אַמע־ריקאַנער טעאַטער־וועלט קאָן מען אַמבעסטן זען פון אַ בריוו וואָס דער דאַמאָלטיקער מיטאַרבעטער פון דער „ניו יאָרק טיימס", סיימאָן סטראַנסקי שרייבט דעם 1טן דעצעמבער 1903 צו גאָרדינען, אין וועלכן ער זאָגט: „איך וויל אייך זאָגן, אַז איך האַלט אייך פאַר איינעם פון די בעסטע מאָדערנע בינע־שרייבער, אַ מייסטער אין פאַך, וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן מיט אייניקע היינטיקע דייטשע דראַמאַטורגן. איך האָב אויפריכטיק געגלויבט, אַז אויב עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט פאַר דער וועלט מחוץ דער געטאָ, צו זען אייער קונסט, וואָלט איר געווען פאַרעכנט פאַר דעם פירנדיקן אַמעריקאַנער דראַמאַטורג".

אויך דער באַרימטער פּאָעט עדווין מאַרקהעם האָט זיך אַרויסגעזאָגט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן אייניקע פּיעסן פון יעקב גאָרדין און האָט אים אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר אַמעריקאַנער דראַמאַטורגן.

איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס ביי אַזאַ שטימונג, האָט מען ענדלעך באַשלאָסן אַרויסצוברענגען גאָרדינען אויף דער ענגלישער בינע. דער גורל איז געפאַלן אויף זיין פּיעסע „קרייצער סאָנאַטאַ". דער באַקאַנטער טעאַטראַל סעמיועל שיפּמאַן צוזאַמען מיט גאָרדינס זון אַלעקסאַנדער, האָבן געמאַכט די ענגלישע איבערזעצונג, און דעם 10 דעצעמבער 1904 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין שיקאַגאָ מיט דער דאַמאָלט־באַרימטער אַמעריקאַנער אַקטריסע בלענטש וואָלש אין דער הויפּט־ראָל.

דוד קעסלער און בערטאַ קאַלישס מאַן, איר מענעדזשער לעאָפּאָלד שפּאַכנער, וועלכע האָבן געהאַט די איינציקע רעכט אויף דער פּיעסע, האָבן אין דעם געזען אַ גרויסע געפאַר פאַר זייער געשעפט, און זיי האָבן אָנגע־קלאָגט אין געריכט, אַז מען זאָל ניט דערלויבן די ענגלישע אויפפירונג. ליידער האָב איך ניט פאַר מיר קיין אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס עס איז גע־וואָרן פון דער קלאָגע. אַ פאַקט איז אָבער, אַז צוויי יאָר שפּעטער האָט די זעלבע אַקטריסע בלענטש וואָלש געפּרובט אויפפירן „קרייצער סאָנאַטאַ" אין ענגליש, דאָס מאָל אין ניו יאָרק, אין מאַנהעטן טעאַטער, און דערביי

האָבן די אַקטיאָרן העלען וועיר געשפּילט די צווייטע פּרויען־ראָל „ציליע״ און דער אַקטיאָר סאַמנער די הויפּט־מענער־ראָל „רפאל פרידלענדער״.

אָבער באַלד דערויף, דעם 3טן סעפּטעמבער 1906, איז בערטאַ קאַליש אַריין אין ענגליש אין דער פּיעסע. זי האָט אָנגעהויבן אין פּיטסבורג, דערנאָך, עטלעכע טעג שפּעטער, אין ניו יאָרק. דערביי איז געמאַכט געוואָרן אַ נייע איבערזעצונג, פון לענגדאָן מיטשעל, און דער נאָמען פון דער הויפּט־העלדין איז געענדערט געוואָרן פון „עטי״ אויף „מרים״. יעקב מעסטל האַלט, אַז די איבערזעצונג, איז געווען ריכטיק אַ מין „באַאַרבעטונג״ און דאָס קלערט אויף פּאַרוואָס, שפּעטער, אין 1924, ווען מאַדאַם קאַליש האָט די פּיעסע ווידער געשפּילט, האָט דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער טעאַטער־קריטיקער דזש. ב. נייטהען די פּיעסע שטאַרק אָראָפּגעריסן: „די פּיעסע איז אַ צרהדיקע מעלאָדראַמע — האָט ער געשריבן — זי אַנטהאַלט פּערזאָנען, וועלכע מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ביליקע קאַריקאַטור־גרופּע און די סיטואַציעס זיינען אַזאַ מאַשין־אַרבעט, אַז פון דער גאַנצער פּיעסע סטאַרטשען אַרויס די נעט. אַ לעכערלעכע אונטערנעמונג, קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן״. פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט געשטערט, אַז בערטאַ קאַליש זאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַמעריקאַנער טעאַטער־פּובליקום און טעאַטער־אונטערנעמער און זייער ווילן, אַז זי זאָל פאַרבלייבן אויף דער ענגליש־אַמעריקאַנער בינע. אמת, אַז זי איז באַלד אַוועק פון איר יידישן רעפּערטואַר און אַריבער צו קלאַסישע און מאָדערנע אַמעריקאַנער פּיעסן, אָבער דאָך האָט איר שפּילן אין די גאָרדין־פּיעסן דעצידירט, אַז זי זאָל ווערן די ענגלישע אַקטריסע.

מיטן אַוועקגיין דאַמאָלט פון מאַדאַם קאַליש פון דער יידישער בינע, האָט זי קיין טובה דעם יידישן טעאַטער ניט געטאָן. אָפּגערעדט דערפון וואָס איר אַוועקגיין האָט געמינערט די צאָל גרויסע טאַלאַנטן, וואָס די יידישע בינע האָט דאַמאָלט געהאַט, און דורך דעם דערפירט צו דעם איינשרומפּן פון די צאָל יידישע טעאַטער באַזוכער, האָט איר פאַרלאָזן דאָס יידישע טעאַטער געווירקט, אַז גאָרדין, וועלכער האָט פאַר איר, האָבנדיק אַלנפאַלס זי אין זינען ווי די פאַרקערפּערין פון זיינע הויפּט־העלדינס, פאַרלאָרן אַ גרויסן מאַגנעט צום שרייבן און אַ צייט מער קיין פּיעסן ניט

געשריבן, זיינען אָט די פּיעסן גלייכצייטיק, ווייל מאַדאַם קאַליש איז געווען די איינציקע באַרעכטיקטע צו עטלעכע גאָרדין־פּיעסן, פאַר אַ לענגערער צייט, וואָס זי איז געווען אויף דער ענגלישער בינע, אויך פאַר־שוואונדן פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. ווען בערטאַ קאַליש איז שפּעטער צוריקגעקומען צום יידישן טעאַטער, זיינען שוין אַלע דריי אַמאָליקע עלע־מענטן מער ניט געווען: ניט דער עולם, וואָס זיין געשמאַק און אינטערעס פאַר יידישע טעאַטער־פּיעסן האָט אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג, ניט יעקב גאָרדין האָט שוין מער געלעבט און ניט מאַדאַם קאַליש האָט געקאָנט מער באַגייסטערן דעם יידישן טעאַטער־באַזוכער ווי אַמאָל, ווייל דער אופן פון איר שפּילן איז שוין מער ניט געווען מאָדערן.

מאַדאַם קאַלישס אַוועקגיין פון דער יידישער צו דער ענגלישער בינע, האָט, דעריבער, געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון יידישן טעאַטער און באַזונדערס אין דער שאַפונגס־וועלט פון יעקב גאָרדין.

גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ״ האָט אויך געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אויף דער רוסישער בינע, וואו די פּיעסע האָט געהייסן „זאַ אָקעאַנאַם״ (הינטערן אָקעאַן), וואָס דאָס מיינט, אַז דאָרט האָט מען דעם הויפּט־פּונקט אַקצענטירט אויף דער האַנדלונג, וואָס קומט פאָר אין דער פּיעסע אין אַמעריקע. ווי באַקאַנט, הייבט זיך אָן די פּיעסע אין רוסלאַנד און גייט דער־נאָך אַריבער אין אַמעריקע. די פּיעסע ווי אויך די אַנדערע גאָרדין־פּיעסן פון יענער עפּאָכע, ווי „די שחיטה״, „מירעלע אפרת״, „גאָט מענטש און טייוול״ און „סאַפאָ״ זיינען געווען גאָר אָנגעלייגטע געסט אויף דער רוסישער בינע.

נחמן מייזיל [94] גיט אָן, אַז גאָרדינס פּיעסן זיינען געשפּילט געוואָרן אין די וויכטיקסטע רוסישע שטעט ווי פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, אָדעס א. אַ. וו. אָנגעזעענע דראַמאַטיש־קינסטלערישע טעאַטערס, אַפילו דער באַרימטער „קאָרש״־טעאַטער האָבן אונטער דער רעזשי פון באַוואוסטע רעזשיסאָרן אויפגעפירט גאָרדינס דראַמאַטישע שאַפונגען, און באַרימטע רוסישע שוישפּילער האָבן זיך באַטייליקט מיט גרויס דערפאָלג אין די אויפפירונגען. אַזוי דערציילט ער, אַז אין די יאָרן 12—1910 האָט ער געזען גאָרדינס פּיעסן אויף רוסיש אין די גרויסע רוסישע טעאַטערס אין

קיעוו: אין „סאָלאָווצאָוו־טעאַטער", „מירעלע אפרת", און אין „בערגאָניע"־טעאַטער — „סאַטאַנאַ" („גאָט, מענטש און טייוול"). אין דער ערשטער פּיעסע האָבן געשפּילט די ראָל „מירעלע" די באַרימטע רוסישע שויִשפּילערין אינסאַראָווא, אין „גאָט, מענטש און טייוול" האָט זיך באַזונדערס אײַנגעקריצט אין זכרון דאָס שפּילן פון באַרימטן בלומענטאַל־טאַמאַרין אַלס „אוריאל מזיק".

ביידע גאָרדין־אויפפירונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג און גוטע אָפּרופן פון דער קריטיק אין די גרויסע רוסישע צייטונגען. באַזונדערס אָבער איז שווער צו פאַרגעסן דעם גרויסן רוסישן קאָמיקער ניעדעלין, וועלכער האָט אין „מירעלע אפרת" געשפּילט די ראָל „נחומצע". ער איז געווען פּרעכטיק אין זיין ווערטל „קאַקאַיאַ ראַזניצאַ" („וואָס איז די נפקא מנה"). עס האָט געהאַט אַלע זיבן טעמים און האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, צווישן יידן און קריסטן, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג עס באַנוצט ביי יעדער געלעגנהייט אין זייערע שמועסן.

מאָריס פאַרבער, אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ פאַרליבטער אין קונסט בכלל, באַזונדערס אין טעאַטער, גיט איבער, אַז ער האָט צו יענער צייט, אין זיין היים־שטאָט פעאָדאָסיאַ, אין קרים, „געמאַכט אַ לעבן" פון זיין אַ גאַרדעראָבער אין רוסישן טעאַטער, און ווי אַ ייד איז ער געוואָרן דער עצה־געבער בנוגע אַ סך יידישע ענינים, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט גאָרדינס פּיעסן. ער געדענקט גענוי ווי גאָרדינס פּיעסן זיינען געווען דער גרעסטער דערפאָלג אין זיין שטאָט און אויך אין אַנדערע רוסישע שטעט. ער פּרוווט נאָך צוצוגעבן, אַז די רוסישע בינע האָט גראָד דאַמאָלט איבערגעלעבט אַ גרויסן רעפּערטואַר־קריזיס און די גאָרדין־פּיעסן זיינען פאַר זיי געווען דאַמאָלט ממש אַ רעטונג. צוליב זייער גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג.

ווי זיין שטייגער האָט גאָרדין ניט גערוט און ווייטער געשאַפן פאַר דער בינע. זיינע נאָענטסטע שאַפונגען זיינען געווען די פּיעסן „עץ הדעת", וואָס איז, ווי דוד פּינסקי גיט אָן, געבויט אויף פרידריך העבעלס „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ". נח פּרילוצקי האַלט, אַז גאָרדין איז געוואָרן באַאיינפלוסט פון טאָלסטאָיס „די פּירות פון בילדונג". די פּיעסע האָט געגעבן אַדלערן

אַ מעגלעכקייט צו שפּילן אַ גאַר פיינע ראָל „מאָזי סטאָליאַר״, און פאַר אַ גאַנצע ריי אייראָפּעאישע יידישע אַקטיאָרן צו באַרייכערן זייער רעפּערטואַר. גאָרדין זעצט אויך איבער טאָלסטאָיס „מאַכט פון פינסטערניש״, וואָס אַדלער האָט אויפגעפירט, אַ פּיעסע „אייגן בלוט״, אויף וועלכער גאָרדין האָט ניט געוואָלט אָנגעבן זיין נאָמען אַלס פאַרפאַסער, אָבער איז דערצו געצוואונגען געוואָרן פון טעאַטער, און דאַן אַ באַאַרבעטונג פון גרילפּאַר־צערס „פאַראָדינא״ אונטערן נאָמען „די שטיפמאַמע״.

גאָרדינס נאָמען איז אָבער שוין אַזוי גרויס, אַז ער זעט די מעגלעכקייט ניט נאָר צו קריגן באַצאָלט פאַר זיינע פּיעסן, נאָר צו געניסן בכלל מאַ־טעריעל פון די פאַרדינסטן, וואָס זיינע פּיעסן ברענגען. ער באַשליסט צו ווערן אַ שותף צום טעאַטער.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

# „טאָגעבלאַט" דערקלערט מלחמה צו יעקב גאָרדין פאַר „כאַסיע די יתומה"

די באַשולדיקונגען פון „טאָגעבלאַט" קעגן גאָרדינען — דער שטורעם אין דער יידישער גאַס — די דרשות אין טעאַטער — די פּראָטעסט־מיטינגען — „פאָרווערטס" קויפט די פּיעסע פאַר אַ בענעפיס און דרוקט אָפּ אַן עדיטאָריעל — בערטאַ קאַליש פאַלט דורך אין דער פּיעסע און קעני ליפּצין מאַכט אַ דערפאָלג — סאָוויעטישער יידישער טעאַטער מאַכט פון „כאַסיע" אַ קאָמוניסטישע פּיעסע.

די פראַנצויזן האָבן אַ ווערטל „זאָג אויף מיר וואָס דו ווילסט, אַבי רייד וועגן מיר". אין אונדזער מאָדערנער צייט קוקט מען אַזוי אויף פּובליסיטי. טייל מאָל קוקט מען אַוועק אויף דעם וואָס מען האָט געזאָגט וועגן דער באַטרעפנדער פּערזאָן, ווען אַפילו עס איז געווען זייער ניט קיין גוטע זאַכן, אַבי מען האָט גערעדט אָדער געשריבן וועגן דער פּערזאָן.

אויב גאָרדין וואָלט אין זיין צייט אַזוי געקוקט אויף דער „פּובליסיטי", וואָס ער האָט באַקומען מיט זיין פּיעסע „די יתומה", וואָלט ער זיך געדאַרפט פילן גליקלעך, וואָרום די פּיעסע האָט אַרויסגערופן אַן אמתן שטורם.

גאָרדין איז בכלל געווען אַ פּערזאָן, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגערופן צו זיך שטאַרקע געפילן, און קעגנגעזעצטע. טייל האָבן אים פאַרהערלעכט, ממש פאַרגעטערט. מיר געדענקן עס פון דער צייט, ווען ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג „ביבלישע ברודערשאַפט", וואו מען האָט אַרויפגעקוקט צו אים אים מיט יראת הכבוד. מיר געדענקען ווי אַזוי די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אים אין אָנהייב באַגעגנט מיט ווידער־ווילן און מיט אָפּלאַכעריי, האָבן שפּעטער געבויגן זייערע קעפּ מיט יראת

הכבוד פאַר אים און ווי ער האָט ממש אַרויסגעשטאַרט אין דער גאַנצער סביבה פון דער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ אין ניו יאָרק, אָבער גלייכצייטיק האָט ער אויך געהאַט אַ צד, וואָס איז אים שטענדיק באַפאַלן און האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אַראָפּרייסן דעם קרוין פון זיין קאָפּ. אַמאָל איז עס געווען לואי מילער, אַמאָל איז עס געווען אַב. קאַהאַן, אָבער מער ווי אַלץ האָט קעגן אים געהעצט די אָרטאָדאָקסישע פּרעסע. זי האָט טאַקע אָנגענומען אַנאָנסן פון יידישן טעאַטער, זי האָט אַפילו געגעבן רע־צענזיעס וועגן די פאָרשטעלונגען, אָבער, געטריי איר פּאָליטיק, איז איר דער גאַנצער ענין יידיש טעאַטער געווען ווי אַ ביין אין האַלדז, און זי האָט דעם גאַנצן „חוטא בעגל" אַרויפגעוואָרפן אויף גאָרדינען.

ווען די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן אין 1901 געפייערט גאָרדינס 10יאָריקן יובּיליי אַלס דראַמאַטורג, האָט אַ קאָנסערוואַטיווע יידישע צייטונג „טאָגעבלאַט", אָנגעהויבן אַ העצע קעגן אים און קעגן זיינע פּיעסן. קודם כל האָט זי אים אַליין פאַרמסרט פאַר אירע לייענער, אַז נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, איז ער שוין דאָרט געווען „אַ זשורנאַליסט און רעוואָלוציאָנער", און אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין „אַלע באַוועגונגען פון די אומצופרידענע און באַזונדערס אין דער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג", און אַז כדי זיך צו ראַטעווען פון דער געפאַר צו ווערן פאַרשפאַרט אין טורמע, האָט ער געגרינדעט אַ סעקטע מיטן צוועק „צו באַקערן די יידן צום קריסטנטום".

אויף וויפל דאָס איז „אמת", קאָן מען זען פון די פריערדיקע אַרטיקלען וועגן „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ"...

און די צייטונג איז ווייטער געגאַנגען מיט איר פאַלשן בלבול, אַז די גרינדונג פון דער „סעקטע" האָט אַרויסגערופן אַזאַ רעש צווישן די יידן, „אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַ הייסער מיטאַרבעטער אין די אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן". און ווייטער דערציילט די צייטונג, אַז „די אַנאַרכיסטן האָבן געמאַכט אַ קאָנספּיראַציע צו פאַרכאַפּן די יידישע בינע אין זייערע הענט מיט יעקב גאָרדינען אין דער שפּיץ, אַלס פירער פון דער נייער געטאָ־דראַמע, און מיט זיין הילף האָבן עס די אַנאַרכיסטן געהאָפט צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט יעדן פאַקטאָר פון

דענקן, וואָס האָט געקאָנט האָבן וועלכן עס איז ניט איינפלוס אויף דער געטאָ".

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אים אַלס מענטש, נעמט זיך די צייטונג צו אים אַלס דראַמאַטורג, און זי דערציילט וועגן זיינע פּאַרערער, וועלכע „וואַגן צו שטעלן אים אין איין ריי מיט שעקספּיר, איבסען און זודערמאַן", און די צייטונג באַפאַלט גאָרדינס פּיעסן. זי פאַראורטיילט „די שחיטה", דערפאַר וואָס אַ וואַלד־הענדלער, אַ ייד אַ למדן, פירט דאָרט אַן אויסגעלאַסן לעבן. זי אַטאַקירט די פּיעסע „דאָס גאָלדענע קאַלב", דערפאַר ווייל דער העלד, דער אונטערצינדער דאָרט איז אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, די הויפּט־העלדין פון „סאַפאָ" פּרעדיקט פרייע ליבע און אין „דבורהלע מיוחסת" האָט דער ייד, דער בעל אכסניה, אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, ווייסע שקלאַפן.

גאָרדין איז ביים „טאַגעבלאַט" געוואָרן דאָס ציל־ברעט, אויף וועלכן זי האָט געשאָסן די דאַמאַלטיקע יידישע ראַדיקאַלן, און גאָרדינס פּיעסע „כאַסיע" איז געווען ווי בוימאייל אויפן דאַזיקן פייער.

ווי אין אַלע פּיעסן, האָט מען אויך בנוגע „כאַסיע" באַשולדיקט גאָר־דינען, אַז ער האָט דעם סוזשעט גענומען פון דער פרעמד, פון אַן אוקראַי־נער פּיעסע, באַזונדערס האָבן נאָך געשטאָכן אין די אויגן די אוקראַינישע לידלעך וואָס די הויפּט־העלדין פון דער פּיעסע זינגט.

לאָמיר איבערגעבן בקצור די געשיכטע פון דער פּיעסע, וואָס האָט אין אָנהייב געהייסן „חאַסיע פון קאַראַטשעקראַק" און שפּעטער „די יתומה" און געוואָרן נאָך מער פּאָפּולער אונטערן נאָמען „כאַסיע די יתומה".

כאַסיע, אַן ערלעכע, נאַיווע, פּרימיטיווע, אָבער גוט־האַרציקע, יידישע דאָרפס־מיידל פון דאָרף קאַראַטשעקראַק, איז געבליבן אַ יתומה נאָך איר מאַמען. אַזוי ווי זי האָט רייכע פאַמיליע אין דער גרויסער שטאָט, פאָרט זי אַהין מיטן טאַטן, דעם קבצן מאַטיע שטרייכל, וואָס האָט אַ ווערטל „אוי דלות, דלות". דאָרט ווערט זי אָנגעשטעלט אַלס דינסט, און די מומע זאָגט איר צו גאָלדענע גליקן, אָבער די גאָלדענע גליקן דריקן זיך אויס אין דעם, וואָס אַלע באַלעבאַטעווען מיט איר. זי אַרבעט ווי אַ פערד, און די מאַנסבילן אין שטוב, אָנהייבנדיק פון דעם אייגענעם פעטער, זיין זון וולאַדימיר און דער צוקונפטיקער איידעם מאַרק, טשעפּען זיך צו איר,

ביז וולאַדימיר פאַרפירט איר, און ער האָט מיט איר חתונה. אָבער באַלד נעמט וולאַדימיר שכורן און באַהאַנדלט זי אַזוי שלעכט, אַז זי ווערט אַזוי דעפּרעמירט, ביז זי באַשליסט זיך צו סמן.

אין דער פּיעסע, הגם זי אַגיטירט ניט פאַר סאָציאַליזם, האָט אָבער גאָרדין אויסגעדריקט דעם גאַנצן צער פון די באַליידיקטע יידישע יתומות, וואָס זיינען געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון זייערע רייכע פאַמיליעס. ער האָט אין דער פּיעסע, ווי זיין שטייגער, אין בולטע דראַמאַטישע פאַרבן, אַרויסגעבראַכט דעם גאַנצן ווייטאָג און גלייכצייטיק פּראָטעסט פון די אָרעמע יידישע מיידלעך, וואָס זיינען הילפלאָז און הפקר.

האָט דער „טאָגעבלאַט" אָנגעהויבן צו שרייען „קאַראַול", אַז די פּיעסע שענדעט די יידישע „טהרת המשפחה", די ריינקייט פון דער יידישער פאַמיליע; אַן אייגענער פעטער טשעפּעט זיך צו זיין קרובה, די יתומה, אַ קוזין פאַרפירט זיין קוזינע, אַ יידיש מיידל סמט זיך.

די גוואַלדן פון דער צייטונג האָבן זיך אויסגעדריקט אין אירע אַר־טיקלען אין וועלכע זי האָט ניט שטאַרק מקפיד געווען אויף די אויסדרוקן, וואָס זי האָט באַנוצט.

דאַרף מען געדענקען, אַז „כאַסיע" איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1903, ווען גאָרדין האָט שוין דורכגעפירט זיין ווילן צו ווערן אַ טעאַטער־דירעקטאָר און ער איז געווען אַ שותף אין „טאַליא טעאַטער" צוזאַמען מיט בערטאַ קאַלישס מאַן, לעאָפּאָלד שפּאַכנער.

ווי אַ שותף האָט גאָרדין נאַטירלעך געהאַט אין טעאַטער מער רעכט ווי בלויז אַלס מחבר, און ער פלעגט פון דער בינע עפנטלעך זידלען די רעדאַקטאָרן און די שרייבער פון „טאָגעבלאַט", וועלכע האָבן אים אַטאַ־קירט. לואי מילער, וואָס איז דאַמאָלט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון „פאָרווערטס", וואָס האָט געהאַט זיינע חשבונות מיטן „טאָגעבלאַט", און וועלכער האָט זיך געפילט בכלל געטראָפן פון דער העצע קעגן דער יידישער ראַדיקאַלער וועלט, האָט אָנגעהויבן אין „פאָרווערטס" אַ שאַרפע אַטאַקע קעגן „טאָגעבלאַט". די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפ־רוף צו פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס זיך צו באַטייליקן אין קאַמף און פון פאַרשיידענע שטעט זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן, וועלכע זיינען אָפּגע־

דרוקט געוואָרן אין „פאָרווערטס". אָבער דערמיט אַליין האָבן נאָך די אָנהענגער פון גאָרדינען זיך ניט באַגנוגנט. נאָר אויפן 22טן אָקטאָבער 1903 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ מאַסן פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכע דער דערמאָנטער לואי מילער און די צוויי דאַמאָלט־פּאָפּולערע שרייבער און קולטור־טוער ד״ר קאַספּע און ד״ר זאָלאָטאַראָוו זיינען געווען צווישן די רעדנער, און האָבן אַטאַקירט דעם „טאָגעבלאַט", און דעם 30סטן אָקטאָבער 1903 האָבן צווישן די אַנטראַקטן אין טעאַטער גערעדט קעגן „טאָגעבלאַט" יעקב גאָרדין און דער דאַמאָלט זייער פּאָפּולערער אַרבעטער־פירער יאָזעף באַראָנדעס.[95]

די אויפרעגונג אין דער יידישער גאַס קעגן די גאָרדין־העצער איז געווען זייער גרויס. זייער באַמיאונג צו שטעמפּלען גאָרדינען, דעם עטישן מענטש, ווי אַ צעשטערער פון יידישער פאַמיליע־ריינקייט, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט געמאָלן די יידישע בורזשואַזיע (דעם פעטער פון כאַשען, דעם בירזשע־מעקלער יואל טראַכטענבערג) איןווירקלעכע פאַרבן, האָט אויפגעברויזט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע, און די פּראָטעסטן, וואָס האָבן זיך כסדר געדרוקט אין „פאָרווערטס", האָבן דערפירט דערצו, אַז דער „פאָרווערטס", וואָס פלעגט יעדעס יאָר נעמען אַ בענעפיס אין אַ יידיש טעאַטער, האָט דאָס מאָל געשטעלט צום בענעפיס די באַשפּיגענע פּיעסע „כאַסיע" און האָט עס מיטגעטיילט אין אַ לייט־אַרטיקל (עדיטאָריעל) אויף דער ערשטער זייט מיט אַזאַ „קאָפּ": „ווי די חוצפה און געמיינהייט פון משומד און פושקע וועט באַוויזן ווערן אויף די סטעידזש (בינע) פון טאַליא טעאַטער. אַ דעמאָנסטראַציאָן פאַרן „פאָר־ווערטס".

כדי דער לעזער זאָל פאַרשטיין וואָס דער „קאָפּ" האָט באַדייט, דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט" איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ משומד און פון דער אַנדערער זייט איז דער „טאָגעבלאַט" באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער גענייסט פון די געלטער וואָס ווערן געזאַמלט פאַר רעליגיעזע צוועקן ביי יידן.

ווייטער זאָגט זיך אַזוי אין דעם אַרטיקל: „די יתומה", קוויטשן די הזירים און חזרימלעך פון דער סיוער־שמאַטע [דאָס „טאָגעבלאַט" האָט זיך

געפונען אויף קאַנאַל סטריט און אַ קאַנאַל איז אַ סיוער, דורך וועלכן עס גייט דורך דער שמוץ פון די הייזער. — ז. ז.] איז אַ קאַדעטסקע [פּרויענ־העגדלערישע] פּיעסע. קיין מענטש, קיין ייד, וועט מער ניט קומען איר זען. אַלע לויפן פון איר ווי פון אַ פּעסט. דער „פאָרווערטס״ נעמט דעריבער די „יתומה״ פאַר זיין בענעפיס, כדי צו באַווייזן די געמיינהייט, די שופטעריי און די חוצפה פון דיזע פאַרלוימדונג. אויסצודריקן שטאַרק זיין טיפסטע פאַראַכטונג צו די טינט און פעדער־קאַדעטן פון „טאָגעבלאַט״, און צו באַווייזן ווער עס איז שטאַרקער אין קוואַרטאַל״.

פון די עטלעכע שורות קאָן מען שוין באַקומען אַ באַגריף, וועלכע אויסדרוקן עס זיינען פון ביידע צדדים באַנוצט געוואָרן אין דעם קאַמף. פאַקטיש איז דער קאַמף געווען צווישן דער ראַדיקאַלער און קאָנסערוואַטי־ווער פּרעסע, אָבער גאָרדין איז געווען אין מיטן און ער איז אויסגענוצט געוואָרן אין דעם קאַמף ווי דאָס ציל־ברעט.

וואָס איז געוואָרן מיט דער פּיעסע „כאַסיע״?

די פּיעסע איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און איז פאַרבליבן יאָרנלאַנג אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער. אַזוי ווי בערטאַ קאַליש איז געווען די „באַסעכע״ פון טעאַטער, האָט זי געפּרובט שפּילן די טיטל־ראָל „כאַסיע״, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי איז ניט געווען פּאַסיק פאַר דער ראָל. קאַליש איז געווען אַ הויכע, איידעלע, צאַרטע פרוי, און „כאַסיע״ איז געווען אַן „אָפּענער איין־און־דרייסיק״, אַ פּראָסטער, פּשוטער פאָלקס־מענטש. האָט דעריבער מאַדאַם קאַליש לאַנג ניט געשפּילט „כאַסיע״, און די אַנדערע גרויסע יידישע קינסטלערין פון יענער צייט, קעני ליפּצין, איז אַריין אין דער ראָל, און טאַקע מיט איר האָט די פּיעסע ערשט באַקומען דעם ריכטיקן פאַרקעפּערער פאַר דער ראָל. די פּיעסע איז שפּעטער אַרי־בערגעבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע און איז ווידער געוואָרן נאָך אַ פּערל אין דער קרוין פון דער דאָרטיקער גרעסטער יידישער שוישפּילערין אסתר רחל קאַמינסקי, אָבער אַזוי ווי דאָרט האָט מען ניט אָפּגעהיט די רעכט פון מחבר, איז די פּיעסע באַלד געוואָרן אַ גאַנגבאַרע סחורה איבער אַלע יידישע בינעס אין אייראָפּע און אַנדערע וועלט־טיילן און די פאַרשיידענע דראַמאַטישע אַקטעריסעס האָבן באַקומען אַ וואונדערבאַרע ראָל פאַר זיך.

„כאַסיע די יתומה" איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אין אוקראַי־ניש און העברעאיש, און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז געווען פאַרווערט צו שפּילן טעאַטער אויף יידיש, האָבן יידישע אַקטיאָרן אין רוסלאַנד געשפּילט די פּיעסע אין רוסיש.

אין סאָוויעט רוסלאַנד האָט מען אויך געפּרובט די פּיעסע צו „באָלשע־וויזירן" און אין אָקטאָבער 1920 האָט מען אויפגעפירט די פּיעסע אין יידישן אוקראַינישן מלוכה־טעאַטער אין כאַרקאָוו אין אַ קאָמוניסטישער באַאַרבעטונג. דאָ איז פון דער הויפּטראָליסטקע גאָר געוואָרן אַ קוימענקע־רער און אַזוי האָט טאַקע די פּיעסע געהייסן. מען האָט אַריינגעפירט אַ ליבע פון כאַסיען צו אַ קוימענקערער, אַ פּראָלעטאַריער, און אַזוי אַרום איז די פּיעסע געכשרט געוואָרן דאָרט געשפּילט צו ווערן.

## קאַפּיטל דרייסיק

# גאָרדין און קאַהאַן האָבן אין אָנהייב געלעבט גאָר שטאַרק בשלום

זייער ערשטע באַקאַנטשאַפֿט — קאַהאַן הייבט אָן זיין טעאַטער־קריטיק מיט גאָרדינס ערשטע פּיעסע — ער נעמט אָן די זעלבע שטעלונג צו גאָרדינען ווי אַלע זיינע פֿאַרערער — קאַהאַנס ערשטער ריס מיט גאָרדינען איז אויפֿן פּאָליטישן, ניט ליטעראַרישן באָדן.

די קעגנער פֿון אַב. קאַהאַן, און קעגנער האָט אַב. קאַהאַן, ברוך השם, געהאַט זיכער ניט ווייניקער ווי אָנהענגער, „פּאַטריאָטן", האָבן אין וואָרט און שריפֿט זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז אויב יעקב גאָרדין איז ניט תמיד געווען סוקסעספֿול, אַז אויב ער איז מיט דער אָדער יענער פּיעסע דורכגעפֿאַלן, איז עס געווען די שולד פֿון אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט אים ניט געגלעט, נאָר כסדר אָראָפּגעריסן. אַב. קאַהאַנס קעגנער, באַזונדערס אין דער עקסטרעם ראַדיקאַלער יידישער וועלט, אין דער לינקער באַוועגונג, וואָס האָבן געזוכט צו וואַרפֿן וואָס מער בלאָטע אויף קאַהאַנען, האָבן אַפֿילו געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך קאַהאַנען פֿאַר גאָרדינס קראַנקהייט, דעם קענסער. זיי האָבן זיך געמאַכט פֿאַרגעסן, אַז אַ סך אַנדערע יידישע קריטיקער פֿון יענער צייט האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון אָנווייזן אויף חסרונות און ניט־אויסגעהאַלטנקייט אין געוויסע פּיעסן פֿון גאָרדינען. זיי האָבן אויך פֿאַרבויגן די פֿאַקטן, אַז אַזעלכע אָנגעזעענע יידישע שריפֿט־שטעלער ווי י. ל. פּרץ און בעל מחשבות אין אייראָפּע און דוד פּינסקי אין אַמעריקע, זיינען געווען גוואַלדיקע קעגנער פֿון גאָרדינס פּיעסן, און אַז אַזעלכע טעאַטראַלן ווי נח פּרילוצקי און ד״ר מוקדוני זיינען, בעת

גאָרדינס פּיעסן זיינען געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע, אויך ניט גע־שפּרונגען „קדוש" פאַר אַלץ, וואָס גאָרדין האָט געשריבן.

אָבער דאָך איז עס אַ פאַקט, אַז קיינער פון די אויבנדערמאָנטע האָט זיך אַזוי פיל ניט אָפּגעגעבן מיט גאָרדינען ווי אַב. קאַהאַן, און אַז קיינער האָט ניט געקאָנט אויסנוצן אַזאַ ווירקונג אויף די ברייטע טעאַטער־מאַסן ווי אַב. קאַהאַן אין זיין צייט, און דעריבער איז דאָס פּראָבלעם גאָרדין—קאַהאַן גענוג וויכטיק אויף אַ ברייטערער באַהאַנדלונג.

אָנגעהויבן האָבן זיך די באַציאונגען צווישן יעקב גאָרדין און אַב. קאַהאַן דווקא זייער פריינטלעך. ווי שוין דערמאָנט גענויער אין אָנהייב פון דעם בוך. אָבער, פאַרן אַלגעמיינעם בילד, מוז מען עס נאָך אַמאָל בקצור סקיצירן. גאָרדין איז אין 1891 אָנגעקומען אין אַמעריקע פונקט דאַמאָלט ווען אַב. קאַהאַן איז געפאָרן קיין אייראָפּע אויף אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל, און אין זעלבן נומער „אַרבייטער צייטונג", אין וועלכער עס איז געווען געדרוקט גאָרדינס אַ דערציילונג, אָדער ריכטיקער, אַ שילדערונג („די אָבלאָווע"), האָט קאַהאַן אָפּגעדרוקט זיין ערשטע קאָרעס־פּאָנדענץ פון בריסל. אין אָנהייב האָט אַב. קאַהאַן גאָרניט געוואוסט ווער דער יעקב גאָרדין איז, אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהאַט פריער געהערט וועגן אַ יעקב גאָרדין, מיט וועלכן עס האָט זיך גערודערט מיט עטלעכע יאָר פריער אין רוסלאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָרגאַניזאַציע „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ". אַז דאָס איז די זעלבע פּערזאָן האָט קאַהאַן ערשט פעסטגעשטעלט נאָכדעם ווי ער איז צוריקגע־קומען קיין אַמעריקע. זיי זיינען געוואָרן באַקאַנט. גאָרדין איז געווען אַ ביסל עלטער פאַר קאַהאַנען (קאַהאַן איז געבוירן אין 1860 און גאָרדין — אין 1853). קאַהאַן דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז גאָרדין איז געווען אַן אָסאָבע, — אַ הויכער, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד. מיט אַ שטאָלצן גאַנג. אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דער „אַרבייטער צייטונג", אָבער זי האָט קוים געקאָנט צאָלן האָנאָראַר, און אַזוי ווי גאָרדין האָט געדאַרפט מפרנס זיין אַ משפּחה, האָט אים פיליפּ קראַנץ, אַ באַוואוסטער שרייבער אין יענער צייט, משדך געווען מיט יעקב פּ. אַדלער, פאַר וועמען גאָרדין האָט אָנגעשריבן זיין ערשטע פּיעסע „סיביריאַ". קאַהאַן באַמערקט, אַז

„מיט דיזער פיעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע״. ווײַטער ווײַזט אָן קאַהאַן, אַז דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון דער עקלהאַפטער פּאַיאַצעריי אויף דער יידישער בינע אונ־טערן טיטל „היסטאָרישע אָפּערע״, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך די דזאַמאָלטיקע הערשער איבער דער יידישער בינע, „פּראָפעסאָר״ הורוויץ און יוסף לאַטיינער. ביידע האָבן געקענט דייטש און פון דאָרט האָבן זיי געשעפּט די טעמעס אָדער פּיעסן, וועלכע זיי האָבן איבערגעשריבן, אָבער הורוויצס געשמאַק האָט געצויגן צו די ביליקסטע און ווילדסטע שונד־סצענעס, און כאָטש לאַטיינער איז געווען אַ שטילערער מענטש פון הורוויצן, איז אָבער זיין ליטעראַרישער געשמאַק געשטאַנען אויף דער זעלבער מדרגה. אָבער ווען עס קומט צו ריידן וועגן יעקב גאָרדין, צעגייט זיך קאַהאַן אין שטאַרקן לויב:

„יעקב גאָרדין האָט געהערט צו אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ. ער איז געווע־ אַן אינטעליגענטער רוסישער ייד און אין רוסלאַנד האָט די ליטעראַטור גע־שפּילט אַ פּיל וויכטיקערע ראָלע, און מען האָט איר דאָרט געגומען פּיל ערנסטער ווי אין אַנדערע לענדער. אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע און זאָגאַר אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד האָבן געבילדעטע מענטשן זיך געקאָנט קוויקן מיט ביליגע מעלאָדראַמע. אין רוסלאַנד איז דאָס כמעט געווען אומעגלעך (דאָ ווײַזט קאַהאַן אָן, אַז אַזוי ווי רוסלאַנד איז ניט געווען קיין פרייע פרעסע און קיין פרייע פּלאַטפאָרם, האָבן די בעסטע שטרעבונ־גען פון דער אינטעליגענץ געזוכט צו געפינען אויסדרוק אין בעלעטריס־טיק, און, אין דער פאָרם פון אַ ראָמאַן, האָט מען געמאָלן דאָס אמתע לעבן). גאָרדין איז אין אַמעריקע געקומען מיט דיזן גייסט. דאָס האָט זיך געפילט אין זיין שרייבן. אַגב, האָט ער געהאַט אַ סך מער טאַלאַנט ווי הורוויץ אָדער לאַטיינער. גאָרניט צו פאַרגלייכן״.

אָט אַזאַ אַריינפיר האָט קאַהאַן געמאַכט צו גאָרדינען אַלס מענטש און אַלס שרייבער. ווי האָט ער זיך אין אָנהייב באַצויגן צו אים אַלס דראַמאַ־טורג? אין זיינע דעראַינערונגען, וואָס זיינען אַרויס 17 יאָר נאָך גאָרדינס טויט און 35 יאָר נאָך דער אויפפירונג פון גאָרדינס ערשטע פּיעסע, שרייבט אב. קאַהאַן:

„ווען מען וואָלט זיין „סיביר" געשטעלט היינט, וואָלט די פּיעסע איינשטימיק דערקלערט געוואָרן פאַר אַ מעלאָדראַמע און פאַר אַ גאַנץ שוואַכע זאַך, הגם דראַמאַטיש איז זי זייער. דאַן אָבער איז אַזאַ פּיעסע אויף דער יידישער בינע געווען אַ נייעס. ווי שוואַך זי איז, שטייט זי אַלץ ניט אין ערך העכער פאַר די „היסטאָרישע אָפּערעטע" אין יענע יאָרן".

קאַהאַן דערציילט ווי באַלד נאָך דער אויפפירונג האָט ער געשריבן אין דער „אַרבייטער צייטונג" אַ קריטיק וועגן דער פּיעסע (און דאָס איז אגב געווען קאַהאַנס ערשטע טעאַטער־קריטיק) און רעזומירנדיק די קריטיק, שרייבט קאַהאַן:

„איך האָב „סיביר" פאַרגליכן צו ניט קיין פרומען יידן, וועלכער געפינט זיך צווישן גויים. ביי יידן וואָלט מען אים ניט געהאַלטן פאַר קיין יידן, צווישן קריסטן אָבער איז ער אַ ייד. ווען מען זאָל „סיביר" מעסטן מיט דער זעלבער מאָס ווי די וויכטיקע ווערק פון דער וועלט־בינע, וואָלט זי ניט געהאַט קיין באַדייטונג. ווען מען פאַרגלייכט איר אָבער מיט די פּיעסן פון דער יידישער בינע, איז זי ליטעראַטור און מען דאַרף איר באַגריסן. ...ווען ער [דער אַרטיקל] איז געשריבן געוואָרן, בין איך געווען מיט 35 יונגער, מיט 35 יאָר ווייניקער אַנטוויקלט. היינט וואָלט איך וועגן דער פּיעסע געהאַט מער וואָס צו זאָגן, און דאָס וואָס איך האָב געזאָגט אין יענעם אַרטיקל, וואָלט איך אפשר אויסגעדריקט אויף אַן אַנדער שטייגער. אין סך הכל אָבער קאָן איך זיך אונטער אים היינט אויך אונטערשרייבן, און דאָס וואָס איך זאָג דאָרטן וועגן דראַמען און וועגן שפּילן אין אַלגעמיין, שטימט אויך מיט מיינע היינטיקע איבערצייגונגען. ...מאַכנדיק אַ פאַרגלייך צווישן גאָרדינען און דראַמאַטורגן פון דעם הורוויץ־טיפּ, זאָג איך, אַז גאָרדינס פעלערן זיינען „פּגימות אויף אַ שטאָלענעם שווערד". ווערנד אויף די פּיעסן פון די אַנדערע יידישע שרייבער „קאָן מען ניט זוכן קיין פעלערן ווי מען קאָן ניט זוכן קיין פּגימות אויף אַ הילצערנער שפּיל־שווערדל". איך זאָג, אַז גאָרדין האָט געגעבן אַדלערן און מאַדאַם דיינע [סעראַ אַדלער] אַ געלעגנהייט צו שפּילן. ער האָט זיי געגעבן ראָלן. ...און דאָך האָט אַדלער גערעדט מאַמע־לשון אָן אַ ברעקל דייטש, און מיסעס דיינע האָט ניט געמאַכט די גוואַלדן, וועלכע מען הערט פון איר אין אַנדערע

פּיעסן. און דאָס פּובליקום, וועגן וועלכן מען וויל אונדז איינריידן, אַז ער פּאָדערט קנאַקעריי און בראַזגעריי אויף דער סצענע, האָט געווישט די טרערן און פריילעך געלאַכט און דורכגעזעסן די פּיעסע מיט אינטערעס, הגם קיין „בלוט און דונער" ביזנעס איז ניט געווען. זאָל מען נאָר געבן דאָס אמתע לעבן, זאָל מען נאָר ריידן די שפּראַך פון לעבעדיקע מענטשן, זאָל מען נאָר פאַרשטעלן אמתע צרות, וועט די פאַרגעשטעלטע לאַגע אַליין אָנרירן די איידלסטע סטרונעס פון דעם יידנס נשמה. דער אומגעבילדעטער ייד וועט פאַרשטיין. עס וועט ריידן צו זיין האַרץ מיט מעכטיקערע ווערטער ווי די גוואַלדיקסטע פאַלשע סצענעס מיט די גוואַלדיקסטע ,טייטש'."

און נאָכדעם ווי קאַהאַן דערמאָנט. אַז ער האָט אין דער רעצענזיע אָנגעוויזן אויף פעלערן פון דער פּיעסע און פון שפּילן, פאַרענדיקט ער:

„,סיביר' האָט געהאַט אַ קינסטלערישן דערפאָלג, אָבער ניט קיין פינאַנציעלן, און גאָרדין האָט פון דער פּיעסע גאַנץ ווייניק באַקומען. זיין נאָמען איז אָבער גלייך פעסטגעשטעלט געוואָרן און זיין פּערזענלעכקייט האָט זיך גענומען שטאַרק פילן. די אַנדערע דראַמען־שרייבער זיינען געוועזן אַ טייל פון דער שוישפּילער־וועלט. ער איז געשטאַנען גאַנץ באַזונ־דער, און מיט זיין שטאָלצער, רעספּעקט־פאָדערנדער נאַטור, האָט ער די אַקטיאָרן געהאַלטן פון וייטן, און זאָגאַר מיט פורכט".

איך האָב געבראַכט אויספירלעך די ערשטע איינדרוקן פון אב. קאַהאַ־נען וועגן גאָרדינען, וואָס קאָנען, דאַכט זיך, גאָרניט זיין מער פריינטלע־כער און סימפּאַטישער. און פאַקטיש באַרירט קאַהאַן אין באַלד דעם ערשטן אַרטיקל אַלע מעלות אויף וועלכע עס האָבן זיך שפּעטער אָפּגעשטעלט די אַנדערע שרייבער וועגן גאָרדינען, אַז גאָרדין האָט געמאַכט געשיכטע אין יידישן טעאַטער, אַז לגבי דעם דאַמאָלטיקן רעפּערטואַר האָט ער גע־מאַכט אַ רעוואָלוציע, אַז ער האָט געשאַפן ראָלן פאַר אַקטיאָרן, אַז ער האָט געגעבן דאָס אמתע רעאַלע לעבן אויף דער בינע און אַז ער האָט געשריבן יידיש, ניט דייטשמעריש.

אין 1893 ווען ס'ווערט אויפגעפירט גאָרדינס פּיעסע „דער ווילדער מענטש", שרייבט אב. קאַהאַן:

„גאָרדינס מערקווירדיקער חוש פאַר דער בינע זעט זיך אין דעם

„ווילדן מענטש" אָן גאַנץ שטאַרק. וויניקסטנס דריי פערטל פון דער גאַנצער פּיעסע שמעקט מיט דער „ליטעראַטור" פון לאַטיינער. צוזאַמענגעשטעלט זיינען אָבער די סצענעס מיט אַ מערקווירדיקער גענייטקייט, און ווען די שוישפּילער האָבן פעאיקייט און טאַלאַנט, איז דאָס אינטערעסאַנט צו זען און מינוטנווייז זיצט מען ווי געשפּאַנט".

אויך אַ ביסל שפּעטער, שוין אַפילו נאָכדעם ווי גאָרדין האָט געהאַט אויף דער בינע נאָך אייניקע פּיעסן, האָט זיך נאָך ניט געמערקט קיין ריס צווישןביידען.

דער ערשטער ריס צווישן קאַהאַן און גאָרדין איז פאָרגעקומען אין 1895, ווען ס'איז אויפגעפירט געוואָרן גאָרדינס פּיעסע „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע". אין אָט דער פּיעסע האָט גאָרדין זיך דערלויבט קריטיק אויף די יוניאָנס. ער האָט דאָרט אַ טיפּ „הוזדאַק", וואָס ווערט געשילדערט אין זייער אַ פינצטער ליכט.

ווי דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין דערציילט, האָט „די אויפפירונג פון דער דאָזיקער פּיעסע אין יענער צייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ניט מיט זיין דערפאָלג, נאָר מיט די שאַרפע ויכוחים, וואָס עס האָט דאַמאָלט אַרויסגערופן. ...דער אומפאַרגעסלעכער הוזדאַק, וועמענס קלאַסישער אויסדרוק [בנוגע זיין האַנדלונג אין דער יוניע־באַוועגונג] „צו וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטוציע?", איז אַריין אין פאָלק און האָט געמאַכט הייסע בלוט. אברהם קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „אַרבייטער צייטונג", וועלכער איז אין טעאַטער געקומען צו אַ פאָרשטעלונג אַלס קריטיקער, האָט פון אַ לאָזשע אַרויסגעשריגן אין רוסיש „עטאָ לאָזש" [דאָס איז אַ ליגן] און לאַנג, לאַנג האָט מען דעבאַטירט און געהיצט זיך צי גאָרדין איז געווען גערעכט צו די יוניאָנס ווען ער האָט הוזדאַקן אַרויסגעשטעלט אַלס זייער פאָרשטייער".

...קיין שטיק כאַראַקטעריזירט ניט אַזוי גאָרדינען ווי „דער רוסישער ייד". עס איז געווען מער ווי געוואַגט צו געבן אַזאַ שנעל אין נאָז די יוניאָנס, ווייל זיינע הייסטע אָנהענגער האָט ער [גאָרדין] געהאַט צווישן די פאָרטגעשריטענע אַרבעטער. נאָר ער האָט דערפאַר זיך ניט אָפּגעשראָקן און האָט זיין בייסיקע סאַטירע אָנגעווענדעט קעגן דעם, וואָס ער האָט

באַטראַכט פאַר אַן איבל [אַ שלעכטע זאַך]. ...אין דער רוסישער ייד״ דריקט גאָרדין אויך אויס זיינע אייגענע געפילן צום נייעם אַדאָפּטירטן לאַנד. די געדיכטע פאַרבן זיינען ניט צוליב אַן עפעקט, נאָר אַזוי האָט ער זיי געזען. נעמענדיק זיך אַליין פאַר אַ מאָדעל. ...גאָרדין איז אָפּט אַזוי שטאַרק באַהערשט געוועזן פון זיינע געפילן, אַז דאָס האָט אים געשטערט צו זען די וואָרהייט ווי אַ קינסטלער דאַרף זי זען״.

קאַהאַן האָט זיך ניט באַגנוגנט מיטן אויסרוף אין טעאַטער, נאָר האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפע קריטיק קעגן דער פּיעסע. האָט גאָרדין ניט געשוויגן און געענטפערט מיט אַ שאַרפן אַרטיקל, און ווידער באַשטעטיקט, אַז ער האַלט זיינע פּיעסן פאַר מוסטערהאַפטע, איבער יעדער קריטיק. דאָס האָט ערשט רעכט אויפגערעגט קאַהאַנען, און ער האָט דערויף אַזוי רעאַגירט:

„איך האָב דאַן דערקלערט — שרייבט אב. קאַהאַן אין זיינע מעמואַרן — אַז אויב דאָס איז גאָרדינס גאַנג, וועל איך מער וועגן זיינע פּיעסן ניט שרייבן. מען האָט דערנאָך געמאַכט שלום צווישן אונדז, אָבער מער האָב איך קיין קריטיק אויף זיינע דראַמעס, אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט, שוין ווירקלעך ניט געשריבן. פּערזענלעך זיינען מיר אָבער צוערשט געבליבן אין גוטע באַציאונגען״.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

# דער פּעריאָד פון שלום בית צווישן אב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין

קאַהאַן שילדערט די גוטע מעלות און דעם טאַלאַנט פון גאָרדינען — זיין ראָלע אין דער יידיש־רוסישער געזעלשאַפט — מ׳פאַרגלייכט גאָרדינען צו איבסענען — די אַמעריקאַנער קאָלעדזש־פּראָפעסאָרן קומען אין יידישן טעאַטער זען גאָרדינס פּיעסן — דער ברוגז און דאָס איבערבעטן זיך — דער צווייטער רוגז צווישן זיי.

מיר גייען דאָ ווייטער כראָנאָלאָגיש וועגן די באַציאונגען צווישן יעקב גאָרדין און אב. קאַהאַן, וואָס פאַרע אַנטוויקלונגען זייער באַציאונגען האָבן אָנגענומען, די געשעענישן און די רעזולטאַטן.

מיר האַלטן ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, נאָך איידער דער „פאָרווערטס" איז געבוירן געוואָרן. קאַהאַן האָט געשריבן אין די אַנדערע אַרבעטער־צייטונגען פון יענער צייט. ערשט אין אַפּריל 1897 איז געבוירן געוואָרן דער „פאָרווערטס". קאַהאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר מיט אַ געהאַלט פון 15 דאָלאַר אַ וואָך [געענדיקט האָט ער מיט אַ געהאַלט פון 300 דאָלאַר אַ וואָך], און אויך דאָס איז ניט געווען צו באַצאָלן.

קאַהאַן דערציילט אַזוי וועגן יענער עפּאָכע:

„די ערשטע עטלעכע מאָנאַט איז יעקב גאָרדין, דער דראַמאַטורג, געווען אַן אינסיידיקער [אינעווייניסקטער] מיטאַרבעטער ביי אונדז, און ער פלעגט זיצן ביי דער דעסק [שרייבטיש], וואָס איז געשטאַנען נעבן מיינעם. ער האָט ביז דאַן פאַר דער בינע אויפגעשריבן חוץ „סיביר", „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע", „צוויי וועלטן" און „דער יידישער קעניג ליר", און ער האָט שוין געהאַט אין זינען דעם אינהאַלט פון „די אידישע קעניגין ליר" [„מירעלע אפרת"]."

קאַהאַן לאָזט דאָ אַרויס אַ גאַנץ פּעקל פּיעסן, וואָס האָבן שוין דאַמאָלט

געמאַכט גאָרדינען אַזוי פּאָפּולער, ווי „דער ווילדער מענטש", „דער יידי־שער גלח", „די ברידער לוריא", „שלמהקע שאַרלאַטאַן", און אַ גאַנצע ריי איבערזעצונגען ווי „באַרא", „מעדעאַ" און קנאַפּערע דערפאָלג־פּיעסן ווי „דער פּרנס חודש", „מחמד, אָדער די יידן אין אַראַביע", „עגל הזהב", „די נקמה", „גאַליליי", „מאיר עזאָפּאָוויטש", „די דריי פּרינצן", „קאַפּיטאַל, ליבע און מאָרד", „דער ווילדער קעניג", „קול שופר", און „ערנאַני".

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו קאַהאַנס שילדערונג וועגן גאָרדינען:

„זיינע פאַרדינסטן פון טעאַטער זיינען אָבער דאַן נאָך געווען זייער קליין. פאַרן „פאָרווערטס" פלעגט ער שרייבן פעליעטאָנען. צום ביישפּיל, ווען אין ניו יאָרק האָט מען געבראַכט דעם קערפּער פון דזשענעראַל גרענט און מען האָט אים אַוועקגעלייגט אין דעם אָקאָרשט־אויסגעבויטן „גרענטס טומב", אויף ריווערסייד דרייוו, האָט ער דאָס באַשריבן. ער האָט פאַר אונדז אויך געשריבן סקיצן, אַרטיקלען איבער דער געשיכטע פון דראַמע".

דערווייל זיינען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" פאָרגעקומען אינערלעכע פּאַרטיי־סכסוכים און אויך פּערזענלעכע פּניות, און קאַהאַן איז געוואָרן אויסרעדאַקטאָר, איז צוריק אַוועק צו דער ענגלישער פּרעסע און נאָר פון צייט צו צייט עפּעס געשריבן פאַרן „פאָרווערטס", באַזונדערס אַ סעריע אונטערן נאָמען „נשמה יתרה". גאָרדין האָט דערווייל ווייטער געשריבן זיינע פּיעסן. ער איז שוין געוואָרן דאַמאָלט דער וויכטיקסטער דראַמאַטורג, געשאַפן זיין „דבורהלע מיוחסת", „מירעלע אפרת", און דער ברוגז צווישן ביידע איז אָנגעגאַנגען. לואי מילער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אָדער אַלנפאַלס דער איינפלוסרייכסטער פּערזאָן אין דער פאַרוואַלטונג פון „פאָרווערטס", און צווישן אים און גאָרדינען איז פאָר־געקומען אַ צוזאַמענשטויס, ווייל מילער איז אַרויס מיט אַ סעריע פון 6 אַר־טיקלען אין „פאָרווערטס", אין וועלכער ער האָט צעגלידערט גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" מיט וועלכער דער מחבר האָט באַזונדערס שטאָלצירט און אָנגעוויזן, אַז די טעמע איז גענומען פון „פאַוסט" און „איוב", — און אַז אַזוי ווי גאָרדין האָט די דראַמע צוזאַמענגעשטעלט, האָט זי ניט קיין זין. גאָרדין האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן, איז צווישן זיי געוואָרן אַ ברוגז.

קאַהאַן גיט אָפּ אין זיינע 5 בענדער מעמואַרן זייער אַ סך פּלאַץ צו גאָרדינען, אומפאַרגלייכלעך מער ווי צו אַנדערע מענטשן מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן אין יענער צייט צוזאַמען אָדער צו קומען אין קאָנטאַקט, און דאָס איז אַ פּנים, דערפאַר, ווייל ניט געקוקט אויף די סכסוכים, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן ביידען, די אָפטע רייסערייען און קריגערייען, איז קאַהאַן פּאָרט, אַזוי ווי די מאַסן, געווען „באַצויבערט״ פון דער פּערזענלעכקייט און כאַראַקטער פון גאָרדינען.

אָט, אַ שטייגער, ווי קאַהאַן כאַראַקטעריזירט גאָרדינען:

„יעקב גאָרדין האָט גוט גערעדט און געשריבן רוסיש. ער האָט געהערט צו דער רוסיש-יידישער אינטעליגענץ. ווען זיין נאָמען אַלס דראַמאַטורג האָט גענומען שטייגן, האָט אויך גענומען שטייגן זיין באַדיי־טונג אין אונדזער „רוסישער קאָלאָניע״, ווי מיר פלעגן זיך געוויינלעך רופן. ווען ער וואָלט געשריבן פּיעסן פון דעם אַלטן יידישן סאָרט, וואָלט זיין טעאַטער-קאַריערע צווישן זיינע רוסישע באַקאַנטע קיין אינטערעס ניט אַרויסגערופן. אַזוי אָבער ווי זיינע ווערק זיינען געשטאַנען אַ סך העכער ווי די פריערדיקע יידישע דראַמעס, און פון אַלע זייטן האָט מען אים באַגריסט אַלס אַ טאַלאַנט און אַלס דער אויפהויבער פון דער יידישער בינע, איז זיין קורס צווישן די אינטעליגענטן אויך געוואַקסן. מען האָט זיך מיט אים אינטערעסירט און מען האָט אים געוויזן אויפמערקזאַמקייט.

די בינע איז אַ שליסל צו די טויערן פון עפנטלעכקייט, און ער איז געווען דער צענטער פון דער יידישער בינע-וועלט. ער איז געוואָרן פּאָפּולער און וויכטיק. מען האָט געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט. אגב, האָט ער געקאָנט זאָגן אַ גאַנץ גוטן וויץ. אין דער קאָמפּאַניע פון פריינט איז ער געווען אַ פריילעכער, אָנגענעמער מענטש, און ביי זיך אין דער היים איז ער געווען זייער גאַסטפריינטלעך. אַלזאָ, האָט זיך אַרום אים אַרומגעזאַמלט אַ גרופּע אינטעליגענטע דאָקטוירים, לאָיערס, דענטיסטן, געשעפטסלייט.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן „עדיוקיישאָנעל ליג״, אַ געזעלשאַפט מיטן צוועק צו פירן אָוונט-קורסן און אָוונט-לעקטשורס פאַר אַרבעטער. גאָרדין איז געווען דאָס האַרץ פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געזאַמלט פאַר איר, צוגעצויגן די בעסטע לערער און לעקטשורערס, געהאָלפן מאַכן

בענעפיט־פאַרשטעלונגען, פאַרזאַמלונגען. די גרופּע, וואָס האָט אים אַרומ־געריגגלט, איז געווען טעטיק דערביי. דיזע גרופּע און די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער „ליג", זיינען געווען איינס און דאָס זעלבע. דאָס אַלץ האָט ענגער געמאַכט די פריינטשאַפט פון די מיטגלידער צווישן זיך פון אַלעמען אין איינעם צו גאָרדינען.

צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט גאָרדין דירעקט ניט גע־הערט. אָבער דורך דער „ליג" איז ער געקומען אין באַרירונג מיט קהלשע טעטיקייטן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט אונדזער אַרבעטער באַוועגונג.

גאָרדין אַלס פּיעסן־שרייבער און אַלס איבערגעגעבענער פירער פון דער „עדיוקיישאָנאַל ליג", האָט געהאַט „חסידים" אין אונדזער באַוועגונג, און דאָס הייסט אויך אין דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן, צי ער איז פון מילערן אָדער מיר געווען דערוויטערט צי ניט. אַ חוץ דעם, איז ער געווען נאָנט באַפריינדעט מיט אייניקע פון אונדזערע פּראָמינענטע גענאָסן. צו אונדזער פּאַרטיי אין אַלגעמיין, אַלזאָ, האָט ער זיך אימער געהאַלטן ווי אַ סימפּאַטיזירער, און צו אונדזערע יוניאָנס אוודאי.

אויב ער איז ניט געווען קיין פאָרמעלער סאָציאַליסט, איז ער יעדנפאַלס געווען איינער פון די וויכטיקע ראַדיקאַל־געזאָנענע אימיגראַנטן אין די יידישע קוואַרטאַלן.

און דאָס אַלץ האָט זיך אַלץ דייטלעכער געלאָזט פילן אין זיינע ווערק. זיין „גאָט, מענטש און טייוול", „סאַפאָ", „קרייצער סאָנאַטע". די „וואַרהייט" — דיזע אַלע פּיעסן אַנטהאַלטן מאַסן־ווערטלעך, סצענקעס און גאַנצע אַקטן, וועלכע גיבן אויסדרוק צו ראַדיקאַלע אידעען וועגן הייראַט, ליבע, עקאָנאָמישע אומגלייכהייט, רעליגיאָן. און דאָס האָט אים געשאַפן פיל פּאָפּולאַריטעט צווישן סאָציאַליסטן. איך וועל דאָ ברענגען נאָר איין ביישפּיל: אין זיין „גאָט, מענטש און טייוול", אין אַ געוויסן מאָמענט, זאָגט דער אַרבעטער פון דער פּיעסע צו דעם גביר, „עס זעט אויס, אַז נאָר פון רויבעריי קאָן מען רייך ווערן. מיר אַרבעטן און איר לעבט אַ גוטן טאָג". ביי דיזע ווערטער פלעגט אויסברעכן אַ שטורמישער אַפּלאָדיסמענט.

מען האָט גאָרדינען גענומען פאַרגלייכן צו איבסענען. די אַמעריקאַ־

נער דראַמע איז דאָן געשטאַנען ניט אין ערך נידריקער ווי זי שטייט היינט. וועגן פּיעסן מיט אַ ראַדיקאַלן אינהאַלט האָט מען אויף בראָדוויי אפילו ניט געקאָנט טרוימען. אין [דער] פראַגע פון הייראַט און ליבע האָט מען אויף אַן ענגליש־ריידענדער בינע אין יענע יאָרן זיך געמוזט האַלטן ביי דער שטרענגער פּיוריטאַנישער פרומקייט. אַלץ האָט געמוזט זיין ווי גאָט האָט געבאָטן. און ווען יידישע קאָלעדזש־סטודענטן פון דער איסט־סייד האָבן דערציילט די פאָרטגעשריטענערע פון זייערע פּראָפעסאָרן, אַז אויף דער בויערי, אויף יידיש, שפּילט מען ווערק, וואָס האָבן אַן איבסענישן כאַ־ראַקטער און האָבן אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט, האָט דאָס אויף אייניקע פון דיזע פּראָפעסאָרן געמאַכט אַן איינדרוק. אַ פּאָר פון די יידישע סטודענטן האָבן זייערע פּראָפעסאָרן געבראַכט זען גאָרדינס פּיעסן.

אין רוסלאַנד, וואו די ליטעראַטור איז געשטאַנען העכער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, האָט מען נאָך דאָן פון גאָרדינס דראַמעס ניט געהערט, און ווי די דאָרטיקע מבינים וואָלטן זיי באַטראַכט, האָט מען אין אַמעריקע זיך ניט פאַרגעשטעלט. אין סך הכל אָבער, מיט אייניקע אויסנאַמען, האָט מען דאַ געמיינט, אַז מען וואָלט אים אין רוסלאַנד אויך ערקלערט פאַר אַ ליטעראַטור קינסטלער פון העכסטן קלאַס.

און אַזוי איז אויך געווען די מיינונג פון פיל מיטגלידער פון דער אינטעליגענטער רוסישער קאָלאָניע. מען האָט אים ניט געהאַלטן פאַר אַ דענקער, פאַר קיין הויך־אַנטוויקלטן מענטשן. אינטעליגענט איז ער אָבער יעדנפאַלס געווען, און, ווי שוין געזאָגט; אין באַצוג צו זיין גרויסער באַדייטונג פאַר דער יידישער בינע האָט קיין מיינונגס־פאַרשידענהייט ניט געקאָנט זיין. עס האָט אויך ניט געקאָנט זיין קיין ספק, אַז ער האָט טאַלאַנט, הומאָר, און אַז ער פאַרשטייט די בינע אויסגעצייכנט. אַלזאָ, האָט אַ גרוי־סער טייל פון אונדזער אינטעליגענץ אים געהאַלטן פאַר אַן איבסען.

זיין גאווה און פּולווערדיקע עמפּינדלעכקייט האָט אים אין דער רוסישער קאָלאָניע פאַרשאַפט אייניקע פּערזענלעכע שונאים. ער האָט אָבער אין איר אויך געהאַט וואַרעמע פריינט און באַגייסטערטע אָנהענגער. און ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אויף אַ „וויעטשערינקע" אָדער אויף אונדזער יערלעכן ניי יאָרס באַל, פלעגט זיין הויכע, ברייט־פּלייציקע

פיגור, שטאָלצער פּנים און גרויסע באָרד, זיין דער צענטער פון אַ גרויסע גרופּע פאַרערער״.

איך האָב בכיוון געבראַכט אָט דעם לאַנגען אויסצוג פון קאַהאַנס שילדערונג און כאַראַקטעריזירונג פון יעקב גאָרדין, כדי דער לעזער זאָל זיך גענוי באַקענען מיט די באַציאונגען צווישן די צוויי דאַמאָלט באַרימטע פּערזענלעכקייטן אויף דער יידישער גאַס און אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל ווער איז געווען הונדערט פּראָצענט אָדער מער־ווייניקער גערעכט אין דער מלחמה וואָס האָט שפּעטער צווישן זיי געפּלאַטערט.

ווי אַזוי איז געקומען צו דער מלחמה?

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער ערשטער סכסוך צווישן ביידען איז אויסגעבראָכן ווען קאַהאַן האָט אין טעאַטער אויסגעשריגן זיין פּראָטעסט קעגן גאָרדינס טיפּ „הוזדאק״ און אַז שפּעטער האָט ער אים געמאַכט דערפאַר זייער שטרענגע פאָרוואורפן אין זיין רעצענזיע. קאַהאַן גופא האַלט, אַז זיין רעצענזיע איז געווען געשריבן „העפלעך״. אין זיינע מעמואַרן באַצייכנט ער: „אין מיין קריטיק האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם, דאָס די פּיעסע שטעלט אַרויס נאָר אַזאַ „מאַכער״, ווערנד די גוטע זייט פון אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג, אירע סימפּאַטישע טיפּן, שילדערט זי ניט. איך האָב דאָס אויסגעדריקט מיט די מילדסטע, פריינט־לעכסטע ווערטער. דאָך האָט גאָרדין אין דעם נעקסטן נומער „אַרבייטער צייטונג״ פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיין קריטיק אַטאַ־קירט, מיט אַ גיפטיקער אָנצוהערעניש, אַז מסתמא איז דער „הוזדאַקיזמוס״ [די קאָרופּציע] ביי אונדז שוין אַריין צו וויט״.

קאַהאַן האָט מער דערויף ניט געענטפערט. זיין רעאַקציע איז געווען, אַז ער האָט אויפגעהערט שרייבן רעצענזיעס אויף גאָרדינס פּיעסן, און זיי האָבן צווישן זיך ניט גערעדט. מען האָט ווי עס איז זיי איבערגעבעטן און זיי זיינען געבליבן אין גוטע באַציאונגען, אָבער אין אויגוסט 1897 זיינען זייערע באַציאונגען ווידער איבערגעריסן געוואָרן, דאָסמאָל ניט צוליב גאָרדינס אַ פּיעסע און קאַהאַנס אַ רעצענזיע, נאָר, פאַרקערט, קאַהאַנס אַ ראָמאַן און גאָרדינס אַ רעצענזיע.

דאָס איז געווען די סיבה צו אַ נייער שנאה צווישן די צוויי שטאַרקע

פּאַרעקשנטע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען ניט געווען נאָכגיביק, ווען זיי האָבן געהאַט אַ באַשטימטע מיינונג וועגן אַן ענין און האָבן זיך ניט צוריק־געהאַלטן צו קעמפן פאַר זייערע מיינונגען, ניט שוינענדיק זייערע נעכטיקע פריינט און גוטע ברידער.

אָט מיט דער מידה זיינען פאַקטיש געווען באַשאָנקן ביידע, סיי אב. קאַהאַן און סיי יעקב גאָרדין, ווי מיר וועלן זען אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער געשיכטע פון זייערע קאַמפן צווישן זיך.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

# קאַהאַן און יעקב גאָרדין קריגן זיך און בעטן זיך כסדר איבער

קאַהאַן שילדערט גאָרדינס כאַראַקטער — אַ טשיקאַווער עפּיזאָד מיט אַ פּראָפעסאָר — די מעשה מיט קאַהאַנס באַמערקונג וועגן „שחיטה" — גאָרדין רייסט אַראָפּ קאַהאַנס אַ ראָמאַן — צוויי מאָל בעט מען זיי איבער, און זיי צעקריגן זיך ווידער.

אב. קאַהאַן האָט אין דער ערשטער צייט געלעבט בשלום מיט יעקב גאָרדין, אָבער ניט בשלום מיט דער פירערשאַפט פון „פאָרווערטס" און ער איז עטלעכע מאָל אַוועק פון „פאָרווערטס" און צוריקגעקומען ביז ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן ווי דער הויפּט רעדאַקטאָר ביז צו זיין טויט.

אב קאַהאַן האָט אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „יעקל", וואָס ער האָט פריער, אין 1896, געדרוקט אין יידיש אין דער „אַרבייטער צייטונג" און דערנאָך אין ענגליש אין אַ באַזונדער בוך אין ניו יאָרק און אַ ביסל שפּעטער אין לאָנדאָן. די קריטיק אויף דעם בוך איז על פּי רוב געווען אַ גינסטיקע און מען האָט קאַהאַנען פאַרגליכן צו זאַנגווילן. אין אויגוסט 1897 האָט יעקב גאָרדין אָנגעשריבן אַ רעצענזיע אין „פאָרווערטס" אויפן ראָמאַן, און דאָס האָט ווידער דערפירט, אַז דער שלום צווישן אב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין זאָל איבערגעריסן ווערן.

ווי קאַהאַן דערציילט, איז דאָס פאָרגעקומען אַ וואָך איידער ער איז אַוועק פון „פאָרווערטס". גאָרדין האָט געהאַט אָנגעשריבן די ערשטע העלפט פון זיין איבערזיכט וועגן ראָמאַן און האָט עס געבראַכט צו אים. די אַנדערע העלפט האָט גאָרדין געזאָלט ברענגען שפּעטער. קאַהאַן דערציילט אַזוי ווי עס איז געקומען צו זייער נייער מחלוקה:

„אין אַ פריערדיקן געשפּרעך מיט מיר, האָט ער אויסגעדריקט אַ זייער גינסטיקע מיינונג וועגן „יעקל", און דזשייקאָב פּ. אַדלער, דער שווי־

שפּילער, האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז גאָרדין האָט פאַר אים געלויבט מיין ענגליש ווערק. צו זיין קעגן דער דערשיינונג פון זיין אַרטיקל, האָב איך, אַלזאָ, קיין אורזאַך ניט געהאַט. אָבער אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אָנגעגעבן מיין רעזיגניישאָן אַלס רעדאַקטאָר און אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צו מיין אַוועקגיין, האָב איך באַמערקט:

— עס וועט זיין בעסער ווען אייער אַרטיקל וועט ערשיינען ווען דער חתן וועט שוין ניט זיין דערביי. וואַרט אָפּ אַ וואָך, איך וועל שוין ניט זיין רעדאַקטאָר, וועט איר דאָס דאַן אָפּדרוקן.

איך האָב דאָס געזאָגט אין דעם פריינטלעכסטן טאָן. צו מיין ערשטוי־נונג, האָט ער זיך אָנגעצונדן, און, צונעמענדיק דעם מאַנוסקריפּט, האָט ער אויסגערופן זייער בייז און שטאָלץ:

— יעקב גאָרדין איז ניט געוואוינט, אַז וועגן זיינעם אַן אַרטיקל זאָל מען זיך דינגען.

איך האָב אים באַקוקט מיט איבעראַשונג און בין אַרויס פון צימער. דער ברוגז צווישן אונדז האָט זיך דאַן געצויגן ביז דריי יאָר״.

גאָרדינס קריטיק אויף קאַהאַנס ראָמאַן „יעקל״ איז געגאַנגען אין „פאָרווערטס״ אין עטלעכע פאָרטזעצונגען, לויט קלמן מרמר האָט גאָרדין אַנאַליזירט דעם ראָמאַן שטעלע נאָך שטעלע און געקומען צו אַזאַ סך הכל: „איר געפינט דאָ איבריקע, אויסגעקוועטשטע, צוגעטשעפּעטע גלייכווערט־לעך, צו לאַנגע און ווייניק אינטערעסאַנטע קאָנווערזאַציאָנען [געשפּרעכן]. קלייניקייטן פאַרנעמען צופיל פּלאַץ, און וויכטיקע זאַכן צו ווייניק. אין גאַנצן בוך געפינען זיך בלעטלעך, וואו איר מוזט זאָגן: צו לענגלעך, צופיל אויפמערקזאַמקייט פאַר אַ קנעפּל און צו ווייניק פאַר אַ מענטשן. ...ער האָט אָנגעשריבן זיין „טעיל אָוו דהי געטאָ״ ניט ווי אַ געוועזן קינד פון דעמזעלבן געטאָ, ווי אַן „אייגענער״, וועלכער שרייבט פון אייגענע. ...ער האָט געשילדערט ווי אַ פרעמדער פאַר פרעמדע. ער איז געבליבן קאַלט און פרעמד אַפילו צו זיינע אייגענע העלדן. ער לאַכט פון זיי, מאַכט פון זיי פּאַן [חוזק] און צייגט צו זיין אַ קאָמיקער אויך דאַן ווען זייער לאַגע איז זייער טראַגיש״.

ווען מיר לייענען בלויז אָט די סומירונג, קאָן מען קומען צום באַשלוס,

אַז די קריטיק פון גאָרדינען האָט דעם, ניט־ווייניקער סענסיטיוון און איין־זיך שטאַרק גלויבנדן אב. קאַהאַן אַרויסגעבראַכט קעגן גאָרדינען, און אויף וויפל קאַהאַן זאָל ניט וועלן אונטערשטרייכן זיין אומפּאַרטייאישקייט קעגן גאָרדינען און, אַז די קריטיק, מיט וועלכער ער איז שפּעטער אַרויס־געקומען קעגן אים, איז בלויז געווען געשטיצט אויף ריינע ליטעראַטור־קריטיק און קונסט־מבינות, האָט זי אין זיך פאַרט מער ווי אַ שמץ פון פּערזענלעכן כעס און אפשר אויך קנאה, וואָס גאָרדין האָט דערגרייכט אַזאַ אָנגעזעענע שטעלונג אין דער יידישער געזעלשאַפט און ביי די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. און כאַראַקטעריסטיש, אַז קאַהאַן באַשולדיקט גאָרדינען אין אַ חסרון, וואָס אַנדערע האָבן פאַרגעוואָרפן טאַקע אים, קאַהאַנען: היפּער סענסיוויטעט קעגן קריטיק און שטאַרקע איינגעגלויבט־קייט אין שלמות.

אַט ווי קאַהאַן שילדערט די אייגנשאַפט ביי גאָרדינען:

„די מאַכט, וואָס גאָרדין האָט געהאַט צווישן די אַקטיאָרן און דעם כבוד, וואָס ער האָט באַקומען פון עולם, האָט אויף אים געהאַט אַ באַזוי־פענדע ווירקונג. פון דער נאַטור איז ער געווען אומבאַשרייבלעך גרויס ביי זיך, און דער כעסן אין אים איז געווען ניט קלענער ווי דער שטאָלץ. אַמאָל פלעגט זיך דאָס אַלץ אַרויסווייזן, אין טשיקאַווע, אַמאָל אין פּיקאַנטע פאָרמען. צום ביישפּיל: איינער פון זיינע פריינט האָט אַריינגעפירט אַ באַקאַנטן קאָלעדזש־פּראָפעסאָר אין דעם קאַפע, וואו ער, גאָרדין, פלעגט אָפט פאַרברענגען, און ער האָט זיי פאַרגעשטעלט. גאָרדין האָט יענעם מכבד געווען מיט אַ גלאָז טיי און אַ סיגאַר. נאָכדעם ווי זיי האָבן געשמועסט אַ געוויסע צייט, האָט גאָרדינס פריינט און זיין באַגלייטער פאַרלאָזן דעם קאַפע. דערביי האָט דער פּראָפעסאָר פאַרגעסן זיך צו געזעגענען. אין אַן עקספּלאָזיאָן [אויסברוך] פון צאָרן איז דער דראַמאַטורג באַלד נאָך אים נאָכגעלאָפן. ער האָט אים דעריאָגט אויפן גאַס און אים אָפּגעשטעלט.

— הער פּראָפעסאָר —— האָט ער געזאָגט, קוים אָפּאָטעמדיק פון כעס — מיין גלאָז טיי האָט איר געטרונקען? מיין סיגאַר האָט איר פאַרוי־כערט? קיין דאַנק און קיין גוד ביי האָט איר מיר אָבער ניט געזאָגט. איר מוזט קומען צוריק.

ער האָט אים כמעט געשלעפּט צוריק אין דעם קאַפע, און יענער איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט געפאָלגט, און אַריינקומענדיק אין קאַפע, האָט ער, ווי אַ צעשראָקענער ייִנגל, געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע:

— איך דאַנק! גוד ביי! — —און איז אַוועק.

פאַר דער פריינטלעכסטער אָנצוהערעניש אויף אַ חסרון אין זיינער אַ פּיעסע, פלעגט דיזער הויכער, ברייט־שולטערדיקער מאַן זיך אָנציינדן ווי אַ צעבאַלעוועטע, בייזע קינד. פאַר אַזאַ „חוצפּה״ האָט ער מאַנכעס מאָל געסטראַשעט מיט זיין שטעקן.

די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים, האָבן די ליטעראַרישע באַדייטונג פון זיינע פּיעסן איבערטריבן אָן אַ שעור, און ער אַליין האָט דאָס נאָך מער איבערטריבן. דאָס פלעגט ער אַרויסווייזן ווירקלעך ווי אַ צעבאַלעוועטע קינד.

ער איז געווען אַן ערלעכער מאַן, ניט אויף אַ האָר צווייִדייטיק און אָן אַ ברעקל כיטרעקייט. פלעגט ער זיין מיינונג אַרויסזאָגן מיט אַ שטוינענדע אָפנקייט. ריידנדיק פון דער פּלאַטפאָרמע, פלעגט ער זיך אַליין אַריינ־רעכענען צווישן די גרעסטע שרייבער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

„אַט אַזעלכע גרויסע שריפטשטעלער ווי שעקספּיר, איבסען און יעקב גאָרדין״ — האָט ער געזאָגט ביי צענדליקער געלעגנהייטן. דעם „יעקב גאָרדין״ פלעגט ער צולייגן מיט אַ שמייכל, אָבער אין זיינע ערקלע־רונגען פלעגט ער דאָס אַרויסברענגען אָן אַ שמייכל, גאַנץ ערנסט און גאַנץ אָפן.

פאַראייִנען פלעגן אים איינלאַדן צו האַלטן לעקטשורס, האָט ער מער ווי איינמאָל אַלס טעמע גענומען זיין נייעסטע דראַמע. ער פלעגט הייסן אַנאָנסירן, אַז „יעקב גאָרדין וועט קריטיקירן זיין לעצטע טעאַטער־שטיק״, און אויף דער לעקטשור פלעגט ער ווייזן מיט וואָס זיין נייע דראַמע און איבסענס ווערק שטייען אַזוי הויך, און פאַרוואָס זיין נייע פּיעסע איז נאָך העכער ווי איבסענס בעסטע פּיעסן. איך האָב אמאָל בייגעוואוינט אַזאַ לעקטשור זיינע.

איינמאָל האָט איינער פון זיינע פריינט געהאַלטן אַ פאָרטראָג וועגן דער מאָדערנער דראַמע אויף ענגליש. גאָרדין איז געקומען אים הערן. דער

פאַרטראַג האָט זיך באַצויגן אויף די דראַמאַטישע ווערק פון איבסען, הויפּטמאַן און זודערמאַן. ווען דער לעקטשורער האָט געענדיקט, האָט גאָרדין גענומען דאָס וואָרט און געמאַכט אַ שטיקל סקאַנדאַל: פאַרוואָס האָט דער לעקטשורער איבערגעהיפּט אים, גאָרדינען. און אויב ער האָט דאָס שוין געטאָן, האָט ער יעדנפאַלס געדאַרפט דורכלאָזן זודערמאַנען אויך, וואָרעם גאָרדין איז אַ וויכטיקערער דראַמאַטורג ווי זודערמאַן. זודערמאַן איז אַ שונד־שרייבער אין פאַרגלייך מיט אים — האָט ער ער־קלערט".

און קאַהאַן פאַרענדיקט אָט דעם טייל פון דער כאַראַקטעריזאַציע מיט פאָלגענדער באַמערקונג: „אייניקע פון זיינע אינטעליגענטע אָנהענגער פלעגן אויך ריידן וועגן זיין „באַדייטונג אין דער וועלט־ליטעראַטור". היינט קלינגט דאָס זייער קאָמיש, אָבער דאַן פלעגן פאָרקומען סעריעזע דעבאַטן וועגן דעם".

אין אַ ברייטערער אַרבעט וועגן דאַמאָלטיקן ניט נאָר מאַטעריעלן מצב פון די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, נאָר אויך פון זייער קולטורעלן מצב, זייער אַריבערפלאַנצן אויפן אַמעריקאַנער באָדן די אייגנאַרטיקע יידישע קולטור, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון זייערע אַלטע היימען, דאָס איינזאַפּן אין זיך די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און קולטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן שוין דאָ אין אַמעריקע און דאָס ווייטערדיקע פאַרצווייגן זיך פון דער יידישער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור פון אייראָפּע דורך דער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, די באַזונדערע ראָל וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט דערביי געשפּילט, וועט זיך פאָדערן אַ גרינטלעכע פאָרשונג ניט נאָר פון די קריטיקס און רעצענזיעס פון די פּראָפעסיאָנעלע אַקרעדירטע שרייבער, נאָר אויך פון די אומצאָליקע אָפּרופן אין דער פּרעסע אין דער פאָרם פון „שטימען פון פאָלק" און „בריוו צום רעדאַקטאָר". פון זיי וועט קלאָר אַרויסקומען דאָס בילד פון דער השפעה, וואָס גאָרדין האָט געהאַט אויף די ברייטע פאָלקס־מאַסן, פאַרוואָס ער איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, און ווי ער אַליין טאַקע איז אין זיין „איך" געוואַקסן וועגן באַוואוסטזיין פון זיין ראָל אַלס שריפטשטעלער, באַזונדערס אַלס דראַמאַטורג.

ווידער איז געוואָרן שלום צווישן אב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין. אב. קאַהאַן דערציילט געגוי ווי אַזוי דאָס איז געשען:

„איינמאָל האָבן ד״ר קאַפּלאַנס פּריינט, די סאָבסאָוויטשעס פון וואוד־ביין, ניו דזשוירזי, אים געמאַכט אַ סיורפּריז פּאַרטי, צו זיין געבורטסטאָג. גאָרדין און איך זיינען געווען צווישן די איינגעלאַדענע. און דאָרטן האָט קאַפּלאַן צוזאַמענגענומען אונדזערע הענט אין אַ שלום עליכם. מיט עטלעכע מאָנאַט שפּעטער האָט געטראָפן דאָס פאָלגענדע:

מען האָט צום ערשטן מאָל געשטעלט גאָרדינס „שחיטה״ אין טאַליאַ טעאַטער מיט קעסלערן אין דער ראָלע פון צלאל ראַפּאָפּאָרט, מיט מאָגו־לעסקאָן אַלס דער רב, מאַדאַם ליפּצין אַלס רבקהלע [קאַהאַן האָט אַ טעות, זי הייסט „אסתרקע״] און מאַשקאָוויטשן אַלס קלמן [אויך דאָ מאַכט קאַהאַן אַ טעות, ער הייסט „אלקנה״]. איך און מיין פרוי זיינען געווען אין טעאַטער. נאָך דער פאָרשטעלונג בין איך געגאַנגען הינטער דער סצענע זען זיך מיט מאָגולעסקאָן וועגן אַ געוויסער אָנגעלעגנהייט. ווען מאַשקאָוויטש האָט מיך דאָרטן געטראָפן, האָט ער ביי מיר געפרעגט ווי מיר געפעלט די נייע פּיעסע.

— צלאל און דער רב זיינען גוט — האָב איך געענטפערט — וועגן רבקהלען אָבער קאָן איך דאָס ניט זאָגן. אַ קליינשטעטלדיקע מיידל רעדט צו אַ לאָמפּ פּאָעטישע דבורים.

מיינע ווערטער האָבן דערגרייכט גאָרדינען, און מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אויף אַ פאָרשטעלונג, וועלכע מען האָט געמאַכט לכבוד אים, האָט ער, ריידנדיק צווישן די אַקטן, מיך געמאַכט „אויסצודרייען״. ער האָט מיין נאָמען ניט דערמאָנט. ער האָט מיך אָבער איבערגעקרימט, אויס־געשפּאָט און באַליידיקט מיט אַזעלכע אָנצוהערענישן, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם עולם האָט פאַרשטאַנען וועמען ער מיינט.

איך האָב זיך דערוואוסט דערפון, און דאַן, אין אַ געשפּרעך מיט מאַשקאָוויטשן, האָב איך געזאָגט:

— עס איז, אַלזאָ, געפערלעך צו האָבן אַ מיינונג וועגן גאָרדינס אַ פּיעסע. ווען מען זעט ניט זיינע דראַמעס, האָט מען ניט קיין מיינונג, נו איר קאָנט גאָרדינען פאַרזיכערן, אַז וועגן זיינע ווייטערדיקע ווערק, וועל איך שוין קיין מיינונג ניט האָבן.

א לאנגע צייט האב איך זיינע פיעסן ניט געזען".

איז ווידער אריבער א צייט פון ברוגז צווישן אב. קאהאן און יעקב גארדין. גארדין האט דערוויל אנגעשריבן א גאנצע רייע פיעסן, וואס האבן זיין באַרימטקייט נאך מער פארגרעסערט. אב. קאהאן האט אין „פאר־ווערטס" אנגעהויבן א סעריע אונטערן נאמען „נשמה יתרה". קאהאן איז טאקע ניט געגאנגען אין טעאטער זען גארדינס פיעסן, אבער גארדין האט יא געלייענט וואס קאהאן שרייבט, און דאס האט דערפירט, אז זיי זאלן זיך ווידער איבערבעטן.

געשען איז דאס ניי־יאר 1901, אויפן יערלעכן ניי־יאר באל פון דער רוסישער קאלאניע אין ניו יארק, ווי קאהאן דערציילט:

„מיר זיינען געזעסן ביי א לאנגן טיש — דער דראמאטורג יעקב גארדין מיט זיינע נאענטע פריינט פון איין זייט, און איך מיט מיין פרוי און עטלעכע אונדזערע פריינט אויף דער אנדערער זייט, ניט אנטקעגן, נאר נענטער צום אנדערן ברעג. גארדין און איך זיינען שוין פון לאנג געווען אין ניט קיין גוטע באציאונגען. מיר האבן שוין א פאר יאר ניט גערעדט. איך געדענק ניט, ווי אזוי עס איז געקומען דערצו: ביים טיש האט ער געהאלטן א רעדע אין וועלכער ער האט אטאקירט דעם „פארווערטס". ווען ער האט געענדיקט, האט ער זיך אוועקגעזעצט. ער האט זיך אבער באלד ווידער אויפגעשטעלט אויף א ווײלע. „איך מוז מאכן א באמערקונג — האט ער דערקלערט — „דאס וואס איך האב געזאגט, גייט ניט אויף א געוויסער סעריע סקיצן, וועלכע דערשיינט איצט אין „פארווערטס" אונטער דעם נאמען „נשמה יתרה". זיי זיינען זייער גוט". ער האט זיך ווידער אוועקגעזעצט. זיין באמער־קונג איז באגריסט געווארן מיט א שטורעמדיקן אפלאדיסמענט, וועלכער האט געהאט א ספעציעלע באציאונג צו דעם פאקט, אז גארדין האט איר געמאכט טראץ אונדזערע אומפריינטלעכע באציאונגען".

אבער דער נייער שלום צווישן זיי האט ווידער ניט לאנג אנגעהאלטן, און דאס איז שוין ניט געווען בלויז א פונק צו דער שרפה, וואס האט שפעטער געברענט צווישן זיי.

## קאַפּיטל דריי און דרייסיק

### ריס צווישן אב. קאַהאַן און גאַרדין צוליב „טהרת המשפחה"

גאַרדין האָט חרטה אין זיין פּיעסע „די וואַרהייט" אויף זיינע אַמאָ־ליקע אידעען — מ'באַשולדיקט גאַרדינען, אַז אַלס באָס פון „טאַליאַ טעאַטער" וועט ער ווערן אַן עקספּלאָאַטאַטאָר — גאַרדינס „טהרת המשפחה" צינדט אָן אַ פייער ביים „טאַגעבלאַט" — אב. קאַהאַן רייסט אַראָפּ די פּיעסע — יעקב גאַרדין ענטפערט אים שאַרף און עס ווערט צווישן זיי דער אמתער ברוגז.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען באַקאַנט זייער פיל פאַלן ווען אידעאַליסטן, מענטשן, וועלכע האָבן אַ סך יאָרן פּראָפּאַגאַנדירט אַ געוויסע אידעע, האָבן שפּעטער חרטה געהאַט אויף זייער אידעע, און מיטן זעלבן פייער, ווי זיי האָבן אַמאָל אַגיטירט און פּראָפּאַגאַנדירט פאַר איר, אַרבעטן זיי שפּעטער קעגן איר. צי דאָס איז די ווירקונג דערפון וואָס זיי האָבן זיך אַנטוישט אין זייער אַמאָליקער אידעע און דאָס לעבן האָט זיי געוויזן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות, אָדער צי דאָס איז די ווירקונג פון פּערזענלעכע סיבות, ניט־דערגרייכטע אָנערקענונג, ניט־באַצאָל־טער לוין, אָדער דאָס ווערן אַרויסגעשטופּט שפּעטער פון דער אָנפירער־שאַפט. ווי עס זאָל ניט זיין, איז עס ניט קיין זעלטנקייט, אַז מענטשן זאָלן ענדיקן זייערע לעבנס ווי קעגנער פון זייערע אייגענע אַמאָליקע אידעען.

אַלס ביישפּיל וועט געננג זיין צו ברענגען אייניקע פאַקטן פון אונ־דזער אייגענעם יידישן לעבן. ד"ר נתן בירנבוים איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן אַ פריי־גייסט, און אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אַ פאַנאַ־טיש פרומער ייד. ד"ר קליינבוים (שפּעטער באַקאַנט ווי ד"ר סנה) איז געווען אַ בירגערלעכער ציוניסט און איז שפּעטער געוואָרן אַ פירער פון די יידישע קאָמוניסטן אין מדינת ישראל, חיים ליבערמאַן איז געווען אַ

וועלטלעכער שרייבער און דערנאָך איבערגעגאַנגען אין אָרטאָדאָקסישן לאַגער.

יעקב גאָרדין, וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געפּרווט געפינען אַ לעזונג קעגן אַנטיסעמיטיזם און האָט עס געזען אין דער געזעלשאַפט „ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ״, וואָס האָט פּאַקטיש געזאָלט אָפּשאַפן די מחיצה צווישן ייד און ניט־ייד, האָט אין 1903 אָנגעשריבן אַ פּיעסע „די וואַרהייט״ („דער אמת״), אין וועלכער ער האָט ווי אָפּגעווישט זיין אייגענע אידעע. אין דער פּיעסע, וואָס באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות, דערפירט ער דערצו, אַז דאָס אייניקל פון אַ ייד, די פּרוכט פון אַ געמישטער חתונה, באַטייליקט זיך אין באַפאַלן דעם זיידן דעם אַלטן ייד, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד. און דאָ האָט גאָרדין די מעגלעכקייט, אין אַ טיראַדע, אַרויסצוקומען קעגן דעם געדאַנק פון געמישטע חתונות.

נח פּרילוצקי, דער באַקאַנטער יידישער וויסנשאַפטלער און טעאַטראַל, וועלכער האָט די פּיעסע געזען אויפגעפירט עטלעכע יאָר שפּעטער אין וואַרשע, וואו די פּיעסע איז געבראַכט געוואָרן אָן וויסן פון מחבר, דריקט זיך אויס, אַז „אַלס דראַמאַטיש ווערק איז „דער אמת״ שוואַך, דער רייכער פּסיכאָלאָגישער מאַטעריאַל נאַכלעסיק באַאַרבעט. די האַנדלונג איז ניט אַרומגעשליפן. אַ שלעכטן איינדרוק מאַכט אויך די שפּראַך פון „אמת״. שילדערט ער פּראָסטע יידן, ריידן זיי ביי אים מיט אַן אמת פאָלקסטימלעכן כאַראַקטעריסטישן, געזונטן, קיילעכדיקן יידיש. ס׳איז נאָר צו שטוינען ווי קומט צום שרייבער — וואָס האָט ביז אַמעריקע מאַמע־לשון ניט געקענט — אַזאַ רייכטום פון געשליפענע, יאָדערדיקע, פּראָסטע יידישע אויסדרוקן און ווערטלעך. אָבער ווי ס׳קומט נאָר צו מענטשן, וואָס ריידן ניט קיין יידיש — קריסטן אָדער אינטעליגענטישע יידן — ווייסט ער שוין ניט וואָס מיט זיי צו טאָן. ער מוז אַליין באַשאַפן פאַר זיי אַ שפּראַך, איז זי טויט, געבראָכן, ס׳פעלט איר די זאַפטיקייט פון אַן אָרגאַנישן לעבעדיקן דיאַלעקט. משונה פאַרדייטשט, מיט אויסלענדישע ווערטער איבערפולט, אַז ס׳איז אַ וואונדער ווי די אַקטיאָרן צעברעכן זיך ניט די ציין״.

פּרילוצקי איז אויך דער איינציקער, וועלכער האַלט די פּיעסע פאַר

„גאָרדינס וידוי", אין וועלכער ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע ראַציאָנאַליס־טישע אידעען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין גרינדונג פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט".

און עס איז טאַקע מערקווירדיק, וואָס די אָנהענגער פון גאָרדינען האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם פאַקט, נאָר זיינען עס פאַרביי־געגאַנגען, בעת זיינע קעגנער האָבן אויסגענוצט יעדן אומשטאַנד צו אַטאַקירן גאָרדינען און אים צו פאַרשרייען ווי אַ שונא און פאַרדאַרבער פון יידישקייט.

אין יענער צייט האָט גאָרדין איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון „טאַליאַ טעאַטער". די געשעפטלעכע זייט פון טעאַטער איז געווען אין די הענט פון מאַדאַם קאַלישס מאַן, לעאָפּאָלד שפּאַכנער. צום סעזאָן 1903—4 האָט דאָס „טאַליאַ טעאַטער" אַנאָנסירט: „די בינע וועט זיין אונטער דער לייטונג און אויפזען פון יעקב גאָרדין, וועלכער וועט זיין דער אויטאָר און סופּערווייזער [משגיח] פון אַלע פאָרשטעלונגען. פּיעסן וועלן אויפגע־פירט ווערן נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען פּראָדוצירט פון יעקב גאָרדינס פע־דער, אָדער וועלן פון אים אָפּראָבירט ווערן". אַלס שוישפּילער זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן קעסלער און מאָשקאָוויטש, ליפּצין און קאַליש, מר. און מרס. פיינמאַן, מר. און מרס. טאָביאַס, מר. און מרס. מאַנע א. אַ., און ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס „טאַליאַ טעאַטער" ווערט אַן אמת קונסט־טעאַטער. יעקב אַדלער, וואָס זיין הויפּט־כוח איז געלעגן דער עיקר אין זיין גאָרדין־רעפּערטואַר, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר גאָרדינס פאַרבינדונג מיט קעסלער, קאַליש און ליפּצין, און ער האָט דעריבער גענומען שטאַרק אַנאָנסירן זיין רייכן רעפּערטואַר און אויך צוגעזאָגט אויפצופירן נייע פּיעסן פון גאָרדין. אויך דאָס דריטע גרויסע טעאַטער, טאָמאַשעווסקיס, האָט ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן און געמוזט פון צייט צו צייט אויפפירן אַ בעסערע פּיעסע, דאָס רוב לעאָן קאָברינס.

עס זעט אויס, ווי דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, ב. גאָרין, גלויבט, אַז מען קאָן אַ סך דערוואַרטן פון נייעם סעזאָן, ווייל אַלע דריי טעאַטערס האָבן אַ באַשטימט פּנים. אַלץ איז אויסקריסטאַליזירט. גאָרדין

וועט ניט דורכלאָזן קיין שונד און אַדלער קאָן שויִן ניט ווערן קיין קונצנמאַכער.

אָבער די קעגנער פון גאָרדינען שוויַיגן ניט. זיי פּרוּוון פּאַרמיאוסן גאָרדינען ביי די אַרבעטער מיט דער דערקלערונג, אַז פריער „איז יעקב גאָרדין געווען אַן אַרבעטער־פריינט, געקעמפט פאַר פרייהייט, געקעמפט, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך, און איצט האָט ער זיך פאַרקליידט מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער מאַסקע און ווערט אַן אַמעריקאַנער יענקי. צונויפּ־גענומען פערציק־פופציק אַרבעטער און וועט מאַכן פון זיי די מאַטניאַ [אַ סך געלט]". גאָרדין פילט זיך זייער שלעכט פון אָט דער אַטאַקע. ער פאַרזיכערט, אַז אין „טאַליאַ טעאַטער" וועט ניט זיין קיין „באָס" און קיין „דינער", און אַז די פערציק־פופציק אַרבעטער וועלן דאָרט אַרבעטן ווייניקער און קריגן מער פון וועלכן ס'איז אַרבעטער אויף דער איסט־סייד. ער דערקלערט אויך, אַז אַלס אַ טעאַטער־דירעקטאָר איז ער איינ־געשטעלט מער צו פאַרלירן ווי צו געווינען. דער עיקר איז ער אַלס דירעקטאָר פאַראַנטוואָרטלעך בלויז מאָראַליש. דאָס הייסט, אַז אויב דער עקספּערימענט מיט אים אַלס דירעקטאָר וועט דורכפאַלן, וועט עס מיינען, אַז די ליטעראַרישע פּיעסן זיינען אַ דורכפאַל, און עס וועט באַשטעטיקן, אַז עס זיינען גערעכט די יידישע־טעאַטער־מענעדזשערס, ביי וועמען דאָס וואָרט „ליטעראַטור" איז ממש אַ זידל־וואָרט.

גראָד אין דעם סעזאָן ווען גאָרדין איז געוואָרן דער באָס איבער אַ טעאַטער, זעט מען ניט זיינע אַן אָריגינעלע פּיעסע, וועלכע זאָל מאַכן אַזאַ איינדרוק ווי זיינע פריערדיקע. אויך האָט גאָרדין יענעם סעזאָן מער ניט פּראָדוצירט ווי די פריער־דערמאָנטע פּיעסע „די װאָרהייט", אָבער אַזוי ווי דאָס טעאַטער האָט זיך גענויטיקט אין רעפּערטואַר, האָט ער יענעם סעזאָן צוגעשטעלט אַ סך איבערזעצונגען, ווי גאָרקיס „מיעשטשאַניע" (קליינבירגער), אַ באַאַרבעטונג „די פּלשתים", „מאַנאַ וואַנאַ" פון מעטער־לינק, „ראָזאַ בערנד" און „זונען־אויפגאַנג" פון גערהאַרדט הויפּטמאַן און גאָרקיס „נאַ דניע" (אויפן אָפּגרונד).

אַדלער האָט אויך אין זיין טעאַטער געשפּילט גאָרדינס פּיעסן, אָבער נאָר די אַלטע, וועלכע ער האָט ביי אים געקויפט און אויף וועלכע ער האָט

געהאַט די אויסשליסלעכע רעכט, אָבער זייענדיק בײַם אויף גאָרדינען, וואָס ער האָט זיך איבערגעגעבן צו קעסלערן, האָט אַדלער דורך פאַרשיי־דענע צייטונגען אַטאַקירט כסדר גאָרדינען און אין דער זעלבער צייט ניט באַצאָלט אים דעם האָנאָראַר פאַר די פּיעסן, וועלכע ער האָט געשפּילט.

גאָרדין האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט אָנפירן זיין טעאַטער, נאָר האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ טעאַטער־זשורנאַל „די דראַמאַטישע וועלט", און אין צווייטן נומער פון זיין חודש־זשורנאַל קלאָגט זיך גאָרדין אויף די מענעדזשערס פון גרענד טעאַטער (אַדלערס טעאַטער), אַז זיי צאָלן צו פאַרשידענע שמיר־בלעטלעך מ'זאָל וואַרפן אויף אים שמוץ און אין דער זעלבער צייט שפּילן זיי זיינע פּיעסן „גאָט, מענטש און טייוול", „סאַפאָ", „קרייצער סאָנאַטע" און אַנדערע און צאָלן אים ניט קיין האָנאָראַר. פאָדערט גאָרדין בײַ זיי האָנאָראַר און וואָרנט זיי, אַז ער וועט זיי איינקלאָגן אין געריכט.

קיין גרויסער דערפאָלג איז דער ערשטער סעזאָן פון גאָרדינס דירעקציע ניט געווען, און צום נייעם סעזאָן (5 —1904) האָבן אַדלער און קעסלער זיך פאַראייניקט מיט בערטאַ קאַליש אין „גרענד טעאַטער".

די קאָנסערוואַטיווע יידישע פּרעסע אין ניו יאָרק איז דאַמאָלט געווען זייער שטאַרק, אָבער גאָרדין האָט זיי ניט געקאָנט פאַרטראָגן און ער האָט אין יענע צייטונגען ניט געגעבן קיין אַנאָנסן, און דאָס האָט זיי, נאַטירלעך, אויפגערעגט קעגן אים און זיי האָבן אויסגענוצט יעדן מאָ־מענט אים ווײ צו טאָן. ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מאַדאַם קאַליש און דוד קעסלער זיינען אַוועק פון אים, האָבן זיי עס פונאַנדערגעפּויקט, און צוגעלייגט, אַז אויב דעם לעצטן סעזאָן ווען די דאָזיקע צוויי גרויסע טאַלאַנטן זיינען געווען פאַרבונדן מיט גאָרדינען אין „טאַליאַ טעאַטער" איז דאָס טעאַטער געווען אַ דורכפאַל און „פּילע בענעפיסן זיינען באַ־גראָבן געוואָרן", קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס עס וועט זיין היינטיקן סעזאָן אָן די דאָזיקע טאַלאַנטן.

דאָס איז געווען ווי אַ פאָרשפּיל, אַ הקדמה, צו דעם קאַמף וואָס די קאָנסערוואַטיווע יידישע פּרעסע האָט דערקלערט גאָרדינען נאָכדעם ווי

ער האָט דעם צווייטן סעזאָן פון זיין דירעקציע אין „טאַליאַ טעאַטער״, געעפנט דעם 2טן סעפּטעמבער 1904 מיט זיין פּיעסע „טהרת המשפחה״ (פאַמיליע ריינקייט).

„דאָס טאָגעבלאַט״ איז באַלד אַרויס מיט אַן אַטאַקע קעגן גאָרדינען און אים באַשולדיקט אין פּרעדיקן אויסגעלאַסנקייט און אונטערגראָבן דעם פונדאַמענט פון טהרת המשפחה.

דערוואָרט האָט גאָרדין, אַז די ראַדיקאַלע יידישע פּרעסע, ווי דער „פאָרווערטס״, וועט זיך אָננעמען זיין קריוודע, און אים פאַרטיידיקן און רופן די מאַסן צו קומען אין טעאַטער, אָבער ער האָט גראָד דאָ דער־לעבט אַ ביטערע אַנטוישונג, וואָס האָט דערפירט צו אַ כסדרדיקע קריגעריי מיט אב. קאַהאַן און צו דער גרויסער מלחמה וואָס קאַהאַן האָט אים דערנאָך דערקלערט.

גאָרדינס פּיעסע „טהרת המשפחה״ איז געשפּילט געוואָרן פּרייטיק און שוין זונטיק האָט דער „פאָרווערטס״ אָפּגעדרוקט אַ רעצענזיע וועגן דער פּיעסע, און דאָסמאָל ניט פון זיינע טעאַטער־רעצענזענטן יואל ענטין אָדער מ. קאַטץ, נאָר אב. קאַהאַן אַליין האָט אָנגעשריבן די רעצענזיע, און די רעצענזיע איז געווען ווי אויל אויפן פייער, וואָס די קאָנסערוואַ־טיווע פּרעסע האָט געברענט קעגן גאָרדינען.

אמת, אַז קאַהאַן האָט אַ דריטל פון דער רעצענזיע געווידמעט דעם קאַמף מיטן „טאָגעבלאַט״, אָבער באַלד גייט ער איבער צו דער פּיעסע גופא און דאָ פאַלמעסט ער זי ווי אַ כירורג. קאַהאַן זאָגט, אַז מען האָט אין יידישן קוואַרטאַל געהאַלטן פאַר אַן אינטערעסאַנטן איינפאַל די טעמע וועלכע גאָרדין גרייט זיך צו באַהאַנדלען אין זיין פּיעסע, מען האָט „זיך געקליבן צו זען די פּראַגע אין די הענט פון דער קונסט״, צום סוף איז אַלץ אין דער פּיעסע „ניט אויסגעמאָלט, נאָר אויסגעשפּראָכן״. די וועלכע שפּילן די פּאָזיטיווע כאַראַקטערן פון דער פּיעסע, דאָס הייסט, די ערלע־כע, דענקענדע העלדן פון דער דראַמע, זיינען בלויז אַגיטאַטאָרס. די נעגאַ־טיווע, דאָס הייסט די צבועיאַצקע חברה פון דער פּיעסע ווערן פאַרגע־שטעלט אויף אַ שטייגער, וואָס געהערט צו דער ביליקסטער אַרבעט אויף דער בינע.

און קאַהאַן זאָגט ווייטער, אַז „די ראָלע פון אַ גראָבן יונג, אַ פּאָליטישן, אַ געמבלער, אַ צבועק, און אַן עם הארץ איז אַ גאַנץ געוויינלעכע קאַריקאַ־טור, ניטאָ קיין סימן פון קיין לעבעדיקן מענטשן, נאָר אַן איבערקרימעניש ביי יעדן וואָרט, ביי יעדן שריט. דאָסזעלבע איז מיט דער ראָלע פון דעם צבועיאַצקן, פאַרשמאָלצענעם איסט־סייד רעווערענד, וועלכער רעדט נאָר פון יידישקייט און ריינקייט. בײדע דיזע ראָלן זיינען פון דעם ווערייעטי סטעידזש סאָרט, וועלכע מיר זיינען צוגעוואוינט צו זען פון מר. לאַטיינער, ניט איין האָר בעסער". און קאַהאַן קומט דעריבער צום אויספיר, אַז אין דער פּיעסע איז ניטאָ „קיין אינטערעסאַנטע דראַמאַטישע אַנטוויקלונג ...מען פילט זיך גלייכגילטיק צו דעם וואָס קומט פאָר. עס לאַנגווייליקט זייער אָפּט, אַ חוץ [דעם] פילט זיך, אַזוי ווי מען האָט שוין דאָס אַלץ געזען און געהערט אין אַנדערע פּיעסן פון גאָרדינען אָדער אַנדערע".

אַז קאַהאַן האָט ערלעך געמיינט מיט אָט דער מיינונג, קאָן מען זען, וואָס אַ סך יאָרן שפּעטער, אין די 5 בענד פון זיינע זכרונות, קומט ער צוריק ריידן וועגן דער פּיעסע און צווישן אַנדערן שרייבט ער: „טהרת המשפחה" איז איינע פון די שוואַכסטע זאַכן, וואָס ער האָט ווען עס איז אויפגעשריבן (ביז יענער צייט, ווייניקסטנס). וועגן דעם האָבן כמעט אַלע געהאַט איין מיינונג. אַ חוץ די געוויינלעכע פעלערן פון גאָרדינס פּיעסן, האָט דיזע פּיעסע געהאַט אַן אומגעהויערן פעלער איינפאַך אַלס טעאַטער־שטיק. זי איז אייגנטלעך געווען ניט קיין טעאַטער־שטיק, נאָר אַ רייע דרשות. אַנשטאָט אַרויסצושטעלן די „טהרת המשפחה"־היפּאָקריטסטוואָ אין בילדער און דראַמאַטישע האַנדלונגען, האָט ער זיין געדאַנק אויסגע־דריקט מיט רעדעס, וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אין די מיילער פון די שוישפּילער. סאָציאַליסטן האָבן די רעדעס אַפּלאָדירט אַלס רעדעס, ניט אַלס ריידן פון פּערזאָנען אין אַ דראַמע. אַלס אַ פּיעסע האָט דאָס שטיק געלאַנגווייליקט און איז דורכגעפאַלן. מיין מילדע, העפלעכע און פריינט־לעך־אויסגעדריקטע קריטיק האָט אין אונדזער וועלטעלע געפירט צו אַ גאַנצער קייט פון שטורעמדיקע פּאָסירונגען און איבערקערענישן".

אין וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אָט די שטורעמדיקע פּאָסירונגען און איבערקערענישן?

לואי מילער האָט אין גאַרדינס זשורנאַל געענטפערט אויף קאַהאַנס קריטיק מיט אַן אַרטיקל „קריטיק אויף קריטיק״, אין וועלכן ער לאַכט אויס דאָס מבינות פון אב. קאַהאַן. אונטערן פסעוודאָנים „דאָקטאָר״ [מעגלעך ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו] איז אין זעלבן זשורנאַל אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן אַרטיקל אין וועלכן ס׳ווערט אָנגעוויזן, אַז אַ טענדענץ־פּיעסע קאָן אויך זיין אַ דערפאָלג. יעקב גאָרדין אַליין קריטיקירט דאָרט זיין „דילעטאַנטן קריטיקער״, ניט אָנרופנדיק קאַהאַנען ביים נאָמען. אָבער אויסגעלאָזט זיין בייז ביטער האַרץ קעגן קאַהאַנען, האָט יעקב גאָרדין אין בריוו־קאַסטן פון זיין זשורנאַל. דאָרט שרייבט ער סאַרקאַסטיש:

„אויב צווישן מיר און דעם וואָס טרייבט אַן דעם וואָגן פונם „פאָרווערטס״ איז ניטאָ קיין האַרמאָניע, איז עס ניט דערפאַר, ווייל ער האָט מיר, חלילה, אַ רעה געטאָן, אָדער ווייל איך בין מקנא זיין פּאָפּולאַריטעט, זיין רום, זיין גרויסע געלערנטקייט, זיינע קענטנישע אין ליטעראַטור א.א.וו. איך קאָן ניט האַרמאָנירן מיט אים, ווייל ער איז מיין פּרינציפּיעלער קעגנער, ווייל, וואָס איך בוי, צעשטערט ער. מיר אַרבעטן פאַר איינעם און זעלבן קאָנטיגענט מענטשן. איך וויל זיי פירן פאָרווערטס, ער שלעפּט זיין דורכן „פאָרווערטס״ ריקווערטס [צוריק]. איך זאָג זיי, אַ מענטש דאַרף זיין אויפריכטיק און דאַרף אָפּן פאַרטיידיקן זיינע פּרינציפּן. ער לערנט זיי צו זיין פּאָליטיקער. איך זאָג: אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף ניט האָבן קיין צוויי „לשנה טובה תכתבו״, אַז ס׳זאָל אויסקומען אי אַהין אי אַהער. ער זאָגט: מען דאַרף האָבן אין זינען די צירקולאַציאָן. איך זאָג: אַן ערלעכער מענטש דאַרף ניט חנפענען. ער זאָגט: מען דאַרף נאָר זוכן גוטע פּריינט. איך זאָג: מען דאַרף זיי געבן וואָס מער לעקטשורס. ער מיינט: ס׳איז גענוג איין מאָל אין יאָר אַ „רעדע״. איך זאָג: מען דאַרף די מאַסן הייבן צו זיך. ער זאָגט: מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו די מאַסן, חנפענען זיך צו זיי און האַרמאָנירן מיט זייערע נידריקסטע אינסטינקטן. איך זאָג: מען דאַרף שרייבן נאָר גוטס, ערנסטעס, באַלערנדעס, אויפקלערנדעס. ער צווינגט זיי צו לעזן וועגן שידוכים, שדכנים, אַלטע מוידן, פּיפּמס [פּרויען־הענדלער], ווי אַ באָרדער עפּנט מיט אַ שליסל פרעמדע רומס א.א.וו. איך זאָג, אַז אַ שרייבער דאַרף ניט זיין קיין ישיבה־בחור.

ער דאַרף זיין אַן אינטעליגענטער מענטש און האַנדלען אָנשטענדיק. ער אָבער געפינט פאַר נויטיק צו שרייבן אַ קריטיק וועגן מיין „טהרת המשפחה" ווערנד אַלע ווייסן, אַז מיר געפינען זיך ניט אין פריינטלעכע פאַרהעלטנישן, און ווערנד ער פאַרשווייגט, אַז פילע וועלן זיך וואונדערן פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ איילעניש? פרייטיק האָט מען געשפּילט דאָס שטיק צום ערשטן מאָל און שבת איז שוין דערשינען אַ „קריטיק" פון דריי קאָלומס? מיט איין וואָרט, איר זעט, מיר זיינען מענטשן פון פאַרשידענע כאַראַקטערן, מאַכן אָבער אַ זיס פּנים צו אַ מענטשן, וועלכער איז מיר ניט סימפּאַטיש, און זאָגן אים „האַו דו יו דו" [וואָס מאַכסטו?], מיין טייערער פריינט? נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַ באַס אין אַ צייטונג, און מורא האָבנדיק, אַז אפילו אַ קאַץ קאָן אויך קאַליע מאַכן, אַזעלכע זאַכן האָב איך ניט געטאָן, און איך וועל זיך דאָס געוויס ניט דערלויבן צו טאָן ווען מיין קאָפּ פאַנגט אָן צו ווערן גרוי".

אָט די אָפענע אַטאַקע קעגן קאַהאַנען, וועלכע איך האָב געפונען פאַר נויטיק אַזוי אויספירלעך איבערצוגעבן, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין ווייטערדיקן לעבן פון יעקב גאָרדין, ווי מיר וועלן זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

## קאַפּיטל פיר און דרייסיק

# סעראַ אַדלער ווערט באַרימט אין גאָרדינס „די אמתע קראַפט"

סעראַ אַדלער באַזיגט בערטאַ קאַליש אין דער ראָל — קעסלער קאָן ניט אַרויסקריכן פון דער ראָל „ד"ר גאָלדענווייזער" און גייט איבער צו דער ראָל „פּומפּיאַן" — די סקאַנדאַלן אויף די פּראָבן — גאָרדין האָט מורא, אַז די פּיעסע וועט ניט געשפּילט ווערן — דער שוישפּילער גוסטאַוו שאַכט ווערט אַנטדעקט.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך איז שוין אויספירלעך אָנגעוויזן געוואָרן די גרויסע ראָל, וואָס גאָרדינס פּיעסן האָבן געשפּילט אין דער קאַריערע פון די אַמאָליקע גדולים פון דער יידישער בינע, ווי יעקב פּ. אַדלער, באָריס טאָמאַשעווסקי, בערטאַ קאַליש און קעני ליפּצין, ווי גאָרדין האָט פאַר יעדן איינעם פון זיי געשאַפן ראָלן אין זיינע פּיעסן, וועלכע האָבן זיי באַרימט, פּאָפּולער און באַליבט געמאַכט ביי די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. געוועזן אָבער אויך צו יענער צייט אַ יידישע שוישפּילערין, וואָס איז אָן שום ספק געוועזן די גרעסטע, עכטסטע און ערלעכסטע שוישפּילערין אויף דער יידישער בינע, אָבער צוליב דעם וואָס איר מאַן האָט שוין באַוויזן צו קריגן דעם גרויסן נאָמען און ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די טעאַטער־באַזוכער, און אויך ניט־ווייניקער דערפאַר וואָס ער איז געוועזן דער טעאַטער־דירעקטאָר און רעזשיסער, האָט ער — אפשר ניט ווילנדיק — געשטעלט זיין פרוי אין שאָטן. דאָס איז סעראַ אַדלער, די פרוי פון נשר הגדול יעקב פּ. אַדלער.

איך האָב סעראַ אַדלער געזען שפּילן שוין גאָר שפּעט, נאָך שקיעה, אַן עלטערע, איינזאַמע פרוי, אָן אַ טעאַטער, אָן אַ סביבה, און נאָר אין אַ סצענע, אין אַ קליינער סצענע פון גאָרדינס פּיעסע „אָן אַ היים", וועגן

וועלכער עס וועט אונדז אויסקומען ריידן אין אַן אַנדער קאַפּיטל, אָבער אַפילו אין די עטלעכע מינוט, וואָס זי איז געווען אויף דער בינע, אַפילו בלויז פון דער איינער משוגענער סצענע, וואָס זי האָט דאַמאָלט דורכגעפירט, האָט מען געקאָנט דערקענען דעם עכטן טאַלאַנט, וואָס אָט די אַקטערישע האָט פאַרמאָגט. עס איז גענוג געווען אָט די סצענקע צו דערפילן די פיינקייט און עכטקייט פון איר שפּילן, איר נאַטירלעכער טאָן, און איר טיף אַריינדרינגען אין דער ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט און דער איבערצייגונגס־כוח, וואָס זי האָט פאַרמאָגט צו מאַכן גלויבן אין דעם וואָס זי האָט פאַרגעשטעלט.

אָבער מיר ריידן וועגן דער צייט ווען זי איז נאָך געווען אין אירע בליענדע יאָרן, אַ באַקאַנטע שוישפּילערין, וועלכע האָט ניט באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אויפן פּעדעסטאַל, ניט צוצוקומען צו דער מזרח־וואַנט, וואָס האָט איר גוט פאַרדראָסן און אָנגעפילט איר געמיט מיט אַן אינערלעכן עגמת נפש, וועלכער איז שפּעטער געקומען צו אַן אויסברוך.

איז אָבער איר אויך באַשערט געווען צו ווערן געהאָלפן דורך גאָרדינען, און געקומען איז עס דורך דער פּיעסע „די אמתע קראַפט", וואָס גאָרדין האָט דעם 2טן אָקטאָבער 1904 געלאָזט אויפפירן אין „אַדלערס טעאַטער".

געווען איז דאָס קורץ נאָך דעם טומל מיט דער פּיעסע „טהרת המשפחה". די פּיעסע „די אמתע קראַפט", וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין פאָדערגרונט דעם אויסערגעוויינלעכן נאַטירלעכן אַרטיסטישן טאַלאַנט פון סערא אַדלער, איז געהאָנגען אויף משקולת. עס האָט געפעלט אַ האָר, אַז זי זאָל באַלד אַראָפּגענומען ווערן פון דער בינע, ווי עס האָט געטראָפן מיט גאָרדינס אַנדערע פּיעסן און בכלל מיט פּיעסן, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, אָבער עס איז געשען אַ נס, און די פּיעסע איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע פּיעסן אין יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר אויף אַ לאַנגער צייט, איז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, דורך מאָריס שוואַרצן, באַאַרבעט געוואָרן אין אַ נייער פאָרם, לאָקאַליזירט אין אַמעריקע, און אויפגעפירט געוואָרן אין אַ ריי שטעט.

ווי די לעזער וויסן שוין, האָט אין קעסלערס טעאַטער, „טאַליאַ טעאַטער", געהאַט זיך קאָנצענטרירט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון יעקב

גאָרדינען דאָס סאַמע שמאַלץ פון דראַמאַטישן יידישן טעאַטער־פּערסאָנאַל, סיי קעסלער, סיי מאָשקאָוויטש, סיי ליפּצין, סיי קאַליש, אָבער אַקטיאָרן, די „בלאָנדזשענדע שטערן", ווי שלום־עליכם רופט זיי, האָבן קיינמאָל לאַנג ניט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט און האָבן ליב געהאַט צו וואַנדערן. אַזוי איז אויך געשען מיט קעסלערן. אַט איז ער נאָר וואָס געווען אין „טאַליאַ טעאַטער", און אַט האָט ער זיך גאָר אויפגעהויבן און איז אַוועק פון „טאַליאַ טעאַטער" און אַריין צו אַדלערן אין „גרענד טעאַטער", און דאָס זעלבע איז געשען מיט בערטאַ קאַליש.

אַדלער און קעסלער אין איין טעאַטער זיינען געווען דאָס וואָס דאָס יידישע ווערטל דריקט זיך אויס „צוויי קעץ אין איין זאַק".ביידע האָבן געוואָלט זיין די ערשטע ראַליסטן אין דער פּיעסע און דאָסזעלבע מרס. אַדלער און מאַדאַם קאַליש, אָבער אין „די אמתע קראַפט" זיינען פּאַקטיש נאָר דאָ צוויי הויפּט־ראָליסטן: איין מענער־ראָל, „ד"ר גאָלדענווייזער" און איין פרויען־ראָל — פּאַניאַ זאַרכעס". אין אָנהייב האָט די הויפּט־פרויען־ראָל „פּאַניאַ" געשפּילט מאַדאַם קאַליש, אָבער ס'האָט זיך באַלד אַרויסגע־וויזן, אַז פּונקט אַזוי ווי זי איז געווען צוגעפּאַסט צו דער ראָל „סאָפּאָ" אָדער „עטי" און מרס. אַדלער וואָלט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן צו איר אין יענע צוויי ראָלן, אַזוי איז זי געווען ניט־צוגעפּאַסט צו דער ראָל פון „פּאַניאַ זאַרכעס", און די ראָל איז איבערגענומען געוואָרן דורך סעראַ אַדלער.

דער נס פון דערפאָלג פון דער פּיעסע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז אויסגעבראָכן שיר אַ מלחמה צווישן אַדלערן און קעסלערן וועגן דער רעזשי פון דער פּיעסע און וועגן די ראָלן, וואָס האָט געקאָנט דערפירן, אַז מען זאָל מוזן אָפּשטעלן שפּילן די פּיעסע, אָבער צום גליק איז די מלחמה איינגעשטילט געוואָרן, און די פּיעסע איז געבליבן לעבן און זי האָט אַרויסגעבראַכט צוויי שוישפּילער אויף דער אויבערפלאַך: מרס. אַדלער און דעם דאַמאָלט יונגן שוישפּילער גוסטאַוו שאַכט.

מרס. אַדלער דערציילט אין אירע זכרונות, אַז „באַלד ווי קעסלער איז צוגעשטאַנען צו דער טרופּע, האָט ער אונדז אויף פאַרשידענע אופנים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט זיך ניט באַגנוגענען מיט שפּילן בלויז גרויסע ראָלן. עטלעכע יאָר איז ער שוין געווען אַ סטאַר, און דאָס האָט געמיינט,

אַז ער האָט זיך געפילט באַרעכטיקט צו זיין דער רעזשיסער. טענות האָבן ניט געהאָלפן. ...אין אָנפאַנג איז מען אָפּגעקומען מיט שטיפעריי. ווען די שוישפילער האָבן שוין געקענט די ראָלן אויף אויסווייניק און ווען מ׳האָט זיך אַ נעם געטאָן ערנסט צו דער אַרבעט, איז געוואָרן אויס קיבעץ, און קעסלער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַדלערן אַרומצורייסן. קעסלערן האָט ווייניק וואָס געקימערט ווי אַזוי די פּיעסע ווערט איינשטודירט אין אַלגע־מיין. כל זמן ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן גלאַט שפּילן, פלעגט ער זיצן אין אַ זייט און געבן אַדלערן אַ פולשטענדיקע פרייע האַנט. אַזוי שנעל אָבער ווי ס׳איז געקומען צו זיין, קעסלערס, צוזאַמענשפּילן מיט אַנדערע שוישפּי־לער, איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ פּראָבע מיט בלויז צאַנקערייען האָט ביי אונדז אויסגעזען ווי אַ מתנה פון גאָט. גאָרניט זעלטן איז געקומען צו גוואַלדן, סקאַנדאַלן און אויך פּעטש״.

דער טומל איז געווען דערפאַר, וואָס ווען קעסלער איז אַריין אין טעאַטער, האָט מען אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז אַדלער זאָל זיין דער רעזשי־סער, אָבער קעסלערן איז ניט געווען געפעלן אַדלערס רעזשי. כדי קעסלער זאָל ניט אַרומגיין קיין אָנגעבלאָזענער, האָט אַדלער אים אָוועקגעגעבן די הויפּטראָל „ד״ר גאָלדנוויזער״, און זיך האָט ער גענומען אַ צווייטע ראָל „פּומפּיאָן״. קעסלער האָט זיך אָבער ניט צו גוט געפילט אין דער ראָל „ד״ר גאָלדנווייזער״, האָט ער זיין פאַרדרוס אויסגעלאָזט צו די פּראָבן, און וואָס דאָס האָט געמיינט, וועלן מיר לאָזן שילדערן מרס. אַדלער, ווי זי האָט עס פאַרצייכנט אין אירע זכרונות:

„קעסלער איז געווען ניט גלאַט אַ פעלזן־שטאַרקער מענטש. דערצו האָט ער געהאַט אַ פלאַמנדיקן טעמפּעראַמענט. ניט נאָר האָט זיין נשמה געפלאַקערט ביים שפּילן, נאָר אויך ביי פּראָבע. כל זמן די אַנדערע אַקטיאָרן זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען, איז געווען גוט און וואויל. קוים אָבער איז אים עפּעס ביי פּראָבע ניט געפעלן אַ וואָרט, אַ באַוועגונג, פלעגט ער זיך אַזוי אויפרעגן, אַז איך האָב זיך געחידושט ווי אַזוי אַ מענטשלעך האַרץ קאָן אַזעלכע שטורמען אויסהאַלטן. עס זיינען געווען מאָמענטן ווען גלאַט אַ קריג האָט אויסגעזען צו זיין אַ קלייניקייט. ביי אַזעלכע שטורמען האָט מיך אימער געשראָקן דער געדאַנק, אַז באַלד וועט קעסלער ענטוועדער

עמיצן דערהרגענען, אָדער זיין האַרץ וועט פּלאַצן פון ערגערניש און ער וועט פּאַר אונדז אַלעמען פאַלן אַ טויטער. נאָך איינעם פון אַזעלכע סקאַנ־דאַלן, האָט אַדלער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: — דו ווייסט, סאָניאַ — האָט ער געזאָגט — כאַפּט עס דער וואַטע־מאַכער. זאָל קעסלער רעזשיסירן. אַזעלכע סצענעס וועלן נאָך אַמאָל פירן צו אַן אומגליק, און איך וויל אין דעם ניט האָבן קיין האַנט". איז קעסלער געוואָרן דער רעזשיסער פון זיינע אייגענע סצענעס, און אַזוי ווי די גאַנצע פּיעסע האָט זיך געדרייט אַרום זיין ראָלע, האָט עס געהייסן, אַז ניט קוקנדיק אויפן אָפּמאַך, איז ער פּאַקטיש געווען דער רעזשיסער".

קוים איז מען שוין דורכגעקומען וועגן די פּראָבן און וועגן דער רעזשי־פּראַגע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה. אין דער פּיעסע איז דאָ אַ מערקווירדיקע ראָל פון אַ רעוואָלוציאָנער, אַ לערער, חאַיוטין, אַ טיפּי־שער בטלן, אַ ראָל, וואָס האָט אין זיך אַן אינערלעכן קאָמיזם, וואָס קאָן אָבער ניט געשפּילט ווערן דורך קיין פּראָפעסיאָנעלן קאָמיקער, ווייל ער וואָלט פון איר געמאַכט אַ קאַריקאַטור. פאַר דער ראָל האָט מען געדאַרפט האָבן אַן אַקטיאָר, וואָס זאָל שאַפן דעם טיפּ. אַדלער האָט פאַר אָט־דער ראָל פאַרגעלייגט דעם אַקטיאָר גוסטאַוו שאַכט.[96] האָט אָבער קעסלער ניט מסכים געווען, האָט געהאַלטן ביי אַ נייעם אויפּרייס. יעקב גאָרדין, דער מחבר, וואָס איז געווען אויף אַלע פּראָבן און געזען די אַנאַרכיע, וואָס עס גייט אָן אויף די פּראָבן, די צעריסנקייט אין דער טרופּע, און ווי אַזוי דאָס ווירקט אויף דעם גאַנג פון די פּראָבן, איז אַריינגעפאַלן אין גרויס צער. ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז מען וועט די פּיעסע ניט שפּילן. ווען קעסלער האָט דערזען ווי גאָרדין פילט, האָט ער ענדלעך נאָכגעגעבן, אַז שאַכט זאָל שפּילן די ראָל „חאַיוטין", און האָט אַפילו צוגעשטימט, אַז אַדלער זאָל צוריק איבערנעמען די רעזשי פון דער פּיעסע.

און עס איז געשען, אַז ווען מען האָט די פּיעסע אויפגעפירט, האָט גאָר אַרויסגעשיינט גוסטאַוו שאַכט. זיין דערפאָלג איז געווען אַן אויסערגעוויינ־לעכער. ער האָט אַזוי געשפּילט, אַז ער האָט געצויגן יעדנס אויפמערקזאַמ־קייט. אַזאַ אַרט שפּילן האָט מען ביז דאַמאָלט אויף דער יידישער בינע נאָך ניט געזען. דער עולם איז געוואָרן אַזוי באַגייסטערט פון זיין שפּילן, אַז

אָנשטאָט אַרויסצורופן די סטאַרס, האָט מען גאָר אים אַרויסגערופן, און ניט איין, נאָר עטלעכע מאָל.

די פּיעסע האָט אָנגעהויבן ציען עולם, אָבער מען האָט באַלד איינגע־זען, אַז מען מוז מאַכן עטלעכע אָפּעראַציעס: די הויפּט־מענער ראָל „ד״ר גאָלדנווייזער״ האָט איבערגענומען יעקב פּ. אַדלער און די ראָל „פּומפּיאָן״, וועלכע ער האָט לכתחילה געשפּילט, האָט איבערגענומען דוד קעסלער, אַזוי אויך האָט מרס. אַדלער אָנגעהויבן שפּילן די ערשטע פּרויען־ראָל „פאַניאַ זאַרכעס״ אָנשטאָט מאַדאַם קאַליש. אָט דער איבערבייט איז געווען ווייער אַ גערעכטענער און ער האָט געראַטעוועט די פּיעסע.

גוסטאַוו שאַכט איז פון דאַמאָלט אָן געוואָרן אַ פּאָפּולערער שוישפּילער און סערא אַדלער האָט אין „פאַניאַ זאַרכעס״ באַקומען אַזאַ ראָל, אַז זי איז מער ניט פאַרטונקלט געוואָרן אַפילו פון איר מאַן, וועלכער איז געווען אויסגעצייכנט אין דער ראָל „ד״ר גאָלדנווייזער״. דער נאָמען פון סערא אַדלער האָט פון דאַמאָלט אָן גענומען שטייגן און זי האָט אָנגעהויבן לעבן אין איר אייגענעם זכות ווי אַ פּרעכטיקע ערשטקלאַסיקע יידישע שוישפּילערין. „די אמתע קראַפט״ איז אַ ביסל אַנדערש פון די פריעדיקע פּיעסן פון גאָרדינען. אין די פריערדיקע פּיעסן האָט די האַנדלונג דערפירט צו אַ טראַגישן אָדער דראַמאַטישן סוף. מאָרד אין „די שחיטה״, זעלבסטמאָרד אין „גאָט, מענטש און טייוול״ און „כאַסיע די יתומה״, דאָפּלטער מאָרד אין „קרייצער סאָנאַטאָ״, אָבער אין דער פּיעסע האָט דער מחבר דערפירט די האַנדלונג צו דעם פּאָפּולערן סטיל אין אַמעריקאַנער טעאַטער — צו דער „העפּי ענד״ (פריילעכער סוף). אמת, אַז אויך די פּיעסע ענדיקט זיך מיט טויט, אָבער מיט אַ שטילן טויט פון אַ קינד, וואָס ווערט בלויז באַמערקט דורך אַ שטילע פראַזע פון איינעם פון די נעבן־העלדן פון דער פּיעסע, בעת די הויפּט־העלדן זיינען אין אַ שטימונג פון העכסטער פרייד צוליב זייער דערגרייכטער פאַרשטענדעניש, וואָס וועט זיי אין דער צוקונפט פירן אויפן וועג צו גליק.

די געשיכטע פון דער פּיעסע איז בקצור אַזוי: אין אַ גרויסער ליט־ווישער שטאָט אין דער אַלטער היים לעבט אַ מיטליאָריקער אלמן, אַ דאָקטאָר, ד״ר יעווגעני גאָלדנוויזער, ביי וועמען אין שטוב עס האָדעוועט

זיך זיין 11־יאָריקע טאָכטער אַליאַ פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי. די באַלעבאַטישקייט אין שטוב ווערט געפירט פון זיין מוטער, וועלכע ווערט פון אַלעמען גערופן „די מאַדאַם". דער דאָקטאָר האָט אַ געהילף, פּיוול פּומפּיאַן, וועלכער שטודירט ביי אים מעדיצין און איז אים זייער איבער־געגעבן. אין שטוב קומט אַריין איינער פון די ניהיליסטן, אברהם חאַיוטין, וועלכער לערנט מיטן קינד. ער איז אַ קאָנספּיראַטיווער סאָציאַליסט, אַ טשודאַק. ד"ר גאָלדנווייזער איז אַן איידעלער, אידעאַלער מענטש, וואָס האָט אין זינען נאָר היילן קראַנקע, באַזונדערס אָרעמע. אין אַ שפּיטאָל באַקענט ער זיך מיט דעם מלמד זאַרכעס טאָכטער, פּאַניאַ, אַ יונג פּראָסט, פּשוט מיידל, און ער האָט מיט איר חתונה. אָבער ער ברעכט ניט איבער זיין פריערדיק לעבן אַזוי, אַז זיין יונגע פרוי לאַנגווייליקט זיך זייער און זי פּאַלט לייכט אַריין אין דער נעץ פון קאָמפּלימענטן פון דאָקטאָרס ברודער, מאַרק, אַ יונגן בוכהאַלטער, וועלכער איז ממש דער היפּך פון זיין ברודער. עס קומט דערצו, אַז פּאַניאַ הייבט זיך אָן קריגן מיט איר מאַן צו וועלכן זי פילט ניט קיין נאָנטקייט. נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר דערוואוסט זיך, אַז זיין פרוי האָט געלעבט מיט זיין ברודער, פאַרטרייבט ער דעם ברודער פון שטוב. זיין אויפרעגונג, וועלכע ער שטיקט אין זיך, פאַרדרייט אים אַזוי דעם קאָפּ, אַז אַהיימקומענדיק פון אַן ערנסטן טיפוס־קראַנקן, פאַרגעסט ער זיך צו דעזינפעקציאָנירן און ער שטעקט אָן זיין איינציק קינד, וואָס שטאַרבט טאַקע צום סוף פון דער פּיעסע בעת דער פאָטער מיינט, אַז זי איז איבערגעקומען דעם קריזיס. דער דאָקטאָר און זיין ווייב ווערן זיך אַזוי פרעמד, אַז זי באַשליסט אים צו פאַרלאָזן און צוריקגיין אַהיים, אָבער איידער זי טוט דאָס, ווערט צוריק שלום צווישן איר און דעם דאָקטאָר, און דערביי דריקט פּאַניאַ אויס דעם געדאַנק, אַז זי האָט געמיינט, אַז די אמתע קראַפט ליגט אין שטאַרקייט, אין דער יוגנטלעכקייט און געטאָקטקייט פון דעם דאָקטאָרס ברודער, אָבער זי זעט איין, אַז די אמתע קראַפט איז גאָר אין פיינקייט און איידלקייט. און איר פאָטער באַנוצט דערביי דעם פּסוק „קול דממה דקה", אַז דווקא אין דער שטילקייט ליגט די אמתע קראַפט.

די פּיעסע איז עטלעכע יאָר שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע,

און איז דאָרט, מיט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג געשפּילט געוואָרן דורך יוליוס און עמיליע אַדלער [97] אין די הויפּט־ראָלן.

יאָרן שפּעטער איז די פּיעסע ווידער באַנייט געוואָרן אין אַמעריקע מיט איזידאָר קעשיער [98] און ראָזעטאַ ביאַליס [99] אין די הויפּטראָלן און ווידער געווען אַ דערפאָלג.

אָבער, ווי זיין שטייגער, האָט גאָרדין ניט גערוט אויף קיין לאָרבער־קרענץ. ער האָט באַלד אָנגעשריבן אַ נייע פּיעסע „דער אומבאַקאַנטער", וואָס האָט אויך פאַרנומען אַ גאַר אָנגעזעענעם אָרט אין יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, און צוגעגעבן דעם וואונדערבאַרן זיגמונט מאָגולעסקאָ, נאָך איינע פון זיין קרוין־ראָלן, דעם פילאָזאָפישן שניידער „שלמה הוץ".

## קאַפּיטל פינף און דרייסיק

# גאָרדינס „אומבאַקאַנטער" און דער „מטורף" — צוויי נייע פּערל אין זיין קרוין

**די פילאָזאָפיע פון „אומבאַקאַנטער" — זיגמונט מאָגולעסקאָ שאַפט אַן אומפאַרגעסלעכן טיפ — ד"ר באַראַטאָוו ווערט אַ יידישער אַקטיאָר אַלס „אומבאַקאַנטער" — צו 50 יאָר שפּילט אַדלער דעם 18יאָריקן מטורף און איבעראַשט אַלעמען — איזידאָר קעשיער הייבט אָן זיין קאַריערע מיטן „מטורף".**

גאָרדינס פּיעסע „דער אומבאַקאַנטער" איז גאַנץ אַנדערש פון זיינע פריערדיקע פּיעסן. זי האָט ניט קיין צענטראַלע ראָל. זי האָט אַן אידעע, וואָס ווערט אויסגעדריקט זייער דייטלעך אין פּראָלאָג, אָבער ווערט זייער אומדייטלעך און ניט־קלאָר אין די 4 אַקטן פון דער פּיעסע. די פּיעסע זאָל זיין מער אַ באַאַרבעטונג, אָדער געשריבן אונטערן איינדרוק פון אַ פּיעסע פונם באַקאַנטן פּוילישן דראַמאַטורג סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי.

פּשיבישעווסקי אין זיין צייט האָט געהאַט פאַרכאַפּט די געמיטער פון זיין דור, באַזונדערס פון דער יוגנט. ער האָט באַנוצט אַ וואונדער־שיינע פּוילישע שפּראַך אין זיינע פּיעסן. זיינע העלדן האָבן גערעדט הויכע „פּראָזע", דורכגענומען מיט פּאָעטישע מעטאַמאָרפאָזן און דורכגעוועבט מיט געדאַנקען, אין דער פאָרם פון דיסקוסיעס וועגן צוועק פון לעבן, דעם אופן פון לעבן, די אומשטענדן פון לעבן און די ראָל פון מענטשן צו באַקעמפן דעם יצר הרע. איינע פון זיינע פּיעסן „דער גאָלדענער פלוס", איז איבערזעצט געוואָרן אין יידיש פון צייטונגס־שרייבער און ראָמאַניסט לעאָן גאָטליב [109] און איז אין 1911 אויפגעפירט געוואָרן דורכן ניו יאָרקער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", אָבער נאָך יאָרן פריער האָט גאָרדין זיך באַקענט מיט אָט דער איבערזעצונג און דערויף געבויט זיין פּיעסע „דער אומבאַקאַנטער",

און כאָטש אַלע העלדן אין דער פּיעסע זיינען יידן, מיטן סטערעאָטיפּישן קאָמישן פּאָרל, וואָס פאַרקערפּערט דעם עלטערן דור, איז אָבער די פּיעסע ניט־יידיש. מען פילט ניט דאָרט דעם יידישן כאַראַקטער, די יידישע קאָליר, פאַרב און גייסט, וואָס אין די אַנדערע גאָרדין־פּיעסן.

אָבער פאָרט איז די פּיעסע „דער אומבאַקאַנטער", ווען זי איז אין 1905 אויפגעפירט געוואָרן אין „טאַליא־טעאַטער", געווען אַ דערפאָלג, ווייל דאָס פערסאָנאַל, וואָס האָט געשפּילט די פּיעסע, איז באַשטאַנען פון ערשטקלאַ־סיקע שוישפּילער און אַמוויניקסטן 4 פון זיי: מאָריס מאָשקאָוויטש, סעמיועל טאָביאַס (טאָבאַטשניקאָוו), זיגמונט מאָגולעסקאָ און קעני ליפּצין האָבן גע־האַט גוטע ראָלן.

„דער אומבאַקאַנטער" הייבט זיך אָן מיט אַ פּראָלאָג, וואָס דערמאָנט, אין אַ געוויסן זין, דעם פּראָלאָג פון „גאָט, מענטש און טייוול". דאָרט געוועט זיך דער טייוול מיט גאָט, אַז ער וועט זיך אַריינכאַפּן צום פרומען יידן הערשעלע דובראָוונער און מאַכן אַ תל פון זיין פרומקייט און ערלעכקייט, אָבער לסוף פאַרשפּילט דער טייוול דעם געוועט. דאָ געוועט זיך דער „אומ־באַקאַנטער" (ווער איז ער פאָרט?), וואָס דאַרף, הייסט עס, פּערזאָניפיצירן דעם שיקזאַל, דעם גורל, אַז ער וועט אַריינקומען אין דעם הויז פון דעם רייכן סוחר שמואל אשכנזי אין אַ קליינער שטאָט פון דרום־רוסלאַנד, סוף פון די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, וואו אַ 25־יאָריקע טאָכטער, בערטאַ, אַן אינטעליגענט יידיש מיידל, האָט אַ קליינעם הויקער און האָט רעזיגנירט פון גליק און ליבע צוליב איר פיזישן מום, און מיט איר גוטקייט באַדינט זי אַלעמען און העלפט אַלעמען, און ער, דער אומבאַקאַנטער, וועט אויפדעקן, אַז עס איז ניטאָ קיין ערלעכקייט, קיין ליבע, קיין אמת, נאָר אַלץ איז פאַלש, עגאָאיסטיש, פאַרדאָרבן און געמיין.

נאָכן געוועט אין דעם פּראָלאָג הייבט זיך אָן די האַנדלונג פון דער פּיעסע, וואָס ברענגט אַרויס, ווי אשכנזיס געשעפטס־פירער, דער 35־יאָרי־קער בערנאַרד זילבערמאַן, פאַרליבט זיך דווקא אין דעם קריפּל, און בעט זיך ביי איר קוים איין, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. אָבער אָנשטאָט חתונה צו האָבן מיט איר, פאַרליבט זיך אין אים, בערטאַס שוועסטער, אַ 16—17 יאָריק מיידל, אידאַ, און זי נעמט אים צו ביי איר שוועסטער, האָט

מיט אים חתונה און האָט מיט אים אַ קינד. בערנאַרד זילבערמאַן פאַרט אַוועק און ברענגט אין דער מיל פון זיין בעל הבית, אַן אינזשינער־טעכנאָלאָג לואיס קאַרשונסקי, וועלכער האָט אויסשטודירט אין דייטשלאַנד, און איידער וואָס־ווען פאַרליבט זיך אידאַ אין קאַרשונסקין, וויל אַוועק מיט אים און איבערלאָזן איר מאַן. קאַרשונסקי (דאָס איז אייגנטלעך „דער אומבאַקאַנטער") איז אַן אָפּענער איין און דרייסיק, אַ ציניקער, ער לייקנט אין אַלע אָנגענו־מענע דינים און מנהגים און פּרעדיקט זיך אָפּצורייסן פון די אַזוי־גערופענע קאָנווענציאָנעלע ליגנס. בערטאַ, וועלכע איז אייגנטלעך פאַרטראַכט פון דראַמאַטורג ווי די צענטראַלע פיגור, ווערט איינציקווייז אין דער פּיעסע אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן פון פאָדערגרונט, און די צוויי מענער, די קאָנ־קורענטן אין דער ליבע פון אידאַן, ווערן די צענטראַלע פיגורן, אָבער אין הינטערגרונט פילט זיך כסדר די ערלעכקייט, די פיינקייט און גלייכצייטיק די ליידן פון דעם הויקער בערטאַ. אין דער פּיעסע איז נאָך פאַראַן אַן אַנדער פאַרל, דער אַלטער פאָטער, אשכנזי, וואָס האָט חתונה מיט אַ יונגער פרוי, און שטאַרבט לסוף אויף דער בינע. עס זיינען אויך דאָ קינדער פוןביידע צדדים, און אויסער דעם איז נאָך דאָ דאָס קאָמישע פאַרל, דער שניידער שליאמע הוך, בערנאַרדס פאָטער, און זיין פרוי. אָט די ראָל פון דעם גע־וועזענעם שניידער, וואָס האָט זיך זיין ווערטל „אַלץ פון אויבן", האָט גע־שפּילט דער געניאַלער שוישפּילער מאָגולעסקאָ. די ראָל האָט וויניק שוי־שפּילערישע מעגלעכקייטן. ווי די אַנדערע כאַראַקטערן פון דעם טיפּ אין די פריערדיקע גאָרדין־פּיעסן, האָט די ראָל מער רייד ווי אַקציע, אָבער מאָגולעסקאָ האָט באַוויזן מיט איין זשעסט צו געבן זיין ראָל אַן אויסדרוק, וואָס האָט שטאַרק געווירקט אויפן צושויער. ווי אַ שניידער פלעגט ער דאָס ווערטל „אַלץ פון אויבן" מאַכן מיט אַזאַ באַוועגונג ווי אַ שניידער ציט דעם פאָדעם בעת ער נייט, און אין דער זעלבער צייט איז אים געלונגען מיטן זעלבן זשעסט אַריינצובלאָזן אַזאַ געפיל ווי ער וואָלט צוגעקומען צום הימל ווען ער האָט געזאָגט דאָס ווערטל „אַלץ פון אויבן".

„דער אומבאַקאַנטער", וואָס דאַרף זיין אַ סימבאָלישע פּיעסע, איז אַ רעכט ביסל פאַרפּלאָנטערט. דאָס סאַמע ממשותדיקע אין דער פּיעסע איז די דיסקוסיע צווישן די צוויי מענער, זייערע אַרגומענטן וועגן געזעץ און

מענטשלעכקייט, אָבער דער סוף פון דער פּיעסע איז ניט צו שטאַרק מאָטי־ווירט. ביידע מענער ציען צעטלען ווער פון זיי עס זאָל זיך נעמען דאָס לעבן. ציט לואיס קארשונסקי אַרויס אַ צעטל „טויט" און גייט אַוועק. ער נעמט זיך טאַקע דאָס לעבן, אָבער פאַרן טויט שרייבט ער אַן אַ בריוול צו זיין קאָנקורענט בערנאַרד זילבערמאַן, אַז באמת האָט ער גאָר אַרויסגע־צויגן אַ צעטל „ליבע" און געדאַרפט און געהאַט אַ רעכט צו בלייבן לעבן.

הייסט עס, אַז דער „אומבאַקאַנטער" האָט דאָ, ווי „דער טייוול" אין „גאָט, מענטש און טייוול" פאַרשפּילט.

די פּיעסע האָט געהאַט אַ דערפאָלג און איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און שפּעטער אויך איבער דער וועלט. די פּיעסע איז אין 1907 געבראַכט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער קיין אייראָפּע און אסתר רחל קאַמינסקאַ האָט אין דער ראָל פון דעם הויקער „בערטאַ" צובאַקומען איינע פון אירע קרוין־ראָלן.

די פּיעסע האָט געהאַט אַ דערפאָלג און איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אין אוקראַיניש, און איז אונטערן נאָמען „ליבע און טויט" אַפילו געדרוקט געוואָרן אין רוסיש.

דער פּיעסע איז אויך באַשערט געווען, אַז מיט איר האָט זיך אין 1922, אין ווין, אין דער „פרייער פאָלקס בינע" אָנגעהויבן די יידישע בינע־קאַריערע פון ד"ר פּאָול באַראַטאָוו.[101] באַראַטאָוו, וועלכער איז פריער געווען אַן אָנגעזעענער רוסישער שוישפּילער, איז, נאָך דער רעוואָלוציע, אַוועק פון רוסלאַנד, איז עטלעכע יאָר געווען אַן אימיגראַנט אין אייראָפּע, אַריבער פריער צו דער דייטשער בינע און לסוף באַשלאָסן ווערן אַ יידישער אַקטיאָר, און ער איז אויפגעטראָטן אַלס „לואיס קארשונסקי", באַזיצנדיק בסך־הכל 30 ווערטער אין יידיש, און האָט זיך טאַקע גאַנץ גוט געמאַטערט אין דער ראָל, אָבער פון דאַמאָלט אָן איז ד"ר באַראַטאָוו שוין פאַרבונדן געוואָרן מיטן יידישן טעאַטער, ווען ער האָט געדינט די שפּעטערע יאָרן ווי אַ סטאַר אין אַ ריי וויכטיקע יידישע און אייראָפּעאישע פּיעסן און ווי אַ וויכטיקער כוח אין „יידישן קונסט טעאַטער".

גאָרדין שרייבט נאָך אַן אַ סאַטירישע דראַמע „קעניג און גאָט", אָבער

זי האָט אַ קנאַפּן דערפאָלג, ווערט באַלד אַראָפּגענומען פון דער בינע און ווערט מער ניט געשפּילט און ניט געדרוקט.

אין דריי פון די 4 דאַמאָלטיקע יידישע טעאַטערס האָט מען יענעם סעזאָן געשפּילט גאָרדינס פּיעסן. מיטן שלוס פון סעזאָן איז גאָרדין געוואָרן אויס טעאַטער־דירעקטאָר און פאַרן נייעם סעזאָן 6—1905 האָט זיך גאָרדין ווידער דערנעענטערט צו אַדלערן, וועלכער האָט אויפגעפירט זיין פּיעסע „דער מטורף״.

אייגנטלעך איז די פּיעסע גאָר געשריבן געוואָרן פאַר טאָמאַשעווסקין. טאָמאַשעווסקי האָט, זעענדיק דעם גרויסן דערפאָלג פון זאַנגווילס פּיעסע, באַשלאָסן, אַז עס איז שוין געקומען די צייט, אַז ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט גאָרדינען. וועגן דעם דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע דערמאַנונגען:

„דעם גרויסן כבוד וואָס מיר האָבן געקראָגן פון פּובליקום ווי אויך פון דער פּרעסע פאַר אונדזער שפּילן זאַנגווילס פּיעסע, האָט דערוועקט אין אונדז אַ חשק צו שפּילן אין נאָר גוטע פּיעסן און טאָמאַשעווסקי באַשטעלט ביי גאָרדינען צוויי פּיעסן מיט אַמאָל, איינע פאַר זיך און די צווייטע פאַר מיר. דאָס זיינען די באַרימטע פּיעסן „דער מטורף״ און „אָן אַ היים״. אָבער ער האָט זיי ניט געקויפט, ווייל גאָרדין האָט געוואָלט אי געלט און אי כבוד, און דאָס האָט ניט געלוינט אַוועקצוגעבן, ווען מען קאָן אַליין צונויפקלעבן מיט ניכטערן שפּייעכץ „פּינטעלעך״, „נשמהלעך״ מיט „פּענדעלעך״.״*

איז ווי באַלד טאָמאַשעווסקי האָט ניט געקויפט די פּיעסע „דער מטורף״, האָט גאָרדין די פּיעסע פאַרקויפט צו אַדלערן, און ווידער האָט די פּיעסע געהאַט אַן אויסגעצייכנטן פּערסאָנאַל, ווי אַדלער, זיין פרוי, לעאָן בלאַנק, עליאַס ראַטשטיין, פּיטער גראַף, יונה גינצבורג, גרשון רובין א. אַ.

דער ריכטיקער נאָמען פאַר דער פּיעסע „דער מטורף״ וואָלט געדאַרפט

* בעסי מיינט טאָמאַשעווסקיס סוקסעס־פּיעסן „דאָס פּינטעלע ייד״, „די יידישע נשמה״ און די אַנדערע פּיעסן פון דעם מין, וואָס זייער אַטראַקציע זיינען געווען יידישע און אַמעריקאַנער פּענער אויף דער בינע.

זיין „דער משכיל", ווייל די גאַנצע געשיכטע האַנדלט זיך וועגן אַ יונגן יידישן בחור, בן־ציון, דער יונגערער זון פון מלכיאל גאַרבאַרניקאָוו, אַן אייגנטימער פון אַ גרויסע גאַרבאַרניע אין שטעטל סאָראָקע, בעסאַראַביע, וועלכער איז דורך זיין פעטער ישראל־יעקב, אַ זייגערמאַכער, צוגעצויגן געוואָרן צו השכלה, לערנט זיך אַליין רוסיש פון ווערטערביכער און גראַ־מאַטיקעס און לייענט העברעאיש און לערנט דעם רמב"ם. אָט דער יונגערמאַן קאָן ניט הויזן ניט מיט זיין פראָסטן טאַטן, וואָס איז אַריינגעטאָן נאָר אין מסחר און זוכט ווי אַזוי צו עקספּלאָאַטירן און אָפּנאַרן אין געשעפט, און אַודאי לעבט ער נאָך ווייניקער בשלום מיט זיין עלטערן ברודער, יחזקאל, אַ גאָר מגושמדיקער מענטש, וואָס וויס נאָר פון גנבה און גזלה און פון לעבן אַ גוטן טאָג. בן ציון ווערט אַזוי נאָך „די שוואַרצע שאָף" אין דער פאַמיליע און מען רופט אים „דער מטורף" (דער צעטומלטער, צעדרייטער, ניט ביי קלאָרע געדאַנקן). בן ציון האָט שטאַרק ליב ליזען, אַ טאָכטער פון איינעם אברהם ראָזענבערג, אַ קאָנקורענט פון זיין פאָטערס געשעפט. אָבער צוליב דעם, אַז ביידע קאָנקורענטן זאָלן זיך קאָנען פאַראייניקן, ווערט דורכגעפירט דער שידוך דוקא ניט צווישן בן ציון און ליזען, נאָר צווישן דעם מגושמדיקן יחזקאל און ליזען. בן ציון פילט זיך נאָטירלעך דערפון שטאַרק צעבראָכן. ער לעבט אין אַן אַנדערער וועלט און זיין ווייטאָג דריקט ער אויס אין קאָרעספּאָנדענצן אין צייטונג, באַשרייבנדיק די עוולות פון זיין אייגענעם פאָטער און דורכדעם פרעמדט ער זיך נאָך מער אָפּ פון זיין משפחה. זיין ברודער העצט קעגן אים. די שוואַרצע כוחות אין שטעטל הייבן אָן טראַכטן וועגן פּטור ווערן פון אים. מען מסרט אים, מען זאַמלט אונטער־שריפטן אים אַרויסצושיקן פון שטעטל, און עס דערגייט דערצו, אַז אַ מלמד, אַ פאַנאַטיקער, כאַפּט זיך אַריין צו אים, ווען ער אַרבעט ביי זיין פעטער, און צעברעכט דאָרט זיין מאַשין אויף וועלכער בן ציון האָט גע־אַרבעט דורכצופירן דעם אייביקן חלום פון „פּערפּעטיום מאָבילע" (אייביקע באַוועגונג). דאָס געשעעניש צעטומלט נאָך שטאַרקער בן־ציונען, און ניט קאָנענדיק איבערהאַלטן די פאַרפאָלגונגען פון שטעטל, דערשיסט ער זיך.

די פּיעסע, וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט די הומאַניסטישע און אידעאַלע זייטן פון דער השכלה־באַוועגונג, איז געווען אין איר צייט, ווען זי איז

געשפּילט געוואָרן, זייער צייטיק און צוגעפּאַסט צום געמיט און די דאַמאָל־טיקע שטימונגען אין דער יידישער גאַס.

אין דער פּיעסע האָט אויך דעביוטירט דער שפּעטער גוט־באַקאַנטער טאַלאַנטירטער שוישפּילער איזידאָר קעשיער, וועלכער האָט געשפּילט די עפּיזאָדן־ראָל פון דעם מלמד, וואָס כאַפּט אַרויס די מאַשין און צעברעכט זי. זינט אָט דער קליינער ראָל האָט קעשיער, וועלכער איז פריער געווען נאָר אַ „באַדי גיי" (אַ שומר) פון אַדלערן, שוין ניט פאַרלאָזט די יידישע בינע, אויף וועלכער ער האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ באַדייטנדע ראָל.

„דער מטורף" איז געשפּילט געוואָרן צען וואָכן נאָכאַנאַנד פאַר געפּאַקטע הייזער. ערשט אויף דער דריטער וואָך — ווי עס גיט איבער קלמן מרמר — האָט אַב. קאַהאַן געשריבן אין „פאָרווערטס": אַז „מיט דער אויסנאַמע פון „מירעלע אפרת" איז דאָס די בעסט־געבויטע דראַמע אין זיין (גאָרדינס) צעטל. זי איז גוט געבויט און איר אַלגעמיינער איינדרוק איז אויך אַ סימ־פּאַטישער, אַ געזונטער". קאַהאַן געפינט אָבער אַ חסרון, „אַז די כלה איז צו שיין, די פערזאָנען ריידן צו קלוג".

ווען אַדלער איז אויפגעטראָטן אין דער ראָל פון דעם 18־יאָריקן „מטורף", איז ער אָפיציעל שוין אַלט געווען 50 יאָר, אַ רעכט ביסל צו אַלט פאַר אַזאַ יונגע ראָל. אַדלער איז אָבער אַזוי אַריינגעדרונגען אין דעם כאַראַקטער פון דער ראָל, ער האָט אַזוי פיין פאַרקערפּערט דעם טיפּ, אַז דער עולם האָט פאַרגעסן אין זיין עלטער און האָט אים געגלויבט, און יאָרן־לאַנג שפּעטער, ווען ער איז געווען נאָך עלטער, פלעגט אַדלער פונ־דעסטוועגן נאָך אַליין אויפטרעטן אין דער דאָזיקער ראָל און תמיד זייער אויסנעמען אַזוי, אַז ער האָט באמת און מיט רעכט געקאָנט פאַרצייכענען אָט די ראָל פאַר איינע פון זיינע קרוין־ראָלן.

געווען דאַמאָלט אַ יונגער אַקטיאָר אין אַמעריקע, יונה גינצבורג,[102] וואָס האָט געשפּילט ליבהאָבער־ראָלן און טאַקע בעת דער פרעמיערע גע־שפּילט די ליבהאָבער־ראָל פון „מישע", האָט ער זיך מישב געווען און איז אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע און דאָרט אויפגעטראָטן אַלס „דער מטורף" און האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

בכלל איז די פּיעסע „דער מטורף״ געווען אָנגעזען אויף די ברעטער פון יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט. די פּיעסע איז אויך איבערזעצט און געדרוקט געוואָרן אויף רוסיש און געשפּילט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע און איז אויך געדרוקט געוואָרן אין אַ העברעאישער איבערזעצונג.

גאָרדינען האָט אָבער געצויגן צו אַ טיפערער פּיעסע, אַ מער ליטעראַרישע, אַ מער קינסטלערישע. אים האָט זיך געוואָלט שאַפן אַ קלאַסישע פּיעסע, און ער האָט באַשלאָסן זיך צו ווידמען צו דער אַלטער יידישער געשיכטע — ער האָט אָנגעשריבן די פּיעסע „אלישע בן אבויה״.

## קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

# „אלישע בן אבויה" — יעקב גאָרדינס איינציקע היסטאָרישע פּיעסע

**ווי אַזוי די דאָזיקע פּיעסע „אלישע בן אבויה" איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער פאַרגעסנהייט — די פּיעסע איז פריער געווען אַ דורכפאַל און איז דערנאָך געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג — לודוויק זאַץ ווערט אַנטפּלעקט אין דער פּיעסע.**

אין די איבער 70 פּיעסן און איינאַקטערס, וואָס יעקב גאָרדין האָט אָנגעשריבן, האָט ער קיינמאָל (אויסער אין דער אָפּערעטע „די שיינע מרים", וואָס איז באַאַרבעט פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן „עמק הארזים") ניט באַרירט קיין היסטאָרישע טעמעס. זיינע פּיעסן האָבן געהאַנדלט על פּי רוב אין דער אַלטער היים און עטלעכע אין דער נייער היים (אַמעריקע). היס־טאָריע האָט ער ניט באַטראַכט פאַר זיין געביט. היסטאָריע איז געווען אין רשות פון דעם אָפּערעטן־שרייבער. פריער גאָלדפאַדען, שפּעטער פּראָפּ. הורוויץ און לאַטיינער און זייערע נאָכפאָלגער, האָבן געהאַלטן אין „אַרענדע" די יידישע געשיכטע, אָנהייבנדיק פון חומש ביזן מיטלאַלטער. אויך גאָרדינס נאָכפאָלגער אויפן געביט פון דראַמע, ווי ליבין [103] און קאָברין האָבן זיך ניט צוגערירט צו יידישער געשיכטע (בלויז קאָברין האָט אָנגע־שריבן איין פּיעסע „דאָס אייביקע פייער", פון דער הלל־עפּאָכע, לויט אַ באַאַרבעטונג פון אַ דייטשן שריפטשטעלער מאַקס רינגס). זיי האָבן באַהאַנדלט אַקטועלע טעמעס, דאָס לעבן אין דער אַלטער און אין דער נייער היים אין זייער דור.

בלויז איינמאָל האָט גאָרדין אויסגעשפּרייט זיינע פליגל אויף אַ בלאַט אין דער יידישער געשיכטע, וואו ער האָט געזוכט פאַר זיך אַ העלד פאַר אַ גרויסער טעאַטער־פיגור און אַ טעמע פאַר אַ שטאַרקער דראַמע — די געשיכטע מיטן תנא אלישע בן אבויה, וואָס איז אַראָפּ פון גלייכן וועג

און איז פאַרצייכנט געוואָרן פון זיין דור אַלס „אחר" (אַן אַנדערער, אַן אָפּגעפרעמדטער).

אין 1957 איז אין ניו־יאָרק דערשינען ל. פיינבערגס [104] היסטאָרישער ראָמאַן אין פערזן וועגן אלישע בן אבויה „גאָט פון צאָרן", און אין זיין אַריינפיר וויזט אָן דער דיכטער די פאַרשידענע קוואַלן וועלכע ער האָט באַנוצט אַלס קאַנווע פאַר זיין פּאָעטישן ראָמאַן.

פּראָפ. דובנאָוו אין זיין וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק דערמאָנט אלישע בן אבויהן נאָר דרך אגב, איינמאָל ווי אַן אַרויסוווקס פון פרייען גייסט פון די, וואָס זיינען אין יענער צייט אַרויס פון געפּענטעטן רעלי־גיעז־נאַציאָנאַלן וויסן, וואָס האָט זיי געפירט אין דער ריכטונג פון פרייער פילאָזאָפישער פאָרשונג, און אַז מען האָט אלישען אַריינגעלייגט אין חרם, ווייל ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו גריכישער פילאָזאָפיע. אין אַ צווייט אָרט אין זעלבן באַנד פון דער געשיכטע ברענגט פּראָפ. דובנאָוו די גע־שיכטע ווי די טעכטער פון אלישען זיינען געקומען צו רבי יהודה הנשיא און געבעטן הילף, האָט מען זיי אָפּגעזאָגט צו געבן, מחמת זייער פאָטער איז געווען אַן אַפּיקורוס און אַ שונא פון פאָלק. האָבן די טעכטער אויס־געשריגן: „רבי, פאַרגעס דעם פאָטערס מעשים און געדענק וועגן זיין לומדות". ווען רבי יהודה הנשיא האָט דאָס דערהערט, האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, און ער האָט באַלד געהייסן, אַז מען זאָל אלישעס טעכטער יאָ געבן שטיצע.

אין אַנדערע יידישע געשיכטע־ביכער און ענציקלאָפּעדיעס פאַרנעמט **אלישע בן אבויה אַ סך מער אָרט. דער גרויסער יידישער געלערנטער,** דער אמתער גאון, דער יונג־פאַרשטאָרבענער ד"ר שמחה פּיעטרושקאַ [105] שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך אין זיין „אידישע פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע" אויף דער געשיכטע פון אלישע בן אבויה, וועלכער האָט געלעבט אין ארץ ישראל בערך 40 יאָר נאָכן חורבן בית שני, וואָס דאָס מיינט שוין נאָכדעם, ווי עס איז אַנטשטאַנען דאָס קריסטנטום. אלישע, וועלכער איז געווען אַ תנא און אַ גרויסער יידישער תלמיד חכם, אַזוי, אַז איינער פון זיינע תלמידים איז געווען דער שפּעטערדיקער גרויסער יידישער געלערנ־טער רבי מאיר, איז אַוועק פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט און דעריבער

ווערט ער אין דער גמרא אויך אָנגערופן „אחר״ (אַנדערער). אין דער גמרא זיינען פאַראַן שטעלן, וואָס דערציילן וועגן דעם לעבנס־גאַנג און געדאַנקענגאַנג פון אלישען. קודם כל די מעשה אין חגיגה ט״ו, אַז „ארבעה נכנסו לפרדס״; פיר גרויסע יידישע תלמידי חכמים, בן עזאי, בן זומא, אלישע בן אבויה און רבי עקיבא, וואָס זיינען אַריין אין פּרדס (וואָס פּרדס מיינט ווערט אויסגעטייטשט, אַז זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין דער וועלט, מענטשהייט און געטלעכקייט), האָט עס רבי עקיבאַן ניט געשאַדט, בן עזאי איז געשטאָרבן, בן זומא „הציץ ונפגע״ — האָט אַ קוק געטאָן און געשעדיקט געוואָרן, דאָס מיינט ער איז באַלד נאָכדעם געשטאָרבן, און אלישע בן אבויה „קצץ בנטיעות״, האָט געהאַקט אין די צווייגן, וואָס דאַרף מיינען, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן קעגן טראַדיציאָנעלער יידישקייט. אין דערזעלבער גמרא ווערט טאַקע דער־ציילט אין וואָס דאָס אָוועקגיין פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט איז באַשטאַנען, נעמלעך, אלישע בן אבויה האָט געטאָן אַ סך עבירות, איז געפאָרן אום שבת, האָט געגעסן טרפות און האָט געלעבט מיט אויס־געלאַסענע פרויען, און דערפאַר האָט מען געזאָגט „אחר הוא״, ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַזאַ בעל־עבירהניק, אַז עס ווערט געזאָגט, אַז אַלע רשעים וועלן קאָנען תשובה טאָן, אָבער ניט אחר, אַזוי ווייט איז ער אַוועק. אָבער דאָך איז קענטיק זיין וויסן אין יידישקייט געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו שוין נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעטראָטן פון יידישע דינים, האָט זיך רבי מאיר נאָך אַלץ געהאַלטן מיט אים, איז געקומען צו אים לערנען תורה און האָט זיך ניט אָפּגע־שראָקן, אַז ער זאָל קאַליע ווערן און האָט זיך אויך ניט אָפּגעשראָקן, אַז מען זאָל אויף אים קוקן ווי אויף אלישען.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז איינמאָל אום שבת, ווען רבי מאיר איז געקומען צו אלישען, האָט ער אים געטראָפן רייטן, וואָס איז געווען אַ גרויסע עבירה, אָבער רבי מאיר איז ניט אַוועק פון אים, נאָר אים נאָכ־געגאַנגען און ווען מען האָט איינמאָל פאַרט פאַרגעוואָרפן רבי מאירן, וואָס ער האַלט נאָך אַלץ מיט דעם אפיקורס אלישע־אחר, האָט ער גע־ענטפערט: „איך האָב געטאָן אַזוי: איך האָב די שאָל פון דער פרי אַוועק־

געוואָרפן, אָבער איך האָב געגעסן די אינעווייניקסטע יאָדרע". מיט אַנדערע ווערטער, רבי מאיר האָט געענטפערט, אַז ער האָט, ניט געקוקט אויף דער אויסערלעכער אפיקורסות פון אלישען, ווייל אינערלעך איז ער ווייטער געבליבן אַ ייד מיט יידישן וויסן, און אָט דאָס יידישע וויסן, אָט די יידישע תורה, די יידישע חכמה האָט ער, ר' מאיר, ווייטער געלערנט ביי זיין ניט־פרומען רבין. אין דער גמרא חגיגא ווערט אויך דערציילט, אַז ווען אלישע איז געוואָרן שטאַרק קראַנק און געהאַלטן ביים שטאַרבן, איז ר' מאיר געגאַנגען אים מבקר חולה זיין, און אַז פאַרן טויט האָט ער אים געזען וויינען, און שפעטער האָט ר' מאיר געזאָגט, אַז אלישע איז געשטאָרבן טוענדיק תשובה.

ווי עס זאָל ניט זיין, קאָן מען זען, אַז אלישע איז געווען אַ היסטאָרישע פיגור, אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט, און זיין לעבן איז געווען גענוג שאַרפער שטאָף פאַר אַ פיעסע, און אָט דעם שטאָף האָט גאָרדין באַשלאָסן אויסצונוצן ווען ער האָט זיך געזעצט שרייבן זיין איינציקע היסטאָרישע פיעסע „אלישע בן אבויה".

אין זיינע אַנדערע פיעסן בויט גאָרדין אויף די דראַמע. ער הויבט אָן מיטן העלד אין אַ מאָמענט פון אויפשטייג און פירט אים דורך ביז זיין פאַלן, אָדער פאַרקערט, הויבט אָן ווען דער העלד איז אין אַ שווערן צו־שטאַנד און דורך די אַקטן ווערט זיין לאַגע בעסער און זיין לעבן ווערט לייכטער, גרינגער. דאָס גיט די מעגלעכקייט דעם שוישפילער צו אַנט־וויקלען זיין טאַלאַנט, אַרויסצווייזן די פאַרשיידענע גאַמעס פון מענטש־לעכע געפילן און איבערלעבונגען. זיין פיעסע „אלישע בן אבויה" הייבט גאָרדין אָן באַלד ווי דער העלד איז שוין דער אחר, אַזוי, אַז מיר ווייסן גאָרניט ווי אַזוי ער איז געקומען צו אָט דער לעבנס־פילאָזאָפיע, מיר זעען ניט פאַר זיך קיין זעלישע קאַמפן, קיין איבערלעבונגען. און אַזוי דורך דער גאַנצער פיעסע איז אלישע מער אַ רעטאָריקער, אַ מענטש, וואָס זאָגט אַרויס שיינע געדאַנקען, וואָס דאַרפן אַרויסברענגען זיין לעבנס־אַנשויאונג, ווי האַנדלונגען, וואָס דאַרפן און זאָלן אונדז איבערצייגן. פאַראַן, למשל, אַזעלכע שיינע ווערטלעך, וואָס אלישע זאָגט ווי „אַ גרויסע העלדנטאַט איז צו גיין מיטן פאָלק, פאַרן פאָלק. עס איז אָבער נאָך אַ

גרעסערע העלדישקייט צו גיין קעגן גאַנצן פאָלק, שטרעבנדיק דערמיט דאָס פאָלק גליקלעך צו מאַכן", „דער שוואַכסטער מענטש האָט גענוג מיטלען צו טאָן אומרעכט".

גאָרדין ברענגט אַרויס אין דער פּיעסע, ווי אלישע, וועלכער האָט אַ שלעכטע פרוי, און אַ נאַאיווע טאָכטער, נעמי, וועלכע פאַרליבט זיך אין אַ רוימער און אַנטלויפט מיט אים, חברט זיך מיט רבי מאיר פון איין זייט, מיט די ערשטע יידן־קריסטן ווי שמעון הנזיר, האָט אַ גוטע באַציאונג צו זיין דינסט, אַ שומרוני, און האָט פריינטלעכע באַציאונגען מיט דעם רוימער קווע.יטאָר אַנטאָניוס סערוויאוס, וועלכער וויל טאַקע פאַרפירן זיין טאָכטער. בלויז מיט זיין אייגן יידיש פאָלק לעבט ער ניט בשלום, מחמת ער זאָגט אָפן, אַז ער גלויבט ניט אין שכר ועונש, האַלט, אַז די מצוות דינען צו דערדריקן דעם מענטשן און ניט בעסער צו מאַכן דאָס מענטשלעכע לעבן, דאָך העלפט ער די זעלבע פאַרפאָלגער, און גיט אַוועק זיין גאַנץ פאַרמעגן דעם רוימער, אַבי ער זאָל די זעלבע סומע ניט איינמאָנען ביי די יידן, וועלכע וואָלטן דערפון שטאַרק געליטן. אלישע דערנענטערט אויך צו זיך אַ פאַראַכטעטע זונה, בעאַטיע, אַ יונגע, שיינע פרוי, וועלכע פאַרליבט זיך אין אים, אָבער ער זוכט נאָר איר פריינטשאַפט, ניט איר קערפּער. ערשט שפּעטער, נאָכן חרם, נאָך זיין שרעקלעכער נויט, ווען אַלע פאַרלאָזן אים, אויך זיין פרוי, וואָלט ער שוין געוואָלט, אַז ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט בעאַטיען, אָבער דער וואונטש קאָן מער ניט פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל אינצווישן איז בעאַטיע געוואָרן אַ קריסטין און האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו „משיחן". די נאָענטסטע געפילן האָט אלישע פאַר דעם אַלטן בעטלער טוביה האביוני (דער אָרעמאַן), וועלכער ברענגט אים צוריק זיין טאָכטער נעמי, וואָס האָט איינגעזען די פאַלשקייט פון איר געליבטן און איז אַנטלאָפן צוריק אַהיים. זי איז אָבער געקומען צו שפּעט. אין זיין איינזאַמקייט, וואָס האָט אים אַזוי געדריקט, באַשליסט אלישע, אַז ער קאָן ניט לעבן אויף דער וועלט און ער סמט זיך. ער שטאַרבט אָן חרטה, אין קעגנזאַץ צו דער פריער דערמאָנטער שטעל אין דער גמרא.

הגם די פּיעסע האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן אַנסאַמבל, איז אָבער

די טעמע, די גאַנצע האַנדלונג, געווען אַזוי פרעמד דעם יידישן טעאַטער־גייער, אַז די אויפפירונג איז געווען אַ דורכפאַל און איז געשפּילט געוואָרן נאָר איין וואָך. דוד פּינסקי רייסט שטאַרק אַראָפּ די פּיעסע, אַז „גאָרדין... שאַפט אַ שוואַכע קאָפּיע פון „אוריאל אַקאָסטאַ״, אָדער, וואָס נאָך ערגער, חזרט איבער אין אַ קוים בעסערער פאָרם זיין אייגענעם שונדישן „מאיר עזאָפאָוויטש״.

גאָרדין האָט געהאַט שטאַרק עגמת נפש, וואָס די פּיעסע איז אַזוי דורכגעפאַלן, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפן, ווייל ער האָט זי פאַרקויפט צו אַדלערן, און אויב אַדלער האָט זיך אָפּגעזאָגט זי צו שפּילן, האָט קיין אַנדערער די פּיעסע ניט געקאָנט שפּילן, און פאַקטיש איז ניט געווען קיין שום אויסזיכט, אַז אַן אַנדערער שוישפּילער זאָל קאָנען מיט דער פּיעסע מער אויפטאָן ווי אַדלער, וואָרום קיינער האָט ניט געקאָנט אויסזען מאַיעסטעטישער אין דער ראָל ווי אַדלער, און קיינער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען די שיינע „פּראָזע״ פון דער פּיעסע שענער ווי אַדלער.

עס האָט אויסגעזען, אַז די פּיעסע וועט מער ניט אויפשטיין קיין תחית המתים. עס איז אָבער באַשערט געווען אַנדערש, און וועגן דעם דערציילט דער באַקאַנטער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי אין זיין בוך „קלאַנגען פון מיין לעבן״:

„איך פלעג טענהן: ,מר. אַדלער, שטעלט ,אלישע בן אבויה,׳ פלעגט ער זאָגן: וואָס רעדט איר, אין אַזאַ צייט, ווען אַלע יידישע טעאַטערס שפּילן פרומע יידישע פּיעסן, זאָל איך אויפפירן אַ פּיעסע, וועלכע פּרע־דיקט אַפּיקורסישע געדאַנקען?׳ און אַזוי זיינען אַוועק נאָך אַ פּאָר וואָכן מיט רעפּערטואָר און ניט־געלונגענע פּיעסלעך, ביז אַדלערס מענעדזשערס האָבן געפּלאַנט צו מאַכן פאַר אַדלערן אַ גרויסן ערן־אָוונט. ... נאָך אַ גרויסער באַראַטונג האָט אַדלערס סענאַט (דער סקאַדראָן מענעדזשערס) באַשלאָסן נאָכצוגעבן מיין וואונטש און אויפצופירן צו אַדלערס ערן־אָוונט „אלישע בן אבויה״. אַנשל שאָר איז דאַמאָלט געווען אַדלערס בינע־פּאַר־וואַלטער. ער האָט זייער פיל געהאָלפן צו דער נייער אויפפירונג פון „אלישע בן אבויה״, וואָס מען האָט אויפגעפירט אין אַ דאָנערשטיק און

אויף פרייטיק און זונטיק זיינען געווען אָנאָנסירט אַדלערס רעפּערטואַר־פּיעסן. שוין דער ערשטער אַקאָרד פון אָרגל, אויף וועלכן איך האָב האָט גלייך געשאַפן אַ רעליגיעזע אַטמאָספערע. דערנאָך האָט דער אָרגל געשפּילט אַן איינלייטונג אַנשטאָט דער געוויינלעכער טעאַטער־אָוועטור, צוזאַמען מיטן שטרייך־קווינטעט אָוועקגענומען דאָס וואָכעדיקע לעבן און אָוועקגעפירט דעם צושויער צום ווייטן עבר, מיט קנאַפּע 2000 יאָר צוריק. ווען דער פאָרהאַנג איז אויפגעגאַנגען, האָט אָנגעהויבן זינגען שמעון הנזיר (געשפּילט פון גינצבורג) פון די ערשטע נאָכפאָלגער פון ישו הנוצרי. ...און אַלע האָבן עס איבערגעחזרט צוזאַמען מיטן אָרגל. גלייך האָט דאָס פּובליקום גענומען רעאַגירן כמעט אויף יעדער פראַזע. און נאָך יעדן אַקט איז דער סוקסעס געשטיגן. און ווען אַדלער איז אַרויס נאָכן דריטן אַקט האַלטן דעם געוויינלעכן „ספּיטש" פון אַ בענעפיציאַנט", האָט מען אים ניט געלאָזט רעדן. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען פון פאַרשיי־דענע ווינקלען פון טעאַטער: „מיר ווילן אלישע בן אבויה, מיר ווילן ניט קיין אַנדערע פּיעסן". דאָס פּובליקום האָט גענומען שטאַרק אַפּלאָדירן אויף יעדן אויסגעשריי. אַדלער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטער. איז אַנשל שאָר ...אַרויפגעלאָפן אויף דער סצענע און האָט אויסגעשריען צום פּובליקום, אַז מאָרגן, הייסט דאָס, פרייטיק, שבת צוויי מאָל און זונטיק צוויי מאָל ווערט געשפּילט „אלישע בן אבויה". אין לעצטן אַקט, ווען אלישע שטאַרבט, האָבן זיך געוויזן וואָלקנס, און אין די וואָלקנס יעקב גאָרדינס געזיכט. ווען דאָס פּובליקום האָט דערזען גאָרדינס געזיכט אין די וואָלקנס, האָט דער טעאַטער געדונערט פון געשרייען, אַזוי, אַז אַדלער האָט פאַר באַגייסטערונג ניט געקאָנט רעדן. ער האָט נאָר אויסגעשריען וויינענדיק: „יעקב גאָרדין, פאַרוואָס האָסטו דאָס ניט דערלעבט?".

מיט אַזאַ באַגייסטערונג האָט מען „אלישע בן אבויה" געשפּילט אַכצן וואָכן אין ניו יאָרק און צען וואָכן איבער אַמעריקע".

די פּיעסע „אלישע בן אבויה" האָט אויך געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דער בינע־קאַריערע פון דעם בריליאַנטענעם, געניאַלן יידישן שוישפּילער לודוויק זאַץ, וואָס האָט (ניט רעכענענדיק די לעצטע יאָרן פון זיין גייסטיקער ירידה) געגעבן דעם יידישן טעאַטער אַזוי פיל הער־

לעבע טיפּן. זאַך איז שוין געווען אַ באַקאַנטער שוישפּילער אין אייראָפּע איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע, אָבער דאָ, אין דער „נייער וועלט" איז אויך געוואָרן אַ נייע וועלט פאַר אים. ער איז געווען אַנגאַזשירט פריער אַלס „פּובליסיטי מען" און געשעפטס־פאַרוואַלטער אין רוף גאַרדען פון נעשאָנאַל טעאַטער, וואָס זיין שוויגער דיינע פיינמאַן האָט אָנגעפירט צו־זאַמען מיט מאָריס שוואַרצן. אַ סעזאָן שפּעטער איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן קיין פילאַדעלפיע אַלס סטעידזש מענעדזשער (בינע־דירעקטאָר) און אויך אַלס שוישפּילער. קיין גרויסן צימעס האָט מען זיך פון אים ניט געמאַכט, אָבער בעת יעקב פּ. אַדלער איז געקומען אַהין גאַסטראָלירן מיט „אלישע בן אבויה", האָט זאַך באַקומען די ראָל פון „טוביה האביוני", און דאָ האָט זיך פון אים צעשטראַלט אַזאַ אַרטיסטישער פלאַם, אַז אַדלער איז געוואָרן אָנגעצונדן פון זיין שפּילן און אים שפּעטער געבראַכט צו זיך קיין ניו יאָרק. וואָס זאַך איז שפּעטער געוואָרן אין ניו יאָרק און פאַר דער גאַנצער יידישער טעאַטער־וועלט געהערט ניט דאָ אַהער. אָבער מען קאָן אויך ניט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז ווען ניט זיין שפּילן אין „אלישע בן אבויה", וואָלט ער ניט „אַנטפּלעקט" געוואָרן.

„אלישע בן אבויה" איז אויך געשפּילט געוואָרן אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אין 1909 אין ירושלים און איז דאָרט אויך געדרוקט געוואָרן. אין 1912 איז די פּיעסע דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין אָדעס.

## קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

# דאָס עגונות־פּראָבלעם אין גאָרדינס פּיעסע „דער פרעמדער"

דער דין וועגן עגונות — דאָס פּראָבלעם אין דער גמרא און אין שאלות ותשובות — לאָרד טעניסאָנס פּאָעמע „ענאָק אַרדען" — דאָס ענאָק אַרדען־געזעץ, וואָס באַפרייט עגונות. — די ערשטע יידישע פּיעסע אויף אָט דער טעמע — דער קאַמף פון די השכלה־ניקעס — גאָרדין קריטיקירט אַליין זיין פּיעסע — ווי אַדלער האָט געשפּילט פּאַראַליזירט „דעם פרעמדן".

ס'איז געווען און ס'איז נאָך דאָ צווישן אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, וואָס פּלאָגן דער געזעלשאַפט אַ פּראָבלעם, וואָס הייסט „עגונה". דאָס העברעאישע וואָרט שטאַמט פון דעם שורש „עוגן", אַן אַנקער, וואָס שטעלט אָפּ די שיף. עס איז אַ סימבאָלישער אויסדרוק, וואָס מיינט אַז מען איז אָנגעהאַלטן, מ'קאָן זיך ניט רירן.

אַן עגונה הייסט אַ פרוי, וואָס דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט צוליב וועלכע עס איז סיבה, און מ'ווייסט ניט וואו ער איז אַוועקגעקומען. וואָס בלייבט פאַר אַזאַ פרוי צו טאָן? איז זי ווייטער פאַרהייראַט, איז זי די פרוי פון אַ מאַן, און זי טאָר דעריבער מער ניט הייראַטן, ווייל אַנדערש איז זי אַ ביגאַמיסטקע, און ווערט דערפאַר זייער שווער באַשטראָפט פון געזעץ, אָדער איז זי יאָ פריי צו הייראַטן, ווייל איר ערשטער מאַן וועט צו איר מער ניט צוריקקומען, ווייל מסתמא לעבט ער ניט, וואָרום אַנדערש וואָלט ער דאָך אויף וועלכן ס'איז אופן זיך געשטעלט מיט איר אין פאַר־בינדונג.

דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס האָט געטראָפן און טרעפט פרויען פון אַלע פעלקער, אָבער אין דער צייט וואָס אין דער קריסטלעכער וועלט האָט מען געפונען אַ געוויסע לעזונג, וואָס באַפרייט די פרוי נאָך אַ גע־

וויסער צייט פון אירע הייראַטס־פּליכטן צו איר ערשטן מאַן, און זי מעג ווידער חתונה האָבן, איז דאָס געזעץ בנוגע יידישע פרויען אַ ביסעלע שווערער און מער קאָמפּליצירט.

אין דער תורה ווערט דער ענין פון עגונות אינגאַנצן ניט דערמאָנט. עס רעדט זיך דאָרט יאָ וועגן גטן, אָבער נאָר ווען דער מאַן (וועלכער האָט דאַמאָלט געמעגט האָבן עטלעכע פרויען) וויל גטן זיין פרוי. אָבער וועגן פאַלן, אַז אַ מאַן לאָזט איבער זיין פרוי און פאַרשווינדט, ווערט אין דער גאַנצער תורה ניט דערמאָנט, בלויז אין ספר „רות" ווערט באַנוצט דער אויסדרוק „הלהן תעגנה", וואָס יהואש זעצט איבער אין יידיש „וועט איר צוליב זיי בלייבן זיצן ניט צו נעמען קיין מאַן". דאָס טענהט זיך אויס די שוויגער נעמי מיט אירע צוויי שנירס ערפּה און רות, וועמענס מענער זיינען געשטאָרבן און זיי האָבן ניט חתונה געהאַט.

דאַקעגן ווערט דער ענין פון עגונות זייער אָפט דערמאָנט אין דער גמרא, און ניט אין איין מסכתא, נאָר אין עטלעכע, אין גטין, יבמות, בבא מציעא א.אַ. נאָך מער איז דער ענין געוואָרן פאַר אַ דיסקוסיע און פאַר־שידענע אינטערפּרעטאַציעס אין די שפּעטערדיקע שאלות ותשובות פון פּוסקים און רבנים איבער דער גאַנצער וועלט, און עס איז פאַרשטענדלעך, ווייל מיט דעם אויסגעברייטערטן פאַרקער איבער דער וועלט, האָבן זיך געמערט די פאַלן וואָס מענער האָבן אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער און מען האָט מער פון זיי ניט געהערט. קיין פּאָסט־פאַרבינדונג, אָדער ווער רעדט נאָך, קיין טעלעגראַפישע אָדער טעלעפאָנישע פאַרבינדונג ווי היינט איז אוודאי דאַמאָלט ניט געווען. די קאָמוניקאַציע צווישן איין פּלאַץ און אַנדערן האָט געדויערט זייער לאַנג. עס איז רעכט געווען, אַז אַ בריוו אָדער אַן אינפאָרמאַציע האָט גענומען חדשים־לאַנג און איז קיינמאָל ניט געווען געזיכערט צוגעשטעלט צו ווערן צו דער געהעריקער פּערזאָן. די בריוו־קאָמוניקאַציע האָט געליטן פון דער שלעכטער פאַרבינדונג, גאַנץ אָפט איז אַ בריוו פון דעם מאַן קיינמאָל ניט אָנגעקומען צו זיין פרוי, גאַנץ אָפט האָט פּאַסירט, אַז דער מאַן איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַזעלכע פּלע־צער פון וואַנען ער האָט זיך מער ניט געקאָנט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זיין פרוי, און עס זיינען אויך געווען גענוג פאַלן ווען דער מאַן איז

אין זיין וואַנדער־וועג באַפאַלן געוואָרן פון פּיראַטן, באַנדיטן אָדער רויבער און באַצאָלט מיט זיין לעבן ערגעץ וואו אין אַ ווילדערניש, אין אַ מדבר אָדער ניט־באַוואוינטע אָרט, וואו זיין קערפּער איז מער קיינמאָל ניט אַנטדעקט געוואָרן.

עס האָבן זיך אויך אַנטוויקלט אין אייראָפּע מלחמות אין וועלכע יידן האָבן זיך שוין באַטייליקט, ווייל זיי האָבן באַקומען עמאַנציפּאַציע, און אויב זיי האָבן ניט געהאַט אַלע רעכט ווי די ניט־יידישע באַפעלקערונג, האָבן זיי אָבער געהאַט דאָס רעכט און די פליכט צו דינען אין מיליטער, און אַ סך פון זיי זיינען אומגעקומען אין די מלחמות אָדער קראַנק געוואָרן און פאַרבליבן אין האָספּיטעלער אין אַ צושטאַנד וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט לאָזן וויסן וועגן זיך. עס זיינען אויך אָפּט געווען פאַלן ווען די באַטרעפנדע קעמפער אויף שלאַכטפעלדער האָבן פון שרעק פאַרלאָרן זייער זכרון, זיינען אַריינגעפאַלן אין אַמנעזיע און ממש ניט געדענקט ווער זיי זיינען.

מיט איין וואָרט, עס זיינען געווען גענוג אורזאַכן פאַרוואָס מענער זאָלן מער ניט צוריקקומען צו זייערע פרויען.

שפּעטער האָט זיך אויך אָנגעהויבן די עמיגראַציע צו די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אויך קיין אַרגענטינע, און גאַנץ אָפט האָבן די מענער, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אַהין אויסצוּוואַנדערן, איבערלאָזנדיק זייערע פרויען אין דער אַלטער היים, זיך פאַרפלאָנטערט אין ראָמאַנען אין זייערע נייע היימען, און אויב זיי האָבן געהאַט פון פריער נאָך וועלכע עס איז טענות צו זייערע פרויען, האָבן זיי עס איצט אויסגענוצט, געענדערט זייערע נעמען און האָבן ווידער חתונה געהאַט אין זייערע נייע וואוין־ערטער, פאַרגעסנדיק אָדער מאַכנדיק זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אין זייערע ווייבער אין אייראָפּע און אפילו אין זייערע קינדער אין דער אַלטער היים.

ווי אַזוי האָט דער יידישער דין זיך באַצויגן צו אָט דער טראַגעדיע?

זינט דער גמרא, ווי געזאָגט, איז דער ענין אָנגעגאַנגען אין שאלות ותשובות. די רבנים צו וועלכע מ׳פלעגט זיך ווענדן אין אַזעלכע פאַלן, האָבן יעדן פאַל באַזונדערס ערנסט באַטראַכט, פאַרציכנט די אומשטענדן און אַרויסגעטראָגן אַ פּסק דין, וואָס איז גאַנץ אָפּט צו נוץ געקומען

אַנדערע רבנים אין ענלעכע פאַלן אָדער אין פאַלן ווען זיי האָבן דעם פסק דין געקאָנט אָנווענדן ווי אַ פּרעצעדענס.

געוויינלעך, לויטן יידישן דין, טאָר מען קיין זאַך ניט אָננעמען אויפן גרונד פון איין עדות. עס מוזן זיין צוויי עדות, אָבער אין פאַל פון עגונות, האָבן די רבנים געזוכט מקיל צו זיין, באַנוצט אַלץ מער הומאַנישע מאָטיוון, און האָבן אַרויסגעטראָגן אַ פּסק, אַז עס איז גענוג איין עדות, וואָס זאָל דערקלערן, אַז דער באַטרעפנדער מאַן לעבט ניט מער. און דאַמאָלט האָט די פרוי ווידער געמעגט חתונה האָבן. נאָך מער, עס איז גילטיק אַפילו דאָס עדות זאָגן פון אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס ווערן ניט אָנערקענט, אין לייכטערע פאַלן, אַלס עדות, ווי, צום ביישפּיל, אַ קרוב, אַפילו די אייגענע פרוי, אַ ניט־ייד, אַ קנעכט, אַפילו אַ פּסולער עדות (אַ ניט־פאַרלעסלעכע פּערזאָן) און נאָך מער, אפילו אַן עדות דורך אַן עדות, וואָס דאָס מיינט, אַז איינער קאָן קומען און זאָגן עדות, אַז ער האָט געהערט פון אַן אַנדערן, אַז דער און דער מאַן איז ביי דער און דער געלעגנהייט אָדער אין דעם אָרט געשטאָרבן אָדער אומגעקומען, און דאָס עדות־זאָגן ווערט אָנגענו־מען, אָבער אין די אַלע פאַלן איז גילטיק דער דין פון שולחן־ ערוך, אבן העזר, סימן י״ז, אַז מען מוז אומבאַדינגט דערקענען דעם קערפּער אָדער סמנים, וואָס דער באַטרעפנדער האָט געהאַט אויף זיין קערפּער ביי זיין לעבן. נאַטירלעך, אַז דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך, און דעריבער זיינען געווען פיל פאַלן ווען די רבנים האָבן ניט געקאָנט צושטימען צו די עדות און ניט געקאָנט דערקלערן די פרוי, אַז זי איז מער ניט פאַרהייראַט און מעג הייראַטן אַ צווייט מאָל. אָבער באַזונדערס טראַגיש זיינען געווען די פאַלן ווען עס זיינען אַריבער אַ סך יאָרן און דער מאַן איז געווען פאַר־שוואונדן אָן שום שפּורן. מען האָט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט באַווייזן, אַז ער לעבט ניט מער. אין דעם פאַל זיינען די רבנים געווען זייער שטרענג און ניט דערלויבט דער פרוי נאָך אַמאָל חתונה צו האָבן.

אָט די געזעצן האָבן דעריבער אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג סיי ביי די געליטענע פרויען, און ניט ווייניקער ביי די פּראָגרעסיווע יידן, אָדער ווי זיי האָבן זיך אַמאָל גערופן „משכילים״. די פאָרשטייער פון השכלה האָבן אויף דעם געביט ממש דערקלערט אַ מלחמה די רבנים.

אין אַלע שריפטן פון די אַמאָליקע משכילים, אין דער אַמאָליקער פּרעסע, קאָן מען געפינען אָן אַ שיעור אָנפּאַלן אויף דער יידישער גייסטלעכער וועלט, אויף די רעליגיעזע מנהיגים פאַר זייער שטרענגקייט, פאַר זייער שטערן די אומגליקלעכע פרויען צו געניסן פון ליבע, פון אַ פאַמיליע־לעבן און קאָנען ברענגען אַ דור אויף דער וועלט.

אויך דאָס יידישע טעאַטער האָט דאָס פּראָבלעם ניט אויסגעמידן, אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער.

אין ענגלאַנד האָט געלעבט אַ גרויסער דיכטער אַלפרעד טעניסאָן (1892—1809), וועלכער האָט געשריבן אַ סך פּאָעטישע ווערק פאַר וועלכע ער איז באַערט געוואָרן מיטן טיטל לאָרד, געוואָרן אַ פּאָעט לאורעט, און צווישן זיינע פּאָעמעס, וואָס ער האָט געשריבן אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן איז געווען אַ פּאָעמע, וואָס הייסט „ענאָק אַרדען" (אין יידיש געדרוקט אין דער איבערזעצונג פון ד"ר א. אייסען), וועלכע שילדערט ווי אַ מאַן וואָס האָט פאַרלאָזט זיין פרוי און קינדער, קומט צוריק נאָך יאָרן אַהיים, און טרעפט זיין פרוי פאַרהייראַט און זיינע קינדער דערוואַקסן, אָבער אויס גרויס ליבע צו זיי, כדי ניט צעשטערן זייער לעבן, גיט ער זיך צו זיי ניט אויס ווער ער איז און שטאַרבט אַ מידער, קראַנקער און דערשלאָגענער.

אַט די טעמע וועלכע טעניסאָן האָט אפשר אָנגעשריבן אויפן גרונד פון אַ פאַקט, און וואָס דאָסווירקלעכע לעבן האָט אַ סך מאָל באַשטעטיקט, איז באַאַרבעט געוואָרן אין אַ סך פּיעסן און אויך פאַר דער יידישער בינע.

אָבער לאָרד טעניסאָן האָט דערגרייכט עפּעס מער ווי בלויז ווערן באַרימט פאַר אַט דער רירנדער פּאָעמע. די מאָטיוון, וואָס ער ברענגט אַרויס אין אַט דער פּאָעמע, זיינען שפּעטער באַנוצט געוואָרן אין דער יוריסדיקציע, אין געריכט, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ געזעץ, וואָס הייסט טאַקע „ענאָק אַרדען", אַז נאָכדעם ווי עס גייען אַריבער 7 יאָר און די פרוי באַקומט ניט קיין שום ידיעה פון איר מאַן, ווערט דער מאַן דערקלערט פאַר טויט און די פרוי ווערט דערקלערט אַלס אלמנה, ניט אַלס עגונה, און זי מעג ווידער חתונה האָבן.

אַט דאָס איז דער גרויסער אונטערשייד פון יידישן דין, וואָס אָנער־קענט די עגונה פאַר אויס עגונה נאָר נאָכדעם ווי עס זיינען דאָ באַווייזן,

אַז איר מאַן לעבט מער ניט, אָדער, נאַטירלעך, ווען ער שיקט איר צו אַ גט, און זי גייט איבער אין דער קאַטעגאָריע פון אַ גרושה.

די ערשטע, וואָס האָט אויסגענוצט דאָס עגונה־פּראָבלעם אויף דער יידישער בינע, איז געווען די פרוי מרים לערנער. זי איז געווען די פרוי פון אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטן טיפּ יוסף־יהודה לערנער, אַ שרייבער, אַ קאָרעספּאָנדענט, אַ יידישער טעאַטער־דירעקטאָר, אַ מחבר און איבערזעצער פון פּיעסן, שפּעטער אַ משומד און אַפילו אַנטיסעמיטישער שרייבער. מרים האָט געהאַט זייער אַ ביטער לעבן מיט איר מאַן, אָבער דאָך האָט ער זי צוגעצויגן צום שרייבן, און איינע פון אירע פּיעסן איז געווען „די עגונה", וואָס איז נאָך אין 1888 דערשינען ווי אַ ספּעציעלע ביילאַגע צום „יודישעס פאָלקסבלאַט" און אין 1908 אין אַ סעפּעראַטער אויסגאַבע. די פּיעסע איז אין איר צייט אָפט געשפּילט געוואָרן, אָבער ש. דובנאָוו, וועלכער האָט דאַמאָלט א"פ „קריטיקוס" געשריבן רעצענזיעס וועגן יידישע ביכער, האָט געהאַלטן, אַז די פּיעסע איז אַ מעלאָדראַמע, שאַבלאָניש לויטן סוזשעט און פאָרם. פון איין זייט אַפּעריסט, שווינדלער, רוצח. פון דער אַנדערער זייט — אָפּגענאַרטער קרבן אידל און נאָבל, סענטימענטאַל־מליצהדיקע רייד, מעלאָדראַמע און רוטין, אָבער אין גרונד פון דער דראַמע — אַ גוטער געדאַנק.

די געשיכטע פון „די עגונה" איז אַזאַ: אַ רייכער סוחר גראָסמאַן האָט אַן איינציקע שיינע טאָכטער ראָזאַ אין וועלכער עס ליבט זיך דער בוכהאַלטער אַדאָלף. דער פאָטער וויל זי אָבער אומבאַדינגט חתונה מאַכן מיט איינעם ניימאַן, באמת אַ שווינדלער, וואָס שפּילט אָבער די ראָל פון אַ גרויסן סוחר, שיקט ער אַוועק דעם בוכהאַלטער כלומרשט פאַר געשעפט אין אַן אַנדערער שטאָט, און פירט דורך די חתונה צווישן ראָזאַן און ניימאַנען. אָבער באַלד נאָך דער חתונה אַנטפּלעקט ניימאַן זיין אמתן פרצוף פנים, און ווען זיין פרוי וויל זיך ניט באַווייזן פאַר זיין געליבטער, נעמט ער אין איר נקמה און לאָזט זי איבער אַן עגונה. שיקט מען אַרויס אַ מאַן אים זוכן, און דער מאַן קומט אין אָדעס, וואו ער באַגעגנט זיך מיט אַ חברה שווינדלער, וואָס ברענגען אים איינעם אַ פרעמדן מאַן, וועלכער גיט זיך אַן אַלס ניימאַן און פאַר אַ גרעסערע סומע גיט ער אַ כלומרשטן

גט. ראָזע האָט דאָן חתונה מיט איר געליבטן אַדאָלף. עס גייען אַוועק 19 יאָר און פונקט צו דער פאַרלאָבונג פון ראָזאַס טאָכטער, קומט דער געוועזענער מאַן ניימאַן צוריק. ער באַווייזט, אַז דער גט איז געווען אַ פאַלשער, ווייל ער איז גראָד דאַמאָלט געזעסן אין סיביר, און דעריבער איז דאָך ראָזע זיין פרוי. עס קומט צו אַ שטאַרקער אויפרעגונג, און ראָזע קריגט אַ האַרץ־שלאַג און שטאַרבט.

אין דער פּיעסע זיינען דאָ שאַרפע רעטאָריקס קעגן די רבנים, די באַרימטע פּראָזע פון די אַמאָליקע משכילים און, אַז די קרבנות זיינען אַ רעזולטאַט פון די רבניש־שטרענגע דינים.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די פּיעסע, וואָס יעקב גאָרדין האָט אָנגע־שריבן אויף דער זעלבער טעמע „דער פּרעמדער״, וואָס איז אין 1906 אויפגעפירט געוואָרן אין „טאַליאַ טעאַטער״ דורך יעקב פּ. אַדלער אין דער טיטל־ראָל.

דוד פּינסקי, איינער פון די גרעסטע אַנטי־גאָרדיניסטן, שרייבט, אַז „דער פּרעמדער״ איז אַרויסגעוואַקסן, ווי גאָרדין אַליין גיט אָן, פון טעני־סאָנס „ענאָק אַרדען״, אָבער אין אַ בריוו, וואָס גאָרדין האָט געשריבן צו זיין פריינט ראָזענבלום אין אָדעס, פאַרזיכערט ער אים, אַז די פּיעסע איז זיינע אַן אָריגינעלע פּיעסע. לעאָן בלאַנק דערציילט, אַז איינמאָל, ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן, האָט גאָרדין געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט: „איך האָב אייך געגעבן אַ פּיעסע „אלישע בן אבויה״, איז זי אייך ניט געפעלן געווען, און מיר איז זי זייער געפעלן געווען, האָב איך אייך איצט געגעבן אַן אַנדערע פּיעסע „דער פּרעמדער״, איז זי אייך געפעלן, און מיר — ניט. וואָס לויפט איר צו אַזאַ נאַרישער מעלאָדראַמע? וואָס געפעלט אייך דאָרט?״.

אויב עס זאָל באמת ריכטיק זיין, אַז גאָרדין האָט זיך אַליין אַזוי קריטיש אויסגעדריקט וועגן זיין פּיעסע, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז קיין גרויסע מייסטערשאַפט שטעקט ניט אין דער פּיעסע. איר אינהאַלט איז אַזאַ: בלומע, די טאָכטער פון קלמן משה און שרה העניע, אַן אינטע־רעסאַנט פּאָרל פון אַמאָליקן דור, האָט חתונה געהאַט מיט איינעם נפתלי הערץ לעווין, אַ גבור, אַ ייד, מיט וועמען זי האָט געהאַט צוויי קינדער.

איינמאָל ווען באַנדיטן זיינען באַפאַלן איר עלטערנס קרעמל, האָט זיך איר מאַן אַקעגנגעשטעלט די באַנדיטן און איינעם דערהרגעט. ער איז צוליב דעם פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. נאָך יאָרן איז פאַרלאָרן געוואָרן יעדער שפּור פון אים, און זייענדיק זיכער, אַז ער לעבט ניט מער, האָט בלומע חתונה מיט פיני סטאַראָדוב, איר מאַנס אַ גוטער חבר, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי זיי. זיי האָבן נאָך אַ קינד. פיני וואַנדערט אויס קיין אַרגענטינע און פון דאָרט קומט ער אָן אין ניו יאָרק, וואו ער האָט אויסשטודירט אַלס אַדוואָקאַט און אַמעריקאַניזירט זיין נאָמען. דאָס פּאָרל לעבט זיך גליקלעך, ביז מיט איינמאָל באַווייזט זיך דער פאַרשוואונדענער מאַן נפתלי הערץ לעווין, וועלכער דערציילט ווי אזוי ער איז אַנטלאָפן פון סיביר, ווי ער האָט געוואַנדערט אויף דער וועלט זוכנדיק זיין פרוי און קינדער און וויל לכתחילה צוריק זיין פרוי און קינדער. אין אַ שאַרפן געשפּרעך מיט זיין קאָנקורענט, גייט ער איין אויף קאָמפּראָמיסן, פריער זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין פרוי, שפּעטער פון זיין זון, אָבער באַשטייט דורכאויס אויף זיין טאָכטער, וואָס האָט אים באַזונדערס באַגייסטערט דערמיט וואָס זי דערציילט אים וועגן דער פּאָעמע „ענאָק אַרדען", וועלכע זי האָט דעקלאַמירט אויף אַ שול־פייערונג (ס'קאָן זיין, אַז דערפון, פּונקט ווי אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטע", וואו עס ווערט ציטירט עפּעס פון טאָלסטאָיס „קרייצער סאָנאַטע", וויל אויך דאָ גאָרדין אָנווייזן, אַז אויפן געדאַנק פון דער פּיעסע האָט אים געבראַכט טעניסאָנס „ענאָק אַרדען"). אָבער דאָ ווערט ער דערקענט פון זיין פריערדיקער פרוי, און זי באַשליסט, אַז זי דאַרף אונטער די געשאַפענע אומשטענדן צוריקגיין צו אים. דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ פון דעם פרעמדן האַלט אָבער מער ניט אויס, און ער שטאַרבט.

אויף אַזאַ אופן איז אין ביידע פּיעסן וועגן עגונות: מרים לערנערס „די עגונה" און אין יעקב גאָרדינס „דער פרעמדער" דאָס פּראָבלעם געלעזט געוואָרן דורכן טויט פון איינעם פון די הויפּט־העלדן; ווייל דאָס פּראָבלעם גופא האָבן זיי ניט געקאָנט לעזן.

דרך אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז די געשיכטע אין זינגערס „יאָשע קאַלב" דרייט זיך פאַקטיש אויך וועגן אַן עגונה. יאָשע לאָזט איבער זיין

ווייב, דעם נעשעוועד רבינס טאָכטער, ניט ווייל ער האָט זי ניט ליב, נאָר ווייל ער האָט געזינדיקט מיט אַן אשת איש און ער באַשליסט אָפּצוריכטן גלות. אָבער אין דער לעצטער שורה ליידט ניט דערפון ווייניקער זיין פרוי, די עגונה, באַזונדערס נאָכדעם ווי עס ווערט ביים בית דין קלאָר, אַז נחומצע איר מאַן און יאָשע קאַלב זיינען איין און די זעלבע פּערזאָן און נחומצע־יאָשע קאַלב לאָזט זיך ווידער אָפּריכטן גלות און מאַכט זי ווידער פאַר אַן עגונה.

דאָס עגונה־פּראָבלעם איז אויך אַ סך יאָרן נאָך גאָרדינס „דער פּרעמדער" אויסגענוצט געוואָרן פאַר שטאַרקע מעלאָדראַמעס פון אַנדערע פּיעסן־שרייבער, ווי געבילס און שטיינבערגס „איר מאַמעס חופּה־קלייד" און אַנדערע.

לכתחילה האָט „דער פּרעמדער", כאָטש אַדלער איז געווען וואונדער־באַר צוגעפּאַסט פאַר דער ראָל, און אויך די אַנדערע מיטווירקער, באַ־זונדערס סעראַ אַדלער אַלס „בלומע", פּיטער גראַף [106] אַלס „קלמן משה" און לעאָן בלאַנק אַלס „פּיניע", זיינען געווען אויסגעצייכנט אין זייערע ראָלן, ניט שטאַרק אויסגענומען, אָבער איינציקווייז האָט זיך די פּיעסע איינגעבירגערט אין אַדלערס רעפּערטואַר און אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, פלעגט ער די פּיעסע אָפט שפּילן. אין די לעצטע יאָרן, ווען אַדלער איז שוין געווען פּאַראַליזירט, פלעגט מען אים בלויז אַרויספירן אויף דער בינע, גרימירט ווי דער פּרעמדער, און זיין ראָלע פלעגט פּרעכטיק געשפּילט ווערן פון זיין איידעם יאָזעף שעהנגאָלד.

### קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

## גאָרדינס ערשטע אַמעריקאַנער פּיעסע איז אַ פולשטענדיקער דורכפאַל

גאָרדינס „אויף די בערג" איז אַ טויט־געבוירן קינד און אַפילו קעני ליפּצין און מאָריס מאָשקאָוויטש קאָנען עס ניט ראַטעווען — גאָרדין ווערט קראַנק — פאָרט קיין קאַרלסבאַד זיך היילן — קאָן ניט אַריינפאָרן אין רוסלאַנד — באַזוכט גאַליציע און קריטיקירט די אויפפירונג פון זיין „מטורף".

„אויף די בערג" איז געווען די ערשטע פּיעסע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, וואָס גאָרדין האָט אָנגעשריבן אין 1907, און וועלכע איז דאַמאָלט באַלד אויפגעפירט געוואָרן מיט אַ גאַנץ לייטישער טרופּע: מאָריס מאָשקאָוויטש, סעמיועל טאָרנבערג, גוסטאַוו שאַכט, סעמיועל טאָביאַס (טאַבאַטשניקאָוו) און גילמאַן,[107] און די פרויען: קעני ליפּצין, עני מאנע, נעטי טאַבאַטשניקאָוו און מאַטילדע שראַגע. גאָרדין איז געקומען אין אַמעריקע אין 1891. דאָס מיינט, אַז ער האָט שוין געלעבט 16 יאָר אין אַמעריקע. אין 1892 האָט ער אויפגעפירט זיין ערשטע פּיעסע. דאָס מיינט, אַז ער איז שוין געווען 15 יאָר אַ יידישער דראַמאַטורג און פּראַקטיש שוין געפייערט זיינע ריזיקע דערפאָלגן מיט זיינע באַרימטע פּיעסן „גאָט, מענטש און טייוול", „מירעלע אפרת", קרייצער סאָנאַטע", „כאַסיע די יתומה", „דער מטורף", „די אמתע קראַפט" און אַנדערע, און דאָך איז דאָס ערשטע אַמעריקאַנער קינד זיינס געווען אַ ראַכיטיש, אַ „טויט געבוירן", ווי פּינסקי האָט ריכטיק אָנגעוויזן אין זיין קריטיק אויף דער פּיעסע.

גאָרדינס גאַנצער חן, זיין דראַמאַטישער אימפּולס, זיינע קלוגע דראַמאַטישע, בינע־אויפטרייסלענדע איינפאַלן, זיינען ניטאָ אין דער פּיעסע.

ניטאָ קיין סימן פון גאָרדינס פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן, ניטאָ קיין צייכן פון זיין קענטשאַפט און באַקאַנטשאַפט מיט דער בינע. עס איז אַ פּיעסע מיט מאַנעקענס, באַזונדערס אין די צוויי הויפּט־ראָליסטן „פנינה" און „איזי", וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן פון קעני ליפּצין און מאָריס מאַשקאָוויטש. זייער גאַנצע פּראָזע איז אַן אויפגעבלאָזענע. אַלץ וואָס זיי טוען, וואָס זיי ריידן, האָט ניט קיין זין, האָט ניט אין זיך קיין שום לעבן, איז געקינצלט, קאָן ניט ווירקן, און ממילא קאָן די פּיעסע ניט מאַכן קיין איינדרוק.

ווען מען זאָל ניט קענען גאָרדינס פריערדיקע ווערק, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מען האָט דאָ פאַר זיך אַן אָנהייבער, וואָס שטעלט זיינע ערשטע שריט אויף דער בינע. אַזוי הילפלאָז, כמעט דילעטאַנטיש איז די פּיעסע, און דאָס איז דעריבער דער ענטפער, וואָס זי האָט זיך נאָר געהאַלטן אַ קורצע צייט אויף דער בינע, איז געוועזן אַ פאַרבייגייענדע דערשיינונג אין גאָרדינס דראַמאַטורגיע, איז מער ניט צוריקגעקומען קיינמאָל אויף די בינע־ברעטער און ביים גאַנצן מאַנגל אין אַ יידישן טעאַטער־רעפּער־טואַר אין אייראָפּע, איז זי דאָרט קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן. דער אינהאַלט פון דער פּיעסע, איר גאַנצע אַנטוויקלונג, און דער פאַקט, וואָס די הויפּט־ראָלן זיינען אויך געווען אַזעלכע בלוט־אָרעמע, איז אויך דער ענטפער, וואָס הגם די טרופּע איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקע, באַזונדערס די הויפּטראָליסטן, האָבן זיי אָבער ניט געקאָנט אויסטראָגן די פּיעסע, אַז זי זאָל האָבן אריכת ימים.

גאָרדין האָט מיט דער פּיעסע געוואָלט קריטיקירן די אַמעריקאַנער יידישע פּסעוודאָ־בורזשואַזיע, די רייכע, וואָס רייסן זיך אין די בערג, לעבן אין וואוילטאָג, און ווילן לעבן אַ גוטן טאָג פאַר זייער גוף בעת זייער נשמה איז הויל און נאַקעט. פאַר דעם צוועק דערציילט ער אונדז אַ מעשה מיט דעם רייכן ריעל עסטעיטניק שמוליק זאַוויערוכע, וועלכער האָט אין אַמעריקע געענדערט זיין נאָמען אויף סעמיועל מעלקין און צוזאַמען מיט זיין פרוי סערע און זייער עלטערער טאָכטער עוועלין, לעבן זיי אַ גוטן טאָג אין די בערג בעת זיי האָבן אין דער אַלטער היים איבערגעלאָזט אַ יונגערע טאָכטער פנינה. אָט די יונגע טאָכטער קומט ענדלעך צו אירע

עלטערן, וועלכע זי קען כמעט ניט. פנינה, וועלכע האָט פיינט אַפילו ווען מען רופט זי „נינאַ“, איז אויפגעצויגן געוואָרן אין רוסלאַנד ביי אַ פעטער און אַ מומע. זי איז אַן אידעאַליסטקע, אַ רעוואָלוציאָנערקע, גלייכצייטיק אַ הייסע יידישע טאָכטער, אַ נאַציאָנאַליסטקע, קען העברעאיש. זי קען זיך קיין אָרט ניט געפינען אין דער נייער סביבה. זי איז פרעמד צו די עלטערן, און די עלטערן זיינען פרעמד צו איר. זי קען ניט זען ווי דער רייכער קאָנטראַקטאָר מלך נתן טאָרבע ראָמאַנסירט מיט איר מוטער, און שפּעטער האָט ער, אַ 40יאָריקער, חתונה מיט איר 22יאָריקער שוועס־טער, נאָר דערפאַר ווייל די שוועסטער וויל לעבן אין לוקסוס, און אירע עלטערן, וועלכע גייען געבראָכן, ווערן מאַטעריעל אויסגעהאַלטן פון זייער איידעם. גייט פנינה אַוועק צו איר זיידע־באָבע, וועלכע וואוינען אויך אין די בערג, די באָבע איז אַן עלטערע פרוי, וואָס זעט נאָר אין אירע פאַנטאַ־זיעס ווי דער וואַלד־גייסט וויל אַלץ צעשטערן, ווייל די מענטשן שטערן די רו פון די וועלדער דורך אויסהאַקן די ביימער, דורך מאַכן ישובים אין די בערג, דורך אַריינרייסן זיך אין דער שטילקייט און פאַרחלומטקייט מיט זייער ראַשיק לעבן. אין דעם זעלבן ישוב געפינט זיך אויך אַ יונגער מאַן, איזי, וואָס איז קראַנק אויף שווינדזוכט, און איז געקומען זיך היילן אין דער געזונטער, גוטער לופט פון די בערג. פאַרליבן זיך פנינה און דער יונגערמאַן. ער וואָרנט זי, אַז זי טאָר מיט אים ניט חתונה האָבן, ווייל ער איז קראַנק אויף טובערקולאָז. זי וויל אָבער ניט הערן, האָט מיט אים חתונה. און ווען ער שטאַרבט, גייט זי אַראָפּ פון זינען. די פּיעסע הייבט זיך אויך אָן, ווי „גאָט, מענטש און טייוול“, מיט אַ פּראָלאָג, וואָס דאַרף געבן די גרונדלאַגע פאַר דער פּיעסע. אָבער אויך דער פּראָלאָג איז אַ העכסט אומגעלונגענער, אַ מבול פון ווערטער, פּראַזן, אויפגעבלאָזענע מליצה מיט אויסגעטראַכטע פיגורן ווי „נגד האדם“ און „רוח הטבע“.

מיט אַ גאַנץ רואיק געוויסן מעג געזאָגט ווערן, אַז גאָרדינס ערשטער פּרווו צו געבן אַ יידישע פּיעסע פון אַמעריקאַנער לעבן איז געווען אַ פול־שטענדיקער דורכפאַל. ווען גאָרדין איז געקומען אין אַמעריקע איז ער אינגאַנצן אַלט געווען 38 יאָר, דאָס מיינט פּאַקטיש, אַז ווען מען זאָל אַראָפּרעכענען זיינע יונגלשע יאָרן, איז ער אין רוסלאַנד ווי אַ דערוואַק־

סענער אויך ניט געווען מער ווי אַ יאָר צוואַנציק, אָבער אין די צוואַנציק יאָר האָט ער באַוויזן אַריינצוזאַפּן אין זיך אַזויפיל טיפּן, עכט־יידישע טיפּן און כאַראַקטערן, אַז ער האָט געהאַט אויסצופילן מיט זיי די אַלע פּיעסן, וועלכע ער האָט געשריבן שפּעטער אין אַמעריקע פאַרן יידישן טעאַטער, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אין משך פון 15 יאָר לעבן אין אַמעריקע ניט באַוויזן נאָך אַריינצודרינגען אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן און אין די כאַראַקטערן פון די אַמעריקאַנער יידן, אַז ער זאָל געבן אַזאַ שטאַרקע לעבנס־קרעפטיקע פּיעסע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן ווי ער האָט געגעבן פון יידיש־רוסישן לעבן. אַ סך בעסער האָט שוין אָפּגעשניטן זיין צווייטע פּיעסע פון יידיש־אַמעריקאַנער לעבן „אָן אַ היים", אָבער וועגן דעם אַן אַנדער מאָל.

דער דורכפאַל פון דער פּיעסע, די גאַנצע שטימונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַרום גאָרדינען, וועלכער האָט ניט געקאָנט פאַרנעמען קיין דורכפאַל, האָט שטאַרק אונטערגעגראָבן זיין געזונט, און די דאָק־טוירים האָבן אים געראַטן, אַז ער זאָל פאָרן קיין קאַרלסבאַד, דער רעזאָרט־פּלאַץ וואוהין עס האָבן געצויגן אַלע וועלכע האָבן געליטן אויפן מאָגן. גאָרדין האָט שוין דאַמאָלט אַ פּנים אָנגעהויבן ליידן אויף קענסער פון וואָס ער איז צוויי יאָר שפּעטער געשטאָרבן, אָבער צו יענער צייט האָט מען נאָך זיין קראַנקהייט ניט אָנגענומען אַזוי ערנסט און מען האָט גע־גלויבט, אַז מיט אַ לאַטע, ווי טרינקן די וואַסערן פון קאַרלסבאַד, וועט ער קאָנען אויסהיילן, ווי מען האָט אָנגענומען, זיין מאָגן־קראַנקהייט.

גאָרדין האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ גרויסן נאָמען אין רוסלאַנד, ניט אַלס דער גאָרדין ווי ער איז אַוועקגעפאָרן, ווי דער גרינדער אָדער מיטגרינדער פון דער „ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ". אָט די אידעע איז שוין געווען אַבסאָלוט טויט אין רוסלאַנד, אין 1907, נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זיינען אויף דער טאָג־אָרדענונג געווען גאַנץ אַנדערע אידעען: סאָציאַליזם, נאַציאָנאַליזם. אויף דער אַלגעמיינער גאַס האָבן געקעמפט קעגן דער צאַרישער רעאַקציע די פאַרשידענע סאָציאַ־ליסטישע גרופּירונגען: די רעכטע און לינקע סאָציאַליסטן (מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס), די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, און די מעסיקערע, ווי

די קאַדעטן און טרודאָוויקעס, און אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך צעפלאַקערט סיי די יידישע רעוואָלוציאָנערע און סיי די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען: דער בונד, די יידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע סאָציאַליסטן און די פאַרשידענע יידישע גרופּירונגען אין נאַציאָנאַלן לאַגער ווי די צעירי ציון, פּועלי ציון, אַלגעמיינע ציוניסטן, סיימיסטן, ס״ס. אָבער עס איז געווען באַוואוסט ביי די אַלע און גוואַלדיק פּאָפּולער דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין. אָן וויסן פון מחבר, אָן זיין דערלויבעניש, האָבן אַקטיאָרן געבראַכט קיין רוסלאַנד זיינע פּיעסן. אַזוי יוליוס אַדלער קיין פּוילן. פאַרשידענע אַקטיאָרן פון אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט גאַסטראָלירן קיין גאַליציע אָדער מערב־איראָפּע, זיינען געקומען מיטן גאָרדין־רעפּערטואַר, און אַ סך פון גאָרדינס פּיעסן, גאַנץ הפקרדיק, מיט פאַלשע טעקסטן זיינען געדרוקט געוואָרן אין פּוילן און גאַליציע, אַ סך פריער ווי אין אַמעריקע. די יידישע בינע אין מזרח־איראָפּע האָט זיך געשפּייזט מיט גאָרדינען יאָרן־לאַנג, און פּונקט ווי אין אַמעריקע זיינען אין די גאָרדין־פּיעסן באַרימט געוואָרן די אַדלערס, דוד קעסלער, קעני ליפּצין, בערטאַ קאַליש, טאָמאַשעווסקי, מאָשקאָוויטש און אַנדערע, אַזוי זיינען באַרימט געוואָרן אין איראָפּע אין די גאָרדין־ראָלן אסתר רחל קאַמינסקאַ, יעקב ליבערט,[108] יוליוס און עמיליע אַדלער, לייזער זשעלאַזאָ, הערשל וויסמאַן, מרים טרילינג,[109] יערמאָלינע וויסמאַן,[110] מרים גורע־וויטש, יודל גוטמאַן,[111] וויערא זאַסלאַווסקאַ,[112] רודאָלף זאַסלאַווסקי,[113] בועז יאָנג, נאַדיאַ נעראָסלאַווסקאַ[114] א. אַ. ניט נאָר פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, נאָר אין יעדער שטאָט און שטעטל, וואו עס זיינען נאָר געווען אַמאַטאָרן, ליבהאָבער, האָבן זיי זיך געפּלייסט צו זיין „ליטעראַריש״, און דאָס האָט געמיינט שפּילן אַ גאָרדין־פּיעסע. גאָרדין איז אויך געווען נענוג פּאָפּולער אין רוסישן טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע צאָל פון זיינע פּיעסן אין רוסיש. צי גאָרדין האָט געוואָלט באַזוכן זיין אַמאָליקע היים נאָר דערפאַר ווייל ער האָט נאַטירלעך, געפילט אַ בענקשאַפט צו דעם לאַנד, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייט און גלייכצייטיק אויך אַ ביסל „איינקאַסירן״ פון זיין דערפאָלג און אפשר צוגרייטן אַ שטיקל באָדן פאַר ווייטערדיקער

פּאָפּולאַריטעט, אָדער ער האָט געהאַט אַ חשד וועגן זיין ערנסטער קראַנק־הייט און געוואָלט זיך געזעגענען מיט זיין געבורטסלאַנד, איז ניט באַקאַנט. באַקאַנט איז נאָר זיין קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט געפירט מיט זיינעם אַ נאָענטן פריינט ראָזענבלום אין אָדעס. אָט דער פריינט האָט אים פאַרבעטן צו קומען קיין רוסלאַנד און באַנוצט דעם אויסדרוק „גאַסטראָלירן".

גאָרדין ענטפערט אים צוריק, אַז דערווייל איז ער נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער בירגער. ער האָט זיין בירגערשאַפט אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, און איצט ווען ער לאָזט זיך אַרויס אויף דער וועלט, איז ער נאָך אַלץ ניט קיין אַמעריקאַנער בירגער. קיין רוסישער בירגער איז ער אויך ניט מער (גאָרדין איז דאָך געווען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און האָט דערפאַר פאַרלאָרן זיין בירגערשאַפט), ווייס ער דעריבער ניט ווי אַזוי ער וועט קאָנען קומען קיין רוסלאַנד. דערווייל פאָרט ער קיין קאַרלסבאַד דעם 13טן יוני 1907. מיט דער שיף פאָרן מיט עטלעכע זיינע באַקאַנטע, ווייל אַליין האָט ער מורא צו פאָרן. ער פאַרשטייט ניט וואָס עס מיינט „גאַסטראָלירן". זאָל ער קומען מיט אַ טרופּע שפּילן טעאַטער? דאָס איז פאַר אים אַ צו שווערע אויפגאַבע און צו אַ פרעמדע מלאכה. ער האָט געפּרוווט ריידן מיט איינעם פון די אַקטיאָרן, אָבער מיט זיי דאַרף ריידן אַ גע־שעפטסמאַן, נאָר וואָס דען, אייניקע פון די יידישע אַמעריקאַנער בעסערע אַקטיאָרן וועלן אויך זיין זומער אין אייראָפּע (אין ענגלאַנד, גאַליציע א.אַ.וו.). הייסט עס, אַז אויפן אָרט און שטעל וועט מען קאָנען מיט זיי ריידן.

גאָרדין איז טאַקע געפאָרן קיין קאַרלסבאַד און דאָרט גענומען בעדער און געטרונקען די מינעראַל־וואַסער, און פון דאָרט האָט ער אויך באַזוכט עטלעכע מערב־אייראָפּעאישע לענדער און איז אַריינגעפאָרן אין גאַליציע, וואָס איז דאַמאָלט געווען אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט (פון דאַמאָלט אָן גייט עס אָן דער באַקאַנטער קוריאָז, אַז אַ גאַליציאַנער ייד, וועלכער שעמט זיך אָנצוגעבן אַלס גאַליציאַנער, זאָגט ער אַז ער איז אַן עסטרייכער). ער האָט געוואָלט אַריינפאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער אַזוי ווי ער איז פאָרט געווען אַן אויסלענדישער ייד, האָט ער דאָס ניט גע־קאָנט טאָן, ווייל אויסלענדישע יידן האָבן אין רוסלאַנד ניט געקאָנט אַריינ־פאָרן, סיידן זיי זיינען געווען געטויפט אמתדיק אָדער נאָר לפנים. אַזוי איז

באַקאַנט, אַז באָריס טאָמאַשעווסקי און זיין זון הערי זיינען געקומען אין פּוילן און רוסלאַנד אויף גואישע פּעסער אַלס „טאָמאַס״, זיגמונט פיינמאַן, וועלכער איז געקומען אויף אַ גויאישן פּאַס, האָט געהאַט גרויסע צרות באַגראָבן צו ווערן אויף אַ יידישן בית עולם, ווען ער איז אין 1910 פּלוצלינג געשטאָרבן אין לאָדזש, פּוילן, און וועגן אַקטיאָר שערמאַן האָבן זיך אַרומגעטראָגן רכילותן ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אַריינקומען אין רוסלאַנד...

גאָרדין האָט באַקומען זייער אַ וואַרעמען קבלת פּנים בעת זיינע באַזוכן אין לעמבערג*. אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע זיינען געווען געדרוקט גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן אים און די יידישע שרייבער פון דאָרט האָבן אויך געדרוקט וועגן אים אַרטיקלען אין אַ בערלינער יידיש־דייטשן זשורנאַל „פריישטאַט״.

אין די לעמבערגער ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן האָט גאָרדין געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך אימפּאָזאַנטן איינדרוק סיי מיט זיין פּער־זענלעכקייט, סיי מיט זיין קאָלעגיאַלער פריינטלעכקייט און אפילו מיט זיין הערשער־נאַטור אַרום דעם רוסישן סאַמאָוואַר טיי אין האָטעל־צימערן. גראָד האָט דאַמאָלט אין לעמבערג גאַסטראָלירט דער אַמעריקאַנער יידי־שער אַקטיאָר יונה גינצבורג, וועלכער איז אויפגעטראָטן אין גאָרדינס „מטורף״. גינצבורג האָט זיך באַטייליקט אין דער ניו יאָרקער אויפפירונג פון „מטורף״ מיט יעקב פּ. אַדלער אין דער טיטל־ראָל. דאָרט האָט ער געשפּילט אַ נעבן־ראָל, דעם ליבהאָבער פון דער פּיעסע. דאָ אָבער, אין לעמבערג, האָט ער געשפּילט די טיטל־ראָל, און ווי יעקב מעסטעל, וועל־כער איז געווען דאַמאָלט אין לעמבערג, גיט איבער, האָט מען איינגעאָרדנט אין גימפּעלס טעאַטער אַן ערן־אָוונט לכבוד גאָרדינען, און גינצבורג איז אויפגעטראָטן אַלס „מטורף״. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט דער עולם אַרויסגערופן דעם ערן־גאַסט און ער האָט געהאַלטן אַ רעדע, האָט ער שטאַרק קריטיקירט סיי דאָס אַלגעמיינע שפּילן פון דער פּיעסע און באַ־זונדערס דעם גאַסטראָלער אין דער הויפּטראָלע, אָבער אין דער זעלבער

* זע ביילאַגע נומער 2 און 3.

צייט, וואָס גאָרדין אַליין האָט זיך דערלויבט קריטיקירן די אויפפירונג פון זיינער אַ פּיעסע, האָט שטאַרק שאָקירט זיין עמפּינדלעכקייט ווען מען האָט אַמאָל, אין אַ שמועס מיט אים, געוואַגט צו קריטיקירן זיינע אַ פּיעסע.

לאַנג איז גאָרדין ניט פאַרבליבן אין אייראָפּע און שוין דעם 23סטן אויגוסט 1907 איז ער צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק און 4 טעג שפּעטער איז אין „קאַלישס טעאַטער" איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אים אַ גרויסער קבלת פּנים אויף וועלכן ער האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון אייראָפּע. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ סעריע איינדרוקן פון זיין רייזע און אָנגעשריבן אַ פּיעסע „גלות גאַליציע". קודם כל וועלן מיר זיך אָבער אָפּגעבן מיט גאָרדינס צווייטער אַמעריקאַנער פּיעסע „אָן אַ היים", וואָס האָט ווידער אָנגעצונדן דאָס קינסטלערישע ליכט פון סעראַ אַדלער.

## קאַפּיטל ניין און דרייסיק

# דער קאַמף צווישן אב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין צוליב „אָן אַ היים"

גאָרדין פּרוווט שילדערן די צעריסנקייט אין דער יידישער אימי־גראַנטישער פאַמיליע — דוד פּינסקי און אב. קאַהאַן רייסן אַראָפּ די פּיעסע — גאָרדין באַפאַלט קאַהאַנען און קאַהאַן הייבט אָן קעגן אים אַ קרייץ־צוג — סעראַ אַדלער איז וואונדערבאַר אין דער ראָל פון „בת שבע" — אסתר רחל קאַמינסקאַס דערפאָלג אין דער ראָל.

דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער משפחה, פון דער גאַנצקייט, צע־שפּליטערונג אָדער צעפאַלונג פון דער יידישער פאַמיליע, די ענדערונגען, וואָס ווערן אַריינגעבראַכט אין דער פאַמיליע דורך סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע געשעענישן זיינען שטענדיק געווען אַ וויכטיקער קוואַל פאַר יידישע שרייבער. עס איז שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן אין דער ליטעראַטור בכלל און אויך אין דער טעאַטער־ליטעראַטור. די באַציאונגען צווישן עלטערן און יונגערן דור זיינען שטענדיק געווען אַ רייצנדע טעמע. שוין מענדעלע מוכר ספרים [114] האָט אין זיין גרויס ווערק „האבות והבנים" באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם. אין יידישן טעאַטער — י. ל. פּרץ אין זיין „גאָלדענע קייט" און אַזוי שלום עליכם אין זיין פּיעסע „צעזייט און צע־שפּרייט", האָבן אַרויסגעבראַכט די פּראָבלעמען צווישן די דורות. דוד פּינסקי האָט עס געטאָן אין זיין „פאַמיליע צבי", גאָרדין האָט עס געטאָן אין זיין „קעניג ליר" און „מירעלע אפרת" און ביז צום היינטיקן טאָג איז דאָס אַ ברענענדע און פּראָוואָצירנדע טעמע.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַ טעמע, אַ ספּעציפיש יידישע, דאָס איז די

טעמע פון די אימיגראַנטן אין אַמעריקע, ווי אַזוי האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו זייער נייער היים, צום נייעם לעבן אין דעם נייעם לאַנד. אויף אָט דעם געביט האָבן אַ סך געשריבן די יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער, און דאָס יידישע טעאַטער האָט גאָר אַ סך פּיעסן אויף דעם פּראָבלעם. געוויס, זיינען ניט אַלע קינסטלעריש, ניט אַלע זיינען געשריבן געוואָרן מיט אַ כונה באמת אַריינצודרינגען אין דער טיפעניש פון דעם פּראָבלעם, צו באַקענען זיך מיט די פראַגן, וואָס האָבן געפּרעסט און געדריקט די אימיגראַנטן. גאָר אַ סך פּיעסן זיינען געשריבן געוואָרן אויבערפלאַכלעך, אָפּשטעלנדיק זיך וועגן דער אויסערלעכער זייט פון דעם גאַנצן פּראָבלעם, אַרויסרוקנדיק אין אַ קאָמיש אָדער גאָר שאַרף טראַגיש ליכט די דיפערענצן צווישן דיביידע וועלטן, און די צוזאַמענשטויסן, אַנטוישונגען, פריידן און ליידן, וואָס די נייע וועלט האָט געמאַכט און דערפירט ביי אירע העלדן, וועלכע זיינען געקומען פון גאָר אַן אַנדערער סביבה, אַן אַנדערע אַטמאָספער, אַן אַנדער אופן פון לעבן און מיט אַן אַנדערן קוק אויפן לעבן. אָבער עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן מערערע פּרוּוון אָט דאָס פּראָבלעם אַרויסצוברענגען קינסטלעריש, וויזן די פּסיכאָלאָגישע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך אין די מוחות און אין די געפילן פון די העלדן, די מאָטיוון, וואָס האָבן זיי דערפירט צו די ענדערונגען אין זייערע מעשים, האַנדלונגען און שטעלונגען אין דער נייער היים, צו זייערע אייגענע און נאָענטע.

אַזאַ פּרוּוו איז אָן שום ספק אויך יעקב גאָרדינס פּיעסע „אָן אַ היים". דאָס איז איינע פון גאָרדינס סאַמע לעצטע פּיעסן. ס'איז ניט באַקאַנט צי ער האָט זי געשריבן איידער ער האָט באַזוכט גאַליציע, צי ער האָט זי דאָרט פאַרטראַכט אָדער זי אָנגעשריבן נאָך זיין צוריקקומען פון דאָרט. אויב דאָס לעצטע זאָל ווירקלעך אַזוי זיין, קאָן מען זיכער זאָגן, אַז דאָס אַלטע יידישע לעבן, וואָס גאָרדין האָט ווידער דערזען, און געוויסער מאָס פּאַקטיש ערשט דערזען צום ערשטן מאָל אין אַזאַ קאָמפּאַקטן יידישן ישוב ווי גאַליציע, האָט אים געדינט ווי אַ יסוד אויפצופרישן די געפילן און דעם לעבנסקוק מיט וועלכן יידן האָבן געלעבט אין דער אַלטער היים.

די פּיעסע „אָן אַ היים", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 25טן אָקטאָבער 1907 אין „גרענד טעאַטער", איז דוקא געשפּילט געוואָרן אַרום

צוויי חדשים נאָכאַנאַנד. איך זאָג „דוקא", ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין גוטע פּרעסע.

דוד פּינסקי, וועלכער איז בכלל געווען אַ קנאַפּער אָנהענגער פון גאָרדינען און האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אָנערקענען אים ווי אַ דראַמאַ־טיקער, נאָר ווי איינער, וואָס איז בלויז אַ טעכניקער און קאָן „צונויפשטעלן" אַ טעאַטער־שטיק, האָט אַ שטייגער, אַזוי געשריבן:

„אין „אָן אַ היים" האָט ער (גאָרדין) געוואָלט אַרויסברענגען ווי דאָס אַמעריקאַנער לעבן צעשטערט דאָס יידישע פאַמיליע־לעבן און פאַרניכטעט די לאַנג־איינגעפונדעוועטע יידישע היים, און ער דערציילט ברייט און לאַנג עטלעכע מעשות, צווישן וועלכע דעם הויפּט־אָרט פאַרנעמט די געשיכטע פון אַ פּראָסטער יידישער פרוי, וואָס איר מער פאַרגעשריטענעם מאַן ווערט לאַנגווייליק מיט איר און ער פאַרליבט זיך אין אַ מער פאַרגע־שריטן, געבילדעט מיידל. דאָס איז אַזויפיל אַמעריקאַניש און יידיש וויפל רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש. און דער פאַקט איז, אַז דער דייטש הויפּטמאַן האָט שוין מיט 17 יאָר צוריק באַהאַנדלט אַן ענלעכע טעמע אין זיינע „איינזאַמע מענטשן"."

פּינסקיס טענה איז, אַלזאָ, אַז די פּיעסע איז ניט ספּעציפיש יידיש, ווייל אַזאַ פּאַסירונג, אַז אַ מאַן זאָלן ווערן פרעמד צו זיין פרוי, איז ניט קיין ספּעציפישער יידישער ענין, אָבער אין זיין נעגאַציע צו גאָרדינען פאַרבייגט פּינסקי דעם פאַקט, אַז אַלע טעמעס האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַזע, און מיט זייער אייגנטימלעכע נאַציאָנאַלע פאַרב באַקומען זיי דעם ספּעציפישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אונדזער כונה איז אָבער ניט צו פּאָלע־מיזירן מיט פּינסקין, און מיר וועלן דעריבער ווייטער בלויז ברענגען די מיינונגען פון די אַנדערע קריטיקער. ווי שטענדיק האָט אין אַמעריקע, בעת דער אויפפירונג פון דער פּיעסע, געשפּילט די גרעסטע ראָל די קריטיק פון אַב. קאַהאַן.

קיין גוט לעבן איז שוין לאַנג צווישןביידן ניט געווען. זיי זיינען שוין געווען צעקריגט און זיך ווידער איבערגעבעטן, אָבער קיין גוטע, אמת האַרציקע באַציאונגען זיינען צווישן זיי מער שוין ניט צוריקגעשטעלט

געוואָרן. לאָמיר דעריבער הערן קאַהאַנס דערקלערונגען וועגן די מאָטיוון פון זיין קריטיק:

„גאָרדין האָט פון צייט צו צייט געשריבן אין לואי מילערס צייטונג „װארהייט". מיך האָט ער דאָרטן פון צייט צו צייט אַטאַקירט מיט פערזענ־לעכע באַליידיקונגען, און איך פלעג אויף זיינע אַטאַקעס ניט ענטפערן. אַזוי ווי איך בין געווען דער דראַמאַטישער און ליטעראַרישער קריטיקער פון „פאָרווערטס", פלעג איך שרייבן קריטיקן אויף זיינע פיעסן. איך פלעג אויף זייערע פעלערן אָנווייזן אַזוי העפלעך ווי מעגלעך. איך פלעג זיך באַשרענקן אויף זיינע נייע פיעסן. וועגן אים פערזענלעך האָב איך קיינמאָל ניט גערעדט. זידל־ווערטער, שטעך־ווערטער אָדער באַליידיקנ־דיקע אָנצוהערענישן זיינען אין מיינע קריטיקן אַבסאָלוט קיינמאָל ניט אַריינגעקומען. וועגן אים אַלס שריפטשטעלער אין אַלגעמיין פלעג איך אויך ניט שרייבן. אָבער כמעט יעדע פיעסע זיינע האָט אַנטהאַלטן אי זיינע וויכטיקסטע מעלות, אי זיינע בולטסטע פעלערן. אַלזאָ, פלעגט שוין ממילא אויסקומען, אַז אָפּשאַצנדיק זיינע אַ פיעסע, פלעג איך אייגנטלעך, אָפּשאַצן זיין גאַנצע ליטעראַרישע געשטאַלט. אַזאַ סאָרט קריטיק האָב איך אויך גע־שריבן אויף זיין פיעסע „אָן אַ היים", אָבער דיזע פיעסע איז פיל שוואַכער ווי די „אמתע קראַפט". מיין קריטיק איז געווען זייער ניט קיין גינסטיקע. זי איז אָבער געשריבן געוואָרן אָן דער קלענסטער אָנצוהערעניש אויף אַ פערזענלעכן אָנגריף. אויף דעם האָט גאָרדין אָפּגעענטפערט מיט אַ לאַנגן אַרטיקל. דער אַרטיקל איז געשריבן „בלשון סגי נהור". אַלץ ווערט כלומרשט געזאָגט פונקט פאַרקערט: קאַהאַן איז אַן ערלעכער מאַן, קאַהאַן איז אַ גוט־האַרציקער מאַן, קאַהאַן קאָן שרייבן, און אַזוי ווייטער. אויף דיזן אַרט גייט ער פון פונקט צו פונקט, ביז ער צעגלידערט און באַשמוצט יעדע זייט פון מיין פערזאָן, אַריינגייענדיק אין ווינקעלעך פון מיין פריוואַט לעבן, אַזוי גוט ווי אין מיין קהלשער טעטיקייט. די לעצטע שורות זיינען: „היינט גיי מאַך אַ תל פון אַזאַ מענטשן! ניין, איך האָב באַשלאָסן ניט צו ענטפערן אויף „הער אַב. קאַהאַנס קריטיק"."

ווייטער שרייבט אַב. קאַהאַן: „גאַנץ אָפן אַלזאָ: אַנשטאָט צו באַהאַנדלען די פּונקטן פון דער קריטיק — אַן אַטאַקע אויף דעם קריטיקערס פערזאָן!

דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַנטריסטונג [אויפרעגונג, כעס], ניט נאָר צווישן אונדזערע געגנאָסן, נאָר צווישן זייטיקע מענטשן אויך. ווען איך האָב אים איבערגעלעזן, האָט זיך אין מיר בוכשטעבלעך אָנגעצונדן די בלוט. איך האָב זיך באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אים צו ענטפערן, ניט מיט זידלעריי, אויף זיין שטייגער, נאָר מיט אַ דערקלערונג וועגן זיין מנהג צו טעראָריזירן קריטיקער, און דאַן מיט אַ גרינטלעכער באַטראַכטונג פון זיין אַרט שרייבן."

קאַהאַן האָט דאַמאָלט געפירט יעדן זונטיק אין „פאָרווערטס" אַן אָפּטיילונג פון ליטעראַרישע קריטיק אונטערן נאָמען „ליטעראַטור און לעבן", וואָס פלעגט געוויינלעך באַשטיין פון נאָטיצן. די אָפּטיילונג פאַרן קומענדיקן זונטיק איז שוין געווען פאַרטיק, אָבער קאַהאַן האָט אַלס ערשטע נאָטיץ צוגעשריבן אַ פּאָר צענדליק שורות, אין וועלכע ער זאָגט צו אַן אויספירלעכע סעריע אַרטיקלען וועגן גאָרדינס האַלטונג און וועגן זיינע ווערק. די נאָטיץ הייבט קאַהאַן אָן מיט די ווערטער: „דיזער נאָטיץ איז שייך צו דעם אונטערגעצייכנטן פּערזענלעך. מיט דעם לעזערס פּאַרצייאונג וועט ער די ערשטע עטלעכע ציילן דאָ דעריבער שרייבן אין זיין אייגענעם נאָמען. יעקב גאָרדין גיט מיר דיזע וואָך אַ ים מיט קאָמפּלימענטן. דער עטיקעט פאָדערט, אַז איך זאָל אָפּענטפערן מיט קאָמפּלימענטן צו יעקב גאָרדינען, און דאָס וועל איך טאָן, וואָרעם פאַרוואָס אים צו קאָמפּלימענטירן איז פאַראַן אַ סך, און אין פאַרשידענע באַציאונגען. עס איז שוין לאַנג צייט".

קאַהאַן האָט באַשלאָסן צו געבן אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן גאָרדינס שרייבן און האָט זיך גענומען דערצו גרייטן, אָבער דערווייל איז ער קראַנק געוואָרן. אין „פאָרווערטס" איז אַפילו געווען אַ מעלדונג, אַז צוליב זיין קראַנקהייט וועט די אָפּטיילונג „ליטעראַטור און לעבן" ניט דער־שיינען אַזוי לאַנג ווי די קראַנקהייט וועט אָנהאַלטן. אָבער נאָך אַ חודש צייט האָט קאַהאַן ווידער אָנגעהויבן צו דערפילן זיינע צייטונגס־פליכטן און דאַמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן זיין גרויסע סעריע וועגן גאָר־דינען, אַ סעריע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אמתע מלחמה צווישן אים און גאָרדינען.

אין זיין קריטיק וועגן „אָן אַ היים" האָט קאַהאַן געשריבן, אַז אירע

פערזאָנען זיינען ליאַלקעס אָדער קאַריקאַטורן. די גאַנצע פּיעסע איז אַ צונויפגעקלעבטע, אַ זשורנאַליסטישע שמד־שטיק, איבערקרימענישן, און קיין גרעבערן דזשאב קאָן מען ניט געפינען אין קיין וואָדעוויל־פאָרשטעלונג. קאַהאַן האָט אויך באַשולדיקט גאָרדינען, אַז געוויסע שטעלן האָט ער גע־נומען פון אַב. קאַהאַנס „יעקל טהי יענקי" און „די שכנים".

גאָרדין האָט, ווי זיין שטייגער, גענומען ווידער ריידן פון דער בינע בעת די אַנטראַקטן און ניט געשאַנעוועט קאַהאַנען און אַזוי נאָך איז דאָס פייער צווישן זיי אַלץ מער צעפלאַקערט געוואָרן. אָבער די פּיעסע האָט אויסגענומען, אַזוי, אַז די שלעכטע קריטיק האָט ניט געשאַדט. דער עולם איז געקומען אין טעאַטער, און די הויפּטראָליסטקע פון דער פּיעסע, סעראַ אַדלער, האָט צובאַקומען נאָך אַ פּערל אין איר קרוין: די ראָל „בת שבע" באַזונדערס אין דער סצענע ווען זי קומט צוריק פון משוגעים־הויז. איך האָב שוין ביי אַ פריערדיקע געלעגנהייט זיך אויספירלעך אָפּגעשטעלט וועגן סעראַ אַדלערס שפּילן אָט די ראָל, און וויל זיך דאָ ניט איבערחזרן, אָבער דאָך קאָן איך ניט דורכלאָזן צו באַמערקן, אַז ווען סעראַ אַדלער וואָלט אין איר לעבן מער ניט פאַרקערפּערט ווי „פאַניאַ זאַרכעס" אין גאָרדינס „די אמתע קראַפט", און „בת שבע" אין גאָרדינס „אָן אַ היים" און „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ" אין טאָלסטאָיס „תחית המתים", וואָלט זי שוין געווען באַרעכטיקט צום גרויסן נאָמען, וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

וואָס איז די האַנדלונג פון „אָן אַ היים"?

אברהם ריווקין האָט עמיגרירט פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, אַליין, אָן ווייב און קינד. ווען זיין פרוי איז צוויי יאָר שפּעטער געקומען מיט אירע עלטערן קיין אַמעריקע, האָט זי, דאָס פּרימיטיווע ערלעכע ווייבל פון דער אַלטער היים, ממש ניט דערקענט איר מאַן. ער האָט שוין געהייסן אייב, אָפּגעגאָלט די באָרד ווי אַ גוי, פאַרוואָרפן טלית און תפילין, היט ניט מער קיין שבת, קיין יום־טוב. אייב איז אַ קאַטער, אַ צושניידער, און איז געוואָרן אין דער יידיש־רוסישער קאָלאָניע אַן אַנאַרכיסט, אַ פריידענ־קער. בת שבע, זיין ווייב, פילט, אַז כאָטש זי איז מיט אים אין איין שטוב, האָט זי מער ניט קיין היים, זי איז אָן אַ היים. ער באַליידיקט זי טאָקע ניט.

יעדן סענט וואָס ער פאַרדינט, גיט ער איר אָפּ, אָבער זיין נשמה איז ניט מער מיט איר ווי אין דער אַלטער היים. זייער זון הערי ווערט אויפגעצויגן דורך דער גאַס. אויך אים איז פרעמד די יידישקייט, וואָס די מוטער און זיין זיידע ר׳ יעקב אלחנן, אַ ייד פון אַ יאָר 70, וואָס האַלט אין איין רעכענען לפ״קס און האָט אַלע באַווייזן, אַז אָט־אָט קומט משיח, ווילן אין דעם יונגל אַריינשפּאַרן, חברט ער זיך מיט נאָך אַזעלכע בחורים, און דער סוף איז, אַז זייליידן אַלע אויף „דזשוווענייל דעליקווענסי״ [יונגע פאַרברעכערישקייט]. זיי ווערן געכאַפּט ביי אַ רויבעריי. אָן אַ היים איז בת שבעס מאַן, אייבי, ער קאָן מער ניט לעבן אין אַמעריקע מיט די באַגריפן פון דער אַלטער היים. ער אַמעריקאַניזירט זיך, ביז ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ ראָמאַן מיט דער אויפגעקלערטער בעסי שטיינבערג. זיין פרוי פילט עס, ווייס דערפון און זי וויל אים אָפּבעטן ביי בעסין, וועלכע איז געוואָרן נאָך נאָענט מיט אים ווען זיין פרוי איז געוועזן אין דער „אַלטער היים״, און ווען אייב פאַרלאָזט זיין היים און קומט ניט אַפילו אַהיים צום סדר, פאַרבעט זי בעסין צו זיך צום סדר. אָבער אין לעצטן אויגנבליק קומט אייב יאָ אַהיים צום סדר. בת שבעס זון, הערי, ווערט אַרעסטירט פאַר אַ רויבעריי. בת שבע האָט איצט אַלץ פאַרלאָרן. זי ווייס שוין, אַז דעם מאַן האָט זי ניט, אָבער איצט האָט זי אויך פאַרלאָרן איר לעצטן אָנהאַלט. דאָס ווירקט אויף איר זייער שווער און אונטערן איינדרוק פון אַ פריערדיקן געשפּרעך מיט איר פאָטער וועגן הגר׳ן, גייט זי אַראָפּ פון זינען און נעמט זיך בעטן, אַז אויב זי איז ניט ראוי צו זיין קיין מוטער צו איר זון, זאָל מען זי ניט פאַרטרייבן פון שטוב. זאָל בעסי ווערן די שרה פון שטוב און זי וועט זיין הגר. בת שבע ווערט אַוועקגענומען אין אַ משוגעים־הויז. עס גייען אַוועק 8 חדשים. די ווירטשאַפט אין שטוב פירט בעסי. הערי איז שוין באַפרייט פון זיין אַרעסט. בת שבע קומט צוריק פון משוגעים־הויז. איר זון שרעקט זיך פאַר איר, האַלט זיך פון דערווייטנס. זי דערפילט אויך, אַז אין דער צייט פון איר אָפּוועזנהייט, איז די נאָענטקייט צווישן איר מאַן און זיין פריינדין בעסי, געוואָרן נאָך שטאַרקער. דאָס אַלץ ווירקט אויף איר שטאַרק. זי באַקומט ווידער אַן אָנפאַל פון משוגעת און בעט זיך צוריקצוגיין אין משוגעים הויז, ווייל, ווי זי דריקט זיך אויס, זי איז אַן

אַ היים, און פרעגט איר פאָטער: „טאַטע, וואו אין דער וועלט קאָן מען געפינען אַ היים פאַר אונדז?". דער אַלטער פאָטער, וועלכער איז רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, ענטפערט איר": אונדזער היים איז אין אונדזער הייליקן לאַנד, מיר וועלן במהרה בימינו זייער גיך אַלע גיין אַהין". דער באַקאַנטער יידיש־העברעאישער שריפטשטעלער אהרן צייטלין[115] וויל צוליב אַט דעם טיפּ, וואָס רעדט כסדר מיט לפ"קס און נוטריקונס, און זעט שוין ווי די גאולה קומט און יידן קערן זיך צוריק קיין ארץ ישראל, זען, אַז גאָרדין איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ ציוניסט. מיין מיינונג איז, אַז דאָס איז אַ רעכט ביסל איבערגעטריבן. אַלע עלטערע טיפּן אין גאָרדינס פּיעסן זיינען געווען טיפער, יידישער, ווי זיינע יונגערע העלדן, אָבער ד'ער מחבר, גאָרדין, פערזאָניפיצירט זיך ניט מיט זיי.

עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1913, ווען גאָרדין האָט שוין ניט געלעבט, איז די פּיעסע „אָן אַ היים" אויפגעפירט געוואָרן אין איירָאָפּע מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ אין דער ראָל „בת שבע". דער באַקאַנטער קולטור־טוער און קריטיקער נח פּרילוצקי האָט דאַמאָלט געשריבן וועגן דער פּיעסע: „דער מחבר האָט קענטיק געוואָלט, אַז דער טיטל זאָל קלינגען סימבאָליש. „אָן אַהיים" — דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון יידישן פאַמיליע־לעבן אין אַמעריקע — פון אַמעריקאַנישן לעבן בכלל — דאָס איז אויך דער עצם פון גאַנצן יידישן לעבן... אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַ ביסל צופיל מעלאָ־דראַמאַטיזם... די גרונט־אידעע פון שטיק איז עטוואָס פאַרנעפּלט, צע־שוואומען. צופיל טויט זיך אין אים, צופיל פּעדעם קרייצן זיך, און דאָס שטערט דער האַרמאָניע פון גאַנצן, דער אויפוויקלונג פון הויפּט ספּור־המעשה. נאָר אין אַלגעמיין בליצן דאָ און דאָרט דורך געלונגענע איינפאַלן. אייניקע פון זיי דערמאָנען די מאָטיוון פון דעם פאַרפאַסערס דראַמעס. די פּיעסע איז פול מיט רעמינעסצענצן פון יעקב גאָרדינס בעסטע ווערק. ווי שטענדיק ביים פאַרשטאָרבענעם מחבר פון „מירעלע אפרת", האָבן מיר אַ סך לעבנסאַרט. „אָן אַ היים" באַזיצט געניג וואָרהאַפטיקע שטריכן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. ענדלעך, דאָס שטיק פאַרמאָגט עטלעכע טרעפ־לעכע און לעבעדיק אויפגעצייכנטע, עכט־גאָרדינישע טיפּן".

אַלזאָ, אין דער צייט ווען די אַמעריקאַנער קריטיקער האָבן אין דער

פּיעסע ניט געזען קיין אָפּבילד פון אמתן יידישן לעבן אין אַמעריקע, האָט אַ קריטיקער אין אייראָפּע געזען — פון דערוויטנס — דאָס פאַרקערטע.

„אָן אַ היים״ איז אויך באַאַרבעט געוואָרן פאַר אַ יידישן פילם מיט אידאַ קאַמינסקאַ אין דער הויפּט־ראָל, און געשפּילט געוואָרן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

„אָן אַ היים״ איז געוועזן פון די גאָר לעצטע פּיעסן וואָס גאָרדין האָט נאָך באַוויזן צו שרייבן. די נעקסטע איז געווען „גלות גאַליציע״ און די סאַמע לעצטע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״.

## קאַפּיטל פערציק

# גאָרדין באַזוכט צום ערשטן מאָל אייראָפּע ווי אַ פרייער מענטש

זיין שילדערונג פון דער דייטשער שיף — קריטיק אויף די יידישע פּאַסאַזשירן — זיין טיפער בליק וועגן די דייטשן — ערשטער קאָנטאַקט מיט די גאַליציאַנער יידן — וואָס פאַרע איינדרוק האָט ער געמאַכט אויף די יידישע שרייבער — גאָרדין רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן וועגן יידישן טעאַטער.

אַוועק פון רוסלאַנד איז יעקב גאָרדין אין 1891 ווי אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אין געהיים, פשוט אַנטלאָפן פון דער צאַרישער מאַכט, און איידער ער איז געקומען אין אַמעריקע, האָט ער אין אייראָפּע גאָר קנאַפּ פאַרבראַכט און געהאַט זייער ווייניק געדולד עפּעס צו געניסן פון זיין דורכרייזע, ווייל ער האָט שוין געשטרעבט וואָס פריער צו קומען אין אַמעריקע און זיך דאָרט איינאָרדנען, הגם ער האָט נאָך ניט געוואוסט ביי וואָס און אַמווייניקסטן האָט ער געטראַכט, אַז דאָס וועט געשען אין יידיש און ביים יידישן טעאַטער. אָבער אין 1907, ווען יעקב גאָרדין איז ווידער געפאָרן קיין אייראָפּע, איז ער געפאָרן ווי אַ פרייער מענטש, אַ יידישער שרייבער, אַ וועלט־באַרימטער יידישער דראַמאַטורג, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ דור יידישע שוישפּילער און וועמענס טעאַטער־שטיק עס האָבן שוין געהאַט געזען מיליאָנען יידן איבער דער גאַנצער וועלט. הגם נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער בירגער, ווי אַ סך דאַמאָלט־געקומענע אימיגראַנטן מיט פרייע אידעען, האָט ער זיך פאָרט געפילט גאָר אַנדערש איצט אין אייראָפּע ווי מיט יאָרן צוריק, בעת זיין ערשטן באַזוך. דאָס איז באמת געווען זיין ערשטער פרייער באַזוך איבער דער וועלט. ליידער איז דאָס אויך געווען זיין לעצטער, ווייל צוויי יאָר שפּעטער האָט זיין קראַנקהייט, וואָס איז ניט געווען קיין מאָגן־קראַנקהייט, ווי מ׳האָט געגלויבט,

נאָר קענסער, געמאַכט אַ סוף צו דעם אַקטיוון לעבן פון דעם גרויסן בינע־מייסטער.

גאָרדין האָט זיינע איינדרוקן דאַסמאָל ניט געהאַלטן פאַר זיך.* נאָר ער האָט שפּעטער געשריבן וועגן דעם אין דער יידישער פּרעסע אין אַמע־ריקע, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אויך געגעבן לעקציעס וועגן דעם וואָס ער האָט דאָרט אויפגענומען, און האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע פּיעסע אין וועלכער ער שילדערט דאָס יידישע גאַליציע. באַלד, פון דער שיף, איז גאָרדין שוין געווען פול מיט איינדרוקן. ער איז געפאָרן מיט אַ דייטשער שיף „קייזער ווילהעלם דער צווייטער", און אין דער צווייטער קלאַס, אָבער די קלאַסן־צעטיילונג האָט אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרדרוס, און באַזונדערס האָט אים אויפגעבראַכט די לאַגע פון די פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס, וואָס זיינען געלעגן אין שמוץ און האָבן אַרויסגעוויזן זייער אָרעמקייט. ער באַנוצט אין זיין באַשרייבונג אַזאַ שאַרפן אויסדרוק ווי „אַלע פּראָפיטן פון שיף קריגט מען פון אים (דעם דריטן קלאַס) און ער קריגט דערפאַר גראָבע באַהאַנדלונג און פאַראַכטונג. מכות צו עסן און ווייניק צו לעבן". אָבער גאָרדין איז אויך ניט באַגייס־טערט פאַר זיינע מיט־פּאַסאַזשירן אין צווייטן קלאַס. אָט ווי ער שילדערט אייניקע אים ניט־סימפּאַטישע יידישע פּאַסאַזשירן: „אַ רומענישער ריעל עסטעיטניק, אַ כאַפּערלאַפּניק, וועלכער איז גאָרניט לאַנג געווען אַן אַר־בעטער און אַ מאַשין האָט אים אָפּגעשניטן צוויי פינגער. איצט רעדט ער דייטש, שפּילט פּינאָקל און לאַכט פון די אַרבעטער". „אַ שיקאַגער עושר, וואָס האַלט זיך זייער שטאָלץ און ווייסט ניט ווי צו זיצן ביים טיש... ער מאַכט זיך האָרץ און פּילט זיך במחילה". „אַ ניו יאָרקער ראַביים זינדל, אַ בחורל פון זעכצן יאָר, קרימט איבער, אויף אַ שיף־קאָנצערט, ווי אַזוי אַ ייד רעדט ענגליש. דאָס בחורל מאַכט מאוסע אָנצוהערענישן, און זיין טאַטע, דער ראַביי, קוועלט פון זונס „חריפות", און די דייטשן פּרעגלען זיך פון נחת".

בעת זיין באַזוך אין דייטשלאַנד, האָט גאָרדין מער ווי אומעטום

* זע אויך ביילאַגע 2 און 3.

פאַרבראַכט אין בערלין. ער האָט באַדויערט דאָס פאַרשווינדן פון דער „שיינער, בלאָנדער, בלוי־אויגיקער גרעטכען". די דייטשע הויפּטשטאָט איז אים גאָר שטאַרק געפעלן. אַלץ „איז דאָרט סיסטעמאַטיש און האַרמאָניש. עס איז שיין ניט טיילוויז, נאָר אַלץ אינגאַנצן גענומען איז שיין, אויסגעהאַלטן, צוגעפּאַסט", און גאָרדין קומט דעריבער צו אַזאַ אויספיר: „דער דייטש איז דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, וועלכער באַזיצט פולקומען די קראַפט פון עקאָנאָמיע ...דאָס לעבן איז פאַר אים ניט אינם פאַרשווענדן, נאָר אינם עקאָנאָמיזירן ...דער דייטש עקאָנאָמיזירט לעבנדיק און לעבט עקאָנאָמיזירנדיק".

ווען מען נעמט אין באַטראַכט ווי דייטשלאַנד האָט זיך שנעל צוריק אויפגעבויט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען זיין „רעטער" היטלער ימח שמו האָט ניט נאָר פאַרטיליקט 6 מיליאָן יידן, נאָר האָט אויך דערפירט צום חורבן פון דייטשלאַנד, קאָן מען זען דעם טיפן בליק וואָס גאָרדין האָט געהאַט, ווי ער האָט איינגעזען די דייטשע פעאיקייטן.

נאַטירלעך האָט מער ווי אַלץ אינטערעסירט גאָרדינען דאָס דייטשע טעאַטער, און ער באַוואונדערט די דייטשע טעאַטערס און די דייטשע קונסט־אויסשטעלונגען, איבערהויפּט די, וואָס זיינען ניט געפעלן דעם קייזער און די יונקערס. אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איז אַזוי אַנטציקט פאַר דער דייטשער קונסט, קאָן ער זיך ניט צוריקהאַלטן פון קריטיקירן די דייטשע רעגימענטקייט, זייער איבערגעטריבענע דיסציפּלין, ווי „די בערלינער כאַפּן אַראָפּ די היטלען מיט פרייד, מיט התלהבות, מיט שטאָלצקייט פאַר דעם פאַרבייפאָרנדיקן קרוינפּרינץ". אָט דאָ האָבן מיר שוין דעם שורש פון דער דייטשער הכנעהדיקייט און לאָזן זיך פירן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן יאָרן שפּעטער ביי היטלערן.

אָט די הכנעה, דאָס נאָכגיין די מערהייט, דאָס ניט טראַכטן און ניט האַנדלען זעלבשטענדיק, נאָר ווי שאָף, דערפירט גאָרדינען זיך אויסצודריקן, אַז „דער דורכשניטלעכער דייטש איז שטומפּיק ווי אַ יידישע האַק, אומפאַרגעבלעך דום און אומבאַגרענעצט פרעך". און דאָ פאַרגעסט גאָרדין זיין גאַנצן אינטערנאַציאָנאַליזם און עס שטייט פאַר אים אויף דאָס בילד ווי אַנדערש עס איז דאָס לעבן אין אַמעריקע, און ער באַשליסט „ווי איך

קום נאָר צוריק, נעם איך אַרויס מיינע סיטיזן פּאַפּירן". אין אַט דער איינער שורה ליגט דער גרעסטער לויב פאַר זיין ניי אַדאָפּטירט לאַנד— דאָס פרייע אַמעריקע.

גאָרדין האָט אויך ניט קיין גאָר געהויבענע מיינונג וועגן דעם דייטשן ייד. אָט וואָס ער שרייבט: „דער דייטשישער ייד איז במחילה גאָר קיין ייד ניט. אַ ייד דאַרף זיין רעוואָלוציאָנעריש און סקעפּטיש — ער איז ניט. דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן, איז אַ פעאיקייט צום געשעפט און אַ „סעמיטישע נאָזע" — דאָס איז ניט פיל. דער דייטשישער ייד קריכט פון דער הויט צו ווערן דייטש. און דער דייטש שטופּט אים צוריק אין זיין יי־דישע[ר] פעל אַריין, און דערפאַר העלפט דעם ידישן דייטש זייער ווייניק זיין קריכן".

אָט דאָס וועלן זיין הונדערט־פּראָצענטיקער דייטש האָט די דייטשע יידן געגנוג טייער געקאָסט. אין זייער איינגעגלויבטקייט אין דער דייטשער קולטור, דייטשער אינטעליגענץ און הויכער מאָראַל און העכערקייט ווי אַנדערע פעלקער, זיינען זיי פאַקטיש ניט געווען אָפּגעשיידט פון דער היטלערישער טעאָריע, בלויז מיטן אונטערשייד וואָס זיי האָבן ניט אָנגע־נומען זיין אויסראָטונגס־פּאָליטיק קעגן אַנדערע פעלקער און נאַטירלעך, ניט קעגן זיך אַליין, קעגן יידן. אָבער די דייטשע יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אַלס „דייטשן פון מאָזעס גלויבן", האָבן ניט נידריקער געשריגן „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס", ווי די ניט־יידישע דייטשן, און נאָך אַ סך יאָרן שפּעטער ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין זייער באַליבט פאָטערלאַנד האָבן אַ סך דייטשע יידן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז דאָס מיינט מען ניט זיי, די געטרייע בירגער, די שטאַרקע פּאַטריאָטן, נאָר עפּעס פרעמדע יידן, וואָס זיינען געקומען ווי אימיגראַנטן אין דייטשלאַנד. אָט דער גלויבן האָט געקאָסט אַ סך יידישע לעבנס און ריזיקע יידישע פאַר־מעגנס, וואָס האָבן געקאָנט אָפּגעראַטעוועט ווערן, ווען די דייטשע יידן וואָלטן זיך אַזוי ניט פאַרגאַלאָפּירט אין זייער דייטשן פּאַטריאָטיזם.

זיי האָבן זיך געפּרוווט איינריידן פאַלשע זאַכן, ווי גאָרדין באַמערקט ריכטיק: „אייניקע יידישע פאַרזאָרגער שרעקן זיך זייער שטאַרק, וואָס יידן נעמען אָנטייל אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. וואו אין דער וועלט

זיינען נאָך דאָ אַזעלכע לאַנדען ווי אַלע יידן ווי אין דייטשלאַנד? און וואו אין דער וועלט איז דער אַנטיסעמיטיזם אַזוי שטאַרק ווי אין דייטשלאַנד".

מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן אין 1907, און היטלער איז געקומען צו דער מאַכט ערשט אין 1933, אָבער דאָס טיפע אויג פון גאָרדינען האָט דאָס אומגליק — כאָטש נאַטירלעך ניט אין דער שאַרפער פאָרם, וואָס קיין מענטש האָט זיך לכתחילה ניט געקאָנט פאָר־שטעלן — שוין דאַמאָלט דערפילט.

דער עיקר פון זיין רייזע איז אָבער דאָך געווען קאַרלסבאַד, אַ קור־אָרט, וואָס האָט דאַמאָלט געהערט צו עסטרייך, אָבער אויפן וועג, האָט גאָרדין אויך באַזוכט די עסטרייכישע הויפט־שטאָט ווין, און עס פאַרדריסט אים, וואָס די דאָרטיקע שיינע פּרויען זיינען „אַ סימבאָל פון זאָאָלאָגישע צופרידנהייט". גאַליציע איז דאַמאָלט געווען אַ טייל פון עסטרייך, און גאָרדין, וועלכער האָט זיך געטנוג אָנגעהערט וועגן גאַליציע און וועגן גאַליציאַנער יידנטום, האָט באַשלאָסן זיך דאָרט אָפּצושטעלן און ער איז אַריינגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון דעם מזרח טייל פון גאַליציע — לעמבערג. ער האָט שפּעטער אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען וועגן זיינע איינדרוקן און זיי געדרוקט אין דער צייטונג „די ווארהייט". אַ טייל פון די אַרטיקלען איז אויך שפּעטער אַריין אין דריטן באַנד פון זיינע שריפטן. כאָטש די אַרטיקלען זיינען דאָך שילדערונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן, און דערצו אַ לעבן, וואָס איז שוין אינגאַנצן מער ניטאָ, דאָך האָבן זיי ניט אַבסאָלוט פאַרלאָרן זייער ווערט, ווייל דאָס קינסטלערישע אויג פון גאָרדין האָט אַריינגעדרונגען אין דער טיפקייט פון דאָרטיקן לעבן. מיט געציילטע ווערטער, מיט אַ קורץ בילדל, מיט אַ שטריך, שילדערט ער שטיקער יידיש לעבן אין גאַליציע, וואָס פאַרפיקסירן פאַר אונדז דאָס דאָרטיקע שפּרודלדיקע, הייס־פּולסירנדיקע יידישע לעבן.

אָבער איידער מיר וועלן הערן וואָס גאָרדין האָט צו זאָגן וועגן גאַליציע, לאָמיר פריער הערן וואָס האָבן די גאַליציאַנער יידישע שרייבער צו זאָגן וועגן אים.

אָט ווי אַזוי דער דאַמאָלט נאָך יונגער דיכטער און טעאַטראַל יעקב מעסטעל שילדערט גאָרדינס באַזוך אין לעמבערג: „מיר האָבן זיך געגרייט

צו אַ גרויסן יום־טוב אין גימפּעל טעאַטער, וועלכער האָט לכבוד גאָרדינען אויפגעפירט זיין פּיעסע „דער מטורף“ מיט דעם אַמעריקאַנער גאַסטראָליאָר יונה גינצבורג. אַ קאָמיטעט פון לעמבערגער יידישע אינטעליגענטן האָט צוגעגרייט די פייערונג. דער טעאַטער־גאָרטן איז געווען איבערגעפּאַקט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג, און מ׳האָט גלייך געזען, אַז דער אַנסאַמבל איז נערוועז. נאָכן ערשטן אַקט האָבן געזאָלט געהאַלטן ווערן די אָפיציעלע באַגריסונגען, אָבער גאָרדין וואַרט ניט אויף צערעמאָניעס, הייסט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג און גייט אַרויס פאַרן עולם. אַן אָוואַציע אָין לשער! גאָרדין נעמטריידן, און מיר זען באַלד, אַז קיין גוטס וועט פון דעם ניט אַרויסקומען — ער קריטיקירט אומברחמנותדיק די אויפפירונג און דאָס שפּילן. דער עולם אין גאָרטן ווערט נערוועז, און דער דירעקטאָר עמיל גימפּעל (אַ זון פון יעקב־בער) לויפט אַרויף אויף דער בינע און וויל אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג פאַר גאָרדינס נאָז. שטיי איך מיטן פאַרשעמטן בוקעט בלומען פון איין זייט הינטער די קוליסן, און אויף דער צווייטער זייט שטייט מיין פריינט צבי שפּיצער[116] און האַלט צו די שטריק פונם פאָרהאַנג, כדי צו פאַרהיטן אַ סקאַנדאַל. גאָרדין האָט אָפּגערעדט, און די פאָרשטעלונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען אין אַ פּראָסטיקער שטימונג. קיין באַגריסונגען האָבן מיר שוין ניט געהאַלטן. שווייגנדיקע זיינען מיר אַרויף מיט גאָרדינען אין זיין האָטעל, וואו ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט גינצבורגן (מעסטעל דערמאָנט, אַז גאָרדין האָט זיך געשראָקן צו זיין אַליין, ווי ער האָט, איידער ער איז אָפּגעפאָרן קיין איירָאָפּע, געשריבן צו זיין פריינט ראָזענבלום אין אָדעס, אַז „מיט דער שיף פאָרן מיינע באַקאַנטע. אַליין האָב איך מורא צו פאָרן“, וואָס דאָס ווייזט, אַז גאָרדין האָט יאָ געוואוסט, אַז ער איז ערנסט קראַנק און אַז זיין לעבן איז אין געפאַר). שטילערהייט האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט צו דער טיי. גינצבורג האָט אַ פּנים געוואָלט איבעררייסן דאָס שווייגן און זיך געווענדעט צו גאָרדינען „אמת, מיסטער גאָרדין, אַ שוואַכע פאָרשטעלונג... אָבער ווי בין איך אייך געפעלן אין בן ציון?“, „ס׳מזל אויף אייך“ — האָט נאָר גאָרדין אַ בורטשע געטאָן, און מיט דעם נאָך מער פאַרשטערט דעם אָוונט“.

אַ גרעסערע שילדערונג מיט זכרונות וועגן גאָרדינס באַזוך אין לעמ־

בערג גיט דער באַקאַנטער יידיש־העברעאישער שרייבער און מלומד גרשם באַדער.* ער שרייבט, אַז ער האָט שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף גאָרדינס קומען קיין לעמבערג און געוועזן זייער פאַראינטערעסירט זיך מיט אים צו באַקענען, ווייל דאָס וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן אים, האָט אים געמאַכט גייסטיק נאָנט. באדער האָט געוואוסט, אַז גאָרדין ליידט פאַר זיין שטרעבונג אָנצוהאַלטן דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע אויף אַ געוויסער ליטעראַרישער הויך. צוליב זיין שטעלונג און צוגאַנג צום יידישן טעאַטער האָט באדער דאַמאָלט געהאַט צוויי מאָראַלישע דורכפאַלן און געמוזט אויפגעבן צוויי צייטונגען, וועלכע ער האָט געהאַט געגרינדעט, האָט ער געהאָפט צו געפינען אַ טרייסט ביים חשובן גאַסט.

באַדער האָט געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט גאָרדינען און אין איין טייל פון דעם שמועס, האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן שטענדיקן געשריי פון קריזיס אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

באַדער שרייבט אַזוי: „מיר האָט שטאַרק אימפּאָנירט גאָרדינס הויכע געשטאַלט און זיין פעסטער, זיכערער גאַנג, זיין שטאָלצער שמועס, און גלייכצייטיק, זיין אויפמערקזאַם צוהערן זיך צו יעדנס מיינונג, ווי ער האָט געגלויבט, אַז מען קאָן פון יעדן איינעם עפּעס לערנען. גערן איז ער מיט איטלעכן געזעסן און פאַרברענגט ביי אַ גלעזל משקה און אַ פאַרבייס. יידישן וויסן האָט ער פאַרמאָגט ווייניק. ער איז אָבער געווען גוט באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור און זיך אויך אויסגעלערנט ענגליש... וועגן דעם לעבן אין אַמעריקע האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווער עס גרייט זיך ניט צו אַ גרופּע פריינט איידער ער קומט קיין אַמעריקע, וועט גיין פאַרלוירן ווי אַ בלעטל פון אַ בוים אין אַ גרויסן וואַלד. געפינט מען אָבער יאָ אַ פריינט, לאָזט דיך שוין יענער ניט פאַלן. מענטשן, וואָס קאָנען זיך אָפּטמאָל אַליין ניט העלפן, זיינען דאָרט דערפאָלגרייכע העלפער פאַר אַנדערע".

גאָרדין האָט דערציילט באַדערן ווי אַזוי ער איז צוגעקומען צום יידישן טעאַטער, און באַמערקט: „אָט אַזוי בין איך געוואָרן דער „איבסען" פון דער יידישער דראַמע. דער חילוק איז בלויז, וואָס איך האָב מיר געמאַכט

* זע זיינע בריוו צו גאָרדינען אין ביילאַגע נומער 3.

מיין וועג מיט דער הילף פון מיין „שטעקן", וועלכער האָט אָנגעיאָגט אַ מורא אויף אַלעמען, וואָס האָבן געוואָלט עפּענען אַ מויל אַקעגן מיר און מיינע פּאַרפּאַסטע דראַמען". וועגן זיינע באַציאונגען מיט די יידישע אַקטיאָרן האָט גאָרדין געזאָגט באַדערן: „מיין ערשטע פּיעסע איז געווען „דער יידישער קעניג ליר". אַ פריערדיקע פּיעסע „סיביריאַ" (און אויך די אַנדערע „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד") רעכנט זיך גאָרניט. ווען איך האָב די דאָזיקע פּיעסע פּאַרגעלייענט, זיינען די אַקטיאָרן געזעסן מיט די פיס אויפן טיש, האָט דאָס מיך שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב אָבער מיר ניט געקאָנט העלפן. איך האָב בלויז נאָך יעדן אַקט געכאַפּט אַן אַנדערן אַקטיאָר ביי די פיס מיט אַזאַ כוח, אַז ער האָט שיר ניט דעם אָטעם פאַר־לאָרן, און איך האָב אים געפרעגט ווי עס געפעלט אים, האָט זיך אָבער יענער געשעמט מודה צו זיין ווי ער פילט זיך פון מיין קוועטש. ביים נעקסטן אַקט איז ער שוין געזעסן גלייך און זיך איינגעהערט צו מיין לייענען. ווען איך האָב פאַרענדיקט די גאַנצע פּיעסע, איז דער אַקטיאָר זעליג מאָגולעסקאָ אויפגעשטאַנען איידער איך האָב באַוויזן אים מכבד צו זיין מיט מיינעם אַ קוועטש, און אַ זאָג געטאָן „אַזעלכע פּיעסן האָבן מיר אויסבראַקירט אין גאַליציע אין די הונדערטער". האָב איך אים אָנגע־שפּיגן דעם פּנים און דערצו אים מכבד געווען מיט אַ רוסישן „מי שברך". יעקב אַדלער איז די פּיעסע יאָ געפעלן, האָט ער מיר אויף דעם געזאָגט אין רוסיש, אַז ער נעמט די פּיעסע און וועט זי שפּילן".

צוויי וואָכן איז גאָרדין געווען אין לעמבערג און אין משך פון דער גאַנצער צייט, גיט איבער באַדער, האָבן זיי ביידע פאַרבראַכט גאַנצע טעג צוזאַמען, ביז ער איז אַוועקגעפאָרן. דערנאָך האָבן זיי געפירט אַ פּריוואַט־שאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ,* וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט. באַדער האָט אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען גאָרדינען, וואָס ער איז אַ יאָר נאָך זיין טויט געקומען קיין אַמעריקע און די יידישע טעאַטער־קרייזן האָבן אים פיין אויפגענומען.

* זע ביילאַגע 3.

## קאַפּיטל איין און פערציק

# ווען יעקב גאָרדין איז געוואָרן אויס קאָסמאָפּאָליט

גאָרדין טרעט אַרויס קעגן זשיטלאָווסקין — ער אָנערקענט ניט קיין יידישן נאַציאָנאַליזם — ער האַלט ניט פון יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך — ער גלויבט נאָר אין צוויי פעלקער — אָרעמע און רייכע — די יידישע יוגנט ענדערט זיין מיינונג — ער רעדט שוין וועגן יידישער ליטעראַטור און וויל שאַפן אַמעריקאַנער יידישע פּיעסן — זיין באַקאַנטשאַפט אין קאַרלסבאַד מיט ראובן ברייני̇ן.

די רייזע, וואָס יעקב גאָרדין האָט געמאַכט איבער אייראָפּע, האָט אים שטאַרק דערמוטיקט. אמת, אַז זי איז ניט געווען בכוח אים געזונט צו מאַכן. ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט אַ שלעכטן מאָגן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען אַ קענסער (קרעבס), וואָס איז צו יענער צייט געווען נאָך מער געפערלעך ווי היינט, ווען, הגם די מעדיצין האָט נאָך אַלץ ניט געפונען קיין זיכער מיטל ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער שרעקלעכער קראַנקהייט, האָט זי אָבער געפונען אַ גאַנצע ריי פאַרלייכטערונגס-מיטלען, אַז די יסורים, וואָס די קראַנקהייט פאַרשאַפט, זאָל מען קאָנען לייכטער איבערקומען, אַז דאָס לעבן מיט דער קראַנקהייט זאָל פאַרלענגערט ווערן, און פון טייל קענסער-קראַנקהייטן זאָל מען זיך קאָנען אינגאַנצן אויסהיילן. אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט איז די מעדיצין נאָך געווען זייער ווייט פון די אַלע מיטלען, און ווען איינער איז קראַנק געוואָרן אויף קענסער, איז ער געווען פאַרמשפּט צו אַ זיכערן און שנעלן טויט.

גאָרדין האָט אפשר ניט געפילט די ערנסטקייט פון זיין קראַנקהייט אָדער ער האָט פילאָזאָפיש זי אַריבערגעטראָגן און וועגן איר ניט גערעדט,

נאָר אַליין געוואָרן אַן „אַקטיאָר" און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ליידט נאָר פון אַ מאָגן־קראַנקהייט.

מיר האָבן אַזויפיל זיך אָפּגעשטעלט וועגן דעם דראַמאַטורג גאָרדין, אַז מען פאַרגעסט גאָר, אַז גאָרדין איז אויך געווען אַ בעלעטריסט און געשריבן אַ סך דערציילונגען און אויך אַ זשורנאַליסט־רעפּאָרטער. דאָס האָט ער אייגנטלעך געטאָן נאָך אידער ער איז געקומען אין אַמעריקע. געטאָן האָט ער עס אין רוסיש, וואָס איז דאַמאָלט געווען די שפּראַך אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט און אין וועלכער ער האָט געשאַפן, אָבער זינט ער איז געקומען אין אַמעריקע, און באַזונדערס נאָך נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, האָט ער זעלטן געשריבן אין אַן אַנדער שפּראַך ווי יידיש, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז גאָרדין איז געווען אַ יידישיסט. דער קאָסמאָפּאָליט אין אים, דער, וואָס האָט גע־שטרעבט אין זיין יוגנט צו פאַראייניקן יידן און קריסטן, אַלנפאַלס צו רעפאָרמירן דאָס סטאַנדאַריזירטע יידנטום, האָט אים דערצו ניט דערלאָזט.

איינער פון זיינע נאָנטע פריינט און גרויסער פאַרערער, דער באַ־קאַנטער יידישער שרייבער און פאָרשער קלמן מרמר, דערציילט, אַז צענד־ליקער יאָרן נאָכאַנאַנד איז גאָרדין געווען אַן אויסגעהאַלטענער קאָסמאָ־פּאָליט. נאָך אין יולי 1905, ווען ער האָט געהאַט אַ דעבאַטע מיט אַן אַנדערן רוסישן ייד, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער איז אָבער דאַמאָלט אַוועק אין גאָר אַנדערע וועגן, איז יעקב גאָרדין שאַרף און אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן פאַר „אַ קאָסמאָפּאָליטישן, אינטערנאַציאָנאַלן, אַלמענטש־לעכן לעבן". און אין זיינע אַרגומענטן קעגן דעם נאַציאָנאַליסט ד"ר זשיט־לאָווסקי, האָט דער אינטערנאַציאָנאַליסט יעקב גאָרדין געשריבן: „דער ייד איז צופיל אַריינגעמישט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט. ער האָט אויפגענומען צופיל לשונות. ער איז געוואָרן דורך זיין היסטאָרישן לעבן צו־פיל קאָסמאָפּאָליטיש. ער האָט געקראָגן צו פיל סימפּאַטיע צו העכערע אוניווערסאַלע אידעען, עס זאָל יעצט מעגלעך זיין צו מאַכן פון אים אַ נאַציאָנאַליסט. דער מאָסן־ייד גייט בלינדערהייט וואוהין די סיסטעם פון דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן לעבן פירט אים, און דער דענקענדער ייד איז שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן איבער די ענגע, קליינלעכע נאַציאָנאַלע

דברים־בטלים. דער ייד דענקט צו טיף און ברייט, ער זאָל זיך קאָנען באַגנוגענען מיט שמאָלע, פלאַטשיקע אידעען פון נאַציאָנאַליזמוס. מיין געערטער אָפּאָנענט איז גאָר קיין ייד ניט ווען ער רעדט פון יידישן נאַציאָנאַליזמוס. ער איז אַ פולקומענער ייד ווען ער רעדט וועגן גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אוניווערזאַלע וועלט־אַנשויאונגען״.

גאָרדין קומט דעריבער צום אויספיר: „נאָר צוויי נאַציאָנען האָבן מיר יעצט: דאָס איז מענטש און אוממענטש, אונטערדריקער און אונטערדריקטער, דער וואָס פּראָדוצירט און דער אומזיסטיקער פרעסער. דער קאַמף, וואָס גייט איצט אָן צווישן דיזע צוויי נאַציאָנען, וועט פריער אָדער שפּעטער ברענגען דערצו, אַז עס וועט נאָר בלייבן איין נאַציאָן, איין פאָלק, איין קעניגרייך, איין קולטור, איין ציוויליזאַציאָן, איין גרויסע פאַראייניגונג, וועלכע וועט זיך רופן מיט גרויסן הייליקן נאָמען: מענטשהייט״.

זיכער קלינגען איצט אָט די גאָרדין־אַרגומענטן זייער נאַאיוו און מאַנכע אויך לעכערלעך, ספּעציעל זיין אָפּזאָגן יידן דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַליזם, איצט, אין אַ פּעריאָד ווען די יידישע מלוכה איז צוריקגעקומען צו תחיית המתים נאָך 2000 יאָר, און ווען איבער דער גאַנצער וועלט, אַנשטאָט פעלקער זאָלן זיך אַסימילירן, דערוואַכט ערשט דער נאַציאָנאַלער פרייהייטס־געפּיל ביי די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע. אָבער אין יענער צייט איז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און אויך גרויסע טיילן יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן געווען פאַרכישופט און פאַרוועבט אין דעם חלום פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס אויף זייער מזבח איז מען קודם כל געווען גרייט מקריב צו זיין דעם אייגענעם איך, דאָס אייגענע שטיקל יידישע נשמה.

איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אָט דער הייסער אינטערנאַציאָנאַליסט, דער מאמין, אַז די גאַנצע וועלט גייט אַקעגן דער אידעע פון ווערן איין מענטשהייט, יעקב גאָרדין, איז אין דער דאָזיקער דעבאַטע אויך אַרויסגעטראָטן קעגן דער מיינונג, אַז יידיש איז די שפּראַך, וואָס האָט געשאַפן, אָדער וועט שאַפן אַ ספּעציעל־יידישע נאַציאָנאַלע קולטור, אַז יידיש וועט פאַראייניקן די יידן אין אַ גרויסע נאַציע, ווי זשיטלאָווסקי האָט פּראָפּאַגאַנדירט. פאַר גאָרדינען, ווי פריער נאָך און אויך שפּעטער

פאַר אַן אַנדערן יידישן שרייבער, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ ריזיקע ראָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, אב. קאַהאַן, איז יידיש געווען בלויז אַ מיטל אַריינצופירן די יידישע מאַסע „אין דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן שאַצקאַמער פון דער וועלט־קולטור", אַז „כל זמן מיליאָנען יידן ריידן און פאַרשטייען נאָר יידיש, איז צו ריידן און שרייבן פאַר זיי אין יידיש גראָד אַזוי ערנווירדיק און אַזוי נוצלעך, ווי צו שרייבן אין ענגליש, אָדער פראַנצויזיש". ער האָט אָבער ניט אָנערקענט, אַז די מיליאָנען יידן, וואָס האָבן אַנדערע שפּראַכן, ווערן דערמיט אויס יידן, אָדער, אַז „די העברעאיסטן, וועלכע זאָגן, אַז די גוזעצלעכע יידישע שפּראַך, איז לשון קודש, ווערן דורכדעם אויסגעשלאָסן פונם יידישן פאָלק".

גאָרדין האָט אויך ניט אָנערקענט, אַז אין יידיש ווערן „געשאַפן ספּעציעלע יידישע פאָרמען פון ליטעראַטור" (יידיש האָט שוין דאַמאָלט געהאַט מענדעלען, פּרץ, שלום עליכם, אַש, נאָמבערג, רייזען, הירשביין, און די דיכטער באָווּשאָווער, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, יהואש, ליעסין א. אַ., און די טעאַטראַלן גאָלדפאַדען און טאַקע גאָרדינען). ספּעציפיש יידישע ליטעראַרישע פאָרמען האָט ער געזען נאָר אין תנ"ך און אין תלמוד. ער האָט געהאַלטן, אַז די מאָדערנע יידישע קינסטלער נעמען זייערע פאָרמען פון דער וועלט־ליטעראַטור. „די יידישע דראַמע — האָט גאָרדין געשריבן — ווען זי האָט געוואָלט זיין אַ נאַציאָנאַלע, איז זי געווען אַ קאַריקאַטורע, און זי איז אַ דראַמע, מער אָדער ווייניקער, ווען זי נעמט די דראַמאַטישע פאָרמען פון דער ליטעראַטור פון די אומות העולם".

אָבער — האָלט מרמר — אונטער דער ווירקונג פון דער איינגעוואַנדערטער יידישער ראַדיקאַלער יוגנט, וואָס איז געווען נאַציאָנאַל געשטימט, האָט גאָרדין זיך אָנגעהויבן וואַקלען אין זיינע קאָסמאָפּאָליטישע אידעען. ער ווערט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די שטורמישע דיסקוסיעס צווישן די פאַרשידענע יידישע פּאַרטיי־פירער, וועלכע האָבן באַזוכט אַמעריקע נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסישער 1905־רעוואָלוציע. ער איז געווען דער פאָרזיצער אויף דער דעבאַטע צווישן מאַרק ליבער און דאַניעלי, וועלכער האָט געמאַכט אויף אים אַ גאָר באַזונדערס גוטן איינ־

דרוק, אַזוי, אַז ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין זיין אַפּשייד־אָוונט, און אין דער רעדע, וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטן אין מאַי 1907, האָט גאָרדין זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז ניט קיין נאַציאָנאַליסט, נאָר ער האָט בלויז ליב יונגעלייט, וועלכע אַרבעטן פאַרן כלל. אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטי־שער שרייבער האָט דאַמאָלט דערצו גלייך באַמערקט: „גאָרדין איז קיין נאַציאָנאַליסט ניט, און דאָך פרייט עס אים זייער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן, וואָס די יידישע מאַסן לאָזן זיך ניט פאַרקויפן פון יעדן פּאָליטישן. גאָרדין איז קיין נאַציאָנאַליסט ניט און צופרידן איז ער, וואָס גראָדע די יידן אָרגאַניזירן זיך, באַוועגן זיך, טוען עפּעס אַזוי, אַז אין זיינע אויגן שטייען זיי העכער פאַר אַנדערע ניט־יידן".

פאַרלירנדיק זיין זיכערקייט אין קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָ־נאַליזם, וואָס האָט פאַקטיש געמיינט יידישע נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע, וועפּט זיך אויך אויס ביסלעכוויז זיין רוסיפיציזם. ער הייבט זיך אָן אַמעריקאַניזירן. כאָטש ער דערווייטערט זיך ניט פון דער רוסישער שפּראַך און רוסישער ליטעראַטור, וואָס זיינען אים נאָענט, ווערן אים אַלץ וואָס מער נענטער די יידן אין אַמעריקע, די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור. ער הייבט אָן ליב האָבן די ניי־איינגעוואַנדערטע יידישע יוגנט, וואָס רעדט פון אַן אַלוועלטלעכער יידישער קולטור, יידישע ליטעראַטור, יידישע קונסט. ער הייבט אָפילו אָן געבן לעקציעס וועגן דער נייער יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור און רעדט וועגן פּרץ הירש־ביינען, וואָס איז נאָך דאַמאָלט אין אַמעריקע געווען ניט צו פּאָפּולער, ווייל אויסער די ליבהאָבער (אַמאַטאָרן) קרייזן, האָט אים דאָס פּראָפע־סיאָנעלע טעאַטער נאָך ניט געשפּילט.

אַרומגערינגלט פון ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישער יוגנט, וואָס האָט אָנגעפילט די ליטעראַריש־דראַמאַטישע קלובן, האָט גאָרדין אָנגעהויבן טראַכטן צו ווידמען זיין דראַמאַטישע טעטיקייט דעם יידישן נייעם לעבן אין אַמעריקע, און דערווייל אַליין געגעבן פון זיך אַלס לעקטאָר און לערער, וואָס ער האָט געקענט אָט פאַר דער יוגנט, באַזונדערס פאַר זיין ליבלינג־אינסטיטוציע, די „עדיוקיישאָנעל ליג", דער ערשטער באַדייטנ־

דער אַמעריקאַנער לערן־אַנשטאַלט אין יידיש. אין סעמעסטער פון 1906—07 האָבן דאָרט געלערנט אַרום 500 סטודענטן ביי 28 לערער, צווישן זיי אויך יעקב גאָרדין. אויסער ענגליש אַלס שפּראַך, זיינען אַלע למודים, ווי מאַטעמאַטיק, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פיזיק, פיזיאָלאָגיע, היגיענע, מאָדערנע דראַמע, יידישע געשיכטע א.אַ.וו. געלערנט געוואָרן אין יידיש. אין דעם סעזאָן האָט גאָרדין אויך געגעבן פּרייע לעקציעס און פאָרלעזונגען פון זיינע ווערק לטובת דעם דאַמאָלט־קראַנקן דיכטער מאָריס ראָזענפעלד.[117] ער האָט אויך שטאַרק געשטיצט דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" און דעם „יעקב גאָרדין ליטעראַרישן קרייז".

איז דעריבער געווען לאָגיש, אַז גאָרדין זאָל ענדלעך אָנהייבן, ווי אַ דראַמאַטורג, זיך ווידמען דעם נייעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, און זיין ערשטער אַרויספאָר אויף דעם דראַמאַטישן געביט איז געווען זיין דראַמע „אויף די בערג", וועגן וועלכער ס'איז שוין פריער גערעדט געוואָרן.

דער דורכפאַל פון דער פּיעסע און זיין קראַנקהייט האָבן אים געפירט קיין אייראָפּע. קאַרלסבאַד, די וואַסערן און די בעדער האָבן געזאָלט זיין דער מלאך המושיע. נאָרליידער איז עס אַזוי ניט געווען. אָבער די איינדרוקן און די איבערלעבונגען, וואָס גאָרדין האָט געהאַט אויף דער דאָזיקער נסיעה, האָבן פאַר זיין געמיט זייער אַ סך געמיינט. אין קאַרלסבאַד האָט ער זיך געטראָפן מיטן העברעאיש־יידישן שרייבער ראובן ברײנין. כאָטש גייסטיק זייער פרעמדע; ער, גאָרדין, נאָך אַלץ ווייט פון יידישן נאַציאָנאַליזם, און ברײנין, אַ פאַרברענטער, עקסטרעמער יידישער נאַציאָנאַליסט, אַ פירנדער ציוניסט. גאָרדין, אַ מזרח־ייד, מיט רוסישער קולטור, און ברײנין, כאָטש אַליין אויך פון רוסלאַנד, אָבער אַ מערב־ייד מיט עכטער מערב־קולטור, זיינען געוואָרן זייער באַפריינדעט. און אָט וואָס ברײנין דערציילט: זיי האָבןביידע איינע די אַנדערע ביז דאַמאָלט ניט געהאַט געלייענט. ברײנין האָט אָבער באַלד דערזען אין גאָרדינען אַ שיינע נשמה פון אַ „ליידנדן־דענקענדן יידן". ער האָט „אין אים גלייך געפילט דעם קינסטלער, דעם פּאָעט, דעם גוטן, ווייכן מענטשן, דעם פיינעם ייד, אַ ייד פון פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט". ווייטער דערציילט ברײנין, אַז „גאָרדינס מויל האָט אַמייסטן געשוויגן, דערפאַר האָבן זיינע

אויגן שטענדיק גערעדט און אַלץ אָפּגעשפּיגלט. ער איז געווען אַן אויס־געצייכנטער צוהערער. אַלץ האָט ער געהערט, אויפמערקזאַם צוגעהערט״. באַזונדערס האָט זיך גאָרדין שטאַרק צוגעקוקט צו די אַלט־מאָדישע, די טיפּישע גאַליציאַנער יידן. וועגן זיך און זיינע ווערק — דערציילט ברייי־נין — האָט גאָרדין ניט גערעדט. „ער איז געווען העכער פון זיינע ווערק, און האָט אויף זיי פון אויבן אַראָפּגעקוקט. ער האָט גערעדט מיט אָנערקע־נונג, מיט ליבע פון יונגע יידישע טאַלאַנטן. ער האָט אַ קלאָר אויג געהאַט פאַר פרעמדע שאַפונגען. ער האָט ניט נאָר ביכער געשריבן, נאָר אויך ביכער געלעזן״. גאָרדינען האָבן אינטערעסירט וועלט־פראַגן, פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, קונסט־פראַגן, ליטעראַרישע שטרעמונגען, די צוקונפט פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער קונסט.

און דאָ קומט אַ זייער אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג פון ראובן ברייינין וועגן יעקב גאָרדין: „ער איז געווען אַ מענטש פון פיינע העכערע קולטור, אַ פּערזענלעכקייט פון אַ יידישן תלמיד חכם, וואָס האָט אייגענעם גייסט און סטיל. ער האָט געקוקט אויף אַלץ מיט אַ פילאָזאָפישער רו, מיט אַ געוויסער קלוגער און גוטער איראָניע, און אינגאַנצן איז ער געווען מע־לאַנכאָליש געשטימט. זיין מינע איז געווען שטאָלץ־עניותדיק, פאַרנעם־טרויעריק, רואיק־שטיל, בנעימותדיק״.

איז דעריבער איצט אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דעם ווי אַזוי גאָרדין האָט געזען די יידן אין גאַליציע, אין דייטשלאַנד און עסט־רייך, וועלכע ער האָט באַזוכט.

## קאַפּיטל צוויי און פּערציק

# יעקב גאָרדין שילדערט דאָס גאַליציאַנער יידישע טעאַטער

די אָרעמקייט פון דער דעקאָראַציע — די דירעקטאָרן און די אַק־טיאָרן — דער געשמוגלטער רעפּערטואַר — ווי אַזוי מען האָט צעקאַלעטשעט זיינע פּיעסן — אַ פאַרגלייך צווישן גאַליציע און אַמעריקע.

מיר האָבן אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען געבראַכט שיל־דערונגען פון יידישע שרייבער, ווי אַזוי יעקב גאָרדין איז אויפגענומען געוואָרן אין גאַליציע בעת זיין באַזוך אין 1907, גאַנץ באַזונדערס ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די אויפפירונג פון זיין פּיעסע „דער מטורף״ מיטן אַמעריקאַנער יידישן גאַסטראָלירנדן שוישפּילער יונה גינצבורג, וועט דעריבער זיכער זיין אינטערעסאַנט צו הערן ווי אַזוי גאָרדין אַליין נעמט אויף די אויפפירונג פון זיינע פּיעסן און וואָס פאַרע איינדרוק דאָס יידישע טעאַטער אין דער הויפּטשטאָט פון גאַליציע, לעמבערג, האָט אויף אים געמאַכט.

די שילדערונג גיט גאָרדין נאָכדעם ווי ער האָט נאָך זיין ערשטן באַזוך אין לעמבערג, געמאַכט אַ שטיקל רייזע איבער גאַליציע און אַוועק־געפאָרן צום בעלזער רבין (וועגן זיין באַזוך ביים בעלזער רבין וועלן מיר שרייבן אין קומנדיקן קאַפּיטל), און איז ווידער צוריקגעקומען אין לעמבערג.

ער שרייבט, אַז ער האָט אין גאַליציע ניט געזען קיין גרויסע וואונ־דער, ער האָט אויך ניט געזען קיין גרויסע מוזעאומס, ער האָט ניט באַזוכט קיין טעאַטער אויסער דאָס יידישע טעאַטער, און איידער ער גייט איבער צו שילדערן וואָס ער האָט געזען און געפילט אין גרעסטן יידישן טעאַטער

אין גאַליציע, אין גימפּלס טעאַטער אין לעמבערג, דערציילט ער, אַז ווען ער האָט אין 1892 געשריבן זיין פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר“ פאַר יעקב פּ. אַדלער, האָט אַדלער זיך געקליבן אין וועג אַריין באַזוכן אייראָפּע, באַזונדערס איז ער דאַמאָלט געפאָרן קיין גאַליציע צו זוכן דאָרט טאַלאַנטן, און אַזוי ווי די פּאַרפאָלגטע, פון רוסלאַנד־פאַרטריבענע יידישע דראַמע, האָט געפונען פאַר זיך אַ היים אין פרייען גאַליציע, האָט דאָס יידישע טעאַטער אין גאַליציע געבליט און געוואַקסן. איידער אַדלער איז אַפּגעפאָרן קיין גאַליציע, האָט ער געזאָגט צו גאָרדינען: „שרייבט נאָר אַן גוטע ראָלן, וועט איר זען וועלכע קינסטלער איך וועל אייך ברענגען פון גאַליציע“. און אַדלער האָט טאַקע געבראַכט אַ גאַנצע גרופּע ערשט־קלאַסיקע קינסטלער פון גאַליציע.

אין אַ געוויסן טאָג — דערציילט גאָרדין — זיינען די ניי־געקומענע אַקטיאָרן געקומען שטאַרק נייגיריק צו הערן אַ פּיעסע פון אַן אַמעריקאַנער שרייבער, אָבער שטעלט אייך פאָר זייער ערשטוינונג, זייער גרימצאָרן און זייער פאַראַכטונג צום מחבר, ווען זיי, וואָס האָבן געהערט דעם נאָמען „יידישער ק ע נ י ג ליר“, האָבן געהערט אַ געוועגלעכע געשיכטע פון געוועגלעכע יידן. אַ שיינער קיסר דער יידישער קעניג ליר! אייניקע אַקטיאָרן האָבן געמאַכט חוזק פון גאָרדינען, אַנדערע האָבן מיט כעס געזאָגט: „וואָס? אַזעלכע פּיעסן שפּילן? יידן אין קאַפּאָטעס, סורטוקלעך, אין געוויינלעכע הויזן, אַן מאַנטלען, אַן קיווערן, אַן פּאַנצערס, אַן שפּיזן, אַן לכה דודי, אַן דועטן, טערצעטן, קוואַרטעטן, קווינטעטן? אַן קופּלעטן, אַן אַ קאָמיש פּאָרל און אַן אַ העלד?“.

אָבער געזיגט האָט גאָרדין, אַן די אַלע זאַכן מיט וועלכע עס זיינען געווען ווי מילגרוימען אָנגעפּאַקט די דאַמאָלטיקע הורוויץ־לאַטיינער־פּיעסן, איז גאָרדינס פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר“ פאַרט געווען אַ דערפאָלג און דערפירט צו אַן איבערברוך אין דאַמאָלטיקן יידישן טעאַ־טער־רעפּערטואַר.

וואָס איז געשען מיט די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אַרויסגעזאָגט אַזאַ „מבינות“ וועגן זיין פּיעסע אין משך פון די 15 יאָר זינט די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן?

„פאַר די 15 יאָר — שרייבט גאָרדין — האָבן זיך די אויבנדער־מאָנטע אימפּאָרטירטע אַקטיאָרן ערוואָרבן אַ נאָמען, אַנדערע זיינען מער באַליבט, אַנדערע ווייניקער. זיי האָבן זיך אָבער פאַר דער צייט אַלץ מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלט, האָבן געקראָגן גאַנץ אַנדערע מיינונגען, האָבן זיך אויסגעלערנט אַ סך ריכטיקער און ערלעכער פון פילע היגע קריטי־קער צו שעצן און פאַרשטיין דעם אמתן ווערט פון אַ דראַמאַטיש ווערק. ווען זיי זיינען אָבער אַריבערגעקומען פון גאַליציע, האָבן זיי פשוט קיין באַגריף ניט געהאַט וואָס איז ליטעראַטור, דראַמע, קונסט, טעאַטער״.

און דאָ קומט גאָרדין אַרויס מיט זיין באַשולדיקונג:

„איצט, מיט 15 יאָר שפּעטער, בין איך דורך אַ צופאַל אַליין פאַר־בלאָנדזשעט געוואָרן קיין גאַליציע און האָב געפונען דאָרט דאָס יידישע טעאַטער פונקט אויף דעם זעלבן אָרט וועלכן אונדזערע אויבנדערמאָנטע שוישפּילער האָבן אים פאַרלאָזן. אויף דעם זעלבן אָרט, קיין שריט פאָר־ווערטס. דאָס פאָלק פון גאַליציע וויל זיך אַמוזירן אויפן בעסטן אופן. די־ דאָרטיקע אינטעליגענץ פאַרשטייט וואָס פאַרע וויכטיקע קולטורעלע ראָלע דאָס יידישע טעאַטער וואָלט געקאָנט שפּילן. זיי אינטערעסירן זיך מיטן טעאַטער גאַנץ ערנסט און אויפריכטיק, און דאָך עקזיסטירט דאָרט דאָס יידישע טעאַטער נאָר מיט איין צוועק — געבן אַ געוויסע צאָל מענטשן אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען געלט אָדער אַ שטיקל ברויט. ערשטנס — די דירעקטאָרן, אָדער ווי מיר רופן זיי אין אַמעריקע — די מענעדזשערס. דורך פּאָליטישן איינפלוס אָדער געקויפטע פּראָטעקציע קריגט, למשל, אַ ייד אַ קאָנצעסיע צו זיין דער דירעקטאָר פון אַ יידיש טעאַטער אין לעמבערג, טשערנאָוויץ, קאָלאָמעאַ און אַזוי ווייטער. איך ווייס ניט ווער עס זיינען די אַנדערע דירעקטאָרן. דעם דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין לעמבערג האָב איך געהאַט דאָס פאַרגניגן קענען צו לערנען. עס איז אַ געוויסער הער גימפּעל, וועלכער האָט געקראָגן די חזקה אויף יידיש טעאַטער בירושה פון זיין טאַטן. איך מוז צוגעבן, אַז דער לעמבערגער מענעדזשער שטייט ניט נידריקער פון אונזערע אַמעריקאַנער מענעדזשערס. דער אונ־טערשיד איז נאָר וואָס די היגע, די אַמעריקאַנער, זיינען שוין ניט הונגע־ריק, און דער גאַליציאַנער הער דירעקטאָר האָט נאָך ניט געשטילט זיין

אַפּעטיט. אין אַלעם איבריקן איז קיין חילוק ניטאָ. די זעלבע סיסטעם פון עקספּלאָאַטאַציע, דער זעלבער גראָבער יונג, דער זעלבער שפּעקולאַנט, דער זעלבער מבין אויף ליטעראַטור, די זעלבע אידעאַלן! די הויפּטזאַך איז פאַרדינען וואָס מער. ווי אַזוי פאַרדינען? דורך דעם הונגער־לוין פון די שוישפּילער, דורך דער עקספּלאָאַטאַציע פון די טעאַטער־אַרבעטער, דורך שונד־פּיעסן, דורך פרעמדע אַרבעט, דורך געגנבעטע פּיעסן, דורך שווינדלערישע פאַרשפּרעכונגען, דורך פאַלשע רעקלאַמען. דורך וואָס איר ווילט, נאָר פאַרדינען! וואָס גייט זיי אָן די יידישע קונסט, די יידישע דראַמע, אויפפירן, אויסשטאַטן, רעזשיסירן אַ פּיעסע?! די יידישע מאַסן, די אינטערעסן פונם גאַנצן יידישן פאָלק? אַלע מיטלען זיינען גוט, נאָר געלט צו מאַכן. אומוויסנדע, געלט־גייציקע יידישע דירעקטאָרן און יידישע קריטיקער! דירעקטאָרלעך עליך ישראל! אָרעמע יידישע דראַמע, ווער האָט דיך מער באַשמוצט און ווער האָט דיר מער ווויי געטאָן. די דירעקטאָרן מיט זייערע שמוציקע הענט, אָדער די קריטיקער מיט זייער אומפּאַרטיי־אישער מבינות?״.

און נאָכדעם ווי גאָרדין האָט זיך אַזוי שאַרף אָפּגערעכנט מיט די דירעקטאָרן און די קריטיקער, אויף וועלכע ער האָט, ווי עס איז צו זען, געטראָגן אַ בייז ביטער האַרץ, גיט ער זיך אַ נעם צו די אַקטיאָרן:

„די אַקטיאָרן זיינען אָרעמע יידן, וועלכע זוכן זיך אין יידישן טעאַטער אַ שטיקל פּרנסה. אין קיין אַנדער געשעפט אָדער מלאכה גייט עס ניט, ווערט מען אַ שוישפּילער. דאָס מערסטע טייל פון זיי האָט פריער געשפּילט, געזונגען און געטאַנצט אויף די ברעטלעך פון די קאָנצערט־זאַלן, אין אַמעריקע גערופן „מוזיק האָלס״, וועלכע זיינען אין גאַליציע זייער פּאָפּולער. אמת, אונדזערע אַמעריקאַנער יידישע שוישפּילער האָבן אויך ניט געקראָגן קיין ספּעציעלע בילדונג און שולונג, אָבער די גרויסע וועלט־בינע פון אַזאַ מעטראָפּאָליע ווי ניו־יאָרק, און די בעסערע יידישע פּיעסן האָבן זיי געגעבן אַ געלעגנהייט וויפל עס איז צו לערנען און צו אַנט־וויקלען זייערע פעאיקייטן. דאָרט זיינען זיי געבליבן ביים היסטאָרישן „דייטש״, ביי די חזנישע געזענגע און בדחנישע קופּלעטן. די אָרעמקייט, די נויט, די הערשנדע „אויטאָריטעטן סיסטעם״, דאָס אַלץ צווינגט זיי

שקלאַפיש צו אונטערוואַרפן זיך אונטערן ווילן פונם הער דירעקטאָר, דולדן און שווייגן".

און דאָ קומט גאָרדין צו צו אַ פונקט, וואָס דריקט אים. אין דער וועלט, ביי די אומות העולם, פירט זיך, אַז אַ שרייבער קריגט באַצאָלט פאַר זיין שרייבן. דרוקט מען זיינס אַ זאַך, באַצאָלט מען אים, און זיכער דרוקט מען ניט זיינע ווערק אָן זיין צושטימונג, אָן זיין קאָנטראָל, אָבער גאָרדינס ווערק זיינען געשפילט און געדרוקט געוואָרן אין אייראָפּע, באַזונדערס אין רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע, אָן זיין וויסן. קיינער האָט ביי אים זיך וועגן דעם ניט אָנגעפרעגט, קיינער האָט ביי אים ניט געבעטן, אַז ער זאָל זיי צושיקן אַ טעקסט פון זיינע אַ פּיעסע, נאָר מען האָט אַרויסגעשמוגלט, איבערגעשריבן בגנבה טעקסטן פון זיינע פּיעסן, ניט־קאָנטראָלירטע, ניט־פולשטענדיקע, אָפט על פּי זכרון, פון אויסנווייניק, מיט די צוגאָבן אָדער די ענדערונגען פון די אַקטיאָרן, און אַזוי האָט מען די פּיעסן געשפּילט אין אייראָפּע, און טייל פון זיי אַזוי געדרוקט. דערביי האָט מען דעם מחבר, יעקב גאָרדין, וואָס האָט אין די בעסטע צייטן פון זיין קאַריערע, זיך קיינמאָל ניט געבאָדן אין קיין צופיל עשירות, האָבנדיק אַ גרויסע פאַמיליע, כלל ניט אָנגעפרעגט און ניט צוגעשיקט אַ פּעני האָנאָראַר פאַר זיינע ווערק, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט סיי די פאַרלעגער, סיי די טעאַטער־גרופּעס, גאַנץ גוטע רווחים. פאַר־דריסט דאָס, ווייטאָגט דאָס זייער גאָרדינען, און ער דריקט אויס זיין פּראָטעסט און גלייכצייטיק הויבט ער אויף דעם פאָרהאַנג איבער דער מיסטעריע ווי אַזוי זיינע פּיעסן זיינען דערגאַנגען קיין אייראָפּע.

„פּיעסן ווערן דאָרט, אין גאַליציע, אויפן פּלאַץ, זייער ווייניק פּאַב־ריצירט. מען קאָן זאָגן, אַז 95 פּראָצענט פון זייערע פּיעסן ווערן עקס־פּאָרטירט פון אַמעריקע. דעם היגן „אויסוואורף" [וואָס מען וואַרפט אַרויס פון אַמעריקע] פון דער יידישער בינע, אַלטע היסטאָרישע שמאַטעס, „גרינע" דראַמען און „געלע" טראַגעדיעס גייען פון דאַנען אין גאַנצע טראַנספּאָרטן. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט מען אָנגעהויבן צו שפּילן ווען עס איז אַמאָל אויך אַ פּיעסע פון די בעסערע היגע פּיעסן, אָבער אין אַ זייער פאַרקריפּלטע, פאַרדאָרבענע רעדאַקציע. קיינע פּיעסן ווערן ניט

ערוואָרבן דירעקט פון די אויטאָרן אַליין. מען הערט זיי אין טראַק! אַ געוויסער גראַפּער, אַ היגער מוזיק־האָל ברודער, איז דער פּאַדריאַטשיק פון פּיעסן. ער נערט מיט יידישע דראַמען אַלע מדינות פון אַרבע פּינות העולם: קיין לאָנדאָן, קיין אַפריקע, קיין גאַליציען, קיין רומעניע, קיין רוסלאַנד שיקט דער דאָזיקער סוביעקט פּאַקן מיט טעאַטראַלישע שטיק. קיינער אין דער וועלט האָט, דאַכט זיך, ניט קיין קאָפּיע, ברודער[118] גראַפּער האָט. ווי אַזוי ער קריגט זיי, איז שווער צו ערקלערן, נאָר איר קאָנט זיך פאָרשטעלן ווי אין זיינע קאָפּיעס איז אַלץ פּאַרדרייט, צעהרגעט, צעקאַליעטשעט. ער שיקט צו דעם הער גימפּעל אַ צענדליק פּיעסן מיט אַמאָל און קריגט דערפאַר עטלעכע הונדערט גולדן. „זעהר ביליק" — זאָגט הער דירעקטאָר גימפּעל. „געפונען געלט" — זאָגט דער ברודער פון „מוזיק האָל" מר. גראַפּער".

און איצט גייט גאָרדין איבער צו שילדערן ווי אַזוי דאָס יידישע טעאַטער אין לעמבערג זעט אויס און ווי אַזוי ער האָט געפילט ווען ער האָט דאָרט געזען אויפפירן זיינע פּיעסן:

„גימפּעלס טעאַטער אין לעמבערג, אין דער הויפּטשטאָט פון גאַליציע, איז אַזוי ענלעך צו אַ טעאַטער, ווי אַן אינדיק איז ענלעך צו אַ לופט־באַלאָן. אַ הויף, אַרומגעצוימט מיט ברעטער, אינמיטן הויף בערג מיט מיסט, אַ פּאָר אַרומגעדראַפּעטע בוימער, עטלעכע הילצערנע צעבראָכענע בענק, אַ בינע צונויפגעשלאָגן פון ברעטער. דאָ שפּילט מען זומער. ווינטער שפּילט מען אין אַ שטאַל, וואָס שטייט טאַקע דאָ אין דעם זעלבן הויף, און אַהער ציט מען אַריין הונדערטער, טויזנטער, מענטשן, צו זען אַ שטיק אין ענגעניש, אין אַ שטופּעריי און אַ דערשטיקעניש פון פאַר־שידענע ריחות. דאַרף מען אַ וואַלד אָדער אַ באַרג, אַ טעמפּל אָדער אַ שיף, אַן אָרעמע הויז אָדער אַ פירשטלעכן פּאַלאַץ — איינע און די זעלבע קוליסן מיט אָנגעשמירטע בוימער. הײנט זייערע קאָסטיומען! זייער מאַ־שינעריי! אַז מען דאַרף טרינקען ווײן, מאַכט מען זיך, אַז מען גיסט פון אַ ליידיקע פלעשל און מען מאַכט זיך, אַז מען טרינקט. קיין רעקוויזיט, קיין אקסעסוארן, קיין סצענישע פאָדערונגען!

דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין געווען אין טעאַטער, האָט מען גע־

שפּילט מיין „ווילדן מענטש". לכל הפּחות איז אַזוי געווען אַנאָנסירט אויף די אַפישן. איך בין קוים אויסגעזעסן ביזן שלוס אַקט. דאַנקן גאָט, מען האָט דאָ אין אַמעריקע, אויך געמאַכט אַ שיינע קאַשע פון דעם „ווילדן מענטש", אָבער גוואַלד! איר האָט געדאַרפט זען וואָס פאַרע „קאַווארדאַק" זיי האָבן דאָרטן פון דעם אָרעמען שטיק געמאַכט! איך האָב געדאַנקט דעם פּובליקום פאַר זייער פריינטלעכן וואַרעמען קבלת פּנים און האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס שטיק, אַמווייניקסטן פינף און זיבעציק פּראָצענט פונם שטיק, איז ניט מיינס. דאָס פּובליקום, די שוישפּילער, דער הער דירעקטאָר — אַלע זיינען פון מיין ניט-דיפּלאָמאַטישע „דעקלאַראַציע" נשתומם געוואָרן... מיט אַ וואָך שפּעטער בין איך געצוואונגען געוואָרן נאָך אַמאָל צו גיין אין טעאַטער. מען האָט געשפּילט לכבוד דעם מחבר דעם „מטורף". די אַקאַדעמישע יוגנט האָט אַראַנזשירט לכבוד דעם מחבר אַ גאַנצע אָוואַציע און זיי האָבן מיך שטאַרק געבעטן צו קומען. איך בין ווידער קוים אויסגעזעסן ביזן שלוס אַקט, האָב געדאַנקט פאַר דער אָוואַציע, פאַר דעם פּראַכטפולן שיינעם קראַנץ (אַזאַ קראַנץ האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געקראָגן) און האָב זיי געזאָגט: „דער הער דירעקטאָר האָט זיך אויסגעשפּראָכן וועגן מיר ניט פריינטלעך, ווייל איך רעד ניט קיין דייטש. זעכצן יאָר האַלט איך אין אַמעריקע מלחמה מיטן „דייטש" און ער איז כמעט פאַרטריבן געוואָרן פון דער יידישער בינע. איך האָף, אַז ווען איך וועל קומען אַהער צום צווייטן מאָל, וועט דאָס יידישע טעאַטער אַמווייניקסטנס ניט זיין ווייניקער יידיש ווי דאָס טעאַטער אין אַמעריקע". אַ טרויעריקער בין איך געגאַנגען אַ היים פון „טעאַטער" און האָב געטראַכט: אַזאַ שיין פּובליקום, אַזעלכע אינטעליגענטע פּנימער, אַזאַ אויפריכטיקער ענטוזיאַזם, אַזאַ הייסער באַגער צו זען גוטס, און קיין טעאַטער איז ניטאָ. ניט אין גאַליציען, ניט אין רוסלאַנד, האָבן זיי נאָך ניט קיין אַנונג פון קיין יידיש טעאַטער. עס איז נאָר פּורים-שפּיל. אין בעסטן פאַל, איז דאָס קינדער-שפּיל. אין ביידע לענדער פירט מען אויף און מען שפּייזט דאָס פּובליקום מיטן זעלביקן נידריקן שונד, און ווען מען שפּילט שוין יאָ אַמאָל איינע פון די בעסערע פּיעסן, איז זי שענדלעך צעהרגעט און צעקריפּלט. די יידישע קריטיקער אין רוסלאַנד (איך רייד ניט פון די,

וואָס זיינען אַזעלכע גראָבע יונגען ווי אונדזערע קריטיקער דאָ), נאָר פון די בעסערע, די געבילדעטערע, די דאָזיקע קריטיקער זעען אַמאָל אָט אַזאַ צעקריפּלטע און צעקאַליעטשעטע פּיעסע, און שרייבן פון דער אַמערי־קאַנער יידישער דראַמע מיט אַ פּאַטראָניזירנדן טאָן, זיי קוקן מער פון אויבן אַראָפּ... ווי די יידישע דראַמע זאָל ניט זיין אָרעם אין אַמעריקע, וועלכע פעלערן דאָס יידישע טעאַטער זאָל ניט האָבן דאָ, — דרך ארץ! היטלען אַראָפּ, איר, פּאַרזונקענע אין שונד און אין שמאַטעס, ווען איר רעדט פון דער יידישער דראַמע און פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמע־ריקע!".

אָט דעם צער, אָט דעם ווייטאָג, אָט דעם אויסברוך פון עגמת נפש, האָט גאָרדין פאַרעפנטלעכט אין 1907,* אַ יאָר בלויז איידער פרץ הירשביין האָט געמאַכט זיין ערשטן פרווו צו געבן אַ באמת קינסטלערישן אויסזען דעם יידישן טעאַטער אין איראָפּע, אַ פרווו, וואָס מיט זיין גאַנצן קאַטאַס־טראָפאַלן צוזאַמענברוך צוויי יאָר שפּעטער, האָט פאָרט סיגנאַליזירט און דערפירט צום קינסטלערישן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד — "די וויל־נער טרופּע",[118] מאָריס שוואַרצס "יידיש קונסט טעאַטער" אין ניו יאָרק, און "דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער" אין מאָסקווע.[119]

גאָרדין האָט דאָס אַלץ ניט זוכה געווען צו זען, פּונקט ווי ער איז מער קיין גאַליציע ניט געקומען, ווייל אינגאַנצן צוויי יאָר נאָך זיין איין און איינציקן באַזוך אין גאַליציע איז ער געשטאָרבן אין ניו יאָרק פון קענסער.

* אין 1906 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט" (זע ביילאַגע נומער 1) אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער לייגט די גרעסטע האָפענונגען אויף דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

## קאַפּיטל דריי און פערציק

# יעקב גאָרדין האָט אין גאַליציע זיך דערנענטערט צום יידישן לעבן

דער דלות און נויט — די יידישע אינטעליגענץ און די חסידים — די גוטע ווערטער וואָס גאָרדין האָט וועגן די ציוניסטן אין גאַלי־ציע — זיין כאַראַקטעריסטיק פון פוילישן טעאַטער.

נאָך היינט, ווען עס איז שוין מער ניטאָ אויף דער וועלט דאָס יידישע גאַליציע מיט אירע חסידים, משכילים, רביים, פאָלקסזינגער, דאָקטוירים, אינטעליגענטן, פאָלקסמענטשן, פויערים, נאַפּט־ און זאַלץ־אַרבעטער, רעגי־רונגס־באַאַמטע, קאָן מען נאָך אַמאָל אין יידישן טעאַטער אין אַן אַלטער אָפּע־רעטע הערן די באַרימטע וויצן וועגן אַ גאַליציאַנער. אָבער געווען אַמאָל אַ צייט ווען ס׳איז גענוג געווען צו זאָגן, „ער איז דאָך אַ גאַליציאַנער" אָדער „אַ גּעשטראָפּטער", אַז עס זאָל ווערן אַ געלעכטער. היינט די ספּעציפישע סצענעס פון אַ גאַליציאַנער און אַ ליטוואַק, די פאַרשידענע קופּלעטן אויף דעם גּעביט, וויפל שפּאַס, וויפל הומאָר איז אין זיי געלעגן. עס איז געווען אַ יידיש פאָלק, וואָס האָט געהאַט פאַרשידענע שבטים, און איינס פון די מערקבאַרסטע שבטים איז געווען דער גאַליציאַנער שבט.

ווער ס׳געדענקט דאָס אַמאָליקע ניו יאָרק, געדענקט נאָך גוט דעם ספּעציפישן גאַליציאַנער קוואַרטאַל, וואָס האָט אַרומגענומען פּיט, ריד און ריווינגסטאָן סטריט און די אַנדערע שכנותדיקע גאַסן. עס געדענקן זיך גוט די ספּעציעלע גאַליציאַנער וואָכנבלעטער פון פּעפּערן און באַדערן,

די גאַליציאַנער דיכטער משה לייב האַלפּערן,[120] משה נאַדיר,[121] י. אַדלער (שפּעטער פּאָפּולער אַלס „ב. קאָוונער"), יעקב מעסטעל, דער לעגענדאַרי־שער נפתלי צבי אימבער, דער מחבר פון „התקוה", די גאַליציאַנער דראַמאַטורגן משה ריכטער,[122] משה שאָר,[123] אַנשעל שאָר,[124] מאַקס געביל, די גאַליציאַנער שרייבער ווי גרשום באַדער, יוסף מאַרגאָשעס (און זיינע זין ד"ר שמואל מאַרגאָשעס און הערמאַן מאַרגענשטערן), דער גאַליציאַנער רעפּאָרטער און טעאַטראַל יאַנקעלע קירשענבוים,[125] דער טעאַטראַל צבי הערש רובינשטיין, די גאַליציאַנער אַקטיאָרן בערטאַ קאַליש, קלמן יוווילער,[126] פּיטער גראַף, לודוויק זאַץ,[127] און דאָס טראַגישע פּאָרל זיגמונט און רעגינע צוקערבערג. נאָך אַזוי שפּעט ווי אין די 30ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט משה ריכטער פאַרטראַכט צו עפענען אַ ספּעציעל גאַליציאַנער יידיש טעאַטער, וואו עס זאָלן שפּילן גאַליציאַנער אַקטיאָרן און מ'זאָל אויפפירן פּיעסן פון גאַליציאַנער שרייבער, אַ פּרווו, וואָס האָט געהאַט אַ טראַגישן אָנהייב, ווייל דער סטאַר, די אַקטעריסע בערטאַ ראָזענבערג, וועלכע איז געקומען פון גאַליציע, איז געשטאָרבן עטלעכע טעג פאַר דער דערעפענונג פון סעזאָן.

ווי אַזוי אָבער האָט אויסגעזען גאַליציע, דאָסווירקלעכע גאַליציע, ניט דאָס אַריבערגעוואַנדערטע קיין אַמעריקע, וואָס האָט איינציקווייז אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַליציאַנער פעדערן, און איבערהויפּט נאָך פאַר אַ יידישן שרייבער, וואָס קומט צום ערשטן מאָל אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט?

יעקב גאָרדין איז געווען אַ רוסישער ייד, וואָס איז פון רוסלאַנד מגולגל געוואָרן קיין אַמעריקע, און נאָכדעם ווי ער האָט דאָ זיך איינגע־בירגערט אין יידישן לעבן, וואָס איז געווען אַ „קבוץ גלויות", איז ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, געפאָרן זען גאַליציע. נאַטירלעך האָט מען ניט געקאָנט פון אים דערוואַרטן קיין טיף־ אַריינדרינגענדע אַנאַליז פון יידישן גאַליציע. אַזאַ זאַך פאָדערט פאָרשונג, פאָדערט זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון גאַליציע, מיט די ספּעציעלע קולטור־היסטאָריש, פּאָ־ליטיש־עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעכע אייגנאַרטיקייטן, און אַ גאַסט קאָן מער זען דאָס אויסערלעכע, דאָס וואָס קומט אים אויס אַנדערש, ווי

דאָס וואָס זיינע אויגן זיינען צוגעוואוינט געווען צו זען ביז דאַמאָלט, און אַזוי זיינען טאַקע די איינדרוקן, וועלכע גאָרדין האָט אַרויסגעטראָגן פון גאַליציע, וועלכע ער האָט באַשריבן אין צייטונג און פון וועלכע אַ טייל איז אַריין אין זיינע שריפטן. עס איז דאָ דער בייסיקער סאַרקאַזם פון גאָרדינען, עס איז דאָ זיין סאָציאַליסטישער קוק־ווינקל, עס איז אָבער אויך דאָ אַ מאַסע פון דעם איבערפלעכלעכן הו־האַ זשורנאַליזם, וואָס גרענעצט זיך מיט סענסאַציע.

זיין ערשטער איינדרוק פון לעמבערג איז דוקא א גוטער. דער וואָקזאַל איז ווי פון אַ גרויסער אייראָפּעאישער שטאָט, און דער ערשטער גוטער איינדרוק ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט ביים אַרויסגיין דורכן הויפּט־אַרויסגאַנג, אַ גרויסער פּלאַץ, שיין ברוקירט מיט אַספאַלט, פיאַ־קערס, עלעקטרישע קאַרס, אַלעען מיט בוימער, אָבער עטלעכע קוואַר־טאַלן ווייטער פון וואָקזאַל פאַלט שוין זיין שטימונג. אַ מעכטיקע האַנט האָט אָפּגעשטעלט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע און אַריינגעפירט האַלב אַזיע. אָרעמקייט, דלות, שמוץ. גאַליציע איז אַ לאַנד פון קאָנטראַסטן. דאָס אַלטע און דאָס נייע. מתים און לעבעדיקע. אַפּיקורסות און פאַנאַ־טיזם. פּאַריזער מאָדע און אַזיאַטישע נאַאיוויטעט. דער פאָרטגעשריטע־נער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט און דער פינסטערער דרייצענטער יאָר־הונדערט זיינען צוזאַמענגעמישט, לעבן צוזאַמען און שפּאַצירן צוזאַמען איבער די גאַסן פון לעבן.

ווען גאָרדין האָט דערזען די נייע פּראַכטפולע געביידע פון שטאָ־טישן טעאַטער, האָט ער געפרעגט צי מען שפּילט דאָרט אַמאָל אַ יידישע פּיעסע, און דער ענטפער: — „מיינער אַ לעמבערגער פריינט האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ משוגענעם. אויף יידיש וועלן די פּאָליאַקן ערלויבן שפּילן אין שטאָט טעאַטער? אין עסטרייך איז יידיש איבער־הויפּט ניט איבריק באַליבט, אַפילו אין עסטרייך אויב מען ערלויבט שפּילן יידיש, מוז מען דערביי שפּילן כאָטש אַן איין אַקטיקע דייטשע שטיק. ווער רעדט דאָ ביי די פּאָליאַקן! יידיש איז פאַרהאַסט ניט נאָר פון דייטשן און פּאָליאַקן, נאָר אויך פון דער דייטש־פּויליש יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ. אמת, די יידן אָבוואָל [הגם] זיי זיינען נאָר

אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג, צאָלן מער פון האַלב שטאַטישע שטייערן, אָבער אַ לעמבערגער ייד וואָלט געשטאָרבן פון שרעק ווען אים וואָלט נאָר געקומען אַזאַ פרעכער געדאַנק אויפן זינען — שפילן יידיש אין שטאָט־טעאַטער! די יידן צאָלן שטייערן ווי אמתע בירגער און דאַרפן האָבן רעכט ווי אמתע בירגער. זיי האָבן אָבער ביז דער לעצטער צייט פון זייערע רעכט ניט געדענקט".

גאָרדין רעכנט דאָ אויס דעם קליינעם פּראָצענט יידן אין העכערע מיליטערישע אַמטן, און גייט ווידער צוריק ריידן וועגן דער באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו פרעמדער קולטור, און ער זאָגט „די פּאָליאַקן, די פּוילישע קולטור, פּוילישע שפּראַך, פּוילישע אַלטע טראַדיציאָנען, פּוילישע אומטאָלעראַנץ הערשן דאָ. ניט נאָר די יידן זיינען אונטערדריקט. אין לעמ־בערג זיינען דאָ ניט ווייניק רוטענען (אוקראַאינער), לעמבערג איז זייער אַלטע שטאָט לוואָוו ... ווען די פּאָליאַקן ערלויבן מען זאָל אין שטאָטישן טעאַטער שפּילן אַ מאלא־רוסישע פּיעסע פון קראָפּאָוויניצקי אָדער קאַר־פּענקאָקאַרי? עס איז אַ פּויליש טעאַטער. די שוישפּיל־קונסט שטייט ביי די פּאָליאַקן זייער הויך, אַזוי ווי ביי די רוסן. די דראַמאַטישע ליטעראַטור אָבער איז ביי זיי אָרעמער ווי ביי די רוסן".

און איידער גאָרדין לאָזט זיך אַריין אין שילדערן דאָס יידישע לעבן פון גאַליציע, דערציילט ער קודם כל, אַז עסטרייך איז אַן אָרעמע מלוכה און גאַליציע איז די אָרעמסטע פּראָווינץ פון לאַנד, און זי האַלט אַפילו נאָך ניט עקאָנאָמיש ביי פרייער קאָנקורענץ, נאָר די שטאַטס רעגירונג און די לאָקאַלע רעגירונג זיינען די אַפּוטרופּסים און פאַרזאָרגער פון דער באַפעלקערונג. עס זיינען דאָ זייער ווייניק קוואַלן פאַר פּרנסה. און פאַר יעדער זאַך דאַרף מען האָבן אַ קאָנצעסיע. אין לעמבערג זיינען דאָ אַ צען גימנאַזיעס און רעאַל־שולן און קיין שכר למוד צאָלט מען ניט, אויסער פאַר די אוניפאָרמען און ביכער. אין די נידריגערע קלאַסן זיינען דאָ זייער פיל יידישע קינדער, אָבער שוין אין עלטער פון 13—14 יאָר פאַר־לאָזן זיי די שול און הייבן אָן זאָרגן וועגן פּרנסה. די פּאָליאַקן זיינען פאַראינטערעסירט אַז די יידישע אינטעליגענץ זאָל ניט וואַקסן, מאַכן זיי גרויסע שוועריקייטן די יידישע סטודענטן אין די העכערע למוד־אַנשטאַלטן,

אָבער דאָך איז דאָ אַ היבשע צאָל יידישע סטודענטן אין לעמבערגער אוניווערזיטעט און פּאָליטעכניקום.

גאָרדין, ווי איך האָב אָנגעוויזן אין אַ פריערדיק קאַפּיטל, איז געווען ווייט פון יידישן נאַציאָנאַליזם, און אודאי פון ציוניזם, אָבער דאָך קאָן ער זיך ניט איינהאַלטן פון שרייבן: „די לעצטע צייט האָט ביי דעם גאַליציאַנער יידן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו ערוואַכן דער פאַרשלאָפענער מענטש, וועלכן די יידישע נאַציאָנאַליסטן באַצייכענען מיטן נאָמען „נאַציאָנאַלער גייסט". ווי מען זאָל עס רופן, איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דאָס זעלבסט באַוואוסטזיין פון דעם גאַליציאַנישן יידן הויבט אָן אויפצוואַכן. די אויפגאַבע צו וועקן דעם גאַליציאַנישן יידן האָבן גענומען אויף זיך מער פון אַלע די היגע ציוניסטן. וועלכע רעזולטאַטן דער אידעאַלער ציוניזמוס זאָל ניט ברענגען אין אַלגעמיין, פאַר גאַליציע וועט ער ברענגען, אָן צווייפל, געוויסע פראַקטישע רעזולטאַטן. דער ייד וועט גיך אָנהייבן צו זוכן פרייהייט, וועט אַראָפּוואַרפן דעם פּוילישן יאָך און אויפהערן צו זינגען דעם פּריץ דעם אַלטן מה יפית. די היגע אַקאַדעמישע יוגנט און די היגע אינטעליגענטן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דיזער יונגער באַוועגונג". און אויף אַן אַנדערן פּלאַץ קומט גאָרדין ווידער צוריק צום זעלבן פּראָבלעם, און ער שרייבט: „גאַליציע ערוואַרטעט אירע קעמפּער. זיי זיינען שוין דאָ, אָבער זיי זיינען נאָך צו יונג און צו קליין. זיי דאַרפן נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן, דער באָדן פון אַלגעמיינעם שטימרעכט איז זייער גינסטיק דערפאַר. מען דאַרף נאָר גוטע רעגנס זאָלן ערפרישן די לאַנג־פאַרשטיקטע לופט און אָפּוואַשן דעם אַלטן שמוץ, און די זון פון אויפקלערונג זאָל שיקן אַ ביסל מער זון־ליכט און וואַרעמקייט". ביי אַן אַנדערע געלעגנהייט שרייבט ווידער גאָרדין: „אין עדיסאָנס קאַפע־הויז טרעף איך זיך יעדן טאָג מיט אייניקע פון דער אמת יידישער אינטעליגענציע. איך רוף זיי „אמת יידישע", ווייל די רייכע, די פּויליש־דייטשע, אַסימילאַטאָרישבורזשואַזנע אינטעליגענציע לעבט אָפּגעזונדערט פון די יידישע מאַסן און איך האָב קיין זכות ניט געהאַט אַפילו מיט איין אויג אויף איר אַ קוק צו טאָן. כן יאבדו! די דאָזיקע אמת יידישע אינטעליגענטן זיינען אַלע שרעקלעכע נאַציאָנאַליסטן. זיי זיינען אַלע מיינע פאַרביסענע קעגנערס און איך האָב זיי ליב".

שילדערנדיק דעם אָפּשיד, וואָס מען האָט אים געגעבן אין לעמבערג, גיט איבער גאָרדין: „עס איז ניט געווען קיין אָפּיציעלער באַנקעט, ניט קיין גרויסאַרטיקער באַל, עס איז געווען אַן איינפאַכע סעודה פון חברים און גוטע פריינט. אַן פאַלשקייטן, אַן פאַרבאַרגענע קנאה, אַן פּאָליטיק. עס זיינען ניט געקומען מענטשן, ווייל זיי האָבן „געמוזט" קומען אָדער „געדאַרפט" קומען, עס זיינען נאָר געקומען די וואָס האָבן געוואָלט קומען. מען האָט פאַרבראַכט די צייט אין אַ פריינטלעכן שמועס, מען האָט געזונגען, מען האָט גערעדט. די אַקאַדעמישע יוגנט האָט געזונגען לעבע־דיק און מוטיק אין אַ מאַזשאָרנעם טאָן. די ציוניסטישע פּראָלעטאַריער האָבן געזונגען טרויעריקע, שמערצלעכע לידער פון אַ מינאָרנעם טאָן... פילע גוטע האָפענונגען זיינען אויסגעשפּראָכן געוואָרן וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק".

און איצט עטלעכע שטריכן פון דאָרטיקן יידישן לעבן ווי גאָרדין האָט זיי געזען:

„איך האָב ליב די לעמבערגער אינטעליגענציע. עס איז ניט קיין געבלאָזטע אינטעליגענץ ווי ביי אונז, ניט פאַר איך גערעדט. ערשטנס, זיינען זיי אַלע לומדים. איך האָב איבערהויפּט ניט ערוואַרטעט צו געפי־נען אין גאַליציען אַזויפיל לומדות. אין די בתי מדרשים, אין וואַגאָנעס, אין קאַפע־הייזער האָב איך באַגעגנט יידן דורכגעקנאַטעטע אין לומדות, יידן וועלכע האָבן געלערנט און לערנען נאָך. ...אין גאַליציע לעזן זיי און לערנען דענקען. זיי זיינען אַ ביסל געכאַפּט געוואָרן פון דער דייטשער מעטאַפיזיק. זיי זיינען אָבער דענקענדע מענטשן פון וועלכע מען קאָן עטוואָס הערן און עטוואָס לערנען".

אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס גאָרדין לויבט אַזוי די יידישע אינטעליגענץ, באַמערקט ער: „לײדער מוז איך צוגעבן, אַז די גאַליציאַנער יידישע אינטעליגענטן לערנען און זוכן גייסטיקע רייכקייט פּונקט אַזוי עגאָאיסטיש ווי אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר־כאַפּער זוכט מאַטעריעלע רייכקייט ... זיי דענקן זייער ווייניק וועגן זייערע ברידער, וועלכע זיינען פאַרזונקען אין דער פינסטערניש פון אומוויסנהייט. זיי טוען ניט קיין קולטורעלע אַרבעט פאַר די אָרעמע יידישע מאַסן. קעגן מיין ווילן, מוז איך נאָך אַמאָל

געבן אַ קאָמפּלימענט די ציוניסטן... אויב עטוואָס ווערט יאָ אין גאַליציען אין דיזער ריכטונג געטאָן פאַרן יידישן פאָלק, איז דאָס נאָר דורך זיי. יאָ, דער ציוניסטישער גאָט האָט מיט מיר ניט איין שפּיצל אָפּגעשפּילט אין גאַליציע".

„יידישע קראָמען, יידישע מעקלער, יידישע בעטלער, קינדער ווי די מוראַשקעס. אַלטע ווייבער אַרבעטן זאָקן אין גאַס. אַ גרויסער „דע־פּאַרטמענט סטאָר", וואו מען פאַרקויפט ציצית און קנאַבל... שבת זיינען די שולן און קלויזן פול. די גאַסן זעען אַנדערש אויס. שיינע יידישע ווײַ־בער געקליידט נאָך דער לעצטער מאָדע שפּאַצירן אום מיט זייערע מענער, וועלכע זיינען געקליידעט „היסטאָריש". ווער עס וויל זען אַ טיפּ פון אַן אמת יידישע שיינע פרוי, דער זאָל פאָרן קיין גאַליציע. אַכט עקיקע שטריימ־לעך שוועבן שבת איבער דער גאַנצער שטאָט. אין די שולן דאַוונט מען מיט אַפּעטיט. דורך די אָפענע פענסטער טראָגן זיך יידישע מעלאָדיען".

„מיר זיינען אין דער אַלטער שול. ...אין דרויסן איז געווען העל, ליכטיק און הילכיק. מיר זיינען באַלד אַנגעגריפן געוואָרן פון אַ שטילע דונקלקייט. אַ שווערער גערוך ווי אין אַן אַלטן מרתף האָט אונדז באַ־געגנט אין אַ פינסטערן פּאַליש. אַ שטיקנדיקער שטויב האָט זיך אויפגע־הויבן קעגן אונדז. אין אַ פינסטערן ווינקל שטייט נאָך די אַלטע „קוניע" מיט די אַלטע אייזערנע קייטן אין וועלכע מען פלעגט פאַרשמידן די זינדיקע יחידים... ווער ווייסט וועלכע דראַמעס האָבן דאָ אויף דעם היסטאָרישן ווינקל זיך אָפּגעשפּילט? וויפל פּייערדיקע, דורנדע מאָנאָלאָגן האָט דאָ געהאַלטן אַ צאָרנדיקער, שטרענגער ריכטער?! וויפל שטילע זיפצן זיינען דאָ פאַרשטומט געוואָרן, וויפל שטילע טרערן פאַרגאָסן געוואָרן, וויפל ערהאַבענע געדאַנקן פאַרשטיקט געוואָרן, וויפל פרייע שטרעבונגען ערמאָרדעט געוואָרן? איצט איז דער ווינקל באַדעקט מיט שטויב פון דער פאַרגאַנגענהייט".

„עס איז געווען אַ וואַרעמע זומער־נאַכט ווען איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן פון לעמבערג. באָרוועסע נאַקעטע קינדער, פרויען באַדעקטע מיט שמאַטעס, זקנים אין צעריסענע צעפּוילטע בגדים, אָרמוט, שמוץ, נויט, קינדער... אין די אָרעמע קליינע געשעפטלעך

פּאַרקויפט מען שטיקלעך ברויט, שטיקלעך הערינג, קליינע שטיקלעך רעטעך, עטלעכע קאַרטאָפליעס... אין די אָפענע נידריקע פענצטער זעט מען קליינע ענגע צימערן באַלויכטן מיט אַ קליין לעמפּל אָדער מיט אַ ליכט. אַ הילצערנער טיש, אַ פּאָר אַלטע צעבראָכענע בענקלעך און אַרום די ווענט בעטן... צוויי, דריי בעטן, מיט שמוציקע בעטגעוואַנד. דאָ אַרבעט מען, מען קאָכט, מען — עסט און מען שלאָפט. דאָ שלאָפן אַלטע און יונגע, קינדער און עלטערן, אייגענע און קוואַרטיראַנטן (באָרדערס)״.

גאָרדין באַשרייבט זיינעם אַ באַזוך אין אַ מין לעמבערגער טענעמענט הויז, און ער שילדערט דאָס אין די שוואַרצסטע פאַרבן: „אַן אַלטע צוויי גאָרנדיקע חורבה, שוואַרצע איינגעבויגענע ווענד, אַ צעפוילטער גרינער דאַך, שמוציקע קליינע פענסטער, צעבראָכענע טירן. יעדער גאָרן איז צע־טיילט אויף קליינע שמאָלע קלעטקעס. אין יעדער קלעטקע זיינען צוזאַ־מענגעפּרעסט מענטשן ווי הערינג אין אַ פעסל. יעדער חדר איז אַ גאַנצע דירה. אין פילע צימערן זיינען די סטעליעס איינגעפאַלן, די שטוקאַטורע פון די ווענד אָפּגעריבן, די אויוונס צעבראָכן און פּאָר דיזע שמוציקע ענגע גריבער צאָלט מען דירה־געלט ניט ביליקער ווי אין ניו־יאָרק!״

זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, ווי אַן עפּילאָג צו גאָרדינס באַ־זוך אין גאַליציע און זיינע איינדרוקן, דערציילט הערי (הערשל) אַלטמאַן, אַן אַנאָנסן־אַגענט אין דער צייטונג „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, אַ גאַליציאַנער, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען זייער טעטיק אין דער גאַליציאַנער „קאָלאָ־ניע״ אין ניו־יאָרק.

זיין געשיכטע, וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט שריפטלעך, איז גע־שריבן מיט זייער שאַרפע באַמערקונגען קעגן גאָרדינען, און עס איז דער־פון צו פילן, אַז גאָרדינס אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן אַ סך אויפרעגונג צווישן די גאַליציאַנער יידן אין אַמעריקע, אויב אין אַלטמאַנס טאָן האָט נאָך געקאָנט פאַרבלייבן אַזויפיל כעס נאָך עטלעכע און פופציק יאָר פון גאָרדינס באַזוך אין גאַליציע.

אַלטמאַן שרייבט אַזוי:

„אין יענעם יאָר ווען גאָרדין איז אָנגעקומען קיין לעמבערג, האָט דאָן דער [איצט] פאַרשטאָרבענער דראַמאַטורג משה ריכטער ע״ה גע־

וואוינט אין לעמבערג. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ גרויסן נאָמען סיי מיט שרייבן פּיעסן פאַר טעאַטער און אויך מיט זייך אַרומפאָרן מיט אַ טרופּע באַקאַנטע אַרטיסטן איבער די גרעסערע שטעט שפּילן טעאַטער. אַזוי שנעל ווי דער „לעמבערגער טאגבלאט" האָט געבראַכט די נייעס, אַז עס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע יעקב גאָרדין, איז משה ריכטער, אַלס וואַרעמער ייד און האַרציקער מענטש, וואָס ער איז געווען, געגאַנגען אין האָטעל „צעהנגוט" באַגריסן דעם גרויסן אַמעריקאַנער גאַסט און קאָלעגע, און האָט זיך אָנגעבאָטן אַלס וועגווייזער, אויב ער האָט אַ פאַרלאַנג צו זען מענטשן, וואָס ער דענקט, אַז ער וואָלט זיך מיט זיי וועלן באַקענען.

גאָרדין האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט און זיך געלאָזט שיין באַדינען. מר. ריכטער האָט אים געפירט צו גימפּלען אין טעאַטער (וואו גאָרדין האָט געמאַכט יענעם באַרימטן סקאַנדאַל). ריכטער האָט נעבעך געהאַט אומבאַשרייבלעכע עגמת נפש פון יענעם עפּיזאָד. ער האָט אים אַרומגעפירט צו רביים און גוטע יידן, דענקנדיק פּילייכט, ווער ווייסט, אפשר ווען עס יועט זיך אַמאָל מאַכן אַ געלעגנהייט, קאָן אַ/אַ מענטש ווי גאָרדין צונוץ קומען... אַ טובה... ווער ווייסט...

און אָט איז יעקב גאָרדין צוריקגעקומען פון יענער גאַליציאַנער נסיעה, און אָנגעפאַנגען שרייבן יענע באַרימטע סעריע, זיינע רייזע־איינ־דרוקן, זיינע באַאָבאַכטונגען, אַז ער האָט געפונען די יידן אין גאַליציע איינגעזונקען אין פאַנאַטיזם און אומוויסן, ממש קאַניבאַלן, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט פון זולו־לאַנד קיין גאַליציע. נו, מילא, פאַרפאַלן... אָבער דערמאָנען כאָטש ווער עס האָט אים אַרומגעפירט אין לעמבערג און אין אַנדערע שטעט ווי אויך צו רביים, האָט ער דאָך געמעגט?! אַ יאָ? ניין, ניט מיט קיין איין וואָרט! ער האָט געהאַט אַ „פירער", וואָס האָט אים געצייגט און געוויזן. דאָ, זעט איר, האָט זיך דאַן אַרויסגעצייגט דער אמתער „גאָספּאָדין גאָרדין". צו דערמאָנען משה ריכטער, האָט ער דאָך געדאַרפט צוגעבן, אַז ריכטער איז אַ באַקאַנטער דראַמאַטורג וועמנס פּיעסן זיינען שוין דאַן געשפּילט געוואָרן ניט נאָר אין גאַליציע, נאָר אויך אין רומעניע און פּוילן, און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט די פאַרשטאָרבענע קעני ליפּצין, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, אויך גע־שפּילט ריכטערס אַ פּיעסע דאָ אין אַמעריקע.

אָבער, אַמשענדלעכסטן איז זיין שרייבן און באַשרייבן די יידישע יוגנט אין גאַליציע: „איינגעזונקען אין פאַנאַטיזם און אומוויסנהייט". דאָס איז געווען אַזאַ ביטערע פּיל, וואָס איז געווען זייער שווער אַרונטערצושלינגען. פּונקט דאַן האָט אויף אונדזער איסטסייד זיך געגרונדעט מיט אַ פּיינעם קלוב פון גאַליציאַנער יונגעלייט, וואָס האָט געהייסן ,עסטרייך־אונגאַרישע ציוניסטן'. טייערע יידישע בחורים מיט ניט־ווייניק וויסן, קולטורעל און אויך באַהאַוונט אין וועלטלעכע למודים. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן וואָס דערדאָזיקער געמיינער בלבול האָט אַרויסגערופן ביי דערדאָזיקער גרופּע? ביי דער נעקסטער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן איינצולאַדן מורנו יעקב גאָרדין צו אַ לעקציע, ספּעציעל איינגעאָרדנט פאַר דעם צוועק. די טעמע זאָל זיין ,די יידישע יוגנט אין גאַליציע', אַן ענין, וואָס וועט אים זיין זייער לייכט צו ריידן און באַלייכטן. גאָרדין האָט די איינלאַדונג אָנגענומען פאַר אַ פּרייז פון 50 דאָלאַר, אַ היבשע סומע פאַר יענע יאָרן. די לעקציע האָט גאָרדין פאָרגעטראָגן אין זאַל פון ,עדיוקיישאָנעל עלייענס'. דאָ האָט גאָרדין אויסגעפּאַקט אַ פּעקל ביטערקייט און פאַרלוימדעריי, וואָס האָט ממש געעקלט. מיט אַמאָל איז אויפגעשפּרונגען אַ יונגערמאַן און געפרעגט אויב ער מעג עפּעס פרעגן דעם השובן לעקטאָר. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גלייך באַקומען די דערלויבניש. „מר. גאָרדין — האָט דער יונגערמאַן (זיין נאָמען איז געווען מאיר ארנשטיין ע"ה) אויסגעדונערט — מיר צווייפלען שטאַרק אויב איר האָט דאָרט אין גאַליציע באַגעגנט יידישע יונגעלייט, שוין ניט ריידנדיק וועגן נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט יידישע יונגע מענטשן. ווייסט איר, ווער עס לויפט צו אייערע לעקציעס דאָ אין ניו יאָרק? גאַליציאַנער יידישע בחורים און מיידלעך, ערשט נעכטן געקומענע פון גאַליציע. אדרבא, זעט: „גאַליציאַנער בחורים — האָט ער אויסגערופן — שטעלט זיך אויף!" און דער גאַנצער זאַל האָט זיך אויפגעשטעלט.

דאָס איז געווען זייער אַ שפּאַנענדער מאָמענט. גאָרדין האָט אָנגעפאַנגען צו דרייען מיט דער צונג, אַז ער האָט ניט אַזוי געמיינט, און שנעל פאַרענדיקט די לעקציע און געשלאָסן דעם אָוונט מיט אַרויסגעבן אַ קנס אויף זיך. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו געבן אין משך פון אַ יאָר 10

לעקציעס פריי (די 50 דאָלאַר פאַד דעם אָוונט האָט ער צוגענומען). מיר פון אונדזער זייט האָבן אים מער קיינמאָל ניט געהערט ריידן. למען האמת, זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן מיר יאָ געזען, ווייל וואָס אמת איז אמת, ער האָט דער ערשטער באַוויזן צו רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער. וואָלט ער געקומען נאָך לעאָן קאָברין, נאָך ז. ליבין, נאָך דוד פינסקי אָדער פרץ הירשביין, אָדער שלום עליכם, וואָלט אפשר זיין גרויסקייט איינגעשרומפן צו דער מדרגה פון אַ זאָלאָטאָרעווסקי״.

און דאָך, נאָך די אַלע טרויעריקע בילדער איז גאַליציע אַריין טיף אין גאָרדינס האַרץ און ער פאַרענדיקט זיינע איינדרוקן וועגן גאַליציע מיט די ווערטער: „איך פיר מיט פון גאַליציע גוטע עראינערונגען, נייע בילדער, נייע פאַקטן, נייע געדאַנקן וועגן דעם יידנס לעבן און זיינע פאַר־העלטנישן צו דער אויסערער וועלט. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געוועזן אַזוי נאָנט צו דער יידישער גאַס אין דער ראָלע פון אַ באַאָבאַכטער ווי די צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין גאַליציע. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין פרייע צייט און גוטע געלעגנהייט צו הערן אַזוי אויפמערקזאַם, וואָס די יידישע גאַס זאָגט, ווי אין גאַליציען״.

ווי אַזוי אָט די איינדרוקן האָבן באַאיינפלוסט און באַווירקט גאָרדינען דעם דראַמאַטורג, וועלן מיר זען ווען מיר וועלן ריידן וועגן זיין פיעסע „גלות גאַליציע״, אָבער פריער גאָרדינס אַ באַזוך ביים בעלזער רבין.

## קאַפּיטל פיר און פערציק

# יעקב גאָרדין באַזוכט דעם בעלזער רבי און גיט אים אַ „קוויטל"

דער הויף — די חסידים וואָס קומען צום רבין — דער גבאי און דער אונטערגבאי — דער רבי פרעגט זיך אויס וועגן יידישקייט — גאָרדינס ענטפערס וועגן יידן אין אַמעריקע און וועגן זיך.

גאַליציע איז געווען ניט נאָר רייך מיט אירע משכילים, נאָר אויך מיט אירע חסידים און רביים, און איינער פון די אָנגעזעענסטע, גרעסערע רביים, איז געווען דער בעלזער רבי. יעקב גאָרדין, ווען ער האָט באַזוכט גאַליציע, האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט פון דעם בעלזער צדיק, אַז ער האָט באַשלאָסן אַהינצופאָרן אים זען.

גאָרדין מאַכט ניט קיין סוד, אַז ער קוקט אויף דעם גאַנצן ענין פון רביסטווא ווי אויף אַ מעשה, וואָס געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דאָך ציט עס אים צו זען. „דעם פיינדס מאַכט קאָן מען לערנען נאָר אין זיין אייגענעם לאַגער", שרייבט ער, און ער פאָרט צום שונא אין לאַגער.

עס איז אַ שיינער, העלער, ליכטיקער זומער־טאָג. די זון איז פויל אין אַזאַ הייסן טאָג און זי באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם, אָבער אַ קיל פריש ווינטעלע בלאָזט אַריין אין אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן. דער נאָמען פון יעדער סטאַציע איז אויפגעשריבן אין דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און אוקראַאיניש. באָרוועסע שקצים און שיקסלעך. אויף אַ סך סטאַציעס ווערן די פּאַסאַזשירן באַגעגנט פון יידישע מיידלעך און יינגלעך, באָר־וועסע, מיט לאַנגע פּאהלעך, לויפן אַרום מיט אַ קרוג וואַסער און אַ גלאָז אין האַנט און שרייען מיט זייערע דינע קולכעלעך „וואָדאַ זשימנאַ" (קאַלט וואַסער). אייניקע פאַרקויפן מאַלינעס אָדער וואַלד־יאַגדעס. אויף די פּלאַט־

פּאָרמעס פון פאַרבייפאָרנדע צוגן אַ גערויש, אַ געלויף, אַ יאָגעניש. די פּאַסאַזשירן איילן זיך מיט זייער אַלטע טשעמאָדאַנעס און שמוציקע זעק ווי צעשראָקענע שאָף. וויבער לויפן אַרום ווי אין אַ פּאַניק. חסידים מיט גראָבע טליתים־זעק און בלעכערנע שעכטלען אין וועלכע עס ליגן זייערע צילענדערס, קינדער, זשאַנדאַרמען, באַן־באַאַמטע, קאָנדוקטאָרן. אַלע אין אַן אימפּעט אויפגערעגט צעדולד, ווי מען וואָלט דערוואַרט אַן ערד־ציטער־ניש. גוואַלד, וויפל לאַנגע, גראָבע, געקרייזלטע, גרויע, געלע, שוואַרצע פּאות. מען דערנענטערט זיך אַלץ מער צו בעלז.

גאָרדינס וועגוויזער דערציילט אים וואָס פאַרע ראָל דער צדיק האָט געשפּילט אין די לעצטע וואַלן. ער האָט זיך גאַנץ אָפן אַריינגעמישט אין פּאָליטיק און געהייסן שטימען ניט נאָר קעגן די סאָציאַליסטישע נאָר אויך קעגן די יידישע ציוניסטישע קאַנדידאַטן. ער האָט געהייסן שטימען נאָר פאַר די פּוילישע רעאַקציאָנערע קאַנדידאַטן, וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעשטעלט. טייל זאָגן, אַז ער האָט דערפאַר געקראָגן זייער גוט באַצאָלט, אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט עס געטאָן נאָר לשם שמים.

אין פענסטער האָט זיך באַוויזן אַן אָרעם קליין יידיש שטעטל. איבער די צעוואָרפענע אָרעמע, קליינע, הייזלעך, האָט זיך געהויבן אין דער הויך אַ הויכער מויער מיט אַ סך פענסטער און מיט אַ גרינעם אייזערנעם דאַך. גראַד ווי אַ קעניגלעכער שלאָס אין אַן אָרעם דערפל. דאָס איז דעם רבינס פּאַלאַץ, ווי עס ווייזט אויס פון דער ווייטנס. נעבן פּאַלאַץ ציט זיך צו די וואָלקנס אַ הויכע נייע שול פון ווייסע שטיינער. הינטערן שטעטל צום וואָקזאַל לויפט אַ טייכל באַוואַקסן פון ביידע זייטן מיט הויכן, גרינעם קאַמיש... בעלז! דער צוג שטייט נאָר פינף מינוט, אָבער אַ סך יידן לאָזן זיך דאָ אַרויס פון דער באַן.

אַ פיאַקר פירט אַריין אין שטאָט. דאָס שפּאַן־געצייג פון די פערד איז אַמאָל אין פּאָניאַטאָווסקיס צייטן געווען פון לעדער און רימען. איצט שטריקלעך און ראָגאָזשעס. דער קוטשער איז אַ הויכער בחור מיט אַ גלאָט אָפּגעשוירענעם קאָפּ, מיט צוויי גלאַטע לאַנגע פּאות, מיט צוויי גרויסע באָרוועסע שמוציקע פיס. דעם פיאַקר האָט טאַקע גאָרדין גענומען נאָר פאַר זיך און זיין באַגלייטער. אָבער באַלד איז אויף די קאָזלעס אַרויפ־

געשפרונגען אַ ייד מיט אַ קלומאַק, און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, איז אין פּיאַקר אַריינגעקראָכן אַ רויטער ייד מיט אַ פעטן בויך, מיט אַ גרויסן, אַלטן טשעמאָדאַן. געדיכטע וואָלקנס געלן שטויב. די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בעלז ווי אַמאָל ביי יהושען אין גבעון, און זי באַקט אָן רחמנות. ביים טייכל, פון איין זייט, וואַשן יידישע און קריסטלעכע פרויען וועש און פּאַטשן מיט אַ ברעטל אָן אַ שטיין. נעבן זיי באָדן זיך שמוציקע, האַלב־נאַקעטע קינדער, קליינע הינטלעך און גרויסע קעץ. פון דער אַנדערער זייט טייכל האָבן זיך געבאָדן, אָן באָד־קאָסטיומען, אָן פייגן־בלעטער, נאַר אדם־נאַקעט, יונגע און אַלטע מענער.

גאָרדין פאָרט צו צום גרעסטן „האָטעל" אין בעלז. אַ גרויסע שטוב אין מיטן מאַרק. פון פאָרנט אַ שענק, וואו עס זיצן עטלעכע גויים און גויעס ביי איין טיש און עטלעכע חסידים ביים אַנדערן טיש. הינטן — גאַנצע פיר צימער פאַר געסט. ביים זייט אַ גרויסער שטאַל פאַר פערד און וואָגנס. קעגנאיבער דעם האָטעל — אַ קירכע. אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ קלייטלעך, וואו מ׳פאַרקויפט בייגל, קעראָסין, טעפּ, זייף, דזשעגעכץ, שטריק, לאָפּטשעס... אין מיטן פּלאַץ אַ גרויסער ברונעם. האַלב־נאַקעטע, אויסגעמאַטערטע יידישע וואַסערטרעגער שעפּן דאָ וואַסער אַ גאַנצן טאָג און צעטראָגן עס אויף זייערע קראָמיסלעס איבער די הייזער. זיי קריגן אַ העלער פאַר פיר עמער וואַסער, און דערמיט דאַרפן זיי דערנערן אַ גאַנצע פאַמיליע.

גאָרדין האָט אַ גאַנצע דיסקוסיע מיט זיין וועגווייזער ווי אַזוי ער זאָל זיך באַווייזן פאַרן רבין. גאָרדין האַלט, אַז ער וועט אים זאָגן דעם אמת. ער איז אַ יידישער שרייבער, וואָס איז געקומען פון דאָרטן און דאָרטן, און וויל וויסן דאָס און דאָס. דער וועגווייזער איז קעגן דעם. ער האַלט, אַז גאָרדין דאַרף קומען צום רבין ווי אַלע יידן, דאַרף געבן אַ פּדיון, דערלאַנגען דעם רבין אַ קוויטל און זיך ניט האַלטן ווי די אַפּיקורסים, ימח שמם וזכרם. מיט אַ ייד, אַפילו פון אַמעריקע, וועט דער רבי זיך האַלטן אָפן, אויפריכטיק, נאַטירלעך, אָבער פאַר אַ שרייבער וועט באַלד אַלץ פאַרדעקט ווערן מיט אַ מאַסקע פון דיפּלאָמאַטיע. גאָרדין איז קעגן אַזאַ קאָמעדיע, אָבער ער גיט זיך פאָרט אונטער צו קומען צום רבין ווי

אַ פּשוטער ייד, און די יידישע באָרד זיינע גיט אים טאַקע צו, אַז ער איז נושא חן ביים צדיק און ביי די אַלע מיניסטאָרן פון הויף. און גאָרדין פאַר־געסט ניט דאָ ווידער אַריינוואָרפן אַ ביסל סאַרקאַזם: „דיזעלבע באָרד, דאַכט זיך, און דאָך אין וויליאַמסבורג ברענגט זי צרות מיט יסורים, און אין בעלז — בערג מיט נחת און תענוג נפש”.

פון דער נאָנט האָט דעם רבינס שלאָס גאָרניט אויסגעזען אַזוי גרויס־אַרטיק ווי פון דער ווייטן. די ווענד זיינען געווען אָפּגעדראַפּעט און צעקראַצט. די טירן און די פענסטער לאַנג ניט געפּאַרבט. גרויסע בערג מיט ציגל, שטיינער, זאַמד און קאַלך זיינען אָנגעוואָרפן אַרום און אַרום. דער רבי בויט צו אַ נייעם פליגל צו זיין מויער. יידישע שטיין־שניידער, טישלער, מויערער זיינען געשטאַנען און געהאַקט, געשניצט, געשלעפּט שווערע שטיינער. אין מיטן מויער אַן ענגער שמוציקער הויף, פול מיט חסידים און חסידותטעס. אויף אַ טיש שטייט אַ גרויסער שמוציקער סאַמאָוואַר און אַ ייד מיט פאַרקאַטשעטע פּאָלעס פאַרקויפט טיי און קיכלעך. אין שלאָס איז דאָ אַ פּריוואַט בית המדרש, אַ מרחץ, אַ גרויסע מילכיקע קיך באַזונדער און נאָך אַ גרעסערע פליישיקע קיך פול מיט גרויסע טעפּ און קעסלען. און אָט איז דעם גבאיס קאַנצעלאַריע, אַ גרויס צימער מיט אַ גלעזערנעם דאַך, וואָס הויבט זיך אויף סוכות און ס׳ווערט אַ סוכה. אין פאָדערצימער זיצן אַ סך אָרעמע לייט, בעטלער, קבצנים, שנאָרער. אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פרויען. יונגע, אַלטע, קראַנקע, געזונטע, אַלע פון טיפּ סאַרוועקעס, גבאיטעס, תכריכים־נייערינס, פרוכת־טרע־נערינס.

דעם רבינס אַסיסטענט, טאַקע זיין זון, אַ זיידערנער יונגעמאַנטשיק מיט גנבהשע אויגן, גיט גאָרדינען אַ ברייטן שלום עליכם ווי ס׳קאָן נאָר זוכה זיין אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער און באַלד הייבט זיך אָן דער עק־זאַמען.

— איר ווילט זען דעם רבין?

— יאָ.

— איר ווילט אים דערלאַנגען אַ קוויטל?

— יאָ.

— וואָס ווילט איר בעטן ביים רבין?

— איך? איך וויל גאָרניט בעטן... איך וויל אים נאָר זען.

— וואָס הייסט, גאָרניט ניט בעטן?

גאָרדינס וועגווייזער האָט אויף אים אַ בייזן קוק געטאָן. גאָרדין האָט פאַרביסן אַ ליפּ.

— אַלזאָ, וואָס ווילט איר בעטן ביים רבין? פּרנסה?

— ניין, פּרנסה, ניט צו פאַרזינדיקן, האָב איך.

דער יונגער גבאי האָט אַ גנבישן וואונק געטאָן און באַמערקט מיט אַ שמייכעלע:

— איך פאַרשטיי, געלויבט זאָל זיין דער השם יתברך, איר זענט אַן אַמעריקאַנער עושר? אַלזאָ, ווילט איר בעטן דעם רבין מכוח קינדער?

— ניין, ניין, דאָס געוויס ניט! וועגן אַזאַ זאַך דאַרף מען דעם רבין אודאי ניט מטריח זיין.

— נו, ווילט איר אים אפשר בעטן מכח געזונט?

— איך בין ניט קראַנק...

דאָ האָט שוין גאָרדינס וועגווייזער זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך אַריינגעמישט:

— וואָס הייסט, איר זענט ניט קראַנק? איר פאָרט דאָך קיין קאַרלס-באַד!

— אַזוי — האָט דעם בעלזער רבינס זון געזאָגט — איר פאָרט אין די בעדער, זענט איר דאָך קראַנק.

— איך בין ניט קראַנק, איך פאָר נאָר אָנווערן אַ ביסל פעטס...

— נאָך וואָס דאַרפט איר פאַרלירן, ווייל עס שטערט אייך צום געזונט? נו, דאַרפט איר בעטן דעם רבין, ער זאָל בעטן גאָט ער זאָל אייך העלפן פאַרלירן. ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז יעקב יוסף בן יחיאל מיכל הלוי.

— ניין, אייער פאָטערס נאָמען דאַרפן מיר ניט. איר גיט אונדז נאָר אייער מוטערס נאָמען.

גאָרדין האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס עפּעס זיין מוטערס, ניט זיין פאָטערס נאָמען. ער האָט אַ פּנים ניט געוואוסט, אַז אַזוי איז דער מנהג,

וואָס איז כמעט ווי אַ דין. אין אָנהייב האָט דער יונגער גבאי ניט געוואָלט אַנטדעקן דעם טעם, אָבער ענדלעך איז ער אָפּן אַרויס, אַז אַ מענטש קאָן קיינמאָל ניט זיין זיכער ווער עס איז געווען זיין פֿאָטער, אָבער דערפֿאַר איז ער זיכער ווער עס איז זיין מוטער. דאָס האָט גאָרדינען אַ רעכט ביסל ווײַ געטאָן. עס איז דאָך אַ מיאוסער חשד אויף יעדער יידישער פרוי, אין דער צייט וואָס מען רעדט אַזויפֿיל וועגן דער צניעות פון דער יידישער פרוי. ער האָט געוואָלט מאַכן אַן אַפּיקורסישע באַמער־קונג, ער האָט זיך אָבער באַגעגנט מיט דעם בעטנדיקן בליק פון זיין לעמבערגער וועגווייזער און געשוויגן.

גאָרדין שילדערט דערנאָך די וועלכע פֿאָרן צום רבין: טעט־קע געשעפֿטסלייט, וועלכע ווילן זיך אויף אַ צייט אַרויסרייסן פון דער גשמיות־דיקער וועלט און זיך אַביסל אַריבערטראָגן אין אַ גייסטיקער וועלט. ס׳פֿאָרן קבצנים אָפּרוען זיך פון זייער שווערן יאָך און פֿאַרגעסן זיך אין זייער וועלט פון צרות און טרערן. ס׳קומען אויך אַהער אַזעלכע וואָס ווילן זיך אויסקויפֿן פון זייערע זינד. עס קומען ליידנדע צו געפֿינען אַ פֿאַרלייכ־טערונג, קראַנקע בעטן אַ רפואה. דער אונטער־גבאי פֿאַרשרייבט די קוויט־לעך, קריגט דערפֿאַר אַ זילבערנע מטבע. דערווייל קומט אַריין דער גבאי אַליין. ער האָט געהערט, אַז עס איז געקומען אַן „אַמעריקאַנער״, האָט ער זיך אַליין מטריח געווען צו קומען. ער האָט באַלד גענומען איבערעקזאַמי־נירן גאָרדינען, וועלכער האָט זיך אָבער געהאַלטן רואיק, געענטפֿערט בנעימות, געגעבן קלאָרע פֿאַקטן וועגן יידישקייט אין אַמעריקע, מכבד געווען דעם גבאי און זיין זון מיט צוויי גוטע האַוואַנאַ־סיגאַרן, באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט פֿאַרן קוויטל, און דער גבאי איז אַוועק צוגרייטן דעם רבין אַליין מיטן צוזאָג, אַז מען וועט גאָרדינען אַריינרופֿן דעם ערשטן.

ענדלעך דערהערט זיך אַ רוף פון אַ הויך דאַר יידל — „דער רבי רופֿט!״. דורך אַ לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר זיינען זיי צוגעקומען צו דער טיר פון רבינס שטוב. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַן אַלטער נערוועזער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד אָן אַ באַשטימטער קאָליר, אין שיך און זאָקן. ער האָט גאָרדינען אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן שלום עליכם און געעפֿנט די טיר. דער ייד, וואָס האָט פֿריער אויסגערופֿן, אַז דער רבי רופֿט, איז אַריין דער

ערשטער און געמאָלדן „ער גייט". גאָרדין איז אַריין אין אַ גרויס צימער, וואו ביי אַ לאַנגן טיש איז געזעסן דער רבי אויבן אָן. נעבן אים איז גע־שטאַנען דער גבאי העפלעך איינגעבויגן, נאָר זיינע קלוגע אויגן האָבן געקוקט פאַרשייט.

— שלום עליכם — האָט געזאָגט דער בעלזער רבי מיט אַ געמאַכט־טער פריינטלעכקייט — גיב אַ שטול דעם גאַסט — האָט ער געזאָגט צו דעם אויסרופער. גאָרדין און דער רבי זיינען געווען די איינציקע, וואָס זיינען געזעסן. אַלע אַנדערע זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט. גאָרדין האָט זיך אַרומגעקוקט. קיין מעבל איז אין דער שטוב ניט געווען. אויפן טיש נעבן רבין איז געשטאַנען אַ גרויסע גלעזערנע פושקע פול מיט זילבערנע מטבעות. דער רבי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פשוטן ייד פון אַ גאַנץ יאָר. אַ געוויינלעך באַיאָרנטער ייד מיט אַ גאַנץ געוויינלעך פנים, וואָס דריקט ניט אויס קיין חכמה, קיין גרויסקייט, קיין געלערנטקייט, אָבער אויך ניט קיין פאַלשקייט. די האַלבע שעה, וואָס גאָרדין האָט ביי אים פאַרבראַכט, האָט ער פון אים ניט געהערט קיין איין מערקווירדיקע באַמערקונג, קיין איין קלוג וואָרט. דער רבי האָט געפרעגט און גאָרדין האָט געענטפערט. די אַנדערע האָבן געשוויגן.

די פראַגן זייענען געגאַנגען בערך אַזוי: דער רבי האָט געפרעגט צי עס זיינען דאָ אַ סך יידן אין אַמעריקע, ווי לעבן דאָרטן די גאַליציאַנער יידן, צי זיינען דאָרט ניטאָ, חלילה, קיין רדיפות אָדער גזרות אויף יידן.

— ווי האַלט עס מיט יידישקייט אין אַמעריקע?

— אַ דאַנקן גאָט, מיט יידישקייט האַלט עס זייער גוט.

— האָבן די יידן אין אַמעריקע פרנסה? איז וואָר, אַז די יידן זיינען רייך אין אַמעריקע?

— דאַנקן און לויבן צו גאָט.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר אייך?

— איך?... — דאָ איז גאָרדין געבליבן אַ ביסל צעמישט און באַ־שלאָסן צו זיין וואָס נענטער צום אמת — איך... איך באַשעפטיק זיך מיט ביכער.

— דאָס הייסט, איר זענט אַ מוכר ספרים? זייער שיין. קויפן נאָך דאָרט די יידן ספרים?

— יאָ, זיי קויפן קינות, תחינות, מחזורים, הגדות.

— קיין גרויסע לומדים, ווי עס זעט אויס, זיינען זיי דאָרט ניט.

— חלילה!

— איך זע — זאָגט דער רבי — אָנווייזנדיק אויף גאָרדינס באָרד — ביי אייך ליגט די יידישקייט אויפן פנים. נו, ווי אַזוי זיינען אייערע קינדער?

— מיינע קינדער, איי, פרעגט בעסער גאָרניט.

— אָבער תפילין און, לכל הפחות, וואָס מען מוז?

— ניט, איי, איי...

— אָבער אין שול גייען זיי דאָך?

— אין שול? ווייס איך, אויך מיר אַ שול.

— אוי, רחמנא לצלן... איר זענט דאָך אַ טאַטע, וואָס הייסט?

— אַ טאַטע! אַ גרויסע זאַך אין אַמעריקע אַ טאַטע. זיי פאָלגן דען אַ טאַטן?

דער רבי האָט זיך געווענדעט צום גבאי און באַמערקט:

— יאָ, דאָס איז ריכטיק. פיל האָבן זיך פאַר מיר געקלאָגט, אַז אין אַמעריקע ווייסן ניט די קינדער פון כבוד אב. האָט ניט קיין יסורים. איך וועל בעטן גאָט, אייערע קינדער זאָלן ווערן פרומע כשרע קינדער, אם ירצה השם, גיך וועט משיח קומען און אַלע יידן וועלן זיך אומקערן צוריק צו יידישקייט.

פאַרן אַוועקגיין פון רבין האָט גאָרדין אַריינגעלייגט צען קראָנען אין רבינס פושקע, געגעבן צו עטלעכע קראָנען דעם גבאי און די אַנדערע יוצר משרתים, אַוועקגעגאַנגען מיט עטלעכע קראָנען ווייניקער, אָבער פולער מיט שלעכטע געפילן וועגן רביים, חסידים און די גאַנצע געשיכטע פון קוויטלעך, ברכות, חסידישער הויף און דאָס גלייכן.

אָט די געפילן האָט גאָרדין באַשריבן אין זיין פיעסע „גלות גאַליציע", וואו ער האָט אַלס באַזע באַנוצט די לעגענדע מיטן ליעווער רבי רב בערעניו.

## קאַפּיטל פינף און פערציק

# גאָרדינס סענסאַציאָנעלע פּיעסע וועגן ליעווער רבי ר׳ בערעניו

אמת און פיקציע וועגן קאָצקער רבי און ליעווער רבי — די ווערק פון פּרץ, אָפּאַטאָשו, באָטאַשאַנסקי אויף דער טעמע — אַ מעשה מיט אַ רבי וואָס זאָל זיין געוואָרן אַן אַפּיקורס און דאָס ווייב האָט אים געסמט — דער טומל אין דער רעליגיעזער פּרעסע קעגן גאָרדין — אב. קאַהאַן באַשולדיקט גאָרדינען, אַז ער בלאָפט — גאָרדינס ענטפער.

מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז גאָרדינס באַזוך אין גאַליציע, וואָס האָט אים געגעבן שטאָף פאַר אַ גאַנצער סעריע אַרטיקלען וועגן גאַליציע בכלל און וועגן דאָרטיקן יידישן לעבן, ווי מיר האָבן בקצור איבערגעגעבן אין אונדזערע פריערדיקע קאַפּיטלען, וועט ביים דראַמאַטורג גאָרדין אויך אַרויסרופן אַ גרויסן אינטערעס און אים אָנצינדן מיט יוגנטלעכן פייער אָנצו־שרייבן אַ פּיעסע אָדער אַפילו עטלעכע פּיעסן פון יידישן לעבן אין גאַליציע.

פאַר דעם דראַמאַטישן קינסטלער גאָרדין זיינען די עטלעכע וואָכן אויפהאַלט אין גאַליציע, זיין קומען אין קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע יידן, זיין באַזוך ביים בעלזער רבין, זיכער געווען גענוג שטאָף פאַר טעמעס, וואָס זאָלן אַרויסברענגען דאָס אייגנטימלעכע, דאָס ספּעציפישע יידישע לעבן אין גאַליציע, ווי עס האָבן פריער פאַר אים געטאָן אַנדערע יידישע שרייבער און דראַמאַטורגן ווי משה ריכטער און גרשם באַדער. גאָרדין אָבער איז, קענטיק, אונטערן איינדרוק פון זיין קראַנקהייט שוין מער ניט געווען דער וואָס זאָל זיך קאָנען אָננעמען מיט אַזויפיל שעפערישן מוט ווי אין זיינע פריערדיקע יאָרן, אָבער דאָך האָט ער באַוויזן אָנצושרייבן כאָטש איין פּיעסע פון גאַליציאַנער יידישן לעבן, און פאַר זיין סוזשעט

האָט ער ניט גענומען קיין אַקטועלע טעמע, נאָר דווקא אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך יאָרן פריער — ווי אַזוי אַ חסידישער רבי ווערט אַן אַפּיקורס. קלמן מרמר, זיין ביאָגראַפער, האַלט אָבער, אַז די פּיעסע פאַרנעמט זיך ניט בלויז מיט דעם היסטאָרישן העלד פון דער פּיעסע. לויט זיין מיינונג באַנוצט גאָרדין בלויז די געשעענישן פון די זיבעציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט פאַר אַ שילדערונג פון די חסידים און די אינטעליגענטן אין גאַליציע, ווי ער, גאָרדין, האָט זיי טאַקע געזען בעת זיין באַזוך אַ סך שפּעטער, אין 1907. ער אינטערעסירט זיך ווייניקער מיט דער פּערזאָן פון דעם העלד דעם רבין, וועלכן ער איז דרך אגב אַפילו משנה השם פון ר׳ בערעניו אויף ר׳ ישראליק. זיין אינטערעס איז מער מיט דער סביבה און די אומשטענדן.

אין דער געשיכטע פון חסידות זיינען דאָ מעשות, אַ ביסל לעגענדאַרישע, אַ ביסל פאַקטועלע, אָבער שטאַרק צוגעפאַרבט און „גרימירט״ פון די שרייבער, וואָס האָבן זיי באַנוצט פאַר זייערע דערציילונגען און פּיעסן, וועגן צוויי רביים, וואָס זאָלן זיין אַראָפּ פון דרך הישר, אַ מעשה וועגן קאָצקער רבי, וואָס זאָל האָבן רעוואָלטירט און געוואָרן אויס רבי, זיך פאַרשלאָסן און זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען חסידים און די הויף־מענטשן האָבן קיינעם צו אים ניט צוגעלאָזט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די חסידים און די „יושבים״ זאָלן הערן זיין אפיקורסות וועגן רביסטוואָ און דאָס קלעבן פון חסידים צום רבין. אָט די מעשה, וואָס האָט געדינט טיילווייז, גאָר אויף אַן אַנדערן אופן, צו אַ געוויסער סצענע פון פּרצס „גאָלדענע קייט״, ווערט אויספירלעך געשילדערט פון אַן אָפּשטאַמיקן פון הויף, אַ שפּעטערדיקן וועלטלעכן שרייבער מ. ב. שטיין, אין זיינער אַ פּיעסע „ערד און הימל״, און איז אויך אַ טייל פון אָפּאַטאָשוס באַרימטן ראָמאַן „אין די פּוילישער וועלדער״. די צווייטע מעשה איז וועגן רב בערעניו פון ליעווע, וואָס איז אויך באַנוצט געוואָרן פאַר בינע־ווערק פון די שרייבער יעקב באַטאַשאַנסקי,[128] מיכל דאַווידזאָן און ד״ר צבי כהן.[129] עס וואָלט, פון ריין געשיכטלעך־קולטורעלן שטאַנדפּונקט און ניט ווייניקער פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, געווען זייער אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ שטודיום און פאַרגלייך פון די אַלע ווערק אויף דער זעלבער טעמע, און זען וואו

די שרייבער קומען זיך צוזאַמען, אין וואָס זיי גייען זיך פונאַנדער, וואָס האָט זיי אינטערעסירט אין דער טראַגעדיע, וואָס זאָל האָבן פּאַסירט אין חסידישן הויף, און וואָס האָבן זיי געוואָלט דערפון אַרויסדרינגען. אָבער ביז דאָס וועט געשען, לאָמיר דערווייל זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון גאָרדינס פּיעסע, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „גלות גאַליציע״, און וועלכע איז געשפּילט געוואָרן דעם לעצטן טאָג פון יאָר 1907 אין ניו יאָרק מיט אַדלערן אין דער הויפּטראָל פון רב ישראליק. דאָס איז אגב געווען די פאַרלעצטע פּיעסע, וואָס גאָרדין האָט געשריבן, און די סאַמע לעצטע גאָרדין־פּיעסע, וואָס דער נשר הגדול יעקב פּ. אַדלער האָט אויפגעפירט און געשפּילט.

ר׳ בערעניו פון ליעווע איז געווען אַ זון פון דעם רבין ר׳ ישראלצע ריזשינער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס איינער, וואָס האָט געלעבט אין גוואַלדיקער עשירות, ממש אין לוקסוס, נאַטירלעך אויפן חשבון פון זיינע חסידים, וואָס זיינען על פּי רוב באַשטאַנען פון אָרעמע פאָלקסמענטשן. נאָכן רבינס פּטירה ווערט בערעניו געקרוינט אַלס רבי, אָבער רביסטוואָ איז אים ניט צום האַרצן, און לויט די קלאַנגען, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען, איז דער רבי ר׳ בערעניו ממש געוואָרן אַן אַפּיקורס. די סביבה, כאָטש זי ווייסט פון זיינע געפילן און געדאַנקען, לאָזט אים אָבער ניט „אַבדיקירן״, ווערן אויס רבי. אין דער ערשטער רייע קעמפט קעגן אים די רביצין, הדסה. פאַר איר איז עס ניט קיין פראַגע פון גלויבן, נאָר פון אַ לעבן אין רייכקייט און אין כבוד. זי וויל אויך פאַרזיכערן איר קינד, אַז ס׳זאָל נאָכן פאָטערס טויט איבערנעמען דעם הייליקן שטול פון רביסטוואָ. זי פאַרשטייט ניט און וויל ניט פאַרשטיין איר מאַנס געפילן, זיינע געוויסנביסן, וואָס מ׳וויל אים צווינגען שפּילן אַ פאַלשע ראָל פון אַ גוואַלדיקן מאמין, אַ בעל מופת, אַ געטלעכן מענטש, ווען ער איז שוין דער גרויסער צווייפלער, דער ניט־גלויביקער, דער אפּיקורס. ר׳ בערעניו באַטראַכט זיך פאַר אַ ליגנער, אַ שווינדלער, אָנצוגיין וויטער אַלס רבי. די רביצין, זיין ווייב, פּרוּווט אין אָנהייב ווירקן אויף איר מאַן מיט גוטן, ער זאָל תשובה טאָן און זיך ניט דערוועגן דורכצופירן די געדאַנקען מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום, אָבער ווען זי זעט, אַז זי קאָן אירס ניט דורכפירן

מיט גוטן, הייבט זי אָן מיט בייזן, און גאָר צולעצט שטעלט זי זיך אַפילו ניט אָפּ פון מאָרד.

דערמאָנט עס ניט אַמאָל די געשיכטע אין „האַמלעט" ווי די קעניגין־מוטער דערמאָרדעט אָדער העלפט דערמאָרדן איר מאַן, הגם דאָרט האַנדלט עס זיך ניט וועגן מיינונגס־פאַרשידנהייטן, נאָר וועגן אַ לינקער ליבע מיטן קעניגס ברודער?

אַ ביטערן קאַמף קעגן רבינס שטימונגען פירט אויך דער גבאי. ר' וואָלף. פאַר אים איז די רבישאַפט אַ גאָלדגרובן. ער איז דעריבער, אַזוי ווי די רביצין מיט וועלכער ער איז אינטים (ווידער די געשיכטע מיט שעקספּירס „האַמלעט"), גרייט אויף אַלץ אַבי אָנצוהאַלטן דאָס געשעפט.

ס'זיינען אָבער פאַראַן נאָך אַנדערע עלעמענטן, וואָס קעמפן קעגן רבינס באַשלוס. דאָס מאָל גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער: דאָס זיינען די גלויביקע, ערלעכע חסידים. דער רבי פילט זיך צוגעבונדן צו זיין רבישן שטול דורך דער אויפריכטיקער טיפער אמונה, וואָס די חסידים האָבן צו אים, אַז ער איז טאַקע דער צדיק, דער וואָס פאַרבינדט זיי מיטן באַשאַפער פון דער וועלט, און קאָן ביי אים פועלן ישועות און נחמות פאַר זיי.

און דאָ איז כדאי צו ברענגען י. ל. פּרצעס זאַץ אין זיין „גאָלדענע קייט":

„געפרווירענע נשמהלעך...
הערצעלעך...
צום נר תמיד קומען זיי,
שטעלן אויס די הענטעלעך:
אַ פונק! אַ פונק!
אַ נדבהלע,
אַ מופתל...
אַ נס, אַ וואונק פון יענער זייט!
און יעדעס וויל פאַר זיך,
פאַר זיך,
פאַר אייגן ווייב און קינד,
פאַ אייגן הויז־געזינד..."

וואָס מער דער רבי טרייבט די חסידים פון זיך, אַלץ הייליקער ווערט ער ביי זיי. דער רבי האָט ניט קיין שטאַרקן כאַראַקטער און ער וואַקלט

זיך וואָס צו טאָן, ער קאָן זיך מיט זיינע אייגענע כוחות ניט באַפרייען, אָבער דאָ קריגט ער מיט איינמאָל הילף פון דרויסן. אַ מתנגד, אַן עקסטרעמער קעגנער פון חסידיזם, וואָס קוקט אויפן חסידיזם ווי אַ פאָרט־זעצונג פון דער פאַלשער שבתי צבי־באַוועגונג, און ווי אויף אַ גלויבן, וואָס איז פאַרמיסטיקט מיט געצנדינערישע עלעמענטן, אַ דאָקטאָר אַ משכיל, און נאָך אַ גאַנצע ריי אויפגעקלערטע פערזאָנען. גאָר אומגע־ריכט קומט אויך צו הילף די קריסטלעכע קירכע, וועלכע האָפט צו געווינען די אומרואיקע נשמה פון רבין.

דאָ האָט גאָרדין, ווי קלמן מרמר ווייזט אָן, אויסגענוצט די ידיעה, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין גאָרדינס יוגנט־יאָרן, אַז דער לומדישער מיסיאָנער יצחק זאַלקינסאָן, דער באַרימטער איבערזעצער פון מילטאָן און שעקספּיר אין העברעאיש, איז דאַמאָלט געווען אין ליעווע צו באַ־ווירקן דעם רבין, אַז ער זאָל גאָר זיך שמדן.

דערזען, אַז זיי קאָנען ניט ווירקן אויפן רבין ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן, פּרוּוון די רביצין און איר שוואָגער, אויך אַ רבי ווי זיין ברו־דער, צו דערקלערן דעם רבי פאַר משוגע.

די משפּחה פון רבין וויל אים אָבער ניט אַרויסלאָזן פון איר רשות. זי האָט מורא, אַז ער קאָן דאַמאָלט אַרויסקומען מיט אַזעלכע דערקלערונ־גען, וואָס וועלן ניט שטימען מיט זיין אמת און מיט דער ראָל אין וועלכער זי, די משפּחה, איז פאַראינטערעסירט, אַז דער רבי זאָל ווייטער שפּילן, געלינגט דעריבער דער איינפלוסרייכער משפּחה צוריק אַריינצוקריגן אין איר באַזיץ דעם רבין ר׳ בערעניו. דאָ איז דער רבי שוין געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש. אויסערלעך, לפּנים, שפּילט ער די ראָל פון אַ רבי. ער איז אָבער גרייט אויסצונוצן די גרויסע מאַכט וואָס ער האָט אַלס רבי און זיך באַפרייען. ער וויל אָנהייבן אַ ניי לעבן. ער פאַרליבט זיך אין דער טאָכטער פון ד״ר גוטמאַן ביי וועמען ער האָט אַ שטיקל צייט געלעבט. זי, די טאָכטער, אַראַבעלאַ, איז אַ געבילדעטע, זי געהער צו דער וועלט אין וועלכער דער רבי זעט זיין האָפענונג פאַר דעם נייעם לעבן. אָבער די רביצין, זיין פרוי, מאַכט אַ סוף צו אַלע פּלענער פון איר מאַן דורכדעם, וואָס זי רוימט אים אָפּ פון וועג. זי פאַרסמט אים.

עס בלייבט געגוי אויסצופאָרשן אויף וויפל גאָרדין האָט אין זיין פּיעסע זיך באַנוצט מיט אמתע פאַקטן, מיטווירקלעכע געשעענישן, און אויף וויפל זיין פאַנטאַזיע האָט אַרומגעפּוצט אָט די פאַקטן, באַזונדערס טאַקע וועגן די צוויי וויכטיקע עלעמענטן פון זיין פּיעסע: די ליבע מיט ד״ר גוטמאַנס טאָכטער און די געשיכטע, אַז זיין פרוי, די רביצין, האָט אים פאַרסמט. באַקאַנט איז, אַז דעם רבינס משפחה האָט געשאָטן מיט גאָלד אומצוקערן צוריק אין איר רשות איר זינדיקן זון, און אַז שפּעטער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די משפחה האָט אים דערמאָרדעט. אָבער אַז גאָרדין האָט אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס קעגן חסידיזם דורך דער פּיעסע, אַז ער, וואָס האָט געקוקט אויף חסידיזם און רביים ווי אויף אַ גרויס אומגליק פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן, איז קלאָר, און עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ער איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון די אַנדערע משכילים, ווי יצחק יואל ליניעצקי און פּרץ סמאָלענסקין, וועלכע האָבן געריסן שטיקער פון חסידיזם און האָבן אים און זיינע העלדן גע־מאָלן אין די שוואַרצסטע אָפּשטויסנדע פאַרבן, אין קעגנזאַץ צו די שפּע־טערדיקע גרויסע יידישע קינסטלער ווי פּרץ און אַש, וועלכע האָבן „געריייניקט די שאָל און אַרויסגענומען די יאָדרע״, וועלכע האָבן דערזען אין חסידות די פּאָעטישע שיינקייט און די גרויסע הומאַניטאַרישקייט און אין דעם רבין די אצילות און העכסטע אויסדרוקן פון מענטשלעכקייט. אָבער זאָגן, אַז אַלץ אין גאָרדינס „גלות גאַליציע״ איז געשריבן מיט גיפט און גאַל, אַז אַלע טיפּן און כאַראַקטערן זיינען געשילדערט בלויז ווי אויסוואורפן און ווילדע חיות, איז אויך ניט אמת. געטריי, אַז ס׳איז ניטאָ קיין געזעץ אָן אויסנאַמען, האָט גאָרדין אין זיין פּיעסע, אַ העלד, משה פּרוש, אַ חסיד, וואָס דערמאָנט אין די שענסטע טיפּן פון דער חסידישער באַוועגונג אין דעם שטאַרקסטן פּעריאָד פון איר אידעאַליזם.

„גלות גאַליציע״ האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנט פּערסאָנאַל. אַדלער האָט געשפּילט די הויפּטראָל, וואָס האָט דאָ געהייסן ר׳ ישראליק. סע׳ראַ אַדלער האָט געשפּילט די רביצין הדסה. די אינטריגאַנטן־ראָל פון ר׳ וואָלף איז פאַרקערפּערט געוואָרן דורכן אויסגעצייכנטן שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש. דעם אינטערעסאַנטן טיפּ פון „משה פּרוש״ האָט

געשפּילט סעמיועל ראָזענשטיין. אויך די אַנדערע ראָלן זיינען געלעגן אין גוטע הענט.

אַז אַ פּיעסע מיט אַזאַ נעגאַטיוון צוגאַנג צו חסידיזם האָט געהאַט קנאַפּע אויסזיכטן אויסצונעמען ביי די ניט־ראַדיקאַלע עלעמענטן פון די יידישע טעאַטער־גייער, איז קלאָר. הגם אַ סך יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ סך לאַסטן פון רעליגיעזער יידישקייט, האָבן זיך באַפרייט פון אַ סך מצוות, האָבן מער ניט אַזוי מקפיד געווען אויף שמירת שבת און ימים טובים, פונדעסטוועגן האָבן זיי געפילט אַ גוואַלדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער יידישקייט פון דער אַלטער היים, און אין דעם איז אויך געווען איינגעשלאָסן זייער ליבשאַפט און דרך ארץ פאַר חסידות, פאַרן הויף, פאַרן רבין, און גאָרדינס פּיעסע אין וועלכער עס ווערט אַרויסגעוויזן אַזויפיל מיאוסקייטן פון הויף און עס ווערט אַראָפּגעריסן די הייליקייט פון רבין, איז אָט די באַזוכער געווען שטאַרק ניט צום האַרצן. דער טייל יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, וואָס האָט מאַרשירט אונטער דער רעליגיעזער פאָן, האָט נאַטירלעך דאָס געוואוסט און איר איז דעריבער די פּיעסע אויך ניט געפעלן, און זי האָט זי אַראָפּגעריסן. גאָרדין איז דערפאַר געבליבן אָפּהענגיק פון דער ראַדי־קאַלער פּרעסע. אָבער דאָ איז ער געוואָרן גאָר גוואַלדיק אַנטוישט. אַפילו די „וואַרהייט", וואָס איז, געוויינלעך, שטענדיק געווען זייער פריינטלעך צו גאָרדינען, האָט דאָסמאָל אין דער קריטיק אויף דער פּיעסע איס ניט גענומען אונטער אירע פליגלען, נאָר אונטערגעשטראָכן, אַז „גאָרדינס באַהאַנדלונג פון חסידים איז געבליבן דיזעלבע ווי ביי די אַלטע משכילים; אַ שניידענדע קריטיק, געבויט מער אויף די סאָציאַל־קולטורעלע ווירקונג פון דיזער ריכטונג, אַרונטעררייסן די מאַסקע פון די שלעכטע, פאַרדאָר־בענע צדיקים און זייערע משרתים און ווייזן די גאַנצע דומהייט, נאַריש־קייט פון זייערע נאָכפאָלגער".

ערגער איז געווען די רעצענזיע פון אב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס", וואָס איז געווען דער לעצטער שריט צו דער שאַרפער מלחמה, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צווישןביידע — אב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין.

בלויז איין ראַדיקאַלער שרייבער, ש. יאַנאָווסקי, דער רעדאַקטאָר

פון „פרייע אַרבעטער שטימע", אמת בלויז אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט נאַטירלעך ניט דערגרייכט די ברייטע טעאַטער־מאַסן, האָט זיך יאָ אָנגענו־מען גאָרדינס קריוודע און דערקלערט, אַז גאָרדינס נייע פּיעסע איז אים „דוקא געפעלן געוואָרן". ער האַלט, אַז דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז „אַ זייער אינטערעסאַנטער און פול מיט העכסט דראַמאַטישע מאָמענטן. די אידעע פון דער דראַמע, כאָטש זייער אַ טיפע, איז זי אָבער זייער קלאָר אויסגעדריקט. די טיפּן זיינען רעאַלע, לעבעדיקע, און די גאַנצע דראַמע איז געשפּילט געוואָרן מיט אַזאַ גלאַטקייט וועלכע איז ווירקלעך אַ זעלטנ־הייט אין יידישן טעאַטער".

אָבער וואָס האָט געמיינט אַזאַ גינסטיקע קריטיק לגבי דעם דרוק פון דער פרומער און ראַדיקאַלער פּרעסע קעגן דער פּיעסע, באַזונדערס די שניידנדע קריטיק פון „פאָרווערטס"־רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן, וואָס איז דאַמאָלט געווען אַ גוואַלדיקער אויטאָריטעט ביי די יידישע פאָלקסמאַסן אויף קונסט און טעאַטער?

אב. קאַהאַן, וועלכער האָט נאָך פריער אַטאַקירט גאָרדינס פריערדיקע פּיעסע „אָן אַ היים", און דערביי זיך אויסגעדריקט, אַז זי איז „אַ פאַלשע, געבלאָפטע, לאַנגווייליקע פּיעסע" און אַז איר דערפאָלג האָט זי צו פאַר־דאַנקען ניט איר אינהאַלט און ניט דאָס שפּילן נאָר דאָס וואָס „מיסטער גאָרדין אַליין האָט יעדן אָוונט אַדווערטייזט די פּיעסע אויף אַזאַ אַרט אויף וועלכן אין דעקסטער סטריט אַדווערטייזט מען סעקאָנד הענטיקע קליידער", האָט אין דער רעצענזיע וועגן „גלות גאַליציע" געשריבן, אַז דער עולם האָט זיך שוין אַרומגעזען, אַז גאָרדין פּרוווט אים אָפּצובלאָפן, און „אום צוריקצוגעווינען, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, האָט גאָרדין „געטרייעט [געפּרוווט] געבן אַ פּיל בעסערע, אַ פּיל שטאַרקערע, אַפילו ערלעכערע פּיעסע, אָבער אויך די נייע פּיעסע „גלות גאַליציע" איז פאַלש, געבלאָפט און לאַנגווייליק פון אָנהייב ביז סוף".

אַז גאָרדין האָט געהאַט אַ סך פאַרערער איז דעם לעזער שוין באַקאַנט. איז דעריבער זייער פאַרשטענדלעך, אַז זיי זיינען געוואָרן שטאַרק אויפ־געבראַכט פון קאַהאַנס קריטיק, באַזונדערס פאַרן אויסדרוק „פאַלשע, גע־בלאָפט און לאַנגווייליק". זיי האָבן געהאַלטן, אַז קאַהאַן האָט ניט געטאָרט

באַנוצן אַזעלכע אויסדריקן גראָד צו גאָרדינס אַ פּיעסע, אין דער צייט ווען ער באַנוצט אַ סך מילדערע אויסדריקן ווען ער רעדט וועגן דריט־קלאַסיקע פּיעסן, וואָס זיינען געשריבן פון שונד־שרייבער.

אָבער קאַהאַן האָט דערגרייכט זיין ציל. דער באַזוך אין טעאַטער איז געוואָרן ווייניקער, און נאָך מער, דער הויפּטראַליסט, יעקב פּ. אַדלער, האָט זיך דערשראָקן ווייטער צו שפּילן די פּיעסע, און ווען גאָרדין האָט די פּיעסע געשטעלט דעם 23סטן יאַנואַר 1908, צו זיין ערן־אָוונט (אַזאַ מנהג איז דאַמאָלט געווען), האָט די הויפּטראָל פון ר׳ ישראליק שוין געשפּילט מאָריס מאָשקאָוויטש, וועלכער האָט, ווי אויבן באַמערקט, געשפּילט פריער די אינטריגאַנטן־ראָל פון „ר׳ וואָלף״.

אויף זיין ערן־אָוונט האָט גאָרדין אין קורצן געשילדערט צווישן די אַקטן, די לאַגע פון די יידן אין גאַליציע און דערקלערט, אַז זיין פּיעסע איז אַ בילד פון אַט דעם לעבן. צום לעצט האָט ער באַמערקט צום גרויסן עולם, וואָס האָט איבערגעפּאַקט דאָס טעאַטער, אַז דער „פאָרווערטס״ און די „רעאַקציאָנערע פּרעסע״ רופן אים „בלאָפער״ און זיינע פּיעסן — בלאָף. און ער האָט באַמערקט: „וואָס זאָל איך טאָן, אַז איר, דאָס אינטעליגענטע יידישע טעאַטער־פּובליקום האָט מיך אַזויפיל יאָרן געלאָזט בלאָפן? ווען איר וואָלט ניט געווען צונעמען פון מיר אַזעלכע בלאָפס ווי „גאָט, מענטש און טייוול״ און „מירעלע אפרת״ און אַנדערע פּיעסן, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אויפגעהערט בלאָפן, אָבער איר אַליין האָט דאָך מיר געגעבן דעם מוט ווייטער צו שרייבן, האָב איך ווייטער געבלאָפט״.

דער ענטפער אויף גאָרדינס ווערטער איז — געווען אַ דונער אַפּלאָז אין טעאַטער, און אַ סעריע אַרטיקלען פון אב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס״ אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַש און בלאָטע פון גאָרדינען.

עס איז אויסגעבראָכן די אמתע מלחמה צווישן ביידן.

## קאַפּיטל זעקס און פערציק

# אב. קאַהאַנס גרויסער שאָס קעגן יעקב גאָרדין

קאַהאַן זאָגט, אַז זיין געדולד האָט געפּלאַצט — באַשולדיקט גאָרדינען אין פּערזענלעכע אַטאַקעס — דערקלערט גאָרדינען אַלס פּלאַגיאַטאָר — האָט גאָרדין טאַקע גענומען זיין גרויסע עסיי „די גרויסע וועלט־דראַמע" פון גלח אוענס בוך?

דער אמתער קאַמף, ממש אַ מלחמה, וואָס האָט איצט אויסגעבראָכן צווישן אב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין, האָט זיך שוין מער ניט איינגעשטילט. עס קאָן זיין, אַז ווען ניט גאָרדינס קראַנקהייט, וואָס האָט קורץ דערויף געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן, וואָלטן ווידער, ווי פריער, אַנטשטאַנען אַזעלכע אומשטאַנדן, אַז צווישן דידאָזיקע צוויי פּערזענלעכקייטן, יעדן אויף זיין געביט, וואָלט צוריק געשלאָסן געוואָרן שלום. אָבער אַזוי ווי דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז די מלחמה צווישן זיי איז אויסגעבראָכן קורץ פאַר גאָרדינס טויט, קאָן די יידישע טעאַטער־געשיכטע בלויז פאַרצייכענען זייערע קעגנזייטיקע ביטערע אַטאַקעס און דעם טומל און שווערן איינדרוק, וואָס דאָס האָט דאַמאָלט געמאַכט אין דער יידישער גאַס.

ברענגען גענוי דעם גאַנג פון דער מלחמה וואָלט געמיינט פּשוט איבערצודרוקן די אַלע פאַר־און־קעגן אַרטיקלען, אַ גאַנצע ליטעראַטור, עטלעכע ביכער. מיר וועלן זיך דעריבער מוזן באַגנוגענען בקיצור איבערצוגעבן די אַרגומענטן פוןביידע צדדים.

קלמן מרמר האַלט, אַז די מלחמה האָט איר פאָרגעשיכטע נאָך פון גאָרדינס פּיעסע „טהרת המשפחה". ער איז מודה, אַז אויך אַנדערע שרייבער האָבן פון צייט צו צייט קריטיקירט גאָרדינען, אָבער דאָך האָט קיין קריטיקער אים אַזוי ניט אויפגערעגט און ניט דערפירט צו אַזאַ ביטערער מחלוקה ווי די צווישן אים און אב. קאַהאַן. אַ פּנים, אַז דאָרט איז געווען

עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָרדינען אָנגעגריפן מער ווי סתם „אַ מילדע העפלעכע און פריינטלעך אויסגעדריקטע קריטיק", ווי אב. קאַהאַן שרייבט וועגן דעם אין זיינע זכרונות.

ווי שוין דערמאָנט, האָט קאַהאַנס קריטיק אַרויסגערופן אַ שאַרפן ענטפער פון לואי מילער אין גאָרדינס חודש־זשורנאַל „די דראַמאַטישע וועלט", אַ פריינטלעכע רעצענזיע פון איינעם „דאָקטאָר" און אַ שאַרפן ענטפער אין בריוו־קאַסטן פון מחבר. וועגן אָט דעם ענטפער, באַמערקט מרמר: „אָט די אומקאָמפּראָמיסלעכע שטעלונג זיינע האָט גאָרדינען גע־קאָסט צו טייער. דער „פאָרווערטס" איז דאַמאָלט געווען, און איז יאָרן־לאַנג פאַרבליבן, די איינציקע טעגלעכע אַרבעטער־צייטונג אין אַמעריקע. דער „פאָרווערטס"־רעדאַקטאָר איז ניט געווען סתם ,אַ באָס אין צייטונג', ווי גאָרדין האָט זיך אויסגעדריקט, נאָר דער פולער בעל־דעה פון אַ גוואַלדיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַכט. ... ווי אַ ווידערשפּעני־קער קעגן אָט דער מאַכט, האָט יעקב גאָרדין שוין ניט געקאָנט מער האָבן די שטיצע פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. פאַרקערט, זיינע פּיעסן ווערן שוין דאָרט כּסדר אַרונטערגעריסן, אָדער מינימיזירט. ...די סיבה, וואָס גאָרדין האָט זיך געפילט באַזונדערס שווער געטראָפן דורך די אָנ־פאַלן אויף אים אין סאָציאַליסטישן ,פאָרווערטס', איז געווען פּשוט: דאָס בעסערע יידישע טעאַטער, אַזוי ווי די בעסערע יידישע ליטעראַטור, האָט זיך געשטיצט אויף די אויפגעקלערטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און זייער אינטעליגענץ. זייער אָנוועזנהייט האָט גאָרדינען געגעבן מוט און כּוח צו רעפאָרמירן די יידישע בינע, אויסבילדן אַ קאָרד פון קינסטלער, פּרויען און מענער, און דערציען אַ טעאַטער־פּובליקום פאַר בעסערע פּיעסן. זיין גאַנצע אַרבעט איז אָבער געשטעלט געוואָרן אין געפאַר דורך דער נייער טענדענץ פון ,פאָרווערטס', וואָס איז באַשטאַנען, לויט גאָרדינס אויסדרוק, אין זיך ,אַראָפּלאָזן צו די מאַסן און האַרמאָניזירן מיט זייערע נידריקסטע אינסטינקטן' *".

מרמר ווייזט אָן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין פיקס־אידעע ביי גאָר־

* זע „דראַמאַטישע וועלט", ניו־יאָרק, 15 סעפּטעמבער 1904.

דינען, נאָר אַ פאַקט, ווי מען האָט עס געקאָנט פילן פון קאַהאַנס רעצענזיע וועגן גאָרדינס פּיעסע „אויף די בערג״: „ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, האָט אב. קאַהאַן ניט געפונען קיין איין איינציקן גוטן שטריך אין גאָרדינס נייע פּיעסע. ער האָט געשריבן, אָבער ער האָט עס ניט באַוויזן, אַז ‚אויף די בערג' איז באַאיינפלוסט פון אַ ראָמאַן און אַ דראַמע אין ענגליש, און אַז די אַלרייטניקעס אין דער פּיעסע זיינען צו שוואַרץ געמאָלן. ...די כסדרדיקע אָנפאַלן אין ‚פאָרווערטס' האָבן געשטעלט אין סכנה דעם קוואַל פון גאָרדינס חיונה. די זאָרג איבער דער צעשטערונג פון זיין דראַמאַטישן בנין, ווי אויך די זאָרג פאַר זיין גרויסער משפחה, וואָס איז געווען אָנגעוויזן אויף זיין פאַרדינסט, האָט [האָבן] סוף כל סוף אויך אונטערגעגראָבן גאָרדינס געזונט״.

ניט בעסער האָט גאָרדין אָפּגעשניטן פון אב. קאַהאַנען אין זיין רעצענזיע אויף זיין אַנטי־חסידישער פּיעסע „גלות גאַליציע״: ‚גלות גאַליציע' האָט דעריבער — שרייבט מרמר — זיך געקאָנט שטיצן אויף די ראַדיקאַלע יידישע מאַסן, נאָר אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר פון ‚פאָרווערטס', אב. קאַהאַן, איז געווען גאָרדינס אַ פּערזענלעכער שונא, איז — אָנשטאָט צו פאַרטיידיקן אָט די ראַדיקאַלע פּיעסע קעגן דער קאָנסערוואַטיווער, אָרטאָדאָקסישער פּרעסע, האָט ער אַליין זיך אַרויפגעוואָרפן אויף גאָרדינען נאָך מיט מער האַס ווי יענע. ער האָט ערקלערט, אַז אויך די פריערדיקע פּיעסע גאָרדינס ‚אָן אַ היים' איז געווען ‚אַ פאַלשע, געבלאָפטע, לאַנגווייליקע פּיעסע' ...און צוריקצוגעווינען, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, האָט גאָרדין געטרייעט געבן אַ פּיל בעסערע, אַ פּיל שטאַרקערע, אַ פּיל ערלעכערע פּיעסע ווי די, וואָס ער האָט געגעבן אין די לעצטע יאָרן'. אָבער... אויך די נייע פּיעסע ‚גלות גאַליציע' איז פאַלש, געבלאָפט, און לאַנגווייליק פון אָנהויב ביז סוף', דאָס האָט נאַטירלעך שטאַרק אויפגערעגט גאָרדינס פאַרערער. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז אַזעלכע ווערטער ווי ‚פאַלש און לאַנגווייליק' האָט אב. קאַהאַן קיינמאָל ניט דערוועגט זיך צו שרייבן קעגן די נידריקסטע מאַכערייקעס פון די ערגסטע שונדיסטישע פּיעסן־מאַכער. פאַרקערט, דאָרט פלעגט ער געווינלעך צוגעבן, אַז כאָטש ס'איז ‚שונדעוואַטע', איז עס דאָך געשפּאַנט און אינטערעסאַנט״.

אַט די אויסדריקן זאָלן עס האָבן אַרויסגעבראַכט גאָרדינען פון געדולד. ער האָט די פּיעסע בכיוון געשטעלט צו זיינעם אַן ערן־אָוונט, און צווישן די אַקטן האָט ער געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט אָפּגע־חוזקט דערפון, וואָס מען האָט אים גערופן „בלאָפער" און זיינע פּיעסן „בלאָף". קאַהאַן, ווי שוין דערמאָנט, האָט זיך ניט אַזוי אויפגערעגט פון אינהאַלט פון דער רעדע ווי דערפון, וואָס גאָרדין האָט אים נאָכגעקרימט און פּערזענלעך געמאַכט פון אים חוזק, און דאָ איז אב. קאַהאַן אַרויס אין מלחמה קעגן גאָרדינען. גאָרדין האָט געהאַט נאָך אַזוי פרי ווי אין נאָוועמבער־דעצעמבער 1899 און יאַנואַר 1900 אָפּגעדרוקט אין חודש־זשורנאַל „פרייע געזעלשאַפט" אַ גרעסערע סעריע עסייס וועגן „די גרויסע וועלט־דראַמע", וועלכע ער האָט אין 1904, „אַ ביסל פאַרגרעסערט און אויסגעבעסערט" איבערגעדרוקט אין זשורנאַל „די צוקונפט" (שפּעטער אַרײַן אין „אַלע שריפטן", באַנד 4, זז. 49—3). אַט די אַרטיקלען האָבן אין זיין צייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די לייענער און אַרויסגערופן דעם גרעסטן דרך־ארץ צו גאָרדינען ווי צו אַ גרויסן קענער פון דער דראַמאַטישער וועלט־ליטעראַטור. קאַהאַן האָט, צעגלידערנדיק גאָרדינס אַרטיקלען, וועלכע ער האָט בכיוון איבערגעדרוקט אין „פאָרווערטס", אויפגעוויזן, אַז „פּונקט ווי ער האָט כסדר פריער אונטערגעשטראָכן, אַז גאָרדין איז ניט קיין אָריגינעלער דראַמאַטורג, זיינען אויך די אַרטיקלען, וואָס באַווייזן אַזויפיל דראַמאַטישע למדנות, ניט גאָרדינס אָריגינעלע, נאָר זיינען גענומען פון דזשאָן אוענס בוך „די פינף סקעפּטישע דראַמעס פון דער געשיכטע", און אַז כמעט אַלע גאָרדינס אַרטיקלען וועגן ריטם, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „צוקונפט", זיינען גענומען פון קאַרל בוכער.

מ'קאָן זיך פאָרשטעלן דעם רושם פון קאַהאַנס אַרטיקלען און דעם טומל, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אין דער יידישער גאַס.

אב. קאַהאַן שרייבט, אַז דער גרויסער סכסוך צווישן ביידען האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס אויף זיין רעצענזיע וועגן גאָרדינס „אָן אַ היים" איז „מיין קריטיק געווען זייער ניט קיין גינסטיקע. זי איז אָבער געשריבן געוואָרן אָן דער קלענסטער אָנצוהערעניש אויף אַ פּערזענלעכן אָנגריף.

אויף דעם האָט גאָרדין אָפּגעענטפערט מיט אַ לאַנגן אַרטיקל (אין „ווארהייט" פון 30סטן נאָוועמבער 1907) ...דער אַרטיקל האָט ...אַנשטאָט צו באַהאַנדלען די פּונקטן פון דער קריטיק — אַן אַטאַקע אויף דעם קרי־טיקערס פּערזאָן. דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן ענטריסטונג [אויפּרע־גונג] ניט נאָר צווישן אונדזערע גענאָסן, נאָר צווישן זייטיקע מענטשן אויך".

קאַהאַן האָט דאַמאָלט באַשלאָסן צו ענטפערן גאָרדינען דורך אַ גרינט־לעכער באַהאַנדלונג פון זיין אַרט שרייבן, און ער האָט אַנאָנסירט, אַז ער וועט וועגן דעם שרייבן אין דער אָפּטיילונג „ליטעראַטור און לעבן", וואָס ער פלעגט דרוקן יעדן זונטיק אין „פאָרווערטס". אָבער דאָ איז קאַהאַן קראַנק געוואָרן און ניט געקאָנט צוטרעטן צו דער אָפּהאַנדלונג. זיין פאַר־דרוס און כעס קעגן גאָרדינען האָבן זיך אָבער דורך דער צייט ניט איינ־געשטילט, און ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער דעם 1טן פעברואַר 1908 אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אין „פאָרווערטס" די סעריע „גאָרדינס פלאַץ אַלס יידישער דראַמע־שרייבער". אָנגעהויבן די סעריע האָט קאַהאַן מיט אַן אַריינפיר פון אַ „פאַר פערזענלעכע ווערטער" ווי ער דערציילט אין זיינע מעמוארן: „אַלס הקדמה דערמאָן איך ווי גאָרדין אַטאַקירט מיך אימער מיט פערזענלעכע באַליידיגונגען און איך ענטפער ניט, און איך זאָג, אַז ענדלעך פיל איך געצוואונגען צו מאַכן אַ סוף צו מיין שווייגן. איך ערקלער, אַז איך וועל באַטראַכטן זיינע ווערק און זיינע מעטאָדן גרינטלעך, אָבער ניט באַאיינפלוסט פון אונדזערע פערזענלעכע באַציאונ־גען. איך אָנערקען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער בינע און דעם הויכן פּלאַץ, וואָס ער פאַרנעמט אין איר געשיכטע. וואָס אָנבאַטרעפט אָבער דעם אמת ליטעראַרישן ווערט פון זיינע דראַמעס, באַמערק איך, איז דאָס אַ גאַנץ אַנדער פראַגע. ...די סעריע איז געווען אַ לאַנגע זי איז געגאַנגען צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך, און זי האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן. ...איך האָב אים געגעבן קרעדיט [געלויבט] פאַר יעדער מעלה וואָס מען קאָן נאָר אין זיין שרייבן געפינען, און וואָס אָנבעלאַנגט די חסרונות, האָב איך זיי אַרויסגעבראַכט אַזוי דייטלעך, ווי איך בין אימ־שטאַנד, אָבער אימער אַזוי מילד און העפלעך ווי מעגלעך. ...גאָרדינס

אַנטוואָרטן האָבן צוערשט געהאַט די פאָרמע פון סאַרקאַסטישע שפּאַסן, פול מיט פאַראַכטונג. ער האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן דעם טאָן. עס האָבן זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט סמנים פון אויפרעגונג. עס האָט ניט געפעלט זידלעריי. דערנאָך האָט ער פאַרלאָרן יעדן זעלבסט־קאָנטראָל און האָט געברויכט מאַנכע אומאַנשטענדיקע שימף־ווערטער און ענדלעך זיינען זיינע אַטאַקעס דערגאַנגען צו די ערגסטע פאָרמען. איך אָבער האָב אָנגע־האַלטן דעם זעלבן טאָן פון פאַרלאַמענטאַרישע אַנשטענדיקייט. דער רע־זולטאַט איז געווען, אַז דאָס גופא, דער אונטערשיד אין אונדזערע מאַניערן, האָט געווירקט צו גונסטן מיין צד. ...דער אינטערעס אין דער סעריע איז געווען אומגעהויער. מען האָט וועגן זיי גערעדט אומעטום, און פילע אָר־גאַניזאַציעס האָבן אַראַנזשירט דיסקוסיע־אָוונטן מיט דידאָזיקע אַרטיקלען פאַר אַ טעמע. בוכשטעבלעך פון אַלע זייטן, פון פאַרשידענע געגנטן, פאַרטייען און גרופּן, האָט מען איבערגעגעבן מיינונגען, וועלכע האָבן מיר פאַרשאַפט די העכסטע צופרידנהייט. מאַנכע פון דיזע מיינונגען, שריפט־לעכע און מינדלעכע, זיינען געקומען פון מענטשן, וואָס זיינען געווען קעגנער פון ,פאָרווערטס׳ אָדער פון מיר פערזענלעך״.

דער צופאַל האָט אויך צוגעשפּילט קאַהאַנען, וואָס גראָד אין יענער צייט זיינען אין דער יידישער פרעסע אין אייראָפּע דערשינען עטלעכע נעגאַטיווע אַרטיקלען וועגן גאָרדינס דראַמאַטורגיע, האָט קאַהאַן דאָס אויסגענוצט און זיי גענומען איבערדרוקן, ווי ער גיט איבער: „גראָד האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אין דער צייט ווען מיינע אַרטיקלען וועגן יעקב גאָרדינס ווערק זיינען געגאַנגען אין ,פאָרווערטס׳, האָט מען וועגן אים אויך גענומען אָפּטע שרייבן אין רוסלאַנד — צוערשט נאָר אויף יידיש און דערנאָך אויף רוסיש אויך. ...איך האָב די דאָזיקע קריטיקן איבערגעדרוקט אין ,פאָרווערטס׳ אונטער אַזעלכע קעפּלעך ווי ,וואָס מען דענקט אין רוסלאַנד וועגן גאָרדינען.׳ פאַר מיר איז דאָס געווען זייער וויכטיק: טאָמער גלויבט ווער עס איז, אַז מיין קריטיק איז געווענדט אויף פּער־זענלעכע געפילן, טאָ זאָל מען זען, אַז דאָרטן אין רוסלאַנד, וואו די קרי־טיקער זיינען מיט גאָרדינען נישט באַקענט און וואו וועגן פּערזענלעכע געפילן קעגן אים, קאָן קיין רייד ניט זיין, זאָל מען זען, אַז דאָרטן זאָגט מען פּונקט דאָס זעלבע וואָס איך׳ ״.

אין זיינס אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דאָזיקן היסטאָרישן גאָרדין־קאַהאַן־קאַמף, שטעלט זיך הלל ראָגאָף אויך פולשטענדיק אויף קאַהאַנס צד: „אַז יעקב גאָרדין האָט פאַרדינט קרעדיט פאַר ארויסהייבן דעם טעאַטער פון דעם שונדישן זומפּ, האָט קאַהאַן ניט געלייקנט. ער האָט אויך ניט געלייקנט אַנדערע פאַרדינסטן גאָרדינס פאַרן טעאַטער; פאַר אָפּשאַפן די הפקרות אויף דער בינע, פאַר אַריינטראָגן אַ טאָן פון קולטור, פון יראת הכבוד אין טעאַטער און אַזוי ווייטער. קאַהאַן האָט אָבער ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז גאָרדינס דראַמעס געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון עכטער קונסט, פון אמתער ליטעראַטור. קאַהאַן האָט אין זיינע קריטיקן באַוויזן, אַז גאָרדינס כאַראַקטערן האַנדלען ניט און ריידן ניט נאַטירלעך ווי לעבעדיקע מענטשן. דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז דאָס האָט פּאַסירט אין דער צייט ווען די יוגנט פון דער יידישער אימיגראַציע, וואָס האָט אָנגעפילט דעם יידישן טעאַטער, איז געווען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט, און אַז די טעמעס פון גאָרדינס פּיעסן זיינען אויך געווען רעוואָלוציאָנערע — זיי האָבן געצילט אויפצודעקן די איבלען פון די אַלטע פירונגען, פון דער אַלטער אָרדנונג, און האָבן געפּרעדיקט די נייע געדאַנקען פון ראַדיקאַלן פּראָגרעס. גאָרדינס פּיעסן האָבן דערפאַר אַפּעלירט צו דעם בעסערן טעאַטער־עולם, צו די יונגע אימיגראַנטן, די זעלבע יונגע אימיגראַנטן, וואָס האָבן געלייענט דעם ‚פאָרווערטס‘, און וואָס האָבן אין ‚פאָרווערטס‘ געפונען די זעלבע געדאַנקען ווי די וואָס גאָרדין האָט געפּרעדיקט אין זיינע פּיעסן. אב. קאַהאַנס לאַגע אין דער מלחמה מיט גאָרדינען איז דערפאַר ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. מען קאָן זאָגן, אַז אַלע זיינען געווען קעגן אים: דער עולם, די בעסערע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אין גאָרדינס פּיעסן געפונען די ערשטע געלעגנהייט צו שאַפן שטאַרקע ראָלן און צו באַווייזן זייער טאַלאַנט. אויך די באַלעבאַטים און פאַרוואַלטער פון די טעאַטערס, וועלכע האָבן פון גאָרדינס פּיעסן געמאַכט געלט. אין דער רוסישער קאָלאָניע, די קרייזן פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן דאַמאָלט פיל געהאָלפן אין שאַפן די עפנטלעכע מיינונג אין פראַגן פון קולטור, איז גאָרדינס פּערזענלעכער איינפלוס געווען זייער גרויס. אויסער דעם האָט ער אַליין פאַרמאָגט אַ שאַרפע סאַטירישע פעדער, וועלכע ער

האָט פריי באַנוצט אין די צייטונגען, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען אין בי־טערער אָפּאָזיציע צום ,פאָרווערטס׳ און צו אב. קאַהאַנען. עס פאַרשטייט זיך, אַז גאָרדינס אַנהענגער האָבן באַשולדיקט קאַהאַנען אין פערזענלעכע קריוודעס, פערזענלעכע מאָטיוון. די באַשולדיגונג האָט ניט געהאַט קיין באַגרינדונג. ביי קאַהאַנען האָט עס זיך געהאַנדלט דורכאויס אין אויפ־ריכטיקער קריטיק. ער האָט עס געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו זאָגן דעם אמת וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט פון גאָרדינס פיעסן און — ער האָט זיין פליכט געטאָן״.

וואָס זאָגט דער אַנדערער צד? מיר וועלן ברענגען די טענות פון אַנדערן צד, לויט איינעם פון גאָרדינס שטאַרקסטע פאַרערער, מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער דריקט זיך אויס וועגן אב. קאַהאַנס ערשטע פיר אַרטיקלען (15 קאָלומס): „אין אַ ים ווערטער האָט ער אַרויסגעבראַכט צוויי גרופּן ,פאַקטן׳, פון וועלכע די ערשטע [אַז גאָרדין האָט זיינע טעמעס גענומען ביי אַנדערע] האָט ער שוין אַליין געזאָגט ביי יעדער רעצענזיע אין די זעכצן יאָר [וואָס מען שפּילט גאָרדינס פיעסן], וואָס ער ,האַלט זיך איין׳, און אַ צווייטע גרופּע מער אָדער ווייניקער ניי — הגם ניט שפּאָגל־ניי — דאָס איז: „אַז גאָרדין טעראָריזירט די קריטיק און מאַכט סקאַנדאַלן אינם טעאַטער; — אַז ער האָט קריטיקפיבער; אַז ער האַלט אין איין זידלען קאַהאַנען — שוין זעכצן יאָר! אַז ער, קאַהאַן, האָט זיך איינגעהאַלטן (איזהו גבור הכובש את יצרו), ביז עס איז געקומען פּרץ, מיט אים אַנסקי, און זיי ביידע האָבן מגלה געווען דעם סוד; אַז געשאַנעוועט האָט מען גאָרדינען די גאַנצע זעכצן יאָר, מחמת ער איז אַ בן יחיד״ א.א.וו. א.א.וו.

גענויער און זאַכלעכער באַהאַנדלט דעם ענין גאָרדינס אַ צווייטער אַנהענגער און אויך זיין ביאָגראַפער, קלמן מרמר. קודם כל ווייזט ער אָן, אַז צוליב דעם וואָס גאָרדין האָט אַ סך געלייענט און איז געווען אָנגע־רעגט פון דער וועלט־ליטעראַטור, איז ניט לייכט אָנצוווייזן דעם אָפּשטאַם אפילו פון די פיעסן, וועלכע ער האָט יאָ באַאַרבעט פון אַנדערע קוואַלן, און אַלסביישפּיל שטיצט ער זיך, וואָס, אַ שטייגער, בעת דוד פינסקי האַלט אַז גאָרדין האָט זיין פיעסע „עץ הדעת״ געבויט אויף פרידריך העב־בעלס „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ״, האַלט גאָר נח פרילוצקי, אַז איר אָפּשטאַם

איז פון גראַף טאָלסטאָיס „פּרוכט פון בילדונג“, אָדער, ווידער, גאָרדינס „שטיפמאַמע“, איז, לויט ב. גאָרין באַאַרבעט פון מאָזענטאַלס „דעבאָראַ“, בעת מיכל גאָלדבערג גיט אָן, אַז עס איז אַ באַאַרבעטונג פון גרילפּאַרצערס פּיעסע „פּאַראַדינאַ“, וואָס ווערט אַפילו גאָרניט דערמאָנט צווישן גריל־פּאַרצערס פּיעסן.

נאָך קאָמפּליצירטער זיינען — לויט קלמן מרמר — די אור־קוועלן פון גאָרדינס אָן עסיי, וואו די הויפּט־אידעען זיינען פּאָרט זיינע אייגענע. ס׳איז דעריבער געווען, מילד גערעדט, אַ לייכטזיניקייט, צו באַ־שולדיקן גאָרדינען, אַז זיין אַרבעט „די גרויסע וועלט־דראַמע“ איז איבער־געשריבן פון רעוורענד דזשאַן אוענס אַ בוך. דזשאַן אוען (1833—1896), אַ גלח אין ענגלאַנד, האָט צענדליקער יאָרן זיך באַשעפטיקט מיט פּראָב־לעמען פון סקעפּטיציזם. ער האָט אַרויסגעגעבן פאַרשידענע אָריגינעלע און איבערזעצטע ווערק, און זיין לעצט ווערק, „פינף גרויסע סקעפּטישע דראַמעס פון דער געשיכטע“ איז אַרויס אין 1896, שוין נאָך זיין טויט. אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָבן זיינע ווערק ניט אַרויסגערופן קיין אָנזען. די ענגלישע ענציקלאָפּעדיע דערמאָנט אַפילו ניט זיין נאָמען. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס לעצטע בוך האָט אָנגערעגט גאָרדינען צו שרייבן זיין עסיי „די גרויסע וועלט־דראַמע“. אמת, אַז אוען רעדט אין זיין בוך וועגן פּראָמעטעאוס, איוב, האַמלעט און פאַוסט, וואָס עס טוט אויך גאָרדין אין זיין עסיי, אָבער גאָרדין באַהאַנדלט דאָס פּראָבעלם גאָר פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט ווי דער ענגלישער טעאָלאָג. גאָרדין שרייבט ווי אַ פריי־דענקער און מאַטעריאַליסט, און מאַכט, נאַטירלעך, פּונקט קאַפּויערדיקע אויספירונגען ווי רעוורענד אוען. אויסערדעם — האַלט מרמר — אַז אַפילו בלויז דאָס איבערגעבן אַזוי קורץ, קלאָר און לייכט דעם אינהאַלט פון אַזאַ שווער, טעאָלאָגיש־פילאָזאָפיש ווערק פון 400 זייטן (וואָס וואָלט אין יידיש געדאַרפט האַלטן דאָפּלט), איז שוין פאַר זיך אַליין אַ שעפערישע אַרבעט, אָבער גאָרדין האָט געגעבן זיין אַרבעט אי אָן אייגענע פאָרם, אי אָן אייגענעם אינהאַלט. וואָלט דעריבער קיינער ניט גענומען פאַר אומגוט ווען גאָרדין וואָלט אינגאַנצן איגנאָרירט קאַהאַנס געשריי, אַז „די גרויסע וועלט־דראַמע“ איז אַ פּלאַגיאַט, אָבער גאָרדין, וועלכער האָט אַלע זיינע

יאָרן שטאַרק געליטן דערפון פאַרוואָס די טעאַטערס פלעגן זיינע באַאַר־בעטונגען אָדער אַפילו בלויז איבערזעצונגען אָנאָנסירן אַלס זיינע אָריגי־נעלע ווערק, כדי צו מאַכן מער געלט, האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון אָט דער באַשולדיגונג און האָט אַרויסגערופן קאַהאַנען צו אַן ערן־געריכט, אָבער קאַהאַן האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. דערויף האָט גאָרדין אַנאַליזירט אין אַ ריי אַרטיקלען אַב. קאַהאַנס טענות און — לויט קלמן מרמר — איבערצייגט מיט קאַהאַנס אייגענע רייד, אַז דאָס איז אַ שקר־בלבול. אין זיין ווענדונג האָט גאָרדין אויך אָנגעוויזן דערויף, אַז גע־וויינלעך ווען מען באַשולדיקט אַ שרייבער אין ליטעראַרישער גנבה, דרוקט מען אָפּ, זייט ביי זייט, די טעקסטן פון ביידע שרייבער און מען שטרייכט אונטער די פּלאַגיאַטיזירטע שטעלן, אָבער קאַהאַן האָט אַזוי ניט געטאָן. ער האָט צוערשט איבערגעדרוקט אין ,פאָרווערטס' גאָרדינס גאַנצע עסיי, אין דער ערשטער פאָרם [ווי זי איז געווען געדרוקט אין „די פרייע געזעלשאַפט"], און ערשט שפּעטער האָט ער אין אַ סעריע אַרטיקלען געבראַכט ציטאַטן פון אועגס בוך כדי צו באַווייזן, אַז דאָס זיינען ניט גאָרדינס געדאַנקען און מיינונגען, נאָר אועגס. גאָרדין באַ־שולדיקט דעריבער קאַהאַנען אין זיין ענטפער, אַז אַ סך פון די ציטאַטן האָט ער געבראַכט אין אַ פרייער איבערזעצונג, טיילמאָל מיט אייגענע צוגאָבן און אויסטייטשונגען, טיילמאָל אַפילו קאַפּויער ווי אין ענגלישן אָריגינאַל.

עס איז אַ גרויסער ספק צי דער דאַמאָלטיקער ברייטער לייענער־עולם האָט זיך געקאָנט באמת אָריענטירן, געגנוי ווער עס איז גערעכט אין דער טענה אויף וויפל גאָרדין איז געווען אָריגינעל אָדער באַאייג־פלוסט אין זיין גרויסער עסיי „די גרויסע וועלט־דראַמע" פון גלח אועגס ווערק „פינף גרויסע סקעפּטישע דראַמעס פון דער וועלט־געשיכטע", אָבער אַז דער קאַמף צווישן גאָרדין און קאַהאַן האָט דאַמאָלט אַרויסגערופן אין דער יידישער גאַס אַ גרויס אויפזען, און אַז גאָרדין האָט דערפון זייער שטאַרק געליטן, איז ניטאָ קיין שום ספק.

### קאַפּיטל זיבן און פערציק

## גאָרדין ענדיקט זיין קאַריערע מיט אַ פּיעסע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן

זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" ווערט אָפּגעוואָרפן פון אַדלער און קעסלער — טאָמאַשעווסקי פירט אויף די פּיעסע און נעמט זי באַלד אַראָפּ — דאָס איז גאָרדינס אָריגינעלסטע פּיעסע — גאָרדין פירט פּראָצעסן מיט די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן — דע.י דערפאָלג און דורכפאַל פון דער פּיעסע.

סוף 1907 האָט גאָרדין זיך אָנגעהויבן צו פילן זייער קראַנק. אמת, אַז ווען קאַהאַן האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן זיין עלטער און שוואַכקייט, האָט זיך גאָרדין דערפון אויסגעלאַכט, אָבער דאָס איז געווען פון דעם מין „קנייפּן זיך אין באַק אַבי די פאַרב זאָל שטיין". גאָרדין איז שוין אַ לאַנגע צייט באַהאַנדלט געוואָרן פון זיינע פריינט, די דאָקטוירים אינגערמאַן, באַרסקי, האַלפערן, זאָלאָטאַראָוו און קאַפּלאַן. אין נאָוועמבער 1908 האָבן זיי פאַר אים באַשטימט אַ ספּעציעלע דיעטע, און אַ חודש שפּעטער האָבן זיי אים געלאָזט אונטערזוכן פון אַ באַרימטן כירורג. זיין מיינונג איז געווען, אַז דער חולה ליידט פון נערוועזע ספּאַזמען און ער האָט רעקאָמענדירט אַ נערוון־ספּעציאַליסט, אָבער דער לעצטער האָט געהאַלטן, אַז גאָרדין ליידט פון עפּעס אַנדערש און האָט אים צוריקגעשיקט צום כירורג. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז גאָרדין איז קראַנק אויף דער שוידערלעכער קראַנקהייט — קענסער. גאָרדין האָט אָנגעהויבן צו ליידן גרויסע פיזישע יסורים.

אָט אין דער סיטואַציע, אין אַזאַ געזונט־צושטאַנד, האָט גאָרדין אָנגעהויבן שרייבן זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", וואָס איז געוואָרן די לעצטע פּיעסע וועלכע ער האָט אָנגעשריבן. דער צופאַל האָט געוואָלט

אַז גאַרדינס ערשטע פּיעסע זאָל זיין וועגן לעבן אין זיין אַלטער היים — אין צאַרישן רוסלאַנד, און די לעצטע פּיעסע, וועגן זיין נייער היים — אַמעריקע.

דידאַזיקע פּיעסע האָט באמת גאַרניט מער געהאַט צו טאָן מיט זיינע פריערדיקע. זי איז געווען אַן אַקטועלע. אַ שטיק רוי פליש, וואָס האָט נאָך געיאַטערט. עס איז געווען אַ וויי־געשריי וועגן אַ געשעעניש, וואָס האָט דאַמאָלט געהילכט און געשטורעמט אין ניו־יאָרק, אין ברוקלין, אין בראָנקס און וואַשינגטאָן הייטס. דער ריעל־עסטעיט בום, דער טומל און האַרמידער וועגן דער שפּעקולאַציע מיט בוי־פּלעצער און נייע בנינים. אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן מאַטעריעלן און גייסטיקן צוזאַמענברוך פון אַ סך יידישע פאַמיליעס. גאַרדין איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געווידמעט צו באַשרייבן אָט דעם ענין. אַנדערע יידישע שרייבער אין דער בעלעטריסטיק האָבן זייער אַ סך געשריבן וועגן דעם. אַ סך מעלאָדראַמעס זיינען שפּעטער געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע, און דער ראָמאַניסט און דראַמאַטורג לעאָן קאָברין האָט אויך ביי־געשטייערט זיינעם אַ גרויסן ראָמאַן, וועלכן ער האָט שפּעטער דראַמאַטיזירט „אָרע די באָרד״.

גאַרדינען איז ניט געגאַנגען אין דעם וואָס אויך יידן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אָט דעם משוגענעם טאַנץ און געיעג שנעל רייך צו ווערן, וואָס האָט זיך ניט אַלעמען איינגעגעבן, און אַריינגעשלעפּט טייל יידישע פאַמיליעס אין אַן אָפּגרונד פון צרות און אומגליקן. גאַרדינען איז געגאַנגען אין דעם, וואָס אין דעם משוגעת, אין דעם ווילדן געלט־געיעג, זיינען אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרן יידישע אידעאַליסטן. אויב אין זיינע פריערדיקע פּיעסן האָט נאָך גאַרדין זיך באַנוצט מיט טעמעס אָדער איינ־פאַלן פון אַנדערע, איז די פּיעסע, גראַד די לעצטע, געווען אינגאַנצן פאַרטראַכט פון אים, פולשטענדיק זיין אָריגינעל ווערק. ער איז געקומען צו איר ניט דורך ביכער, ער איז ניט באַווירקט געוואָרן דורך קיין אַנדערע מחברים. ער האָט זי אויסגעטראָגן אין שויס פון לעבן, וואָס ער האָט געזען מיט גרויס צער און פאַרדרוס. ער, דער אידעאַליסט, וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט אויסצובעסערן דעם מענטשן און אים באַוועגן צו טאָן גוטע

מעשים, האָט אין דער פּיעסע זיך אָפּגערעכנט מיט די, וואָס פאַרקויפן זייער נשמה פאַר געלט, וואָס שטעלן העכער מאַטעריעלע פאַרמעגנס פאַר גייסטיקע און, וואָס בייטן אויס שיינע אידעאַלן אויף צוציענדע דאָלאַרן.

די קראַנקהייט זיינע האָט אים געשטערט שנעל אָנצושרייבן די פּיעסע, אָבער פאַרט האָט ער זי אָנגעשריבן. אַדלער האָט נאָך אין פעברואַר 1908 אַנאָנסירט די פּיעסע, אָבער, ווייזט אויס, צוליב דער העץ־קאַמפּאַניע, דאַמאָלט, נאָך דער געשיכטע מיט גאָרדינס פּיעסע „גלות גאַליציע" און דער מלחמה צווישן אב. קאַהאַנען און גאָרדינען, האָט אַדלער זיך דערשראָקן און האָט די פּיעסע ניט געשפּילט. האָט גאָרדין פאַרקויפט די פּיעסע צו דוד קעסלער, אָבער אויך ער האָט זי ניט אויפגעפירט, ביז טאָמאַשעווסקי האָט באַשלאָסן יאָ צו שטעלן די פּיעסע.

אָבער כדי צו פאַרשטיין וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט דער פּיעסע, מוזן מיר זיך באַקענען מיט דעם דאַמאָלטיקן מצב פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

לויט קלמן מרמר, האָט די ירידה פון דער יידישער בינע און דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע דערפירט דערצו, אַז שוין אין אַפּריל האָבן זיך פאַרמאַכט די דאַמאָלטיקע יידישע טעאַטערס. בלויז קעני ליפּצין איז געבליבן שפּילן איר גאָרדין־רעפּערטואַר. אַ טרופּע, וואָס האָט זיך גערופן די „יוּווילער־פּראַגער אָפּערע קאָמפּאַני" האָט גאַסטראָלירט אין גאָרדינס אַן אַלטער אָפּערעטע, וואָס זי האָט געגעבן אַ נייעם נאָמען „דער שפּאַנישער קעניג אָדער די יידישע טאָכטער". גאָרדין האָט איינגעזען, אַז ער קאָן קיין לעבן ניט מאַכן פון דער יידישער בינע, און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אויסנוצן דעם גרויסן נאָמען, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין דער ענגלישער טעאַטער־וועלט, און לאָזן שפּילן זיינע פּיעסן אויף ענגליש. אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פון קעסלערן און דעם מאַן פון בערטאַ קאַליש, שפּאַכנער. ביידע האָבן זיי געהאַט קאָנטראַקטן מיט גאָרדינען, אַז זיי זיינען די איינציקע, וואָס האָבן דאָס רעכט אויפצופירן זיינע פּיעסן, און זיי האָבן ניט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש, אַז ער זאָל מעגן זיינע פּיעסן פאַרקויפן אין ענגלישע איבערזעצונגען צו דער אַמעריקאַנער בינע. האָט

גאָרדין אָנגעהויבן זיך מיט זיי משפטן און איז דעם זומער 1908 כסדר געווען פאַרנומען מיט געריכטן און ניט געהאַט קיין צייט צו שרייבן. און ניט נאָר האָט ער ניט אַריינבאַקומען קיין נייע הכנסה, נאָר ער האָט נאָך געהאַט אַ נייע הוצאה, צו באַצאָלן אַדוואָקאַטן און געריכטס־קאָסטן.

דערוויל האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער טעאַטער־סעזאָן פאַרן יאָר 1908—1909. אַדלער־שפּאַכנערס „ווינדזאָר־טעאַטער" האָט אָנגעהויבן מיט אַ באַנייאונג פון גאָרדינס פּיעסע „אָן אַ היים", וואָס איז געשפּילט געוואָרן פאַרגאַנגענעם סעזאָן. קעסלער האָט אַנאָנסירט, אַז ער האָט „געשלאָסן קאָנטראַקטן מיט די אמתע רעאַליסטישע יידישע שרייבער; שלום אַש, דוד פּינסקי, — יאָזעף לאַטיינער". אָבער דערוויל האָט ער ווידער געשפּילט זיין אַלטן גאָרדין־רעפּערטואַר, און האָט אָנגעהויבן אַנאָנסירן גאָרדינס נייע פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", אָבער ער האָט חרטה געקראָגן פון שטעלן די פּיעסע און האָט אפילו היזק געהאַט די 200 דאָלאַר, וואָס ער האָט שוין געהאַט איינגעצאָלט גאָרדינען אויף דער פּיעסע.

אויספירלעכער וועגן דעם דאַמאָלטיקן צושטאַנד פון יידישן טעאַטער, שרייבט דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין: „גאָרדין האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיין פּלאַץ אויף דער בינע, ווייל די גרויסע מחנות פון ניי־אָריבערגעקומענע איינוואַנדערער האָבן ניט געקאָנט פאַרדייען קיין בעסערע דראַמען, און די דירעקטאָרן האָבן זיך פון הויט געריסן צו געווינען דעם גרויסן עולם אויף זייער זייט. ...דעם גרעסטן קלאַפּ האָט די בעסערע דראַמע געקריגן פון דער גרויסער איינוואַנדערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די שרעקלעכע קעשענעווער פּאָגראָמען. די זעלביקע רדיפות אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אין די אַכציקער יאָרן געשאַפן אין אַמעריקע די היים פון דעם יידישן טעאַטער און פון וועלכע ער האָט אַלע יאָרן געצויגן זיין יניקה און דערהויבן זיך צו אַזאַ גדולה, האָבן אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַרום געגעבן דער בעסערער דראַמע אין אַמעריקע אַ טויט־קלאַפּ. נאָך די קעשענעווער רציחות האָט די יידישע איינוואַנדערונג אין אַמעריקע דערגרייכט די העכסטע מדרגה.

די גרעסטע צאָל פון די דאָזיקע איינוואַנדערער האָבן ביז זייער קומען קיין אַמעריקע קיין טעאַטער ניט געזען, און ווען זיי האָבן דאָ אַביסל אָפּגע־

כאַפּט דעם אָטעם, און זיינען געקומען צו זיך, זיינען זיי נייגיריק געוואָרן צו זען אַ יידישע פאָרשטעלונג. זיי האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין טעאַטער מחנות־ווייז, נאָר די בעסערע פּיעסן און דער העכערער פאָרם שפּילן האָבן ביי זיי קיין חן ניט געקאָנט געפינען. זיי איז בעסער געפעלן געוואָרן יענער מין אומגעלומפּערטע שטיקער און יענער מין גראָבער שפּילן, וואָס איז אין משך פון אַ פאָר צענדליק יאָר פאַרשטופּט געוואָרן פון דער בינע. אָבער אַפילו די ביליקע שטיקער זיינען געוועזן צו הויך פאַר זיי. דידאַזיקע שטיקער האָבן שוין איצט געהאַט אַ געוויסע פּאָליטור און דאָס איז געווען אַ חסרון צום שידוך. די נייע באַזוכער האָבן געדאַרפט האָבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט אַן אמתן פּורים־שפּיל, און אַרום דער צייט האָבן אויפגעבליט די „מוזיק האָלס".

אויך בעסי טאָמאַשעווסקי, אויף איר שטייגער, באַשטעטיקט, אַז מיט קונסט און בעסער טעאַטער האָט מען דאַמאָלט קיין לעבן ניט געמאַכט, נאָר דוקא מיט פאַרקערטע סחורה: „אין ,טאליא טעאַטער" האָט מען דאַן געשפּילט סאַמע גאָרדין, און קעסלער מיט דער ליפּצין, קאַליש מיט מאָשקאָוויטשן און די איבעריקע אַקטיאָרן דאָרטן האָבן זיך געשאַפן זייער באַרימטקייט, אָבער מיר אין פּיפּלס טעאַטער האָבן זיך דאַן געשאַפן רייכטום".

איידער טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט גאָרדינס פּיעסע, האָט ער זי פריער אויסגעפּרוּווט אין אַ קליין שטעטל, און בעסי טאָמאַשעווסקי דער־ציילט: „מיר האָבן די פּיעסע גוט איינשטודירט און בעפאָר [איידער] מיר האָבן עס געשפּילט אין ניו יאָרק, זיינען מיר געפאָרן אין אַ קליין שטעטל, טרענטאָן, ניו דזשוירזי, פאַר אַ „טריי אָוט", דאָס הייסט, מאַכן אַ גענעראַל פּראָבע נאָר פאַר אַ פּובליקום, וואָס האָט באַצאָלט פאַר טיקעטס. ...בעפאָר דער פאָרשטעלונג בין איך מיט גאָרדינען אַריין אין אַ לאָנטש רום [קליינער רעסטאָראַן] „כאַפּן אַ ביס", דאָס הייסט, פּשוט עפּעס עסן. פּלוצים, מיר זיצן און עסן, ווערט גאָרדין ווייס ווי קאַלך. עס ווערט אים שלעכט און ער קאָן דעם ביסן ניט אַרונטערשלינגען. איך האָב זיך זייער דערשראָקן ביז ער איז געקומען אַ ביסל צו זיך און געקאָנט דעם אָטעם ציען. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז עפּעס איז דער דאָזיקער אָנפאַל

אַ צו אָפּטער גאַסט ביי אים, און איך האָב געפּרוּווט אים פאַררײדן פון זיינע שמערצן. ...גאָרדין איז געווען זייער נערוועז דאַן, בעפאָר מיר האָבן אויפגעפירט „דעמענטיאַ״. איך האָב אים געפרעגט וואָרעם ער איז אַזוי נערוועז. עס איז דאָך ניט די ערשטע פּיעסע זיינע, וואָס מען פירט אויף, און גאָרדין האָט זיך, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, אַ גלעט געטאָן זיין שוין צו שטאַרקע גרויע באָרד און מיט אַ מין מיסטישע טרויעריקייט מיר געענטפערט, „עס איז ניט מיין ערשטע פּיעסע, איך האָב אָבער מורא, בעסי, אַז דאָס איז מיין לעצטע״

קלמן מרמר שרייבט, אַז ווען די פּיעסע איז צום ערשטן מאָל אויפ־געפירט געוואָרן דעם 26 נאָוועמבער 1908 אין ניו יאָרק, איז אין טעאַטער געווען אַזאַ באַגייסטערונג, אַזאַ ענטוזיאַזם, וואָס מ׳האָט פריער אין יידישן טעאַטער נאָך קיינמאָל ניט געזען. נאָכן ערשטן אַקט האָט מען דעם פאָרהאַנג געמוזט אויפהייבן ניין מאָל. נאָכן צווייטן אַקט — אַכט מאָל, נאָכן דריטן אַקט — איין און צוואַנציק מאָל, און נאָכן פערטן אַקט, ווען דער עולם איילט זיך שוין געווײנלעך אַהיימצוגיין, האָט מען אַלץ געמוזט צען מאָל אַרויפהויבן דעם פאָרהאַנג. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו מאַכן אָוואַציעס סיי דעם מחבר סיי די שוישפּילער.

אויך די פּרעסע איז געווען זייער אַ גוטע. לואי מילער האָט גע־שריבן, אַז „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״ אַנטהאַלט אַזעלכע נייע פּאַזן אין דער אַנטוויקלונג פון גאָרדינס דראַמאַטישן טאַלאַנט, וואָס באַרעכטיקט אַנצוווייזן אויף דעם ווערק ניט נאָר אַלס אויף אַן עפּאָכע־מאַכנדע פאַר יעקב גאָרדין, זאָנדערן [נאָר] אויך פאַר דער גאַנצער יידישער דראַמאַ־טישער קונסט״. ש. יאַנאָווסקי איז אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ אַרויס מיט אַ באַגייסטערנדן אַרטיקל אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעדריקט: „אונדזערע העכסטע דערוואַרטונגען זיינען באַפרידיקט. מיר זאָגן גאַנץ מוטיק, אַז לויט ווי מיר פאַרשטייען, לויט מיר פילן איצט — ערשט פּריש פון דער פּיעסע — האָט גאָרדין געשאַפן אַ גרויסעס ווערק. ער האָט פאַר אונדזערע אויגן מיט זיין פּען אויסגעמאָלן אַ בילד פון אונדזער צייט אַזוי פאַרבנרייך, אַזוי פולבלוטיק, דאָס עס איז אוממעגלעך, אַז מיר זאָלן איצט אים [דאָס בילד] פאַרבייגיין און ניט באַמערקן״.

אפילו אב. קאַהאַן, וואָס איז נאָר וואָס געווען אויף מעסער־שטעך מיט גאָרדינען נאָך דער פּאַפּירענער מלחמה, וואָס ביידע האָבן געפירט, האָט אין „פאָרווערטס", נאָכדעם ווי ער פאַרגעסט ניט אַ קיבעץ צו טאָן גאָרדינען, אַז אויך פאַר דער פּיעסע האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור, און דאָס איז איבסענס „בוימייסטער סאָלנעס", דריקט זיך אויס, אַז די פּיעסע איז „אַ ליטעראַרישער סוזשעט, אַזעלכער, וואָס איז ווערט די אויפמערקזאַמקייט פון קונסט ...אין סך הכל באַלאַנגען די טיילן פון דעם סוזשעט איינע צו די אַנדערע און בילדן אַלע צוזאַמען אַ גאַנצע זאַך".

דאָך האַלט גאָריך, אַז די פּיעסע האָט ניט אויסגענומען, און טאָמאַ־שעווסקי האָט זי באַלד אַראָפּגענומען, און דאָס האָט גאָרדינען פאַרשאַפט זייער אַ סך עגמת נפש. גאָרדין האָט זיך, נאַטירלעך, ניט געקאָנט טרייסטן דערמיט, וואָס ער האָט אין דעם דורכפאַל פון דער פּיעסע, ווי גאָרין שרייבט, געקאָנט זען, אַז עס איז „געווען אַ סיגנאַל אַז די עפּאָכע פון דער בעסערער דראַמע האָט זיך געענדיקט". אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס גאָרדין האָט געליטן דערפון, וואָס זיין פּיעסע ברענגט ניט קיין עולם און מען נעמט זי אַראָפּ, און דאָס האָט אָן שום ספק, פאַרקירצט זיין לעבן, האָט ער געקראָגן נאָך אַ צרה פון גאָר אַן אַנדערער זייט.

מיר ווייסן שוין, אַז אין שווערע מאַטעריעלע מאָמענטן, פלעגט גאָרדין טיילמאָל צושטעלן די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן לייכטע מעלאָדראַמעס, אָבער — ער פלעגט זיך היטן צו געבן אויף זיי זיין נאָמען. מאַנכע פון זיי האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון „פּראָפעסאָר יאַקאָבי". איינע אַזאַ פּיעסע, וואָס איז נאָך אין 1901 געשפּילט געוואָרן אונטערן טיטל „אַמעריקע", איז איצט אויסגענוצט געוואָרן קעגן אים, דעם מחבר. ווענדיק צעטומ־לען דעם טעאַטער־עולם און אָפּציען די איינגאַמע פון „פּיפּלס טעאַטער", וואו מען האָט געשפּילט גאָרדינס נייע פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", האָבן אַדלער און שפּאַכנער געגעבן איינעם פון די טעאַטער באַלמעלאָכעס גאָרדינס אַלטע, אַנאָנימע, פּיעסע „אַמעריקע", אַז מען זאָל זי איבּיסל צושמירן, און האָבן באַנייט די פּיעסע אונטערן נאָמען „דאָס משוגעת אין אַמעריקע, אַ פאָלקס שטיק אין 4 אַקטן, אַ נייע דערשיינונג פון יעקב

גאָרדין״. זיי האָבן די פּיעסע אויפגעפירט נאָך מיט עטלעכע טעג פריער איידער טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט גאָרדינס נייע אָריגינעלע פּיעסע. און אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי זיך אַפילו ניט צוריקגעהאַלטן און אָנגערופן די אַלטע פּיעסע מיטן נייעם נאָמען „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״. עס איז, אַלזאָ אויסגעקומען, אַז דער טעאַטער־עולם האָט געהאַט פאַר זיך גאָר־דינס „זעלבע״ פּיעסן אין צוויי טעאַטערס. ס׳האָט ניט געהאָלפן, וואָס גאָרדין האָט אַריינגעגעבן אַ באַצאָלטע דערקלערונג אין דער פּרעסע, אַז אַדלער און שפּאַכנער האָבן ניט קיין רעכט אָנצורופן זיין אַלטע פּיעסע מיטן נאָמען „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״, ווי עס הייסט זיין נייע פּיעסע. אַדלער און שפּאַכנער האָבן די פּיעסע ווייטער געשפּילט, און ערשט ווען טאָמאַשעווסקי האָט אַראָפּגענומען די נייע פּיעסע, האָבן זיי אויך אַראָפּ־גענומען גאָרדינס אַלטע פּיעסע. און די קאָנקורענץ האָט אויפגעהערט.

## קאַפּיטל אַכט און פערציק

# דער עסייאיסט און בעלעטריסט יעקב גאָרדין

די 4 בענד פון גאָרדינס ליטעראַרישע שריפטן, אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט — מוסטערן פון די פאַרשידענע זשאַנרן פון זיין שרייבן — זיין עיקר ציל איז געווען ניט „קונסט לשם קונסט", נאָר צוליב טענדענץ — דער מאָראַליסט און פּריידיקער גאָרדין — גאָרדינס „אני מאמין" וועגן יידיש.

די ליטעראַרישע פיזאָנאָמיע פון יעקב גאָרדין וואָלט ניט געווען קיין פולשטענדיקע, ווען מען ווידמעט ניט כאָטש איין קאַפּיטל צו זיין ליטע־ראַרישער טעטיקייט אויפן געביט פון עסייען און בעלעטריסטיק.

גאָרדין האָט אייגנטלעך אָנגעהויבן זיין קינסטלערישע טעטיקייט אַלס בעלעטריסט און עסייאיסט, אין רוסיש, און אַפילו ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע, האָט ער לכתחילה אין יידיש אויך זיך פאַרנו־מען מיט שרייבן בעלעטריסטיק, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, צוזאַמען מיט גרעסערע און קלענערע עסייאיסטישע אַרבעטן בעת ער איז שוין אַפילו געוואָרן דער געקרוינטער דראַמאַטורג. דידאָזיקע אַרבעטן זיינען געווען צעוואָרפן, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַ ריי יידישע צייטשריפטן און פעריאָדישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע, וואָס וואָלטן, צוזאַמען מיט זייערע צעפאַלענע בלעטער, פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דער אייביקייט, און אונדז באַרויבט צו האָבן אַ פולשטענדיק בילד און איינ־דרוק וועגן דעם שאַפנדן יעקב גאָרדין, ווען ניט אַ גרופּע זיינע פריינט, באַזונדערס מאָריס ווינטשעווסקי און יואל ענטין, גיבן זיך די מי צונויפצוזאַמלען אַ טייל פון גאָרדינס אַרבעטן און זיי אַריינגעמען אין 4 בענד: „אַלע שריפטן פון יעקב גאָרדין", וואָס די היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני האָט אַרויסגעגעבן אין 1910, אַ יאָר נאָך גאָרדינס טויט.

ריכטיק באַצייכנט ווינטשעווסקי אין זיין פאָררעדע, אַז גאָרדינס שרייבן איז געווען טענדענציעז און אַז פריער פון אַלץ דאַרף מען געדענקען, אַז ער איז געווען אַ לערער. דאָס איז געווען „סיי אין די ווערטער, וועלכע זיינען געגאַנגען דירעקט פון זיינע ליפּן צו זיינע צוהערער, סיי אין די ווערטער, וועלכע ער האָט געלאָזט הערן דורך די ליפּן פון שוישפּילער אויף דער בינע, סיי אין די ווערטער, וועלכע ער האָט צום פּובליקום געשיקט אין דער געשטאַלט פון סקיצן און פּובליציסטישע אַרטיקלען. בקיצור — סיי אַלס לעקטשורער, סיי אַלס דראַמאַטורג, סיי אַלס נאָוועליסט און פּובליציסט איז זיין עובדא אימער געווען צו באַלערן, צו שטראָפן, צו בילדן, אויפקלערן דעם עולם".

פּראָקלאַמירט גאָרדינען ווי אַ טענדענציעזן שרייבער, פּרוווט זיין הייסער חסיד ווינטשעווסקי באַלד ווייכער מאַכן די פּראָקלאַמירונג: „אָבער משה רבינוס „האזינו", אַ לייכטענדער פּאָעטישער ברילּיאַנט אין אונדזער רייכער ירושה פון די אַלטע צייטן, איז געווען טענדענציעז. ישעיה הנביאס „כרם היה לדודי" איז דאָס געווען. דודס „למה רגשו גויים" איז דאָס אויך געווען; די שיינע לעגענדן פון די ערשטע יאָרהונדערטע אין גלות זיינען געווען טענדענציעז; די אַלטע דראַמע „איוב" און די מעשה מיט רות און נעמי און די גאַנצע פּאָעזיע פון אַלע פּראָפעטן איז דאָס געווען ניט ווייניקער ווי שעליס „קווין מעב" און שילערס „גלאָקע" און געטהעס „פאַוסט" און הונדערטער אַנדערע זאַכן, וואָס מען קאָן אָנרופן".

מיט איין וואָרט, ווינטשעווסקי דערקלערט פאַר טענדענציעז די גרעסטע פּאָעטישע ווערק, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן אין אַלע צייטן, און דערמיט גלויבט ער צו באַזייטיקן ממילא דעם חסרון פון גאָרדינס טענדענציעזקייט אין זיין שרייבן, אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט אפשר אַ ביסל איבערגעטריבן, און ער שרייבט:

„און אפילו אויב עס איז אמת, אַז קונסט איז נאָר די קונסט, וועלכע טראָגט אין זיך ניט קיין שום מוסר־השכל, וועלכע רעדט וואָס מער צו די חושים, ספּעציעל צום אויער און צום אויג און וואָס ווייניקער צום מאָראַלישן געפיל אין מענטשלעכע הערצער; אויב עס איז אַפילו אמת, אַז די קונסט דאַרף ווייזן און ניט לערנען, דאַרף האַלטן אַ שפּיגל אין

האַנט און ניט אַ טייטל, דאַרף קיצלען און ניט שמייסן, דאַרף מאָלן און ניט שרייבן, דאַרף אָנערקענען העכסטנס אַן „אז ישיר", אָבער אויף קיין פאַל ניט קיין „תוכחה", דאַן זאָגט איך יעקב גאָרדין: „ציילט מיך ניט צווישן אייערע גדולים, צווישן די געטלעכע כהנים פון אייערע געטלעכע מוזן, צווישן אייערע בילדהויער [סקולפּטאָרן], וואָס פאַרשטייען זיך בלויז אויף שיינהייט. איך האָב אַ פאָלק צו בילדן, מוחות צו וועקן, הערצער צו רירן, זיטן צו מילדערן, אַ תורה צו געבן און אַ בשורה צו פאַרקינדיקן [אָנזאָגן]. איך קאָן ניט דינען דער קונסט אַליין", און ער איז געבליבן קאָנסעקוועגט".

און ווייטער ווייזט אָן ווינטשעווסקי ווי גאָרדין איז זינט דער גרינ־דונג פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט", דורך אַלע זיינע פּיעסן פאַר דער יידישער בינע, דורך אַלע זיינע סקיצן און אַרטיקלען, געבליבן שטענדיק דער זעלבער: דער לערער, דער מוכיח, דער פאָלקס־אויפקלע־רער, דער טריבון.

פאַר דעם צוועק האָט גאָרדין אין אַמעריקע אויסגענוצט דריי געביטן: די עדוקיישאָנאַל עליינס, וואו ער פלעגט אויפטרעטן מיט זיינע לעקציעס, די בינע פאַר זיינע פּיעסן און די פּרעסע פאַר זיינע סקיצן און פּובליציסטישע און עסייאיסטישע אַרבעטן, אָבער אַלע מיט איין כוונה — אָנצוּווייזן אויף די חסרונות אין אונדזער לעבן און שטרעבן זיי אויס־צובעסערן.

אָט פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען, הייסט עס, קוקן אויף די געזאַמלטע אַרבעטן, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין אָט די 4 בענד.

די זאַמלער און רעדאַקטאָרן פון די 4 בענד האָבן ניט צונויפגעזאַמלט און ניט אַריינגענומען אין די 4 בענד, אַלץ, וואָס גאָרדין האָט אָפּגעדרוקט אויפן ניט־דראַמאַטישן געביט. זיי האָבן אויסגעקליבן, לויט זייער געשמאַק, פאַרשידענע מוסטערן פון די פאַרשידענע זשאַנרן פון זיין שרייבן. אַז אפילו די מאַטעריאַלן זיינען ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן לויט אַ געהעריקן סדר, איז זיך מודה ווינטשעווסקי אין זיין פאָרוואָרט: „די 4 בענדער ...אַנטהאַלטן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקאָנט צונויפזוכן אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצע צייט [געענדי — 15 חדשים] נאָך זיין

טויט]. אַזוי ווי דער מאַטעריאַל איז אין די הענט פון דעם רעדאַקטאָר אַריינגעקומען ביסלעכווייז און ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אַוועקצוזעצן אויף עטלעכע חדשים און איבער זיי כסדר אַרבעטן, איז די כאַרטירונג ניט איבעראַל אויסגעהאַלטן. דעם לעזער וועט דאָס ווייניק שטערן, אָבער פאַר די וואָס וועלן דורך דיזע ביכער שטודירן יעקב גאָרדינס ווערק אויף דעם געביט פון ערציילנדע און פובליציסטישע ליטעראַטור, וואָלט געוויס געווען בעסער ווען עס וואָלט געלונגען די שריפטן שטרענגער צו קלאַסיפיצירן".

לאָמיר דעריבער, כדי טאַקע אַרויסצוברענגען די כונות פון גאָרדינען, יאָ קלאַסיפיצירן דעם אינהאַלט פון די 4 בענד.

קודם כל האָבן מיר דאָרט אַ קליינע צאָל סקיצן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַלטער היים: רוסלאַנד. דער גרונטשטריך פון די דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין דער אָפּטיילונג, צייכענען זיך אויס מיט אַ גוואַלדיקער פאַרערונג צום אידעאַליזם, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד און גלייכ־צייטיק פאַרנעמען זיי זיך מיט דער שרעקלעכער יידישער לאַגע אונטער דער צאַרישער קנוט.

אַלע דערציילונגען זיינען ניט קיין פאַרטיפטע, זיינען ניט קיין פסי־כאָלאָגישע שילדערונגען, נאָר מעשות, אָנזאַמלונגען פון פאַקטן מיט „רעוואָלוציאָנערע" אַריינטייטשונגען. אין דער סקיצע „אַ מאַמעס האַרץ" ווערט דערציילט ווי אַזוי אַן 18יאָריק יידיש מיידל פאַרליבט זיך אין אַ קריסטלעכן רעוואָלוציאָנער, און האָט פון אים אַ קינד. איר ברודער, וועלכער אַרבעט אין אַן אַפּטייק, שטעלט אים צו זויערשטאָף כדי אָפּצוגיסן אַ שפּיאָן. דער רעזולטאַט איז, אַז ער ווערט אַרעסטירט און מען פאַר־משפּט אים צום הענגען. דער קריסטלעכער רעוואָלוציאָנער מוז אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. צום סוף קומט ער צוריק קיין רוסלאַנד, מען כאַפּט אים, מען פאַרשיקט אים קיין סיביר. זיין יידישע פרוי מיטן קינד און איר מוטער (דער פאָטער איז אינצווישן געשטאָרבן) פאָרן מיט קיין סיביר צום סוף אַנטלויפט ער קיין אַמעריקע. די פרוי מיטן קינד פאָרן צו אים אָבער די יידישע מאַמע בלייבט עלנט אַליין.

אין דער סקיצע „דער פייער־מענטש" ווערט דערציילט אַ מעשה ווי

אַזוי אַ 23יאָריקער יידישער יונגערמאַן, אַ רוסישער נאַראָדניק, דערזעט אַ פּרעכטיק שיינע אַריסטאָקראַטישע קריסטלעכע פרוי. ער גייט איר נאָך און דערוויסט זיך, אַז זי איז בסך הכל די פרוי פון אַ פּראָקוראָר, וועלכער פאַרפאָלגט די פרייהייטס־קעמפער. ווען דער פּראָקוראָר קומט אַריין און דערזעט אים ביי זיך אין שטוב און דערקענט, אַז ער איז אַ ייד, הייסט ער אים גיין. דער יידישער יונגערמאַן קאָן אים דאָס ניט מוחל זיין. ער קומט ווידער צו אים אין שטוב, טרעפט אים אָבער ניט. דער סוף איז, אַז ער און דעם פּראָקוראָרס פרוי פאַרליבן זיך. זי פאַרלאָזט איר מאַן און ווערט איינע פון די פירנדיקע פרייהייטס־קעמפער.

אין אַ סקיצע אין וועלכער עס ווערט באַשריבן אַן אָבלאַווע, ווערט דערציילט, ווי אַזוי עס ווערט דערשטיקט אַ יונג יידיש מיידל, וואָס איז געקומען זיך היילן די אויגן, אָבער ניט האָבנדיק קיין רעכט צו וואוינען, האָט מען זי אַזוי פאַרשטעקט, אַז זי איז דערשטיקט געוואָרן.

בלויז איין מעשה איז פאַרהאַן, אָבער אויך זי גייט אָן ווי איבערדער־ציילט פון אַן אַלטע געשיכטע, וועגן צוויי יידן, וואָס האָבן אומגעבראַכט אַ ייד דערפאַר וואָס זייערע ווייבער זיינען געווען ניט קיין שיינע, און זיין ווייב איז געווען זייער אַ שיינע, און זיי האָבן אים מקנא געווען דערפאַר.

די אידעאַליזירונג פון דעם לעבן אין דער אַלטער היים איז ווי אַן אַריינפיר צו דער כסדרדיקער נעגאַציע פון דעם לעבן אין דער נייער היים: אַמעריקע, ווי אַן עפּילאָג בולטער צו מאַכן די שוואַכע זייטן, דאָס ביטערע לעבן, די שוידערהאַפטיקייטן פון די מענטשן אין אַמעריקע, אָבער גאַנץ באַזונדערס די עקספּלאָאַטאַציע פון דעם רייכן קעגן אָרעמען.

אָנשטאָט צו מאָלן מיט קינסטלערישע בילדער דאָס אַמעריקאַנער לעבן, אָנשטאָט אַרויסצוברענגען דורך פּסיכאָלאָגישע שטריכן די געפילן פון אָרעם און רייך, צייכנט גאָרדין כסדר שוואַרץ קעגן ווייס, יעדער אַרבעטער קומט אויס ביי אים ווי אַ צדיק, און יעדער גביר, יעדער קאַפּיטאַליסט, יעדער מאַנופאַקטוריסט ווי אַ גזלן, אַ רויבער.

מיר האָבן אויסגעקליבן עטלעכע פון דער מאַסע אַמעריקאַנער סקיצן, און אויך זיי געוויסערמאָס קוואַליפיצירט.

אין דער סקיצע „קענט איר דאָס באַשרייבן?" ווערט דערציילט ווי

ביי אַ יידישער שאַפּ־אַרבעטערין פאַלט אַראָפּ אַ שערל, זי בייגט זיך איין און אירע לאָקן ווערן אַריינגעכאַפּט אין דער ניי־מאַשין, וואָס רייסט איר אויס די האָר מיט דער הויט פון קאָפּ און דער האַלז ווערט איר צעבראָכן. דער שרייבער באַגנוגנט זיך ניט מיט באַשרייבן דעם שוידערלעכן אומגליק, נאָר ער נעמט אויך אַ צד, און מישט זיך אַריין מיט טיראַדעס, צווישן זיי: „ווער ענן אינטערעסירט עס, וועמען אַרט עס?״, און פאַרענדיקט, אַז ווען מען וואָלט וועגן דעם מער געשריבן, וואָלט עס אפשר ניט אַזוי אָפט פּאַסירט״.

אין דער סקיצע „איין אויגנבליק״ ווערט דערציילט ווי אַ שאַפּ־אַרבעטערין ברענגט אויף דער וועלט אַן אומגעזעצלעך קינד וואָס זי וואַרפט אונטער אין גאַס, און ווען זי דערוואוסט זיך דעם נאָמען און די אַדרעס פון דער רייכער פרוי, וואָס האָט אַדאָפּטירט דאָס קינד, גייט זי צו איר אַוועק, שטעלט זיך פאַר אַלס די מאַמע פון קינד און בעט איר כאָטש, צום לעצטן מאָל, צו דערלויבן אַ קוק טאָן אויף איר אייגן בלוט און פלייש.

אין דער סקיצע „נאָך איינע״ ווערט געבראַכט אַ טאָגבוך פון אַ יונג שאַפּ־מיידל, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער „אַ יאָ, דער אַלטער באָס איז זייער אַ שלעכטער מענטש? פאַרוואָס האָט ער מיך אומגליקלעך געמאַכט?״.

אין דער סקיצע „אַלץ אין אָרדנונג״ ווערט באַשריבן ווי ביי דער האָדסאָן ריווער רעיל ראוד, עטלעכע מייל פון הײדפּאַרק, ווערט געבויט אַ פּאַלאַץ פאַרן מיליאָנער וואַנדערבילדט „עטלעכע הונדערט אַרבעטער באַגיסן זיך דאָ מיט שווייס יעדן טאָג, טראָגן משאות און אַרבעטן שווער פון פרימאָרגן ביז נאַכט״. דער אַרבעטער, דער פּאָליאַק קראַסאָווסקי, גייענדיק צו דער אַרבעט, באַמערקט אויפגעריסענע בריקן, שטעלט ער איין זיין לעבן צו ציען דעם אויפמערק פון לאָקאָמאָטיוו־אינזשינער אָפּצושטעלן די באַן, און ראַטעוועט טאַקע פון אומגליק, אָבער דערווייל פאַרשפּעטיקט ער דורכדעם צו קומען צו דער אַרבעט, און ווערט דערפאַר אָפּגעזאָגט. דער מחבר פאַרענדיקט די סקיצע מיט די ווערטער: „אין הײדפּאַרק בויט מען דעם פּאַלאַץ אָן קראַסאָווסקין און אַלץ איז אין אָרדענונג״.

אין דער סקיצע „קאָנטראַסטן" ווערט דערציילט וועגן דער פרייד, די רחבות, דעם נחת און די באַקוועמלעכקייט אין וועלכער די טאָכטער פון וואַנדערבילדט האָט געבראַכט אַ קינד אויף דער וועלט, און אַלס קאָנטראַסט ווערט געבראַכט ווי אַ שאַפּ־מיידל, וועלכע האָט געגלויבט איר געליבטן און געבראַכט אַן אומלעגאַל קינד אויף דער וועלט, ליגט אין אַ שמוציקן שלאָפצימער, וואו עס איז אויסערגעוויינלעך הייס. פאַרלאָזט פון איר געליבטן, דערשטיקט זי איר ניי־געבוירן קינד אין אַלטע שמאַטעס און וואַרפט עס אַרויס דורכן פענסטער.

מיט די שוואַרצסטע פאַרבן געצייכנטע קרבנות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

אַזוי אויך אין דער סקיצע „וואָס זאָגט די דאַל?", ווי מען געפינט אין גאַס, אויפן טראָטואַר, פאַרפרוירן אַן אַלטע פרוי, וואָס האָלט צוגעדריקט צו זיך אַ דאַל, אַ ליאַלקע. עס איז אַ יום טוב טאָג, ווען נאָרמאַלע מאַמעס ברענגען זייערע קינדער ליאַלקעס צום שפּילן. פאַר וועמען האָט די אָרעמע אַלטע פרוי געהאַלטן די ליאַלקע?

גאָרדין איז אַזוי פאַרביטערט אויף דער אָרדנונג, וועלכע ער האַלט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם שלעכטן, אַז ער ברענגט אַפילו אַ סקיצע „אַ פאַקט", וואָס פאַרנאָטירט פשוט ווי אַ שטיקל כראָניק אַ געשיכטע ווי אַ ייד איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ באַן און איבערגעלאָזט זיין פאַמיליע אין אָרעמקייט, ווי די באַן וואָלט ביים איבערפאָרן געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך...

איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך, אַז זיין אויג קאָן ניט פאַרזען די בויערייליט, און אין דער סקיצע „אַן אַ היים" באַדויערט ער די מענטשן, וואָס האָבן זייער „היים" אויף דער בויערי, און פילט מיט זייער צער: „ווען ס'שטאַרבט ווער, ווער פילט, ווער באַוויינט אים?".

גאָרדין איז אין כעס אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער לעבנס־סיסטעם, אַפילו אויפן געזעץ־וועזן. אין דער סקיצע „3 שרעקלעכע יאָר" גיט ער איבער די טענות פון איינעם, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער שוין דריי יאָר ווי עס גייען אַן זיינע אַפּעלאַציעס און דער טויט־אורטייל קעגן אים ווערט דערווייל צוריקגעהאַלטן. דער צום טויט־

פֿאַרמשפּטער איז פֿון דעם שרעקלעך אומצופֿרידן. ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ער שטאַרבט און ער האַלט, אַז אין דריי יאָר וואַרטן, ליידט ער מער פּיין, ווי דער טויט וואָלט אים פֿאַרשאַפֿט.

און אויב עס געשעט אַפֿילו גאָרנישט, זעט גאָרדין שלעכטס אין די מחשבות, אין די געדאַנקען פֿון די גבירים. אין דער סקיצע „די שרעקלעכע נאַכט" גיט ער איבער ווי אַ פּרעזידענט פֿון אַ שול, וועמנס געשעפֿטן גייען שלעכט, צינדט אונטער אין מיטן נאַכט זיין הויז מיטן רעזולטאַט, אַז ער פֿאַרברענט זיין אייגן קינד צום טויט. זיין פֿרוי ווערט אַוועקגענומען אין שפּיטאָל און אַן אַלטע פֿרוי פֿאַלט טויט פֿון טומל. אָבער עס שטעלט זיך באַלד אַרויס, אַז אין דער ווירקלעכקייט האָט גאָרנישט פּאַסירט, נאָר עס האָט זיך אים אַזוי געחלומט; אַ דייטלעכער פּרווידיאַנישער רמז, אַז אין געדאַנק טראַכט ער אונטערצוצינדן זיין הויז.

פֿאַרשטייט זיך, אַז האָבנדיק אַזאַ קוק אויפֿן אַמעריקאַנער לעבן, זעט גאָרדין נאָר פֿאַרפֿירעריי און אָפּנאַרעריי אין ליבע, שווינדל און באַטרוג, מאָרד און פֿאַרברעכן. אין „די מערדערין" ווערט איבערגעגעבן ווי אַ רייכער 40יאָריקער לאַיער האָט 3 יאָר געלעבט פֿרייע ליבע מיט אַ 20יאָריק מיידל, און ווען זי האָט דערפֿילט, אַז זי ריכט זיך צו ווערן מוטער, האָט זי דריי מאָל געפּרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד, און לסוף, פֿאַרברענגנדיק מיט איר געליבטן אין אַ באַזונדער צימער אין אַ רייכן סאַלון, האָט זי אים דערשאָסן. אָנשטאָט צו ברענגען אויסדרוקן פֿון מיטגעפֿיל, וואָס איר טויט האָט אַרויסגערופֿן, וואָס דאָס וואָלט באַוויזן, אַז איר טאָט האָט אַרויסגערופֿן מיטגעפֿיל צוליב איר ספּעציפֿישער לאַגע, ברענגט דער מחבר אויסצוגן פֿון דער פּרעסע, וועלכע טיטולירט איר „נידערטרעכטיקע מערדערין" און די פֿאַרצייכנונג „ווי אַ יונגע פֿרוי איז אַזוי פֿאַרדאָרבן". אין „צווישן צוויי שפּיגלען" קוקט אַן אָבערגלויבישע פֿרוי פֿון אַ שניידער, וועלכער האָט זי איבערגעלאָזט מיט צוויי קינדער, אין אַ שפּיגל, אַז אַזוינאַך וועט זי צוריקברענגען איר מאַן, און ווען דאָס גיט זיך איר ניט איין, ווערט זי משוגע, ווערט אַוועקגענומען אין אַ משוגעים־הויז און די קינדער אין אַ יתומים־הויז. אין דער סקיצע „די נייע קאָאָפּערײשאַן" דערציילט גאָרדין ווי אַ מאַנופֿעקטשורער האָט אָפּגעלעבט 40 יאָר מיט

זיין פרוי און ווען זי שטאַרבט, באַווייַנט ער זי שטאַרק. אויך דער רעוורענד מאַכט דעם באַרימטן שטאַרקן הספד. דער מאַנופעקטשורער וויל מער ניט פירן זיין פאַבריק, נאָר דערקלערט אַ קאָאָפּעראַטיוו מיט אַלע אַרבעטער, אָבער ווען זיין בוכהאַלטערין מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז די אַרבעטער הייבן אָן פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט, און ביידנס בליקן באַגעגענען זיך, ווערט קלאָר, אַז פון דעם געשעפּטלעכן קאָאָפּעראַטיוו איז שנעל געשלאָסן געוואָרן אַ געמיינזאַמקייט, אַ ליבע, אַ קאָאָפּעראַטיוו צווישן דער בוכהאַלטערין מיטן אַלמן, וואָס האָט נאָר וואָס געטענהט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט קאָנען טרייסטן נאָך זיין אומגליק.

שוואַרץ איז דאָס לעבן אין אַמעריקע, קיין אמתע ליבע, קיין אידעאַלן, קיין איבערגעגעבנהייט. אין דער סקיצע „אַ ווייב פאַרמשכנט" דערציילט ער אַן אומגלויבלעכע זאַך, ווי אַן אימיגראַנט ברענגט ענדלעך נאָך עטלעכע יאָר זיין פרוי מיט צוויי קינדער אין אַמעריקע, אָבער היות ווי עס האָט איר פאַרפעלט געלט אויפן וועג, און זי האָט געבאָרגט ביי אַ קריסטלעכן שיפס-ברודער 22 דאָלאַר, זאָגט זיך דער מאַן אָפּ דאָס צו באַצאָלן, און דערפאַר גייט די פרוי מיט די קינדער אַוועק וואוינען מיטן קריסטלעכן שיפס-ברודער. גאָרדין גייט נאָך אַ שריט ווייטער. ער שלעפּט אַראָפּ זיינע העלדן ביזן שאול תחתיה: אין דער סקיצע „דאָס איז דער מענטש", דערציילט ער ווי אַ מאַן באַקענט זיך מיט אַ 25יאָריקער פרוי, וועלכע איז פאַרהייראַט 7 יאָר צו אַן אָרעמען פידל-שפּילער און האָט ניט מיט אים קיין קינדער. זי באַקענט זיך מיט אַ מאַן, וואָס דערקלערט איר, אַז „די טעאָריע איז, אַז אַזאַ פרוי מוז ווערן אומטריי, וואָרום דער נאַטירלעכער אינסטינקט פון אַ מוטער איז שטאַרקער פון די אַלע קינסטלעכע מאָראַלישע נייגונגען". די פרוי לאָזט זיך אָבער ניט איבערריידן. ערשט ווען איר מאַן ווערט שטאַרק קראַנק, קאָן מער ניט אַרבעטן, ווערט זי נענטער מיט דעם פריינט, וואָס ברענגט צו זיי אַלץ אין שטוב אַריין, און דער סוף איז, אַז אין זעלבן מאָמענט ווען איר מאַן שטאַרבט אין איין שטוב, באַהערשט דער געליבטער די פרוי אין דער אַנדערער שטוב.

איז דאָך דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז ווען גאָרדין עפנט אַ צייטונג אין דער פרי ביים טרינקען קאַפע, זעט ער דאָרט נאָר ידיעות וועגן

שרפות, מאָרד, שווינדל און רויב. און אויב עס איז שוין יאָ דאָ איין ליכ־טיקער שטראַל, אַז אַ קינד וואָס איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער און זיך שיר ניט דערטרונקען און געראַטעוועט געוואָרן, איז עס געשען ניט דורך קיין מענטש — נאָר דורך אַ הונט.

גאָרדין האָט אויך ניט דורכגעלאָזט אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. ער האָט אַ סקיצע „קענדי און טרערן", וואו אַ ייד, וועלכער האָט אַ קענדי־סטאָר, ווערט באַפאַלן פון „לאופערס", וואָס מאַכן אַ תל פון זיין סטאָרקע, און אַלע אַרומיקע, אַנשטאָט צו באַשטראָפן די ווייסע חברהניקעס לאַכן גאָר פון אים.

אין אַלע סקיצן, וואָס זיינען געשריבן אין אַ סופּערלאַטיוון טאָן, איז זעלטן דאָ אייגנאַרטיקע שילדערונג, אָריגינעלע טיפּן. עס איז דער סטאַמפּפאָוער, מאַשינאָווער אויסגעשריי פון גערעכטיקייט־זוכער קעגן אומ־יושר, וואָס האָט זיך באַזעצט און קעניגט אַזוי אין אַמעריקע, אַ מאַניער, וואָס איז געווען זייער טיפּיש פאַר די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן אין די ערשטע יאָרן געזען מיט ראַזעווע ברילן די פּאַרגאַנגענהייט אין דער אַלטער היים און מיט שוואַרצע ברילן די קעגנוואַרט אין דער נייער היים. עס איז אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיטן מאָראַל־פּריידיקער וואָס גאָרדין איז געווען, הונדערט פּראָצענטיק טענדענץ אויב זי טראָגט מיט זיך אַ מוסר־השכל.

איז דעריבער אויך ניט קיין וואונדער וואָס כדי אָפּצושפּעטן פון די שוואַכע זייטן אין איירָאָפּעאישן און אַמעריקאַנער לעבן, נוצט גאָרדין אַפילו אויס אין זיינע סקיצן „אַ תקיעה גדולה", „יעזוס קריסטוס און קאַרל מאַרקס צו גאַסט אין ניו יאָרק" און „וואָרום ער האָט זיך געשמדט" איינפאַכע פאַלקס־וויצן און „בויט" אַרום זיי מעשות.

אַ ביסל אַ בעסערן איינדרוק, הגם אויך פול מיט גוואַלדיקע שאַר־זשירונגען און איבערטרייבונגען, איז די גרעסערע געשיכטע „ווי אַזוי איך האָב אָנגעכאַפּט דאָס גליק פאַרן עק", וואָס שילדערט ווי אַזוי די אומלע־גאַלע עמיגראַנטן האָבן זיך געשמוגלט קיין אַמעריקע, און דער איינציקער איינאַקטער „דער בעל חוב", וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער זאַמלונג,

און איז אומפאַרגלייכלעך בעסער געבויט ווי די איינאַקטערס אין דעם באַזונדערן באַנד „איינאַקטערס".

אין די 4 בענד זיינען דאָ פיל ניט־אויסגעבאַקענע סקיצן קעגן די אַמאָליקע רעדל־פירער אין יידישן לעבן אין ניו־יאָרק. ווי אַ פריידענקער אַטאַקירט גאָרדין גאַנץ באַזונדערס די כלי קודש. ער שאַנעוועט אויך ניט, מיט די איבערגעטריבנסטע ווערטער און סיטואַציעס, חוזק צו מאַכן פון די לאַדזשעס און אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע די יידישע גאַס האָט דאַמאָלט געשוויבלט און געגריבלט. אין זעלבן סטיל זיינען אויך זיינע שאַרזשירטע פעליעטאָנען קעגן די שונד־ראָמאַנען און די שונד־שרייבער. דער שאַרזש נעמט צו זייער פיל פון דער שאַרפער קריטיק ווען זי וואָלט געשריבן געוואָרן אַ ביסל ערנסטער און זאַכלעכער.

אַ באַדייטנדן פּלאַץ אין די 4 בענד פאַרנעמען די עסייען. דאָ גייען אַריין אַ ריי פובליציסטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען וועגן פאַרשידענע אַקטועלע, אָבער אויך וועגן שטענדיקע פּראָבלעמען, ווי ציוניזם און רעוואָלוציע, נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע. און דאָ איז זיכער ווערט צו ציטירן אַ פּאָר ווערטער, וואָס קלינגען ווי גאָרדינס אני מאמין וועגן יידיש: „מען זאָגט, עס עקזיסטירט אַן ערנסטע מיינונג, אַז דער יידישער זשאַרגאָן אויף וועלכן עס רעדט די גרעסטע טייל פון יידישן פאָלק, אַז דער זשאַרגאָן וועט זיין, אָדער איז שוין זאָגאַר די שפּראַך, וועלכע האָט געשאַפן אַ ספּעציעל יידישע נאַציאָנאַלע קולטור, דער זשאַרגאָן וועט פאַראייניקן די יידן אין אַ גרויסע נאַציאָן. אייגנטלעך, איך, אַלס אַ זשאַר־גאָן־שרייבער, האָב זיך אַליין געדאַרפט געבן אַ קניפּ אין באַק און זאָגן: „ישר כחכם, ר' יענקל! ענדלעך דאָך דערלעבט, האַ?". איך וויל זיך אָבער ניט איינריידן קיין פייגעלעך אין בוזעם. כל זמן מיליאָנען יידן ריידן און פאַרשטייען נאָר יידיש, איז צו ריידן צו זיי און שרייבן פאַר זיי אין יידיש גערادע אַזוי ערנווירדיק און אַזוי נוצלעך ווי צו שרייבן אין ענגליש אָדער פראַנצויזיש. דער זשאַרגאָן איז אַ מיטל דורך וועלכן מיר קאָנען דעם הינטן־געבליבענעם יידן אַריינפירן אין דעם גרויסן אינטערנאַציאָ־נאַלן שאַצקאַמער פון דער וועלט־קולטור. דער זשאַרגאָן האָט ניט געשאַפן און וועט ניט שאַפן (מיין קורסיוו. ז. ז.) ספּעציעלע יידישע פאָרמען פון ליטעראַטור.

...איך פאַרשטיי איבערהויפּט ניט ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק וועט ווערן אַ נאַציאָן דורך אַ שפּראַך, און דורך אַזאַ שפּראַך? דורכן זשאַרגאָן! נו, און וואָס וועלן טאָן די יידן, וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, טערקיש, א.אַז. וו., און וואָס וועט איר טאָן מיט די העברעאיסטן, וועלכע זאָגן, אַז די געזעצלעכע יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך איז לשון קודש. זיי אַלע, הייסט עס, וועלן ניט באַלאַנגען צו אונדזער פאָלק. ...הונדערט טויזנט קינדער אין אַמעריקע גופא זיינען שוין אויף אייביק פאַרלאָרן פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַרן יידישן פאָלק. ...דאָס יידישע פאָלק האָט שוין הונדערטער טויזנטער שטיפקינדער, און איר וועט זיי ניט קאָנען אומקערן צוליב דעם זשאַרגאָן ווי ווייט מיר אַלע זאָלן ניט זיין פון רעליגיאָן, מען זאָל אונדז באַפעלן צו ווערן אויס יידן, וועלן מיר אַלע גיין אין גלות, ניט ערגנידעריקן זיך. ניט ווייל די געפילן פון הייליקן גלויבן אָדער די געפילן פון נאַציאָנאַליזם וועלן אונדז צווינגען דאָס צו טאָן, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס געפיל פון אַ מענטש וועט פּראָטעסטירן אין אונדז. ווען אָבער מען וועט אונדז וועלן צווינגען צו ווערן אַ יידישע נאַציאָן אָן אַ לאַנד און אָן מאַטעריאַליסטישן געווינס, נאָר צוליבן יידישן זשאַרגאָן וועלן די יידן אַליין גאָר לאַכן דערפון".

אַנדערע עסייען זיינען וועגן סטיל, טעאַטער ביי די אַלטע גריכן און די רוימער, אילוזיע און דראַמע, רעאַליזם און ראָמאַנטיזם, אַ סעריע דער־ציילונגען וועגן רוסישע פאַרשטעלונגען פון דער קאָמיסאַרזשעווסקאַ־טרופּע מיט דער גרויסער קאָמיסאַרזשעווסקאַ און בראַוויטש בראש. גאָרדין איז פול מיט התפעלות פאַר זייער שפּילן. אין דידאַזיקע רעצענזיעס ווייזט ער אַרויס גרויס בקיאות אין דער טעאַטער־קונסט און מאָדערנע דראַמע. ניט ווייניקער אינטערעסאַנט זיינען זיינע קורצע ביאָגראַפיעס פון די גריכישע קלאַסיקער; עסכילעס, עוריפּידעס און אַריסטאָפאַנעס, פון מאָ־ליער, לעסינג, לאָנגפעלאָו און זיין גרעסערע ביאָגראַפיע און אָפּשאַצונג וועגן וואָלטער אין וועלכער ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ וועגן זיין שטעלונג צום יידנטום. צווישן די אַלע רעצענזיעס זיינען פאַראַן בלויז צוויי וועגן יידישע שרייבער, אַ זייער וואַרעמער אָפּרוף וועגן בוקאָנסקיס בוך „די געשיכטע פון קריסטנטום", און אַ קורצע, אָבער באמת אַנאַלי־

טישע אַרבעט וועגן די אָנהייב ליטעראַרישע שריט פון זיינע בני דור לעאָן קאָברין און ז. ליבין.

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין די בענד גאָרדינס גרעסערע אַרבעט „די וועלט־דראַמע״, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גרויסן קאַמף צווישן אים און אב. קאַהאַן. די אַרבעט איז געשריבן אין אַ נעבלהאַפטער שפּראַך, פול מיט מליצה, און עס איז באמת גאַנץ שווערלעך פון איר אַרויסצוקריכן.

צעוואָרפן, ניט סיסטעמאַטיש, זיינען אויך איבערגעדרוקט אין די 4 בענד אַ טייל פון גאָרדינס רייזע־בילדער איבער אייראָפּע, באַזונדערס דייטשלאַנד, עסטרייך און גאַליציע. די בילדער, הגם זיי האָבן פאַרלאָרן זייער אַ סך פון זייער אַקטואַליטעט, זיינען אָבער געשריבן אַזוי טעמפּע־ראַמענטפול, מיט אַזאַ פייער, אַז עס זיינען געבליבן אַ סך שטעלן, וואָס קאָנען נאָך היינט אַרויסרופן אַן אינטערעס זיי צו לייענען, און הגם אויך אין זיי איז אָפט דאָ אַן איבערגעטריבענער שאַרזשירטער טאָן, האָבן זיי פאַר אונדזער קולטור־געשיכטע אַ באַזונדערן באַדייט. אַזוי זיינען כאַ־ראַקטעריסטיש אַזעלכע שטעלן (געשריבן אין 1907): „די דייטשן האַלטן זיך [אויף דער שיף] ווי אין דער היים. זיי דולדן דעם יידן נאָר, ווייל אפשר איז ער רייך. די נכפּה נעמט זיי ווען זיי דערזעען אַ קעשענע מיט געלט״. „אַ דייטש האָט פיינט אַ יידן״, „קינדער, אויפן שיף האָב איך זיך אויסגעלערנט פיינט צו האָבן דעם דייטש. זאָל מיך דער רבונו של עולם ניט שטראָפן דערפאַר, וואָס איך זינדיק אַזוי קעגן מיינע אינטער־נאַציאָנאַלע פּרינציפּן״.

זיכער איז ווינטשעווסקי גערעכט, ווען ער פאַרענדיקט זיין הקדמה מיט די ווערטער: „אין דיזע פיר בענדער זיינען זיכער דאָ בלעטער, וועלכע האָבן געדאַרפט דורכגעזעון ווערן פון אים אַליין. עס זיינען זיכער דאָ אומרייפע שריפטן, וועלכע וואָלטן גאַנץ אַנדערש אויסגעזען ווען זיי וואָלטן אַרויסגעקומען פון זיין פעדער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן״.

אָבער פונקט אַזוי איז ווינטשעווסקי אומגערעכט ווען אין דער זעלבער צייט זאָגט ער: „עס זיינען דאָ אַנדערע חסרונות צו באַפרידיקן דעם קריטיקער, דעם פּגימות־זוכנדן שונא. יעדן וועמען גאָרדין איז גרויס

אין די אויגן. צוגעגעבן. אָבער עס איז ניטאָ אין די פיר בענדער קיין צענדליק בלעטער אין וועלכע עס זאָל ניט זיין אַ געדאַנק, אָריגינעל אויסגעדריקט. ...עס איז ניטאָ קיין צענדליק בלעטער אָן אַ געפיל פון ליידנשאַפט, פון אמתע ליבע, פון פריינטשאַפט אָדער פיינטשאַפט, וואָס איז ניט געצייכנט מיט אַ מייסטער־האַנט. ועל כולם, אין דיזע בענדער איז דאָ כמעט דער גאַנצער יידישער לעבן אין אַמעריקע אין די נײַנציקער יאָרן פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. עס איז דאַרין דאָ מאַטעריאַל פאַר דעם קינפטיקן קולטור־היסטאָריקער אָדער דעם עטנאָלאָג, וועלכער וועט קומען ערפאָרשן די איינוואַנדערער פון גלות־רוסלאַנד״.

דאָס לעצטע, צו וואָס מיר שטימען איין, האָט טאַקע אונדז באַוואויגן צו געבן די איבערזיכט איבער די 4 בענד, וואָס וועט אָבער קודם כל דינען בעסער קענען לערנען דעם שרייבער און מאָראַליסט יעקב גאָרדין.

## קאַפּיטל נײַן און פערציק

# יעקב גאָרדינס 17 אײנאַקטערס

זײ דערשײנען ערשט נאָך גאָרדינס טויט — זײַן זון כאַראַקטע־ריזירט זײ און לויבט זײער באַדײט — דער אינהאַלט פון די אײנאַקטערס — גיבן זײ צו אָדער פאַרקלענערן זײ דעם דראַמאַטישן געניוס פון גאָרדינען?

אויסער די 24 געדרוקטע און מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל ניט־גע־דרוקטע גאַנצע פּיעסן, וואָס יעקב גאָרדין האָט געגעבן דעם יידישן טעאַטער, אויסער די פריער־דערמאָנטע 4 בענד פון זײַנע אַרטיקלען און דערציילונגען, איז פאַרהאַן נאָך אַ יעקב גאָרדין, ניט נאָר דער פאָטער פון פּראָפעסיאָנעלן דראַמאַטישן יידישן טעאַטער, נאָר דער פאָטער פון דעם ניט־פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער, דער גײַסטיקער שפּייזער און דערציער פון די יידישע ליבהאָבער־קרײַזן, פאַר וועלכע ער האָט געשריבן אַ צאָל אײנאַקטערס, וועלכע האָבן זײ געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצופּרוּוון זײערע כוחות און שטעלן זײערע ערשטע טריט אויף דער יידישער בינע, ווי אויך עטלעכע דראַמאַטישע עטיודן, ספּעציעל געשריבן פאַר שוישפּילער מיט גרויסע נעמען אין וועלכע זײ זאָלן קאָנען, אָן אַן אַנסאַמבל, אַרויסווײַזן זײער קינסטלערישן טאַלאַנט.

אָט די אײנאַקטערס, וועלכע גאָרדין האָט געשריבן, זײַנען בײַ זײַן לעבן ניט געדרוקט געוואָרן. פון אַ טייל פון זײ זײַנען אַפילו די מאַנו־סקריפּטן פאַרלאָרן געגאַנגען, און עס זײַנען נאָר געבליבן איבערגעשריבענע טעקסטן, אין וועלכע עס האָבן אפשר אויך געהאַט אַ האַנט די איבערשרײַבער אָדער די, וועלכע האָבן זײ געשפּילט. אײן אײנאַקטער איז לכתחילה געשריבן געוואָרן פון גאָרדינען אין רוסיש און איז אַזוי געשפּילט געוואָרן, און איז ערשט שפּעטער איבערזעצט געוואָרן אין יידיש פון זײַן גרויסן

פאַרערער יואל ענטין. ערשט 6 יאָר נאָך גאָרדינס טויט, אין 1915, האָט די צייטונג „דער טאָג", אָנגעהויבן יעדן זונטיק, מיט אַ לענגערער הפסקה אין דער מיט, צו פאַרעפנטלעכן די איינאַקטערס, און צוויי יאָר שפּעטער האָט די צייטונג אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערע אויסגאַבע 17 פון די־דאָזיקע איינאַקטערס מיט אַן אַריינפיר פון גאָרדינס זון אַלעקסאַנדער (אַלכסנדר).

אין זיין פאָרוואָרט, וואָס איז בכלל געשריבן זייער אינטערעסאַנט און ווייזט, אַז אויך גאָרדינס זון האָט געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין דער וועלט־דראַמאַטורגיע און באַנעמט גוט דעם ענין טעאַטער און דראַמאַ־טורגיע, הגם ער איז גוואַלדיק סוביעקטיוו ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיין פאָטערס קונסט און אַרט שרייבן, דריקט ער אויס די האָפנונג, אַז די איינאַקטערס וועלן האָבן „דעם זעלבן אינטערעס, אויפמערקזאַמקייט און וואַרעמע אויפנאַמע, וואָס יעדע שאַפונג פון גאָרדינס פרוכטבאַרער פען האָט אַרויסגערופן. ...באַדייטנד דערנענטערן די אונטערנעמונג אַרויס־צוגעבן אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון זיינע אַלע שריפטן. ...די העכסטע אַמביציע און האָפנונג פון דעם שרייבער פון אָט די שורות איז צו זען ביי זיין לעבן די פולקומענע אויסגאַבע פון יעקב גאָרדינס שריפטן".

אַז ער איז געווען באַרעכטיקט צו אַזאַ פאַרלאַנג, איז זיכער ניט איבערגעטריבן, ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם פאַקט, ווי ער ווייזט אָן, אַז אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער „באַקומען אַפילו די ניט־באַדייטנדע שרייבער פיל אָנערקענונג ביים פאָלק, וועמענס לעבן, אידעאַלן, פריידן אוןליידן זיי האָבן טריי געמאָלן. זייערע שאַפונגען ווערן געזאַמלט און פאַרשפּרייט צווישן פאָלק אין מערערע אויסגאַבן. יעדע שורה, יעדעס אות אַפילו פון דעם אומבאַדייטנסטן פראַגמענט אָדער בריוו ווערט אויפ־מערקזאַם צונויפגעקליבן, אָפּגעהיט און איבערגעשריבן אויף פאַרמעט(!) כדי דאָס צו האַלטן אין ביבליאָטעקן, אין מוזעאומס פאַרן געברויך פון געלערנטע און [דעם] אַלגעמיינעם לעזער. אָבער, ווייזט ער ווייטער אָן, די יידישע שרייבער זיינען אַ טרויעריקער אויסנאַם און אַפילו ביי אַזאַ שרייבער מיט אַזאַ גרויסע רעפּוטאַציע ווי יעקב גאָרדין, „דער וויכטיק־סטער יידישער דראַמאַטורג און איינער פון די באַדייטנדסטע יידישע

שריפטשטעלער", קומט אָן יעדע פּראָבע ארויסצוגעבן זיינע ווערק מיט גרויס מי און אומגעהויערע שוועריקייטן.

אַלכסנדרס רייד האָבן אַ פּנים ניט געענדערט די לאַגע. ניט נאָר איז גאָרניט געוואָרן פון דעם חלום זיינעם אַרויסצוגעבן זיין פּאָטערס אַלע ווערק, נאָר זינט דער פאַרעפנטלעכונג פון אָט דעם באַנד איינאַקטערס, איז אין אַמעריקע מער בכלל ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרווו אַרויסצו־געבן עפּעס פון גאָרדינען.

די 17 איינאַקטערס זיינען אין בוך איינגעטיילט אין דריי טייל. די דריי איינאַקטערס, וואָס גייען אַריין אין ערשטן טייל, האָבן טאַקע אַ שטיקל שייכות איינער מיט אַנדערן, אָבער די אַנדערע צוויי טיילן זיינען סתם געמאַכט געוואָרן אָן שום סכעמאַטישער דיפערענצירונג אָדער מחיצה. פון די 17 איינאַקטערס און דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן זיינע 8 דורכאויס אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון אַמעריקאַנער באָדן, און האָבן אַ דירעקטן שייכות מיטן אָרטיקן לעבן. 4 האָבן סוזשעטן, וואָס קאָנען זיך אָפּשפּילן סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע, און 5 זיינען דורכאויס פאַרבונדן מיט אייראָפּע, דערונטער זיינען דאָ דריי, וואָס זיינען פאַקטיש עפּילאָגן פון זיינע באַ־רימטע פּיעסן, און זיינען געשריבן געוואָרן פאַר געוויסע שוישפּילער צו זייערע ימים טובים.

וואָס זאָגט גאָרדינס זון וועגן די איינאַקטערס ?:

„יעקב גאָרדין האָט געשריבן זיינע איינאַקטערס אין צווישן־צייט פון זיין גרעסערער און שווערער אַרבעט, וואָס ער האָט געמוזט אָפּגעבן פאַר זיינע גרויסע ערנסטע פּראָבלעם־דראַמען. אָט די קליינע דראַמאַ־טישע סקיצן, וואָס ער האָט אויפגעשריבן ביי געוויסע געלעגנהייטן פאַר אַ מאָמענטאַלן צוועק, האָבן אים אַ ספּעציעלן פאַרגניגן פאַרשאַפט, ווייל דאָס האָט אים מעגלעך געמאַכט אויפצוכאַפּן אַן אויגנבליקלעכן געדאַנק, אַ מערקווירדיקע פּאַסירונג, אַ קאָמישן צופאַל אָדער אַפילו אַ וויכטיקע פראַגע פון טאָג, וואָס וואָלט אָבער פאַרלאָרן די באַדייטונג ווען ער זאָל עס געוואָלט פאַרציען דורך אַ לענגערע באַאַרבעטונג. ...די ,קליינע דראַמע׳ איז ביי אים געווען אַ שנעלער, שאַרפער, און ווירקזאַמער אויסדרוק פון זיין צופעליקן, פאַרבייפליענדן געדאַנק, און דערפאַר איז דאָס ביי אים

געווען אַזוי באַליבט. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו האַלטן פאַר אומבאַדייטנד דעם ווערט פון די איינאַקטערס צוליב זייער קליינקייט אָדער רויער, שנעלער באַאַרבעטונג. ...יעקב גאָרדינס איינאַקטערס וועלן פאַרן פאָרשער אָדער פאַרן לעזער פון זיינע דראַמען אָן אַ ספק זיין זייער אינטערעסאַנט און נוצלעך. דורך זיי וועט ער זיך לייכטער און גענויער באַקענען מיט גאָרדינס מעטאָדן פון אויפבויען, אַנטוויקלען און אויסאַרבעטן אַ דראַמאַטיש ווערק״.

און דאַן גייט אלכסנדר איבער צו זיין אָפּשאַצונג:

„אין יעקב גאָרדינס איינאַקטערס זעען זיך דייטלעך אַרויס די כאַראַקטער־שטריכן פון זיין קונסט. כמעט אין יעדער שורה פילט זיך דעם פאַרפאַסערס אייגנטימלעכקייט, די אָפּשפּיגלונג פון זיין האַרץ מערקט זיך אין יעדן טיפּ און אין יעדער סיטואַציע, וואָס ער האָט געשאַפן; דער שמייכל פון זיין ברייטער נשמה שטראַלט אַראָפּ אויפן הויז, אויפן מעבל און אויף די פּערזאָנען פון דער האַנדלונג. יעדע איינציקע פון אָט די קליינע שפּילן אַנטהאַלט אין זיך אַ געדאַנק, אַ שטימונג, אַ לעקציע לויט די צילן פונעם פאַרפאַסער אַלס אַ דראַמאַטורג — נוצלעך צו זיין דעם יידישן פאָלק אָדער דער מענטשהייט, צו אַנטפּלעקן אַ געוויסן אמת, אויפצודעקן אַ סאָציאַלן איבל, אויסצוואָרצלען אַ פאַרדאַרבלעכן מנהג, געוואוינהייט אָדער טראַדיציע, וועלכע ער באַטראַכט פאַר שעדלעך אָדער אָפּגעלעבט, צו פאַרלאַכן מיט דער שאַרפער סאַטירע אַ נאַרישע קאָנווענציאָנאַליטעט אָדער אייגנטימלעכקייט פון אַ ראַסע אָדער איינצלנע פערזאָן; אויסצוראַמען פון דער וועלט אַבערגלויבן און פאַנאַטיזם, לערנענדיק די ברייטערע און טיפערע פּרינציפּן און אידעאַלן פונעם לעבן. אָט די מעלות פון יעקב גאָרדינס איינאַקטערס וועלן, גלייבן מיר, באַדייטנד איבערשטייגן די קליינע חסרונות אין דער טעכניק אָדער קונסט אָדער דעם ניט־פאָלירטן סטיל, וואָס מאַנכע פון אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער קאָנען אפשר געפינען אין איניקע פון אָט די איינאַקטערס. אין אַלגעמיין קאָנען זיך גאָרדינס איינאַקטערס פאַרגלייכן מיט זיינע בעסטע שאַפונגען״.

אַז דאָס שטימט כלל ניט מיט די פאַקטן וועלן מיר באַלד פרווון באַ־

ווייזן, ווען מיר וועלן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון די איינאַקטערס און בײַ טייל אפשר זיך אויך אָפּשטעלן אויף זייער סוזשעט, סצענישן געבוי און דראַמאַטישער אַנטוויקלונג, אָבער עס ווייזט אויס, אַז אלכסנדר גאָרדין אַליין האָט דערפילט, אַז ער האָט אַ ביסל איבערגעזאַלצן ווען ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די איינאַקטערס קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט זיין פּאַטערס בעסטע שאַפונגען, ווייל אין דעם זעלבן פאָרוואָרט, זאָגט ער: „ווען דער פּאַרפאַסער וואָלט איצט געלעבט און וואָלט אַליין אַכטונג געגעבן אויף דער אויסגאַבע פון זיינע איינאַקטערס, וואָלטן זיי געוויס אַרויסגעקומען אין אַן אַנדער פאָרם. ער וואָלט אפשר אייניקע פון די איינאַקטערס פאַר־בעסערט, געענדערט אָדער פאַרפולקאָמט. אַזוי ווי אָבער זיי ווערן פאַר־עפנטלעכט נאָך זיין טויט, פעלט די איינאַקטערס יענע אויסבעסערונג און אויסשלייפונג אָן וועלכע קיין שום פאַרפאַסער גיט ניט אַרויס זיינע ווערק. צום באַדויערן האָבן מיר פון מאַנכע איינאַקטערס געהאַט בלויז די ערשטע, ניט־באַאַרבעטע מאַנוסקריפּטן, אפשר שלעכטע קאָפּיע פון זיי, ווייל די בעסערע מאַנוסקריפּטן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. פון דער אַנדע־רער זייט אָבער האָבן מיר דאָס גליק געהאַט אַרויסצוגעבן אין „טאָג“ אַכט פון די איינאַקטערס אונטער דער אויפזיכט און רעדאַקציע פון יואל ענטין, וועמענס טיפער באַגריף און ברייטע אָפּשאַצונג פון יעקב גאָרדין האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער פולקומענהייט פון דער אויסגאַבע. מיר האָבן אין אַט דער אויסגאַבע איינגעשלאָסן אַלע ענטינס באַמערקונגען און ערקלערונגען צו די איינאַקטערס אַלס אַ וויכטיקער טייל פון זיי, באַצייכנט אונטער דער אויפשריפט ‚י. ע.‘. מיר זיינען אויך פאַרפליכטעט צו י. ענטין פאַר זיין איבערזעצונג פונם איינאַקטער ‚די וואוילטעטער פון דער איסט־סייד‘, וועלכער איז אָריגינעל געשריבן אין רוסיש“.

ווי עס איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן פריער, זיינען צווישן די איינ־אַקטערס פאַרהאַן 3, וועלכע מיר האָבן באַצייכנט ווי עפּילאָגן פון זיינע גרויסע פּיעסן. דאָס זיינען „חצקאל דראַכמעס מאָנאָלאָג נאָך הערשעניוס טויט“, אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט, וואָס איז פון מחבר ספּעציעל געשריבן געוואָרן צום ערן־אָוונט פון לעאָן בלאַנק אין 1904. לעאָן בלאַנק איז געווען דער, וואָס האָט געשאַפן דעם טיפּ „חצקאל דראַכמע“ אין גאָרדינס

פיעסע „גאָט, מענטש און טייוול", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן נאָך אין יאָר 1900. אין דער פּיעסע האָט דראַכמע אַ מאָנאָלאָג נאָכדעם ווי די מאַשין, וואָס וועבט טליתים, כאַפּט אַריין זיין זון מאָטעלע און דערהרגעט אים. דער מאָנאָלאָג, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פּיאָנער אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, הגם ער טראָגט מער אַ פּראָטעסט ווי אַ קאַמפּס־כאַראַקטער, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און האָט בלאַנקן אַרויסגערוקט אין פראָנט ווי אַ שוישפּילער. גאָרדין האָט אים געוואָלט מיט עפּעס מכבד זיין און האָט אָנגעשריבן אָט דעם ספּעציעלן מאָנאָלאָג אין וועלכן בלאַנק איז אויפגעטראָטן צו זיין ערן־אָוונט. אָבער קיין חריפות איז אין אים ניטאָ. ער האָט ניט נאָר גאָרניט צוגעגעבן, נאָר פאַרקערט, פאַרקלענערט דעם באַדייט פון דעם ערשטן אָריגינעלן מאָנאָלאָג, ווייל אין דעם מאָנאָלאָג פילאָזאָפירט חצקאל אַזוי ווייט ביז ער דערגייט גאָר אינגאַנצן אָפּצווישן אַלע באַשולדיגונגען אויף הערשעלע דובראָוונער, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט סיי אין זיין אָריגינעלן מאָנאָלאָג, סיי אין דער גאַנצער פּיעסע. ניט קיין סך בעסער איז דער איינאַקטער „נאָך דער שחיטה", וואָס גאָרדין האָט געשריבן אַלס עפּילאָג צו זיין פּיעסע „די שחיטה", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין יאָר 1899. אויך דעם עפּילאָג האָט דער פאַרפאַסער אָנגעשריבן אַלס אָנערקענונג פאַרן קינסטלער מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט אַזוי פּרעכטיק געשאַפן דעם טיפּ פון „ר' זיסל קרוינעס". דאָ זיינען שוין דאָ דריי פּערסאָנאַזשן: ר' זיסל, זיין ווייב קרוינע און דער אָנגעשטעלטער אלקנה. עס שפּילט זיך אָפּ נאָך דער קאַטאַסטראָפע, נאָכדעם ווי אסתרקע האָט געשאָכטן איר מאַן בצלאל ראַפּאָפּאָרט. דאָס דאַרף זיין אַ פּסיכאָלאָגישע שילדערונג ווי ר' זיסל קאָן זיך ניט באַפרייען פון דעם איינדרוק פון דעם שוידערלעכן פאַקט, און ווען ער וויל דערשטיקן זיינע מחשבות דורך נעמען זיך לערנען גמרא, קומט אים פונקט אונטער דער האַנט די גמרא חולין מיט דער שטעל פון „הכל שוחטין". דערווייל גייט אויס די לאָמפּ און ווען אַ הין קריכט אַרויס פון הינטערן בעט מיט אַ געפּילדער, ציטערט אויף ר' זיסל פון שרעק, אַז דער דערמאָרדעטער בצלאל האַלט אים. דער איינאַקטער איז פול מיט זיסלס תורה־ווערטלעך, אָבער האָט זייער ווייניק האַנדלונג. דער דריטער

איינאַקטער פון דעם כאַראַקטער איז „די טיפן גאַלערעע", וועלכע דער מחבר האָט אָנגעשריבן ספּעציעל צו זיין אייגענעם 10יאָריקן יובילײַ אַלס דראַמאַטיקער צו אַ גאַלאַ־פאָרשטעלונג אין נאָוועמבער 1901. די וויכ־טיקסטע יידישע אַקטיאָרן פון יענער צייט האָבן אויפגעפירט פאַרשידענע אַקטן פון זיינע פּיעסן, און צום סוף זיינען די אַלע באַרימטע אַקטיאָרן אויפגעטראָטן אין דער „טיפן גאַלערעע", וואָס איז באַשטאַנען פון „צערע־מאָניע־מייסטער", וועלכער האָט פאָרגעשטעלט די העלדן, דערנאָך איז יעדער העלד אַרויסגעקומען און געזאָגט אַ „שטיקל פּראָזע" פון זיין ראָלע. אַזוי זיינען אין דעם איינאַקטער פאַרטראָטן די הויפּט־ראָליסטן פון „משיחס צייטן", „סאַפאָ", „דער שוואַרצער ייד", „די שבועה", „די שחיטה", „מירעלע אפרת", „קעניג ליר" און „שלמהקע שאַרלאַטאַן" — גאָרדינס פּיעסן, וואָס זיינען ביז דאַמאָלט אויפגעפירט געוואָרן. די פּראָזע פון יעדן העלד איז דוקא ניט דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון זיין ראָל. אין די ראָלן פון די גאַנצע פּיעסן זיינען דאָ שטאַרקערע שטעלן. דאָ זיינען די עטלעכע שורות פון יעדן ראָליסט צונויפגעשטשאָבעט. עס וויזט אויס, אַז דער עיקר איז ניט געווען וואָס ער טוט, וואָס ער זאָגט, נאָר ווער עס זאָגט. עס איז געווען וויכטיק, אַז די אַלע אַקטיאָרן זאָלן געזען ווערן, און דערצו אין די ראָלן פון פּיעסן, וואָס זיינען דאַמאָלט געווען זייער פּאָפּולער.

אָן איינהייטלעכן כאַראַקטער טראָגן די דריי איינאַקטערס „דער גייסט פון דער געטאָ" „די וואוילטעטער פון דער איסט־סייד" און „דער רוסיש־אַמעריקאַנער פאַראיין מיט ברייטע אידעאַלן".

„דער גייסט פון דער געטאָ" שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. משה און פריידע ראָטמאַן, אַ קאָסטאָמער פּעדלער, האָבן אַ טאָכטער דזשעני, וואָס אַרבעט ביי הענטשקעס און איז שטאַרק פאַרליבט אין דעם בחור דעיווידֹ, וועלכער האָט אָבער באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין רוסלאַנד צו העלפן דער רעוואָלוציע, און פירט מיט 10 פונט יידישע שריפט, וואָס יעדער בוכשטאַב איז אַן אוצר פאַר אונ־דזערע אָרעמע ברידער, יעדער אות טראָגט ליכט, אויפקלערונג, באַ־פרייאונג". דורך אַ ריי דיסקוסיעס צווישן די פּערסאָנאַזשן, יידישיסטן און אַזעלכע וועלכע ווילן זיך אַמעריקאַניזירן דורך ריידן ענגליש, סאָציאַ־

ליסטן און אַנאַרכיסטן, ווערט אַרויסגעבראַכט דער גייסט, וואָס האָט דאַמאָלט געהערשט אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. אָבער דער איינאַקטער האָט ניט קיין דראַמאַטישע האַנדלונג.

„די וואוילטעטער פון דער איסט־סייד״ שילדערט אויף אַ שאַרזשירטן אופן אַ מיטינג אין הויז פון רייכן מר. אשלי דזשעפערסאָן דזשאַסקע, אַ רעפאָרמאַטאָר. דאָ זיינען פאַרבעטן געוואָרן פילאַנטראָפּן, סאָציאָלאָגן און רעפאָרמאַטאָרן, און אויף דער טאָג־אָרדענונג שטייט די פראַגע ווי אַזוי זאָל מען ראַטעווען די יידישע באַפעלקערונג פון דאַון טאַון. עס איז אויך פאַרבעטן געוואָרן אַ יידישער אַרבעטער־פאָרשטייער און אַ קריסט־לעכער גדול. די פאָרשלאָגן, וואָס ווערן געמאַכט אויפן מיטינג, זיינען גוואַלדיק היפּאָקריטישע, אָבער ווען דער יידישער אַרבעטער־פאָרשטייער וויל זיי אויפדעקן, ווערט ער איבערגעריסן, און דער סוף איז, אַז מען וואַרפט אים אַרויס. דער איינאַקטער איז פול מיט סאַטירע, האָט פאַרלאָרן זיין אַקטואַליטעט, אָבער איז אַ קולטור־היסטאָריש בילד, הגם אין אַ שאַרזשירטער פאָרם, פון זיין צייט.

„דער רוסישער אַמעריקאַנישער פאַראיין מיט ברייטע אידעאַלן״, וואָס איז פון מחבר געשריבן געוואָרן אין רוסיש (אין 1896), ווען עס איז געווען אין דער מאָדע, באַזונדערס אויף איסט־בראָדוויי, צו גרינדן רוסי־שע פאַראיינען, וואו די שפּראַך און די אויפגאַבן זיינען געווען רוסישע (אָבער דורך יידן), איז אַ סאַטירע אויף דידאַקטיקע פאַראיינען, און איז געשפּילט געוואָרן אין רוסישן אָריגינאַל, פון דאַמאָלטיקן רוסישן סטודענטן־פאַראיין. ער שילדערט אַ מיטינג, וואָס איז זייער אַ טומלדיקער, און דערפירט פאַקטיש צו גאָרניט, אַפילו ניט פעסטצושטעלן דעם ריכ־טיקן נאָמען פון פאַראיין. עס איז אַ סאַטירישער שפּאַס, וואָס „עבר זמנו בטל קרבנו״, איבערגעלעבט זיך.

„אַ טענה צווישן מאַן און פרוי״ איז אַ שפּאַסיקער דיאַלאָג אין וועלכן ס׳ווערט כלומרשט אַריינגעצויגן דאָס פובליקום, אָבער איז פאַקטיש אַ דיסקוסיע צווישן מאַן און פרוי, וואָס יעדער איינער רעכנט אויס זיינע מעלות און ווייזט אָן אויפן אַנדערנס חסרונות, און לסוף זיגט די פרוי. דער מאַן קומט צוריק צו דער פרוי.

„ער און זי" איז אַ הומאָריסטישע סצענע אין איין אַקט, געשריבן פֿאַר באָריס און בעטי טאָמאַשעווסקי, וועלכע האָבן עס געשפּילט אין יאָר 1901. מאַן און ווייב זיינען שוין צוויי יאָר נאָך דער חתונה און האָבן נאָך ניט קיין קינד. די פרוי גלויבט, אַז איר מאַן איז צו קאַלט צו איר און באַשליסט אים צו מאַכן איפערזיכטיק, און ווען ער קומט אַהיים, און זיי האָבן אַ שטיקל איבעררייד, נעמט זי שרייבן אַ ליבעס־בריוו צו אַ כלומרשטן געליבטן. ער באַמערקט דאָס, קריגט אַרויס מיט גוואַלד דעם בריוו פון איר, און באַשליסט זי צו דערשיסן. זי הייבט אָן בעטן רחמים, אָבער אין לעצטן אויגנבליק זאָגט ער איר אויס דעם סוד, אַז ער האָט געהערט, אַז זי גייט מאַכן דעם „טריק" מיט דעם פאַלשן בריוו, און זיי בעטן זיך איבער.

„איז ער שולדיק", אַ דראַמאַטישע סצענע, וואָס שילדערט דער שרעקלעכן קריזיס־יאָר 1905—06, וועלכער האָט זיך געלאָזט זייער שטאַרק פילן אין יידישן קוואַרטאַל, האָט זיך — ווי ענטין באַמערקט — געענוג אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער דאַמאַלטיקער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, און אויסער דעם דאָזיקן איינאַקטער, אויף דער זעלבער טעמע, האָט גאָרדין אויך אָנגעשריבן, אין רוסיש, אַ מאָנאָלאָג. אין דער דראַמאַטישער סצענע טרעט אויף פאַרן ריכטער און די געשוואוירענע, אַ 35־יאָריקער יידישער אַרבעטער, וועלכער זעט פון צרות אויס אַ סך עלטער ווי זיינע יאָרן, וואָס ווערט באַשולדיקט, אַז ער האָט דערשאָסן זיין פרוי און מיט אַ ראַזיר־מעסערל איבערגעשניטן די העלזער פון זייערע דריי קינדער און דערנאָך אַליין געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד. דער מערדער־זעלבסטמערדער פּרוּווט כלל ניט לייקענען זיין טאַט, נאָר ער וואַרפט די שולד אויף דער געזעלשאַפט, אויף דיליידן, דעם הונגער און פּיין, וואָס ער און זיין פאַמיליע זיינען דורכגעגאַנגען, וועלכע האָבן אים צוגעפירט צו דעם שוידערלעכן טויט.

„די וואַנזיניקע אַקטריסע" איז געשריבן געוואָרן ספּעציעל פאַר בערטאַ קאַליש, וועלכע האָט די דראַמאַטישע סצענע געשפּילט צו אירס אַן ערן־אָוונט אין יאָר 1902. די אַקטריסע געפינט זיך אין אַ משוגעים־הויז, וואו זי איז אַליין, אָן אירע פריינט, אָן אירע פאַרערער. איר דוכט

זיך אָבער, אַז זי איז אויף דער בינע. זי שפּילט אַ פּיעסע, און אָט איז איר אויפטריט. דאָס גיט דער שוישפּילערין אַ געלעגנהייט אָפּצושפּילן דעם צווייטן אַקט פון „מעדעאַ", דערנאָך אַ סצענע פון „אָפעליאַ" אין „האַמ־לעט". עס איז דער אַלטער „טריק" מעגלעך צו מאַכן פאַר אַ שוישפּילער אויספּצוטרעטן אין די שטאַרקסטע סצענעס פון זיין רעפּערטואַר, „געדעקט" מיט אַ כלומרשטער זייטיקער האַנדלונג.

„דער אָפּגעשטאַרבענער קינסטלער" איז געשפּילט געוואָרן אין 1893 פון אַקטיאָר עליאַס ראַטשטיין אויף זיין ערן־אָוונט. דער איינאַקטער איז פון זעלבן כאַראַקטער ווי דער פריערדיקער איינאַקטער, נאָר ער איז געשריבן פאַר אַ מאַן אַ שוישפּילער. אָבער דאָסמאָל איז די סצענע ניט קיין משוגעים־הויז, נאָר אַ קאַפע־הויז (דערביי אָבער קיבעצט דער מחבר די וועלכע לאַכן אָפּ פון „ע דזשואיש טהעיטער"), וואו עס קומט אַריין אַן אַלטער אָפּגעשפּילטער אַקטיאָר און טרעט אויף אין זיינע אַמאָליקע קרוין־ראָלן, ריידנדיק „דייטשמעריש".

„זי וויל ניט דעם שידוך", אַ דראַמאַטישע סצענע, שפּילט זיך אָפּ אין דער אַלטער היים, וואו זרח מאזאליעס גרייט זיך חתונה מאַכן זיין טאָכטער כמאליע מיטן דאָקטאָר שטיוועל, כדי דערנאָך צו קאָנען אַליין חתונה האָבן. כמאליע אָבער איז גאָר פאַרליבט אין אַ פּראָסטן יונג, אירס גלייכן. זרח איז מכבד זיין צוקונפטיקן איידעם מיט צוויי אָקעס וויין כמנהג בעסאַראַבער. דער דאָקטאָר, ניט קיין איבערגעשפּיצטער, הייבט אָן מורא האָבן, אַז די פאַמיליע איז אַן אַלקאָהאָלישע, און כאָטש ער דאַרף שטאַרק האָבן דעם נדן, שרעקט ער זיך, אַז זיינע צוקונפטיקע קינדער זאָלן ניט זיין קיין אַלקאָהאָליקער. כמאליע ווידער הייבט בכיוון אָן צו ריידן נאַרישקייטן און שיטן מיט קללות, דערנאָך פאַרשטעלט זי זיך פאַר אַן אַלטע פרוי און דערציילט אָן גאַנצע מעשות וועגן כמאליען און איר פאַמיליע. דער דאָקטאָר באַשליסט זיך צוריקצוציען פון שידוך און כמאַליעס פאָטער איז מסכים, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט איר געליבטן. אָט דער איינאַקטער, וואָס איז אייגנטלעך אַ פאַרס, וועלכער איז שוין אויס־גענוצט געוואָרן אין אַ סך פּיעסן און איינאַקטערס, איז אפשר דער סצע־נישסטער פון אַלע גאָרדינס איינאַקטערס.

„אַ טראַגעדיע דורך שפּאַס". צו מרס האַרינשטיין קומט אַ „פּאַר־שלעפּטע קרענק", אַ שמש און אַ שדכן, בערל קנאַכן, פֿאַרקויפֿן איר, אויף אויסצוצאָלן אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, און זי דערציילט אים דער־ווייל, אַז זי וואָלט געוואָלט, אַז איר טאָכטער לינא, וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט אַן אָרעמען מאָלער מאַקס, זאָל בעסער חתונה האָבן מיט איר רייכן, עלטערן קאָרגן באָרדער אייזיק סאָלאָמאָן. לינא באַשליסט כלומרשט זיך צו דערקלערן אין ליבע צו דעם באָרדער. ער איז איבערגליקלעך. פֿאַר גרויס שמחה לויפֿט ער אַוועק און קויפֿט זיך אַ ניי מלבוש, אָבער ווען ער קומט צוריק, איז לינא זיך מודה, אַז עס איז געווען בלויז אַ שפּאַס. פֿון גרויס אַנטוישונג דערשיסט זיך דער באָרדער. דער שפּאַס איז זייער געקינסלט אויפֿגעבויט מיט אַ מאַסע פּראַזאָלאָגיע און ביליקע וויצן און זיכער ניט פּסיכאָלאָגיש צוגעפּירט צו אַזאַ טראַגישן סוף.

„פּאַרוואָס מענער ליבן" שילדערט ווי אין אַ רייך 20יאָריק מיידל איז פֿאַרליבט אַ 30יאָריקער אַדוואָקאַט. זי באַשליסט אויסצופּרובירן צי איר חתן האָט זי באמת ליב. לאָזט זי זיך גרימירן פֿון אַ גרימירער אַלס אַן אַלטיטשקע קראַנקע, וועלכע איז זייער שוואַך, איינגעוויקלט אין וואַרעמע קליידער. זי טראָגט אַ פּאַרוק מיט זייער ווייניק האָר, איר נאָז איז פֿאַר־קריפּלט, די באַקן באַדעקט מיט רויטע פֿלעקן. אין אָנהייב איז איר פּנים פֿאַרדעקט און זי דערציילט אים, אַז זי איז נאָר וואָס איבערגעקומען אַן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייט פֿון פּאָקן, וואָס האָבן אַ תל געמאַכט פֿון איר געזיכט, וואָס זי דעקט ערשט דאַמאָלט אָפּ פֿאַר אים. דער חתן דערשרעקט זיך, אָבער ער באַשליסט, אַז היות ווי זי האָט אַ גרויס פֿאַרמעגן, וועט ער פֿאָרט מיט איר חתונה האָבן און ער שפּילט ווייטער דעם פֿאַרליבטן, וואָס קוקט ניט אויף די ענדערונגען אין איר קערפּער, אָבער ווען זי זאָגט אים, אַז זי האָט אויך פֿאַרלאָרן איר געלט דורך אַ געשעפֿטלעכע טראַנסאַקציע, דאַמאָלט וואַרפֿט דער חתן אַראָפּ די מאַסקע פֿון זיך און ציט זיך צוריק פֿון שידוך. ערשט דאַמאָלט נעמט דאָס מיידל אַראָפּ דעם פּאַרוק און ווישט אָפּ דעם גרים און דעקט אויף, אַז דאָס האָט זי נאָר געוואָלט אים אויספּרוּוון.

אָט דער איינאַקטער, וואָס זיין סוזשעט איז אויך שוין אַ גאָר אַלטער

אין טעאַטער־רעפּערטואַר, איז זייער סצעניש אויסגעאַרבעט און לאָזט זיך גוט שפּילן.

דער איינאַקטער „יאָקל דער אָפּערן מאַכער" איז אַ סאַטירע אויפן יידישן טעאַטער, און איז בלויז אַ טייל פון דער אַקציע, וואָס גאָרדין האָט אָנגעפירט אין יענע יאָרן קעגן די „היסטאָרישע אָפּערעס" פון פּראָפּ. הורוויץ, יאָזעף לאַטיינער און זייער גלייכן. עס שטעלט פאָר אַ יידישן טעאַטער־דירעקטאָר, אַ קאָמפּאָזיטאָר פון „יידישע אָפּערעס", אַ פאַרפאַסער פון יידישע פּיעסן, אַ פּרימאַדאָנע און אַן אַקטיאָר. אין אַ גוואַלדיק שאַרזשירטער „האַנדלונג", מיט אַ פּראָזע, וואָס קלעבט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, קריטיקירט גאָרדין דאָס יידישע טעאַטער, און ער פאַרענדיקט מיט אַ טיראַדע פון טעאַטער־דירעקטאָר: „ווי גליקלעך וואָלט איך גע־ווען ווען אונדזער פּובליקום זאָל פון אונדז פאָדערן ערנסטע ווערטער, ריינע, וואַרעמע קונסט, שיינע מוזיק... עס איז דאָ ביי אונדז טאַלאַנטן, עס איז דאָ פעאיקייטן... אָבער וואָס זיינען מיר שולדיק, אַז מען פאָדערט עס פון אונדז ניט. איר פאָדערט פון אונדז אַמעריקאַנער מאַשין־אַרבעט, טאַנ־דייט, מוזן מיר אייך געבן. אונטערשטיצט אונדז אין אַזעלכע גוטע שטרע־בונגען, וועלן מיר אייך צייגן, אַז אַ יידישער טעאַטער קאָן שטיין גלייך מיט אַלע טעאַטערע אויף דער וועלט, און אַז מיט אונזער אָרעמען זשאַר־גאָן קאָן מען דינען דער וואַרהייט און פּראָפּאַגאַנדירן ערהאַבענע אידעען גראָדע ווי מיט די רייכסטע שפּראַכן פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער".

„דער קריזיס" איז אַ צוויי־אַקטער און איז געשריבן געוואָרן דעם 22סטן נאָוועמבער 1898, געבויט אויף צוויי וויכטיקע פּאַסירונגען אין יענעם יאָר: די גרויסע וועלט־אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ און דער שרעק־לעכער עקאָנאָמישער קריזיס און פּאַניק מיטן הונגער און די נויט־ליידןביים אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע.

עס איז כמעט אַ פּיעסע און האָט אַ גרעסערן פּערסאָנאַזש. עס שטעלט פאָר די שווערע לאַגע ביי די יידישע אַרבעטער, וואָס דערפירט איינעם צו פאַרצווייפלונג, אַז ער זאָל פּרווון באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער ער ווערט אין לעצטן אויגנבליק געראַטעוועט פון די חברים־אַרבעטער.

די פּיעסע איז צום ערשטן מאָל געשפּילט געוואָרן אַלס בענעפיס פאַר

דער דאַמאָלטיקער סאָציאַליסטישער צייטונג „דאס אבענדבלאט" און איז דערנאָך אָפט מאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך מיטגלידער פון פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

לויט יואל ענטין, איז דער הויפט־געדאַנק פון דער פיעסע די טיראַדע פון איינעם פון די הויפּטהעלדן: „עס איז [זיינען] דאָ אומגעהויערע גרויסע ריכטימער. וועמען געהערן זיי? מיר, אַרבעטער, וועלכע האָבן דאָס אַלץ באַשאַפן, צוזאַמענגעקליבן, געבראַכט... מיר האָבן גאָרניט דערפון. אין דער צייט ווען אין שיקאַגאָ וואונדערט זיך די וועלט איבער די גרויסע ווערק, וועלכע מיר האָבן מיט אונדזערע הענט, מיט אונדזער שווערער אַרבעט אויפגעשטעלט... אין דער אייגענער צייט איז אַ קריזיס אין גאַנץ אַמעריקע און די גרויסע ווערקער [אויפטוער] פון די [דער] וועלט־אויסשטעלונג שטאַרבן פון הונגער, גייען אויס פון נויט און יסורים".

דאָס שטאַרקסטע און איינדרוקפולסטע אין דעם באַנד איז „קאַפּיטאַן דרייפוס", אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט, וואָס שילדערט די דרייפוס־טראַגעדיע. דאָס איז באמת ניט קיין איינהייטלעכער איינאַקטער, נאָר סצענעס, וואָס גייען אַהין און צוריק, דאָ אין פראַנקרייך, און דאָ אויפן טייוול־אינזל. היות ווי די פיעסע איז געשריבן געוואָרן פאַר אַ סטאַר, פאַר יעקב פּ. אַדלער, גיט זי זייער ווייניק געלעגנהייטן פאַר אַנדערע פּערסאָנאַזשן. על פּי רוב האַלט דרייפוס אַליין גרויסע מאָנאָלאָגן, אָבער דאָך איז די פיעסע עכט דראַמאַטיש, קרעפטיק און אין סטיל, אין וועלכן עס צייכענען זיך אויס די מער פּאָפּולערע גאָרדין־פּיעסן.

גאָרדינס זון, אַלכסנדר, געפינט נאָך אַ באַזונדערן פאַרדינסט פאַר זיין פאָטערס איינאַקטערס:

„יעקב גאָרדין האָט אויסגעפונען, אַז דער איינאַקטער איז נוצלעך אין מער ווי איין וועג. די ערשיינונג פונם איינאַקטער איז געווען אַ גרויסע נייעס און איבעראַשונג, ווייל די יידישע בינע האָט נאָך ביז דאַמאָלט פון אַזאַ זאַך ניט געוואוסט. די סאָרטן איינאַקטערס, וואָס מען האָט יאָ ביז דאַן אויפגעפירט, זיינען געווען אָדער ביליקע פאַרס־קאָמעדיעס אָדער לעכערלעכע פּאַיאַצן־שטיק, וואָס זיינען איבערגעניצעוועט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער וואָדעווילן. גאָרדינס איינאַקטערס זיינען געשריבן

געוואָרן מיטן צוועק פאַר ערציאונג און מיט דער אַביזיכט — זיי זאָלן אויפ־געפירט ווערן פון ליבהאבער פון דער דראַמע, אַנשטאָט פון פּראָפעסיאָ־נעלע שוישפּילער ... דער איינאַקטער האָט געגעבן די בעסטע געלעגנהייט דעם קונסט־ליבהאָבער צו קומען אין דירעקטער באַרירונג מיט דער דראַמע און אירע מעטאָדן און זיי אויסלערנען דורך פּערזענלעכע ערפאַ־רונג ביים שטודירן, ביי דער פּראָבע און ביים אויפפירן זיי אויף דער אַמאַטאָרן־בינע. אויף דעם אופן האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך צו מאַכן דאָס טעאַטער עקאָנאָמיש און סאָציאַל, גרינגבאַר פאַרן פאָלק אַנשטאָט אויף אַ פאַרקערטן אופן, צוציען דאָס פאָלק צו טעאַטער דורך געלט־פאַר־שווענדערישע אַנאָנסן און קאָסטבאַרע אויפירונגען. ...דער אַלגעמיינער אינטערעס און נאַטירלעכער דראַנג פאַרן דראַמאַטישן אויסדרוק איז דער הויפּט שטיצפּונקט פון דעם איינאַקטער, זיין ערציערישע זייט איז דער עיקר! זיין פּראָפעסיאָנעלע זייט — אַ נעבן־זאַך. ...די איינאַקטערס פון יעקב גאָרדין זיינען געשריבן געוואָרן פאַר באַלערנדע צוועקן און מיט דער אַביזיכט צו דינען אַלס ערשטע לעקציע פאַר אַמאַטאָרן און קונסט־ליב־האָבער. די מערסטע פון זיי זיינען געשפּילט געוואָרן פון ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, און דער פאַרפאַסער האָט דערפאַר אויסגע־ווילט דערצו אַן איינפאַכע, עלעמענטאַרע האַנדלונג, אויסמיידנדיק קאָמ־פּליצירטע טעמעס, סוזשעטן אָדער פאַרפּלאָנטערטע סצענעס, וואָס וואָלטן דעם איינאַקטער אַרויסגעשטויסן פון דעם קרייז פון סטודענטן און ליב־האָבער פון דער דראַמע און וואָלטן דערפאַר פאַרלאָרן דעם ציל פאַר וועלכן ער איז געשריבן געווען. אין דידאַקטישע איינאַקטערס איז ניטאָ קיין אויפגעבלאָזנקייט און קיין פּרעטענזיעס. זיי זיינען ניט מער ווי איינפאַכע ,סקעטשעס׳ און שטודיען, דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן און סצענעס, אַנטשטאַנען און אויפגעשריבן אונטערן דרוק פון אַ מאָמענטאַלער ערשיי־נונג אָדער פּאַסירונג. ...דאָך אָבער כאָטש אַט די שטיק זיינען געשריבן געוועזן אונטערן דרוק פון אַ מאָמענט, כדי צוצופּאַסן זיך צו אַ געוויסער געלעגנהייט אָדער צופאַל, איז זייער אינטערעס פונדעסטוועגן ניט קיין צופעליקער אָדער פאַרבייגייענדיקער, נאָר אדרבא — אַ שטענדיקער און אַן אַלמענטשלעכער. יעדע דראַמעלע איז אַן אָפּשפּיגלונג פונם לעבן,

וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אַזוי גוט געקענט, אַ ווענדונג צום פאַרשטאַנד אָדער געפיל, אַ כאַראַקטער־שילדערונג, אַן אויסדרוק פאַר הומאָר אָדער ליידן, און איז אַ לעבהאַפטע פאָרשטעלונג פון אַ דראַמאַטישער טעמע, וואָס באַרעכטיקט זי צו אַ חשובן פּלאַץ אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. נאָכדעם ווי דער ערשטער עקספּערימענט איז נאָר געמאַכט געוואָרן, האָט דער פּראָפעסאָר יעדן נייעם איינאַקטער אַלץ מער ערנסטער אויפמערקזאַמקייט געשענקט, ווי מיר קאָנען דאָס באַמערקן אין דער אימערוואַקסענדער טעכנישער און קינסטלערישער באַאַרבעטונג מיט יעדן נאָכפאָלגנדן איינאַקטער. עס איז קיין ספק ניט, אַז ווען ער זאָל געווען פאַרן איינאַקטער אָפּגעבן אַזויפיל ענערגיע און אויסדויערנדן אייפער ווי פאַר דער גרויסער דראַמע [גאַנצע פּיעסן], וואָלט [ער] עס אים אַנטוויקלט פּונקט צו אַזאַ הויכער מדרגה פון דראַמאַטישער קונסט ווי זיינע גרעסערע ווערק".

גאָרדין זונס כאַראַקטעריזירן זיין פאָטערס איינאַקטערס ווי אַ גרויסער הילפס מיטל און אַ באַזע פאַר ליבהאָבער גייט, ווי מ׳קאָן זען, ווידער אַריבער צו אַ באַגייסטערונג פאַרן כאַראַקטער און אינהאַלט פון די איינאַקטערס, וואָס שטימט כלל ניט מיט אונדזער אָפּשאַצונג, איבערלאָזנדיק אויך אין ספק די נביאות, אַז ווען גאָרדין גיט זיך אַזוי אָפּ מיט זיינע איינאַקטערס ווי מיט זיינע פולע פּיעסן, וואָלט ער זיי אַנטוויקלט צו דער זעלבער הויך. גיכער איז צו גלייבן, אַז גאָרדין איז געווען דער שרייבער פון גרויסן פאָרמאַט, און די קאָמפּאַקטע ראַמען פון אַן איינאַקטער זיינען געווען צו שמאָל און צו ענג פאַר זיינע דראַמאַטישע פעאיקייטן.

אַז אונדזער השערה איז ריכטיקער, קאָן מען אויך זען דערפון, וואָס ס׳שטימט ניט אלכסנדר גאָרדינס באַמערקונג וועגן די איינאַקטערס, אַז „זיינע איינאַקטערס זיינען געווען נאָר ציטווייליקע, אָפּט אונטערבראָכענע שאַפונגען אין די עטלעכע יאָר פון 1891 ביז 1900. צוליב פיל אורזאַכן האָט ער ניט פאָרטגעזעצט זיינע איינאַקטערס נאָך 1900, אָבער [וואַרשיינלעך] הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל זיינע אונטערנעמונגען איבערצוביען און פאַרבעסערן די יידישע בינע האָבן אים געשטעלט פּנים אל פּנים מיט שווערע פּראָבלעמען".

אויף די געדרוקטע איינאַקטערס זיינען אָנגעגעבן די יאָרן ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן, און אַזוי זעען מיר, אַז פון די 17 איינאַקטערס זיינען 7 פאַרפאַסט געוואָרן אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אין 1901 — „ער און זי״, און „די טיפן גאַלערעע״, אין 1902 — „די וואַנזיניקע אַקטעריסע״, אין 1903 — „נאָך דער שחיטה״, אין 1904 — „דער גייסט פון דער געטאָ״ און „כצקאל דראַכמעס מאָנאָלאָג״ און אין 6—1905 — „איז ער שולדיק?״.

## קאַפּיטל פופציק

# דורכפאַל פון „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ" איילט צו יעקב גאָרדינס טויט

וואָס באַהאַנדלט גאָרדין אין דער פּיעסע? — די אויפפירונג און דער דורכפאַל — דער צוזאַמענברוך פון דער יידישער דראַמע — פאַרוואָס האָט טאָמאַשעווסקי אָראָפּגענומען די פּיעסע? — גאָרדין ווערט קראַנקער און קראַנקער — קאָן ניט קומען צו זיך נאָכן דורכפאַל.

לויט קלמן מרמר האָט יעקב גאָרדינס לעצטע פּיעסע „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ" געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. לויט ב. גאָרין, איז די פּיעסע ניט געווען קיין דערפאָלג. דער טעאַטער־עולם איז זי ניט גע־קומען זען. אָבער עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס איז ניט געווען די ווירק־לעכע סיבה פאַרוואָס באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אויפגעפירט די פּיעסע, האָט זי נאָכן שפּילן צוויי וואָכן, אַראָפּגענומען. די סיבה איז זייער אַ טשיקאַווע, און פאַרדינט, אַז מען זאָל זי גענוי באַשרייבן.

אָבער איידער מיר וועלן דאָס טאָן, ווילן מיר פריער באַקענען זיך מיטן אינהאַלט פון דער פּיעסע, וואָס האָט, לויט טאָמאַשעווסקין, גע־שפּילט די הויפּטראָל פאַרוואָס מען זאָל זי אויפהערן שפּילן.

די פּיעסע איז ניט געדרוקט, און ווי דאָס לעצטע דראַמאַטישע ווערק פון גאָרדינען, וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז זי זאָל געדרוקט ווערן. אויסערדעם שפּילט זי אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון לעבן פון די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, און דאַרף אַלס אַ היסטאָריש־סאָ־ציאַל־קולטורעלער דאָקומענט, פאַרפיקסירט ווערן. מיר האָבן צו פאַר־דאַנקען גאָרדינס גרויסן פריינד קלמר מרמר דאָס באַקענען זיך גענוי מיטן אינהאַלט פון דער פּיעסע.

דער הויפּט־העלד איז אַ געוועזענער רוסיש־יידישער אידעאַליסט, מאַרק דוקעלס. ער יאָגט זיך מיט אַלע כוחות נאָך געלט. ער האַלט אַ קאַפע־הויז, וואָס איז אַ נעסט פאַר געמבלערס. ווען ער קלייבט אָן אַ היבשע סומע געלט, הויבט ער אָן שפּעקולירן מיט הייזער און קויפן באַדן אויף וועלכן ער זאָל אויפשטעלן די הייזער. זיין הויז ווערט אַ מין בירזשע, וואו מ׳קויפט און מ׳פאַרקויפט „ריעל עסטייט״. צום סוף וואַרפט דוקעלס אַוועק אַלע זיינע קליינע שפּעקולאַציעס און גיט זיך איבער אינגאַנצן צו איין גרויסער אונטערנעמונג. דאָס איז צוויי און זעכציק גרויסע „אַפּאַרטמענט־הייזער״. ער לייגט אין דעם אַריין אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט און שלעפּט אויך אַריין אין דעם געשעפט באַקאַנטע, אַפילו זיינע אייגענע נאָנטע קרובים, ביי וועלכע ער באָרגט געלט, אַנווייזנדיק זיי וויפל זיי קאָנען פאַרדינען אין דעם געשעפט. זיין האָפנונג איז, אַז ווען ער וועט אויפבויען די הייזער ביזן דאַך, וועט ער קריגן צוויי און זעכציק מאָל ניין טויזנט דאָלאַר ערשטן מאָרטגעדזש [היפּאָטעק] און צוויי און זעכציק מאָל פינף טויזנט דאָלאַר צווייטן מאָרטגעדזש. ער איז אָבער אַזוי איינגעטונקען אין חובות, אַז ער האָט מורא, אַז ווען די בענק־הייזער וועלן זיך דערפון דערוויסן, וועלן זיי אים ניט געבן קיין מאָרטגעידזשעס, אראנזשירט ער דעריבער אַ גרויסן באַל צו וועלכן ער פאַרבעט דעם פּרעזידענט פון אַ גרויסער באַנק כדי אים דאָרט צו „באַאַרבעטן״ און אים באַאיינפלוסן, אַז ווען ער וועט קומען באָרגן די מאָרטגעידזשעס, זאָל ער זיי קריגן. באַלד אָבער ברעכט אויס דער קריזיס [אין יענער צייט איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער קריזיס אין אַמעריקע], געשעפטן פלאַצן, בענק פאַרמאַכן זיך, באַנקראָטירן, און ווען דוקעלס דערוויסט זיך, אַז די גרויסע באַנק האָט באַנקראָטירט, און איר פּרעזידענט, אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַלע זיינע האָפנונגען, האָט זיך גענומען דאָס לעבן, ווערט דוקעלס פאַרצווייפלט און גייט אַראָפּ פון זינען.

די פּערזאָנען פון דער פּיעסע זיינען, מיט וויניקע אויסנאַמען, יעדער אַ הויפּט־העלד פון אַ דראַמע פאַר זיך. אַזוי איז דער צוויי און פערציק יאָריקער מאַרק דוקעלס (געשפּילט פון באָריס טאָמאַשעווסקי), וועלכער זעט דאָס העכסטע גליק אין געלט און געפינט אויס דאָס קעגנטייל, זיין

פרוי, הינדע (געשפּילט פון רבקה וויינטרויב), וועלכע איז הילפלאָז אין איר רייכקייט, הענגט אָן אויף זיך אַלערליי דימאַנטן און פאַרשפּילט אַ פאַרמעגן אין פּאָקער. זייער טאָכטער פלאָראַ [געשפּילט פון בעלאַ גודינ־סקאָ], וועלכע ווערט שטאַרק אומגליקלעך צוליב איר חתונה מיט דעם ווינט־קאָפּ, שפּעקולאַנט, געמבלער, שוואַכלינג, בלאָפער, אָבער פאַרט ניט קיין שלעכטער יונג, פעליקס ראַבינזאָן (געשפּילט פון לעאָן בלאַנק), דוקעלס ניינצן יאָריקן זון ווילי (ראָזענטאַל), וועלכער ווערט דעמאָראַליזירט אין דער מיאוסער סביבה און קומט אום, דוקעלס גרינגע שוועגערין סאָפיע (עטי טאָביאַס), וועלכע קוקט נאָך אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן, ווי אין דער צייט ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, מיט הויכע אידעאַלן, אין דער אוניווערסיטעט פון קאַרקאָוו. איר טאָכטער ליזאַ (בעסי טאָמאַשעווּ־סקי), וואָס פּאַסט זיך שנעל אַריין אין דעם גאָלדענעם זומפּ, זינקט און גייט אונטער נאָך איידער זי הייבט אָן ריכטיק צו לעבן. פאַראַן אין דער פּיעסע אַ טיפּ פון דעם געמבלער באב רוט, וועלכער זוכט אויסצוגעפינען אַ סיסטעם אין די רייסעס־געבלינג, וואָס זאָל אַריינברענגען מיליאָנען און חלומט כסדר, אַז ער וועט נאָך אַ מאָל צוריקקריגן זיין פרוי און קינד, דאָן אַזעלכע טיפּן, ווי דער מגושמדיקער אַלרייטניק, דער חזיר פּראָקעס (געשפּילט פון פּיטער גראַף), וועמענס „אידעאַל" איז אַ צווייטער מאָרט־געדזש אויף דער גאַנצער ערד, דער אָקס דריפּקין, וואָס קאָן ניט אויס־שרייבן קיין טשעק און ווייס ניט צו דערקלערן ווי אַזוי עס קומט צו אים אַזויפיל געלט, דער באַנק פּרעזידענט און נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּאַר־שוינען.

מרמר האַלט, אַז גאָרדינס לעצטע פּיעסע האָט פאַרכאַפּט מיט איר רעאַליסטישער מאָלעריי פון דער אַמעריקאַנער סביבה. עס איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען בולט דעם פיבער פון שפּעקולאַציע און פון דער „אַמעריקאַנער משוגעת" און געיעג נאָך געלט (זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, ווען דרייזער האָט שפּעטער געשריבן אַ ראָמאַן אין וועלכן ער האָט צוגענאָגלט די הפקרות אין אַמעריקע, וואָס דערפירט דעם יונגענמאַן צו דערמאָרדן זיין מיידל, וועלכע האָט פון אים פאַרשוואַנגערט, האָט ער עס גערופן „די אַמעריקאַנער טראַגעדיע"). גלייכצייטיק איז יעדער כאַ־

ראַקטער אין דער פּיעסע געווען טיפּיש פאַר זיין סביבה און איז אויס־געוואַקסן צו אַ סימבאָל.

אַז גאָרדין האָט געהאַלטן זייער פיל פון דער פּיעסע, קאָן מען זען דערפון, וואָס אַ וואָך נאָך דער אויפפירונג פון דער פיעסע, האָט ער געהאַלטן אַ לעקציע אויף דער טעמע „פאַרוואָס ווערט קיין סאָציאַליסטי־שער קאַנדידאַט ניט עלעקטער [געוויילט] און שונד־פּיעסן האָבן אַזאַ גרויסן דערפאָלג?". גאָרדין האָט אין זיין פּיעסע געזען ניט נאָר אַ טעאַטער־שטיק, נאָר נאָך אַ שריט אין זיין קאַמף פאַר קונסט און באַקענען דאָס פאָלק מיט סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער האָט געזען אַ נאָענטן שייכות צווישן דער באַציאונג צו קונסט און שונד און צו דער גלייכגיל־טיקייט און אַפּאַטיע פון די ברייטע מאַסן צו פּאָליטיש־סאָציאַלע פראַגן. ער האָט אין דעם גייעג פון אַ סך ראַדיקאַלן נאָך געלט און קאַריערעס געזען די סיבה פון דער וואולגאַריזאַציע פון סאָציאַליזם און קונסט, און ממילא זיגן צוליב דעם ביי די וואַלן דער חזיר פּראָקעס און דער אָקס דריפּקין.

גאָרדין איז געווען איבערצייגט, אַז די נייעסטע דראַמע זיינע וועט אויפשטורעמען די יידישע מאַסן קעגן דינען צום גאָלדענעם קאַלב און וועט אַרויסרופן ביי זיי אַ שטאַרקן געפיל און באַגייסטערונג פאַר אַ רייך, ערלעך, אידעאַל לעבן, און דאָ גאָר, נאָכן שפילן די פּיעסע נאָר צוויי וואָכן, ווערט זי אַראָפּגענומען.

לאָמיר איצט דעריבער הערן וואָס עס האָט וועגן דעם צו זאָגן באָריס טאָמאַשעווסקי דער, וועלכער האָט די פּיעסע אויפגעפירט, ניט געקוקט וואָס די אַנדערע טעאַטער־דירעקטאָרן ווי אַדלער און קעסלער האָבן זיך אָפּגעזאָגט זי צו שפּילן, אָבער וועלכער האָט זי פאָרט באַלד אַראָפּגענו־מען.

באָריס טאָמאַשעווסקי שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז „די פּיעסע האָט ניט געהאַט דעם געוואונטשטן בייפאַל נאָר דערפאַר, ווייל אַ סך פון די וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דעם קרענק פון ריעל עסטעיט, זיינען געקומען אין טעאַטער אַריין, און ווען ניט זיי אַליין, איז זייערע קינדער, זייערע קרובים, און גאָרדין האָט מיט זיין „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" געלאַכט

פון זייערע יסורים און דערמאָנט זאַכן, וועלכע זיי האָבן געזוכט צו פאַר־געסן און דערשטיקן". „איך האָב אָנגעווענדט אַלע טעאַטער־מיטלען — שרייבט טאָמאַשעווסקי — צו מאַכן די פּיעסע פאַר אַ סוקסעס, אָבער עס האָט מיר ניט געהאָלפן. איך האָב געקראָגן פיל פּראָטעסט־בריוו און געבעט־בריוו איך זאָל די פּיעסע ניט שפּילן. יעקב גאָרדין ווידער האָט זיך געשעמט זיינע אַ פּיעסע זאָל אַרונטערגענומען ווערן און ער האָט מיך באַאיינפלוסט די פּיעסע ווייטער צו שפּילן, און איך האָב פון דעם אינגיכן צוגעלייגט יעדע וואָך עטלעכע טויזנטער. די ציטונגען האָבן מיטגעהאָלפן די פּיעסע אַרונטערצורייסן [פון די רעצענזיעס וועלכע מיר האָבן געבראַכט אין פריערדיקן קאַפּיטל זעען מיר ניט, אַז ס'זאָל שטימען וואָס טאָמאַשעווסקי שרייבט]. די ציטונגען האָבן געשריגן גוואַלד, אַז עס איז ניט רעכט, אַז דאָס טעאַטער זאָל גיין אויף יענעמס געפילן, און „דע־מענטיאַ אַמעריקאַנאַ", וואָס איז אַזוי שיין אויפגעפירט געוואָרן און שיין געשפּילט געוואָרן, האָט געמוזט אַרונטערגיין...". ווייטער דערציילט טאָ־מאַשעווסקי: „מיט יעקב גאָרדין האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל זיך ניט מישן צו דער אויפפירונג פון דער פּיעסע. איך אַליין האָב די פּיעסע אויפגעפירט און יעקב גאָרדין איז ביינאַכט געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פונקט ווי אַ פרעמדער טעאַטער־באַזוכער. ער האָט זיך מיט זיין פאַמיליע אַריינגעזעצט אין אַ לאָזשע און באַוואונדערט זיין פּיעסע. אין דעם דריטן אַקט האָט מען יעקב גאָרדינען אַרויסגערופן מיט האַרצלעכע אַפּלאָדיסמענטן. יעקב גאָרדין האָט געדאַנקט דעם אַפּלאָדירנ־דיקן עולם און מיר געדאַנקט פאַר דער אויפפירונג און זיך אויסגע־שפּראָכן, אַז פון אַלע פּיעסן, וואָס ער האָט אויפגעפירט אין ניו יאָרק, איז נאָך קיין פּיעסע אַזוי רעאַל אויפגעפירט געוואָרן און אַזוי שיין גע־שפּילט געוואָרן. יעקב גאָרדין האָט אַ קורצן נחת געהאַט פון זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אמעריקאַנאַ", וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר דעם בעסטן ווערק פון אַלץ".

מען מעג זיין אין ספק צי טאָמאַשעווסקי טרייבט ניט איבער ווען ער דריקט זיך אויס, אַז גאָרדין האָט געהאַלטן, אַז זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" איז אַמבעסטן געשפּילט געוואָרן פון אַלע זיינע פריערדיקע

פּיעסן, ווע מען נעמט אין אַכט ווער עס האָט אַלץ געשפּילט אין זיינע באַרימטע פּיעסן ווי „קרייצער סאָנאַטע", „סאַפאָ", „גאָט, מענטש און טייוול" און „מירעלע אפרת". מען מעג אויך שטאַרק צווייפלען אין דעם וואָס טאָמאַשעווסקי זאָגט אין גאָרדינס נאָמען, אַז ער האָט געהאַלטן אַט די פּיעסע פאַר זיין בעסטע, ווייל מיר האָבן פאַקטן, אַז ווען גאָרדין האָט געוואָלט אַרויסשטעלן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער, פלעגט ער עס שטענדיק טאָן ביים דערמאָנען זיינע פּיעסן „גאָט, מענטש און טייוול" און „מירעלע אפרת", ווי מיר האָבן עס געזען ווען ער האָט סאַרקאַסטיש געענטפערט אב. קאַהאַנען, אַז ער האָט „פאַרבלאָפט" דעם טעאַטער־גייער. אָבער אין דער זעלבער צייט איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דאָס וואָס די פּיעסע איז באַלד אראָפּגענומען געוואָרן, אַז דאָס וואָס זיינע אַ פּיעסע, דערצו אַן אָריגינעלע איז אַזוי דורכגעפאַלן, און דאָס נאָך אין דער צייט ווען ער איז שוין געווען אַזוי קראַנק, האָבן צוגעאיילט גאָרדינס סוף.

און טאַקע גאָר אינגיכן נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגענומען „דעמענ־טיאַ אַמעריקאַנאַ", איז גאָרדין געשטאָרבן.

טאָמאַשעווסקי דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, ווי קורץ איידער גאָרדין איז געשטאָרבן, איז ער אַריינגעקומען צו אים אין גאַרדעראָב אַ בלאַסער. זיין גאַנצער קערפּער האָט געפיבערט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זעלבער סאָפע, אויף וועלכער אברהם גאָלדפאַדען איז אַמאָל געלעגן, און געזאָגט צו טאָמאַשעווסקין:

— טאָמאַשעווסקי, איך פיל ניט גוט. מיך פיבערט, מיר ווערט קאַלט און הייס. אפשר וועט מיר בעסער ווערן, איך וויל דאָ ביי אייך אַביסל ליגן.

— אפשר אייך צודעקן מיט מיין פעלץ? — האָט טאָמאַשעווסקי געפרעגט.

נאָכדעם ווי טאָמאַשעווסקי האָט אים צוגעדעקט, האָט ער אים גע־פרעגט:

— אפשר אַ גלאָז טעה מיט ראָם? איך וועל אויסלעשן די עלעקטריק און איר וועט אייך דאָ גאַנץ רואיק ליגן. נאָכן דריטן אַקט וועל איך אייך אויפוועקן. איך האָב מיט אברהם גאָלדפאַדען אויך געטאָן דאָס אייגענע.

— און ער איז געשטאָרבן?! — האָט גאָרדין אַ געשריי געטאָן — הייסט עס, אַז מיט מיר וועט אויך זיין דאָס אייגענע... איך וויל ניט שטאַרבן, איך האָב אַ שטוב קליינע קינדערלעך — און גאָרדין האָט גע־ענדיקט מיט עטלעכע רוסישע מי שברך׳ס.

צוליב די גוזמאות, וועלכע טאָמאַשעווסקי פּלעגט באַנוצן אין זיין ריידן און אין זיין שרייבן, איז שווער פעסטצושטעלן צי די געשיכטע איז גאַנץ גענוי ווי ער האָט זי איבערגעגעבן, ווייל פּונקט דאָסזעלבע שרייבט ער אין זיינע זכרונות וועגן דער צווייטער, אָדער ערשטער, גרעסטער פיגור אין יידישן טעאַטער — וועגן אַברהם גאָלדפאַדן, ווי ער איז געקו־מען צו אים אַ קראַנקער אין גאַרדעראָב, זיך אָוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, און איז עטלעכע טעג שפּעטער געשטאָרבן; גענוי ווי עס זאָל האָבן דאָסזעלבע פּאַסירט מיט יעקב גאָרדין. אָבער אַפילו ווען די שילדערונג איז אַביסל איבערגעטריבן, ווייזט זי ווי ערנסט קראַנק גאָרדין איז שוין געווען און ווי אַזוי עס האָט זיך דערנענטערט זיין טויט.

## קאַפּיטל איין און פֿופֿציק

# „פֿיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ" — גאָרדינס טויט

גאָרדינס סאַרקאַסטישער אויסדרוק וועגן יידישן טעאַטער — ער זאָגט פֿאַר, אַז עס איז זיין לעצטער געבורטנטאָג — הערט אויף צו גלויבן די דאָקטוירים און פּראָפֿעסאָרן — די לעצטע שטונדן — די ריזיקע לויה.

מיר ווייסן שוין, אַז ווען גאָרדין האָט גענומען פּילן שלעכט, און מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז ניט מער ווי אַ מאָגן־קראַנקהייט, איז ער זומער 1907 געפֿאָרן קיין קאַרלסבאַד דאָרט טרינקען דאָס מינעראַל־וואַסער, וואָס האָט אים זייער ווייניק געהאָלפֿן, ווייל זיין קראַנקהייט איז געווען ערנסטער.

סוף 1907, ווען יעקב גאָרדין האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", וואָס איז געוואָרן זיין לעצטע פּיעסע, האָט ער זיך דערפֿילט אמתדיק קראַנק. ווען קאַהאַן האָט אים עטלעכע חדשים שפּעטער געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ער איז אַ פּנים אַלט און שוואַך, האָט אים גאָרדין אויסגעלאַכט אין זיין ענטפֿער, אָבער ווי מרמר באַמערקט, איז עס געווען „אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס". דער אמת איז געווען, אַז פֿון טאָג צו טאָג איז גאָרדינען שווער געוואָרן אַראָפּצושלינגען שפּייז. נאַטירלעך האָט דאָס אַרויסגערופֿן גרויס זאָרג ביים חולה און ביי זיין פֿאַמיליע, און אַ לאַנגע צייט איז גאָרדין באַהאַנדלט געוואָרן פֿון זיינע פֿריינט, די דאָקטוירים אינגערמאַן, באַרסקי, האַלפּערן, זאַלאַטאַראָוו און קאַפּלאַן. אין נאָוועמבער 1908 האָבן זיי פֿאַר אים באַשטימט אַ ספּעציעלע דיעטע, מיט דער האָפֿנונג, אַז דאָס וועט לינדערן זיינע יסורים. אַ חודש שפּעטער, נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגענומען פֿון דער בינע זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", האָבן די דאָקטוירים אים געלאָזט אונטערזוכן ביי אַ באַרימטן כירורג, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז גאָרדין

ליידט פון נערוועזע ספּאַזמעס און ער האָט אים רעקאָמענדירט אַ נערוון־ספּעציאַליסט, וועלכער האָט פון זיין זייט געהאַלטן, אַז דער חולה ליידט פון עפּעס אַנדערש און האָט אים צוריקגעשיקט צום כירורג.

גאָרדין האָט אָבער געליטן ניט נאָר פיזישע ליידן, נאָר אויך מאָראַלישע. זיין האַרץ איז ממש צעבראָכן געוואָרן ווען ער האָט געזען, אַז דאָס יידישע טעאַטער, וואָס ער האָט געהאָפט אויפצובויען פאַר אַ קונסט־טעמפּל, גייט צוריק אויפן זעלבן שונד־וועג ווי דאַמאָלט ווען ער איז צוגעטראָטן צום יידישן טעאַטער. די דריי גרעסטע יידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק האָבן דאַמאָלט קאָנקורירט צווישן זיך מיט „שונד־יידישקייט”. איין טעאַטער האָט אויפגעפירט „דאָס יידישע האַרץ”, אַ צווייטס — „די יידישע נשמה”, און אַ דריטס — „דאָס יידישע קינד”. דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי דערציילט, אַז בעת ער האָט באַזוכט צו יענער צייט גאָרדינען, וועלכער האָט זיך געקאָרטשעט אין יסורים, איז ער אָבער נאָך אַלץ געווען גייסטיק גענוג שטאַרק זיך אויסצודריקן סאַרקאַסטיש, אַז ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער אָנשרייבן אַ פּיעסע, וואָס וועט הייסן „דער יידישער מאָגן”, וואָס קאָן פאַרדייען די אַלע פּאַסקודסטוועס. אָבער אין אַן ערנסטן געשפּרעך האָט ער זיך, אין יענע שווערע טעג, אויסגעדריקט: „איך האָב זיי אויפגעבויט אַ טעמפּל פאַר קונסט, אָבער זיי האָבן עס אין אַ שטאַל פאַרוואַנדלט”.

עס האָבן ניט געהאָלפן די אָפּטימיסטישע שטימונגען אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן, וואָס האָבן געהאָפט, אַז ווען די נייע יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע וועלן זיך אַמעריקאַניזירן, וועט דאָס בעסערע יידישע טעאַטער ווידער פאַרנעמען זיין געהויבן אָרט (אָט די האָפענונג איז אַ ביסל שפּעטער יאָ מאַטעריאַליזירט געוואָרן דורכן „קונסט־טעאַטער”). גאָרדין האָט געפילט, אַז זיינע כוחות גייען אים אויס, אַז ער איז מער ניט אימשטאַנד גאָר־ניט צו געבן דעם יידישן טעאַטער, אַז ער קאָן מער ניט פירן דעם קאַמף אויסצובעסערן דעם יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, און אָט דער געפיל, אַז הגם ער האָט 18 יאָר פאַרנומען אַן אויבן־אָן אין יידישן טעאַטער, אַז ער האָט געשאַפן אַן עפּאָכע, אָבער דאָס אַלץ גליטשט זיך אַרויס פון הינטער זיינע הענט, און מסתמא אויך ניט ווייניקער דער פאַקט, וואָס ניט געקוקט

אויף די גרעסערע פאַרדינסטן וואָס זיין שרייבן האָט אים געבראַכט, וועט זיין פאַמיליע בלייבן נאַקעט און בלויז, אַז אַ ברויטגעבער, האָבן ניט פאַרגרינגערט זיינע פיזישע יסורים.

אָבער אינגאַנצן אונטערגעגעבן האָט ער זיך ניט, און נאָך אין אָנהייב 1909 איז גאָרדין נאָך אַלץ געווען טעטיק אַלס רעדנער, הויפּטזאַכלעך איבער טעאַטער־פּראָבלעמען. און ביי איינע אַזאַ לעקציע, אין פּעטערסאָן, האָט ער זיך צוגעקילט, געקראָגן אַ לונגן־אָנטצינדונג און געלעגן אַ חודש אין בעט. זיין קראַנקהייט האָט זיך כסדר פאַרערגערט און ער האָט אָנגע־הויבן טראַכטן, אַז זיין סוף דערנענטערט זיך, אַז דאָס איז, אין טעאַטער־טערמינען, דער לעצטער אַקט פון זיין אייגענער לעבנס־דראַמע. דאָ האָט ער זיך מסתמא דערמאָנט די אַמאָליקע אויפפאָדערונג פון יאַנאָווסקין פאַרוואָס ער שרייבט ניט זיינע דעראינערונגען, און ער האָט איינמאָל באַמערקט צו מאָריס ווינטשעווסקין: „טאָמער געפין איך אויס, אַז מיין קרענק גייט שנעל און אַז מיר בלייבט ניט פיל לענגער צו לעבן, דאַן זעץ איך זיך אַוועק און שרייב אויף מיין ביאָגראַפיע". אָבער ער איז דערצו קיינמאָל ניט געקומען.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער ערשטער מאַי, זיין 56סטער גע־בוירנטאָג, און זיינע פריינט האָבן געמאַכט אַ פייערונג. זיי זיינען געבליבן מיט אים ביז שפּעט ביינאַכט, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי פראַווען אַזאַ יום טוב, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין האַרץ אַוועקצוגיין. גאָרדין איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט דעם ביטערן געדאַנק אָפן, הויך, אַרויסגעזאָגט. ווען ד"ר קאַפּלאַן האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן אַן ענלעכער פייערונג קומענדיקעס יאָר, האָט גאָרדין געענטפערט, אַז איבעראַיאָר וועט ער, דער דאָקטאָר, שוין ניט האָבן קיין חשק צו קומען צו אים...

צומאָרגנס נאָך דער פייערונג, איז גאָרדין געווען געצוואונגען צו לייגן זיך אין בעט. ער האָט געפילט זייער אויסגעמאַטערט און האָט באַקומען פיבער. זיינע דאָקטוירים האָבן געבראַכט צו אים אַ מאָגן־ספּע־ציאַליסט, ד"ר איינהאָרן, וועלכער האָט אַרויסגעטראָגן דעם שרעקלעכן פּסק־דין, אַז גאָרדין ליידט פון קענסער אין עזאָפאַגוס (שפּייז־רער), און

דעריבער איז אים שווער אָראָפּצושלינגען די שפּייז. פאַר גאָרדינס פאַ־מיליע און פריינט איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. זיי האָבן זיך עס ניט געוואָלט צוגלייבן, און זיי האָבן באַשלאָסן אים אַריינצוגעבן אין בית ישראל־שפּיטאָל פאַר אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג. מען האָט עס באַלד געטאָן. די עטלעכע דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים אונטערזוכט, זיינען אָבער נאָך ניט געווען זיכער, אַז עס איז קענסער, זיי האָבן גיכער געגלויבט, אַז ער לײַדט פון אַן אינעווייניקסטער אָנטצינדונג. אָבער די ווייטערדיקע אונטערזוכונגען האָבן געוויזן, אַז עס איז טאַקע קענסער.

די דאָקטוירים און זיינע פריינט, וועלכע האָבן אים כסדר באַזוכט אין שפּיטאָל, האָבן זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן פון זיין פאַמיליע די געפאַר אין וועלכער גאָרדין האָט זיך געפונען. די יידישע פּרעסע האָט כמעט יעדן טאָג פאַרעפנטלעכט באַריכטן וועגן קראַנקן, אָבער מען האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט דעם כאַראַקטער פון זיין קראַנקהייט. דעם זיבעטן מאַי איז געווען געמאָלדן, אַז זינט ער איז קראַנק, האָט ער פאַרלאָרן אַרום פערציק פונט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך באַמיט צו טרייסטן זיינע נאָנטע, אַז „אַלע אַרום זיינען איבערצייגט, אַז אין זיין איצטיקער לאַגע איז ניטאָ קיין געפאַר״, נאָר „דער קראַנקער אַליין איז צייטנווייז מוטלאָז״. אָבער דעם זיבצנטן מאַי איז שוין צוגעגעבן געוואָרן, אַז דער חולה לײַדט שטאַרק, האָט אָפטמאָל 103 גראַד פיבער, און אַז מ׳קאָן אים מער ניט געבן קיין עסן דורכן האַלז.

אויב מען האָט ביז איצט אפשר געקאָנט פאַרדעקן דעם אמת וועגן דער קראַנקהייט, איז עס איצט שוין געווען אוממעגלעך. גאָרדין אַליין איז שוין איצט געווען זיכער, אַז ער לײַדט פון קענסער. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „ער גלויבט ניט מער אַלע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן״, און ער ווייסט, אַז „מען נאַרט אים״. די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן, אַז מען קאָן אים אין שפּיטאָל מער ניט העלפן, און אויב ער מוז פאַרענדיקן זיין לעבן, זאָל עס בעסער געשען אין זיין אייגענער שטוב, אויף זיין בעט. מען האָט אים צוריק אַהיימגענומען.

איצט ערשט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער אומרו ביי זיינע פיל פאַרערער און פריינט. ניט קאָנענדיק צוקומען צו אים אין הויז, האָבן זיי

בסדר טעלעפאָנירט אין די יידישע און ענגלישע צייטונגען, ווייל אויך די אַמעריקאַנער ענגלישע פּרעסע האָט זיך גענומען פאַראינטערעסירן וועגן זיין קראַנקהייט, זיך צו דערוויסן ווי עס זעט אויס זיין צושטאַנד.

ווי עס פּאַסירט אָפט ביי אַ חולה, פלעגן אַריינטרעטן דוקא אין די לעצטע טעג אויך ענדערונגען צום בעסערן, טעג אין וועלכע וועלכע דער חולה האָט, ווי עס האָט אויסגעוויזן, גענומען פילן לייכטער. אין איינעם אַזאַ טאָג, האָט זיין נאָנטער פריינט מאָריס ווינטשעווסקי פאַר־פירט מיט אים אַ שמועס וועגן זיינע געדרוקטע פּיעסן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די אויסגאַבעס פון זיינע ווערק, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין פּוילן אָדער גאַליציע, זיינען סקאַנדאַליעז צעקאַליעטשעט, דעריבער וואָלט געוועזן זייער גוט ווען ער, גאָרדין, זאָל מסכים זיין אַרויסצוגעבן אַ רעווידירטע, קאָנטראָלירטע אויסגאַבע פון זיינע דראַמאַטישע ווערק אין אַמעריקע.

ווינטשעווסקי האָט דאָס געשפּרעך איינגעפעדעמט זייער דעליקאַט, כמעט דיפּלאָמאַטיש. אַריינגעמענדיק גאָרדינס האַנט אין זיינער, און זי צערטלענדיק מיט זיינע פינגער, האָט ער אים געזאָגט, אַז צוליב אים איז ער, פאַרנדיק צו אים, איבערגעפאָרן גאַנצע זעקס בלאָק, און ווען גאָרדין האָט אים געפרעגט ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָט אים ווינ־טשעווסקי געענטפערט, אַז עס איז געשען, ווייל ער איז געווען פאַרטיפט אין לייענען זיין פּיעסע „אלישע בן אבויה", וואָס איז געדרוקט געוואָרן דוקא אין אַמעריקע, און אויסנוצנדיק דעם גינסטיקן מאָמענט, האָט ער האַסטיק פאַרטגעזעצט, אַז אפילו די פּיעסע איז אָפּגעדרוקט מיט אַ סך שרעקלעכע פעלערן, און דאַן האָט ווינטשעווסקי אָנגעהויבן צו שילדערן פאַר גאָרדינען אַ פּלאַן פון אַרויסגעבן אַלע זיינע ווערק אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע. ווי אַלס פּראָטעסט קעגן דעם פּלאַן, האָט גאָרדין אַרויסגע־צויגן זיין האַנט פון ווינטשעווסקיס כלומרשט כדי אַראָפּצוציען פון זיך אַ שטיק דעק, אַז ווינטשעווסקי זאָל זיך ניט פילן באַליידיקט, אָבער ווינ־טשעווסקי האָט ווייטער גערעדט: „דו דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז די הוצאה אין דיין הויז איז איצט אַ שרעקלעכע און קיין הכנסה וועט אַזוי גיך ניט זיין. אַזאַ פּראַכט־אויסגאַבע קאָן אַריינברענגען שיין געלט. דער

עיקר איז פונדעסטוועגן ניט דאָס געלט. עס איז גלאַט שוין צייט, אַז עס זאָל אַרויסקומען אַן אוניפאָרמע [איינהייטלעכע] אויסגאַבע פון דיינע דראַמען, ריין פון דרוקפעלערן, וועלכע ווימלען אין די ביז־איצטיקע אויסגאַבן שוין גאָרניט ריידנדיק פון די רוסישע אָפּדרוקן, וואָס זיינען איינפאַך סקאַנדאַליעז צעקאַליעטשעט".

וואָס מער ווינטשעווסקי האָט גערעדט, אַלץ מער האָט אין גאָרדינען דערוואַכט דער שרייבערישער עגאָאיזם. ער האָט צום ערשטן מאָל, נאָכן צוריקקומען פון שפּיטאָל, אַנגעהויבן אַרויסווייזן אינטערעס וועגן אַן ענין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין נאָמען און געקאָנט האָבן אַ מאַטעריעלע ווירקונג פאַר זיין פאַמיליע. ווינטשעווסקי האָט זיך דערפון געפילט זייער דערמוטיקט און ער האָט ווייטער געזאָגט: „הייסט עס, מיר האָבן דיין צושטימונג. איצט וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט. ...איך וועל אָנשרייבן אַ פּראָספּעקטוס, וועלכער וועט אַריינגעגעבן ווערן אין „די וואַרהייט", „פאָרווערטס" און זאָגאַר אין די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען. דעם פּראָספּעקטוס וועל איך דיר פאָרלעזן אַזוי גיך ווי דו וועסט זיין אימשטאַנד אים אויסצוהערן".

דאָ אָבער האָט גאָרדין מיט איין זאַץ אויפגעדעקט ווי ער האָט באמת געפילט וועגן גאַנצן פאָרשלאַג: „דו וועסט האָבן לאַנג צו וואַרטן..." — האָט ער געזאָגט.

אָבער גאָרדין האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. איין טאָג האָט ער געפילט אַ ביסל בעסער, האָט ער געזאָגט צו אַ באַזוכער, אַז אַלץ, וואָס ער וויל, איז נאָר געזונט ווערן. און ווינטשעווסקי שילדערט ווי אַזוי גאָרדין האָט יענעם טאָג געפילט: „ער האָט געהאַט אַ גוטן אַפּעטיט און מען האָט אים געגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט שלינגען. זיין מאַלצייט האָט זיך געענדיקט מיט עטלעכע ווייַנטרויבן, און אַזאַ מין עסן האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען. ער האָט געגעסן ניט ווי מען עסט נאָך אַ תענית אָדער נאָך אַ קרענק. ער האָט געגעסן אַזוי ווי אין יעדן זופּ, אַזוי ווי אין דער זאַפט פון יעדן ווייַנטרויב וואָלט געווען אַ לעבנס־עלעקסיר, אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיינע יאָרן פון דעם טויטס קאָסע, אַ מעגלעכקייט צו קריגן קרעפטן גענוג אום צו באַקעמפן דעם מלאך המות".

אָבער גאָרדין האָט דעם מלאך המות ניט באַקעמפט. דאָס איז געווען דעם 10טן יוני 1909. ווינטשעווסקי באַשרייבט אַזוי גאָרדינס לעצטע שטונדן:

„דאָס איז געווען אַ פערטל נאָך ניין פון אוונט. דורך אַ צופאַל בין איך געווען דער איינציקער פון זיינע פריינט, חוץ די פאַמיליע און די נוירסעס [קראַנקן־שוועסטער] אין הויז. איך האָב געצווייפלט צי איך זאָל אַרויפגיין אין קראַנקנצימער אויבן צי ניט. מיט אַמאָל קומט אַרונטער די טאָג־נוירס און זאָגט מיר, אַז ער וויל מיך זען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין צען טעג וואָס ער האָט ווידער אַזאַ וואונטש אויסגעשפּראָכן. מיט אַ שרעק אין האַרצן בין איך צו אים אַרויפגעגאַנגען. ער האָט אויסגעזען פיל בעסער ווי איך האָב ערוואַרטעט אים צו געפינען, ווייל דורכן טאָג האָבן מיר געהערט שרעקלעכע רעפּאָרטן. איך האָב אַריינגענומען זיין האַנט אין מיינע, האָב אים שטאַר אָנגעזען און האָב ערוואַרטעט יענעם „געזאַנג אָן ווערטער״, וועלכע זיין שיידענדע, לאַנגזאַם שיידענדע, גרויסע איידעלע נשמה האָט געזונגען אין די לעצטע צייט, האָב ערוואַרטעט איינע פון יענע סצענעס, יענע שטילע, שטומע סצענעס צו וועלכע מיר אַלע האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט. פּלוצלונג דערהערט זיך זיין קול. ער דערהערט זיך ניט אין ,וויספּערס׳ [שעפּטשען], ווי ער האָט גערעדט כמעט זינט ער איז צוריקגעקומען אַהיים פונם בית־ישראל האָספּיטאַל; ניט האַלב־פאַרשטיקט ווי אַ וואָך פריער, ווען אייך האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז דאָס הערט איר זיין קול עפּעס ווי שוין אַרויסקומענדיק פונם קבר. קלאָר און כמעט הויך האָט ער זיך געהערט; ער האָט געזאָגט: „ווינטשעווסקי, פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ״ [די קאָמעדיע איז געענדיקט]. אַזוי הויך און אַזוי קלאָר, אַז אַלע אין צימער האָבן געהערט די ווערטער, יעקב גאָרדינס לעצטע ווערטער אויף דער וועלט. מער האָט ער שוין ניט גערעדט. אַ שעה שפּעטער האָט ער שוין כמעט קיין זאַך ניט געפילט און ניט פאַרשטאַנען חוץ דאָס, וואָס איז נוגע געווען צו זיין האַלב דערשטיקטן אָטעם. אַרום האַלב נאָך עלף האָט ער שוין ניט געהאַט קיין באַוואוסטזיין. פון פינף מינוט פאַר צוועלף ביז אַ פערטל נאָך צוועלף, אין צייט פון 20 מינוטן, האָט ער געענדיקט שטאַרבן. דאַן האָט זיך זיין גרויסער גייסט

געזעגנט מיט זיין קערפּער און די יידישע טעאַטער־קונסט און פיל בילדענדע און ערציענדע אינסטיטוציאָנען און פאַראיינען זיינען געוואָרן יתומים״.

אַ פערטל מיליאָן יידן זיינען געקומען צו דער לויה און צען טויזנט פון זיי זיינען אַרויסגעפאָרן צום בית־עולם. עס האָבן אים מספיד געווען פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ, אַרבעטער־פאַרטייען, יידישע ליטעראַטור און יידיש טעאַטער.

אין עלטער פון 56 יאָר האָט דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע, יעקב גאָרדין, פאַרלאָזט אונדזער וועלט, אַרויסרופנדיק טרויער און מיטגעפיל איבער דער גאַנצער יידישער וועלט און אויך ביי אַ סך ניט־יידן, וואָס האָבן דורך איבערזעצונגען געקענט די ווערק פון ערשטן גרויסן יידישן דראַמען־שרייבער.

בײלאַגע נומער 1

# יעקב גאָרדינס אַרטיקל וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער *

„... דאָס יידישע טעאַטער איז נאָך אַ קינד. איך האָב אָבער געהאַט דאָס גליק אָדער דאָס אומגליק דאָס קינד זייער נאָנט צו באַאָבאַכטן, און איך מיין, איך קאָן מיט אַ געוויסהייט זאָגן וואָס אים ערוואַרטעט אין דער צוקונפט. וועט ער אויסוואַקסן? די אַלע געפערלעכע קינדער־חולאתן האָט ער שוין איבערגעלעבט. צײנדלעך האָבן זיך ביי אים שוין לאַנג אויסגעשניטן. ער האָט געמאָזלט, געהאַט פּאָקן, און, ווי קליין ער איז, האָט ער שוין אַפּעטיט פון אַ גרויסן... אָבער די ספערע אין וועלכער ער געפינט זיך, איז שעדלעך און פאַרדאַרבלעך. די אומשטענדע אין וועלכע ער וואַקסט, זיינען אומגינסטיק.

...אַ קינד קאָן אַליין זעלבסטשטענדיק גאָרניט שאַפן. עס קאָן נאָר נאָכאַמען, נאָכמאַכן, אימיטירן. די ערשטע יידישע ראָמאַנען און נאָכדעם

---

* אין 1906, איידער גאָרדין איז אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע, האָט ער אין פעברואַר־נומער פון זשורנאַל „צוקונפט" פאַרעפנטלעכט אַ זייער פעסימיסטישן אַרטיקל וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס מיר ברענגען דאָ מיט אייניקע קיצורים.

גאָרדין האַלט, אַז אַמעריקע גיט ניט קיין שטאָף פאַר אַ יידישער פּיעסע, אַז דער עולם דאָ אַסימילירט זיך זייער שנעל, אַז אַלע, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער טעאַטער־קונסט האָבן נאָר אין זינען דעם מאַטעריעלן דערפאָלג, און ער לייגט אַלע זיינע האָפענונגען, אַז אַ נייער רעזשים, ווי ער האָט געהאָפט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, אַ פרייהייטלעכער, וועט אָפּשטעלן די יידישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, און אַז אין רוסלאַנד, וואו ער זעט נאָר אידעאַליזם, וועלן זיך עפענען ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַ גוט ליטעראַריש קינסטלעריש יידיש טעאַטער...

מיר דרוקן איבער דעם אַרטיקל צוליב זיין קולטור־היסטאָרישן באַדייט.

די ערשטע דראַמען זיינען געווען נאָר קינדישע אימיטאַציאָן, ווייל די יידישע דראַמע איז ערשינען אין זיד־רוסלאַנד, איז זי געווען אַן אימיטאַציאָן אויף די מאַלאָרוסישע אָפּערעטן, דראַמען. די ערשטע יידישע טעאַטראַלע שטיק זיינען זייער ענלעך צו דעם אַלטן קאַטליאַרעווסקיס „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ" און אַנדערע... ניט דער מענטש אַליין ווערט אין אַזעלכע פּיעסן געשילדערט, נאָר די קאַריקאַטור פון מענטש. מען זעט ניט זיינע האַנדלונגען, נאָר מען הערט ווי ער וויינט, זינגט, לאַכט און מאַכט זיך נאַריש. עס איז שווער צו זאָגן ווי וויט וואָלט די יידישע דראַמע פּראָגרעסירט אויב זי וואָלט געקאָנט בלייבן אין דער היים. דער פאַקט איז, אַז די יידישע דראַמע האָט געמוזט צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער יידן עמיגרירן פון רוסלאַנד אין דעם פרייען לאַנד אַמעריקע. דאָ האָט זי זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און וואַקסן.

...די יידישע דראַמע האָט זיך אַנטוויקלט אין אַמעריקע זייער שנעל און איז אויסגעוואַקסן אומגעלומפּערט גרויס. עס איז אָבער אַ פּלאַנצונג פון אַ געוויקס־הויז... געוויס, דיזע פּלאַנצונג וואָלט אין רוסלאַנד פאַר־פרוירן געוואָרן און געשטאָרבן פון דער שרעקלעכער קעלט פון דער רעאַקציאָן... אין קינסטלערישן [קינסטלעכן] אַמעריקאַנער גרין־הויז האָט זי געהאַט גענוג דאַמף־וואַרעמקייט און עלעקטרישע ליכט און זי האָט געוואַקסן ווי אויף הייוון. עס איז גוט, וואָס זי האָט געפונען אַ פּלאַץ וואו איבערצווווינטערן, אָבער ביי די [דער] ניט־נאַטירלעכער וואַרעמקייט און ניט־נאַטירלעכע ליכט האָט זי ניט געקאָנט וואַקסן מיט אַ נאַטירלעכן געזונטן וואוקס... אויב זי זאָל דאָ בלייבן פיר אימער [אויף שטענדיק], וועט זי גיך אַריבערוואַקסן איר נאַטירלעכע מאָס און וועט אָנהייבן פאַרצערט ווערן... איר טויט וועט קומען אַזוי גיך, ווי שנעל איר וואוקס איז געגאַנגען. ניין! ווי עס וועט נאָר קומען דער פרילינג פון פרייהייט אין רוסלאַנד, דאַרף מען דיזע פּלאַנצונג פירן צוריק אַהיים, אַריינפּלאַנצן זי אויף איר אייגענעם באָדן און לאָזן זי וואַקסן דורך די [דער] וואַרעמקייט און דאָס ליכט פון דער זון... דאָרטן קאָן פון דער יידישער דראַמע ווערן אַ נוצלעכע און שטאַרקע פּלאַנצונג. אין אַמעריקע האָט דאָס יידישע טעאַטער קיין צוקונפט ניט...

איך ווייס ניט, האָט זיך אַמאָל ווער עס איז געשטעלט די פראַגע: וואָרום האָט די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור און די זשאַרגאָנישע פּרעסע אין רוסלאַנד אַן אַנדער כאַראַקטער און אין אַמעריקע גאָר אַן אַנדערן? אין רוסלאַנד איז פאַר די לעצטע 25 יאָר אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע מחנה טאַלאַנטפולע שרייבער, אמתע ליטעראַטן, וועלכע האָבן געקאָנט זיין אַ צירונג פאַר יעדע אייראָפּעאישע ליטעראַטור, שרייבן בריליאַנטענע ווערק פאַר יידישע מאַסן. אין רוסלאַנד ווערן געגרינדעט צייטונגען און געשריבן ביכער הויפּטזעכלעך מיט דעם צוועק צו לערנען און אויפקלערן די יידישע מאַסן. עס איז ניט אַ פּריוואַט אונטערנעמונג נאָר צו מאַכן געלט. עס איז אַ סאָציאַלע, קולטורעלע אויפגאבע. די הערויסגעבער פון צייטונגען און ביכער מעגן זיין פּריוואַט מענטשן, אָבער זייער צוועק איז אַ קהלשע זאַך. אין אַמעריקע זיינען צייטונגען און ביכער־דרוקעריי אַ פּריוואַט אונטערנעמונג פאַר פּריוואַט אינטערעסן. דער פינאַנסיעלער ערפאָלג פון דער אונטערנעמונג איז וויכטיק. זיין קולטורעלע ווירקונג און ערציענדער איינפלוס האָט קיין באַדייטונג. דאָס טעאַטער אין אַמעריקע איז אויך נאָר אַ פּריוואַט אונטערנעמונג פאַר פּריוואַט אינטערעסן. אויב עס מאַכט זיך אַמאָל אַ פאַרפאַסער ריזיקירט און שרייבט אַן אַ פּיעסע, וואָס האָט אַ קולטורעלע באַדייטונג, איז גוט. אויב ניט, וועט קיינעם חלילה דער בויך ניט ווי טאָן. אויב מען וועט יאָרן לאַנג שפּילן אין אַלע יידישע טעאַטערן שונד דראַמען מיט שעדלעכע בבא מעשות. דער גרויסער אַמעריקאַנער פּרינציפּ „העלף זיך אַליין" רעגירט אין טעאַטער גראַדע אַזוי גוט ווי אין קאָמערציע. אויב אין אַמעריקע ווערן אַמאָל געשריבן גוטע יידישע דראַמען, איז עס ניט דערפאַר ווייל די עפנטלעכע מיינונג פאָדערט עס, אָדער ווייל די אינטעליגענטע פאָרשטייער פון יידישן פאָלק פאָדערן עס, אָדער ווייל עס עקזיסטירט אַ באַדערפעניש אויף אַזאַ סאָרט ליטעראַרישע פּראָדוקציאָן. חלילה וחס! אויב עמיצער וויל שרייבן גוטע דראַמען, דאַרף ער אַליין פאַר זיי שאַפן אַ באָדן און דאַרף פאַר זיי אַרויסרופן אַ באַדערפעניש. פאַר שונד פּיעסן און סענסאַציאָנעלע דראַמען איז, דאַנקען גאָט, שטענדיק דאָ אַ באָדן און עס זיינען דאָ בעלנים.

...אויב די מענעדזשערס פון די יידישע טעאַטערע וואָלטן געוואוסט.

אַז דאָס טעאַטער האָט גרויסע סאָציאַלע אויפגאַבן און אַז זיי זיינען פאַר עמיצן פאַראַנטוואָרטלעך און [אַז עס] איז אין דער זעלבער צייט פון וועמען עס איז אַמווייניקסטן מאָראַליש געשטיצט, וואָלט אפשר דאָס יידישער טעאַטער דאָ געווען אין [אַן] אַנדער צושטאַנד. וויבאַלד אָבער עס איז זייער אייגענע פּערזענלעכע זאַך, טוען זיי עס ווי עס איז בעסער פאַר זייערע אינטערעסן. זיי שפּעקולירן ווי די מענעדזשערס פון די ענג־לישע טעאַטערע. קאָן מען מאַכן געלט אַפילו מיט אַ גוטע פּיעסע, מהיכא תיתא, פאַרוואָס ניט, פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט באַנוצן מיט דער געלעגנ־הייט? אין אַמעריקע עקזיסטירט טעאַטער נאָר פאַר ביזנעס. דער שריי־בער פון דיזע ציילן האָט אַמאָל געלעזן זיינע אַ פּיעסע אין אַן ענגלישע[ר] איבערזעצונג פאַר אַן ענגלישן מענעדזשער. יענער האָט איינגעהערט מיט געדולד און האָט געזאָגט:

— איך וועל די פּיעסע נעמען מיט דער באַדינגונג דו זאָלסט אַרויסוואַרפן די פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, וואָס זי אַנטהאַלט.

— מיינסטו? — האָט דער שרייבער געפרעגט — אַז די פילאָזאָפיע מיט דער פּאָעזיע וועלן שאַדן דער איינאַמע?

— ווען עס זאָל אפילו ניט שאַדן, דאַרף איך עס ניט — האָט ער געענטפערט — איך וועל ריזיקירן מיט טויזנטער פון מיין אייגענע[ר] קעשענע דאָס שטיק אויפצופירן, בין איך מחויב אים, דעם צושויער, געבן פּאָעזיע? איך דאַרף אים נאָר הערייניציען אין טעאַטער און מאַכן געלט... ווער עס וויל געניסן פון פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, זאָל זיך העלפן אַליין... יעדער העלפט זיך אַליין!

די יידישע מענעדזשערס זיינען אַ סך ליבעראַלער. זיי וועלן אייך דערלויבן צו לאָזן אין דער פּיעסע וויפל פּאָעזיע איר ווילט, עס זאָל נאָר ניט שאַדן די איינאַמע... קיינעם אינטערעסירט ניט דאָס יידישע טעאַטער אַלס אַ שולע פאַר די מאַסן אין דער צוקונפט. און ווייל דאָס יידישע טעאַטער עקזיסטירט דאָ נאָר צוליב געשעפט, נעמען זיך אונטער צו שרייבן פּיעסן מענטשן, וועלכע ווילן נאָר מאַכן פון דעם אַ געשעפט. קיין העכערע טענדענץ, קיינע אידעאַליסטישע שטרעבונגען, קיין בילדונג, קיין טאַלאַנט,

קיין עסטעטישן געשמאַק פאָדערט זיך ניט — די הויפּטזאַכע איז נאָר אַ מאַטעריעלער ערפאָלג.

דאָס אַמעריקאַנישע טעאַטער האָט געהאַט זייער אַ שעדלעכן איינפלוס אויפן יידישן טעאַטער. די דראַמע איז געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר אַ מיטל צו שפּעקולירן און מאַכן געלט. קיין העכערע אינטערעסן און קיין אַנדערן ציל האָט דאָס יידישע טעאַטער ניט. עס איז אַ „קאָמערטשעסקי" געשעפט און מער גאָרניט. אַלס אַ „קאָמערטשעסקי" געשעפט האָט דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע געמאַכט גרויסע פאָרטשריטע... מען פאַרשווענדעט ביים טעאַטער אַ סך געלט און מען מאַכט ביים טעאַטער אַ סך געלט. עס ווערט ניט געשפּאָרט אויף גלענצענדע פּראָדוקציאָנען און טעכנישע עפעקטן... אַ דראַמאַטישע ליטעראַטור קאָן זיך אָבער ניט אַנטוויקלען פון גוטע מאַשינעריי.

טראָץ דעם וואָס די „פּרינציפּ" פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע זיינען אויסשליסלעך נאָר געשעפטס פּרינציפּן, האָבן זיך דאָ גלענצנד אַנטוויקלט די טאַלענטע פון פילע יידישע שוישפּילער. שטיצנדיק זיך אויף אַזעלכע קרעפטע, האָט דאָ געקאָנט אויפבליען אַ מעכטיקע יידישע דראַמע. ווייל אָבער דאָס טעאַטער דאָ איז אַ פּריוואַט זאַכע, האָבן זיך אַלע גרויסע יידישע שוישפּילער איבערגעגעבן נאָר צו פּריוואַט אינטערעסן. די קונסט איז נאָר אַ נעבן־זאַכע. דער הויפּט צוועק איז צו מאַכן געלט. צוליב וואָס און צוליב וועמען זאָלן זיי אַנטוויקלען זייער קונסט, לערנען זיך, בילדן זיך, פּראָגרעסירן, גיין ווייטער? ווער אינטערעסירט זיך מיט זיי אַלס אַרטיסטן? פאַר וועמען דאַרפן זיי אָפּגעבן חשבון, און פון וועמען זאָלן זיי נעמען אַ ביישפּיל צו אַרבעטן ניט נאָר פאַר מאַטעריעלן פּראָפיט? זיי שטייען ניט אין קיין פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק און זיינען פאַר קיינעם מיט קיין זאַך ניט פאַרפליכטעט און ניט פאַראַנטוואָרטלעך. באַצאָלט גוט די יידישע בינע, זיינען זיי יידישע שוישפּילער. וועלן זיי האָבן אַ מעג־לעכקייט צו גיין צו די גויים, וואו מען וועט זיי בעסער צאָלן, וועלן זיי געוויס גיין. קיין אידעאַלע שטרעבונג און קיין אַרטיסטישע ליבע בינדט זיי ניט צום יידישן טעאַטער. זיי גייען מיטן זעלבן וועג וואָס די מענע־דזשערס גייען. די הויפּט זאַכע איז געשעפט. נאָר אויב מאַנכעס מאָל שאדט

ניט צו געשעפט אַ ביסל אמתע קונסט, האָבן זיי ניט דאָקעגן. מיט יעדן טאָג ווערט אין זיי אַלץ מער אַטראָפּירט די אַמביציאָן פון איין אַרטיסט, און, פאַרקערט, אַנטוויקלט זיך און וואַקסט דער אַפּעטיט פון אַ געשעפטס־מאַכער. ...וואָס קאָן פון זיי דאָס יידישע טעאַטער ערוואַרטן אין דער צוקונפט ?

אויף וויפל דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקא איז ניט קיין ערנסטע און קיין סאָלידע אונטערנעמונג, קאָן מען אויך זען פון דעם: אין ניו יאָרק אַליין זיינען דאָ פיר גרויסע יידישע טעאַטערע און אַ סך קליינע טעאַטערלעך, וואו עס ווערן אויפגעפירט יערלעך צענדליקע פּיעסן און פּיעסעלעך, און עס איז נאָך ניטאָ קיין איין יידישער רעזשיסער. אין פלוג איז דאָס, דאַכט זיך אַ קלייניקייט. דאָס ערקלערט אָבער זייער פיל. ווי לאַנג קאָן שטיין אַ בילדינג [בנין], וואָס ווערט געבויט אָן אַן אַרכיטעקט ? פּיעסן, ווי וויכטיק און גרויס זיי זאָלן ניט זיין, ווערן אויפגעפירט פון זיך אַליין... ווי אַזוי גאָט וועט געבן. יעדער געבילדעטער מענטש ווייסט ווי וויכטיק איז דאָס וואָס רופט זיך „רעזשי" פאַר דעם אויפבויען, די ערקלע־רונג און פאַרביקע אילוסטרירונג פון אַ דראַמאַטיש ווערק! פאַרוואָס באַגייט זיך דאָס יידישע טעאַטער אָן אַ רעזשיסער ? ווייל, ערשטנס, די טעאַטראַלע קונסט און דער ליטעראַרישער ווערט פון אַ פּיעסע שפּילן קיין ראָלע ניט. די הויפּט זאַכע איז מאַכן געלט זאָלאַנג עס איז מעגלעך, און אַראָפּ פון מאַרק... די צווייטע אורזאַכע איז, אַ רעזשיסער מוז זיין אַ גע־בילדעטער און ערפאַרענער שוישפּילער, וועלכער זאָל נאָך דערצו ליב האָבן די בינע און שטאָלצירן מיט זיין אַרטיסטישן באַרוף [פּראָפעסיע]. די יידישע אַקטיאָרן פון אַמעריקע האָבן געגרינדעט פון זייער קאָרפּאָראַציאָן אַ צעך פון בעלי מלאכות. זיי האָבן געהאַט גענוג שכל צו באַוואָרענען זיך גוט וועגן באַלוינונג. זיי האָבן זיך אָבער זייער ווייניק אינטערעסירט וועגן בילדונג און נאָך ווייניקער געקימערט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער דראַמע... קיין סימפּאַטיע צו גוטע ליטעראַטור, קיין ליבע צו זייער קונסט, קיין אַכטונג צום פּובליקום האָבן זיי ניט. זיי באַגנוגענען זיך מיט דער קאָנסטיטוציאָן פון זייער יוניאָן... קיין אינטעליגענטע קרעפטע, קיין נייע טאַלענטן קאָנען אין דעם פאַרשלאָסענעם כינעזישן צעך פון יידישע

אַקטיאָרן־מאַנדאַרינען ניט אַריינקומען. די אַלטע ווערן עלטער און קיין יונגע פרישע קרעפטע קומען ניט צו... אויב דאָס טעאַטער האָט אפשר יאָ געהאַט וועלכע עס איז שאַנסן צו עקזיסטירן דאָ אין דער צוקונפט, האָבן די בעלי מלאכות פון דעם אַקטיאָרן־צעך דיזע שאַנסן ביי אים אַוועקגענומען.

עס זיינען אָבער דאָ אַנדערע, פיל־ליכט נאָך וויכטיקערע אורזאַכן, וועלכע שניידן אָפּ דאָס יידישע טעאַטער פון דער צוקונפט. וויבאַלד די פּאָליטישע אומשטענדע וועלן אין רוסלאַנד ווערן בעסער, וועט די אימיגראַציאָן אָפּגעשטעלט ווערן, די טעאַטראַלע קאַסע [די הכנסה], וועלכע שפּילן די הויפּט־ראָלע אין דער היגער דראַמאַטישער וועלט, זיינען זייער שטאַרק פאַרבונדן מיט דער אַלטער אָרדנונג פון דער רוסישער רעגירונג, וויבאַלד עס וועט נאָר ווערן אַ נייע אָרדנונג אין רוסלאַנד, וועלן די אַלטע „משהס" אויפהערן צו עמיגרירן, און דאָס טעאַטער וועט ניט האָבן מיט וועמען צו מאַכן געשעפטן. די יונגע דורות, ליידער, אַמעריקאַניזירן זיך זייער שנעל. פון זיי וואַקסן אויס האַלב־געבילדעטע און גאַנץ איינגעבילדעטע חברה־לייט, וועלכע האָבן ליב אַמעריקאַנער ספּאָרט און אַמעריקאַנישע וואולגאַרע אַמיוזמענטן [פאַרוויילונגען], אויב זיי וועלן נאָך פאַרשטיין יידיש, וועלן זיי דאָך בעסער גיין אין אַמעריקאַנישע טעאַטערע, וואו מען וועט זיי אויך געוויס ניט פּלאָגן, חלילה, מיט פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, און מען וועט זיי געוויס געבן נאָך מער איבעראַשענדע עפעקטן און קונצן ווי אין יידישן טעאַטער. דאָס יידישע טעאַטער וועט פאַרשווינדן פון קיינעם ניט באַמערקט, אַזוי ווי עס האָט עקזיסטירט פון קיינעם ניט אונטערשטיצט.

די דראַמע ליידט דאָ נאָך פון אַנדערע אומגינסטיקע אומשטענדע. דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע גיט זייער ווייניק מאַטעריאַל פאַר אַ גוטע דראַמע. ערשטנס, ווייל דער ייד איז דאָ נאָך ניט געסעטלט [איינגעשטעלט, איינגעאָרדנט]. עס איז זייער שווער צו באַאָבאַכטן און שילדערן אַ לעבן, וועלכעס האָט נאָך ניט קיינע באַשטימטע פאָרמען. ווען אָבער דער פּראָצעס פון דער פאָרמאַציאָן אָפּגעשטעלט ווערן, פאַרשפּרעכט ניט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע צו געבן הויכע פּראָבלעמען צו דראַמאַטיזירן... דער „געסעטלטער" אַמעריקאַנער ייד איז זייער ניט אינטערעסאַנט. ער איז אַ

פלאַכער, פלאַטשיקער סוביעקט, וועלכער האַנדלט מיט ריעל עסטייט, שפּילט אין פּאָקער, געמבלט אויף דער בערזע און וועט געלט אויף זיין פּאָליטישן קאַנדידאַט און אויף זיין „לויף־פערד". די אַלטע פאָרמען פון יידישן לעבן פאַרשווינדן דאָ שטיל, אָן אָפענעם קאַמף און אָן דראַמאַ־טישע צוזאַמענשטויסונגען.

די צוקונפט פון יידישן טעאַטער איז אין רוסלאַנד. אין רוסלאַנד, וואו דאָס לעבן גיט דער דראַמע איין רייכן אומערשעפּלעכן מאַטעריאַל, וואו עס גייט דער קאַמף צווישן אַלטע און נייע דורות, צווישן אַלטע טראַ־דיציאָנען און נייע אידעאַלן, וואו עס וועט זיך ערשט אָנפאַנגען אַ גרויסע באַפרייאונגס באַוועגונג און אַ וויכטיקע אויפקלערונגס אַרבעט. אין רוס־לאַנד, וואו דער ייד לעבט איצט ניט נאָר מיט מאַטעריעלע אינטערעסן, וואו דער אינטעליגענט אַרבעט ניט נאָר פאַר באַצאָלט, וואו די מאַסן ווערן ניט איגנאָרירט, וואו פאָלקסליבע איז ניט נאָר אַ פראַזע, וואו עס איז [ס'זיינען] דאָ ערלעכע טראַדיציאָנען אין דער ליטעראַטור און הויכע שטרעבונגען אין דער קונסט, וואו עס עקזיסטירט אַ באַלערנדע קריטיק, און גרויסע קולטורעלע אויפגאַבן, וואו הפקר־יונגען ווערן ניט גערערט און גערערטע מענטשן ווערן ניט ערנידריקט... איך בין איבערצייגט, אַז זייער גיך וועט דער יידישער „בונד" אין רוסלאַנד, וועלכער האָט שוין דאָרט אַזויפיל אויפגעטאָן פאַר די [דער] אויפקלערונג פון די יידישע מאַסן, אַז דער „בונד" וועט זייער גיך האָבן אַ גרויסע יידישע פרייע פאָלקס־בינע, וואו עס וועלן אויפגעפירט ווערן גוטע באַלערנדע און נאָר אמת ליטעראַרישע ווערקע, געשריבן אין יידיש פאַרן יידישן פאָלק, אין רוסלאַנד וועט דער טעאַטער צוציען צו זיך אינטעליגענטע קרעפטע און וועט ווערן געפירט מיט אַ גוטע, ערלעכע, בילדענדע טענדענץ.

די צוקונפט פון יידישן טעאַטער איז אין רוסלאַנד! אין אַמעריקע האָט דאָס יידישע טעאַטער קיין צוקונפט ניט.

בײלאַגע נומער צװײ

# בריװ פֿון יעקב גאָרדין

## אַרײַנפֿיר און באַמערקונגען פֿון משה שטאַרקמאַן

אַז מען דערמאָנט יעקב גאָרדינס נאָמען, טראַכט מען װעגן אים בעיקר װי װעגן אַ דראַמאַטורג, װײל זײַן אױפֿטו פֿאַרן ייִדישן טעאַטער פֿאַרטונקלט אַלע זײַנע אַנדערע מעשׂים. אָבער זינט זײַן קומען קײן אַמעריקע, אין זומער 1891, ביז זײַן טױט, דעם 10טן יוני 1909, האָט גאָרדין פֿאַרנומען אַן אָרט אױבן אָן אױך װי אַ דערצײלער, פּובליציסט, קריטיקער, פּאָפּולאַריזאַטאָר, לעקטאָר און געזעלשאַפֿטלעכער טוער. ס'איז דערפֿאַר קײן װוּנדער ניט, װאָס גאָרדין האָט געפֿירט אַ ברײטע קאָרעספּאָנדענץ, װײל צו אים זײַנען אָנגעקומען אַ סך בריװ פֿון פֿאַרערערס, תּלמידים, קאָלעגן־שרײַבערס, שױ־שפּילערס, טעאַטער־דירעקטאָרן, פֿאַרלעגערס, איבערזעצערס אאַ״װ.

די בריװ, װאָס גאָרדין האָט דערהאַלטן, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ היפּשן חלק פֿון גאָרדין־אַרכיװ אין ייִדישן װיסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייװאָ). עס פֿעלן אָבער גאָרדינס תּשובֿות צו די בריװ־שרײַבער. עטלעכע בריװ און קאָרטלעך צו קאָלעגן־שרײַבערס האָבן זיך אױפֿגעהיט אין זײערע פּריװאַטע זאַמלונגען, און די אַדרעסאַטן האָבן די דאָזיקע תּשובֿות איבער־געגעבן דעם ייװאָ פֿאַרן גאָרדין־אַרכיװ. עס זײַנען געבליבן: די רוסישע אָריגינאַלן פֿון בריװ, װאָס גאָרדין האָט געשריבן צו זײַן משפּחה און צו די שריפֿטשטעלערס ב. גאָרין און לעאָן קאָבריץ, אױך ייִדישע בריװ צו יעקב מילך און גרשם באַדער. בעת זײַן באַזוך אין גאַליציע, אין 1907, האָט גאָרדין באַשטימט באַדערן פֿאַר זײַן פֿאַרטרעטער אױפֿצומאָנען האָנאָראַרן פֿאַר געשפּילטע און געדרוקטע דראַמעס.

מיר דאַנקען דעם ייוואָ פאַר דער דערלויבעניש אָפּצודרוקן די בריוו. אַ באַזונדערן דאַנק דער ייוואָ־אַרכיוויסטין רבקה טשעריקאָווער פאַר דער הילף ביים אויפזוכן דאָס מאַטעריאַל און פאַר צוגרייטן קאָפּיעס פון אַ צאָל בריוו. אַחוץ גאָרדינס בריוו צו ראָזאַ קלעמענטיעוונאַ פיינזילבער [וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער געשיכטע וועגן דער „ביבלישער ברודערשאַפט”], און באַדערס בריוו צו גאָרדינען, זיינען אַלע אַנדערע בריוו צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע”, אין אַ ריי נומערן, פון 22סטן מאַי 1953, ביזן 29סטן יאַנואַר 1954.

כדי ניט איבערצולאָדן אונדזערע הערות מיט צופיל ביבליאָגראַפישע דעטאַלן, שיקן מיר אָפּ די פאַראינטערעסירטע לייענערס אויך צו די פאָל־גנדיקע ווערק:

ב. גאָרינס „געשיכטע פון יידישן טעאַטער”, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק 1918, זז. 232—254, — רשימה פון די פיעסן פון יידישן רעפּערטואַר; זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע”. פיר בענד, ווילנע, 1926—1929; זלמן זילבערצווייגס פיר־בענדיקן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער”, 1931—1963; קלמן מרמרס „יעקב גאָרדין”, ניו־יאָרק 1953, מיט אַ ביבליאָגראַפיע פון יעקב מעסטל, און מעסטלס „אונדזער טעאַטער”, ניו־יאָרק 1943; „70 יאָר יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר”, ניו־יאָרק 1954.

מיר דרוקן טייל בריוו אין מאָדערנעם אויסלייג. זייער סטיל איז בכלל ניט געביטן געוואָרן.

(רוסיש)

**דינסטאָג, דעם 15טן פעברואַר [1895]**

חשובער הער קאָברין,

איך בין נאָך ניט פאַרטיק. וואַרט אויף אַ פּאָסטקאַרטע. שרעקלעך פיל אַרבעט, און איך האָב ניט באַוויזן. — י. גאָרדין.[1]

---

[1] ס'איז מעגלעך, אַז אין דעם קאַרטל האַנדלט זיך וועגן דעם מאַנוסקריפּט פון דער נאָוועלע „יאַנקל בוילע”, וואָס קאָברין האָט אפשר דאַמאָלט איבערגעגעבן גאָרדינען, כדי ער זאָל אָנשרייבן אַ הקדמה. די נאָוועלע איז אַרויס אין בוכפאָרם

חשובער הער גאָרין,

מיט פאַרגעניגן וועל איך אויספילן אייער בקשה, און „קין, דער זשעני פון אויסגעלאַסנקייט״, וועט אַראָפּגענומען ווערן פון דעם אַפּיש. איך פאָר היינט אַוועק, און מיין צוזאָגן וועט אויסגעפילט ווערן אין די באַנטסטע טעג.[1]

אייער י. גאָרדין

---

ערשט אין 1898. גאָרדינס הקדמה, וואָס פאַרנעמט בלויז איין זייטל, איז דאַטירט דעם 7טן מערץ, אָבער דאָס יאָר ווערט ניט אָנגעגעבן. ס׳איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז די הקדמה איז געשריבן געוואָרן צוויי יאָר איידער דאָס בוך איז אַרויס. אַז מ׳האָט פאַרגעוואָרפן גאָרדינען פאַר שרייבן די הקדמה, איז צו זען פון זיין עסיי „אייניקע קריטישע באַמערקונגען וועגן ה.[ער] ליבין און ה.[ער] קאָברין״. אין דריטן באַנד פון גאָרדינס „אַלע שריפטן״, ניו־יאָרק, 1910, ז״ז 167—170. וועגן גאָרדינס צוזאַמענאַרבעט מיט קאָברינען ביי דער פּיעסע „מינאַ״, זע קאָברינס „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג״, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק 1925, ז״ז 81—139. אין גאָרדין־אַרכיוו געפינען זיך אויך עטלעכע בריוו פון יואל ענטין צו גאָרדינען וועגן זיין שטרייט אין דער „פרייער יידישער פאָלקסבינע״ אַרום דער אויפפירונג פון קאָבינס אייגענער ווערסיע פון „מינאַ״.

[1] קען זיין, אַז אין דעם אַרטיקל האַנדלט זיך וועגן יאָזעף לאַטיינערס אַדאַפּטירונג פון אַלעקסאַנדער דיומאַס ווערק געבויט אויף דעם לעבן פון ענגלישן שוישפּילער עדמאָנד קין (זע ז. זילבערצווייגס „טעאַטער־מאָזאַאיק״, ניו־יאָרק, 1941, ז״ז 242—246). ס׳איז ניט קלאָר פון דעם קאָרטל גאָרדינס שייכות צו אַן אַפּיש, וואָס האָט אַנאָנסירט די דאָזיקע מעלאָדראַמע. אפשר איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער טרופּע, וואָס האָט געשטעלט „קין״. פון אַ דאָקומענט, געשריבן פון יעקב גאָרדין אין 1894, און געחתמעט פון אים אַליין און פון די אקטיאָרן פון אַדלערס טרופּע, אין צו זען, אַז זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו האַנדלען סאָלידאַריש. דער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

„מיר, די אונטערצייכענטע גלידער פון אַדלערס טהעאַטער קאָמפּאַני, אף אונזער געשעפטס מיטטינג דעם 7־טען אווגוסט 1894 האָבן בעשלאָסען: — מיר אַללע צוזאַמען שטעלען פאָר אַ אָרגאַניזאַציע אונד פעראייניגטע געזעלשאַפט אף דעם גאַנצן סיזאָן דאָס הייסט פון 17טען אויגוסט ביז דעם ערשטן יולי 1895.

„מיר אַללע געבן אונזער עהרען וואָרט זיין פערבונדען מיט דער אָרגאַניזאַציאָן אונטערוואַרפען זיך דער בעשליסונג פון דער מאַזשאַריטי און ציא טון אַללעס מעגליכעס ציא בעשיצען דיא אינטערעססע דער אָרגאַניזאַציאָן און צוא שטיצען יעדע אונטערנעהמונג פון אונזער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן.

„ווייל דיא הויפּט אורזאַכע וועלכע האָבן אונז געצווינגען אָרגאַניזירען זיך איז ציא בעשיצען יעדער איינציגען פון אונזערע קאָללעגען פון עקספּלאָאַטאַציאָן אונד

### די וועלט פון יעקב גאָרדין

צו פרוי גאָרדין (רוסיש)

דאַנערשטיק (אַרויסגעשיקט פון באָונטאָן, נ. דזש., דעם 6טן פעברואַר, 1903)

טייערע אַניטאַ!

איך וועל פונדאַנען אַרויספאָרן זונטיק, מיט דער באַן, וואָס גייט אָפּ 9 אַ זייגער אינדערפרי. איך וועל איבערנעכטיקן אין דער היים און מאָנטיק פרי פאָרן צוריק. איך פיל זיך דאָ גוט. אַפילו קאַהאַנס אַרטיקלען האָבן מיך ניט איבעריק באַאומרואיקט. איך שרייב שפּילעוודיק. איך האָב אָנגעהויבן ערשט שבת און היינט האָב איך שוין אָנגעהויבן דעם צווייטן אַקט. סאַשאַ (חכם!) שרייבט גאָרניט בנוגע דעם טשעק. איך מוז אַליין קומען צופאָרן. גריס די קינדער.[1]

**אייער, י. גאָרדין**

[1] דאָס קאַרטל איז אָן אַ דאַטע. פון פּאָסט־שטעמפּל איז צו זען, אַז ס׳איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 6טן פעברואַר, אָבער דאָס יאָר איז אָפּגעריבן, און עס זעט אויס ווי 1903 אָדער 1908. אַזוי ווי אַב. קאַהאַנס פּאָלעמישע סעריע קעגן גאָרדינען האָט זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס״ ביז מאַי, 1908, איז מעגלעך, אַז דאָס קאַרטל געהערט צום דאָזיקן יאָר.

אונגערעכטיגקייט, בעשטייט יעדער פון אונז, אַז דער יעניגער פון אונזער אָרגאַ־ניזאַציאָן וועלכער וועט געבען זיין עהרען וואָרט עטוואָס פאַרנעמען וואָס האַרמאָנירט ניט מיט די אינטערעססע פון דער גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן אָדער מיט איינע פון איהרע בעשליסונג, איז דער יעניגער קיין אָרענטליכער מענש און פערדיענט נימאָלס ציא זיין אַ מיטגליד פון אַ אָנשטענדיגע געזעלשאַפט און פערדיענט אויך נימאָלס דאָס יעמאַנד אירגענד וואו זאָל אים בעשיצען פון אונגערעכטיגקייט אונד עקספּלאָאַ־טאַציאָן און דאָס נימאַנד פון אונז זאָל אים רעכענען פיר אַ קאָללעגע מען זאָל אים מיט וואָס צוא הילפע קאָממען

יעקב גאָרדין
מאָקס ראָזענטהאָל
יעקב קאַצמאַן
סעם גרינבערג
אליעזר גאָלדשטיין
א. פישקינד
מ. מאָסקאָוויטש
נאַטהאַן ראָזען
לייב גרינבורג״

## זלמן זילבערצווייג

צו אַלעקסאַנדער גאָרדין (רוסיש)

X/9 ,1903

טייערער סאַשאַ!

דיין בריוו האָב איך באַקומען. כאָטש דו האָסט חזריש לאַנג געשוויגן, נאָר בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל ניט.

די געשיכטע מיט מיינע אָנהענגער האָט אָנגענומען אַן אומדערוואַרטעטן פּאַרנעם.[1] פון איין זייט, געוויינטלעך, אַ סקאַנדאַל, נאָר דערפאַר, אין קעגנזאַץ צום סקאַנדאַל, האָט זיך באַוויזן עפּעס אינטערעסאַנטעס און פאַר מיר פון העכסטן גראַד דערפרייענדיקס. דו וואָלסט באַדאַרפט זען די אויפריכטיקע אויפרעגונג פון מיינע פריינט און פאַרערער אויף די פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען — און אַזעלכע זיינען געווען שוין אייניקע — אין ניו-יאָרק און אין ברוקלין. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, האָבן אויסגעדריקט זייערע סימפּאַטיעס צו מיר און זייערע קללות צו מיינע קעגנער. אין „פאָרווערטס״ און אין „העראַלד״ דרוקן זיך איצט הונדערטער רעזאָלוציעס פון פאַרשידענע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס... בלויז די וואָס זיינען קעגן מיר האָבן געגעבן די מעגלעכקייט געוואויר צו ווערן וויפל עס זיינען פאַר מיר.

דו וואונדערסט זיך פאַרוואָס איך אַליין שווייג. דערווייל געפינט זיך דער עניַן אין די הענט פון פאָלק, אָבער דערנאָך וועל איך אַליין אַרויסטרעטן. דו זאָגסט, אַז אין פילאַדעלפיער צייטונגען (ענגלישע), איז געווען עפּעס קעגן מיר. שיק מיר צו די צייטונגען. דאָ האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָנפערענץ און אַלץ וועט דורך די מיטגלידער אַפּגעלייקנט ווערן.

לעצטנס בין איך שרעקלעך פאַרנומען. נאָך דער „יתומה״, האָב איך אין איילעניש איבערגעזעצט גאָרקיס „מיעשטשאַניע״. אַ דאַנק דעם טומל און די אָנפאַלן האָט די פּיעסע „מיעשטשאַניע״ געגעבן עטלעכע איינגאַמעס, נאָר איצט איז ווידער נישטאָ וואָס צו שפּילן. די געשעפטן פון

---

[1] געמיינט די פּראָטעסטן קעגן „טאַגעבלאַט״, פאַר אַטאַקירן גאָרדינען נאָכן אויפפירן זיין דראַמע „די יתומה״ (זע אַב. קאַהאַנס „בלעטער פון מיין לעבן״, פערטער באַנד, ניו-יאָרק, 1928, ז״ז 358—377).

„טאַליאַ־טעאַטער" זיינע שוואַכע און מיין לאַגע איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. די סימפּאַטיעס פון אַזאַ — — ווי שפּאַכנער[2] מיט מיינע פאַרשיווע „קריטיקאַנעס", זיינען פאַרשטענדלעך. עס וואָלט זיך וועלן זיי אַלעמען ענטפערן מיט אַ גוטער פּיעסע. דער טייוול ווייסט עס צי דאָס וועט זיך מיר איינגעבן אָדער ניט.

פאַרוואָס שרייבסטו ניט וועגן זיך, וועגן דער שולע, וועגן „נאַטשאַל־סטוואָ?" מיר דאָ זיינען אַלע געזונט. סאָניאַ מיט די קינדער איז נאָך ביי אונדז. זייער ווינציק האָפענונגען, אַז זיי זאָלן זיך אינגיכן איינאָרדענען. די מאַמע וועט דיר בקרוב שרייבן.

דעם 10טן יאַנואַר, זונטיק, בייטאָג, וועל איך אין פילאַדעלפיע האַלטן אַ פאַרטראָג, מיר וועלן זיך קענען צונויפפאָרן. פרייטיק בייטאָג, דעם 27סטן היינטיקן חודש, וועל איך געבן אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג. עס וועלן איינגעלאַדן ווערן פּראָפעסאָרן, סטודענטן, שרייבער, אַרטיסטן און אַנדערע. דערמיט הייב איך אָן מיין ענטפער און דערנאָך וועט קומען די פאָרטזעצונג.

יעקב גאָרדין

פּ.ס. דו שרייבסט מיר, אַז האָסט אַרויסגעשיקט עפּעס געלטער. קיין געלטער האָב איך ניט דערהאַלטן. אַ גרוס די באָגינס און סאַבסאָוויטשעס.[3]

צו אַלעקסאַנדער גאָרדין (רוסיש).

11/28 ,1903

טייערער סאַשאַ!

מיר האָבן דיך דערוואַרט דאָנערשטיק, איבערהויפּט האָבן זיך די קינדער געגרייט צו דיין אָנקומען. אַלע זיינען געווען שרעקלעך אַנטוישט.

[2] לעאָפּאָלד שפּאַכנער, בערטאַ קאַלישס מאַן.

[3] באָריס ד. באָגען (1869—1929) איז געווען דער דירעקטאָר פון דער באַראָן הירש אַגריקולטור־שול אין וואודביין, ניו־דזשורזי, ווען אַלעקסאַנדער גאָרדין האָט דאָרט געלערנט. הירש לייב סאַבסאָוויטש (1860—1915) איז געווען דער פאַרוואַלטער פון באַראָן הירש־פאָנד.

די ספּעציעלע פאָרשטעלונג איז אַרויסגעקומען גלענצנדיק. אַ גרויסע צאָל פּראָפעסאָרן פון קאָלומביאַ,[1] אייניקע נעמען געדענק איך: פּראָפעסאָר קאַרפּענטער, פּראָפעסאָר טרענט, גידדינגס און אַ מאַסע אַנדערע, כמעט דער גאַנצער פאַקולטעט, אַלע לערער און אינסטרוקטאָרן פון די אָפּטיילונגען: ליטעראַטור, דייטש און פילאָלאָגישן פאַקולטעט, פיל פּראָפעסאָרן פון סיטי קאָלעדזש, שריפטשטעלער און אַנדערע. דער גאַנצער באַלקאָן איז געווען באַזעצט פון סטודענטן פון קאָלומביאַ און סטודענטן פון באַרנאַרד קאָלעדזש. די פאָרשטעלונג איז דורכגעגאַנגען אויסגעצייכנט און מען האָט מיך אַ סך מאָל זייער פריינטלעך אַרויסגערופן. נאָכן פערטן אַקט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרצויגן זייער שפּעט, האָט דאָס פּובליקום זיך ניט געאײַלט אַהיימצוגיין. מען האָט מיך אייניקע מאָל אַרויסגערופן פון די סטודענטן מיט אַ קאָלעדזש־רוף. איך בין פון דעם געווען זייער גערירט. די אָוואַציעס זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַלע „זקנים" אונטן אין פּאַרטער, פון אַלע, וואָס האָבן געהערט צום קאָלומביאַ־קאָלעדזש. איך האָב באַמערקט אַ גרויען זקן, וועלכער האָט געפּאַטשט מיטן צילינדער און האָט שטאַרק געשריען צוזאַמען מיט די סטודענטן: „ראַ! ראַ! ראַ!! ג־אָ־ר־ד־י־ן! אויסגעצייכנט"...[1]

נעכטן פאַר דער פאָרשטעלונג, האָב איך געלייענט פאַר די אַקטיאָרן מיין נייע פּיעסע „די וואָרהייט". זיי ווילן זי שטעלן דעם קומענדיקן פרייטיק און איך האָב בלויז דריי אַקטן. נאָר איך בין גאַנץ רואיק. — מיינס האָב איך אָפּגעטאָן, און מיר דוכט, נישט שלעכט, און אַזוי ווי עס וועט ביי זיי אַרויסקומען, צו דעם קען איך גאָרנישט העלפן. בעת איך האָב געלייענט דעם דריטן אַקט, איז פאָרגעקומען אַ טראַגי־קאָמישע סצענע.

---

[1] דאָס יידישע טעאַטער האָט סוף 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, אפשר בעיקר צוליב גאָרדינס ראָלע ווי אַ דראַמאַטורג אַרויסגערופן אינטערעס אין דער אַמעריקאַנער, „בראָדוועיער" טעאַטער־וועלט און אויך אין אַקאַדעמישע קרייזן. וויכטיקע אַמעריקאַנער טעאַטער־קריטיקערס האָבן רעגולמעסיק רעצענזירט יידישע אויפפירונגען, און סטודענטן פון דראַמע זיינען דורך זייערע פּראָפעסאָרן געשיקט געוואָרן זיך באַקענען מיט דער יידישער בינע. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער פאָרדינט אַ באַזונדערע אויספאָרשונג.

אַלע האָבן געוויינט. קעסלער,[2] זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן, האָט זיך באַסמאַרקעט (בוכשטעבלעך!) און פיינמאַן[3] איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טיש און אָנגעהויבן צו שרייען היסטעריש: „איך וועל ניט אויסהאַלטן! איך וועל ניט אויסהאַלטן!...” אַקטיאָרן זאָגן פאַראויס, אַז עס וועט זיין אַ דערפאָלג. אויב, ברודערל, די קרומע וועט איצט ניט אָרויספירן — איז קאַפּוט.

די מאַמען קען מען ניט אַזוי לייכט צווינגען זי זאָל זיך נעמען צו שרייבעריי, נאָר זי וועט, מסתמא, אינגיכן, שרייבן. אַלץ איז ביי אונדז, מער־וויניקער, אַלרייט. אַ גרוס צו דיין נאַטשאַלסטווע.

יעקב גארדין

דעם טשעק באַקומען.

ליבער פריינד מייערס![4]

אייער בריף איז אַ וויטאָג־זיפץ אַרויסגעריסן פון אַ קראַנקער ברוסט. איך ווייס וואָס אייער קראַנקע זעעלע פיהלט. איך ווייס, וויא טיעף עס ווערט פערוואונדעט יעדעס פיהלענדעס הארץ פון דיא צינישע און חוצפּישע גראָב־הייט און פראָסטיטוטישע עזות פון אונדזערע אידישע צייטונגען. אָבער וואָס קענען מיר העלפן? די אידישע פרעססע וויא זיא איז יעצט, איז אַ געשוויר, וועלכער מוז אויפרייסען, וויא די צירקולאַציאָן פונ׳ם גאַנצן קערפער איז ניט נאָרמאַל. פערצווייפעלט זיין דעריבער איז ניט כדאי. מע דאַרף אויפן געשוויר דערווייל לעגן אַ פּלאַסטער און זעהען טהון וואָס מען

[2] דער שוישפּילער דוד קעסלער, וואָס איז געווען איינער פון די דירעקטאָרן פון „טאַליאַ טעאַטער”.

[3] זיגמונד פיינמאַן, שוישפּילער און דראַמען־שרייבער.

[4] דער בריוו איז געפונען געוואָרן אין אברהם ליעסינס אַרכיוו, וואָס איז אין רשות פון ייווא. ס׳איז מעגלעך אַן ענטפער אויף אַ בריוו, וואָס אַ לייענער האָט געשיקט צו דער „צוקונפט”־רעדאַקציע פאַר גאָרדינען און די רעדאַקציע האָט דעם ענטפער ניט איבערגעשיקט צום לייענער. מסתמא איז דער בריוו געלעגן אין „צוקונפט”־אַרכיוו, נאָך איידער ליעסין האָט איבערגענומען די רעדאַקציע אין 1913. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין 1903, בעת אין דער יידישער פּרעסע האָט מען אַטאַקירט גאָרדינען פאַר זיין דראַמע „די יתומה”.

קען. דער גאַנצער גוף פון דיא אידישע מאַססען זאָל ווערען געזונד. וויפיעל איך קען —— טהו איך. אַנדערע, וועלכע האָבען מעהר פעהיגקייטן, וועלן טהון מעהר.

זייט געזונד, פיהלט און דענקט וויא אַ געזונטער מענש! מיט פריינדליכען גרוס.

**יעקב גאָרדין**

11/16 1906

ווערטהער הערר יעקב מילך!

אויב איך וויל יעצט ניט שרייבן אין דער „צוקונפט", איז דאָס ניט דערפאַר וויל איר זייט רעדאַקטאָר, — עס איז דערפאַר, ווייל פאַרנבערג איז אויס רעדאַקטאָר.[1] איך וויל, איר זאָלט מיך ריכטיג פאַרשטיין. איך האָב פערזענלעך געגען אייך אַבסאָליוט גאָר נישט און איך וואָלט זיך קיין מאָל ניט ענטזאָגט צו שרייבן אין אַ זשורנאַל נאָר דערפאַר ווייל איר זייט רעדאַקטאָר. איך וויים אָבער און פאַרשטיי, אַז די מאַכערס פון דער „צוקונפט" האָבן אייך געמאַכט פיר רעדאַקטאָר ניט ווייל זיי רעכענען אייך פאַר אַ בעסערען. זיי ווילען איין אַנדערען — אין זעהר אַ קורצע צייט אַרום, איר וועט זעהען — אַ נאַרר איז שטענדיג אַ נביא, — וויא באַלד איר וועט נאָר ווערלען האָבען אַ שטיקעלע דעה, וועט מען אָהן צערעמאָניעס אייך אויך הייסען געהן. ניט דיא אינטערעסען פונ'ם זשורנאַל, נאָר פערזענליכע, קליינליכע אינטערעסען שפיעלען דאָ אַ ראָלע. ניט נאָר ווייל ד"ר פאַרענבערג איז מיין פריינד, נאָר אויך דערפאַר ווייל איך האָב איהם

---

[1] ד"ר ק. פאַרנבערג איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון „צוקונפט" מיטן נומער פון יאַנואַר, 1906, אָבער נאָך איידער דאָס יאָר האָט זיך געענדיקט, האָט פאַרנבערג רעזיגנירט, און יעקב מילך איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף זיין אָרט. מחמת חילוקי־דעות מיטן פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „צוקונפט" האָט מילך רעזיגנירט אָנהייב מאַי, 1907. זע: משה שטאַרקמאַן: „די צוקונפט", 1892—1942, אין 50־יאָריקן יובל־נומער „צוקונפט", מאַי־יוני, 1942, ז"ז 267—268. דעם בריוו צו מילכן האָט גאָרדין געשריבן אויף אַ בלאַנק, וואָס האָט זיין היים־אַדרעס: 256 מעדיסאָן סטריט, ברוקלין, נ.י.

גערעכענט פאַר אַ גוטען רעדאַקטאָר, וועלכען מען האָט געדאַרפט אַנדערש בעהאַנדלען, — געה איך אַרויס אין אַ „סימפּאַטישען סטרייק„. עס וועט מיר זעהר לייד טהון, אויב איר וועט מיינען, אַז איך סטרייק פּערזענליך געגען איך.

אַכטונגספאָל,

יעקב גאָרדין

צו פרוי גאָרדין און קינדער (רוסיש)

בערלין, דעם 20סטן... 1907 [1]

טייערע אַניוטאַ און טייערע קינדער!

נעכטן בין איך געקומען צופאָרן קיין בערלין, כאָטש זייער אַ מידער, אָבער אַ פולשטענדיק געזונטער און מונטערער. איך האָב נאָך גאָרניט און קיינעם ניט באַוויזן צו זען. היינט פון אינדערפרי אָן געשריבן פאַר דער „וואַרהייט״ [2] און איצט שרייב איך צו אייך. גינצבורג,[3] וועלכער איז מיר געוועזן אַזוי נוצלעך פאַרט היינט אָפּ און איך בלייב אַליין. נאָר איך פיל זיך דאָ אין האָטעל ווי אינדערהיים. דאָ רעדט מען אויף אַלע שפּראַכן, אַפילו אויף רוסיש — בלויז גיב געלט. כ׳וואָלט וועלן פאַר אייך אַלעמען איינקויפן דאָ אין בערלין וואָסערע ניט איז מתנות, נאָר אַליין וועל איך מורא האָבן איינצוקויפן. מסתמא וועל איך דאָס טאָן אין ווין, וואו איך וועל ווידעראַמאָל זיין מיט גינצבורגן.

ווי אַזוי איז ביי אונז אינדערהיים? ווי אַזוי זענט איר אַלע? האָסטו געשריבן שאַסטאַקן [4] בנוגע די קינדער? צום באַדויערן קאָן איך דיר ניט געבן קיין אַדרעס פאַר בריוו נאָר איר שרייבט מיר קיין קאַרלסבאַד „פּאָסט

---

[1] גאָרדין איז אָנגעקומען קיין בערלין דעם 19טן יוני, 1907.

[2] אין דער „וואַרהייט״ האָבן גאָרדינס „רייזע בילדער״ זיך געדרוקט פון יולי 1907 ביז סוף יענעם יאָר. די רייזע־באַשרייבונגען זיינען איבערגעדרוקט אין דריטן באַנד פון גאָרדינס „אַלע שריפטן״, ניו־יאָרק, 1910, ז״ז 3—64; ז״ז 185—233.

[3] יונה גינצבורג, אַמעריקאַנער יידישער שוישפּילער.

[4] שאַסטאַק איז מסתמא געווען דער אייגנטימער פון זומער־אָרט וואו די גאָרדין־משפחה האָט געוואוינט אין די הייסע חדשים.

רעסטאָנט". די ערשטע דאַטן פון יולי וועל איך דאָרטן זיין. אין בערלין רעכן איך צו פאַרברענגען אַ טאָג 8—10, דערנאָך פאָר איך קיין לעמבערג, וואו איך וועל פאַרבלייבן ביז מיין אָפּפאָר קיין קאַרלסבאַד. איך האָף, אַז ביי אונדז אינדערהיים איז אַלץ אין אָרדענונג און די קינדער פירן זיך גוט אויף. מיין האַרציקער גרוס צו אַלע, אַלע.

אייער, יעקב גאָרדין

צו פרוי גאָרדין און קינדער (רוסיש)

בערלין, דעם 26סטן יוני, 1907.

טייערע אַניוטאַ און טייערע קינדער!

מאָרגן פאָר איך אַרויס פונדאַנען. איך פאָר קיין לעמבערג, וואו איך רעכן צו פאַרבלייבן...[1] אַ סך אָנגענעמע און נוצבאַרע. די בערלינער אוצרות... וועלכע איך האָב באַזוכט דאָ, האָבן מיר פאַרשאַפט פיל פאַרגע־ניגן... איך קויף בכיון אומעטום אילוסטרירטע... כדי איר זאָלט דערנאָך, לכל הפּחות, קענען זען די קאַפּיעס... עס קאָסט טייער, צום טיוול.

...שרייב און פון אייך באַקום איך גאַרנישט. איך האָף... צו קריגן פון אייך בריוו.

...רואיק און געזונט. איך בענק נישט ווי אַן אָקס, נאָר ווי אַ דייטש. מיינע נערוון האָבן זיך אויף אַזויפיל באַרואיקט, אַז איך ווער נישט אין כעס ווען אַ קעלנער דערלאַנגט מיר קאַווע אָנשטאָט טיי. איך רעג זיך לחלוטין ניט אויף, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מאָרגן פאָר איך אַזאַ ווייטן וועג.

איך נעם אייך אַרום און קוש אייך אַלעמען שטאַרק.

אייער יעקב גאָרדין

צו פרוי גאָרדין און קינדער

(אויף אַ בלאַנק פון האָטעל בריסטאָל, לעמבערג. — רוסיש).

לעמבערג, דעם 27־טן יוני, 1907.

מאַדאַם גאָרדין און אַלע גאָרדינטשיקלעך.

---

[1] אויף עטלעכע ערטער פון בריוו איז דאָס פּאַפּיר צעריסן אָדער דער טעקסט איז אָפּגעריבן. ביי די דאָזיקע בלויזן האָבן מיר אין דער איבערזעצונג געגעבן פּינטעלעך....

נעכטן נאָכמיטיק בין איך אָנגעקומען קיין לעמבערג. די נסיעה, אַן אויסמאַטערנדיקע, האָב איך געמאַכט אָן וועלכע עס איז צופאַלן. אויף דער עסטרייכישער גרענעץ אין אָדערבערג[1] האָב איך גלייך דערפילט עפּעס אייגנס, לאַנג באַקאַנטס... אַ שמוציקער, טונקעלער וואָקזאַל, פאַרשלאָפענע „מענטשן" אין אויסגעטראָטענע שטיוול, טרעגער מיט הענט, וואָס האָבן שוין לאַנג ניט געזען קיין זייף, מוזשיקעס מיט העמדער איבער ווייסע, לייוונטענע הויזן, און צוזאַמען מיט זיי יידן מיט פּיאות און בערד און לאַנגע בעקעשעס, וואָס וואַלגערן זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער אויף זייערע פּעקלעך אין „זאַל" פאַר פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס. דאָס אַלץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן, נישט בלויז אויף די נערוון, נאָר האָט אויך אַ קלאַפּ געטאָן אין נאָז, און איך האָב אומשולדיק אויסגעשריען: דאָ שמעקט כמעט מיט רוסלאַנד.

אויפן וואָקזאַל האָט מיך באַגעגנט די גאַנצע שטאָטישע „פּני" מיט גינזבערגן בראש און אויך איינציקע יידישע שריפטשטעלער.

דעם 28־טן

נעכטן האָט מען מיך נישט געלאָזט פאַרענדיקן מיין בריוו. עס זענען געקומען זיך פאַרצושטעלן איינציקע סוביעקטן... פון בערלין ביז לעמבערג — אַזאַ קאָנטראַסט איז אוממעגלעך צו באַשרייבן מיט אַ פען... דאָס איז הימל און גהינום! דער זאַל פון קייסערלעכן פּאַלאַץ איז אַ שמוץ־גרוב! און אין דעם שמוץ־גרוב לעבן, ליידן און אָפטמאָל פרייען זיך אַפילו באַשעפענישן, וועלכע מיר רופן מענטשן. מיט בערלין איז מיר שווער געווען צו צעשיידן זיך. פון דאַנען, אָבער, וואָלט איך גלייך אַנטלאָפן. שרעקליך טונקעלע און טרויעריקע בילדער. לאַנג וועל איך דאָ ניט פאַרבלייבן. אין בערלין האָט זיך מיר אַפילו ניט געוואָלט דענקען וועגן ברוקלין, און פון דאַנען וואָלט איך גלייך געפאָרן אויף מעדיסאָן סטריט 256[2] ביי אונז בליען שוין מסתמא די רויזן. ווען שוין וועל איך ענדלעך קריגן פון אייך אַ בריוו?

אייער יעקב גאָרדין

[1] אָדערבערג — עסטרייכישע גרענעץ־שטאָט.
[2] גאָרדינס ברוקלינער אַדרעס.

צו פרוי גאָרדין און קינדער (רוסיש)

ווין, דעם 14טן יולי, 1907.

טייערע אַניוטאַ און טייערע קינדער!

היינט פאַרלאָז איך ווין, וואו איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע טעג (4 טעג). קיין באַזונדערן איינדרוק האָט ווין אויף מיר ניט געמאַכט. נאָך בערלין זעט אויס ווין ווי אַ שמוציק דאָרף. בערלין —— אַ יונגע, ליכטיקע, שיינקייט; ווין, אָבער, — אַן אַלטע צײַנלאָזע באָבעצע פון אַן אַדעליקן הויף מיט פּרעטענזיעס פון אַן אַלטער מיוחסת,[1] מיט רייכטימער פון אַן אַלטער, פעאָדאַלער פּריצהטע, וואָס איז פאַראָרימט געוואָרן, אָבער זי איז נאָך אַלץ קאַפּריזנע. זי בעטלט און האַלט מיט שטאָלץ דעם אַלטן הערב איבערן קאָפּ. זאָגט בוזשינסקין, אַז איך וועל אים דערהרגענען. זיין ווין האָט מיך גאַנץ ווינציק באַפרידיקט.

איך וואוין דאָ ביי איינעם וואָטענמאַכער. ער האָט אַ ברודער אַ מוזי־קאַנט אין יידישן טעאַטער. גינצבורג האָט אים טעלעפאָנירט וועגן אונזער קומען. ער האָט אונז באַגעגנט אויפן וואָקזאַל און בשום אופן אונז ניט געלאָזט פאַרפאָרן אין אַ האָטעל.

ער איז אַן אויסערגעוויינטלעך ליבלעכער און גאַסטפריינטלעכער מענטש. ער איז אַ רוסישער און נעמט אויף געסט אויפן רוסישן שטייגער. ווען איך שרייב אָט די שורות, גיסט ער מיר אָן טיי פון אַ רוסישן סאַ־מאָוואַר.

מיין געזונט־צושטאַנד איז אויסגעצייכנט. מיין מאָגן, וואָס האָט זיך אויפגעפירט אַזוי ניט אָנשטענדיק אין גאַליציע, האַלט זיך דאָ זייער מילד. איך ווייס ניט צי באַקומט מילער[2] מיינע בריוו. איך ווייס ניט די ריכטיקע אַדרעסע פון דער „ווארהייט“ און שרייב אויף טרעפּעניש. דאָס וועטער איז דאָ זייער שלעכט. עס רעגנט און ס׳איז זייער קאַלט. אמתער הערבסט. און וואו זיינען די קינדער — אינדערהיים צי ביי שאַסטאַקן?

---

[1] דאָס וואָרט איז געשריבן אויף יידיש.

[2] לואיס ע. מיללער, רעדאַקטאָר פון טאָגבלאַט „די ווארהייט“, וואו גאָרדין איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

אין ווין האָב איך שוין איינגעהאַנדלט אייניקע מתנות. זייט געזונט און שרייבט קיין קאַרלסבאַד, פּאָסט רעסטאַנט.

אייערער יעקב גאָרדין

צו פרוי גאָרדין און קינדער (רוסיש)

קאַרלסבאַד, זונטיק, דעם 4טן אויגוסט, 1907.

נעכטן האָב איך באַקומען פון אייך דעם ערשטן, איינציקן בריוו. אין בערלין און לעמבערג האָב איך פון אייך קיין בריוו ניט באַקומען. איך האָב צוויי מאָל געשריבן פון בערלין און לעמבערג. שרייבט מיר אין קאַנווערטן פּאָסט רעסטאַנט. איך בין געווען זיכער, אַז אין קאַרלסבאַד וואַרטן אויף מיר בריוו. איך גיי אויף פּאָסט, אויף אַ צווייטער און אַ דריטער און אינערגעץ ניטאָ. „מאַדאַם" צייטלין שרייבט צו איר מאַן און איך וואַרט און וואַרט אומזיסט. עס איז מיר געווען אַ ווייטיק און אַ שאַנדע! שרייבן איך אַ ריכטיקן אַדרעס? וואָסערע קלוגע קעפּ איר זענט דאָרטן! צוועלף־דרייצן טעג געדויערט אַ בריוו אַהין. די זעלבע צייט געדויערט אַ בריוו פון אייך אַהער. איז ווען זשע און צו וועמען וועט איר שרייבן? אַ גאַנצע וואָך בין איך געווען יעדן פרימאָרגן און אָוונט אויף דער פּאָסט, דערנאָך האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס איז ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטן. איך האָב געהאַט באַשלאָסן אייך מער ניט צו שרייבן, קיינעם קיין מתנות ניט קויפן, אָבער דער נעכטיקער בריוו האָט מיר באַוויזן, אַז איר האָט דאָס געטאָן פּשוט צוליב נאַרישקייט און אומגעלומפּערטקייט, און ניט מיט קיין שלעכטן כיוון.

דאָנערשטיק, דעם 8טן, פאָר איך אַרויס פון קאַרלסבאַד. איך וועל זיין צוויי טעג אין דרעזדען, אַ טאָג אין לייפּציג און אַ טאָג אין האַמבורג. איך פאָר אַרויס פון האַמבורג דעם 15טן אויגוסט, אויף דער שיף „דייטש־לאַנד". אין קאַרלסבאַד פיל איך זיך ניט שלעכט, נאָר, צום באַדויערן, פאַרליר איך זייער ווייניק. אַזויפיל געלט געפּטרט און וועל צוריקקומען מיט דעמזעלבן טרעלבאַך. דאָס וואַסער ווירקט אויף מיר עפּעס זייער ווינציק.

וויעראַ שרייבט (איר בריוו איז זייער אַ ליבלעכער), אַז סאַשאַ איז

## זלמן זילבערצווייג

באַליידיקט ווייל איך שרייב אים ניט באַזונדער. איך האָב אַלעמען געשריבן מיט ליבע און צו מיר האָט קיינער ניט געשריבן.

מער זאָלט איר מיר ניט שרייבן, ווייל אייערע בריוו וועלן מיך דאָ שוין ניט טרעפן. איך, ווידער, וועל, וואַרשיינלעך, נאָך אייניקע מאָל ביז צום שיף אייך שרייבן.

## יעקב גאָרדין

צום ווידערזען.

אַ דאַנק וויעראַן און לעאַן פאַר זייערע בריוו. די איבעריקע איז ניטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען. אַ גערוס אַ האַרציקן צו די פיינעראַווס, שוואַרצס, פעלדשטיינס, גערשאָיס,[1] פאַניען און אַלע, אַלע. גינזבורג בעט איך אַלעמען איבערגעבן זיין גרוס. וואָס פאַר אַ ליבלעכער ער איז! איך האָב זיך קיינמאָל ניט גערעכט צו געפינען אַזעלכן צווישן יידישע אַקטיאָרן. ד״ר האַלפערן[2] איז די גאַנצע צייט מיט אונדז. ער קערט זיך צוריק קיין ניו־יאָרק.

צו פרוי גאָרדין און קינדער

(אויף אַ בריוו־בלאַנק פון קאַרלטאָן האָטעל — רוסיש)

דרעזדען, דעם 9טן אויגוסט, 1907.

טייערע אַניוטאַ און טייערע קינדער!

נעכטן בין איך געקומען צו פאָרן קיין דרעזדען; אַ פּראַכטפולע דייטשע שטאָט. ריינקייט, אָרדענונג, גרויס, איינגעפונדעוועטקייט — אַ ברכה צו מאַכן. אַ גרויסע שטאָט, און טומל, גערודער, געפילדער — איז נישטאָ. קיינער אין דער וועלט קען ניט נישט אַזוי גוט, באַקוועם, פשוט און ביליק לעבן ווי דער דייטש. היינט האָב איך באַקוקט די באַרימטע דרעזדנער ביל־

[1] משה גערשאָי און זיין שוואָגער פעלדשטיין זיינען געווען אין רוסלאַנד מיטגלידער פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט״, וואָס גאָרדין האָט געגרינדעט. נאָך גאָרדינס טויט זיינען ביידע צוגעשטאַנען צום קרייז פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די אַנדערע דערמאָנטע זיינען אויך געוועזענע מיטגלידער פון דער „ברודערשאַפט״.

[2] ד״ר י. האַלפערן, אַ פּראָמינענטע פיגור אין דער רוסיש־יידישער ראַדיקאַלער קאָלאָניע אין ניו־יאָרק.

דער־גאַלעריע: מאָרגן וועל איך גיין אַ צווייטן מאָל. געגאַנגען בין איך מיט גינצבורגן איבערן שטאָט און אומגעקערט זיך אַהיים אָן פּיס. אויב איך וועל ווידעראַמאָל פאָרן קיין אייראָפּע, וועל איך זיך באַמיען לענגער צו וואוינען אין דייטשלאַנד. די גראַדליניקייט און רואיקייט פון די דייטשן ווירקן אויס־געצייכנט אויפן מאָגן. צום טייוול! עס וואָלט זיך מיר אַזוי וועלן, אַז די יידן זאָלן זיין דייטשן און די דייטשן — יידן. זיי וואָלטן זיך בעסער ווי מיר באַנוצט מיט די געטלעכע אבות.

זונטיק פאָר איך אַרויס קיין לייפּציג. דינסטיק פאָר איך קיין האַמבורג. פון דאָרטן פאָר איך אַרויס דאָנערשטיק, און אין אַ וואָך אַרום דאָנערשטיק, קום איך צופאָרן אַהיים.

און אַזוי ביז צו אַן אָנגענעמען ווידערזען.

איירער, יעקב גאָרדין

1.7.1908

פריינד באָדער!

איך האָב מיך פּאַרשפּעטיקט מיט מיין ענטפער, ניט נאָר דערפאַר, וויא געוועהנליך, ווייל איך בין פויל צו שרייבן בריעף, נאָר פּשוט ווייל איך בין געווען זעהר פערנומען. איך האָב געשריבען „גלות גאַליציען", האָב עס אויפגעפירט און עס איז שוין, דאַנקען גאָטט, דורכגעפאַלען אויך. כן יאבדו!... ווען דער דורכגעפאַלענער „גלות" וועט זיין אָבגעדרוקט, וועט איר, גאַלי־ציאַנער, עס מעגען איבערלעזען.

וועגען דעם לעמבערגער אידישען טעאַטער האָב איך געשריעבען אין איינעם פון מיינע „רייזע־בילדער", וועלכע געהען נאָך אין דער „וואָרהייט". די אַללע רייזע־בילדער וועלען זעהר גיך ערשיינען אין אַ בוך־פאָרם און איר וועט דאָרט געפינען מיין מיינונג אויך וועגען אַנדערע גאַליציאַנישע זאַכען. דעם בוך וועל איך אייך אַרויסשיקען. מיינע נייע ערשינענע דראַמען ווערען אַרויסגעשיקט דיזע וואָך.

איך געפעלט „אלישע בן אביה"? אויף דער ביהנע האָט עס ניט געהאַט קיין ערפאָלג. איך ווייס ניט, איז עס דערפאַר, ווייל דאָס גרויסע פּובליקום האָט ניט קיין סימפּאַטי מיט זאַכען וואָס זיינען „אחר'יש", אָדער דערפאַר

ווייל אונדזערע קריטיקער און מבינים האָבען מער נייגונג צו אַ דבר אחר ווי צו אַן איש אחר...

מיר האָבן איצט דאָ אין ניו־יאָרק אַ גאַסט — אייער דאָקטאָר בירנבוים [1]. איך האָב איהם נאָך ניט געזעהן און, איך האָב מורא, מיר וועט ניט געלונגען מיט איהם בעפריינדעט צו ווערען. ער ווערט דאָ „געמענעדזשט" פון מענטשן, וועלכע האָבן ניט זעהר פיעל סימפּאַטיען פאַר אַזאַ עוכר ישראל ווי איך בין. עס וועט מיר זעהר לייד טאָן, ניט לערנען צו קענען אייער גאַליציאַנישען איש אחר...

זייט געזונד און גליקלעך און שרייבט בריוולעך.

צו'ן אייער פריינד יעקב גאָרדין

צו פרוי גאָרדין (רוסיש)

...דעם 14טן יולי 1908.

טייערע אַניוטאַ!

דערווייל לעבן מיר יום־טובדיק, ווי גאָט אין אָדעס. פון די צייטונגען ווייס איך, וואָס פאַר אַ מגפה ס'איז ביי אייך, און בין זייער צופרידן, וואָס כ'האָב זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן פון דעם גיהנום. נאָדיאַ האָט זיך אַ ביסל דערהאָלט. יעדן טאָג נעמט זי הייסע בעדער. מען דאַרף זי געוויינטלעך טרייבן. אויך איך האָב זיך גענומען עטלעכע הייסע בעדער, אָבער נעכטן האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געבאָדן אין ים. אָט דאָס איז אַ באָד, שוין איינמאָל אַ באָד!

וואָס הערט זיך אינדערהיים? פאַרוואָס שיקסטו ניט צו קיין חשבונות? די פּינקוסעס באַציען זיך זייער גוט צו אונדז. די געשעפטן זייערע זיינען שרעקלעך. האָסטו שוין אַ דינסט?

אַ גרוס אַלע קינדער. גאָרדין

---

[1] ד"ר נתן בירנבוים (מתתיהו אחר), האָט דאַמאָלט באַזוכט אַמעריקע צו אָרגאַניזירן די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ, וועלכע איז שפּעטער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טשערנאָוויץ.

**צו פרוי גאָרדין (רוסיש)**

**דינסטיק.[1]**

טייערע אַניוטאַ, כ׳האָב היינט באַקומען אייערע בריוו און בין געווען זייער צופרידן. איך פיל זיך באַדייטנד בעסער. מיט יעדן טאָג דערהאָל איך זיך. ביי מיר זיינען איצט צוגאַסט ד״ר אינגערמאַן[2] און ד״ר אַלפּע־רין.[3] מיר האָבן איניינעם פאַרבראַכט עטלעכע אָנגענעמע שעהן. איך שיק דיר אַ טשעק ביי שאַסטאַקן.[4] דער איינציקער אומגליק איז, וואָס דאָ געפינען זיך איצט צופיל „אונזעריקע״, — נאָר איך וועל זיי איבערלאָזן.

איך פויל זיך צו שרייבן אויף ענגליש — איך באַדאַרף טראַכטן ווי אַזוי צו „ספּעלען״. דערפאַר זעץ איבער פאַר די קינדער דאָס פאָלגנדיקע: איך האָב געקראָגן נאַדיעס ליבלעכן בריוו. זאָל זי ניט זיין אומרואיק — זי וועט גיין אין בארנארד קאָלעדזש. אויף צו לערנען זיך וועט ביי מיר אַלעמאָל זיין געלט. הלוואי וואָלטן איצט אַלע ע ל ף געוואָלט זיך לערנען, וואָלט צוליב געלט קיין רייד ניט געווען. כ׳האָף איינגיכן געזונט צו ווערן, וועט שוין זיין געלט. און אפילו איצט, ווען כ׳בין קראַנק, וועל איך פאַר זייער לערנען אַלע מאָל האָבן געלט. ס׳איז מיר בלויז ניט אָנגע־נעם צו זאָרגן וועגן קינדער, וואָס האָבן ניט די ווערט צו זיין מיינע קינדער.

דאָסזעלבע דאַרפסטו איבערלייענען געאָרגן. ער באַדאַרף ניט אַרומ־גיין און זוכן „דזשאַבס״, אויב ער רעכנט צו לערנען. אויב, אָבער, ער „בלאָפט״, וועט ער בלויז זיך אַליין אָפּנאַרן. וויערא, דזשייקאָב, מיכאַאיל און די אַנדערע האָבן בלויז זיך אַליין גענאַרט.

זאָל לעאָ אַליין אָנפרעגן ביי מייזעלן,[5] ס׳מעג זיין דורכן טעלעפאָן, וועגן ביכער. ער שרייבט ענגליש אַ סך בעסער פון העלענען. איך רעכן: אַז העלען האָט ניט וואָס צו שרייבן. — דאָס פינגערל ליגט אין קאָנווערט.

---

[1] פון די ווייטערדיקע בריוו איז קענטיק, אַז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין דער ערשטער אָדער אין דער צווייטער וואָך פון יולי, 1908, בעת גאָרדין האָט פאַרבראַכט אויף זומער־אָפּרו אין „פילאַדעלפיאַ האַוז״, סי־איִל סיטי, ניו־יאָרק.

[2] ד״ר סערגעי אינגערמאַן, פירענדיקער מיטגליד פון דער רוסישער סאָציאַליס־טישער קאָלאָניע אין ניו־יאָרק.

[3] ד״ר אַלפּערין איז מסתמא אידענטיש מיט ד״ר האַלפּערין.

[4] וועגן שאַסטאַקן — זע פריערדיקע הערה.

[5] מאַקס נ. מייזעל, באַקאַנטער פאַרלעגער און בוכהענדלער.

האָט דער „פּראָפעסאָר" צוריקגעקראָגן די פּיעסע? אויב נאָך ניט, זאָל ער זיך גלייך ווענדן צו בערנשטיינען,[6] אויב ער איז נאָך ניט אַוועקגעפאָרן. איך וועל מסתמא שבת קומען אַהיים.

איך האָב מיינע יינגלעך צוגעזאָגט צו קומען צו פאָרן אויב זיי וועלן האָבן אַ „טי־פּאַרטי", און זונטיק וועל איך פאָרן צוריק. איך וועל דאָ פאַרבלייבן ביז איך וועל אויפהערן צו פּאָפּראַווען זיך.

## אייער י. גאָרדין

צו פרוי גאָרדין (רוסיש)

דעם 5טן אויגוסט... [1908]

טייערע אַניוטאַ,

איך וועל דאָ פאַרבלייבן דעם גאַנצן אויגוסט. קיין „געשעפטן" רופן מיך ניט אין שטאָט, און כּאָר עסן און דירה איז אָפּגעצאָלט אין פאָראויס. נאַדיאַ האָט זיך געקליבן היינט פאָרן... אָבער זי האָט מורא אַליין צו פאָרן און באַדאַרף האָבן אַ „באַגלייטערן"... דערווייל האָב איך זייער ווינציק קאַלטע בעדער גענומען. אַזוי שנעל ווי דער פוס הייבט אָן ווייטאָן, נעם איך הייסע בעדער.

איך שיק דיר אַ טשעק אויף צען דאָלער, און אַ טשעק פאַרן מילכמאַן.

[אַ צושריפט אויף ענגליש:]

Helen, you are smarter, and you still remain in the same Klass? How is it?[1]

[6] אונדז איז ניט געלונגען צו דערגיין וועמען גאָרדין האָט געמיינט מיטן צונאָמען „פּראָפעסאָר"; „בערנשטיין" איז מסתמא דער שוישפּילער בערל בערנשטיין. זע זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", ניו־יאָרק, 1931, באַנד איינס, שפּאַלטן 207־208.

[1] העלען, גאָרדינס מוזינקע, איז דעמאָלט אַלט געווען 11 יאָר.. אין דער ענגלישער צושריפט פרעגט ביי איר דער טאַטע: „העלען, דו ביזט קליגער, און דו בלייבסט נאָך אַלץ אין דעמזעלביקן קלאַס? ווי קומט עס?". גאָרדין, וועלכער האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צום ענגלישן אויסלייג, האָט דאָס וואָרט „קלאַס" געשריבן מיט אַ „קעי" אָנשטאָט מיט אַ „סי". דער בריוו איז אויף אַ בלאַנק פון „פילאַדעלפיאַ האַוז".

## די וועלט פון יעקב גאָרדין

Brooklyn, N. Y. Oct. 12, 1908

פריינד באַדער!

עס האָט מיר זעהר לייד געטאָן צו הערען, אַז לא די וואָס אייערע פינאַנסען זיינען ניט אין אַ גלענצענדען צושטאַנד, האָט איר נאָך דעם פּראָצעס אויך פערלאָרען. איך וויל ניט, איר זאָלט אַליין ליידען און איך שיק אייך 50 קראָנען. איך וועל זיין אין דער „וואַרהייט“ און אין דער „צוקונפט“ און וועל זיי מאַכען צו בלאָטע, פאַרוואָס זיי שיקען אייך ניט אַרויס אייער פערדיענטע געלד. איך לעז, ליידער, ניט וואָס איר שרייבט אין דער „טאָגעבלאַטט“ אָבער איך ווייס, אַז עס מוז זיין גוט: אַזאַ תלמיד חכם וויא איר וועט עס ניט לאָזען פון זיינע הענד א דבר שאינה מהוגנה... איך שרייב איצט אַ דראַמאַ מיטן נאָמען Dementia Americana [1] און פיהל מיטן געזונד ניט לא עליכמדיג.

ר׳ איד, פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געשיקט אייער יאָהרבוך? [2]

מיט דער האָפענונג צו הערן גוטע בשורות, פערבלייב איך

אייער יעקב גאָרדין

פריינד ריינהאָלד! [3]

אָבוואָהל איך קאָן אייך ניט, רוף איך אייך דאָך מיט׳ן נאָמען פריינד, ווייל אייער בריף צו מיר איז זעהר אַ פריינדלעכער. איך וועל אייך זאָגען דיא וואַרהייט, עס איז אַ גרויסער סיורפּריז פאַר מיר צו געפינען אַ פריינד. איך שטיי אַזוי אָפּגעזונדערט און ווייט און האַלט זיך שטענדיג אַזוי אונ־אָבהענגיג, אַז מיר ווייזט זיך אָפּט אויס, איך האָב נאָר שונאים. געוויס, ווען איך זאָל זיין אַ קאָמפּראָמיסלער, אַ מענש וואָס זוכט פּאָפּוליאַריטעט, וואָס חנפעט דיא מאַססען און ערנידריגט זיך פיר דיא וואָס האָבן מאַכט, וואָלט איך געהאַט אַ גרעסערע דעה אין שטעטיל און וואָלט געהאַט מעהר פריינד און פאַרעהרער. איך מיין אָבער, אַז פריינדע און פערעהרער דאַרף

[1] „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“ איז געווען גאָרדינס לעצט דראַמאַטיש ווערק.

[2] געמיינט באַדערס „יידישן פאָלקס־קאַלענדער“, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1896־1912 דער דאָזיקער בריוו גאָרדינס איז דאַטירט אויף ענגליש דעם 12טן אָקטאָבער, 1908, און איז געשריבן אויף אַ בלאַנק, וואָס האָט אויף ענגליש גאָרדינס נאָמען און זיין אַדרעס: 256 מעדיסאָן סטריט, ברוקלין.

מען אויך ערווערבען מיט איין עהרליכען וועג. איך זאָל געווען כאַלגען דיא גאַנצע וועלט וואָלט איך דאָך אויפגעהערט צו פּראָפּאַגאַנדירן דאָס, וואָס איך רעכן פאַר אַ וואָרהייט...

פאַר וואָס געפינט זיך ניט קיין פּובלישער, וועלכער זאָל דרוקען מיינע ווערקע? די זעלבע פראַגע פרעג איך אויך זעהר אָפט. זאָל זיין, אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָ אַסך אַזעלכע שרייבער, וועלכע איך וואָלט מיין פעדער ניט פערטרויט אויף איין אויגנבליק. מיינער אַ בעקאַנטער טרייסט מיך דערמיט, אַז נאָך מיין טויט, וועט מען זוכען יעדעס וואָרט, יעדע צייליע וואָס איך האָב געשריבען און מע וועט מאַכען דערפון אַ גאַנצען צימעס. עס איז אָפילו אַ גוטע נחמה. פונדעסטוועגען וואָלט איך געוואָלט, מע זאָל מיך בעסער כאָטש וויפיעל עס איז אַנערקענען ביים לעבען. נאָר אויב עס איז ניט בעשערט, זאָל זיין אַזוי...

וועגן מיינע אַרטיקלען „דיא וועלט דראַמע" דאַרף איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן: זיי זיינען איבערגעדרוקט אין דער „צוקונפט" אין אַ פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע רעדאַקציאַן. איין אַרטיקל וועגן „האַמלעט" איז אין „דער פרייער געזעלשאַפט" ניט געווען געדרוקט.[4] וויא עס וועט מיר נאָר אַביסעל איבערגעהן דער משוגעת,[5] וועל איך געוויס די גאַנצע סעריע ענדיגען. מיין וואָרט איז וואָרט!

מיט פריינדלעכען גרוס

**יעקב גאָרדין**

---

[3] דעם בריוו, אָן אַ דאַטע, האָט ש. לינדער, דער רעדאַקטאָר פון „פרייע אַרבעטער שטימע", געפונען אין אַרכיוו פון ש. יאַנאָווסקי. ס'איז מעגלעך, אַז אַ לייענער פון דער פ. אַ. ש. האָט אַדרעסירט זיין ווענדונג צו גאָרדינען אויף ש. יאַנאָווסקיס רעדאַקציע־אַדרעס, און ווען ס'איז אָנגעקומען גאָרדינס תשובה, האָט יאַנאָווסקי זי פאַרגעסן איבערצושיקן, אָדער ער האָט ניט געהאַט די אַדרעסע פונם לייענער.

[4] די סעריע איז איבערגעדרוקט אין פערטן באַנד פון גאָרדינס „אַלע שריפטן", ניו־יאָרק, 1910. 314 זייטן.

[5] געמיינט די פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי „דאָס משוגעת פון אַמעריקע".

# בריוו פון גרשם באַדער, ד״ר נתן בירנבוים און אברהם רייזען צו יעקב גאָרדין

מיט באַמערקונגען פון משה שטאַרקמאַן

לעמבערג, 6טן דעצעמבער 1907

ידידי הנעלה מאד!

איך וואָלט מיך אַפילו געדאַרפט שעמען, וואָס איך האָב אייך אַזאַ צייט נישט געשריבן און האָב אייך אויף אייער ליבן בריוו ביז היינט נ׳ישט געענטפערט. איך בין אָבער בטוח, אַז איר וועט מיר אַנטשולדיקן. ווי באַלד איך וועל אייך זאָגן, אַז איך האָב טאַקע גאָר נישט געהאַט קיין צייט. דערוויל האָב איך מיך אָלץ אויפגעהאַלטן מיטן שרייבן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אייך שוין קענען באַריכטן, ווי אַזוי די מעשה מיטן טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך געענדיקט. לסוף שלעפּט מיך דער אַדוואָקאַט שוין העכער פיר וואָכן מיט אַ נייער „פּראָשעניע״ [ביטע] וואָס ער דאַרף איבערשרייבן. אינצווישן האָב איך היינט געלעזן, אַז איר שרייבט אַ נייע דראַמע „אין גאַליציען״,[1] בין איך טאַקע זייער נייגעריק, צי איר מאַכט דאָרט פון אונדז אַ „פּורים־שפּיל״ אָדער איר וועט אונדז דאָך גלימפּפליך [„מיט הענדשקעס״] באַהאַנדלען. דער גאַליציאַנער האָט זיך אין מיר אָנגערופן, האָב איך עס אייך געמוזט פרעגן. עס שטייט אָבער די ברירה ביי אייך, צי איר וועט וועלן באַפרידיקן מיין נייגירדע און מיר ענטפערן, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס נייע דראַמאַ אייערס וועט האָבן.

מיט די טעאַטער־דירעקטאָרן האָט מיר משה ריכטער[2] אַ ביסל פאַרדאָרבן דאָס עסק. ער האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ און שפּילט כסדר אייערע שטיקע, זאָגנדיק, אַז איר האָט עס אים אַליין ערלויבט. דאַביי איז ער אַ תקיף, ווייל ער ווייסט, אַז איך וועל אים נישט קלאָגן, מחמת סע וועט מיר גאָר ניט העלפן, ווייל איך וועל פּשוט נישט האָבן וואָס ביי אים צו נעמען.

---

[1] געמיינט גאָרדינס „גלות גאַליציע״.

[2] משה ריכטער איז שפּעטער געווען טעטיק ווי אַ פּיעסן־שרייבער אין ניו־יאָרק.

## זלמן זילבערצווייג

אין דער „צוקונפט" האָב איך שוין געשריבן אַן אַרטיקל, נאָר האָנאָ־ראַר האָב איך נאָך נישט באַקומען. ווארשיינלעך איז אַצינד די „צוקונפט" נישט מיט אַלעמען דורך דעם קראַך פון אייערע טראַסטס. דאָך טרייסט איך מיך, אַז ווען מען וועט נישט צאָלן, מיר וועט מען שוין צאָלן. דאָס האָנאָראַר פון דער „צוקונפט" וועט דאָך נישט ערגער זיין פון משיחן, אויף וועלכן איר וואַרט און טרייסט מיך יעדן טאָג, אַז אָט וועט ער קומען, ווייל איך מוז וואַרטן. „אף על פי שיתמהמה, אחכה לו בכל יום שיבא!".

צו דער „וואַרהייט" האָב איך ערשט יענע וואָך געשריבן, און אויב איך וועל געפינען לייטזעליקייט, וועט אוודאי גוט זיין.

ווי מיר גייט? ווי תמיד!! מען אַרבעט „חמור למשא" און מען שלאָגט זיך, ווי תמיד, מיט גאָט וועגן אַ קערנדל פרנסה און אַ קראַנע איז ווייטער אַ מטבע — מיין הויזגעזינט איז „אָל־רייט", ווי איר זאָגט, עס פעלט מיר נאָר דאָס וואָס מען דאַרף צום „אָל־רייט", עס זאָל זיין טאַקע אָל־רייט מיטן פולן מויל.

אויסער דעם גריס איך אייך אויפס פריינדלעכסטע און ווינטש אייך אַלעס בעסטע.

אין אומענדלעכער פריינטשאַפט,

## גרשם באַדער

בעת זיין באַזוך אין גאַליציע, האָט גאָרדין באַשטימט באַדערן פאַר זיין פאַר־טרעטער אין פאַרהאַנדלונגען מיט טעאַטער־דירעקטאָרן, שוישפּילערס און פאַרלעג־גערס. באַדער (1868—1954) איז אין יענע טעג אַליין געווען טעטיק ווי אַ דראַמאַטורג און קאָרעספּאָנדירט פאַרן ניו־יאָרקער „יידישעס טאַגעבלאַט". ער האָט אויך גע־שריבן פאַרן חודש־זשורנאַל „די צוקונפט". נאָך גאָרדינס באַזוך אין גאַליציע האָט באַדער אָנגעהויבן שרייבן אויך פאַרן ניו־יאָרקער טאַגבלאַט „די וואַרהייט", וואו גאָרדין איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אין גאָרדין־אַרכיוו האָבן זיך אויפ־געהיט אַכט בריוו, וואָס באַדער האָט געשריבן צו גאָרדינען אין די יאָרן 1907—1909. באַדער אַליין האָט איבערגעגעבן דעם ייוואָ צוויי גאָרדין־בריוו, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט ביי אים.

## די וועלט פון יעקב גאָרדין

לעמבערג, 23 דעצעמבער 1907

ידידי היקר והנכבד מאד!

פון מיין אייגנטומס־רעכט איבער אייערע שטיקע האָב איך אייך לעת־עתה נאָר אַזוי פיל מיטצוטיילן, אַז איך טו אין דער זאַך, איך קער וועלטן און וועל זיכערלעך עפּעס אויספירן. איך בין אויך אייך מודיע די פריילעכע בשורה, אַז נייע אַמעריקאַנער שטיקע וועלן דאָ זיין פּונקט אַזוי געשיצט ווי ביי אייך אין אַמעריקע. לויט אַן אָפּמאַך פון אייער רעגירונג מיט אונ־דזערער, וועט יעדער אַמעריקאַנער „סיטיזען" געפינען דאָס זעלבע רעכט דאָ אין עסטרייך ווי ביי זיך אין דער היים. דאָס נייע געזעץ גילט אָבער נאָר פאַר נ ײ ע שטיקע, וואָס קומען אַצינד אַרויס — און נישט פאַר יענע, וואָס זיינען פריער ערשינען.

אָט האָב איך גערענדיקט אייער „אלישע בן אבויה", וואָס איך האָב מיר געבאָרגט ביי אַ שוישפּילער. דאָס שטיק איז גאָר ערהאַבן און עס שטייט אין מיינע אויגן אַלס די העכסטע לייסטונג אייערע. פון יעדן זאַץ האָב איך מקבל תענוג געווען, ווי פון אַ באַזונדער קונסטווערק.ליידער האָב איך געמוזט דאָס בּיכל תיכף אָפּגעבן, און איר האָט מיר די פאַרשפּראָ־כענע שטיקע אייערע נישט געשיקט. איך ערוואַרטע דאָהער מיט אומגע־דולד, איר זאָלט מיר צושיקן יענע שטיקע, וואָס איך האָב נאָך נישט.

דאָ שמועסט מען זייער שטאַרק פון אַן אַרטיקל אייערן איבער דעם היגן יודישן טעאַטער.[1] איך האָב ליידער דעם אַרטיקל נישט געלעזן, נאָר אפשר קענט איר מיר פאַרשאַפן איין עקסעמפּלאַר, וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר געווען.

ביי אייער דאָ־זיין אין לעמבערג האָט איר מיר געהייסן, איך זאָל אויסבעסערן מיין „לעבנסבילד" — „אין קעלער",[2] אפשר וועט מען עס קענען אויפפירן. טו איך עס עבן [טאָקע] און בעסער דאָס שטיק, לויט מיין יכולת דערגרייכט, און אויב איר וועט מיר שרייבן, אַז עס איז פאַראַנען

[1] געדרוקט אין „די וואַרהייט" און איבערגעדרוקט אין גאָרדינס „אַלע ווערק", ניו־יאָרק 1910.

[2] אויפגעפירט אין ניו־יאָרקער ליפּצין־טעאַטער, 1910.

ז ל מ ן  ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג

אַ מעגלעכקייט מען זאָל עס אויפפירן, וועל איך עס אייך צושיקן. זאָנסט וועל איך אייך ליבער נישט מטריח זיין.

מיט אויפריכטיק פריינדשאַפטלעכן גרוס

ג ר ש ם  ב אַ ד ע ר

לעמבערג, 1908, 17/I

ידידי היקר והנעלה!

איך האָב אייך מיטצוטיילן, אַז מיט גימפּעל [1] פּירט זיך אַ פּראָצעס. ווי אַזוי ער וועט זיך ענדיקן קען איך לעת־עתה נישט וויסן. איך גלויב, אַז דער זיג וועט זיין אויף אונדזער זייט. פאַרלויפיק „סטאָפּט מען [שטעלט מען אָפּ] אַלע גאָרדינישע פּיעסן און מען שפּילט זיי ניט אין לעמבערג. דערווייל איז דאָ אָנגעקומען אייער שוישפּילער טהאָרנבערג, [2] וועלכער וויל ניט שפּילן קיין אַנדערע פּיעסן, ווי נאָר גאָרדינישע, האָב איך מיט אים אַ גאַנצן „טראָבל" און — ווי מיר שיינט — וועל איך אפשר צוויי־דריי מאָל אַוועקקוקן צוליב טהאָרנבערג, וועלכער האָט מיר אַהערגעבראַכט איין עמפּפעלונג [רעקאָמענדאַציע] פון פיינמאַן. איר וועט שוין מיר דאָן זיכער מוחל זיין, אַז איך וועל עס טאָן, ווייל איר וועט דאָך אוודאי נישט ערגער זיין פונעם רבונו של עולם, וועלכער ערלויבט אָפּצוטרעטן אַ מאָל פון זיין תורה, ווי באַלד עס לוינט זיך פאַר אים און פאַרן לויב פון זיין ליבן נאָמען.

דערווייל האָט דאָ איין שוישפּילער, אַ געוויסער עבעל, פאַרקויפט צו דרוקן אייער „שיינע מרים". דער מוכר ספרים, זאָגט מען, האָט אים באַצאָלט גאַנצע 10 קראָנען. האָב איך מיך תיכף געשטעלט אויף די הינ־טערפיסלעך און האָב אָנגעקלאָגט דעם פאַרלעגער און דעם פאַרקויפער, האָבן זיך מענטשן אַריינגעלעגט אינעם עסק, ווייל דאָס האָט שוין געשמעקט מיט אַרעסט פאַר ביידע — און איך האָב נישט געוואָלט נעמען אויף זיך,

[1] לעמבערגער טעאַטער־דירעקטאָר עמיל גימפּעל.

[2] דער שוישפּילער סעמיועל טהאָרנבערג (1872—1911), וועלכער איז אויך געווען טעטיק ווי אַן איבערזעצער און דראַמאַטיזירער פון בעלעטריסטישע ווערק.

יידן זאָלן האָבן צו זאָגן, אַז גרשם באַדער אָדער מר. גאָרדין האָט געלאָזט צוויי יידן אַרעסטירן צוליב אַ „שיינער מרים“, און דאָס אַפילו נישט קיין לעבעדיקע. בין איך פון דער קלאָגע צוריקגעטראָטן און חוץ קלאָגע־קאָסטן האָט דער ייד באַצאָלט 15 גולדן. איך האָב אויך געוואָלט דורכויס פאַרניכטן די גאַנצע ערשטע אויפלאַגע פונעם ביכל, ווייל עס איז אודאי „מלא גרייזן“ (געזען האָב איך עס נישט!), נאָר אַזוי ווי איך האָב נישט קיין אַנדערן טעקסט, האָב איך פריי געגעבן [דערלויבט] די ערשטע 1000 עקסעמפלאַרע מיט דעם באַדינג, אַז מען מוז דערפון מאַכן גאָר אַ נייע אויפלאַגע, גענוי רעווידירט און אויסגעבעסערט.

15 גולדן — ווייס איך אַפילו אַליין — איז אַ „שפיי אַקעגן דער לבנה“ פאַר דרוקן אַ פיעסע. איך האָב עס אָבער געמוזט טאָן, ווייל דער מענטש איז אַריין מיט גרויסע שפּעזן, ובפרט ווייל שתדלנים האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דער מיט און איך האָב נישט געקענט זיין קיין עקשן.

עס וועט אָבער אַצינד זייער נייטיק זיין, איר זאָלט מיר שיקן אַלע אייערע זאַכן, ווייל טאָמער וועט מען עפּעס פון מיר פאַרלאַנגען, זאָל איך עס האָבן אונטער דער האַנט און זאָל נישט מוזן פירזאָגן קיין „הוריות“.

פון דער „צוקונפט“ האָב איך נאָך ביז היינט נישט באַקומען קיין האָנאָראַר און פון דער „ווארהייט“ האָב איך נישט באַקומען קיין שום תשובה.

איך גריס אייך בעסטנס און פאַרבלייבע אייער טרייער

גרשם באַדער

לעמבערג, 1908, 31/I

[אויב ס'איז ניטאָ קיין טעות אינעם חשבון].

ידידי הנכבד מאד!

אָט בין איך צוריקגעקומען פונעם „יודישן טעאַטער, ווו איך האָב געלאָזט אויפפירן אייער „יתומה“ אָן געלט, טאַרנבערגן צוליב. דאָס שטיק איז צימליך [ניט קשהדיק] גוט געשפּילט געוואָרן. אַפילו די היגע קאַליקעס האָבן אויך גוט געשפּילט. דאַכט זיך, אַז מען קען טאַקע פון „בעלפערס“

איך מאַכן שווישפּילער. פּרוי מעלצער [1] האָט געשפּילט די יתומה, און איך מוז זאָגן, אַז חוץ עטלעכע אומגעלומפּערטע תנועות און צוויי־דריי נאַרישע העויות האָט זי די ראָלע גוט געגעבן.

היינט האָב איך מיר אויך גענומען צייט צו לעזן אייער „אונבעקאַנטען". דער פּראָלאָג איז אַ מייסטערווערק פון פּאָעטישער סימבאָליסטיק און דאָס שטיק גופא איז גאַנץ „אַלרייט". ס'איז נאָר די אייגענע מעשה פון די צוויי שוועסטערן, איינע אַ קלוגע און די צווייטע האָט דוקא חתונה מיט דער שוועסטערס חתן.

איבער „אלישע בן אבויה" שרייב איך אַ גרויסע און אַ ברייטע „רעצענזיע", אָדער ווי מען רופט עס אַ „שטודיע" — און אַז איך וועל די זאַך האָבן פערטיק, שיק איך עס — צו וועמען? צו דער „צוקונפט", כאָטש די רעדאַקציע פירט זיך נישט „אַלרייט", שרייבט נישט אָפּט קיין בריוו צו אירע מיטאַרבעטער און שיקט נישט קיין קעש. נור אויך די אייגענע מעשה: די „ווארהייט" שרייבט אויך גאָר נישט און ענטפערט נישט אויף אַלע מיינע בריוו. קוראַנט אין דיזער באַציונג איז נאָר דאָס „טאָגבלאַט". מיינע זאַכן זיינען אָבער נישט מער פאַר זיי און מיין אַרטיקל איבער „אלישע בן אבויה" אודאי נישט.

ביי געלעגנהייט וואָלט איך אייך געבעטן, אויב ס'איז אייך נישט קיין אום־כבוד, איר זאָלט שמועסן מיט ה' ווינטשעווסקי [2] פון דער „צוקונפט" און אים זאָגן, אַז די נשמה קען איינעם אויסגיין, אַרויסקוקנדיק אויף געלט אָדער לכל הפחות אַ בריוו. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער „ווארהייט". נישט איך וויס צי מען האָט דאָרט געדרוקט מיינע קאָרעספּאָנדענצן און נישט איך באַקום אַ בריוו אָדער געלט. אַזאַ מין פאַרגיין [האַנדלונג] פּאַסט נישט אַפילו פאַר גאַליציאַנער, ומכל־שכן פאַר אַמעריקאַנער.

חוץ לזה בין איך און מיינע בני בית אַלרייט און גריס אייך בעסטנס מיט אויפריכטיקער פריינדשאַפט און האַכאַכטונג.

גרשם באַדער

[1] מסתמא געמיינט די פּרימאַדאָנע אננאַ בריה־מעלצער, פרוי פון אַדאָלף מעל־צער, דירעקטאָר פון יידישער טעאַטער־טרופּע אין גאַליציע.

[2] מאָריס ווינטשעווסקי איז דאַמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פון „די צוקונפט".

לעמבערג, ב׳ ניסן תרס״ח [1]

ידידי!

נעכטן האָב איך געהאַט די הויפּט־פאַרהאַנדלונג מיט גימפּעל אינעם לאַנדס־געריכט און האָב מיך דאָרט דריי שעה געבאַדערט און די „דזשאָ־דזשעס״ האָבן ערקלערט, אַז זיי וועלן דעם פּסק צושיקן שריפטלעך — איך קען אַלזאָ נאָך נישט וויסן, צי מיר האָבן דעם פּראָצעס געוואָנען.

פון מיר קען איך אייך זאָגנסט מיטטיילן, אַז איך בין נישט מער קיין ק.ק.[2] טראַנסלאַטאָר און בין אויך נישט מער קיין ביבליאָטעקאַר. מיינע הכנסות האָבן זיך פאַרקלענערט מיט 30 גולדן אַ חודש, און איך וואָלט זייער נייטיק געדאַרפט אַ פאַרדינסטל מן הצד. אפשר וואָלט איר מיר געקענט העלפן ביי דער „וואַרהייט״, מען זאָל ביי מיר באַשטעלן אויף יעדן טאָג אַן אַרטיקל, מעג זיין אַ פּאָליטישער, אַ יידישער, איין אַלוועלטלעכער. אָדער אפשר וואָלט מיר די רעדאַקציע איבערגעגעבן צו איבערזעצן אָדער צו באַאַרבעטן אַ ראָמאַן אין פאָרזעצונגען. איך וואָלט אַלצדינג געטאָן, אַבי פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר.

מיט צוויי וואָכן צוריק האָב איך אַוועקגעשיקט אַ גרויסע קריטיק איבער אייער „אלישע בן אבויה״ צו דער „צוקונפט״. מיר שיינט, אַז די קריטיק דאַרף געפעלן, וואָרן זי איז טאַקע אין איינוועגס גוט געשריבן און שטרענג וויסנשאַפטלעך געהאַלטן. אַזוי ווי איר זענט גוט באַפריינדעט דאָרט אין דער רעדאַקציע, וועט איר קענען זען דעם אַרטיקל איידער ער וועט נאָך ערשיינען אין דרוק. איך בין דעסהאַלב [דעריבער] זייער נייגעריק, וואָס איר וועט זאָגן צו׳ן אים און ווי אַזוי ער וועט אייך געפעלן.

צו דער „וואַרהייט״ האָב איך שוין אַוועקגעשיקט פיר אַרטיקל און באַקום נישט פון דאָרט קיין געלט און אפילו נישט קיין בלאַט. איך בעט אייך דעסהאַלב, איר זאָלט אַזוי גוט זיין אינטערווענירן אין דיזער אַנגע־לעגנהייט, ווייל די גרינגשעצונג פון דאָרט קרענקט מיך זייער, חוץ וואָס איך בין אַ „נצרך״ און געלט־גייץ, ווייל איך האָב נישט...

ביי געלעגנהייט מעגט איר אויך זאָגן ה׳ פּערלמוטער [3] אין דער „צו־

[1] דעם 3טן אַפּריל, 1908.

[2] ק. ק. — „קייזערלעכער און קעניגלעכער״ איבערזעצער.

[3] דאַמאָלסדיקער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון „די צוקונפט״.

קונפט״, אַז צאָלן פאַר איין אַרטיקל דאַרף מען תיכף ווי ער ווערט נאָר געדרוקט, נישט דער שרייבער זאָל זיך דאַרפן אַרויסקריכן מיינע שונאים די אויגן, ביז ער דערלעבט צו זען דעם בריווטרעגער מיט די עטלעכע „זעקסערלעך״.

אין היגן יידישן טעאַטער שפּילט מען אַצינד אייער „דוד׳ל משורר״, נאָר אַזוי ווי איר האָט עס נישט אַריינגעשריבן אין אייער „פּערטראַג״ [אָפּמאַך] מיט מיר, קען איך דערפאַר גאָר נישט טאָן, סיידן ווען איר דרוקט עס אין אַמעריקע מיט אַ היינטיקן דאַטום (1908) און איר מאַכט עס דאָרט „קאָפּירייט״, וואָלט איך עס געקענט דאָ עקסטראַ איינקלאָגן.

דעם שבת האָט מיר אַ היגער סאָציאַליסט געוויזן די „וואַרהייט״, אין וועלכער ס׳איז געווען געדרוקט אייער בריוו וועגן דער גאַליצישער אינטעליגענץ. איך האָב אויך פון אים געהאַט אַ גרויסע הנאה. אַצינד ליגט אויך אויף מיין טיש ענטינס [4] תשובה צו בעל־מחשבות אינעם „קעמפּפער״ פון 1907. איך האָב די בלעטער ערשט היינט באַקומען און לעז זיי מיט פאַרגעניגן.

איך גריס אייך בעסטנס און ווינטש אייך אַ כשרן פּסח, עס זאָל זיך אייך חלילה נישט טרעפן קיין חמץ אין דער יויך און קיין מכשול אין די אַרבע כוסות.

ידידך

גרשם באָדער

לעמבערג, 18 סעפּטעמבער 1908

ידידי הנעלה מאד!

איר האָט מיר אַפילו אויף מיין בריוו גאָר ניט געענטפערט, נאָר אַזוי ווי איך מערק מיר פון טאַרנבערגס ווערטער אין זיינעם אַ בריוו צו מיר, האָט איר דעם לעצטן בריוו מיינעם גאָר נישט ערהאַלטן. מוז איך אייך

[4] געמיינט יואל ענטין, וואָס האָט געענטפערט אויף בעל מחשבותעס נעגאַטיוון צוגאַנג צו גאָרדינען. מיט „קעמפער״ ווערט געמיינט „דער אידישער קעמפער״, אָרגאַן פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע.

נאָך איין מאָל מודיע זיין די בשורה טובה, אַז מיר האָבן דעם פּראָצעס מיט גימפּעל פּאַרלאָרן און איך דאַרף אים צאָלן 132 קראָנען געריכטס־קאָסטן, חוץ וואָס מיין אַדוואָקאַט קאָסט מיך עקסטרא. איך האָב אפילו געהאַט אַ ברירה מאַכן אַ „רעקורז" [אַפּעלאַציע] קיין ווין, נאָר איך האָב פּשוט נישט געהאַט אויף אויסלייג פאַרן פּראָצעס אין ווין, וועלכער האָט געדאַרפט פריש אַריינטרייבן אין הונדערטער קראָנען, און דאָ האָב איך געהאַט אַ ביטער יאָר, די נשמה איז שוין געשטאַנען אויפן שפּיץ נאָז. האָב איך געמוזט פאַלן לאָזן די גאַנצע זאַך...

צו מיין ביטערקייט האָבן זיך אויך אייערע אַמעריקאַנער ניִשט ווי אָם בעסטן אויפגעפירט. די „וואַרהייט" האָט געדרוקט פיר אַרטיקל מיינע און האָט מיר אַפילו נישט דאָס בלאַט צוגעשיקט און געלט נישט אַ סענט... ביי דער „צוקונפט" האָב איך אָנצונעמען 25 דאָלאַר און די חברה ענט־פערט אַפילו נישט אַ פּאָסטקאַרטל פאַר 2 סענט.

איך האָב אָנגעשריבן אַ פּיעסע „נאָענט ביים פייער" און האָב זי צוגעשיקט צו טאָרנבערג. איך האָף, אַז זי וועט נושא חן זיין ביי אים און ביי זיין מענעדזשער, ווייל איך וואָלט גערן געהאַט די זכיה אַרויפצוקומען אויף די „ברעטער" פונעם יידישן טעאַטער. איך האָב אין מיר אַ סך „עמאָ־ציאָן", עס גייט ווי פון אַ קוואַל, איך דאַרף נאָר שטיצע. אַזוי האַלט איך אַצינד אין שרייבן אַ פּיעסע „ר' ישראל בעל־שם־טוב",[1] וועלכע דאַרף אַרויסקומען אַ ליטעראַרישע צאַצקע. נאָר ווי זאָגט מען עפּעס: „וואָס טויג מיר מיין פּויליש רעדן, אַז דער פּריץ לאָזט מיך נישט אין הויף אַריין?"...

צו דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ בין איך גע־פאָרן אַלס פּאָרטרעטער פון אייער ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט" און איך האָב שוין ב"ה אָנגעשריבן 7 בריוו וועגן איר.[2] די בריוו עמפּפעל [רעקאָמענדיר] איך אייך צו לעזן, כאָטש איר זענט נישט קיין לעזער פונם „טאָגעבלאַט",

[1] אויפגעפירט אין לעמבערג, אין 1911, אין 1922 אַרויס דאָרט אין בוכפאָרם, 68 ז'.

[2] זע ייוואָ־זאַמלונג „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ", ווילנע 1931.

ווי איך ווייס. איך וועל נאָך שרייבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון עטלעכע קאָנפערענץ־מיטגלידער.

וועגן אייך וועל איך בקרוב שרייבן אַ העברעאישע און פוילישע שטודיע. די ערשטע וועט זיין געדרוקט אין אַ מאָנאַטלעך זשורנאַל, די צווייטע אין אַ פויליש וואָכנבלאַט.

איך גריס אייך און ווינטש אייך אַ כתיבה וחתימה טובה, ד״ה אייער חתימה אויף אַ טשעק זאָל האָבן אַזאַ ווערט ווי למשל וואַנדערבילדטס אַ חתימה. פון מיר אייער בעסטער פריינד

גרשם באַדער

לעמבערג, 20 אָקטאָבער 1908

ידידי הנכבד!

די 50 קראָנען, וואָס איר האָט מיר געשיקט אַלס „ביישטייערונג״ צו די פּראָצעס־קאָסטן, עמפּפינדע איך [נעם איך אָן] ווי אַ פּאַטש אין פּנים, ווייל איך האָב נישט פאַרפאָלגט דעם פּראָצעס ביז ווין. די אַנטשולדיקונג איז נאַר, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין געלט אויף ווייטערע קאָסטן.

וועגן דער „וואַרהייט״ און „צוקונפט״ רעכן איך אויף באַשטימט, אַז ווען איר וועט אייך נאָר מטריח זיין אַהין, וועט איר שוין פּועל יוצא זיין, ווייל ווי עס דאַכט זיך מיר, האָט די חברה דרך־ארץ פאַר אייך — און ווי די קריזע [קריזיס] זאָל נישט זיין שטאַרק אין אַמעריקע, איז זי ביי מיר נאָך שטאַרקער. ס׳איז אַלזאָ פּשוט נישט מער ווי „גזלה״, ווען די דערמאָנטע צוויי רעדאַקציעס זאָלן מיר נישט צאָלן מיין חוב.

מכח „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״ האָב איך שוין געלעזן פּאַראַיאָרן אין די אַדווערטייזמענטס פונעם „גרענד־טעאַטער״ און איך בין שוין געשפּאַנט דאַרויף צו לעזן די קריטיק דערפון, ווייל פון דער קריטיק וויל איך אַרויס־דערקענען דעם תוכן. אויף פאַראַנלאַסונג [אָנווייזונג] פון ה׳ טאָרנבערג האָב איך אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיט דעם נאָמען „נאָענטביים פייער״, אַ שוישפּיל אין פיר אַקטן, און האָב זי צוגעשיקט צום ה׳ טאָרנבערג, ער זאָל זי פאַרקויפן און פּיפּלס טעאַטער, וואו ער שפּילט אַצינד. היינט איז שוין כמעט 4 וואָכן זייט ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט די פּיעסע

ערהאַלטן און אַז ער וועט זי פאַרלעזן, נאָר ווארשיינלעך איז זי דאָרט נישט געפעלן, ווייל אַז לאַטיינער[1] איז שוין אָנגעקומען צו קעסלערן[2] אויף סכות, דאַרף פּיפּלס אַ מעשה פונעם פּיפּערנאָטער מיט געזאַנג און טאַנץ. אַ קלאָרע ידיעה אויף „ניין" האָב איך נאָך אַפילו נישט, טאָרנבערג שעמט זיך מיר אודאי צו שרייבן די „בשורה".

אַז איר זענט עפּעס „לא־עליכמדיק" קרענקט מיך זייער. דאָס מעגט איר מיר גלויבן אָן אַ שבועה, ווייל מען קען מיך דאָ זייער גוט פאַר אייערס אַ שטאַרקן חסיד און איך האָב מיך דורך אייך שיער נישט צעפּאַטשט מיט פּרץ און שלום אַש.[3]

משה ריכטער[4] מיט זיין בני־בית פאָרט היינט אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרט צו פאַרבלייבן, און טאָמער גיט ער אייך איבער אַ גרוס פון מיר, זאָלט איר וויסן אַז עס איז אמת.

ווייטער קיין נייעס צו שרייבן, נאָר זייט מיר טאַקע געזונט און שטאַרק, ווי עס ווינטשט אייך פון גאַנצן האַרצן אייער געטרייער

גרשם באַדער

P.S.

„קאַלענדער"[5] האָב איך אייך געשיקט צוויי. איינעם האָט איר זיכער שוין ערהאַלטן.

לעמבערג, 1909, 12.III

ליבער פריינד מ"ר גאָרדין נ"י!

פון טאָרנבערג הער איך, אַז איר זענט עפּעס נישט געזונט. בין איך

[1] געמיינט דעם פּיעסן־שרייבער יאָזעף לאַטיינער.

[2] דער שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָר דוד קעסלער.

[3] באַדער האָט זיך באַגעגנט מיט י. ל. פּרץ און שלום אַש אויף דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ און שפּעטער בעת זייער טורנע איבער גאַליציע. פּרץ און אַש האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו גאָרדינס שאַפן.

[4] זע באַדערס בריוו פון 6טן דעצעמבער, 1907.

[5] הערה צו גאָרדינס בריוו פון 12טן אָקטאָבער, 1908.

דאַדורך זייער באַזאָרגט און וויל דורכויס תיכף הערן פון אייך אַ גוטע בשורה, אַז עס איז אייך בעסער.

איך שיק אייך אין אַ באַזונדער קרייצבאַנד מיין דראַמאַ „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״, וועלכעס איך האָב לעת־עתה געלאָזט מאַטריצירן, נישט דרוקן. איך בעט אייך זייער, איר זאָל אייך טאַקע צייט נעמען דאָס דראַמאַ דורכצולעזן, ווייל איך האָב אין דעם אַריין[געלייגט] דאָס גאַנצע ביסל שמאַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

צו דעם שטיק איז צוגעאַרבעט געוואָרן אַ פּרעכטיקע מוזיק, וועלכע וועט אויף דער בינע דעם גרעסטן ערפאָלג האָבן.

אפשר קען זיך דאָרט אין ניו־יאָרק געפינען אַ פאַרלעגער פאַר דעם ביכל, וועלכער וועט וועלן אָפּקויפן די מאַטריצן, און אפשר וואָלט איר מיר געקענט אויסגעפינען אַן עצה, ווי אַזוי איך זאָל די פּיעסע אויפפירן אין אַמעריקאַ? אָדער אפשר וואָלט מען געקענט פועלן ביי ווינטשעווסקין, ער זאָל אָפּדרוקן די פּיעסע אין דער „צוקונפט״?

איך האָב ליידער זייער אַ שלעכטן ווינטער און דאַרף נעבעך אַ סך געלט. מיט דריי חדשים צוריק האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט אַ פרישער זון און אַ גאַנצן ווינטער ליגט מיין ווייב קראַנק, אָבער טאַקע גוט קראַנק, און די דאָקטוירים זיינען ביי מיר צו אָפטע געסט.

פון דער „צוקונפט״ און פון דער „וואָרהייט״ האָב איך ביזן היינטיקן טאָג נישט באַקומען אַ פּרוטה.

שיקט מיר, איך בעט אייך, אייערע ערציילונגען און אייער „אמתע קראַפט״, איך בין אויף זיי זייער נייגעריק.

בדרך אגב דאַרף איך אייך נאָך מיטטיילן, אַז איך האָב באַקומען צו צאָלן סטעמפּעל־שטראָף פון דעם פערטראַג וואָס איר האָט מיט מיר אָפּגע־שלאָסן וועגן אייערע פּיעסן, ווייל דער פערטראַג איז נישט געווען גענוגענד געסטעמפּלט.

איך גרוס אייך הערצלעך און ערוואַרטע אייערע נאַכריכטן מיט אומ־געדולד.

גרשם באַדער

# פון ד״ר נתן בירנבוים

ניו־יאָרק, דעם 29סטן פעברואַר, 1908

ווערטער הער גאָרדין!

איר ווייסט אוודאי שוין, אַז אונדזער גרויסער מיטינג וועגן דער יידישער שפּראַך [1] וועט פאָרקומען מיטוואָך אָוונט, דעם 4טן מערץ, אין וועבסטער האָל, און אַז מען דערוואַרטעט פון אייך אַ רעדע אין דעמדאָזיקן מיטינג. איך דערמאָן אייך, האָט קיין פאַריבל ניט, אין אייער פאַרשפּרעכן, צו קומען, ווען מען וועט אייך רופן, און בעט אייך זייער: קומט מיטוואָך אַריין קיין ניו־יאָרק און צו דער פאַרזאַמלונג. מען דאַרף אייך דאָ האָבן. אָן אייך וואָלט די גאַנצע זאַך ניט געהאַט קיין פּנים.

אַ כּלל, איר קומט! איך דאַנק אייך אין פאָרויס און גריס אייך הערצ־ליכסט.

אייער פריינד, ד״ר בירנבוים

ווערטער הער גאָרדין! [2]

איך באַדויער זייער, וואָס איך האָב ניט געלעגנהייט געהאַט צו טרעפן זיך מיט אייך פערזענלעך צוליב מיין אָפּרייזע. איך שיק אייך בריפליך מיינע בעסטע גרוסן.

אייער, ד״ר בירנבוים

[ניו־יאָרק, 1908]

[1] געמיינט די צוגרייטונגען צו דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ. זע: „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפע־רענץ״, ביבליאָטעק פון ייוואָ, ווילנע 1931, ז. 288.

[2] דאָס קאָרטל איז געשיקט געוואָרן דעם 29סטן אַפּריל, 1908, צען אַזייגער אינדערפרי, פון סטעיפּלטאָן, ניו־יאָרק, ערב בירנבוימס אָפּפאָר פון אַמעריקע, אויף דער שיף „קייזער ווילהעלם דער צווייטער״.

# פון אברהם רייזען

זייער געערטער הער יעקב גאָרדין!

זייט מיר מוחל, וואָס ערשט היינט מעלד איך אייך פון מיין קומען.[1]
איך האָב אַלץ געהאָפט צו טרעפן אייך אין ניו־יאָרק. ווי איך זע אָבער, איז דאָס ניט לייכט, וואָלט איך אייך געבעטן איר זאָלט אַזוי פריינדלעך זיין און שרייבן מיר ווו איך קען אייך פּאָרט זען אין ניו־יאָרק.

מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן וואָלט איך געפאָרן צו אייך אַהיים צו, בין איך אָבער אַזוי ניט געניט אין דעם מאַרשרוט, אַז איך וועל אַליין געוויס ניט טרעפן, און פירער האָב איך ניט ליב.

מיט גרוס און פאַרערונג,

אברהם רייזען

[1] דאָס קאַרטל, וואָס געפינט זיך אין גאָרדין־אַרכיוו פון ייוואָ, האָט רייזען געשריבן בעת זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, אין 1908. דאָס קאַרטל איז אָן אַ דאַטע און ניט אַדרעסירט, נאָר איז איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר גאָרדינען דורך רייזענען פּערזענלעך.

# באַמערקונגען

כדי צו שפּאָרן פּלאַץ, וועט דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" ווייטער אָנגעגעבן ווערן ווי ט. ל., און זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטע־ראַטור" ווי ל. ל.

1) ט. ל. I, זז. 275—367, „אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ" פון זלמן זילבערצווייג, ב"א, 1936.

2) ט. ל. II, זז. 1042—1045, „הינטערן פאָרהאַנג" פון זלמן זילבערצווייג, ווילנע, 1928.

3) ט. ל. I, זז. 13—28.

4) ל. ל. III, זז. 723—740.

5) ט. ל. II, זז. 964—990.

6) ט. ל. I, זז. 591—606.

7) ט. ל. I, זז. 463—466, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, צווייטער באַנד, זז. 156—159.

8) ט. ל. IV, זז. 3071—3105, „דער ווילנער", א"ר פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, 1941.

8,א) ט. ל. I, זז. 33—34.

9) ט. ל. II, ז. 1550.

10) ט. ל. IV, זז. 2544—2560.

11) ט. ל. I. זז. 172—173.

12) ט. ל. IV, זז. 2689—2803, „דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד", פון מ. אָשעראָוויטש, ניו יאָרק, 1930.

13) ט. ל. I, זז. 534—535.

14) ט. ל. II, זז. 1180—1208, „אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ" פון זלמן זילבערצווייג, ב"א, 1936.

15) „באַנטשע שווייג" אין י. ל. פּרצס ווערק.

16) ט. ל. II, זז. 1269—1273.

17) אויפגעפירט דעם 26סטן נאָוועמבער 1891 אין רומעניע אָפּערע הויז אויף אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר „דיא אַרבייטער צייטונג" אין רודאָלף מאַרקס „בינע־באַארבעטונג".

18) ט. ל. III, זז. 2077—2104.

19) ט. ל. II, זז. 1528—1535.

20) ט. ל. I, ז. 187.

21) ט. ל. II, זז. 1162—1168.

22) ט. ל. II, זז. 840—845, „מיין לעבענס געשיכטע", פון בעסי טהאָמאַ־שעווסקי, ...... איבערגעגעבען פון א. טענענהאָלץ, ניו יאָרק, 1916.

23) ט. ל. II, זז. 840—804, „מיין לעבענס־געשיכטע" פון באָריס טאָמאַשעווסקי, ניו יאָרק, 1937.
24) ט. ל. IV, זז. 2678—2668.
25) ט. ל. I, זז. 236, 261, „בראָדער זינגער" פון שלמה פריזאַמענט, ב"א, 1960.
26) ט. ל. IV, זז. 2587—2585.
27) ט. ל. IV, זז. 2593—2588.
28) ט. ל. I, זז. 680—679.
29) ט. ל. I, זז. 6—4.
30) ט. ל. I, ז. 268.
31) ט. ל. II, זז. 1224—1223.
32) ט. ל. II, זז. 1223—1222.
33) ט. ל. II, זז. 1127—1108.
34) ט. ל. I, זז. 783—782.
35) ט. ל. I, ז. 781.
36) ט. ל. I, זז. 774—772.
37) ט. ל. II, זז. 891—889.
38) זלמן זילבערצווייג, „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע 1928, זז. 139—118.
39) ט. ל. II, ז. 1316.
40) ט. ל. III, זז. 2368—2327.
41) אין סעזאָן 27—1926 איז אין „מעלוכישן יידישן טעאַטער אין אוקראַינע" אויפגעפירט געוואָרן איציק פעפערס און ג. פידלס „קוימענקערער" אונטערן אייג־פלוס פון גאָרדינס „כּאַסיע".
42) ט. ל. IV, זז. 2541—2533.
43) ט. ל. II, זז. 1319—1317.
44) ט. ל. I, זז. 118—117.
45) ט. ל. I, זז. 131—130.
46) ט. ל. II, זז. 1377—1375.
47) זלמן זילבערצווייג — „שעקספּיר אויף דער יידישער בינע און ליטעראַטור" אין „הונדערט יאָר יידיש טעאַטער", לאָנדאָן, 1962.
48) ט. ל. I, ז. 720.
49) ט. ל. I, ז. 382.
50) ט. ל. II, זז. 840—804.
51) ט. ל. I, זז. 208—207.
52) ט. ל. III, זז. 2407—2381, יוסף רומשינסקי — „קלאַנגען פון מיין לעבן", ניו יאָרק, 1944.
53) ט. ל. III, זז. 1806—1762.
54) ט. ל. זז. 2482—2474.
55) ט. ל. IV, זז. 3282—3269.
56) ט. ל. I, זז. 495—490.
57) ט. ל. IV, זז. 3044—2962.
58) ט. ל. I, זז. 13—11.
59) ט. ל. II, זז. 1388—1387.
60) ט. ל. IV, זז. 2955—2952.

61) ט. ל. II, זז. 914—916, בועז יאַנג — „מיין לעבן אין טעאַטער", ניו יאָרק, 1950.

62) קלמן מרמר — „יעקב גאָרדין", ניו יאָרק, 1953.

63) ט. ל. II, זז. 1084—1087, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַ־טור" ניו יאָרק, פינפטער באַנד, זז. 151—155.

64) ט. ל. IV, זז. 2459—2471.

65) ט. ל. II, זז. 1577—1579.

66) ט. ל. I, זז. 797—798.

67) ט. ל. I, זז. 613—628, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, דריטער באַנד, זז. 147—158.

68) ט. ל. I, זז. 723—725, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, דריטער באַנד, זז. 432—443.

69) ט. ל. IV, זז. 2425—2458.

70) ט. ל. I, זז. 113—114, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, ערשטער באַנד, זז. 195—196.

71) ט. ל. III, זז. 1879—1884.

72) ט. ל. II, זז. 1284—1286, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, פינפטער באַנד, זז. 547—553.

74) ט. ל. I, זז. 105—111, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, ערשטער באַנד, זז. 183—192.

75) ט. ל. I, זז. 168—169, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, ערשטער באַנד, זז. 306—309.

76) ט. ל. II, זז. 885—887, „אליהו טענענהאָלצס יובל־בוך", לאָס אַנדזשעלעס, 1955.

77) ט. ל. IV, זז. 3117—3119.

78) ט. ל. II, זז. 1369—1374.

79) ט. ל. I, זז. 115—116, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, ערשטער באַנד, זז. 205—206.

80) „פרייע יידישע פאָלקס בינע", זע „ט. ל.", דריטער באַנד ז. 1857, ז. 2164.

81) ט. ל. II, זז. 912—913, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", נוי יאָרק, פערטער באַנד, זז. 186—189.

82) י. טורקאָוו־גרודבערג — „די מאַמע אסתר רחל", וואַרשע 1953.

83) ט. ל. III, ז. 1842.

84) ט. ל. II, זז. 1274—1282.

85) ט. ל. II, זז. 858—860.

86) ט. ל. III, זז. 2193—2198.

87) ט. ל. I, ז. 391, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, צווייטער באַנד, זז. 118—120.

88) ט. ל. III, זז. 1898—2076.

89) ט. ל. II, זז. 1405—1408.

90) ט. ל. IV, זז. 2931—2942.

91) ט. ל. I, ז. 475.

92) ט. ל. IV, זז. 2634—2649.

93) ט. ל. II, זז. 1541—1542.

94) ט. ל. II, ז. 1294.
95) ט. ל. I, זז. 127—126.
96) ט. ל. III, זז. 2225—2219.
97) ט. ל. I, זז. 35—34.
98) ט. ל. III, זז. 2164—2156.
99) ט. ל. I, זז. 158—157.
100) ט. ל. I, 257.
101) ט. ל. I, זז. 126—125.
102) ט. ל. I, ז. 482.
103) ט. ל. II, זז. 1038—1026, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, פינפטער באַנד, ניו יאָרק, זז. 49—44.
104) ל. ל. דריטער באַנד, זז. 60—57.
105) ל. ל. צווייטער באַנד, זז. 904—902.
106) ט. ל. I, זז. 526—525.
107) ט. ל. I, ז. 477.
108) ט. ל. II, זז. 1041—1040.
109) ט. ל. II, ז. 896.
110) ט. ל. II זז. 952—951.
111) ט. ל. I ז. 469.
112) ט. ל. I, ז. 750.
113) ט. ל. II, זז. 752—751.
114) ט. ל. II, זז. 1432—1431, רשימה פערטער באַנד ט. ל.
114א) ט. ל. II, זז. 1368—1358.
115) ט. ל. IV, זז. 3651—3647.
116) ט. ל. I, זז. 166—164.
117) ט. ל. IV, זז. 2574—2567.
118) ט. ל. I, זז. 528—527.
118א) ט. ל. I, זז. 717—704.
120) ט. ל. I, ז. 580, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, ניו יאָרק, דריטער באַנד, זז. 38—31.
121) ט. ל. II, זז. 1393—1389.
122) ט. ל. IV, זז. 2632—2609.
123) ט. ל. IV, זז. 2661—2650.
124) ט. ל. IV, זז. 2924—2907.
125) ט. ל. III, זז. 2228—2225.
126) ט. ל. II, זז. 910—909.
127) ט. ל. I, זז. 756—753.
128) ט. ל. I, זז. 119—118, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, ניו יאָרק, ערשטער באַנד, זז. 212—211.
129) ט. ל. II, ז. 955, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, ניו יאָרק, פערטער באַנד, זז. 334—332.

# זוכצעטל


אבראַמאָוויטש, בינע 29 30 34
אברהם אבינו 91
אַדלער י. (ב. קאָוונער) 344
אַדלער יוליוס 71 220 277 281 307
אַדלער יעקב פ. 7—11 15—21 27 36 37 40 53 56 60—75 118 119 124—126 145 155—157 172 177 183 231 232 241 243 254 263—265 270—278 282 284 291—294 300 302 307 309 364 367 370 381 383 384 387 388 415 422 444
אַדלער סעראַ 15 36 37 59—63 72 243 270—276 282 302 307 310 311 316 336 367
אַדלער עמיליע 277 308
אַדלער צילע 159
אוען דזשאָן 371 374 379 380
אָזשעשקאָוואַ עליזאַ 126
איבסען הענריק 126 137 174 175 207 235 251 257 258 326 387
איינהאָרן ד״ר 428
אייסען א. ד״ר 298
אימבער נפתלי צבי 344
אינגערמאַן סערגעי ד״ר 150 381 459
אינסאָראַוואַ (רוסישע שוישפּילערין) 231
איסי פון גליל 91
אַלטמאַן, הערי (הערשל) 350
אַנסקי ש. 378
אַרנשטיין מאיר 352
אָסטראָווסקי אַלעקסאַנדער 130 131 189
אָפּאַטאָשו יוסף 364
אַריסטאָפאַנעס 400
אַש שלום 96 137 187 211 331 367 384 473
אשעראָוויטש מ. 127 129 204
באָגין מאָריס ר. 447
באַדער גרשם 143 144 326 343 344 362 442 457—476
באָוושאָווער יוסף 331
באַזעלינסקי נחום 54
באָטאָשאַנסקי יעקב 363
באַלאַבאַן 105 106
באַראַטאָוו פּאול ד״ר 278 281
באַראָנדעס יאָזעף 237
באַרסקי ד״ר 381
באַרסקי ישראל 54
בודין 174 175
בוזשינסקי 454
בוקאַנסקי מאַקס 400
ביאַליס ראָזעטאַ 277
בירנבוים נתן ד״ר 137 261 458 475
בלאַנק לעאָן 15 18 20 282 300 302 407 408 421
בלומענטאַל־טאַמאַרין 231
בן־ציון בענעדיקט 24 54
בן־ציון עמנואל 105
בעל־מחשבות 240 470
בעלזער אַלטער 183—185
בעלזער יידעלע 184
בעלזער ניסי 182—185
בעלזער רבי 335 354—361
בערנאַרד סעראַ 227
בערנשטיין בערל 59 460
בערנשטיין גר. אַדוו. 87 90 92 104
בערקאָוויטש י. ד. 35
בראָדסקי 91
בראָדערזינגער 25
בראַכפּאָגעל 172
בראַוויטש 400
בריינין ראובן 137 328 333 334

גאגאל 74
גאטי הערי 59
גאטליב לעאן 278
גאלדבערג מיכל 77 379
גאלדבערג משהלע 30
גאלדפאדען אברהם 7 23 25 37 39
41—53 64 70 186 191 201—204
286 331 424—425
גאלדשטיין לייזער 59 445
גארדאן הירש לייב ד״ר 207
גארדין אלעקסאנדער [סאשא] 133 228
404—407 415 417 446—449 455—
456
גארדין אננא 133 445 451—457
גארדין דזשאנעט 134
גארדין דזשארדזש 134 459
גארדין דזשעימס 133
גארדין העלען 134 459 460
גארדין וויערא 133 455 456 459
גארדין ליזי 133
גארדין לעא בענדזשאמין 134 456 459
גארדין מאיקעל [מיכאאיל] 133 459
גארדין סאמועל 133
גארדין סאפיא 133
גארין ב. 9 13 56 57 63 73 77 80 120
124 156 173 194 208 216 224 245
263 379 384 387 419 442 443
גארקי מאקסים 264
גודינסקא בעלא 421
גוטמאן יידל 307
גורעוויטש מרים 215 307
גורענקא 215
גידרינג 449
גילטמאן איזידאר 303
גימפעל יעקב בער 325
גימפעל עמיל 142 143 336 337 340 351
466 469 471
גינצבורג יונה 142 143 282 284 292
309 325 335 451 453 456
געביל מאקס 69 126 302 344
געטע וואלפגאנג 193—195
גערסטין בערטא 168
גערשאי משה 456
גראס דזשייקאב מ. 138
גראף פיטער 282 302 344 421
גראפער יוסף 340
גרילפארצער פראנץ 126 155 215 232
379
גרינבורג לייב 445
גרינבערג צעזאר 15
גרינבערג סעם 445

דאבראוואלסקא־שערמאן אננא 112
דאווידזאן מיכל 363
דאניעלי 331
דובנאוו שמעון פראפ. 287
דוזע עלעאנארא 228
דוד המלך 390
דימאוו אסיפ 35
דרייזער טעאדאר 421
דרעמינג 112

האלענדער לואיס 137 138
האלפערן יוליוס ד״ר 150 381 456 459
האלפערן משה לייב 344
הארקאווי אלעקסאנדער 174
הוגא וויקטאר 221
הויפטמאן גערהארדט 210—214 258 264
313
הורוויץ פראפ. 11 18 23 24 38 54
55 66 68—70 148 149 175 201 242
286 336 414.
היימאן לואיס 66
היינע היינריך 74
הימעלפארב 39—41 47 48
הירשביין פרץ 120 211 331 332 342
353
העבעל פרידריך 321 378

וואטענמאכער 454
וואלש בלענטש 228
וויינבלאט איזידאר ד״ר 30
וויינטרויב רבקה 421
ווייסמאן הערשל 307
ווייסמאן־יערמאלינא 307
ווילענסקי מערי 59 158 199
ווינטשעווסקי מאריס 104 123 126 137
141 179 223—225 378 389—391 401

428—432 468 474

זאַלאָטאַראָוו הלל ד״ר 237 268 381
זאַלאָטאַרעווסקי איזידאָר 353
זאַלקינסאָן יצחק 366
זאַנגוויל איזראַיל 181 282
זאַסלאַווסקאַ וויעראַ 307
זאַץ לודוויק 286 292 293 344
זודערמאַן הערמאַן 235 258
זייפערט משה 38
זילבערמאַן אסתר 36
זילבערמאַן משה 36
זינגער י. י. 301 302
זשיטלאָווסקי חיים ד״ר 328—330 456
זשעלאַזאָ לייזער 120 307

טאַבאַטשניקאָוו נעטי 263 303 421
טאַבאַטשניקאָוו [טאַביאַס], שמואל 59 72 158 263 279 303
טאָלסטאָי לעוו, גראַף 83 86 93 107 117 201 221 222 231 232 316 379 385
טאָמאַשעווסקי באָריס 21 30 33 60 67 69 120 124 125 130 131 155 156 179 181—185 270 282 307 309 381 383 387 388 419 420 425
טאָמאַשעווסקי בעסי 24—27 30—35 57 130 181 182 222 282 385 421
טאָמאַשעווסקי הערי 309
טאַרנבערג שמואל 158 164 199 226 227 303 466 467 470—473
טאַררעי טשאַרלז קאַטלער, פּראָפ. 207 208
טעניסאָן אַלפרעד, לאָרד 294 299
טענענהאָלץ אליהו 134
טענערעמאַ 117
טער יעקב 38
טרילינג מרים 307
טרענט פּראָפ. 449
טשעריקאָווער רבקה 443

יאַנאָווסקי ש. 146 151 368 386 428 462
יאַנג בועז 74 75 307
יאַקאָבי פּראָפ. 221 387
יהואש 137 295 331

יווילער קלמן 344 383
יל״ג 101
יצחק אלחנן רבי 90
ישו הנוצרי 97 292 398
ישעיהו הנביא 390

כהן צבי ד״ר 363

לאַטיינער יאָזעף 11 18 23 25 38 39 54 55 69 72 175 201 202 242 245 267 286 336 384 414 444 473
לאָנגפעלאָו 400
ל. ב. 115 116
ליבין ז. 286 353 401 444
ליבער מאַרק 331
ליבערט יעקב 307
ליבערמאַן אהרן 104
ליבערמאַן חיים 261
ליברעסקא יצחק 7
ליטאַן 77
ליליענבלום משה־לייב 85 93—96 102 108
לינדער ש. 462
ליניעצקי יצחק יואל 367
ליעוווער רבי ר׳ בערעניו 361—370
ליעסין אברהם 331 449
ליפּצין קעני 33 37 125 153—168 183 186 189 190 213 214 225 233 238 259 263 270 272 279 303 307 351 383 385 465
לעסינג 400
לערנער י. י. 24 299
לערנער מרים 299—301

מאָגולעסקאָ זעליג 15—21 72 73 190 192 259 277—280 327 408
מאָזענטאַל סאַלאָמאָן 379
מאָליער זש. ב. 400
מאָנטאָיאַ מאַריאַ טערעסאַ 169
מאָנע אַננאַ 30 59 263 303
מאָנע סאַלאָמאָן 30 59 263
מאַסליאַנסקי צבי 83 89
מאַפּו אברהם 86
מאַרגאָשעס יוסף 344

מאַרגאָשעס שמואל ד״ר 344
מאַרגענשטערן הערמאַן 344
מאַרקהעם עדווין 226 228
מאַרקיז קאַפּע 182
מאַרקס קאַרל 78 398
מאַרקס רודאָלף 23 54
מאַשקאָוויטש מאָריס 158 190 199 259
263 272 279 303 307 367 370 385
445
מוני פּאָול 72
מוקדוני א. ד״ר 130 240
מיטשעטער עילוי 207
מיטשעל לענגדאָן 229
מייזיל נחמן 230
מייזעל מאַקס ג. 459
מייטוסעס 111
מייערס 449
מיכײלאָוויטש 89 94 114
מילטאָן דזשאָן 366
מילך יעקב 39 46—50 442 450
מיללער לואי 39 46 48 50 51 194 195
234 236 237 248 268 314 372 386
454
מינץ מייקל 159 164 165
מירבאָ אָקטאַוו 180
מעטערלינג מאָריס 264
מעלצער־בריה אַננאַ 468
מענדעלע מוכר ספרים 54 103 311 331
מעסטל יעקב 142 229 309 324 325 344
443
מעסקאַ אַדאַם 54
מרמר קלמן 79—82 86 88 94 98 101
104 108 168 169 219 255 284 329
331 366 371—373 378—380 383 386
419 443
משה רבינו 390
משהלע 25

נאַדאָלסקאַ סאָניאַ 72 199
נאַדיר משה 344
נאַמבערג ה. ד. 213 331
נאַרדוי מאַקס ד״ר 84
נוצרי 91
נייטהען דזש. ב. 229
ניעדעלין (רוסישער שוישפּילער) 231
נירדזשאַנסקי מאַקס ד״ר 150
נעראָסלאַווסקאַ נאַדיאַ 307

סאָבסאָוויטש 259 447
סאליאַט 111
סטאַלעשניקאָוו 150
סטראַנסקי סיימאַן 226 228
סיימאַן מרס. 59
סמאָלענסקין פּרץ 50 367
סנה משה ד״ר 261
ספּיוואַקאָווסקי יעקב 24

עבעל קלמן־משה 466
עדלין וויליאַם 227
עדעלשטאַט דוד 331
עדעלשטיין פּאָולינאַ 15 72
עווריפּידעס 400
ענטין יואל 113—115 150 158 174—177
266 389 404 407 415 470
עסכילעס 400
עפּשטיין מערי 158

פּאָליאַקאָוו 106
פּאַנאַראָוו 150
פּאַקראַסאָוואַ אַננאַ 104
פּאָרטוגאַלאָוו ב. ד״ר 116
פּיינעראָוו 456
פּינסקי דוד 35 64 72 130 163 186 189
223 231 240 291 300 303 311 313
353 378 384
פּינקוס א. ג. 458
פּיעטרושקאַ שמחה ד״ר 287
פּערלמוטער 469
פּערלמוטער ראובן 172
פּערלמוטער שלום 66
פּראַגער רעגינע 383
פּרילוצקי נח 130 180 215 231 240 262
318 379
פּרילוקער יעקב 87—89 95—98 105—
108
פּרץ י. ל. 22 179 201 211 215 240 311
331 363 365 367 378 473
פּשיבישעווסקי סטאַניסלאַוו 278

פאַברעגאַס ווירדזשיניאַ 169
פאַרבער מאָריס 231
פאַרנבערג קאַרל ד״ר 450
פיינבערג ל. 287
פיינמאַן דיינע 15 158 199 263 292
פיינמאַן זיגמונד 15 20 73 263 309 449
466
פיינמאַן צילע 159
פיינערמאַן 117
פינקעל מאָריס 25—30 72
פישקינד א. 445
פעלאַן 77
פעלדשטיין 456
פעפער יעקב 343
פרוג ש. 201
פריד לאַזאַר 200
פרישמאַן דוד 153 154 201

צוקערבערג זיגמונד 344
צוקערבערג רעגינע 344
צייטלין אהרן 318
צייטלין מאַדאַם 455
צייטלינס רעסטאָראַן 182

קאַברין לעאָן 56 69 70 149 150 160
171—178 181 209 211 263 286 353
382 401 442—444
קאַהאַן אַב. 7 13 46 72 118 121—123
146 159 160 162 172 173 179 185
207 220 234 240—269 284 311 313—
316 331 362 368—380 387 401 424
426 445 446
קאַזאַקאָווא 111
קאַטליאַרעווסקי 435
קאַטלער חיים 138
קאַטץ משה 179 213 266
קאַליש בערטאַ 125 199 206 211—230
233 238 263 265 270 272 275 307
344 383 385 411—412
קאַמינסקאַ אידאַ 319
קאַמינסקאַ אסתר רחל 125 160 162
164—168 179—180 215 220 238 281
307 311 318
קאַמיסאַרזשעווסקאַ וויעראַ 400
קאָנסטאַנטינאָוויטש 150

קאַספער ד״ר 150 174 175 237
קאַפלאַן ד״ר 259 381 428
קאַצמאַן יעקב 445
קאַצענעלבאָגען 202
קאַרנבליט ז. 64 163
קאַרפ מאַקס 30
קאַרפ סאָפיע 30
קאַרפענטער פראָפ. 448
קאַרפענקאָקאַרי 346
קוסמאַן לעאָן 139
קין עדמאָנד 444
קינצער ברידער 111
קירשענבוים יאַנקעלע 344
קליינבוים משה ד״ר 261
קליעמענטיעוונאַ־פיינזילבער ראָזאַ 109
443
קעסלער דוד 7 10 15 19 20 27 70 124
125 155—158 172 181 183 190 198
199 201—209 227 259 263 265 270—
276 307 381 383—385 422 449 473
קעשיער איזידאָר 277 278 284
קראַנץ פיליפ 7 10 11 241
קראַפּאָווניצקי 346

ראַבאַשאַפּקאַ 95
ראַגאָף הלל 377
ראַווינאַ חנה 169
ראָזען נאַטהאַן 445
ראָזענבלאַט 308
ראָזענבערג בערטאַ 344
ראָזענבערג ישראל 45
ראָזענטאַל באָריס 421
ראָזענטאַל מאַקס 445
ראָזענפעלד מאָריס 23 168 331 333
ראָזענשטיין סעמיועל 368
ראָטשטיין עליאַס 72 282 412
רבי יהודה הנשיא 287
רובין גרשם 282
רובינשטיין אַנטאָן 184
רובינשטיין צבי הערש 344
רומשינסקי יוסף 61 65 144 291 427
רייזען אברהם 463 476
רייזען זלמן 443
ריינהאָלד 461

רייס גאַמביט 140
ריכטער משה 344 350 351 362 463 473
רינגס מאַקס 286
רמב"ם 91

שאַכט גוסטאַוו 270—276 303
שאַמער־שייקעוויטש נ. מ. 23 64 74
שאַסטאַק 451 454 459
שאַצקי יעקב ד"ר 109 115
שאַר אַנשל 291 292 344
שאַר משה 344
שוואַרץ 456
שוואַרץ מאַריס 44 67 193 199 271
293 342
שטאַרקמאַן משה 109 133 442 450 463
שטיין מ. ב. 363

שטיינבערג ש. 302
שילער פרידריך 390
שיפּמאַן סעמיועל 228
שלום־עליכם 137 201 211 272 311 331
שמעיה ואבטליון 90
שנייער סעם 227
שעהנגאָלד יאָזעף 302
שעלי 390
שעקספּיר וויליאַם 53—56 64 67 70 119
137 156 159 163 169 201 235 257
365 366
שערמאַן יאָזעף 309
שפּאַכנער לעאָפּאָלד 228 236 263 383
384 387 388 447
שפּיצער צבי 143 325
שראַגע מאַטילדע 303.

## גאָרדינס פּיעסן:

אויפן אָפּגרונד 264
אויף די בערג 303—306 373
איז ער שולדיק? 411 418
אַ טענה צווישן מאַן און פרוי 410
אַ טראַגעדיע דורך שפּאַס 413
אייגן בלוט 232
אלישע בן אבויה 287 290 300 430 457
458 465—469
אַמעריקע 387
אָן אַ היים 77 270 272 282 306 310—
319 369 373 374 384
גאָט, מענטש און טייוול 193—209 230
231 248 250 265 370 407 408 418
424
גאַלילעי 248
גלות גאַליציע 310 361—370 373 383
457 463

דאָס משוגעת אין אַמעריקע 387 388
דבורהלע מיוחסת 131 235 248
דודל משורר (אָדער, דאָס איבערגע־
ריסענע ליד) 179—185 470
די אמתע קראַפט 270—277 474
די ברידער לוריע 119 120 248

די דריי פּרינצן 248
די וואַוילטעטער פון דער איסטסייד 409
410
די וואַנזיניקע אַקטעריסע 411 412 418
די וואַרהייט (דער אמת) 250 261—264
449
די ווילדע פּרינצעסין (אָדער, מעדעאַס
יוגנט) 155
די יידישע געטאָ 181
די נקמה 126 248
די פּלישתים 264
די שבועה (אָדער, ראַניע די פּאַטש־
טאַרקע) 211—215 409
די שחיטה 77 186—192 224 225 230
235 259 408 409 418
די שטיפמאַמע 232
די שיינע מרים 286 466
דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ 381—388 419—
426 461 462 472
דער אומבאַקאַנטער 278 281 468
דער אָפּגעשטאַרבענער קינסטלער 412
דער גייסט פון דער געטאָ 409 410 418
דער ווילדער מענטש 71—73 244 245
248 341

דער ווילדער קעניג 126 248
דער יידישער גלח 248
דער יידישער קעניג ליר 53—67 153 156 157 247 311 327 336 409
דער מאָרד אין מעדיסאָן עוועניו 71
דער מטורף 142 278—285 309 341
דער ממזר 221
דער פאָלקס פיינט 126
דער פרעמדער 294—302
דער פאָגראָם אין רוסלאַנד 29—36 53 327
דער פרנס חודש 74 75 248
דער קריזיס 414 415
דער רב הכולל 74
דער רוסיש־אַמעריקאַנער פאַראיין מיט ברייטע אידעאַלן 409 410
דער רוסישער ייד אין אַמעריקע 121—124 245—247 252
דער שוואַרצער ייד 70 409
דער שפּאַנישער קעניג (אָדער, די יידישע טאָכטער) 383

זונען־אויפגאַנג 264
זי וויל ניט דעם שידוך 412

טהרת המשפחה 261 266—269 371 372
טיפּן גאַלערעע 221 409 418

יאָקל דער אָפּערן מאַכער 414

כאַסיע די יתומה 233—239 446 449 467 468

מאיר עזאָפּאָוויטש 126 248 291
מאַכט פון פינסטערניש 232
מאַנאַ וואַנאַ 264
מחמד און די יידן פון אַראַביע 91 120 248
מינאַ 171—178
מירעלע אפרת 153—170 179—181 186 208 230 231 247 248 311 370 409 424

מליץ יושר 37 38 47—52
מעדעאַ 126 155 248
משיחס צייטן 43—51 409

נאָראַ 126 248

סאַפאָ 210—222 230 235 250 265 409 424
סטעפּניאַק 126
סיביריאַ 12—22 53 147 241—244 247 327

עגל הזהב (אָדער, דער גאָלדענער גאָט, אָדער, דאָס גאָלדענע קאַלב) 126 235 248
ער און זי 411 418
עץ הדעת 231 232 378 379
ערגאַני 248

פאַלשע פּאַסטוכער 180
פאַרוואָס מענער ליבן 413 414
פאָרווערטס 126
פאַנטאַלע פאַלגע 22 121

צוויי וועלטן (אָדער, דער גרויסער סאָציאַליסט) 126 247

קאַפּיטאַל, ליבע און מאָרד 126 248
קאַפּיטאַן דרייפוס 415
קול שופר 126 248
קליינבירגער (מיעשטשאַניע) 264 446
קעניג און גאָט 281 282
קרייצער סאָנאַטאַ 221—230 250 265 301 424

ראָזאַ בערנד 264

שלמה חכם 172
שלמהקע שאַרלאַטאַן 125—131 155 248 409.

# אינהאַלט

זייט

די וועלט פון יעקב גאָרדין . . . . . . . . 7

יעקב גאָרדינס אַרטיקל וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער . . . 434

בריוו פון יעקב גאָרדין (אַריינפיר און באַמערקונגען פון משה שטאַרקמאַן) 442

בריוו פון גרשם באַדער, ד״ר נתן בירנבוים און אברהם רייזען צו יעקב גאָרדין
(מיט באַמערקונגען פון משה שטאַרקמאַן) 463

באַמערקונגען . . . . . . . . . . . . 477

צוכצעטל . . . . . . . . . . . . . 481